STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03295

DER GOYRL FUN MENTSH

Andre Malraux

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-03295-6

D:\YIDDISH\TITLES\9780657032951T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

אנדרע מאלרא

דער גורל פון מענטש

יידיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאל-ביבליאטעק

ווארשע 1935

דער קרבנווילִיקער, אײדעלער און טײַערער
ריוואַטשען פון פילעוו,
אַלס אויסדרוק פון באַוואונדערונג —
דידאַזיקע איבערזעצונג געווידמעט.

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.

~~1111941~~ yi555, c.1

דאָס ערשטע בוך

ע ר ש ט ע   ט י י ל

21 מערץ 1927

האַלב איינס ביינאַכט.

צי פרווון אויפהייבן די פאָרהאַנג? צי געבן דעם קלאַפּ דורך איר? פון אומרויקייט האָט אים געדרייט אין די געדערים. טשען איז געוועזן זיכער אין זיין געשיקטקייט, דאָך האָט אים דאָס נישט אַרויסגעבראַכט פון דער פאַרגליווערונג. ער איז געשטאַנען אַ פאַרכישופטער פון דער קופּע ווייסן מושלין, דער באַשיצונג פאַר די מאָסקיטן, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון סופיט אויפן שאָטנהאַפט-פאַרשוואומענעם קערפּער. פון אונטערן מושלין האָט אַפּערגעשטאַרט בלויז איין פוס, אַ פאַרבויגענער און דאָך לעבעדיקער גליד פון מענטשלעכן קערפּער. די איינציקע באַלייכטונג, וואָס איז געפאַלן פון שכנותדיקן בנין, איז געווען: אַ גרויסער עלעקטרישער פירעק, געקעסטלט דורכן פענסטער. איינס פון די קעסטלעך האָט אַרומגערעמט דאָס בעט האַרט אונטערן פיס, ווי אונטערצושטרייכן זיין גרייס און לעבעדיקייט. פלוצלונג — אַ געטומל פון פיר, פינף אויטאָ-סיגנאַלן מיטאַמאָל. ער איז אַנטדעקט? קעמפן, קעמפן מיט אַ שונא, וואָס פאַרטיידיקט זיך, מיט אַן אויפגעוואַכטן שונא — וואָס פאַר אַ דערלייכטערונג דאָס וואָלט געווען?

די כוואַליע פון געטומל איז אָפּגעפאַלן: דאָס האָט געמוזט זיין דאָרט אַ געדראַנג פון אויטאָס (עס זענען נאָך געווען געדראַבגען פון אויטאָס, דאָרט, אין דער וועלט פון די מענטשן...) ער איז צו זיך געקומען פאַר דער גרויסער, ווייכער קופּע מושלין אין ליכטיקן פירעק, דעם אומבאַוועגלעכן אין דער נאַכט, אין וועלכער דאָס פליסן פון דער צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט איבערגעחזרט אין זיך, אַז דערדאָזיקער מענטש מוז שטאַרבן. זינלאָזיקייט: ער האָט דאָך געוואוסט, אַז ער וועט אים דערהרגענען. צי וועט מען אים כאַפּן, צי נישט, אומברענגען, צי נישט אומברענגען — אַלץ איינס. קיין זאַך האָט אַצינד נישט עקזיסטירט חוץ דעמדאָזיקן פוס, חוץ דעמדאָזיקן מענטש. וועלכן מען דאַרף אַ קלאַפּ-געבן איידער ער וועט זיך אויפכאַפּן, — וואָרים קוים וועט ער זיך אויפכאַפּן — וועט ער שרייען.

טשען האָט מיט ציטערנדיקע אויגנלעדלעך, אַזש ביז ווייטיק-דיקער איבלקייט, אַנטדעקט אין זיך נישט קיין קעמפער, פאַר וועלכן ער האָט געוואָלט אָנגיין, נאָר אַ מענטש, וואָס איז גרייט צו ברענגען קרבנות. און נישט בלויז אין דינסט פון די געטער, וועלכע ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן. פון הינטער דעם צינז, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן דער רעוואָלוציע, האָט זיך אַרויסגע-הויבן אַזאַ שווינדלדיקער תהום, קעגן וועלכן די אין גרויל-פאַר-זונקענע נאַכט האָט אויסגעזען ליכטיק. „דערמאָרדן, דאָס איז מער, ווי דערהרגענען...” זיינע געשפּאַנטע הענט האָבן אַרויסגעשטופּט די קעשענעס, די רעכטע האָט צונויפגעדריקט אַ פאַרמאַכט ראַזיר-מעסער, די לינקע — אַ קורצן שטילעט. ער האָט נאָך טיפער אַ שטופּ-געטון די הענט אין די קעשענעס אַריין, ווי די נאַכט אַליין וואָלט ווייניק געווען צו פאַרבאָרגן זיינע באַוועגונגען. דאָס ראַ-זיר-מעסער איז אַ זיכערער געווער, דאָך האָט ער געפילט, אַז ער וועט עס קיינמאָל נישט באַנוצן; דער שטילעט האָט אַרויסגערופן ווייניקער עקל. ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס ראַזיר-מעסער, וואָס האָט מיטן רוקן זיך איינגעשניטן אין זיינע צונויפגעדריקטע פינגער; דער שטילעט האָט געשטעקט אין קעשענע אַ נאַקעטער, אָן דער שייד. ער האָט אים איבערגעלייגט אין דער רעכטער האַנט אַריין, די לינקע האָט זיך אַראָפּגערוקט איבערן וואָלענעם טריקאָט און פאַרגליווערט געבליבן. ער האָט אויפגעהויבן דעם רעכטן אָרעם און זיך געוואונדערט, וואָס די שטילקייט דויערט ווייטער, וואָס ער האָט מיט דער באַוועגונג גאָרנישט אַראָפּגעוואָרפן אויפן דיל.

קיין שום אָפּקלאַנג: בלויז צו אים אַליין האָט געהערט די פּריווילעגיע צו זיין טעטיק.

דערדאָזיקער פוס האָט געלעבט ווי אַ חיה אין שלאָף. צי איז דאָס אַ גליד פון אַ מענטשלעכן קערפּער? „צי פאַרליר איך נישט דעם זינען?" עס איז נייטיק געווען צו זען דעמדאָזיקן קערפּער. צו זען, זען אָט דעם קאָפּ; אַריבערשפּרייזן דעם ליכטיקן פירעק, אַרויפפירן דעם אייגענעם אַראָפּגעזעצטן שאָטן אויפן בעט. וואָס פאַר אַ קראַפט פון ווידערשטאַנד פאַרמאָגט דער מענטשלעכער קערפּער? טשען האָט קאָנוואולסיוו אַ שטאָך אַריין געגעבן דעם שטילעט אין זיין לינקן אָרעם. די ווייטיק (ער איז שוין נישט בכוח געווען צו געדענקען, אַז דאָס איז זיין אייגענער אָרעם), דער געדאַנק, אַז עס וואַרט אים אַ זיכערע שטראָף, אויב דער שלאָפנדיקער וועט זיך אויפכאַפּן, דאָס האָט אים געבראַכט פאַרלייכטערונג אויף אַ רגע: בעסער שוין שטראָף, אַבי נישט די אַטמאָספער פון משוגעת. ער האָט זיך דערנענטערט אויף אַ טריט. אָ, דאָס איז געווען דער זעלבער מענטש, וועלכן ער האָט געזען מיט צוויי שעה צוריק אַ גוט־באַלויכטענעם. דער פוס האָט שוין כמעט אָנגערירט טשענס הויזן. ער האָט זיך פּלוצלינג אַ באַוועגט און — ווי אַן איבערגעדרייטער שליסל — צוריק אָנגענומען די פריערדיקע פּאָזע. אפשר פילט דער מענטש אין שלאָף זיין אָנוועזנהייט, נאָר נישט אין אַזאַ שטאַרקער מאָס, אַז ער זאָל אויפוואַכן... טשען האָט אַ ציטער געטון: ווי אַ וואָרעם וואָלט געקראָכן איבער זיין לייב־ניין; דאָס איז אַ שטרייף בלוט גערונען איבער זיין אָרעם. און אַלץ דאָס זעלבע געפיל פון ים־קראַנקהייט.

איין באַוועגונג, און דער מענטש וועט שטאַרבן. דערהרגענען אים — דאָס איז גאָרנישט; אָנרירן אים — דאָס האָט אויסגעזען ווי אַן אוממעגלעכקייט. און דער קלאַפּ האָט געדאַרפט געגעבן ווערן פּרעציז. דער שלאָפנדיקער איז געלעגן אויפן רוקן, אינמיטן בעט, אויפן אייראָפּעישן שטייגער, אָנגעטון בלויז אין קורצינקע הייזלעך, נאָר צוליב זיין פעטלייביקייט האָבן זיך נישט אָנגעזען די

ריפּן. טשען האָט זיך געמוזט נעמען אַלס סימן די וואָרצלען פון
זיינע ברוסטן. ער האָט געוואוסט ווי שווער ס'איז אויסצומעסטן אַ
קלאַפּ פונדערהייך אַראָפּ. ער האָט כסדר געהאַלטן אויפגעהויבן דעם
שטילעט, נאָר די לינקע ברוסט האָט זיך געפינען מער דער-
ווייטערט: דורך דער פאָרהאַנג, דער באַשיצונג פאַר די מאָסקיטן,
האָט דער קלאַפּ געמוזט געגעבן ווערן מיט אַ געשפּאַנטן אָרעם,
האַלב-קיילעכיק, אין דער פאָרם פון אַ סערפּ. ער האָט אָנגעבויגן
דעם שטילעט: מיטן שפּיץ אין דער ברייט. אַ קלאַפּ געבן דעמדאָזיקן
אומבאַוועגלעכן קערפּער איז געווען אַזוי שווער, ווי פאַרוואונדן אַ
טויטן, אפשר — צוליב די זעלבע סיבות. ווי אַרויסגערופן דורכן
געדאַנק וועגן אַ טויטן, האָט זיך דערהערט אַ כאָרכלען. טשען
האָט אפילו נישט באַוויזן זיך אָפּצורוקן, זיינע הענט און פיס זע-
נען פאַרגליווערט געוואָרן. אָבער דאָס כאָרכלען האָט זיך איינגע-
שטילט: דער מענטש האָט נישט געכאָרכלט נאָר געשנאָרכט. ער
האָט ווידער אויפגעלעבט, גרייט אויפצונעמען דעם בלוטיקן קלאַפּ,
און טשען האָט זיך דערווייל דערפילט אַזוי, ווי עס וואָלט ווער אָנ-
געהויבן אָפּהוזקן פון אים. דער קערפּער האָט זיך לייכט אַ קער
געטון אויף דער רעכטער זייט. אַצינד וועט ער אויפוואַכן! מיט
אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ, ווי ער וואָלט דורכגעהאַקט אַ ברעט, האָט
טשען אים צוגענאָגלט צום בעט אין גערויש פון צעריסענעם מושלין,
אויסגעמישט מיטן טויבן אָפּקלאַנג פון קלאַפּ. עמפּינדלעך ביזן
שפּיץ פון שטילעט, האָט ער געפילט, ווי דער קערפּער איז אים
אַקעגנגעשפּרונגען, אָפּשלאָגנדיק זיך פון מעטאַלענעם מאַטראַץ.
מיט ווילדער רוגזה האָט ער אָנגעשפּאַנט דעם אָרעם, כדי צוצו-
האַלטן דעמדאָזיקן קערפּער: די פיס זענען מיט די קניען זיך צו-
נויפגעלאָפן אונטער דער ברוסט און פּלוצלינג זיך אויסגעשטרעקט.
מען האָט געדאַרפט איבערחזרן דעם קלאַפּ, אָבער ווי אַזוי ציט
מען אַרויס דעם שטילעט? דער קערפּער איז אַלץ נאָך געלעגן
אויף אַ זייט, אַ וואַקלהאַפטער, אויפגעטרייסלט פון קאָנוואולסיווע
ספּאַזמעס. דאָך האָט טשען געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער דריקט
אים האַרט צו צום בעט מיט דעמדאָזיקן קורצן שאַרפן געווער,

Free Public Library, Newark, N. J.

אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעלענט מיט זיין גאַנצער שווערקייט. ער האָט דייטלעך געזען דורך דער עפענונג אין מושלין, ווי יענער האָט אויפגעלענט די אויגן־הייטלעך — אפשר וועט ער אַצינד אויפוואַכן ? — די אויגן האָבן געהאַט אַ ווייסע קאָליר. אין דער לענג פון שטילעט האָט אָנגעהויבן רינען בלוט, וואָס האָט אויסגעזען שוואַרץ אין דער פאַלשער באַלייכטונג. דער קערפּער האָט זיך נאָך געוואַקלט, צי ער זאָל אַ פאַל טון אין דער רעכטער אָדער לינקער זייט אַריין, די שווערקייט האָט אים צוגעגעבן אַן אָנבליק פון לעבן. טשען האָט נישט געקאָנט אַרויסציען דעם שטילעט. דורכן געווער, זיין געשפּאַנטן אָרעם און אָנגעווייטיקטן אַקסל האָט כסדר וויברירט אַ גרוילהאַפטער שוידער צווישן קערפּער און אים, דערגרייכנדיק טיף אין טשענס ברוסט אַזש ביז צו זיין האַרץ, וואָס האָט קאָנוואולסיוו געקלאַפּט און איז געווען די איינציקע באַוועגונג אין אָפּגעשטאָרבענעם חלל פון צימער. ער איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער; דאָס בלוט, וואָס איז געפלאָסן פון זיין לינקן אָרעם האָט אים אויסגעזען ווי דאָס בלוט פון דעם מענטש, וואָס איז געלעגן פאַר אים; אָן וועלכן־ס׳איז נייעם אויסערלעכן סימן האָט ער דערפילט מיט דער פולער זיכערקייט, אַז דערדאָזיקער מענטש לעבט נישט מער. שווער אָטעמענדיק, האָט ער אים נאָך אַלץ צוגעהאַלטן אויף דער זייט אין אומבאַוועגלעכן און בלייכן ליכט, אין דעם איינזאַמען צימער, וואו קיין שום זאַך האָט נישט דערציילט וועגן קאַמף, אַפילו דאָס לאָך אין מושלין, וועלכעס האָט אויסגעזען ווי צעטיילט אויף צווייען; עס האָט געהערשט בלויז שטילקייט און אַ שטיקנדיקע שיכּרות, אין וועלכער ער איז פאַרזונקען געווען — אָפּגעטיילט פון דער לעבעדיקער מענטשן־וועלט, צוגעוואַקסן צו זיין געווער. די פינגער האָבן זיך אַלץ מער צונויפגעדריקט, אָבער די שפּאַנונג פון די מוסקולן און אָרעם איז שוואַכער געוואָרן און דער אָרעם האָט אָנגעהויבן ציטערן ווי אַ שטריק. דאָס איז געווען נישט קיין שרעק, נאָר אַ מוראדיקע און פייערלעכע פאַרוואונדערונג צוזאַמען, אַזעלכע ווי ער האָט נישט איבערגעלעבט פון זיין קינדהייט אָן: איינער

אַליין מיטן טויטן, אַן אָפּגעזונדערטער, אונטערן פּײַנלעכן איינ־דרוק פון גרויל און טעם פון בלוט.

עס איז אים געלונגען צו עפענען די האַנט. דער קערפּער האָט זיך אָנגעבויגן מיטן בויך צום געלעגער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן הענטל פון שטילעט. דער טונקעלער פלעק האָט אָנגעהויבן זיך פאַר־גרעסערן, אָנוואַקסנדיק ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, און האַרט לעבן אים, אויך אַזוי אָנוואַקסנדיק, האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן פון שפּי־ציקע אויערן.

די טיר איז געווען ווייט, דער באַלקאָן נענטער; נאָר דער שאָטן איז געפאַלן טאַקע פון באַלקאָן. טשען, כאָטש ער האָט נישט געגלייבט אין קיין גייסטער, איז געשטאַנען ווי אַ פּאַראַליזיטער, נישט געוואַגט אויסצודרייען דעם קאָפּ. פּלוצלינג האָט ער אַ צאַפּל גע־טון: אַ מיאַוקען. אַ האַלב־אויסגעניכטערטער, האָט ער געוואַגט זיך אומצוקוקן. דאָס איז אַ קאַץ, די וואויגערין פון רינשטאָקן, אַריינ־געקראָכן דורכן פענסטער מיט אירע שטילע נעגל, אָנשטעלנדיק אירע גרויסע אויגענעס אויף אים. טשען איז באַהערשט געוואָרן פון אַ ווילדן כעס, וואָס איז געוואַקסן אַלץ מער, וואָס מער דער שאָטן האָט זיך דערנענטערט, נישט אַזוי אויף דעם באַשעפעניש, ווי אויף דער געשעעניש גופא; קיין לעבעדיקער אָטעם האָט נישט געטאָרט אַריינקומען אין דעם אָפּגעזונדערטן ווינקל: עמעצנס אויגן וועלן זען דאָס מעסער אין זיין האַנט, אים פאַרווערן זיך אומצוקערן צווישן די מענטשן. ער האָט געעפנט דאָס ראַזיר־מעסער, געמאַכט אַ טריט פאָרויס: דאָס חיהלע איז אַנטלאָפן דורכן באַלקאָן. טשען האָט עס גענומען יאָגן און זיך פּלוצלינג געפינען אין אָנבליק פון שאַנכיי.

דורכגענומען מיט זיין אומרו, האָט די נאַכט געווירבלט, ווי אַ שוואַרצער קלומפּן רויך דורכגעזייעט מיט שטערן, נאָר וואָס מער זיין האַסטיקער אָטעם האָט זיך אומגעקערט צום נאָרמאַלן ריטם, אַלץ מער איז די צעמישונג אָפּגעטרעטן און די שטערן זענען צווישן די וואָלקן־בלייזן צוריק אַריינגעטרעטן אין זייערע נאַטירלעכע אָרביטן. עס האָט אַ ווייע־געטון אויף אים מיט פרישער לופט. אַ

סירענע האָט זיך צעשריגן און איר קול איז צעשוואומען אין קילן עפּיר. אונטער אים, דאָרט אונטן, האָבן די פֿייערן פֿון דער נאַכט דורכן געלן נעפּל זיך געשפּיגלט אין פֿייכטן אַספֿאַלט פֿון די גאַסן, אין בלייכן געפֿלעכט פֿון די רעלסן, עס האָבן פּולסירט מיט לעבן די מענטשן, וואָס דערהרגענען נישט. דאָרט האָבן געשטראָמט מיליאָנען באַשעפֿענישן, און אַלע האָבן אים אָפּגעשטויסן פֿון זיך. אָבער ווי נישטיק האָט אויסגעזען דערדאָזיקער אורטייל פֿון פֿאַרשטויסונג אַקעגן דעם טויט, וואָס האָט כּסדר זיך אומגעקערט, וואָס האָט דאַכט זיך, אין שטרייפֿן געריזלט איבער זיין לייב ווי יענעמס בלוט? דאָסדאָזיקע גאַנצע בילד האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ בילד פֿון לעבן, ווי אַ טייך, ווי אַ ים אַן אומגעזעענער אין דער ווייטנס — אַ ים... ער האָט געאָטעמט אַלץ טיפֿער, דאָס לעבן איז אים פֿאָרגעקומען ווי עפּעס אַן אומענדלעך טיפֿע דערקענטעניש, — און אויפֿגעטרייסלט ווי פֿריער, איז ער גרייט געווען אייסצוברעכן אין געוויין. „מען דאַרף אַנטלויפֿן”... ער איז צוגעוואַקסן געוואָרן צום אָרט, פֿאַרקוקט אין דער באַוועגונג פֿון די אויטאָס און דורכגייער, וואָס האָבן פֿאַרבייגעצויגן אונטער אים דורך די באַלויכטענע גאַסן, ווי עס קוקט אַ בלינדער, וואָס איז פּלוצלינג זעעוודיק געוואָרן, אָדער ווי עס עסט אַ שטאַרק אויסגעהונגערטער. גיריק, לעבנסדורשטיק, האָט ער געגאַרט זיך אויסצומישן צווישן דידאָזיקע קערפּערס. די סירענע האָט אַרומגענומען מיט איר קול דעם גאַנצן האָריזאָנט אַזש איבערן טייך: דער סיגנאַל פֿאַר דער נאַכט־רייע אין אַרסענאַל. זאָלן זיי אײַלן, די נאַרישע אַרבעטער, אויסצואַרבעטן געווער, כּדי צו דערהרגענען יענע, וואָס קעמפֿן פֿאַר זייער זאַך! צי איז דידאָזיקע אין ליכט פֿאַרטרונקענע שטאָט אויף אייביק פֿאַרמשפּט צו זיין אַ מיליטערישער דיקטאַטור־לאַגער, ווי אַ נאַרישע סטאַדע פֿאַר מאַסן־שחיטה אויף אייביק אַרויסגעגעבן די מאַכטהאָבער און האַנדלס־אַגענטורן פֿון מערב? דער איינער מערדערלעכער זשעסט זיינער איז אַזוי פֿיל ווערט ווי די אָנגעשטרענגטע אַרבעט פֿון די כינעזישע אַרסענאַלן: דער געפּלאַנטער אויפֿשטאַנד, וואָס דאַרף אַרויסגעבן שאַנכיי אין די הענט פֿון רעוואָלוציאָנערן

מיליטער, פאַרמאָגט נישט אַפילו קיין צווייהונדערט ביקסן. די ערשטע אויפגאַבע וועט זיין צו אַנטוואָפענען די פּאָליציי. ווען עס וואָלט געלונגען צו באַקומען די רעוואָלווערן (כמעט דרייהונדערט שטיק), וועלכע דערדאָזיקער פאַרמיטלער, וואָס איז דורך אים דערהרגעט געוואָרן, האָט פאָרגעלייגט דער רעגירונג, וואָלטן די אויפשטענדער פאַרטאָפּלט זייערע שאַנסן. די לעצטע צען מינוט האָט טשען וועגן דעם אַפילו קיין איין מאָל נישט אַ טראַכט־געטון.

ער האָט נאָך נישט גענומען דאָס פּאַפּיר, צוליב וועלכן ער האָט אויסגעפירט דעם מאָרד. ער האָט זיך אומגעקערט אין צימער אַריין מיט אַזאַ געפיל, ווי מען וואָלט אים אַריינגעפירט אין אַ תפיסה. דאָס אַנטון איז געלעגן לעבן בעט, אונטער דער מושלין־נעץ. ער האָט דורכגענישטערט די קעשענעס. אַ נאָזטיכל, פּאַפּיראָסן... קיין שפור פון אַ פּאָרטפעל. דאָס צימער האָט זיך לגמרי נישט געענדערט: די פאָרהאַנג פאַר די מאָסקיטן, די ווייסע ווענט, דער ליכטיקער פירעק; אַ מאָרד רופט נישט אַרויס קיין שום ענדערונג... ער האָט אַרונטערגערוקט אַ האַנט אונטערן קישן, צומאַכנדיק די אויגן. ער האָט אָנגעטאַפּט אַ פּאָרטפעל — נישט גרעסער פון אַ בייטעלע מיט קליינגעלט. בושה אָדער אומרו: די אומבאַדייטנדע שווערקייט פון קאָפּ איז געווען נאָך אומהיימלעכער דורכן קישן. ער האָט געעפנט די אויגן: קיין טראָפּן בלוט אויפן צוקאָפּנס, און דער מענטש האָט גאָרנישט אויסגעזען ווי קיין געשטאָרבענער. דאַרף מען אים אויפסניי דערהרגענען? איין בליק אויפן פאַרבלוטיקטן געלעגער האָט אויסגעניכטערט טשענען. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער ליכטיקייט, כדי צו זען, וואָס עס געפינט זיך אין פּאָרטפעל; די ליכטיקייט איז געפאַלן פון רעסטאָראַן, וואָס איז פול געווען מיט ביליאַרד־שפּילער. ער האָט געפונען דעם דאָקומענט, באַהאַלטן דעם פּאָרטפעל, האַלב לויפנדיק פאַרלאָזט דאָס צימער, צוויי מאָל איבערגעדרייט דעם שליסל, באַהאַלטן אים אין קעשענע אַריין. אין עק קאָרידאָר פון האָטעל — האָט ער שטאַרק איינגעהאַלטן דעם טריט — די ווינדע איז נישט געווען. אָנגעקלונגען? ער איז אַראָפּגעגאַנגען. אויפן אונטערשטן שטאָק, וואו עס

האָט זיך געפֿונען אַ דאַנסינג, אַ באַר און ביליאַרד־צימער, האָבן
עטלעכע מאַן געוואַרט אויף דער ווינדע. ער איז שטיין געבליבן
לעבן זיי. „די פּאָרטענצערין אין רויטן איז זייער רייצנד!”, האָט
אויף ענגליש זיך אָנגערופֿן צו אים, ווען זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען
אין דער ווינדע, אַ בירמאַנער אָדער סיאַמער פֿון בעסערן שניט.
טשען האָט אײַנצײַטיק חשק געהאַט צו דערלאַנגען אים אין פּיסק
אַרײַן, ער זאָל פֿאַרשטומט ווערן, און דערשטיקן אים דערפֿאַר,
וואָס ער לעבט. אָנשטאָט צו ענטפֿערן, האָט ער אַ ברום געטון.
יענער האָט אים גוט ווינטשנדיק אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע.
„ער מיינט, אַז ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף אַ נישט ניכטערן...”
אָבער זײַן שכן האָט ווידער געעפֿנט דאָס מויל. „איך קען נישט קיין
פֿרעמדע שפּראַכן”, האָט טשען געזאָגט אין פּעקינער דיאַלעקט.
יענער איז פֿאַרשוויגן געוואָרן און נײַגעריק באַטראַכט דעם יונגג־
מאַן אָן אַ קאָלנער, אָבער אין אַ טײַערן וואָלענעם טריקאָט. טשען
האָט געהאַט פֿאַר זיך אַ שפּיגל. דער מאָרד האָט נישט איבערגע־
לאָזט קיין שום שפּור אויף זײַן פּנים... זײַנע שטריכן גיכער מאָנ־
גאָלישע, ווי כינעזישע: די שאַרפֿע באַקנביינער, די שטאַרק פּלאַ־
טשיקע, אָבער שנאָבל־ענלעכע נאָז — האָבן אויסגעדריקט בלויז
פֿאַרמאַטערונג ; קיין גרימאַסע האָט נישט פֿאַרקרימט זײַנע דיקע
ליפּן און קיין שום משא האָט נישט געדריקט אויף זײַנע מאַסיווע
אַקסלען ; בלויז דער אָרעם האָט זיך געקלעבט צום אַרבל און איז
געווען הייס... די ווינדע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז אַרויסגע־
גאַנגען צוזאַמען מיט די אַנדערע.

אײנס אַ זייגער בײַנאַכט.

ער האָט געקויפֿט אַ פֿלעשל מינעראַל־וואַסער און צוגערופֿן
אַ פֿאַרמאַכטע טאַקסי ; ער האָט אָפּגעוואַשן דעם אָרעם, פֿאַר־
באַנדאַזשירט אים מיטן טיכל. די לער־געבליבענע רעלסן און בלאָ־
טע־קאַלוזשעס, די שפּורן פֿון נאָכמיטאָגדיקן רעגן האָבן בלייך גע־

פינקלט. אין די קאַלוזשעס האָט זיך געשפיגלט דער הימל. טשען האָט נישטווילנדיק אַ קוק-געטון אין דער הייך: אויף וויפיל איז ער נענטער געווען צו דעם הימל, ערשט פריער, ווען ער האָט דערזען די שטערן! ער האָט זיך דערווייטערט פון זיי וואָס מער ער האָט צוריק געוואונען זיין רויִקייט און זיך אומגעקערט צו די מענטשן... אין עק גאַס האָבן זיך געזען געפּאַנצערטע אויטאָס מיט לופעס פון קוילנוואַרפערס, כמעט אויך אַזעלכע גרויע, ווי די קאַ-לוזשעס, באַוועגלעכע באַגנעטן-שפּיצן, געטראָגן דורך שטומע שאָטנס: די וואַך, די גרעניץ פון דער פראַנצויזישער קאָנצעסיע; די טאַקסי איז נישט געפאָרן ווייטער. טשען האָט געוויזן אַ פאַלשן פּאַס פון אַ באַשעפטיקטן עלעקטראָטעכניקער אין דער קאָנצעסיע. דער באַאַמטער האָט גלייכגילטיק באַקוקט דאָס פּאַפּיר („דאָס, וואָס איך האָב געטון, קאָן מען בכלל נישט דערקענען") און דורכגעלאָזט טשענען. פאַר אים האָט, ווי אַ דורכשאָס, זיך געצויגן די גאַס פון צוויי רעפּובליקן, דער ראַנד פון דער כינעזישער שטאָט.

שטום און לער. פאַרשטאַרקט דורך די ווידערקלאַנגען פון דער גרעסטער כינעזישער שטאָט, האָבן די ברומענדיקע כוואַליעס, טראָגנדיק דעם מיליטערישן ליאַרעם, דאָס נערוועזע פּיבערן פון המון, וואָס האָט נישט געוואָלט גיין שלאָפן, זיך איינגעשטילט דאָ, ווי די אונטערערדישע גערוישן אין די טיפע ברונעמער. דאָ האָט געהערשט די נאַכט, מיט וועלכער טשען איז אינסטינקטיוו היימיש געוואָרן, ווי מיט אַן אומגעריכטער פריינטשאַפט: דידאָ-זיקע וועלט פון פינסטערניש איז נישט געווען קעגן מאָרד. די מענטשן-פרייע, די אייביקע וועלט. צי וועט דער טאָג אַמאָל זיך אומקערן אונטער דידאָזיקע פאַרשימלטע דעכער, אין די אָרימע געסלעך, וואו אַ לאַמטער האָט אין דער טיף באַלויכטן אַ מויער אָן פענסטער, אַ נעסט פון טעלעגראַפישע דראָטן? דאָ איז געווען די היים פון מאָרד, און טשען איז וואַרים פאַרזונקען אין איר. קיין שפּור פון לעבעדיקן אָטעם, קיין שום ווידערקלאַנג פון דער נאָענט, כאָטש אויסגעשריי פון אַ גאַסנהענדלער, כאָטש בילן פון אַ היימלאָזן הונט.

ענדלעך אַ פאַרוואָרפן קרעמל אין אַ ווינקל:

Lou-Jou-Shuen et Hemerlich, phonos. מען מוז זיך אומקערן צווישן די מענטשן... ער האָט צוגעוואַרט עטלעכע רגעס, כאָטש דאָס האָט אים גאָרנישט פאַרלייכטערט, און אָנגעקלאַפּט אין לאָדן. די טיר איז כמעט גלייך געעפנט געוואָרן: די קראָם, פול מיט רעגלמעסיק איינגעלייגטע גראַמאָפאָן־פּליטעס, האָט דערמאַנט אָן אַן אָרימער ביבליאָטעק; ווייטער — אַ גרויס, ליידיק ווינקל און פיר חברים אָן מאַרינאַרקעס.

ווען די טיר איז פאַרמאַכט געוואָרן, האָט דער לאָמפּ זיך אַ וויג־געטון. די פנימער זענען פאַרשוואומען געוואָרן און האָבן באַלד ווידער אויפגעשיינט; לינקס — דער קיילעכיקער לו־יו־שוען; הערמערליך, אַ מענטש מיט אייסגעבויגענע אַקסלען, נידעריק געשוירענעם קאָפּ פון אַ באָקסער, וואָס איז לאַנג שוין אַרויס פון רינג, און צעבראָכענער נאָז. פון פאָרנט, אין האַלב־טונקל, קאַטאָוו. רעכטס קיאָ גיסאָרס; אויסקומענדיק איבערן קאָפּ, האָט דער לאָמפּ דייטלעכער געמאַכט די ווינקלען פון זיין יאַפּאַניש מויל, וואָס זענען געווענדט געווען אַראָפּ; דערווייטערנדיק זיך, האָט ער געענדערט די שאַטירונג, און דעם געמישטנס פנים האָט אויסגעזען כמעט אייראָפּעיש. דער וואַקלהאַפטער איינדרוק איז קלענער געוואָרן: קיאָס ביידע פנימער האָבן זיך באַוויזן איינס נאָכן אַנדערן, וואָס אַמאָל ווייניקער געענדערט.

דורכגענומען ביזן אינגעווייד מיט דעם, ווען וואָס זיי האָבן געדאַרפט זיך פרעגן, האָבן זיי אידיאָטיש אָנגעשטעלט די אויגן אויף טשענען, נאָר קיינער האָט נישט געעפנט דאָס מויל; טשען האָט אַ קוק־געטון אויפן ראָד פון דער אויסגעגעסענער זון־רויז. ער האָט געקאָנט אינפאָרמירן דידאָזיקע מענטשן, נאָר איז נישט בכוח געווען צו רעדן. עס האָט אים פאַרפאָלגט דער זכרון: דער ווידערשטאַנד פון קערפּער לגבי דעם מעסער, וואָס איז געווען אַ סך שטאַרקער פאַרן ווידערשטאַנד פון זיין אָרעם; ווען נישט דער אומגעריכטער אַרויסגערופענער פאַרמעסט, וואָלט דאָס גע־

ווער נישט טיף אַרייננעדרונגען. „איך וואָלט מיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז דאָס איז אַזוי האַרט...״

— דורכגעפירט — האָט ער געזאָגט.

אין יענעם צימער, פאַרן פאַרבלוטיקטן קערפּער, אַרויסגעפירט פון אומבאַוואוסטזיין, האָט ער שוין געוואוסט אויף זיכער; ער האָט דעם טויט אָ נ ג ע ט אַ פּ ט.

ער האָט אַרויסגענומען דעם באַפעל פון אַרויסגעבן דאָס געווער. דער טעקסט איז געווען אַ לאַנגער. קיאָ האָט געלייענט:

— יאָ, אָבער...

אַלע האָבן געוואַרט. אין קיאָס פאַרהאַלטן זיך איז נישט געווען קיין שום אומגעדולדיקייט אָדער אויפרעגונג, בלויז דאָס פּנים איז אים אַ ביסל געקנייטשט געוואָרן, און דאָך האָבן אַלע געפילט, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אויף עפּעס באַאומרויִקנדיקס. ענדלעך האָט ער זיך באַהערשט:

— דאָס געווער איז נישט באַצאָלט. צ אָ ל ב אַ ר ב י י ם אָ פּ נ ע מ ע ן...

טשען האָט זיך דערפילט אַרומגעכאַפּט פון אַ ווילדן צאָרן, ווי ער וואָלט דערלויבט זיך צו באַגנבֿענען אויפן נאַרישסטן אופן. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז דאָס פּאַפּיר, וואָס ער האָט געזוכט, נאָר נישט קיין צייט געהאַט עס איבערצולייענען. איבעריקנס, ער וואָלט סיי ווי גאָרנישט געקאָנט ענדערן. ער האָט אַרויסגעצויגן דעם פּאָרטפעל פון קעשענע, אים דערלאַנגט דעם אַנדערן: פּאָטאָגראַפיעס, צעטלען, מער גאָרנישט.

— מען קאָן נעמען צו הילף עטלעכע צענדלינג פון דער קאַמפּס־גרופּע — האָט קיאָ געזאָגט.

— מען זאָל זיך נאָר אַרויפקריגן אויף דער דעק, — האָט קאַטאָוו געענטפערט — וואָלט אַלץ שוין געווען אין אָרדענונג.

שטילשווייגן. די קעגנוואַרט פון דידאָזיקע מענטשן האָט טשען אַרויסגעפירט פון זיין שרעקלעכער איינזאַמקייט, פּאַמעלעך, ווי מען ציט אַרויס אַ געוויקס פון דער ערד, וואָס זיצט נאָך אין איר מיט די שפּיצן פון זיינע פילבאַרסטע וואָרצלען. און איינצייטיק,

ווי ער איז צוגעוואוינט געוואָרן צו זיי, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי דערשיינען פאַר אים אויפסניי — ווי זיין שוועסטער, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל זיך אומגעקערט פון שאַנדהויז. עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ שפּאַנונג, ווי אין אַ קאָרטן־הויז פאַרטאָג.

— עס איז גלאַטיק דורכגעגאַנגען ? — האָט קאַטאָוו געפרעגט ; ער האָט ענדלעך אַוועקגעלייגט זיין גראַמאָפאָן־פּליטע און זיך אומגעקערט אין באַלויכטענעם שטח אַריין.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט טשען אַ קוק־געטון אויפן שטיפּערישן פּנים פון דעם פּיעררעָט — צעהעלטע אויגן און פאַרריסענע נאָז ; אַפילו דאָס ליכט פון לאָמפּ האָט אים נישט געקאָנט צוגעבן קיין דראַמאַטיש אויסזען ; און קאַטאָוו האָט דאָך געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס דער טויט. טשען האָט זיך אויפגעהויבן. ער איז געגאַנגען באַקוקן די גריל, וואָס איז געשלאָפן אין איר שטייגל ; זי האָט געשוויגן, מסתמא האָט זי געהאַט אירע סיבות דערצו. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די באַוועגונגען פון ליכט, און דאָס האָט אים באַפרייט פון טראַכטן : דאָס ציטערנדיקע קול פון די גריל, וואָס ער האָט אויפגעוועקט מיט זיין אָטעם, האָט האַרמאָניזירט מיט די לעצטע שאָטן־וויבּרירונגען אויף די פּנימער. עס האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דער העפטיקער איינדרוק פון האַרטן מענטשלעכן קערפּער, דער חשק שטאַרק אָנצושפּאַרן די האַנט אויף דער ערשטער, בעסטער זאַך, וואָס קומט אונטער. דאָס רעדן האָט געבּרענגט דעם איינציקן נוצן, וואָס עס האָט געשטערט דעם איינלעבן זיך מיטן טויט, וואָס האָט שוין געהאַט זיך איינגענעסטיקט אין האַרץ.

— וויפיל אַ זייגער ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון האָטעל ? — האָט קיאָ געפרעגט.

— מיט צוואָנציק מינוט צוריק.

קיאָ האָט אַ קוק־געטון אויפן זייגער : ס'איז געווען פערציק מינוט נאָך צוועלף.

— אַלזאָ, גוט. לאָמיר פאַרענדיקן און זיך אָפּטראָגן פון דאַנען.

— איך וואָלט מיך געוואָלט זען מיט דיין טאַטן, קיאָ.
— דו ווייסט, אַז ד אָ ס וועט מסתמא פּאָרקומען מאָרגן?
— איז נאָך בעסער.

אַלע האָבן געוואוסט, וואָס ד אָ ס באַטייט: דאָס אָנקומען פון רעוואָלוציאָנערן מיליטער צו די לעצטע באַן-סטאַציעס פון שאַנכיי, וואָס האָט געזאָלט באַשטימען דעם טערמין פון אויפשטאַנד.

„איז נאָך בעסער", האָט טשען איבערגעחזרט. ווי יעדעס שטאַרקע געפיל, האָט אויך די אויפטרייסלונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן מאָרד אָדער געפאַר, אַריבערגייענדיק, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ליידיקייט; טשען האָט זי צוריק געוועקט אין זיך.

— פונדעסטוועגן וואָלט איך מיך געוואָלט זען מיט אים.
— גיי נאָך צו אים ביינאַכט. מיין טאַטע שלאָפט קיינמאָל נישט איידער עס הייבט אָן טאָג צו ווערן.
— איך וועל גיין אַרום פיר אַ זייגער.

שטענדיק ווען ער האָט געזוכט פאַר עמעצן זיך צו פאַרטרויען, איז אים גיסאָרס פאָטער אינסטינקטיוו געקומען אויפן רעיון. וועגן דעם, אַז קיאָ פילט אים ווייטיקלעך מיט אין זיין לאַגע, האָט ער גוט געוואוסט, אָבער זיך גאָרנישט געקאָנט העלפן: קיאָ איז געווען אייגער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון אויפשטאַנד, דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט געהאַט צו אים דעם פולסטן צוטרוי; טשען דעסגלייכן; אָבער ער וועט שוין קיינמאָל נישט דערהרגענען, סיידן אין קאַמף. קאַטאָוו איז אים געווען נענטער. קאַטאָוו איז אין *1905* פאַרמשפּט געוועזן אויף פינף יאָר קאַטאָרגע דערפאַר, וואָס שטודירנדיק מעדיצין אין אָדעס, האָט ער געפּרווט אויפרייסן דאָס תפיסה-טויער. און דאָך...

דער רוס האָט געגעסן שאָקאָלאַדקעס, איינע נאָך דער אַנדערער, נישט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פון טשענען; און מיטאַמאָל האָט טשען פאַרשטאַנען וואָס עס איז אַזוינס נאַשעריי. אַצינד ווען ער האָט דערהרגעט, האָט ער געהאַט אַ רעכט צו אַלעם חשק צו האָבן. אַ רעכט. ווען דאָס זאָל אַפילו זיין אַ קינדעריש חשקות

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין קאַנטיקע האַנט. קאַטאָוו האָט געמיינט, אַז טשען גייט אַוועק און דידאָזיקע האַנט אַ דריק־געטון. טשען האָט זיך אויפגעהויבן. זאָל זיין אַזוי; ער האָט דאָ נישט געהאַט מער וואָס צו טון; קיאָ האָט באַקומען די נייטיקע ידיעות, זאָל ער זשע זיין טעטיק. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, און דאָך זיך אויסגעדרייט:

— גיב שאָקאָלאַדקעס.

קאַטאָוו האָט אים דערלאַנגט דאָס בייטעלע. טשען האָט געוואָלט שאָקאָלאַדקעס און נישט קיין פּאַפּיר. ער האָט איבערגעשיט, וויפיל ס'איז נאָר אַריין אין זיין האַנט, זיך אָנגעפּאַקט אַ פול מויל און אַרויסגעגאַנגען.

— עס דאַרף נישט קומען אַליין — האָט קאַטאָוו זיך אָנגערופן.

פון *1905* ביז *1912*, איידער ער האָט אין געהיים זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אין דער שווייץ; ער האָט געהאַט אַ גוטן פראַנצויזישן אַקצענט, נאָר פאַרשלונגען אַ געוויסע צאָל וואָקאַלן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּנעמען דערפון, וואָס רעדנדיק כינעזיש האָט ער זיי געמוזט אַרויסרעדן דייטלעך. אַציגד, כמעט אונטערן לאָמפּ, איז זיין פּנים נישט געווען באַלויכטן. קיאָ האָט זיך דאָס טאַקע געוואונטשן. דער נאַיִוו־איראָנישער אויסדרוק, וועלכן די קליינע אויגן, און דער עיקר די פאַרריסענע נאָז (די פויגלישע, ווי העמערליך האָט געזאָגט), האָבן צוגעגעבן דעם פּנים נאָך אַ שאַרפערן אויסזען, ווייל ער איז געווען אין היפּוך צו זיינע שטריכן.

— לאָמיר פאַרענדיקן, — האָט ער געזאָגט. — האָסט די פּליטן, לו?

לו־יו־שוען, העפלעך צעשמייכלט, גרייט אויף טויזנט צערעמאָניאַלע באַגריסונגען, האָט אַרויפגעזעצט די פּליטן, וואָס זענען פריער באַקוקט געוואָרן דורך קאַטאָוון, אויף צוויי גראַמאָפאָנען. מען האָט זיי געדאַרפט לאָזן אין באַוועגונג איינצייטיק.

— איינס, צוויי, דריי, — האָט קיאָ אָפּגעציילט.

דאָס פּייפן פֿון דער ערשטער פּליטע האָט פֿאַרטייבט די צווייטע. פּלוצלינג זיך איבערגעריסן — עס האָט זיך דערהערט: שיקן — און ווידער דאָס פּייפן. נאָך איין וואָרט: דרייסיק. ווידער אַ פּייפן. דערנאָך: מענטשן. אַ פּייפן.

— אויסגעצייכנט, — האָט קיאָ געזאָגט. ער האָט פֿאַרהאַלטן די פּליטן און געלאָזט אין באַוועגונג בלויז די ערשטע. אַ פּייפן, אַ פּויזע, ווידער אַ פּייפן. סטאָפּ. אויסגעצייכנט.

אויף דער צווייטער: די דריטע לעקציע. לויפן גיין קומען, אַוועקגיין, שיקן, דערהאַלטן. איין מענטש, צוויי מענטשן, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, אַכט, ניין, צען, צוואָנציק, דרייסיק, פופציק. איך האָב געזען צען לויפנדיקע מענטשן. דאָ געפינען זיך צוואָנציק פרויען. פערציק...

די פּליטן, וואָס זענען כּלומרשט באַשטימט געווען אויף צו לערנען פרעמדע שפּראַכן, זענען געווען אויסגעצייכנט; דער עטיקעט איז געווען נאָכגעמאַכט נישט צום דערקענען. קיאָ איז פֿונדעסטוועגן געווען אומרויִק:

— מיין קול האָט זיך נישט געפּאַסט צום אויפנעמען?

— אויסגעצייכנט זיך געפּאַסט.

לו האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, העמערליך האָט געהערט גלייכגילטיק. אַ שטאָק העכער האָט אַ קינד ווייטיקלעך זיך צעשריגן.

קיאָ האָט נישט פֿאַרשטאַנען:

— פֿאַרוואָס־זשע האָט איר געטוישט?

— מיר האָבן גאָרנישט געטוישט, — האָט לו געזאָגט. — דאָס איז דיין אייגן קול. זעלטן ווער דערקענט זיין קול, ווען ער הערט עס צום ערשטן מאָל.

— דער גראַמאָפאָן ענדערט עס?

— מסתמא נישט, יעדער דערקענט דאָך לייכט דאָס קול פֿון

אַנדערע. אָבער קיינער, ווי דו זעסט, איז נישט געוואויגט צו הערן זיין אייגן קול...

לו איז געווען דורכגעדרינגען מיט אמתער כינעזישער פרייט, וואָס ער האָט געקאָנט אויסטייטשן אַ קלוגן מענטש דאָס, וואָס יענער האָט נישט פאַרשטאַנען.

— דאָס זעלבע איז אין אונזער שפּראַך.

— איך פאַרשטיי. צי וועלן זיי זיכער קומען היינט בייּ נאַכט נאָך די פליטן ?

— די דאַמפּערס וועלן אָפּשווימען פאַרטאָג קיין האַן־קאו...

איין דאַמפּער האָט געדאַרפט מיטנעמען די פייפּנדיקע פליטן, אַ צווייטער — די מיטן טעקסט. די טעקסטן זענען געווען פראַנצויזישע אָדער ענגלישע, אָפּהענגיק דערפון, צי אין געגעבענעם קרייז איז געווען טעטיק אַ קאַטוילישע אָדער פּראָטעסטאַנטישע מיסיע. די רעוואָלוציאָנערן האָבן טיילמאָל באַנוצט אמתע פליטן פאַר שפּראַך־לערנונג, טיילמאָל געמאַכט אייגענע.

„מאָרגן", האָט קיאָ אַ טראַכט געטון. „וואָס וועט זיך נאָך אָפּטון ביז מאָרגן..." ער איז אויפגעשטאַנען.

— מען דאַרף נעמען פרייוויליקע צום אַרויסקריגן דאָס געווער. און עטלעכע איינאָפּעער, אויב אַזעלכע וועלן אונטערקומען.

העמערליך איז צוגעגאַנגען צו אים. דאָס קינד ערגעץ אינדערהייך האָט זיך ווידער צעשריגן.

— דו הערסט, ווי עס רייסט זיך ? דאָס איז דער ענטפער. געגנוג ? אַ סך קאָן מען אויפטון, ווען דאָס קינד זשיפּיעט דיר קוים און דאָס ווייב קרעכצט, דאָרט אינדערהייך, — מסתמא נישט אַזוי הויך, זי זאָל אונז שטערן...

דאָס קול, אָנגעזאַפּט מיט האַס, האָט זיך געפּאַסט צו דעם פּנים מיט דער צעבראָכענער נאָז און די טיף אין קאָפּ פאַרזונקענע אויגן, וואָס האָבן אין ווערטיקאַלן ליכט אויסגעזען, ווי צוויי שוואַרצע פלעקן.

— איטלעכער האָט זיין אַרבעט, — האָט קיאָ געענטפערט. — די פליטן זענען אויך אומבאַדינגט נייטיק... קאַטאָוו און איך וועלן

יעגנ שוין דערליידיקן. לאָמיר גיין אָפּזוכן מענטשן (מיר וועלן גע־וואויר ווערן אויפֿן וועג, צי מיר וועלן מאָרגן אַרויסטרעטן, צי נישט), און איך...

— מען קאָן נאָך באַמערקן דעם טויטן אין האָטעל, פֿאַר־שטייסט? — האָט קאַטאָוו געזאָגט.

— מען וועט אים נישט באַמערקן, איידער עס וועט טאָג ווערן. טשען האָט אים פֿאַרשלאָסן. דאָרט קומען נישט פֿאָר קיין אָבלאַוועס.

— אפשר האָט דער פֿאַרמיטלער באַשטימט עמעצן אַ זעאונג?

— אין דידאָזיקע שעהן? עס לאָזט זיך נישט גלייבן. אויב עס וועט עפּעס פֿאָרקומען, איז דאָס וויכטיקסטע איבערצורוקן דעם דאַמפּער: ווײַבאַלד זיי וועלן אים פּרוּוון אָפּצוזוכן, וועלן זיי צום ווינציקסטן פֿאַרלירן דריי שעה. ער שטייט אין סאַמע עק פֿון פּאָרט.

— וואוהין ווילסטו איבעררוקן דעמדאָזיקן דאַמפּער?

— אינמיטן פּאָרט אַריין. פֿאַרשטייט זיך, אַז נישט נאָענט פֿון ברעג. עס שטייען דאָרט אַ הונדערט זעגל־שיפֿן. זיי וועלן פֿאַרלירן צום ווייניקסטנס דריי שעה. צום ווייניקסטנס.

— דער קאַפּיטאַן וועט אָנהייבן עפּעס חושד צו זיין...

קאַטאָווס פּנים האָט כמעט קיינמאָל נישט אויסגעדריקט זיי־נע געפֿילן, תמיד נאָר אַן איראָנישע פֿריילעכקייט. בלויז זיין קויל האָט אַצינד אויסגעדריקט אומרויִקייט.

— איך קען אַ ספּעציאַליסט פֿון אַזעלכע זאַכן, — האָט קיאָ געזאָגט. — צו אים וועט דער קאַפּיטאַן האָבן צוטרוי. מיר האָבן נישט קיין איבעריק געלט, אָבער מיר וועלן קאָנען באַצאָלן פֿאַר אַזאַ פֿאַרמיטלונג... איך רעכן, אַז וועגן דעם וועלן נישט זיין קיין צוויי מיינונגען: מיר וועלן זיך אַרויפֿקריגן מיט דעם פּאַפּירל אויף דער דעק; וואָס דערנאָך וועט זיין, וועלן מיר זעען.

קאַטאָוו האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס וואָלט שוין געווען אָפּגעטון. ער האָט אָנגעטון זיין בלוי־

זע, — דעם קאָלנער האָט ער קיינמאָל נישט פאַרשפּיליעט; דערלאַנגט דעם צווייטן דאָס ספּאָרט־רעקל, וואָס איז געלעגן אויף דער שטול; ביידע האָבן שטאַרק געדריקט העמערליכס האַנט; אַן אויסדרוק פון רחמנות וואָלט אים געווען נאָך מער דערנידעריקט, זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

זיי האָבן גלייך פאַרלאָזט דעם שטח פון דער קאָנצעסיע, אַריינגעגאַנגען אין כינעזישן קוואַרטאַל.

די לעצטע שטערן האָבן בלייך אַרויסגעלויכטן פון די טיפע גריבער צווישן די ענג־צונויפגעקנוילטע און נידעריק־אַראָפּהענגענדיקע וואָלקנס. די כאַאָטישע באַוועגונגען פון דידאָזיקע וואָלקנס, טיילמאָל דראָבנע, טיילמאָל אומגעהייער גרויסע, האָט באַלעבט די פינסטערניש, ווי ריזיקע שאָטנס וואָלטן זיך אָנגעטראָגן איבער דער שטאָט, כדי טיפער צו מאַכן די נאַכט. קאַטאָוו און קיאָ האָבן געהאַט אויף די פיס ספּאָרט־שיך מיט טוכענע זוילן און געהערט זייערע טריט בלויז דעמאָלט, ווען זיי האָבן אַריינגעטרעטן אין אַ בלאָטע; פון דער קאָנצעסיע־זייט האָט — דער שונא — דער בליאַסק אַרומגעזוימט די דעכער. דורך די ווינקלען און בלינדע געסלעך, טרויעריק באַלויכטענע מיט די עלעקטרישע לעמפּלעך, האָט זיך געטראָגן דער ווינט, אָנגעזאַפּט מיט ווייטן וואָיען פון אַ סירענע, מיטגעברענגט דעם האַלב־איינגעשטילטן ליאַרעם פון דער שטאָט, אין וועלכער עס האָט געהערשט קריגסצושטאַנד, און די פייפערייען פון די מאָטאָר־שיפלעך, וואָס האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די שיפן; פונאַנדערגעוואָרפענע שטיקלעך מויער, פאַרמפּשט אויף אייביקער מיאוסקייט, זענען אַרויסגעטרעטן פון פינסטערן חלל, אַנטבלויזנדיק זייערע שעמעוודיקע פלעקן אין ליכט, וואָס האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרבאָרגן. אין דידאָזיקע מויערן האָבן געהאַט זייער נעסט אַ האַלבער מיליאָן מענטשן: וועבער־אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט פון זייער קינדהייט אָן צו זעכצן שעה אין מעת־לעת, מענטשן באַדעקטע מיט מכות, געשלאָגענע מיט סקאָליאָז, געפּייניקטע פון הונגער. דאָס גלאָז פון די עלעקטרישע לאַמטערן איז פאַרהויכט געוואָרן און אין עטלע-

כע מינוט אַרום האָט אַ פלייצנדיקער כינעזישער רעגן איינגענומען די שטאָט.

„אַ גוטער קוואַרטאַל”, האָט קיָאָ אַ טראַכט געטון. זינט ער האָט צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד, לויפנדיק פון איין קאָמיטעט אין צווייטן, און דאָס האָט געדויערט איבער אַ חודש, האָט ער אויפגעהערט צו זען די גאַסן: ער האָט שוין נישט געשפּאַנט איבער דער בלאָטע, נאָר געגאַנגען מיט אַ פּלאַן. דער אָפּפאַל פון טאָגטעגלעכן לעבן פון די טויזנטע באַגעגנטע ברואים איז פאַרשוואונדן פון זיין וועג, פאַרשטעלט דורך אַן אַנדערן לעבנס-סדר. אויב די קאָנצעסיע, די רייכע קוואַרטאַלן, וואָס זענען געהיטן געוואָרן אויף די ראָגן דורך אייזערנע באַגנעטן, געוואַשענע אין רעגן, זענען אַריינגעדרונגען אין זיין באַוואוסטזיין, איז דאָס געווען נאָר ווי דראָונג און שטערונג, אין דער פאָרם פון דער לאַנגער תּפיסה-מויער אָן פענסטער; דערפאַר אָבער האָבן די שרעקלעך פאַרנאַכלעסיקטע קוואַרטאַלן, וואו די שטורם-אָפּטיילונגען זענען געווען די צאָלרייכסטע, געאָטעמט מיט וואַכזאַמער גרייטקייט פון די מאַסן. אין ראָג פון אַ געסל האָט זיין בליק אומגעריכט זיך פאַרלוירן אין אַ שטאַרק-באַלויכטענער ברייטער גאַס; קיָאָ האָט זי דערזען אויפן פאָן פון רעגן אין קווער-שניט, ווייל אין דער ריכטונג וועלן שיסן די ביקסן און קוילנוואַרפערס, קעגן וועלכע מ׳וועט דאַרפן אַרויסטרעטן. נאָכן דערשטיקן די פעברואַר-אומרוען האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פאַרטיי אים אָנפאַרטרויט די פאַרייניקונג פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות. אין איטלעכן פון דידאָזיקע אָפּגעלעגענע געסלעך, וואו דער פראָפיל פון די הייזער איז פאַרשוואונדן אונטערן שלייער פון רעגן, זענען פאַרטאָפּלט געוואָרן די קאַדרן פון די קעמפער. קיָאָ האָט געפאָדערט צו העכערן זייער צאָל פון *2000* אויף *5000*, די מיליטער-אָנפירונג האָט דאָס דערגרייכט אין משך פון איין חודש. זיי האָבן בלויז נישט געהאַט אפילו קיין צוויי הונדערט ביקסן. (און עס זענען געווען נאָך דרייהונדערט רעוואָלווערן אונטער דער דעק פון שען-טענג, וואָס איז גע-

שלאָפן מיט איין אויג אינמיטן פליעסקענדיקן טייך). קיאָ האָט אָרגאַניזירט הונדערט צווייאונניינציק שטורעם-גרופּעס צו פינפאונצוואָנציק מאַן אין יעדער גרופּע, און איטלעכע פון זיי האָט געהאַט איר אָנפירער; באַוואָפנט זענען געווען בלויז די אָנפירער. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן גאַראַזש, וואו עס זענען געשטאַנען אויטאָבוסן, איבערגעמאַכטע פון אַלטע וואָגנס. אַלע גאַראַזשן זענען געווען „נאָטירט". די מיליטערישע אָנפירונג האָט אויסגעטיילט פון זיך אַ שטאַב, די פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג האָט אויסגעקליבן אַ צענטראַל-קאָמיטעט; פון ערשטן סיגנאַל אָן פון אויפשטאַנד האָט מען געדאַרפט האַלטן דידאָזיקע מאַכט-פאַקטאָרן אין קאָנטאַקט מיט די שטורעם-גרופּעס. קיאָ האָט געשאַפן אַ פאַרבינדונג-אָפּטיילונג פון הונדערט צוואָנציק ציקליסטן; נאָכן ערשטן שאָס האָבן אַכט גרופּעס געדאַרפט פאַרנעמען די גאַראַזשן, פאַרכאַפּן די אויטאָבוסן. די אָנפירערס פון דידאָזיקע גרופּעס האָבן שוין באַזוכט די גאַראַזשן, עס וועלן נישט זיין קיין טעותים. איטלעכער פון די איבעריקע אָנפירערס האָט זיך באַקענט אין משך פון צען טעג מיט דעם קוואַרטאַל, אין וועלכן אים וועט אויסקומען צו קעמפן. וויפיל געסט זענען נאָך היינט אַריינגעגאַנגען אין די הויפּט-לאָקאַלן זיך פרעגן אויף אַ פריינט, וועלכן עס האָט דאָרט קיינער נישט געקענט, פלוידערן אַ ביסל, מכבד זיין מיט טיי, און פאַרשוואונדן? וויפיל אַרבעטער האָבן, נישט קוקנדיק אויפן רעגן, פאַראַכטן די דעכער? עס איז אויסגעפאָרשט געוואָרן יעדעס שטיקל גאַס, וואָס האָט געקאָנט האָבן די מינדסטע באַדייטונג אין קאַמף; עס זענען באַצייכנט געוואָרן מיט רויטן בלייַשטיפט די בעסטע שטורעם-פּאָזיציעס אויף די מאַפּעס. אַלץ, וואָס קיאָ האָט געוואוסט וועגן אונטערערדישן לעבן פון דער רעוואָלוציע, האָט צוגעגעבן קראַפט דעם, וואָס ער האָט נישט געוואוסט; ווי אַ פאָכען פון פונאַנדערגעשפּרייטע פליגל, אַן אומגעהייערער פאַרמעסט, וואָס איז אים איבערגעוואַקסן, האָט זיך געטראָגן פון טשאַפּעי און פּאָטונג, דער מיט פאַבריקן און נויט-פאַרפאַקטער פאָרשטאָט, כדי אויפצוטרייסלען די גרויסע שטאָט-

צענטערס, דער אומגעזעענער המון האָט באַלעבט געמאַכט די נאַכט פון לעצטן משפּט.

— מאָרגן ? — האָט קיאָ געפרעגט.

קאַטאָוו האָט זיך אַ וואַקל־געטון, פאַרהאַלטן זיינע גרויסע, צעוויגטע הענט. ניין, די פראַגע איז נישט געווענדט געווען צו אים. צו קיינעם.

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק. דער פלייץ־רעגן איז ביס־לעכווייז שוואַכער געוואָרן; ער איז נאָך געפאַלן, אָבער שוין נישט געפּויקט איבער די דעכער און די שוואַרצע גאַס איז פול געווען מיטן אָפּגעריסענעם גערויש פון די רעגן־שטראָמען. די מוסקולן אויף זייערע פּנימער זענען שלאַבעריק געוואָרן. קיאָ האָט זיך ענדלעך קלאָר געמאַכט דעם אויסבליק פון דערדאָזיקער גאַס, — דער לאַנגער, שוואַרצער, גלייכגילטיקער — אָבער מאַר אים איז דאָס גיכער געווען אַ צייטווייליק אומקערן זיך צו זיער פאַרגאַנגענ־הייט, אַזוי שטאַרק האָט אים פאַרכאַפּט דער געדאַנקען־שוואונג.

— ווי מיינסטו, וואוהין איז טשען געגאַנגען ? ער האָט גע־זאָגט, אַז ער וועט גיין צו מיין פאָטער ערשט אַרום פיר אַ זייגער. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן ?

אין זיין קול האָט זיך געהערט אַן אומצוטרוילעכע פאַר־וואונדערונג.

— כ׳ווייס נישט... אפשר אין אַ שאַנד־הויז אַריין... קיין בראָנפן טרינקט ער נישט...

זיי זענען צוגעקומען צו אַ געוועלב; ש י אַ , אַ ל אָ מ פּ ן ־ ג ע ש ע פ ט . די לאָדנס זענען, ווי אומעטום, געווען פאַרמאַכט. די טיר האָט זיך געעפנט. פאַר זיי איז געשטאַנען אַ קליינער, מיאוסער כינע־זער; דער אייל־לאָמפּ הינטער די פּלייצעס האָט פאַרשפּרייט אַן אָרעאָל איבער זיין קאָפּ; די קלענסטע באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַ רע־פלעקסן־שפּיל אויף זיין נאָז, וואָס איז באַזייעט געווען מיט פרישטשעס. דאָס גלאָז פון די בלישטשענדיקע לעמפּלעך האָט אָפּגעשפּיגלט די פלעמלעך פון די צוויי ברענענדיקע לאַמטערלעך אויפן בופעט. אין דער אומבאַלויכטענער טיפקייט פון געוועלב האָט געפינקלט.

— וואָס הערט זיך נייעס, — האָט קיאָ געפרעגט.

שיאַ האָט חשיבותדיק אַ רייב־געטון די הענט. זיך אויסגעדרייט אָן אַ וואָרט, אויף עטלעכע טריט זיך דערווייטערט, אַ זוך געטון אין עפּעס אַ באַהעלטעניש. אַ ראַץ געטון מיט אַ נאָגל איבער אַ בלעך, אַז קאַטאָוון זענען אַזש די ציין איילים געוואָרן; אָבער ער איז שוין געווען צוריק, שוין זיך פאַראָכטן די שעלקעס רעכטס און לינקס... ער האָט איבערגעלייענט דאָס געבּרענגטע פּאַפּיר, אָנבייגנדיק זיך איבערן לאָמפּ, דער קאָפּ באַלויכטן פון אונטן. דאָס איז געווען אַ ראַפּאָרט פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיטגעאַרבעט מיט די באַן־אַרבעטער. פון נאַנקין איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַרשטאַרקונג צו פאַרטיידיקן שאַנכיי פון די רעוואָלוציאָנערן; די באַן־אַרבעטער האָבן פּראָקלאַמירט אַ שטרייק; די ווייסגוואַרדייער און דאָס מלוכה־מיליטער האָבן געניית די גענומענע אין געפאַנגעשאַפט צו פירן דעם צוג אונטער דראָונג פון טויט.

— איינער פון די געפאַנגענע האָט אַראָפּגעפירט פון די רעלסן דעם צוג, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט, — האָט דער כינעזער געלייענט. — ער איז דערהרגעט געוואָרן. דריי אַנדערע מיליטער־צוגן זענען נעכטן אַראָפּ פון די רעלסן, ווייל די שינעס זענען געווען אויפגעריסן.

— אויסברייטערן דעם סאַבאָטאַזש און אָנגעבן אין די זעלבע ראַפּאָרטן דעם אופן פון פאַריכטן אין קורצסטן טערמין, — האָט קיאָ געזאָגט.

— די ווייסגוואַרדייער דערשיסן פאַר יעדן סאַבאָטאַזש־אַקט...

— דער קאָמיטעט ווייסט פון דעם. מיר וועלן אויך דערשיסן. נאָך איין זאַך: צי איז נישטאָ קיין אַמוניציע־צוג?

— ניין.

— צי איז באַוואוסט, ווען אונזערע וועלן זיין אין טשענגטשעו?*)

*) די לעצט סטאַציע פאַר שאַנכיי.

— איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין שום ידיעה פון נאָך האַלבער נאַכט אָן. דער דעלעגאַט פון סינדיקאַט איז אין דער מיינונג, אַז נאָך ביינאַכט אָדער אין דער פרי...

— אַלזאָ איז דער אָנהייב מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. מיר דאַרפן צוּוואַרטן אויף ידיעות פון צענטראַל־קאָמיטעט. קיאָ איז געווען דורשטיק. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען.

נישט ווייט פונדאַנען האָבן זיי געדאַרפט זיך פונאַנדערגיין. ווידער האָט די סירענע פון אַ שיף דרייפאַכיק זיך צעשריגן, דערנאָך איינמאָל — אויסגעצויגן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז איר וואָיען בליט זיך פונאַנדער אין דער פייכטער נאַכט: ענדלעך איז עס אָפּגעהאַקט געוואָרן ווי אַ ראַקעט. „זיי הייבן אָן זיך באַוּמרוּיִקן אויפן שען־טענג”? דאָס איז אַן אַבסורד. דער קאַפּיטאַן ריכט זיך אויף די קליענטן ערשט אויף אַכט אַ זייגער. זיי זענען ווייטער געגאַנגען אין זייער וועג, אָבער עס האָט זיי געהאַלטן געפאַנגען די פאַראַנקערטע שיף אין די גרינלעכע, קאַלטע וואַסערן מיט די רעוואָלווערן אין די קאַסטנס. דער רעגן האָט אויפגעהערט.

— מען זאָל נאָר געפינען דאָס מענטשל, — האָט קיאָ געזאָגט. — אַלנפאַלס וואָלט איך געווען רויִקער, ווען מען וואָלט דעם שען־טענג איבערגעאַנקערט.

דאָ האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט; זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט אויף שפּעטער און פונאַנדערגעגאַנגען. קאַטאָוו איז געגאַנגען ווערבירן פרייוויליקע.

ענדלעך איז קיאָ שטיין געבליבן פאַרן אייזערנעם טויער פון דער קאָנצעסיע. צוויי אַנאַמיטישע פּוסגייער און אַ סערזשאַנט פון דער קאָלאָניאַל־וואַך האָבן קאָנטראָלירט זיינע פּאַפּירן: ער האָט געהאַט אַ פראַנצויזישן פּאַס. עפּעס אַ כינעזישער פּאַרקויפער האָט אַרויסגעלייגט זיינע פּוטער־קיכלעך, כדי אָפּצוּציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די וואַך־לייט. („נישט קיין שלעכט מיטל אָפּצוּסמען די וואַך”, האָט קיאָ אַ קלער געטון). דער סערזשאַנט האָט אים צוריקגעגעבן דעם פּאַס. ער האָט באַלד געפונען אַ טאַקסי און דער־

לאַנגט דעם שאָפער דעם אַדרעס Black catu.

דער אויטאָ האָט פאַרביישוועבנדיק געמיטן עטלעכע פאַטראָלן פון אייראָפּעיִשע פרייוויליקע. „עס וואַכן דאָ אָפּטיילונגען פון נאַכט-פעלקער”, האָבן די צייטונגען געשריבן. דאָס איז נישט אַריינגעגאַנגען אין חשבון. דער קאָמינטאַנג האָט נישט בדעה געהאַט צו אַטאַקירן די קאָנצעסיעס. פוסטע בולוואַרן, שאָטנס פון פאַרקויפער, אָנגעהאָנגענע סחורה, וואָס שווערט אַראָפּ די אַקסלען...
דער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ גערטל, איבער וועלכן עס האָט זיך געזען אַ שילד, אויפגעשריבן מיט עלעקטריש פייער Black catu. פאַרבייגייענדיק די גאַרדעראָבע, האָט קיאָ אַ קוק געטון אויפן זייגער: עס איז געווען צוויי אַ זייגער. „צום גליק איז דאָ די קליידונג נישט פאַרפליכטנדיק”. אונטערן האַריקן, טונקלגרויען רעקל איז ער געווען אָנגעטון אין אַ פולאָווער.

דער דזשאַזבאַנד האָט געאַרבעט מיט די לעצטע נערוון. שוין פינף שעה האָט ער אונטערגעהאַלטן נישט קיין פאַרווײַלונג, נאָר אַ ווילד שיכּרות, וועלכן עס האָבן זיך מיט היץ אָפּגעגעבן אַלע פּאָרן. מיטאַמאָל איז ער אָפּגעהאַקט געוואָרן, און דאָס געזעמל האָט געפּלאַצט: אין דער טיף — די געסט, ביי זייערע זייטן — די פּאַך-דאַנסערקעס. כינעזערינס אין זייערע נעטע קליידלעך פון געבלימטן זייד, רוסינס און מולאַטינס; צו קופּאָן פּאַר אַ טאַנץ אָדער פּשוטן שמועס. אינמיטן זאַל האָט זיך געשאַרט אַן אַלטיטשקער מיט אַ פּנים פון אַן אָנגעשריגענעם באַאַמטן, געפּאָכעט מיט אַן אָרעם, ווי אַ קאַנאַריק מיט אַ פליגל. אויפן פופציקסטן לעבנס-יאָר האָט ער פאַרבראַכט די ערשטע נאַכט אויסערן הויז און, אין פאַנישער שרעק פאַרן ווייב, נישט געהאַט קיין מוט זיך אומצוקערן אַהיים. שוין אַכט חדשים זיצט ער דורך די נעכט אין די דאַנסינגס, וואַשט זיך נישט, און טוישט די וועש הינטערן פאַראַוואַן אין די כינעזישע קאָנפעקציע-קראָמען. סוחרים ערב זייער רוין, טענצערינס און גאַסן-מיידלעך, מענטשן, איבער וועלכע עס איז געהאָנגען עפּעס אַ דראָונג, — כמעט אַלע — האָבן זיך געריסן מיט די אויגן צו אָט דעם פרייילעכן ווינקעלע, ווי נאָר דאָס פאַר-

בּרענגען דאָ וואָלט זיי נאָך געקאָנט דערהאַלטן אויפֿן ראַנד פֿון תּהום. זיי וועלן פֿאַרמאַטערטע זיך לייגן שלאָפֿן מיטן טאָג צוגלייך, — ווען דער תּליון וועט אָנהייבן זיין שפּאַציר איבערן כינעזישן קוואַרטאַל. אין דער שעה האָבן אין די שוואַרצע קעסטלעך זיך נאָך געפֿינען די אָפּגעהאַקטע קעפּ מיט די נאַסע האָר פֿון רעגן.

— יאַשטשערקעס, טייערע פֿריינדין, יאַשטשערקעס!

דאָס לצישע קול, ווי אויסגעבאָרגט בּיי אַ פֿאָלישינעל האָט זיך דערטראָגן פֿון הינטער אַ קאָלומנע אַפּער. דאָס נאָזיקע, אָבער האַרבע, איינציקע מענטשלעכע קול אין דעם געקלאַנג פֿון גלאָז איבערן קאָפּ פֿון אָנגעשריגענעם באַאַמטן, האָט אויסגעצייכנט האַרמאָנירט מיט דער שטימונג אין זאַל. דער מענטש, וועלכן קיאָ האָט געזוכט, האָט זיך געפֿונען אויף זיין געוויינטלעכן וואַך־פּאָסטן.

ער האָט אַרומגעקריַזלט די קאָלומנע און אים דערזען אין מיטן עולם אין דער טיף פֿון זאַל, דאָרט, וואו עס זענען אויסגעשטעלט געווען אין עטלעכע רייען טישלעך, נישט פֿאַרנומענע דורך די טענצערינס. איבערן געפּלאָנטער פֿון אַקסלען און נאַקנס, אַרויסגעהויבענע פֿון זיידענע שטאָפֿן, האָט דער פֿאָלישינעל, אַ דאַרער, אָן אַ האָרב, אָבער טריי זיין שטימע, געוויילט אין אַ לצישן שמועס צוויי פֿרויען, וואָס זענען געזעסן בּיי זיין טישל, אַ רוסין און מולאַטין פֿון די פֿיליפּינען. ער האָט גערעדט שטייענדיקערהייט, מיט די אָרעמס בּיי די זייטן, אָבער שטאַרק זשעסטיקולירנדיק און אונטערווינקענדיק מיט אַלע מוסקולן פֿון זיין פּנים, וואָס איז געווען אַרומגענומען — אין סטיל פֿון פּיראַט קוטערנאָגאַ — מיט אַ שוואַרצער זיידענער לאַטע, וואָס האָט פֿאַרשטעלט זיין רעכט אויג. עלעגאַנט געקליידט, — ער איז דעם אָוונט געווען אָנגעטון אין אַ סמאָקינג — האָט דער באַראָן דע קלאַפּיק אויסגעזען ווי נישט אין זיין הויט. קיאָ האָט באַשלאָסן אים נישט באַלד צו פֿאַרטשעפּען, צוצוואַרטן, בּיז ער וועט זיך אָנהייבן גרייטן אַרויסצוגיין.

— אַוודאי, טייערע פֿריינדין, אַוודאי! טשאַן־קיי־שעק וועט אַריינקומען דאָ מיט זיינע רעוואָלוציאָנערן און אויסרופֿן — אין

קלאַסישן סטיל, טאַקע אין קלאַסישן, זאָג איך אייך! — ווי געוויינטלעך ווען ער פאַרנעמט עפּעס אַ שטאָט: טוט מיר איבער דידאָזיקע סוחרים פאַר יאַשטשערקעס און די מיליטער־לייט פאַר לעמפּערטן. (עס וועט גענוג זיין, מען זאָל זיי אַוועקזעצן אויף פריש־געפאַרבטע בענק!) ענלעך צו די לעצטע הערשער פון דער דינאַסטיע לעגאַנג, לאָמיר זיך אַריינזעצן אין די קייזערלעכע זעגל־שיפלעך און באַטראַכטן דידאָזיקע טרייע אונטערטאַנען, וואָס זענען איבערגעטון געוואָרן פאַר אונזער פאַרגעניגן וועגן אין די, פאַסיקע פאַר זייער שטאַנד, בלויע, רויטע, געלע קאָלירן. קיין וואָרט נישט, טייערע פריינדין, קיין וואָרט נישט, זאָג איך אייך!

פאַרטרוילעך:

— די איינציקע מוזיק וועט דערלויבט זיין — אַן אָרקעסטער פון כינעזישע קאַפּעלושן.

— און איר, וואָס וועט איר טון?

יעמערלעך, טרערנדיק:

— וואָס הייסט, טייערע פריינדין, איר זענט זיך נישט משער? איך וועל זיין דער הויף־אַסטראָלאָג, איך וועל שטאַרבן אין אַ געוויסן אָוונט אַ שיכּורער, כאַפּנדיק די לבנה אין סטאַוו — אפשר נאָך היינטיקן אָוונט?

באַלערנד:

— ... ווי דער פּאָעט טו־פו, וואָס זיינע ווערק פאַרכּישופן אייך — קיין וואָרט נישט, איך בין איבערצייגט אין דעם! — פאַרכּישופן אייך אָן ספק אין די מינוטן, ווען איר זענט פריי פון באַשעפטיקונג. נאָך עפּעס...

דאָס וואָיען פון דער סירענע אויפן מיליטערישן דאַמפּער האָט זיך אַריינגעריסן אין זאַל. גלייך האָבן ליידנשאַפטלעך געענטפערט אויף דעם די צימבלען און דאָס טאַנצן האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי. דער באַראָן האָט זיך אַוועקגעזעצט. קיאָ האָט זיך דורכגעשאַרט צווישן די טישלעך און טאַנצנדיקע פּאָרן, פאַרנומען אַ פריי טישל נישט ווייט פון באַראָן. דער אָרקעסטער האָט פאַר־

טייבט אַלע איבעריקע קלאַנגען; אָבער ער איז אַצינד געזעסן נאָענט פון באַראָן און געקאָנט הערן יעדעס וואָרט זיינס. קלאַפּיק האָט אַרומגעכאַפּט די פיליפינקע, און גערעדט גלייך אין פנים אַריין צו דער רוסין:

— ... דאָס גאַנצע אומגליק, טייערע פריינדין, באַשטייט אין דעם, וואָס די וועלט פאַרמאָגט שוין נישט קיין פאַנטאַזיע. פון צייט־צו־צייט...

מיט אַ דראָענדיקן פינגער:

— ... דערהאַלט די פרוי פון עפּעס אַן אייראָפּעיִשן געזאַנדטן אַ פּאָסט־פּאַקעט פון איר מאַן, זי עפנט אים — קיין וואָרט נישט...

מיטן פינגער אויף די ליפּן:

— ... דאָס איז דער קאָפּ פון איר געליבטן. וועגן אַזאַ געשעעניש רעדט מען דריי יאָר!

אין אַ וויינענדיקן טאָן:

— דאָס רופט אַרויס רחמנות, טייערע פריינדין, רופט אַרויס רחמנות! כ׳בעט אַ קוק צו טון אויף מיר. איר זעט מיין קאָפּ? אָט צו וואָס עס דערפירט אַ מענטש נאָך צוואָנציק יאָר די צאַפּ־געווירשנטע פאַנטאַזיע פון זיינע זיידעס. דאָס דערמאַנט אָן סיפיליס. — קיין וואָרט נישט!

פול מיט אויטאָריטעט:

— גאָרטאַן! שאַמפּאַנער פאַר דידאָזיקע פרויען, און פאַר מיר...

און ווידער פאַרטרויליך:

— ... אַ קליין גלעזל מאַרטיני

שטרענג:

— אַ שטאַרקס!

(אין ערגסטן פאַל אפילו, אויב עס גייט אין דער פּאָליציי, האָב איך נאָך אַ שעה צייט, האָט קיאָ געטראַכט. פונדעסטוועגן צי וועט עס נאָך לאַנג געדויערן?)

די פיליפינערין האָט געלאַכט אָדער זיך געמאַכט לאַכן. די רוסין, זוכנדיק אַ זין אין זיין רעדן, האָט זיך איינגעהערט מיט די

אויגן, מיט איר גאַנץ אָפּגעצערט פּנים. קלאַפּיק האָט כּסדר זשעסטיקולירט, געדראָט מיטן ווייז-פינגער, אומבויגזאַם אין זיין אויטאָריטעט, עקשנותדיק אין זיין פאָדערן צוטרוי. קיִאָ האָט זיך נישט אונטערגעהערט; ער איז שלעפעריק געוואָרן פון דער היץ — און אין דער דאָזיקער פוילער פאַרמאַטערטקייט זיך דערמאַנט אָן אַ זאַך, וואָס האָט די נאַכט אויף אַ ווײַלע פאַרנומען זיין רעיון: אָן דער גראַמאָפאָן-פּליטע, זיין קול, וואָס ער האָט נישט דערקענט ביי העמערליכן. דאָס קול האָט אים באַאומרויִקט, ווי דער אָנבליק פון זיינע אייגענע מאַנדלען, וואָס זענען אין זיין קינדהייט אויסגעשניטן געוואָרן דורך אַ כירורג. ער האָט פונדעסטוועגן דעם געדאַנק זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן.

— ... און אָט — האָט דער באַראָן געפּלאַפּלט צו דער רוסין, מרוגענדיק מיט זיין געזונט אויג — האָט ער געהאַט אַ שלאָס אין צפון-אונגאַרן.

— זענט איר אַן אונגאַר?

— ניין, לגמרי נישט. איך בין אַ פראַנצויז. (איבעריקנס, לאַך איך פון דעם, טייערע פריינדין!) מיין מאַמע איז געווען אַן אונגאַרין. האָט מיין זיידע זיך געוואוינט אין דעם שלאָס, אין די גרויסע זאַלן — זייער גרויסע, אין די קעלערס האָבן גערוט זיינע געשטאָרבענע פריינט, און אַרום זענען געשטאַנען נאָדל-ביימער; אַ שלל פון נאָדל-ביימער. אָרימער אלמן. ער האָט געוואוינט איינזאַם מיט זיין גיגאַנטישן יעגער-האָרן, וועלכן ער האָט פאַרוואָרפן. ערגעץ אויפן קאַמין. פאָרט דורך אַ צירק. מיט אַ דראָטן-גייערין. אַ הערלעכע...

מאַגיסטעריאַל:

— אַז מען שמועסט: אַ הערלעכע.

ווידער מרוגענדיק:

— ... ער פאַרכאַפּט זי — אָן באַזונדערער אָנשטרענגונג. פירט זי אַוועק אין זיינע גרויסע צימערן אַריין...

פאָדערנדיק אויפמערקזאַמקייט, מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט:

— קיין וואָרט נישט !... דאָרט פֿאַרגייען אירע טעג. איינ־אַרטיק. זי לאַנגווייליקט זיך. צו אויך, מיין קליינע, — האָט ער אַ קנופּ געטון דער פּיליפּינערין — אָבער געדולד... פֿון דער צייט אָן האָט ער מער נישט געמאַכט קיין אַוואַנטורעס ; אַ האַלבן טאָג האָט אים פֿאַרנומען דער פֿריזירער, גערייניקט אים די נעגל פֿון די הענט און פֿיס (ער האָט געהאַט אַן אייגענעם פֿריזירער), און דערווייל האָט זיין סעקרעטאַר, אַ דערהויבענער פֿון נידעריקן שטאַנד, אים געלייענט אויפֿן קול — איינמאָל און נאָכאַמאָל — די געשיכטע פֿון זיין אָפּשטאַם. אַן אויסגעצייכנטע באַשעפֿטיקונג, טייערע פֿריינדין, אַ לעבן, ווי אין גן־עדן ! דערביי — איז ער סרוב געווען שיכּור. — זי...

— האָט זיך פֿאַרליבט אין סעקרעטאַר ? — האָט די רוסין געפֿרעגט.

— ווי פּרעכטיק די קליינע איז, ווי הערלעך ! טייערע פֿריינדין, איר זענט הערלעך. אַ וואונדערבאַרע דורכדרינגלעכקייט.

ער האָט איר אַ קוש געטון אין דער האַנט.

— ... נאָר זי איז געשלאָפֿן מיטן פּעדיקוזשיסט, ווייל זי האָט נישט געקאָנט אָפּשאַצן, ווי איר, דעם ווערט פֿון גייסט. גע־וואויר ווערנדיק דאָס, האָט מיין אָרימער זיידע זי אָנגעהויבן צו עקלען. קיין וואָרט נישט, עס איז געשען : זיי זענען זיך ביידע אַוועקגעגאַנגען.

„... אַזאַ באַעוולטער, לויפֿט מיין זיידע אַרום ווי אַ חסור־דעה איבער די גרויסע זאַלן (אין די קעלערס רוען נאָך אַלץ זיינע געשטאָרבענע פֿריינט), ער זעט, אַז ער האָט זיך געלאָזט אָנפּייפֿן פֿון די צוויי אומדאַנקבאַרע, וואָס האָבן אַצינד זיך געבריט אין דער הויפּט־שטאָט אין אַ קרעטשמע אַ לאַ גאָגאָל מיט אַן אויסגעשטשער־בעטן עמער אין קיך און בריטשקעס אין שטאַל. ער נעמט אַראָפּ זיין גיגאַנטישן האָרן, עס געלונגט אים נישט אַ בלאָז צו טון מיט אים, שיקט ער זיין עקאָנאָם קלינגען אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. (ער האָט נאָך געהאַט צו שאַפֿן איבער די פּויערן, אַ קלייניקייט, אין

יענע צייטן). ער צעטיילט געווער: פינף ביקסן, צוויי פיסטאָלעטן טייערע פריינדין, געווער איז געווען נאָך צופיל!

„... ווערט אַלזאָ אין שלאָס לײדיק, און איך בעט זיך פאָרצושטעלן די גרוי־הויזנדיקע, זיך פאָרצושטעלן, זאָג איך, ווי זיי מאַרשירן באַוואָפנט מיט די פלאָרעטן, ביקסן, שפין־רעדלעך, און ווער ווייסט מיט וואָס נאָך? שווערדן און יעגער־מעסער. און פאָרויס מיין זיידע, ער פירט זיי צו דער הויפט־שטאָט. די נקמה יאָגט נאָך דאָס פאַרברעכן. די זאַך ווערט באַקאַנט. דער סאָלטיס ברענגט זשאַנדאַרן. וואָס פאַר אַ בילד! הערלעך.

— און וואָס איז ווייטער געווען?

— גאָרנישט. מען האָט זיי צוגענומען דאָס געווער. נישט געקוקט דערויף איז מיין זיידע געפאָרן אין שטאָט אַריין, אָבער דאָס פאַרברעכערישע פאָרל איז שוין אַנטרינען פון דער קרעטשמע אַ לאַ גאָגאָל אין אַ פאַרשטויבטע בריטשקע. ער האָט זיך געטרייסט נאָך דער דראָטן־גייערין מיט אַ פויערטע, צוגענומען אַ נייעם פעדיקווזשיסט און זיך אָנגעשיכורט מיטן סעקרעטאַר. פון צייט־צו־צייט האָט ער געאַרבעט איבער זיין צוואה...

— ווען ער האָט איבערגעלאָזט דאָס געלט?

— נישט אין דעם גייט עס, טייערע פריינדין, און ווען ער איז געשטאָרבן...

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן:

— ... ס'איז דערפילט געוואָרן אַלץ, וואָס דער זייער חשובער שיכור האָט אויסגעטרוימט, בשעת ער האָט זיך געהייסן קראַצן די פיענטעס און פאָרלייענען די כראָניקעס! זיין ווילן איז אויסגעפירט געוואָרן: מען האָט אים צו קבורה געברענגט אין קלויסטערל, אין אַ גרויסער נישע, אַ רייטנדיקן אויף זיין דערהרגעט פערד, ווי אַטילען...

דאָס געקלאַפעריי פון דזשאַזבאַנד איז איינגעשטילט געוואָרן. קלאַפיק האָט ווייטער דערציילט, אָבער שוין נישט אין טאָן פון אַ לץ. די שטילקייט האָט אים נישט געשטימט צו בלאַזנעריי.

— ווען אַטילאַ איז געשטאָרבן האָט מען אויפן ברעג פון

דוּניי אַרויפגעזעצט זיין טויטן קערפּער אויף זיין פייערדיק פערד; אין זון־פאַרגאַנג איז זיין שאָטן איבערן ווייטן פעלד אויסגעוואַקסן אַזוי, אַז דאָס איבערגעשראָקענע חייל האָט זיך אָפּגעטראָגן ווי אַ שטויב פון לאַגער...

ער איז ווייך געוואָרן אונטערן איינדרוק פון זיין טרוימעריי, פון דעם אַלקאָהאָל און דער פּלוצלינגדיקער שטילקייט. קיאָ האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ פאָרשלאַג ער דאַרף אים מאַכן, אָבער אים געקענט בלויז פון דעם, וואָס זיין פאָטער איז געווען גוט באַפריינדעט מיטן באַראָן; ער האָט אים נישט געקענט דער עיקר אין ד ע ר ראָל. ער האָט אים אויסגעהערט מיט אומגעדולד (זאָל נאָר פריי ווערן עפּעס אַ טישל לעבן באַראָן, וועט ער זיך דאָרט אַוועקזעצן און אים אָנדייטן, זיי זאָלן אַרויסגיין; ער האָט נישט געוואָלט נישט פאַרטשעפּען אים, נישט אַ רוף טון עס זאָל עמעצער באַמערקן), אָבער אויך מיט אַ געוויסער מאָס נייגעריקייט. אַצינד האָט די רוסין גערעדט מיט אַ געלאַסן, מאַט קול — אַ האַלב־פאַרחלשטע פון שלעפעריקייט:

— מיין עלטערזיידע האָט אויך געהאַט אַ שיין שטיק ערד... מיר זענען אַנטלאָפן איבער די קאָמוניסטן, נישט אַזוי? נישט אָפּצוגעבן זיך מיט אַ ליאַדע וועמען, מען זאָל אונז שוינען; דאָ זענען מיר — צו צוויי ביי אַ טישל, צו פיר אין אַ צימער! צו פיר אין איין צימער... און דערצו מוזן מיר נאָך צאָלן דירה־געלט... מען שוינט אונז, אדרבה... ווען מיין אָרגאַניזם וואָלט נאָר געקאָנט פאַרנעמען אַלקאָהאָל!...

קלאַפּיק האָט אַ קוק געטון אויף איר גלעזל: עס איז געווען קוים אָנגעגעפּט. די פיליפּינערין — איז עפּעס אַנדערש... זי האָט שטילינקע זיך אויסגעוואַרימט ווי אַ קאַץ אין וואַרימען נעפּל פון אַלקאָהאָל. מיט אים מעג מען זיך נישט רעכענען. ער האָט זיך געווענדט צו דער רוסין:

— צי פעלט אייך געלד?

זי האָט אַ הייב־געטון מיט די אַקסלען. ער האָט צוגערופן דעם גאַרסאָן, באַצאָלט מיט אַ הונדערט־דאָלאַרדיקן באַנקנאָט. ווען

מען האָט אים צוריקגעבּרענגט דאָס קלײנגעלט, האָט ער זיך איבּער־געלאָזט צען דאָלאַר און די רעשט אַוועקגעגעבּן דער רוטין. זי האָט אויפמערקזאַם אַ קוק־געטון אויף אים מיט מידע אויגן.

— גוט.

זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבּן.

— ניין, — האָט דער באַראָן געזאָגט.

ער האָט געהאַט אַ טרויעריקע מינע פון אַ גוטן הונט.

— ניין. הײנט זענט איר פאַרמאַטערט.

ער האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט. זי האָט ווידער אויף אים אַ קוק געטון:

— איך דאַנק אײך.

זי האָט זיך אַ וואַקל־געטון.

— אפשר דאָך... אויבּ דאָס וועט אײך פאַרשאַפן פאַרגעניגן...

— דאָס וועט מיר פאַרשאַפן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אַמאָל אין אַ טאָג, ווען איך וועל זײן אָן אַ גראָשן...

דער לץ אין אים האָט אויפגעוואַכט:

— מען וועט נישט דאַרפן אויף דעם לאַנג צו וואַרטן...

ער האָט צוגויפגעלײגט אירע הענט און אַ סך מאָל זיי געקושט.

קיִאָ, וועלכער האָט שוין געהאַט באַצאָלט זײן חשבּון, האָט אים דעריאָגט אין לײדיקן קאָרידאָר:

— מיר וועלן אַרויסגיין צוזאַמען, מסכּים?

קלאַפּיק האָט אים באַטראַכט און דערקענט.

— דאָס זענט איר? וואָס פאַר אַ געלעגנהייט! אָבּער...

ער האָט אויפגעהויבּן דעם ווײז־פינגער.

— איר הולטייעט, מײן הער!

— וואָס שאַדט דאָס?

זיי זענען שוין אַרויסגעגאַנגען פון לאָקאַל. כאָטש דער רעגן האָט שוין אויפגעהערט, איז אין חלל נאָך געווען אַזוי פיל וואַסער, ווי לופט. זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט איבּערן זאַמד פון גערטל.

— אין פּאָרט געפינט זיך אַ דאַמפּער געלאָדנט מיט געווער...

קלאַפּיק האָט זיך אָפּגעשטעלט. קיאָ, וואָס איז געגאַנגען אַ טריט פאַר אים, האָט זיך געמוזט אויסדרייען: דעם באַראָנס פּנים איז געהילט געווען אין פינסטערניש, נאָר דער בליאַסק פון דער גרויסער, לייכטנדיקער קאַץ, דעם הערב פון Black catu, האָט עס אַרומגערינגלט ווי אַן אָרעאָל.

— דער שען-טענג, — האָט ער געזאָגט.

די פינסטערניש, באַדעקנדיק זיין פּנים, וואָס איז געווען אַוועקגעדרייט פון דער ליכטיקייט, האָט אים באַפרייט פון זיין חוב צו זיין אויסדריקלעך, וואָס ער האָט תמיד אַזוי גערן אויסגע-פירט. און ער האָט גאָרנישט מער צוגעגעבן.

— מען האָט פאָרגעלייגט דער רעגירונג, — האָט קיאָ אָנגע-הויבן — צו 30 דאָלאַר פאַר אַ שטיק. עס איז נאָך נישטאָ קיין ענטפער. איך קויף צו 35 דאָלאַר פלוס דריי פאַר דער פאַרמיט-לונג. באַלד אָפּצונעמען, אין פּאָרט. וואו נאָר דער קאַפּיטאַן וועט וועלן, אַבי אין פּאָרט זאָל ער איבעראַנקערן דעם דאַמפּער. די סחורה וועט צוגענומען ווערן היינטיקע נאַכט, פאַר מזומן. אין הסכם מיט זיין שליח: אָט איז דער קאָנטראַקט.

ער האָט אים דערלאַנגט דאָס פּאַפּיר, געעפנט די צינד-מאַשינקע, פאַרשטעלנדיק זי מיט דער האַנט.

ער וויל אָפּנאַרן דעם צווייטן אָפּנעמער, האָט קלאַפּיק גע-טראַכט, דורכקוקנדיק דעם קאָנטראַקט... באַזונדערע שטיק... פאַרדינען צו 5 דאָלאַר פון אַ שטיק. דאָס איז קלאָר. פייפן: צו דריי דאָלאַר פאַר מיר.

— אין אָרדענונג, — האָט ער געזאָגט אויפן קול. — איר לאָזט מיר איבער דעם קאָנטראַקט?

— אוודאי. איר קענט דעם קאַפּיטאַן?

— מיין ליבער! עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע איך קען נענטער, אָבער דעמדאָזיקן קען איך אויך.

— ער קאָן זיך באַציִען צו דעם מיט אומצוטרוי (נאָך מער דערפאַר, וואָס ער שטייט נאָכן פּאָרט). דער רעגירונג קאָן זיך פאַר-

גלוסטן צוצונעמען דאָס געווער און גאָרנישט באַצאָלן, אמת?

— אָאָאָבער!

ווידער דער לץ. קיִאָ האָט געוואַרט אויפן חמשך: וואָס פאַר אַ ווידערשטאַנד דער קאַפּיטאַן קאָן שטעלן? קלאַפּיק האָט אָנגע־הויבן רעדן שטילער:

— די פּאַפּירן שטאַמען פון רעגולערן צושטעלער. איך קען אים.

איראָניש:

— אַ פאַררעטער...

זיין קול אין דער פינסטערניש האָט געקלונגען פרעמד, נישט אילוסטרירט דורך קיין איינציקע גרימאַסע אויפן פנים. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, ווי ער וואָלט באַשטעלט אַ קאָקטייל:

— אַ שענדלעכער, אַ געמיינער פאַררעטער! דאָס אַלץ ווערט געמאַכט דורך דער געזאַנדשאַפט, וואָס... קיין וואָרט נישט! איך וועל מיך פאַרנעמען מיט דער זאַך. אָבער איך וועל מוזן באַצאָלן דעם שאָפער פאַר אַ לייטישן קורס: צום דאַמפער איז ווייט... ס'איז מיר געבליבן...

ער האָט אַ זוך געטון אין קעשענע, אַרויסגעצויגן זיין איינ־ציק פּאַפּירל, עס באַקוקט אין ליכט, וואָס איז געפאַלן פון לאָקאַל־הערב.

— ... צען דאָלאַר, מיין גאָט! דאָס איז גאָרנישט. איך וועל וואָרשיינלעך בקרוב קויפן עטלעכע בילדער פאַר פעראַלן ביי אייער פעטער קאַמי, אָבער דערווייל...

— פּופּציק וועט גענוג זיין?

— נאָך צופיל.

קיִאָ האָט אים געגעבן דאָס געלט.

— איר וועט קומען צו מיר גלייך נאָכן דערליידיקן דעם ענין?

— מסכּים.

— אין אַ שעה אַרום?

— ס'וועט מסתמא געדויערן מער. אָבער איך וועל גלייך קומען.

און מיטן זעלבן טאָן, וואָס די רוסין האָט געזאָגט: „ווען מיין קערפּער וואָלט נאָר פאַרנומען אַלקאָהאָל...", כמעט מיטן זעלבן קול, וואָס אַלע ברואים אין דעם לאָקאַל, ווען זיי האָבן זיך געפונען אויפן ראַנד פון פאַרצווייפלונג:

— דאָס איז נישט קיין שפּאַס...

— ער האָט זיך דערווייטערט, אַריינציִענדיק דעם נאַקעטן קאָפּ צווישן די אַקסלען, מיט די הענט אין די קעשענעס פון סמאָקינג.

קיִאָ האָט צוגערופן אַ טאַקסי און געהייסן זיך אָפּפירן אויפן ראַנד פון דער קאָנצעסיע, צום ערשטן געסל פון דער כינעזישער שטאָט, וואו ער האָט געהאַט באַשטימט פאַר זיך אַ זעאונג מיט קאַטאָוו.

אין צען מינוט אַרום נאָכן צעשיידן זיך מיטן חבר, איז קאַטאָוו דורכגעגאַנגען עטלעכע קאָרידאָרן, געמיטן פאַרצוימונגען און זיך געפונען אין אַ ווייסער, ליידיקער, מיט בליצנדיקע לאָמפּן שטאַרק באַלויכטענער שטוב אָן פענסטער. איבערן אָרעם פון כינעזער, וועלכער האָט אים געעפנט די טיר, האָבן פינף קעפּ, געבויגענע איבער אַ טיש, אָנגעשטעלט אויף אים זייערע אויגן, — אויף זיין געוויקסיק געשטאַלט, וואָס איז באַקאַנט געווען אַלע שטורעם-אָפּטיילונגען: צעשפּרייטע פיס, צעוויגטע אָרעמס, נישט פאַרשפּיליעטער בלוזע, פאַרריסענער נאָז, צעפּאַטלטע האָר. זיי האָבן געאַרבעט איבער גראַנאַטן פון פאַרשידענעם טיפּ. דאָס איז געווען אַ ט ש אָ ן — איינע פון די קאָמוניסטישע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע קאַטאָוו צוזאַמען מיט קיִאָ האָבן געשאַפן אין שאַנכיי.

— וויפיל זענען אַריינגעצויגן געוואָרן? — האָט ער געפרעגט אויף כינעזיש.

— הונדערט אַכט און דרייסיק, — האָט געענטפערט דער כינעזער, אין אַן אַרבעט-בלוזע, אַ קליינינקער, מיט אַ קליינעם

קאָפּ, אַרויסשטאַרענדיקן האַלז-קנאָפּ און שיפּע אַקסלען.

— איך מיז האָבן אויף היינט ביינאַכט צוועלף מענטשן, אַבסאָלוט.

דאָס וואָרט „אַבסאָלוט” איז דורך אים באַנוצט געוואָרן אין אַלע שפּראַכן, וועלכע ער האָט באַהערשט.

— ווען ?

— באַלד.

— דאָ ?

ניין. ביי דער בריק יען-טאַנג.

דער כינעזער האָט אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס ; איינער פון די מענטשן איז אַרויסגעגאַנגען.

— איך וועל זיין שפּעטסטנס אין צוויי שעה אַרום, — האָט דער אָנפירער דערקלערט.

צוליב זיינע איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעדאַרטן קערפּער האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ חלוש ; אָבער דער אַנטשלאָסענער טאָן פון זיין רעדן און די געשפּאַנטע מוסקולן אויף זיין פּנים האָבן עדות געזאָגט וועגן אַ שטאַרקן ווילן, וואָס איז גענערט געוואָרן אויסשליסלעך דורך די נערוון.

— די אויסשולונג ? — האָט קאַטאָוו געפרעגט.

— מיט גראַנאַטן וועלן זיי זיך אַן עצה געבן. אַלע חברים קענען אַצינד אונזערע מאָדעלן. מיט רעוואָלווערן — אויב עס האַנדלט זיך אין נאַגאַנען און מאַוזערן — אויך. זיי אַרבעטן מיט ליידיקע גילזן, אָבער מען וואָלט געדאַרפט פּרוּוון כאָטש מיט בלינדע קוילן... מען האָט מיר פאָרגעלייגט אַ קעלער, — אַ נישט געפערלעכן און זיכערן.

אין אַלע פערציק שטובן, אין וועלכע עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער אויפשטאַנד, איז באַהאַנדלט געוואָרן דאָס זעלבע פּראָבלעם.

— עס פעלט אויס פּולווער. אפשר וועט אָנקומען ; דערווייל קאָנען מיר וועגן דעם נישט רעדן. וואָס וועט זיין מיט ביקסן ?

— מען וועט זיך מיט דעם אויך אַן עצה געבן. ערגער איז

מיטן מאַשין־געווער, אויב מען קאָן נישט אויספּרוּוון מיט קיין בלינדע קוילן.

ביי יעדן ענטפער האָט דער האַלז־קנאָפּ אין גאָרגל זיך אויפגעהויבן און צוריק אַראָפּגעפאַלן. ער האָט געצויגן ווייטער:

— און צי איז נישטאָ קיין שום מיטל צו קריגן עפּעס אַ ביסל מער געווער? זיבן ביקסן, דרייצן רעוואָלווערן, צוויי־און־פּערציק געלאָדנטע גראַנאַטן! יעדער צווייטער האָט נישט קיין הייס געווער.

— מיר ווילן צונעמען ביי יענע, וואָס האָבן יאָ. אפשר וועלן מיר שוין בקרוב האָבן רעוואָלווערן. אויב מען וועט דאַרפן אַרויסטרעטן מאָרגן, וויפיל וועלן אין דיין סעקציע זיך נישט קאָנען באַנוצן מיט קיין הייס געווער?

יענער האָט אַ ווײַלע זיך מישב געווען. ער האָט דערביי אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָ נישט אָנוועזנד געווען. אַן אינטעלעקטואַליסט, האָט קאַטאָוו אַ קלער געטון.

— ווען וועלן מיר שוין צונעמען די ביקסן ביי דער פּאָליציי?

— אַבסאָלוט.

— מער ווי אַ העלפט.

— און מיט גראַנאַטן?

— אַלע וועלן קענען; און נישט ווי צום ערגסטן. עס געפינען זיך צווישן זיי דרייסיק קרובים פון די פעברואַר־קרבנות... סיידן, אַז...

ער האָט זיך אַ וואַקל געטון, פאַרשטראָכן דעם זאַץ מיט אַ שעמעוודיקער באַוועגונג. די האַנט איז געווען אַ קריפּלהאַפטע, אָבער גלאַטע.

— אַז וואָס?

— אַז די מנוולים וועלן אַרויסשיקן אויף אונז די טאַנקן. זיי האָבן אַלע זעקס אַ קוק געטון אויף קאַטאָוון.

— נישט געפערלעך, — האָט ער געענטפערט. — נעמסט דיינע גראַנאַטן, צו זעקס אין אַ פּעקל, און שליידערסט זיי אונטערן טאַנק; נאָך פיר, איז ער שוין צעטראָגן. כּדי צו זיין נאָך זיכערער,

קאָנט איר אויסגראָבן ראָוועס, על־כּל־פּנים אין איין ריכטונג. איר האָט כּלים?

— נישט קיין סך. אָבער איך ווייס, וואו צו נעמען.

— און פאַרגעסט נישט אָן די ראָוועס. ווי נאָר עס וועט זיך אָנהייבן, מוז איטלעכע סעקציע האָבן איר פאַרבינדער, באַזונדערס צום אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיטן צענטער פון דער אַקציע.

— ביסט זיכער, אַז די טאַנקן וועלן צעטראָגן ווערן?

— אַבסאָלוט! אָבער ס'איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן: די טאַנקן וועלן נישט פאַרלאָזן דעם פראָנט. און אויב זיי וועלן יאָ פאַרלאָזן, וועל איך קומען מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג. דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פאַר מיר.

— און אויב זיי וועלן אומגעריכט אָנפאַלן?

— די טאַנקן? זיי וועלן פונוויטנס אין אויג אַריין קריכן; מיר האָבן זייטיקע אָבסערוואַטאָרן. נעם אַ פּעקל גראַנאַטן, גיב אויך צו איינציקע אַ דריי אָדער פיר דרייסטע חברהלייט...

אַלע אין דער סעקציע האָבן געוואוסט, אַז קאַטאָוו, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן נאָכן אָדעסער אַטענטאַט אויף קאַטאָרגע־אַרבעט, האָט אַליין פאַרלאַנגט, מען זאָל אים צוטיילן צו די פאַר־משפּטע אויף פאַרשיקונג אין די בליי־גראָבנס, ווייל ער האָט זיי געוואָלט אָרגאַניזירן. זיי האָבן געהאַט צו אים צוטרוי, און דאָך האָט ער זייער שרעק נישט קלענער געמאַכט. זיי האָבן זיך נישט גע־שראָקן פאַר די ביקסן און פּולעמיאָטן, האָבן בלויז מורא געהאַט פאַר די טאַנקן, קעגן דעמדאָזיקן אָנפאַלער האָבן זיי זיך געפילט מאַכט־לאָז. אַפילו אין דערדאָזיקער שטוב, וואוהין אַלע זענען געקו־מען פון אייגענעם דראַנג, און כמעט איטלעכער האָט געהאַט אַן אומגעברענגטן אין דער משפּחה, האָבן די טאַנקן אין זיך פאַר־קערפּערט די מאַכט פון די דעמאָנען.

— לאַכט אייך אויס פון די טאַנקן; מיר וועלן זיין אויף דער וואַך, — האָט קאַטאָוו פאַרזיכערט.

אַוועקגיין, זיך אַרויסדרייענדיק מיט פּוסטע ווערטער? ער האָט באַזוכט נאָכמיטאָג אַ פופצן סעקציעס, אָבער אין ערגעץ נישט

באַמערקט אַזאַ שרעק. דידאָזיקע מענטשן זענען זיכער נישט געווען פּחדנותדיקער פון אַנדערע, נאָר האָבן געשטעלט די פראַגע אָפּנהאַרציקער. ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן נישט אויסמיידן די שרעק; מיטן אויסנאַם פון דער ספּעציאַליסטן-קאַדרע, מיט וועלכער ער אַליין האָט אָנגעפירט, פלעגן אַלע פאָרמאַציעס אַנטלויפן פאַר די טאַנקן. מען האָט געקאָנט זיך משער זיין, אַז די טאַנקן וועלן נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן דעם פראָנט; אָבער ווען זיי וואָלטן אַריינגעפאָרן אין שטאָט, וואָלט אוממעגלעך געווען אין די קוואַרטאַלן, וואו עס קרייצן זיך אַזויפיל געסלעך, זיי אָנצוהאַלטן מיט דער הילף פון ראָוועס.

— די טאַנקן וועלן נישט פאַרלאָזן דעם פראָנט, אַבסאָלוט.

— ווי אַזוי בינדט מען צונויף גראַנאַטן? — האָט אים געפרעגט דער יינגסטער כינעזער.

קאַטאָוו האָט אים געוויזן. די אַטמאָספערע איז געוואָרן אַ לייכטערע, ווי דידאָזיקע מאַניפּולאַציע וואָלט געווען אַ גאַראַנטיע פאַר קאַטאָווס קומענדיקער הילף. ער האָט אויסגענוצט דידאָזיקע דערלייכטערונג, כדי זיך צו געזעגענען מיט זיי, אָבער אַרויסגעגאַנגען פונדאַנען אַ פאַרזאָרגטער. קוים יעדער צווייטער וועט קאָנען זיך באַנוצן מיט געווער. צי האָט ער אויסצושטעלן בלויז אויף די קאַמף-גרופּעס, וועלכע ער האָט באַשטימט צום אַנטוואָפענען די פאָליציי? מאָרגן. אָבער איבערמאָרגן? די אַרמיי איז געגאַנגען פאָרויס, זיך דערנענטערט מיט יעדער שעה. אפשר האָט זי שוין פאַרנומען די לעצטע סטאַציע. ווען קיאָ וועט צוריקקומען, וועלן זיי דאָס זיכער קאָנען געוואויר ווערן ערגעץ אויף אַן אינפאָרמאַציע-פונקט. דער לאָמפּן-פאַרקויפער האָט נישט געהאַט קיין שום ידיעות פון צען אַ זייגער אָן.

ער האָט געוואַרט אַ געוויסע צייט אין געסל, זיך דרייענדיק הין און צוריק; ענדלעך איז קיאָ אָנגעקומען. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק אינפאָרמירט און ווידער אַוועקגעלאָזט איבער דער בלאָטע אין זייערע טוכענע זוילן: קיאָ, אַ קליינינקער און עלאַסטישער ווי אַ יאַפּאַנישע קאַץ, קאַטאָוו מיט וויגנדיקע אָרעמס פאַר-

טיפט אין די פולקן, וואס זענען געגאנגען מיט טוי אויף די ביקסן צו שאנכיי, דער רויט־לייכטנדיקער שטאט אינמיטן דער טיפער נאכט... אויך קיא וואלט געוואלט וויסן, צי דער מארש איז נישט פארהאלטן געווארן.

זיי זענען געגאנגען דורכן געסל, וואס האט זיך געפונען הארט ביי דער קאנצעסיע־גרענעץ און צוליב דערדאזיקער שכנות פארנומען געווען דורך די הענדלער פון בהמות. די קראמען זענען געווען פארמאכט און קיין שום קול פון א לעבעדיק באשעפעניש האט נישט געשטערט דער שטילקייט אין די הפסקות צווישן דעם וואיען פון דער סירענע און פויקן פון די לעצטע רעגן־טראפנס, וואס זענען געפאלן פון די דעכער אין דער בלאטע אריין. די בהמות זענען געשלאפן. זיי זענען אריינגעגאנגען, אנקלאפנדיק פריער, אין א געוועלב פון א פיש־הענדלער. די איינציקע באלייכטונג — דער אייל־לאמפ — האט זיך אפגעשפיגלט אין טריבן גלאנץ פון די פאספארייזירנדיקע דייזשעס, וואס זענען אויסגעשטעלט געווען אין א רייע ווי די פעסלעך פון אלי־באבא; — עס זענען געשלאפן אין זיי די בארימטע כינעזישע קארפן.

— מארגן? — האט קיא געפרעגט.

— מארגן; איינס א זייגער.

הינטערן בופעט, אין דער טיף פון געוועלב, איז געשלאפן עפעס א פארשוין, דער קאפ אריינגעקוועטשט אין אויסבויג פון ארעם. ער האט אים קוים־קוים אונטערגעהויבן, כדי צו ענטפערן. אין דעם קעמערל האט זיך געפונען איינע פון די פינפאונצוואנציק קאמוניקאציע־סטאציעס פון קאמינטאנג.

— אפיציעל?

— יא די ארמיי געפינט זיך אין טשענג־טשעו: דער גענעראל־שטרייק דארף אויסברעכן מיטאגצייט.

אין דער פינסטערניש איז אייגנטלעך גארנישט פארגעקומען, דער הענדלער, איינגענורעט אויף זיין געלעגער, האט אפילו נישט א ריר געטון מיט אן ארעם, און די פאספארייזירנדיקע אויבערפלאכן פון די דייזשעס האבן שוין אנגעהויבן זיך צו פעלבלען: גע־

רווישלאָז האָבן זיך געשאַפן שוואַרצע פּאַליעס, ווייכע, רונד־אַרטיקע. דאָס מענטשלעכע קול האָט אויפגעוועקט די פיש. ווידער האָט די סירענע זיך אָנגערופן אינדערווייטנס.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון געוועלב, געמיטן דאָס געסל.

די גאַס פון די צוויי רעפּובליקן. אַ טאַקסי. דער אויטאָ האָט זיך אַ טראָג געטון ווי אויפן עקראַן. קאַטאָוו, וואָס איז געזעסן אין דער לינקער זייט, האָט זיך אָנגעבויגן און צוגעקוקט צום שאָפער.

— אמתער נגוי*). אַ שאָד. איך וואָלט אַבסאָלוט נישט געוואָלט אומקומען פאַרן מאָרגנדיקן אָוונט. פּאַמעלעכער פרייַנט!

— קלאַפּיק וועט זיך שוין באַמיען, דער דאַמפער זאָל איבערגעאַנקערט ווערן. מיר האָבן חברים אין דער רעגירונגס־אינטענדענטור, זיי קאָנען אונז באַזאָרגן מיט מונדירן...

— מען דאַרף נישט. אויף מיין פּונקט איז דאָ מער ווי פּופּצן.

— מיר וועלן נעמען אַ מאָטאָר־שיפל מיט דיינע צוועלף...

— דו דאַרפסט דיך נישט איינשטעלן...

קיאָ האָט אַ בליק געטון אויף אים און פאַרשוויגן געוואָרן.

— די געפאַר איז טאַקע נישט קיין גרויסע, אָבער די אַרבעט איז נישט ווערט דיין קאָפּ. יעדנפאַלס איז זי געפערלעכער ווי אַ ניס פון דעם שאָפער. — ער האָט ווידער אַ טרייב געטון מיט קאַרקברעכערישן אימפּעט. — און ס'איז נישט קיין צייט אַצינד אויף איינצואָרדענען דיין לוויה.

— דיינע אויך נישט.

— מיט מיר איז עפּעס אַנדערש. אַצינד איז שוין נישט שווער מיך צו פאַרטרעטן, פאַרשטייסט... דו דאַרפסט בלייבן ביי אונזער וואָגן, זיך פאַרנעמען מיטן צעטיילן דאָס געווער.

ער האָט גערעדט מיט אַ געדעמפּט קול, בלאָנדזשענדיק מיט די פינגער ביי דער ברוסט. „מען דאַרף אים בלויז אָנמערקן, זאָל ער זיך אַליין קלאָר מאַכן". קיאָ האָט נישט געענטפערט. דער אויטאָ האָט געשוועבט צווישן די פאַסן ליכט, פאַרטונקלטע דורכן נעפל.

*) לעבעדיקער צושטאַנד ביי אָפּיום-געברויכער.

קאַטאָוו דאַרף זיך נישט נאַרן ; דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געוואוסט בלויז וועגן סך־הכּל פון זיין אַרבעט ; ער אָבער האָט זי איבערגעלעבט. ער איז אַריינגעוואַקסן מיט זיין לייב אין דער שטאָט און די שוואַכע פונקטן געפילט ווי וואונדן, קיינער פון די חברים וואָלט נישט געקאָנט האַנדלען אַזוי געשיקט ווי ער, אַזוי זיכער.

— מסכּים — האָט ער געזאָגט.

די באַלייכטונג ווערט אַלץ שטאַרקער... ווידער די געפּאַנצערטע אויטאָס, פון דער קאָנצעסיע, און דערנאָך — צום וויפילסטן מאָל שוין ? — פינסטערניש.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. קיִאָ איז אויסגעשטיגן.

— כ׳וועל אַ זוך טון די שמאַטעס — האָט קאַטאָוו געזאָגט. — איך וועל אַריינקומען נאָך דיר, ווען אַלץ וועט שוין זיין פאַרטיק.

קיִאָ האָט געוואוינט מיטן פאָטער אין אַ כינעזיש פּאַרטערהייזל : פיר אָפּיצינעס אַרום דעם גאָרטן. ער האָט געמיטן די ערשטע אָפּיצינע, דעם גאָרטן און אַריינגעגאַנגען אין זאַל : אין ביידע זייטן אויף די ווייסע ווענט — בילדער פון דער עפּאָכע סאַנג, בלויע פעניקסן פון שאַרדען ; אין דער טיף איז געשטאַנען אַ בודאַ פון דער תּקופה פון דער דינאַסטיע ווע׳ אין כּמעט ראָמאַנישן סטיל. ווייכע סאָפעס, אַן אָפּיום־טישל. די פענסטער אָן פאָרהאַנגען, ווי אין אַן אַרבעט־צימער. אויפן קלאַנג פון זיינע טריט איז אַריינגעקומען דער פאָטער : ער האָט שוין עטלעכע יאָר געליטן אויף שלאָפלאָזיקייט, ערשט פאַרטאָג פלעגט אים געלונגען איינצודרימלען אויף עטלעכע שעה, האָט ער דעריבער מיט פרייד אויפגענומען אַלץ, וואָס האָט אים געקאָנט אויספילן די נאַכט.

— גוטן אָוונט, פאָטער. ס׳וועט דאָ באַלד אַהערקומען טשען. ער האָט זיך געוואָלט זען מיט דיר.

— איך וועל אים גערן אויפנעמען.

מיטן אויסזען איז קיִאָ נישט אַריינגעראָטן אין פאָטער ; עס

האָט פונדעסטוועגן זיך געדאַכט, אַז ס'איז גענוג מיט אַ צומיש פון זיין מוטערס יאַפאַניש בלוט צו מילדערן די אַסקעטישע מאַסקע פון אַלטן גיסאָרס, די מאַסקע, וואָס איר כאַראַקטער איז די נאַכט אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך אַ שלאָפראָק פון קעמל־פעל, — כדי איר צוצוגעבן די שטריכן פון אַ סאַמורייער און זי פאַרוואַנדלען אין פנים פון זון.

— ס'איז געשען מיט אים עפעס אומגעוויינטלעכס ?

— יאָ.

מער קיין פראַגן זענען נישט געווען. ביידע האָבן זיך געזעצט. קיאָ איז נישט געווען שלעפעריק. ער האָט דערציילט דעם פאָטער, וואָס פאַר אַ פאָרשטעלונג קלאַפיק האָט פאַר אים צוגעגרייט, — נישט דערמאַנענדיק אָן געווער. זיכער נישט דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געטרויט דעם פאָטער, נאָר ווייל ער האָט צו קאַטעגאָריש געפאָדערט פון זיך די אויסשליסלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיין אייגן לעבן, אַז ער זאָל איבערגעבן דעם פאָטער עפעס מער פון די אויבערפלעכלעכסטע ידיעות וועגן זיינע אונטערנעמונגען. דער אַלטער פראָפעסאָר פון סאָציאָלאָגיע אין פעקינער אוניווערזיטעט, וואָס איז צוליב זיין לער־סיסטעם באַזייטיקט געוואָרן דורך טשאַנג־טסאָ־לינען, האָט אויסגעהאָדעוועט די בעסטע רעוואָלוציאָנערע קאַדרען אין צפון־כינע, אַליין אָבער האָט ער זיך נישט באַטייליקט אין דער באַוועגונג. שטענדיק, ווען קיאָ איז דאָ אַריינגעקומען, האָט זיין ווילן זיך פאַרוואַנדלט אין אינטעליגענץ, פון וואָס ער איז לגמרי נישט געווען צופרידן: עס האָט אים אָנגעהויבן אינטערעסירן די מענטשלעכע נאַטור, און נישט די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג. און ווייל ער האָט אַצינד גערעדט וועגן באַראָן, וועלכן דער פאָטער האָט געקענט נענטער, האָט ער דערזען אין קלאַפיקן אַ סך געהיימנישפולערס, ווי פריער, ווען ער האָט אים געהאַט פאַר זיך.

— ... צום סוף האָט ער מיר צוגענומען פופציק דאָלאַר...

— ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין אויסנאַרער, קיאָ...

— אָבער פריער האָט ער אויסגעגעבן הונדערט דאָלאַר: איך האָב דאָס אַליין געזען. מיטאָמאַניע איז תמיד קאָסטבאַר.

ער האָט געוואָלט זיך דערוויסן, אויף וויפיל ער קאָן געניסן פון באַראָנס געפעליקייט. דער פאָטער האָט, ווי געוויינטלעך, געזוכט אין דעם מענטש טיפקייט און אייגנאַרטיקייט. אָבער דאָס, וואָס ליגט באַהאַלטן טיף אין מענטש, האָט קיין שייכות נישט צו דעם צענטער, וועלכן מען דאַרף אָנדריקן, כדי אַריינצוברענגען דעם מענטש אין תּיכּפדיקער טעטיקייט, און קיִאָ האָט געטראַכט אויסשליסלעך וועגן זיינע רעוואָלווערן.

— אויב ער קאָן זיך נישט באַגיין אָן דער אילוזיע וועגן רייכקייט, פאַרוואָס-זשע פרוווט ער טאַקע נישט רייך ווערן?

— ער איז געווען דער גרעסטער אַנטיקוואַר אין פעקין...

— פאַרוואָס-זשע גיט ער אויס דאָס גאַנצע געלט אין איין נאַכט, אויב נישט פאַר דער אילוזיע פון רייכקייט?

גיסאָרס האָט צונויפגעלענט די וויִעס, פאַרוואָרפן זיינע ווייסע, נישט צוגעשוירענע האָר; זיין קול, שוין מאַט פון געעלטערטקייט, איז פונדעסטוועגן געווען נאָך גענוג עלאַסטיש און איינדרוקפול:

— ער באַהעלפט זיך מיט מיטאָמאַניע, כדי צו נעגירן דאָס לעבן, נישט אמת, נעגירן, אָבער נישט פאַרטרייבן. טרוי נישט דער לאָגיק אין די ענינים...

ער האָט נישט דרייסט אויסגעשטרעקט די האַנט פאַר זיך; ער האָט כמעט קיינמאָל נישט געווענדט זיינע געהעמטע באַוועגונגען נישט רעכטס, נישט לינקס, תמיד פאַר זיך: ווי אָפט ער האָט נישט צעצויגן אַ זאַץ מיט דידאָזיקע זשעסטן, האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז נישט ער דערווייטערט, נאָר פאַרקערט, טאַפּט אָן מיט זיי דעם תּמצית פון באַהאַנדלטן ענין.

— אַלץ איז פאָרגעקומען אַזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסווייזן — להכעיס די צוויי שעה, וואָס זענען פאַרברענגט געוואָרן מיטן געפיל פון אַ רייכן מענטש, — אַז קיין רייכקייט עקזיסטירט נישט. ווייל קיין אָרימקייט עקזיסטירט אויך נישט. אין דעם ליגט

דער זין באַהאַלטן. גאָרנישט עקזיסטירט: אַלץ איז אַ חלום. פאַרגעס נישט, אַז דער אַלקאָהאָל העלפט אין דעם צו אויסגעצייכנט...

גיסאָרס האָט אַ שמייל געטון מיט די ווינקלען פון זיינע ליפּן, וואָס האָבן צוליב געעלטערטקייט שוין אָנגעהויבן אַראָפּהענגען. אין דעם שמייכל האָט ער זיך אויסגעדריקט שטאַרקער, ווי אין רעדן. פון צוואָנציק יאָר אָן האָט ער באַנוצט זיין אינטעליגענץ אויף מוחל צו זיין אַנדערע, געווינען פאַר זיך מענטשן דורך מילדער גוטסקייט, און קיינער האָט נישט חושד געווען, אַז ער שעפּט דידאָזיקע גוטסקייט פון אָפּיום. מען האָט אָנערקענט אין אים די געדולדיקייט פון די בודדיסטן: איר סיבה, אָבער, איז געווען דער סם.

— קיינער נערט זיך נישט מיטן נעגירן דאָס לעבן — האָט קיאָ געענטפערט.

— דאָס איז אַ שלעכטע נערונג טאַקע... דער באַראָן אָבער וואָלט אַנדערש נישט געקאָנט לעבן.

— און דאָס ברענגט אים אויך נישט קיין ריווח.

— ער האַלט זיך טיילווייז אויף פון דעם, וואָס ער פאַרמיטלט ביים פאַרקויפן אַנטיקן, אפשר אויך נאַרקאָטישע מיטלען, און ביים צושטעלן געווער... די פּאָליציי, וואָס איז דעם מענטש זיכער דערווידער, העלפט אים צו, מסתמא פאַר גוטן לוין...

עס האָט גאָרנישט געשאַדט: די פּאָליציי האָט דאָך געוואוסט, אַז די קאָמוניסטן האָבן נישט קיין געלט צו קויפן געווער ביי די געהיימע צושטעלער.

— איטלעכער האָט זיך זיינע ווייטיקן, — האָט קיאָ זיך אָנגערופן. — וואָס דריקט דעמדאָזיקן מענטש?

— זיינע ווייטיקן האָבן נישט קיין גרעסערע באַדייטונג, קיין ווירקלעכערן אינהאַלט, ווי פּאָזע און פריילעכקייט, זיי גרייכן נישט טיפער, דאָס, מסתמא, כאַראַקטעריזירט אים צום בעסטן, וואָרים אַזאַ קאָנסטיטוציע טרעפט זיך זעלטן. אויב, קיאָ, דו ביסט דיך מיישב וועגן אַ מענטש, מיט וועלכן קיין זאַך בינדט דיך נישט, איז דאָס זיכער, כדי פאָרצוזעצן זיינע האַנדלונגען. קלאַפּיקס האַנדלונגען...

ער האָט אָנגעוויזן אויפן אַקוואַריום, אין וועלכן ס'האָבן זיך געוויגט שוואַרצע ציפּרינען, שלאַנקע און געציינדלטע ווי צייכן־פּענדלעך.

זענען אַזעלכע... ער שיכּורט, און וואָלט גיכער געדאַרפט רייכערן אָפּיום: עס טרעפט, אַז מיר זענען זיך טועה און באַרויִק אונזערע ליידנשאַפטן; אַ סך מענטשן טרעפן נישט אָן אויף דעם, וואָס האָט זיי געקאָנט מציל זיין. דער מענטש איז מיר אַ שאָד, ווייל ער האָט אויך זיינע מעלות. אָבער דיך אינטערעסירט דאָס מסתמא נישט.

טאַקע אַזוי. ווי אָפט קיִאָ האָט דעם אָוונט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיין אויפגאַבע, האָט ער געקאָנט טראַכטן בלויז וועגן זיך. ביסלעכווייז האָט אים דורכגעדרונגען אַ וואַרימקייט, ווי פריער אין נאַכט־לאָקאַל; און ווידער האָט אים דורכגענומען די גראַמאָפאָן־פּליטע, ווי די וואַרימקייט האָט מיט אַפּאַטישער פוילקייט דורכגענומען זיינע אברים. ער האָט דערציילט דעם פאָטער, ווי עס האָט אים פאַרוואונדערט זיין אייגן קול, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן אויף דער פּליטע, אָבער אַזוי, ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען ערגעץ אין עפּעס אַן ענגלישער אונטערנעמונג. גיסאָרס האָט זיך צוגעהערט, גלעטנדיק מיט דער לינקער האַנט זיין שאַרפן קין; ער האָט געהאַט אַ שיינע האַנט מיט שלאַנקע פינגער. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ פאָרויס: די האָר זענען אים אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן, כאָטש ער האָט זיי אַוועקגעשאַרט פון שטערן. ער האָט מיט אַ באַוועגונג פון קאָפּ זיי פאַרוואָרפן אַהינטער, אָבער זיין בליק איז נישט געוואָרן קלאָרער:

— איינמאָל האָט זיך מיר געטראָפן, אַז איך בין אומגעריכט שטיין געבליבן פאַרן שפּיגל און זיך נישט דערקענט...

ער האָט געריבן מיטן גראָבן פינגער אַלע פיר פינגער פון זיין רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט זיך באַמיט אָפּצושאַרן פון זיי דעם שטויב פון זיינע זכרונות. ער האָט גערעדט צו זיך, נאָכפאָלגנדיק דעם געדאַנק, וואָס האָט באַאומרויִקט זיין זון:

— דאָס איז וואָרשיינלעך אָפּהענגיק פון די הער־רערן: דאָס קול פון אַנדערע הערט מען מיט די אויערן.

— און דאָס אייגענע?

— מיטן האַלז. מיר הערן דאָך דאָס אייגענע קול אפילו מיט פאַרשטאָפּטע אויערן. פונקט ווי אָפּיום שאַפט אַן איינדרוק פון געהערטע קלאַנגען אָן דער הילף פון די אויערן...

קיאָ איז אויפגעשטאַנען. דער פאָטער האָט דאָס אפילו נישט באַמערקט.

— איך וועל באַלד ווידער מוזן אַרויסגיין.

— צי האָב איך עפּעס צו פאַרזאָרגן פאַר דיר מיט קלאַפּיקן?

— ניין, איך דאַנק דיר, פאָטער. אַ גוטע נאַכט.

קיאָ האָט זיך געלייגט, כדי זיך אַ ביסל אָפּצורוען, און גע־וואַרט. ער האָט נישט אָנגעצונדן קיין ליכט; געלעגן אומבאַוועג־לעך. דאָס האָט נישט ער געטראַכט וועגן אויפשטאַנד, נאָר דער אויפשטאַנד, וואָס האָט געלעבט אין אַזוי פיל מוחות, ווי דער אומ־פילבאַרער שלאָף האָט געהערשט אין אַ סך אַנדערע מוחות, האָט געדריקט אויף אים אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט איינגאַנצן זיך פאַר־וואַנדלט אין אומרו און אָפּוואַרטונג. סך־הכל פירהונדערט ביקסן, אפילו אַזוי פיל אויך נישט. זיג, — אָדער אונטער דער מויער; מיט געווויסע אויסבעסערונגען. מאָרגן. ניין. שוין. געווינען צייט: אַנטוואָפּענען אומעטום די פּאָליציי און באַזאָרגן מיט פינפהונדערט מאַוזערן די קאַמף־גרופּעס, איידער עס וועט אָנקומען דאָס מיליטער פון מלוכהשן פאַנצער־צוג. די מאַסן זענען צוגעגרייט. אַ העלפט פּאָליציי, וואָס שטאַרבט פאַר הונגער, וועט זיכער איבער־גיין אויף דער זייט פון די אויפשטענדער. ס׳איז געווען נאָך אַ צווייטע העלפט. אָבער דער אויפשטאַנד דאַרף זיך אָנהייבן איינס אַ זייגער, — דער גענעראַל־שטרייק מיטאָגצייט, — ביז פינף אַ זייגער דאַרף באַוואָפנט ווערן די גרעסטע טייל פון די קאַמף־גרופּעס. „אַ

כינעזישע ראַטן-רעפּובליק". אויסקעמפן ווירדע פאַר די אייגענע. און דער פ. ס. ס. ר. וועט אַרומנעמען 600 מיליאָן איינוואוינער. זיג אָדער מפּלה, די נאַכט איז דאָ געוואויגן געוואָרן דער גורל פון דער וועלט. אויב דער קאָמינטאַנג וועט נאָכן דעראָבערן שאַנכיי נישט וועלן פאַרניכטן אירע קאָמוניסטישע פאַרבינדעטע... ער איז אויפגעשפּרונגען: מען האָט געעפנט דאָס טירל פון גאָרטן. די דערינערונגען זענען פאַרטרעטן געוואָרן דורך אומרו: דאָס ווייב? ער האָט זיך איינגעהערט: דאָס טירל איז פאַרקלאַפּט געוואָרן. עס איז אַרײַנגעקומען מאַי. דאָס בלויע לעדערנע מאַנטל פון כמעט מיליטערישן שניט האָט אונטערגעשטראָכן דאָס, וואָס איז געווען מענעריש אין איר גאַנג און פּנים, — דאָס ברייטע מויל, די קורצע נאָז, די בולטע באַקנביינער פון אַ צפון-דייטשקע.

— עס וועט זיך באַלד אָנהייבן, קיאָ?

— יאָ.

זי האָט געאַרבעט אַלס דאָקטאָרין אין איינעם פון די כינעזישע שפּיטעלער, אָבער אַצינד האָט זי זיך נאָר-וואָס געהאַט אומגעקערט פון אַ רעוואָלוציאָנערער פרויען-סעקציע, אין וועלכער זי האָט אָנגעפירט מיט אַ געהיים שפּיטאָל.

— תמיד דאָס אייגענע: איך האָב היינט געהאַט אַן אַכצןיעריקע ראָצערין, וואָס האָט אין חופּה-שלייער זיך געפּרוווט איבערשניידן די אָדערן מיט אַ ראַזיר-מעסער. מען האָט זי געהייסן חתונה האָבן מיט עפּעס אַ בכּבודן אויסוואורף. מען האָט זי געבראַכט צו מיר אין דער לעקטיקע, אײַנגעהילט אין אַ פאַרבלוטיקטע. די מוטער, אַ פאַרשריגענע, אינדרייען געבויגענע פרוי, האָט זיך קוים געבראַכט צו שלעפּן אַ וויינענדיקע, נאַטירלעך. איך האָב איר געזאָגט, אַז די קליינע וועט נישט שטאַרבן, און זי האָט מיר אויף דעם געענטפערט: „אָרים קינד מיינס. ווען וועט זי נאָכאַמאָל האָבן אַזאַ געלעגנהייט צו שטאַרבן?"... אַ געלעגנהייט צו שטאַרבן... דאָס דערציילט מער פון אַלע אונזערע רעדרייען וועגן דער פאַרשקלאַפונג פון די אָרטיקע פרויען...

אַ דייטשקע, אָבער געבוירן אין שאַנכיי, זיך דאָקטאָריזירט

אין היידעלבערג און פּאַריז, האָט זי גערעדט פראַנצויזיש מיט אַ פּאָרוואורפלאָזן אַקצענט. זי האָט אַ וואָרף געטון איר בערעט אויפן בעט. די אָנדולירטע האָר האָט זי פאַרצויגן אַהינטער, עס זאָל זיי לייכטער זיין צו קעמען. ער האָט חשק געהאַט אַ גלעט צו טון דידאָזיקע האָר. אפילו איר הויכער שטערן האָט געהאַט אין זיך עפּעס מענערישס, אָבער פון מאָמענט אָן, וואָס זי האָט פאַרענדיקט איר דערציילן, האָט זי אָנגעהויבן אויסזען אַלץ פרויאישער, — קיאָ האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר, — ווייל דער אָפּפלוט פון ווילן האָט מילדער געמאַכט אירע שטריכן, די פאַרמאַטערטקייט האָט זיי לויזער געמאַכט און ווייל זי האָט אויסגעטון דעם בערעט. דאָס פּנים האָט געשעפּט זיין לעבנהאַפטן אויסדרוק פון די זינלעכע ליפּן און גרויסע אויגן, לויטערע און אַזוי העלע, ווי די שאַרפקייט פון איר בליק וואָלט געשטאַמט נישט פון די אַפּלען, נאָר פון די שאָטנדיק-לענגלעכע אָרביטן אונטערן שטערן.

אויפן אָנבליק פון ליכט איז געקומען צו לויפן אַ ווייסינקע הינטעלע. זי האָט עס גענומען צערטלען מיט איר מיד קול:

— הינטעלע קליינס, הינטעלע שיינס, פּיצינינקעלע מיינס!

זי האָט עס אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט, פּיעשטשענדיק אויפגעהויבן אַזש ביז צום פּנים:

— קרוליקל, — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט — קרוליקוליקל...

— עס איז ענלעך צו דיר — האָט קיאָ זיך אָנגערופן.

— טאַקע?

זי האָט באַטראַכט אין שפּיגל דאָס צוגעלייגטע צו איר פּנים ווייסינקע מאָרדעלע איבער די צונויפגענומענע לאַפּקעס. פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ מאָדנע ענלעכקייט? פון די געהעכערטע, גערמאַנישע באַקנביינער. כאָטש זי איז קוים געווען נישט מיאוס, האָט ער דאָך זיך דערמאַנט אָן אַ ליבע-זאַץ פון „אָטעלאָ", מאָדיפיצירנדיק אים.

זי האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס הינטל, זיך אויסגעגלייכט. דאָס צעעפנטע מאַנטל האָט אָפּגעדעקט אירע ברוסטן אונטערן קלייד, הויך אויפגעשטעלט, דערמאַנענדיק אָן דער בולטקייט פון

אירע באַקנביינער. קיאָ האָט דערציילט דעם ווייב, ווי אַזוי ער האָט פאַרברענגט די נאַכט.

— אין שפּיטאָל — האָט זי אויף דעם געענטפערט — האָבן היינטיקן אָוונט זיך געפונען דרייסיק יונגע פרויען פון דער פראָפאַגאַנדע־אָפּטיילונג, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די ווייסע... פאַרוואונדעטע. זיי קומען כסדר. זיי זאָגן, אַז די אַרמיי איז שוין זייער נאָענט. און אַז ס'איז דאָ אַ מאַסע דערהרגעטע.

— און אַ העלפט פון די פאַרוואונדעטע וועלן שטאַרבן. דאָס לײדן האָט נאָר דעמאָלט אַ זין, ווען עס פירט נישט צום טויט; און עס פירט צו אים כמעט שטענדיק.

מאַי האָט זיך פאַרטראַכט:

— יאָ. פונדעסטוועגן איז דאָס אפשר נאָר אַ מענערישע מיינונג. מיך, אַ פרוי, — ווי וואונדערלעך דאָס איז — דערמאַנט דאָס לײדן גיכער אָן לעבן, ווי אָן טויט... אפשר צוליבן קינדער האָבן...

אין אַ ווײלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— וואָס מער פאַרוואונדעטע עס איז דאָ, וואָס נענטער ס'ווערט צום אויפשטאַנד, אַלץ מער שלאָפן זיי צווישן זיך.

— דאָס איז פאַרשטענדלעך.

— איך מוז דיר עפּעס זאָגן. דאָס וועט דיך אפשר איבערראַשן...

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן אָרעם, פרעגנדיק אַ קוקגעטון. זי איז געווען אינטעליגענט און טיכטיק, אַבער נישט געשיקט אין די באַנעמונגען.

— ענדלעך בין איך מיך איבערגעשלאָפן מיט לאַנגלענען, היינט נאָכמיטאָג.

ער האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: „דאָס איז דיין זאַך.“ (נאָר סיי די באַוועגונג, סיי דער כמורנער אויסדרוק פון זיין פנים האָבן נישט האַרמאָנירט מיט דערדאָזיקער גלייכגילטיקייט. זי האָט געקוקט אויף אים אַן אויסגעצערטע. דאָס ליכט, וואָס איז געפאַלן ווערטיקאַל, האָט בולט

געמאַכט אירע באַקאַנבײנער. ער, וואָס האָט זיך געפונען אויסער דער מחיצה פון ליכט, האָט געפּאָרשט איר פּוסטן בליק און גאָר־נישט געזאָגט. ער האָט זיך געפרעגט, צי דער ליידנשאַפטלעכער אויסדרוק פון איר פּנים שטאַמט פון דעם, וואָס אירע טיף אונטערן שטערן איינגעראַמטע אויגן און אָנגעקוואָלענע ליפּן שטרייכן שטאַרק אונטער איר ווייבלעכקייט צוליבן קאָנטראַסט מיט די איבעריקע שטריכן... זי האָט זיך געזעצט אויפן בעט, אים אָנגענומען ביי דער האַנט. ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער ציט זי צוריק, אָבער זי נישט צוריקגעצויגן. זי האָט פונדעסטוועגן דערפילט דידאָזיקע באַוועגונג:

— צי פאַרשאַפט דיר דאָס עגמת־נפש?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז דו ביסט פריי... פרעג נישט צופיל — האָט ער מיט אַ ביטערן טאָן צוגעגעבן.

דאָס הינטל איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן בעט. ער האָט צוריקגעצויגן די האַנט, ווי ער וואָלט עס געוואָלט אַ גלעט געבן.

— דו ביסט פריי, — האָט ער איבערגעחזרט — און וועגן איבעריקן לוינט נישט צו רעדן.

— פאַרשטיי, איך האָב דאָס ג ע מ ו ז ט דיר דערציילן. אפילו פאַר מיר אַליין.

— איך פאַרשטיי.

אַז זי האָט דאָס אים געמוזט דערציילן, — אין דעם האָבן ביידע נישט געצווייפלט. ער האָט זיך פּלוצלינג געוואָלט אויפהייבן: ער איז געלעגן, און זי איז געזעסן אויפן בעט, ווי ער וואָלט קראַנק געווען און זי וואָלט אים געפלעגט... אָבער צוואָס רירן זיך? אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי פּוסט... און פונדעסטוועגן האָט ער אַלץ כסדר געקוקט אויף איר, זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער קאָן ליידן צוליב איר, אָבער שוין אַ חודש — צי ער קוקט יאָ אויף איר, צי נישט — ווי ער זעט זי נישט אינגאַנצן; עפּעס האָט איר פּנים מינוטנווייז באַקומען אַזאַ אויסדרוק... די ליבע, תּמיד אַן אומגעדולדיקע, וואָס האָט זיי צונויפגעבונדן מיט דער זעלבער שטאַרקייט, וואָס עס קאָן צובינדן צו זיך אַ קראַנק קינד, דער גע־

מיינזאַמער אינהאַלט פון זייער לעבן, זייער טויט, די קערפּערלעכע פאַרייניקונג, — גאָרנישט איז פון דעם אַלעם געבליבן צוליבן פאַטאַליזם, וואָס נעמט צו די פרישע פאַרבן ביי די געשטאַלטן, מיט וועלכע אונזער אויג איז שוין אָנגעזעטיקט. „צי האָב איך זי נישט ליב אַזוי שטאַרק, ווי מיר האָט זיך געדאַכט ?" ניין. ער איז אַצינד נאָך געווען זיכער, אַז ווען זי וואָלט אומגעקומען, וואָלט ער געדינט זיין זאַך נישט מיט האָפענונג, נאָר אויס פאַרצווייפלונג, גלייך מיט איר אויסגעשטראָכן פון צווישן די לעבעדיקע. און פונדעסטוועגן האָט זיך קיין זאַך נישט קעגנגעווירקט דער אָפּבליאַקירונג פון דעם פנים, וואָס איז טיף באַהאַלטן געווען אין תהום פון זייער בשותּפותדיק לעבן, ווי אין אַ נעפּל, ווי אין דער ערד. ער האָט זיך דערמאַנט אָן אַ פריינט, וועלכער האָט מיט די אייגענע אויגן געמוזט זיך צוקוקן, ווי ס'איז ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן די אינטעליגענץ פון זיין ווייב, וואָס איז פאַראַליזירט געווען אין משך פון לאַנגע חדשים ; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט אויך אויף אַזאַ אופן ביסלעכווייז אָפּשטאַרבן מאַי, אַז ער זעט דאָס געשטאַלט פון זיין גליק אומזיניק פאַרשוואונדן, ווי אַ וואָלקן, וואָס ווערט פאַרשלונגען דורך אַ פאַרכמורעטן הימל. ווי זי וואָלט צוויי מאָל געשטאָרבן, דורך דער צייט און דורך דעם, וואָס זי האָט אים אַצינד דערציילט.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און דערווייטערט אַזש ביז צום פענסטער. נישט געקוקט אויף דער פאַרמאַטערטקייט, זענען אירע טריט דאָך געווען פעסטע. אַ סענטימענטאַלע שעמעוודיקייט, אויסגעמישט מיט אַ געוויסער שרעקעוודיקייט, האָט זי אָפּגעהאַלטן פון ווייטערע אויפקלערונגען. אויב זיי האָבן וועגן דעם שוין געשוויגן, האָט זי גערן געוואָלט צו דעם זיך שוין נישט אומקערן, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ס'וועט נישט געלונגען די טעמע אויסצומיידן. עס האָט זיך איר געגלוסט אויסדריקן איר גערירטקייט אין גאָרנישט באַדייטנדיקע ווערטער, האָט זי אינסטינקטיוו זיך גענומען באַנוצן מיט זיין באַליבטער פאָרם פון פאַנטאַזירן, מיט געלעגנהייטלעכן אַנימיזם : דער מערץ־בוים הינטערן פענסטער האָט איבער נאַכט אַרויסגעלאָזט קנאָספּן ; דאָס ליכט, וואָס איז געפאַלן

פון צימער, האָט אויפן טונקעלן פּאָן באַלויכטן די איידעלע גרינג־קייט פון די נאָך נישט פונאַנדערגעוויקלטע בלעטלעך.

— ביי טאָג באַהאַלט ער זיינע בלעטער אין שטאַם, און אַצינד שטרעקט ער זיי אויס צו דער נאַכט, ווען קיינער זעט נישט.

זי האָט גערעדט ווי צו זיך, אָבער ווי טיף האָט קיאָ זיך געפילט דערנידעריקט פון איר טאָן?

— וואָלסט געקאָנט אויסקלויבן אַן אַנדערן טאָג — האָט ער אַ צישע געטון דורך די ציין.

ער האָט געזען זיין אָפּבילדונג אין שפּיגל: אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, מיט אַ פּנים אַזאַ דייטלעך יאַפּאַנישס אינמיטן וייסן געלעגער. „ווען איך וואָלט נישט געווען קיין געמישטער"... ער האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג אַוועקגעשטופּט די פיינטלעכע און שענדלעכע געדאַנקען, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפן כּדי צו באַרעכטיקן און אָנזעטן זיין כּעס. און ער האָט געקוקט אויף איר, כּסדר געקוקט, ביז איר פּנים, פאַרטרונקען אין זיין ליידן, האָט צוריק באַקומען די פרישקייט פון אַמאָל.

— אָבער, קיאָ, דווקא היינט האָט דאָך דאָס נישט געקאָנט האָבן קיין שום באַדייטונג... און...

זי האָט געוואָלט צוגעבן: „און ער האָט דאָס אַזוי שטאַרק געוואָלט". אין אָנבליק פון טויט האָט דאָס נישט געקאָסט קיין סך... זי האָט בלויז אַ זאָג געטון:

— אויך איך קאָן מאָרגן שטאַרבן...

איז נאָך בעסער. ער האָט געליטן פון אַ זייער שטאַרק בזיונדיק געפיל פון ווייטיק: מענטשן לעבן איבער אַזאַ געפיל מיט עקל. באמת, זי איז געווען פריי, האָט זיך געמעגט איבערשלאָפן, מיט וועמען זי האָט נאָר געוואָלט. פונוואַנען־זשע האָט זיך גענומען דאָס ליידן, אויף וועלכן ער האָט זיך קיין שום רעכט נישט געגעבן?

— ווען דו האָסט פאַרשטאַנען, אַז איך... אַז דו אינטערעסירסט מיך, קיאָ, האָסטו מיך אין אַ געוויסן טאָג אין שפּאַס געפרעגט — אָבער אַ ביסל ערנסט איז אויך געווען אין דעם — צי

איך גלייב, אַז איך וואָלט מיטגעגאַנגען מיט דיר אין פאַרשיקונג אויף קאַטאָרגע, און איך האָב דיר געענטפערט, אַז איך ווייס אַליין נישט, — אַז עס וואָלט נישט שווער געווען צו גיין, אָבער עס וואָלט שווער געווען אויסצוהאַלטן... דו האָסט דאָך דעמאָלט אַ טראַכט געטון, אַז דאָס איז אַזוי, ווייל איך דו ביסט דאָך צו מיר צוגעבונדן געוואָרן. פאַרוואָס־זשע גלייבסטו אַצינד נישט אין דעם ?

— אויף קאַטאָרגע גייען טאַקע שטענדיק אַזעלכע. קאַטאָוו וואָלט געגאַנגען, ווען ער וואָלט אַפילו נישט שטאַרק ליב געהאַט. ער וואָלט געגאַנגען צוליב דער פאָרשטעלונג, וואָס ער האָט וועגן לעבן, וועגן זיך אַליין... אויף קאַטאָרגע גייט מען נישט צוליב עמעצן.

— קיִאָ, אַזוי מיינען בלויז מענער...

קיִאָ האָט זיך פאַרטיפט אין געדאַנקען :

— און דאָך — האָט ער געזאָגט — ליב האָבן די, וואָס זענען פעיִק דאָס צו טון, און זיין כאָטש אַ ביסל געליבט פון זיי, — וואָס נאָך קאָן מען פאַרלאַנגען פון דער ליבע ? וואָס פאַר אַ גיריקייט איז דאָס, צו פאַרלאַנגען פון זיי חשבון ?... אפילו ווען זיי וואָלטן געוואָלט גיין אַהין... בלויז אויס מאָראַלישער פליכט...

— נישט אויס פליכט — האָט זי געלאַסן געענטפערט. — אויס מאָראַלישער פליכט וואָלט איך זיכער אַהין נישט געגאַנגען.

— אָבער (אויך ער האָט גערעדט געלאַסן) די ליבע האָט דיר נישט געשטערט איבערצושלאָפן זיך מיט דעם פאַרשוין, כאָטש דו ביסט געווען זיכער, — דו האָסט עס אַליין געזאָגט — אַז דאָס וועט מיך איבערראַשן ?

— קיִאָ, דאָס וואָס איך וועל דיר זאָגן וועט אפשר מאָדנע קלינגען, און דאָך וועט דאָס זיין דער אויפריכטיקסטער אמת... מיט פינף מינוט צוריק בין איך נאָך געווען זיכער, אַז דו וועסט עס אויפנעמען גלייכגילטיק. אפשר שטאַמט די זיכערקייט פון ערגעץ אַנדערש... ווען מען איז אַזוי נאָענט פון טויט (איך האָב מיך

צוגעוואוינט, קיִאָ, בלויז צו פרעמדן טויט)," שאַפן זיך אימפּולסן, וואָס האָבן קיין שום געמיינזאַמס נישט מיט דער ליבע...

און דאָך האָט אים געפּייניקט די אייפערזוכט, און נאָך מער דערפאַר, וואָס דער באַגער, וועלכן מאַיִ האָט אין אים געוועקט, איז געווען אַ פּועל־יוצא פון זיין גערירטקייט. מיט צונויפגעלענטע וויִעס, אַלץ נאָך אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, האָט ער זיך באַמיט אַלץ קלאָר צו מאַכן. ער האָט גענומען אויף זיך אַ טרויעריקע אויפגאַבע! ער האָט געהערט בלויז מאַיִס שווערע אָטעמען און דעם הינטלס קראַצן מיט די לאַפּקעס. עס האָט אים פאַרוואונדערט קודם־כל דאָס (עס זענען, ליידער, געווען אויך ווייטערע פונקטן: געמיינזאַם פאַרשלאָסענע הינטער נאָך פאַרמאַכטע טירן), וואָס ער האָט חושד געווען דעם מענטש, מיט וועלכן מאַיִ איז היינט געשלאָפן (איך קאָן אים דאָך נישט האַלטן פאַר איר געליבטן!), אין פאַראַכטונג צו איר. דאָס איז געווען איינער פון אירע אַמאָליקע קאָלעגן, קיִאָ האָט אים קוים געקענט. ער האָט דערפאַר געוואוסט אויסגעצייכנט, אַז כמעט אַלע מענער זענען אומבאַדינגטע מיזאָגיניקער. „אַ טראַכט צו טון בלויז, אַז דערדאָזיקער מענטש קאָן זאָגן, דערפאַר טאַקע, וואָס זי האָט אים צוליב געטון: „דאָס־דאָזיקע זונהלע" ; איך וואָלט אים גערן דערשטיקט. צי ברענגט נישט אַריין אין ווילדן צאָרן אַ מענטש די אייפערזוכט דערפאַר, וואָס ער איז זיך משער, וואָס יענער איז פעיִק צו זאָגן? אָרימע מענטשעלעך"... פאַר מאַיִ האָט דאָס סעקסועלע געביט נישט קיין שום באַדייטונג. דער פאַרשוין דאַרף דאָס געוואויר ווערן, געשלאָפן מיט איר איז ער טאַקע, נאָר זאָל ער זיך נישט איינרעדן, אַז ער האָט געווינען איר נשמה. „איך פאַרליר דעם קאָפּ", האָט ער אַ טראַכט געטון. אָבער ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט העלפן און דאָס איז אויך נישט געווען דער עיקר, ער האָט דאָס אַליין געוואוסט. דער עיקר, וואָס האָט אים צום שטאַרקסטן געפּייניקט, איז געווען דאָס געפיל פון פּלוצלינגדיקער צעשיידונג, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן נישט דורך פאַראַכטונג, — כאָטש פאַראַכטונג איז אויך געווען אין דעם — נישט דורך אייפערזוכט (סיידן,

אַז אייפערזוכט באַטייט פונקט דאָס זעלבע ?) נאָר דורך עפּעס אַ געפיל אָן אַ נאָמען, אַזאַ דעסטרוקטיוויס, ווי די צייט און דער טויט : מאַי איז מער נישט געווען מיט אים. ער האָט געעפנט די אויגן ; וואָס פאַר אַ וועזן איז אייגנטלעך דאָסדאָזיקע אין ספּאָרטפאַרהאַרטעוועטע און נאָענטע געשטאַלט ; דער שטייפער פּראָפיל : דאָס לענגלעכע אויג אַזש ביז צו דער שלייף, אַרייַנגעדריקט צווישן הויכן שטערן און דעם באַקנביין... די, וואָס איז זיך „איבערגעשלאָפן״ ? אָבער צי איז זי נישט די אייגענע, וואָס האָט אויסגעהאַלטן זיינע שוואַכקייטן, זיינע ליידן, זיינע אויסברוכן פון כעס, די אייגענע, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געפלעגט פאַרוואונדעטע חברים, געוואַכט מיט אים איבער די טויטע קערפּערס פון די דערהרגעטע... די זיסקייט פון איר קול, די ליפּט איז נאָך אָנגעזאַפּט געווען מיט דערדאָזיקער זיסקייט... עס פאַרגעסט זיך נישט דאָס, וואָס מען וויל דווקא יאָ פאַרגעסן. דאָס געשטאַלט האָט זיך דאָך עפּעס אויסטערליש געענדערט, — אַזוי אויסטערליש ווי די, וואָס ווערן פּלוצלינג שטום, בלינד, חסור-דעה. און דאָס איז אַ פרוי, די פאַרוואַנדלונג פון מענלעכן מין ? ניין גאָר עפּעס אַנדערש...

זי האָט זיך אים אינגאַנצן אַרויסגעגליטשט. און אפשר דערפאַר טאַקע האָט אים פאַרבלענדט אַ ווילדע גיריקייט זיך צונויפצודריקן מיט איר פאַר יעדן פּרייז, — שרעק, געשריי, געשלעג. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט געוואוסט, אַז ער טוט דאָס אַלץ אין פיבער, אַז מאָרגן וועט ער נישט בכוח זיין צו פאַרשטיין זיין איצטיק געפיל, אָבער ער איז שטיין געבליבן פאַר איר, ווי אויפן ראַנד פון טויט ; און אויך אַזוי ווי צום טויט אינסטינקטיוו זיך אַ וואָרף געטון צו איר : אַ כאַפּ טון, זיך איינזייגן, צוהאַלטן דאָס, וואָס פאַרשווינדט אים, זיך צוטשעפּען... זי האָט געקוקט אויף אים אַן אומרויִקע. אַ טריט פון איר קערפּער האָט ער ענדלעך פאַרשטאַנען, וואָס ער גאַרט אַזוי : נעמען זי און באַהאַלטן זיך מיט איר פאַרן כאַאָס, אין וועלכן זי פאַרשווינדט אים פון די אויגן ; זיי האָבן נישט געדאַרפט זיך דורכדרינגען מיטן

גערדאַנק, ווען זייערע אַלע כוחות האָבן אויפגעשטראָמט אין דער אומאַרמונג פון זייערע קערפּערס, אַרומגעפלאָכטענע מיט די אָרעמס.

זי האָט פלוצלינג זיך אָפּגעקערט: עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגען. פאַר קאַטאָוו איז נאָך געווען צו פרי. דער אויפשטאַנד איז אַנטדעקט? אַלץ וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, די איבערלעבונגען, די ליבע, די שנאה — איז ברוטאַל דורכגעפאַלן. דאָס קלינגען האָט זיך איבערגעחזרט. ער האָט אַפּערגענומען דעם רעוואָלווער פון אונטערן קישן, דורכגעגאַנגען דאָס גערטל; ער האָט געעפנט די טיר אין דער פּיזשאַמע: דאָס איז נישט קאַטאָוו, דאָס איז געווען קלאַפּיק אין זיין סמאָקינג. ער האָט אים פאַרהאַלטן אין גערטל.

— נו, וואָס הערט זיך?

— קודם־כל קער איך אייך אום דעם דאָקומענט: ביטע. אַלץ איז אין אָרדענונג. דער דאַמפער האָט שוין געריירט. ער וועט פאַראַנקערן קעגנאיבער דעם פראַנצויזישן קאָנסולאַט. כמעט ביי יענעם טייך־ברעג.

— ס'זענען פאַראַן עפּעס שוועריקייטן?

— לגמרי נישט. אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט: אָן דעם וואָלט גאָרנישט מעגלעך געווען. אין אַזעלכע פאַלן, איך בעט דאָס גוט צו געדענקען, איז דער צוטרוי אַלץ גרעסער, וואָס ווייניקער מען ריכט זיך אויף אים...

— אַן אָנצוהערעניש?

קלאַפּיק האָט פאַררייכערט אַ ציגאַר. קיאָ האָט בלויז געזען דעם פלעק פון שוואַרצן פלאַסטער אויף זיין פנים. ער איז געגאַנגען נאָכן פאָרטפעל — מאַי האָט געוואַרט — ער האָט זיך אומגעקערט, באַצאָלט פאַר דער פאַרמיטלונג לויטן אָפּמאַך. דער באַראָן האָט, נישט איבערציילנדיק, אַריינגעשטופּט די באַנקנאָטן אין קעשענע.

— גוטסקייט ברענגט גליק — האָט ער געזאָגט. — מיין ליבער! די געשיכטע פון מיין נאַכט איז אַ באַלערנדיק מעשהלע.

זי האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ נדבה און זיך געענדיקט מיט אַ רעגן פון גאָלד. קיין פּיפּס נישט מער!

ער האָט אויפגעהויבן דעם ווייז־פינגער, זיך אָנבייגנדיק איבער קיאָס אויער:

— פאַנטאָמאַס לאָזט אייך גריסן! — ער האָט זיך אויסגע־דרייט און אַוועקגעגאַנגען. קיאָ, ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשלעפּן דעם מאָמענט פון אומקערן זיך, האָט געקוקט, ווי דעם באַראָנס סמאָקינג האָט זיך געשאַרט לענגאויס דער ווייסער מויער. „עפּעס פון פאַנטאָמאַסן, טאַקע אַזוי. ער האָט געטראָפן, איז זיך משער, אָדער...” געגנוג פאַנטאַסטיק: קיאָ האָט דערהערט אַ הוסטן און דערקענט שנעלער, ווי ער וואָלט זיך געריכט: דאָס איז געווען קאַטאָוו. די נאַכט האָבן אַלע זיך געאיילט.

ער איז געגאַנגען אינמיטן גאַס, ווייל ער האָט נישט בדעה געהאַט זיך עמעצן צו וואַרפן אין די אויגן. קיאָ האָט גיכער זיך משער געווען זיין בלוזע, ווי זי געזען: ערגעץ העכער, אין דער פינסטערניש, זיין פאַרריסענע נאָז... חוץ דעם האָט ער דערפילט דאָס וויגן זיך פון זיינע אָרעמס. ער איז צוגעגאַנגען צו אים.

— נו, וואָס הערט זיך? — האָט ער געפרעגט פּונקט אַזוי, ווי ער האָט געפרעגט קלאַפּיקן.

— אין אָרדענונג. און דער דאַמפער?

— קעגנאיבער דעם פראַנצויזישן קאָנסולאַט. ווייט פון דער בריק. אין אַ האַלבער שעה אַרום.

— די וואַך און אונזערע מענטשן געפינען זיך פירהונדערט מעטער ווייט פון דאָרט. קום.

— און די מונדירן?

— דאַרפסט נישט זאָרגן וועגן דעם. די יונגעלייט זענען אַבסאָלוט גרייט.

ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין, שנעל זיך אָנגע־טון; די הויזן, דעם טריקאָט. ער האָט אָנגעשטעקט די לאַטשן (אפשר וועט מען זיך דאַרפן אַרויסכאַפּן). ער איז געווען גרייט. מאַי האָט אויסגעשטרעקט די ליפּן. קיאָ האָט זיי געוואָלט אַ קוש טון, זיינע

ליפּן זענען דערווידער געווען, — ווי זיי וואָלטן, אומאָפּהענגיק פון זיין ווילן, ווייטער באַליידיקט געבליבן. ער האָט איר ענדלעך ווי ס׳איז אַ קוש געטון. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים טרויעריק פון אונטער אירע אַראָפּהענגענדיקע ווי׳עס אַפּער; אירע אויגן, שטאַרק שאָטנדיקע, האָבן באַקומען אַלץ אַ שאַרפערן אויסדרוק. ער איז אַרויסגעגאַנגען.

ווידער ביי קאַטאָווס זייט. ער האָט זיך פונדעסטוועגן נישט געקאָנט אָפּטרייסלען. „זי האָט מיר נאָר-וואָס אויסגעזען ווי אַ צעמישטע אָדער בלינדע. איך קען זי נישט איינגאַנצן. איך קען זי בלויז אַזוי פיל, אַז איך האָב זי ליב, בלויז אין דעם זין, אַז איך האָב זי ליב. מיר נעמען פון יעדן וועזן נאָר דאָס, וואָט מיר ווילן זען דערין, האָט מיין פאָטער געזאָגט... און וואָס ווייטער?” ער האָט זיך פאַרטיפט אין זיך, ווי אין געסל, וואָס איז אינדערווייטנס געוואָרן אַלץ שוואַרצער, ביז מען האָט שוין די טעלעגראַפישע איזאָלאַטאָרן אויך נישט געזען פינקלען אויפן פאָן פון הימל. ער האָט געפונען די סיבה פון זיין אומרויִקייט; ער האָט זיך דערמאַנט אָן די פליטן: „דאָס קול פון אַנדערע הערן מיר מיט די אויערן, דאָס אייגענע — מיטן האַלז”. יאָ. און פונקט אַזוי הערט זיך דאָס אייגענע לעבן מיטן האַלז, און דאָס לעבן פון אַנדערע?... אינאָנהייב איז געווען די איינזאַמקייט, די פולע איינזאַמקייט קעגן דער שטערבלעכער מאַסע, ווי די לאַנגע בראשיתדיקע נאַכט קעגן דער נאַכט, דער געדיכטער, פאַרטייעטער, אין וועלכער עס וואַכט די פוסטגעוואָרענע שטאָט, פול האָפענונג און שנאה. „אָבער איך, וואָס בין איך פאַר זיך, פאַר מיין האַלז? עפּעס אַן אַבסאָלוטע באַשטעטיקונג, אַ באַשטעטיקונג ביז משוגעת: אַ גרעסערע אינטענסיוויטעט, ווי דאָס אַלץ אַרומיקע. פאַר אַנדערע בין איך דאָס, וואָס איך טו”. בלויז פאַר מאַי איז ער נישט געווען דאָס, וואָס ער האָט געטון; בלויז פאַר אים איז זי געווען עפּעס אַנדערש ווי איר ביאָגראַפיע. די פאַרבינדונג, אין וועלכער די ליבע האָט צוזאַמענגעהאַלטן די צווישן זיך פאַרייניקטע וועזנס קעגן דער איינזאַמקייט, האָט נישט געשטאַרקט אין אים דעם מענטש, נאָר דעם משוגענעם, דעם מנוול,

וואָס האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז העכער פון אַלעס, וואָס עס איז יעדע לעבעדיקע בריאה פאַר זיך, און האָט אַ רעכט צו האַנדלען לויטן אויסוואַל פון אייגענעם האַרץ. פון זיין מוטערס טויט אָן איז מאַי געווען דאָס איינציקע וועזן, פאַר וועלכן ער איז נישט געווען קיין גיסאָרס, נאָר דער לייבלעכסטער פאַרבינדעטער. „אַ פאַרבינדעטער אַן אויסגעטיילטער, אַ דעראָבערטער, אַ צוגעקליבענער” — האָט ער געטראַכט אין דער אינטימסטער האַרמאָניע מיט דער נאַכט, ווי זיין געדאַנק וואָלט נישט באַשאַפן געווען פאַר ליכט. „די מענטשן זענען נישט מיינע נאָענטע, זיי אָבסערווירן בלויז און משפטן; מיינע נאָענטע זענען די, וואָס האָבן מיך ליב און אָבסערווירן מיך נישט לגמרי, וואָס האָבן מיך ליב קעגן אַלעם, האָבן מיך ליב קעגן באַליידיקונגען, קעגן געמיינהייט, קעגן פאַראַט, מיך, און נישט דאָס, וואָס איך האָב געטון אָדער וועל טון, וואָס זענען גרייט מיך ליב צו האָבן אַזוי, ווי איך האָב ליב זיך אַליין — אַזש ביז זעלבסטמאָרד, איינשליסלעך... בלויז מיט איר אַליין האָב איך בשותפות די ליבע, וואָס איז יאָ אָדער נישט פאַרניכטעט געוואָרן — ווי אַנדערע האָבן בשותפות קראַנקע קינדער, וואָס זענען אונטערגעוואָרפן דער מעגלעכקייט צו שטאַרבן...” דאָס איז זיכער נישט געווען קיין גליק, נאָר עפּעס זייער בראשיתדיקס, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט דער פינסטערניש און אַרויסגערופן אין אים אַ וואַרימקייט, ווי עס שאַפט זיך צווישן צוויי צונויפגעטוליעטע פנימער — דאָס איינציקע, וואָס איז געווען שטאַרק אין אים, ווי דער טויט.

אויף די דעכער האָבן שאָטנס שוין איבערגענומען די וואַך.

פיר אַ זייגער פאַרטאָג.

דער אַלטער גיסאָרס האָט מיט די פינגער פאַרוויקלט דאָס שטיקל פאַפיר, אויף וועלכן טשען האָט מיט אַ בלייפעדער אָנגעשריבן זיין נאָמען, און עס באַהאַלטן אין קעשענע אַריין. ער איז

געווען אומגעדולדיק, וואָס ער מוז לאָזן וואַרטן זיין אַמאָליקן שילער הינטער דער טיר. ער האָט אויפגעהויבן דעם בליק אויף זיין מיטשמועסער, דעם אַלטן כינעזער אין לאַנגן מלבוש מיטן קאָפּ פון אַ מאַנדאַרין פון דער אינדישער געזעלשאַפט; דער זקן האָט זיך שוין געשאַרט צום אַרויסגאַנג און, מיט אַן אויפגעהויבענעם ווייזפינגער, גערעדט אויף ענגליש: „עס איז גוט, וואָס מיר האָבן די פולע אונטערטעניקייט פון די פרויען, די אינסטיטוציע פון קעפּסווייבער און קורטיזאַנעס. איך וועל ווייטער פאַרעפנטלעכן מיינע אַרטיקלען. נאָר דערפאַר, וואָס אונזערע זיידעס האָבן אויך אַזוי געטראַכט, פאַרמאָגן מיר דידאָזיקע שיינע מאָלערייען (ער האָט אָנגעוויזן מיטן בליק אויף אַ בלויען פעניקס, נישט באַוועגנדיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געמאַכט צו אים אַן אייגל), מיט וועלכע איר און אויך איך זענען שטאָלץ. די פרוי געהערט דעם מאַן, ווי דער מאַן דער מלוכה; און ס'איז לייכטער צו דינען דעם מאַן, ווי דער מלוכה. צי לעבן מיר דען צוליב זיך? מיר זענען דאָך שטויב. אין דער קעגנוואַרט לעבן מיר פאַר דער מלוכה, און אין לויף פון די צייטן — פאַר דער אָרדענונג פון דער שטערבלעכקייט..."

צי וועט ער ענדלעך שוין אַוועקגיין? דערדאָזיקער מענטש, וואָס איז צוגעבונדן צו זיין פאַרגאַנגענהייט, אַפילו אַצינד, אין אָנבליק פון דער כינע, וואָס איז דורכגעפּרעסן פון בלוט, ווי זייערע בראָנזענע וויירויך־פאַנען, טשעפּעט זיך אויך צו פּאָעזיע. פאַר דער אָרדענונג! די מחנות שקלעטן אין געהאָפּטענער קליידונג, צעוואָרפענע אין אומבאַוועגלעכע גרופּעס אין חושך פון די יאָרהונדערטער: קעגן זיי טשען, צווייהונדערט טויזנט אַרבעטער פון די שפּינערייען, אָן געהאָפּטענער קליידונג, דער געדיכטער המון פון די קוליס. די אונטערטעניקייט פון די פרויען? יעדן אָוונט ברענגט מאַי ידיעות וועגן זעלבסטמאָרדן אין חתונה־טאָג. נאָך זיין לעצטער טיפער פאַרנייגונג מיטן קאָפּ אָן די אַקסלען, איז דער אַלטער אַרויסגעגאַנגען מיט אַן אויפגעהויבענעם פינגער: „פאַר דער אָרדענונג, הער גיסאָרס!..."

ווי נאָר גיסאָרס האָט דערהערט, אַז די טיר הינטער אים

איז פאַרמאַכט געוואָרן, האָט ער אַריינגערופן טשענען און זיך אומגעקערט מיט אים אין זאַל אַריין מיט די פעניקסן.

טשען האָט אָנגעהויבן זיך דרייען איבערן זאַל. יעדעס מאָל, ווען ער איז דורכגעגאַנגען, דריפּערטל אויסגעדרייט צו גיסאָרסן, וואָס איז געזעסן אויף דער סאָפע, האָט ער דערמאַנט אָן עגיפּטישן בראָנזענעם רויבפויגל, וואָס זיין פאָטאָגראַפיע האָט קיִאָ באַהאַלטן אויס סימפּאַטיע צו טשענען, ווייל ער איז געווען ענלעך צו אים. באמת טאַקע, די ענלעכקייט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין, נישט געקוקט דערויף, וואָס טשענס גראָבע ליפּן האָבן אויסגעדריקט ערלעכקייט. „איבעריקנס, איז דאָך דער רויבפויגל באַקערט געוואָרן דורך פראַנציסק פון אַסיזי", האָט גיסאָרס אַ טראַכט געטון.

טשען האָט זיך פאַרהאַלטן פאַר אים.

— דאָס האָב איך דערהרגעט טאַנג־יען־טאַ — האָט ער געזאָגט.

ער האָט באַמערקט אין גיסאָרס אויגן, ווי אַ פונק פון גערירטקייט. די גערירטקייט איז אים געווען דערווידער און ער האָט זיך האַלב געשראָקן פאַר איר. דער קאָפּ אַריינגעדריקט צווישן די אַקסלען, אין גאַנג אַרויסגעשטעלט פאָרויס, און דער קרומער פּראָפיל פון דער נאָז האָבן בולט געמאַכט די ענלעכקייט צום רויבפויגל, נישט געקוקט אויף זיין אַראָפּגעזעצטער פיגור; אויך די קליינע אויגן, כמעט אָן וויִעס, האָבן דערמאַנט אַן דער ענלעכקייט צום פויגל.

— וועגן דעם טאַקע האָסטו געוואָלט רעדן מיט מיר?

— יאָ.

— קיִאָ ווייסט וועגן דעם?

— ער ווייסט.

גיסאָרס האָט זיך מיישב געווען. אויב ער וואָלט נישט געוואָלט ענטפערן טשענען מיט אַן אויסרייד, וואָלט ער אים געמוזט אָפּזאָגן זיין הסכמה. דאָס האָט אים פונדעסטוועגן פאַרשאַפט עגמת־נפש. „איך ווער אַלט", האָט ער אַ טראַכט געטון.

טשען האָט ווידער אָנגעהויבן גיין.

— איך בין שרעקלעך איינזאַם — האָט ער געזאָגט, ענדלעך אים אַ קוק טוענדיק אין פנים אַריין.

גיסאָרס איז געווען צעטומלט. עס האָט אים נישט געוואונדערט, וואָס טשען טוליעט זיך צו אים: ער איז געווען זיין מייסטער דורך לאַנגע יאָרן אין כינעזישן פולן זינען פון דעם וואָרט — כמעט אַ פאָטער, עפּעס מער פון אַ מוטער; זינט טשען האָט פאַרלוירן די עלטערן, איז גיסאָרס אָן ספק געווען דער איינציקער מענטש, וואָס זיין אַפּוטרופּסות האָט שטאַרק געקאָנט צונוצקומען דעם יונגנמאַן. גיסאָרס האָט בלויז נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס טשען, וועלכער האָט זיכער די נאַכט זיך געזען מיט די אַנדערע טעראָריסטן, וואָרים ער האָט דאָך גערעדט מיט זיין זון, האָט אויסגעזען אַזוי ווייט פון זיינע חברים.

— און די אַנדערע? — האָט ער געפרעגט.

טשען האָט זיי ווידער דערזען אין ווינקל פון דער קראָם מיט די גראַמאָפאָן-פּליטן, ווי זיי האָבן אַראָפּגעטויכט אין דער פינסטערניש און ווידער אין ליכט אָפּגעשוואומען, אַנטשפּרעכנדיק צו די וואַקלונגען פון לאָמפּ, בשעת די גריל האָט געזונגען.

— זיי ווייסן נישט.

— אַז דאָס האָסטו?...

— אַן, וועגן דעם? זיי ווייסן. נישט אין דעם גייט עס.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. גיסאָרס האָט מער נישט געפרעגט. טשען האָט ענדלעך פאַרענדיקט:

... אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל.

אַצינד האָט גיסאָרס געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט פאַרשטאַנען. טשען האָט דאָס דערפילט:

— ניין. דו האָסט נישט פאַרשטאַנען.

זיין רעכטע האַנט האָט אינסטינקטיוו זיך אַראָפּגעגליטשט לענגאויס זיין היפט: ער האָט ווידער דערפילט דעם דורכגעהאַקטן קערפּער, וועלכן דער שלאָף האָט עלאַסטיש אונטערגעוואָרפן ביים אַריינזעצן דאָס מעסער. דאָס איז גאָרנישט. ער וועט ווידער אָני-

הייבן. אָבער דערווײַל האָט ער געזוכט אַ באַהעלטעניש. יענע טיפֿע ליבע, וואָס נייטיקט זיך נישט אין קיין דערקלערונגען, האָט גיסאָרס געהאַט בלויז פֿאַרן זון. ווי אַזוי זאָל ער דאָס אויפֿקלערן?

— דו האָסט קיינמאָל קיינעם נישט דערהרגעט, אמת?

— דו ווייסט דאָך דאָס.

דאָס האָט אויסגעזען וואָרשײַנלעך, אָבער הײַנט האָט טשען נישט געטרויט אַזאַ וואָרשײַנלעכקייט. פּלוצלינג איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז גיסאָרס פֿאַרהאַלט זיך אַזוי, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט זיך דערטראַכטן צו עפּעס. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן. באַוועגנדיק מיטן קאָפּ אין דער לענג, אַזוי, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי זײַנע האָר וואָלטן אין דער באַוועגונג לענגער געוואָרן, האָט יענער אים באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, פֿאַראינטריגירט פֿון דעם, וואָס טשען האָט אַזוי ווי פֿאַרלוירן די פֿעיִקייט צו זשעסטיקולירן. דאָס האָט גורם געווען די וואונד, וועגן וועלכער ער האָט גאָרנישט דערציילט; נישט דערפֿאַר, וואָס עס האָט שטאַרק געליטן (עפּעס אַ חבר, אַ סאַניטאַר, האָט אים אויסגערייניקט די וואונד און זי פֿאַרבאַנדאַזשירט), נאָר ווײַל ער האָט זיך אַ ביסל געשעמט. ווי געוויינטלעך בשעת אַ ישוב, האָט גיסאָרס באַוועגט מיט די פֿינגער, ווי ער וואָלט צונויפֿגעוויקלט אַ פּאַפּיראָס:

— אפֿשר...

ער האָט איבערגעריסן, זײַנע העלע אויגן זענען שטיין געבליבן אומבאַוועגלעך אין זײַן גלאַט־אויסראַזירט פּנים. טשען האָט צוגעוואַרט. גיסאָרס האָט אַ זאָג געטון, כּמעט ברוטאַל:

— איך גלייב נישט, אַז די בלויזע דערינערונג וועגן מאָרד איז גענוג דיך אַזוי שטאַרק אויפֿצוטרייסלען.

ס'איז זייער קלאָר, אַז ער מיינט נישט דאָס, וואָס ער זאָגט, האָט טשען געפּרוּווט אין די געדאַנקען זיך אַרויסדרייען; אָבער גיסאָרס האָט גוט געצילט. טשען האָט זיך געזעצט, אַ קוק געטון אויף זײַנע פֿיס:

— ניין, איך גלייב אויך נישט, אַז ס'איז גענוג די בלויזע

דערינערונג. עס איז דאָ עפּעס אַן אַנדערע זאַך, אַ ממשותדיקע. איך וואָלט געוואָלט וויסן וואָס.

צי צוליב דעם איז ער טאַקע געקומען?

– די ערשטע פרוי, מיט וועלכער דו ביסט געשלאָפן, איז, מסתמא, געווען אַ פּראָסטיטוטקע? — האָט גיסאָרס געפרעגט.

— איך בין אַ כינעזער – האָט טשען באַליידיקט געענטפערט.

ניין, האָט גיסאָרס אַ טראַכט געטון. מחוץ דעם סעקסועלן געביט איז טשען זיכער נישט קיין כינעזער. לויט די עמיגראַנטן פון אַלע לענדער, וועלכע שאַנכיי האָט פאַרשלונגען, האָט גיסאָרס נישט איינמאָל זיך איבערצייגט, ווי יעדער מענטש טיילט זיך אָפּ פון זיין פאָלק אויף אַ באַזונדערן, פאַר זיין פאָלק כאַראַקטעריסטישן, אופן; טשען אָבער האָט שוין נישט געהערט צום כינעזישן פאָלק אַפילו לויטן אופן, ווי ער האָט עס פאַרלאָזט: די אַבסאָלוטע פריי-הייט האָט אים אויך אַבסאָלוט אָפּגעגעבן אַלס רויב פאַר זיינע געדאַנקען.

– וואָס האָסטו געפילט דערנאָך? — האָט גיסאָרס געפרעגט.

טשען האָט צונויפגעדריקט די פינגער.

– שטאָלץ.

– וואָס דו ביסט אַ מאַן?

– וואָס איך בין נישט קיין פרוי.

אין זיין קול האָט זיך נישט געהערט קיין באַליידיקונג: בלויז שטאַרקע פאַראַכטונג.

– דאַכט זיך, דו האָסט געוואָלט זאָגן, אַז איך דאַרף מיך פילן... אָפּגעזונדערט?

גיסאָרס האָט זיך נישט געאיילט צו ענטפערן.

– יאָ. שרעקלעך. און דו ביסט גערעכט, וואָס דו האָסט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן פרויען. אפשר פאַראַכנעט מען דעם, וועלכן מען דערהרגעט. אָבער נישט אַזוי שטאַרק, ווי אַנדערע.

– די, וועלכע דערהרגענען נישט.

– די, וועלכע דערהרגענען נישט. די בתולות!

ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיך דרייען איבערן זאַל. זיין

לעצט וואָרט איז געפאַלן ווי אַ באָמבע און עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שטילקייט; גיסאָרס האָט, צו זיין באַדויערן, שוין אָנגעהויבן פילן די פאָלגן פון דער אָפּגעזונדערטקייט, וועגן וועלכער טשען האָט גערעדט. ער האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט, אַז טשען האָט תמיד געהאַט אַ ווידערגעפיל צו געיעג.

— צי האָט דיך נישט געעקלט דאָס בלוט?

— אדרבה. אָבער נ י ש ט ב ל ו י ז געעקלט.

ער האָט אַרויסגעזאָגט דעם זאַץ, דערווייטערנדיק זיך פון גיסאָרסן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרייט און איינגעגראָבן דעם בליק אין פעניקס, ווי ער וואָלט אים פאַרזינקען אין גיסאָרס אויגן.

— איז וואָס־זשע? מיט פרויען ווייסט מען וואָס צו טון, ווען זיי ווילן דיך פאַרהאַלטן לעבן זיך: מען לעבט מיט זיי. וואָס־זשע זאָל מען אָבער טון מיטן טויט?

מיט נאָך שטאַרקערער ביטערקייט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון פעניקס:

— פאַרייניקן זיך מיטן טויט?

גיסאָרס האָט געהאַט אַן אָפן האַרץ פאַר יעדן, מיט וועמען ער האָט נאָר גערעדט, און איז גרייט געווען יעדן צו העלפן; צו טשענען האָט ער געהאַט גאָר אַ באַזונדערע שוואַכקייט. אָבער ער האָט שוין קלאָר געזען: אַז די מיטאַרבעט מיט דער קאַמף־גרופּע געגנוגנד נישט טשענען, דער טעראָר האָט אים אָנגעהויבן פאַרכישופן. נאָך אַלץ כסדר פאַרדרייענדיק זיין אומגעזעענעם פאַפּיראָס, מיטן קאָפּ אָנגעבויגן פאָרויס, ווי ער וואָלט באַטראַכט דעם טעפּיך, מיט אַ ווייסן לאָק האָר, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין דינער נאָז, האָט ער זיך באַמיט צוצוגעבן זיינע רייד אַ גלייכגילטיקן טאָן:

— מיינסט, אַז דו וועסט דיך נישט קאָנען אָפּרייסן...

אָבער די נערוון האָבן זיך צעשפּילט אין אים און ער האָט מיט פאָרוואורף פאַרענדיקט:

— ... און צוליב דעם ביסטו געקומען צו מיר... כּדי זיך מיט דיין פּיין צו ראַנגלען...

אַ שטילשווייגן.

— פּיין? ניין — האָט טשען ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט. — פאַטאַליזם?

ווידער אַ שטילשווייגן. גיסאָרס האָט געפילט, אַז ער איז נישט אימשטאַנד צו מאַכן קיין שום באַוועגונג, אַז ער קאָן אים נישט אָננעמען ביי דער האַנט, ווי ער האָט אים אַמאָל אָנגענומען, האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ מאַט קול, ווי ער וואָלט פּלוצלינג באַפאַלן געוואָרן פון גרויס עגמת־נפש:

— דעריבער דאַרף מען אים דורכטראַכטן און דערפירן ביזן עקסטרעם. און אויב דו ווילסט לעבן מיט אים...

— איך וועל בקרוב אומקומען.

צי וויל ער דאָס נישט מער פון אַלץ? — האָט גיסאָרס אַ טראַכט געטון. עס רייצט אים נישט קיין רום, עס לאָקט אים נישט קיין גליק. פעיִק אויף זיג, אָבער נישט צו לעבן אין זיג, — וואָס קאָן ער דען פאַרלאַנגען, אויב נישט דעם טויט? ער וואָלט אים טאַקע געוואָלט צוגעבן דעם זעלבן זין, וואָס אַנדערע גיבן צו דעם לעבן. שטאַרבן ווי געהעריק. זיין אַמביציעזער גייסט פאַר־טראָגט נישט קיין האַלבקייטן, און איז שוין אַזוי אָפּגעשניטן פון דער וועלט, אָדער שוין אַזוי קראַנק, אַז ער איז מבטל אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַמביציע, און אפילו די אַמביציע אַליין.

— אויב ווילסט לעבן מיט דעם... פאַטאַליזם, איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה: מוז מען אים עמעצן איבערגעבן.

— ווער וואָלט זיך אַרויסגעוויזן ראוי פאַר אים? — האָט טשען געפרעגט דורך צונויפגעדריקטע ציין.

די לופט איז געוואָרן אַלעמאָל שווערער, ווי זי וואָלט אָנ־געזאַפּט געוואָרן מיט די אויסדעמפונגען פון מאָרד, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך זייערע רייד. גיסאָרס האָט שוין נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט: אַלץ, וואָס ער האָט ביז אַצינד גערעדט, האָט געקלונגען פאַלש, לייכטזיניק, בּזריש.

— איך דאַנק דיר — האָט טשען געזאָגט. ער האָט זיך פאַרנייגט ביזן גאַרטל, אויפן כינעזישן שטייגער (ביז אַצינד האָט ער זיך אַזוי קיינמאָל נישט געבייגט), ווי עס וואָלט אים ליבער געווען נישט צו באַרירן גיסאָרסן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

גיסאָרס האָט זיך צוריקגעזעצט אויף דער סאָפע, אָנגעהויבן אויפסניי צונויפצודרייען זיין אומגעזעענעם פאַפּיראָס. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט ער זיך געפונען פּנים-על-פּנים נישט מיט קאַמף, נאָר מיט בלוט. און ער האָט, ווי געוויינטלעך, אַ טראַכט געטון וועגן זון: קיאָ וואָלט נישט פעיק געווען צו אָטעמען אין דעם כאַאָס, אין וועלכן טשענען קומט אויס אַצינד צו לעבן... צי איז דאָס זיכער אַזוי? טשען האָט דאָך אויך אַמאָל געהאַט אַ ווידערגעפיל צו געיעג, טשענען האָט דאָך אויך געעקלט פון בלוט, — פריער. אין די באַדינגונגען, — וואָס האָט ער געקאָנט וויסן וועגן זון? אויב זיין ליבע האָט דאָ נישט געקאָנט שפּילן קיין שום ראָלע, אויב ער האָט זיך געקאָנט שטיצן בלויז אויף דער קליינער צאָל דערינערונגען, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָ רייסט זיך איבער אַלץ, וואָס ער קאָן וויסן וועגן קיאָ. ער איז אַרומגענומען געוואָרן פון אַ שטאַרקן באַגער, אים שוין צו זען פאַר זיך, — אַזוי באַגערט מען צו זען דאָס לעצטע מאָל די אייגענע נאָענטע אין טויטארון. ער האָט געוואוסט, אַז קיאָ איז אַרויסגעגאַנגען.

וואוהין? טשענס אָנוועזנהייט האָט זיך נאָך געפילט אין דעם צימער. דער בחור איז אַריינגעשפּרונגען אין קעסל-גרוב פון מאָרד, פון וועלכן ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אַרויסקריגן. ער האָט זיך געלאָזט אַריינפירן אין לעבן פון די טעראָריסטן מיט פאַרביסנקייט, ווי אין אַ תּפיסה. עס וועלן נישט אַריבער קיין צען יאָר, ווי מען וועט אים כאַפּן, פּייניקן, אָדער אינגאַנצן אומברענגען. ביז דעמאָלט וועט ער לעבן, ווי אַ משוגענער אין דער וועלט פון טאַט און טויט. די אידעען, וואָס האָבן אים ביז איצט גענערט, האָבן אים אַצינד אַרויסגעגעבן אויף אומקום.

דאָס זענען געווען די סיבות, צוליב וועלכע גיסאָרס האָט געליטן. אויב קיאָ וועט אומברענגען עפּעס אַ מענטש, וועט ער

האָבן אויסגעפירט בלויז די פליכט, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך. גאָרנישט מער: אַלץ, וואָס קיָאָ טוט, טוט ער ווי געהעריק. אָבער אים האָט געשראָקן די טיפע אויפטרייסלונג, די פעסטע איבערצייגונג וועגן פאַטאַליזם פון מאָרד, אַרויסגערופן דורך אַ סם, וואָס איז אַ סך שרעקלעכער פון דעם, וועלכן ער אַליין באַנוצט. ער האָט פיינלעך געפילט, ווי ווייניק הילף, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט, טשען האָט ביי אים געפינען; ווי שרעקלעך איינזאַם עס איז אַ מאָרד, ווי גיך קיָאָ האָט·אין דער פיין זיך דערווייטערט פון אים. צום ערשטן מאָל האָט דער זאַץ, וועלכן ער האָט אָפט איבערגעחזרט: „מיר ווייסן גאָרנישט וועגן די לעבעדיקע וועזנס", אין זיין געדאַנק זיך אידענטיפיצירט מיטן פנים פון זיין זון.

טשען. צי קען ער דעם בחור? ער האָט לחלוטין נישט געגלייבט, אַז דערינערונגען שאַפן אַ גענוגנדיקן באַגריף וועגן מענטשן. ער האָט געדענקט טשענס פריסטע דערציִונג, זיין רעליגיעזע דערציִונג; ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט דעם ווייניק באַרעדעוודיקן פאַריתומטן יינגל — זיינע עלטערן זענען אומגעקומען בשעת דעם פּאָגראָם אין קאַלגאַן, — איז טשען נאָר־וואָס געהאַט אַרויסגעטרעטן פון דער לוטעראַנער שולע, וואו עס האָט מיט זיין דערציִונג זיך פאַרנומען אַ שווינדזיכטיקער אינטעלעקטואַליסט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ פאַסטאָר און האָט אויפן פופציקסטן לעבנס־יאָר דורך באַרמהאַרציקייט זיך באַמיט איינצושטעלן זיין בּרויזנדיקע רעליגיעזע אומרויִקייט. אָנגעגריפן דורך דער בושה פון קערפּער, יענער בושה, וואָס האָט אַמאָל שטאַרק געמאַטערט דעם הייליקן אויגוסטין, פון דעם אומווירדיקן קערפּער, אין וועלכן עס קומט אויס צו לעבן צוזאַמען מיט קריסטוסן, דורכגענומען מיט עקל צו דער ריטואַל־ציוויליזאַציע פון כינע, וואָס האָט אים פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט, נאָך מער פאַרשטאַרקנדיק דעם דראַנג צו אַן עכט רעליגיעז לעבן, האָט דער פאַסטאָר אויסגעוועבט פון זיין פיין אַ בילד פון לוטערן, מיט וועלכן ער האָט טיילמאָל מכבד געווען גיסאָרסן: „דאָס איינציקע לעבן איז אין גאָט; נאָר דער

מענטש איז אַזוי באַשמוצט מיט זינד, אַזוי פאַראומרייניקט, אַז זיך דערנענטערן צו גאָט וואָלט געווען אַן אמתע לעסטערונג. דאָס איז דער זין פון קריסטוסן, פון דער אייביקער קרייציקונג". עס איז נאָך געווען דער גנאָד, די אומבאַגרענעצטע ליבע, אָדער די דראָונג, אַנטשפּרעכנדיק צו דער קראַפט אָדער שוואַכקייט פון דער האָפענונג; אָבער דראָונג איז ווידער זינד. און עס איז געווען אויך די באַרמהאַרציקייט; אָבער נישט תּמיד קאָן מען מיט באַרמהאַרציקייט אויסשעפּן דעם קוואַל פון פּיין.

דער פּאַסטאָר האָט זיך צוגעבונדן צו טשענען. ער האָט נישט חושד געווען, אַז טשענס פעטער וואָס איז באַלעסטיקט געווען מיטן יינגלס דערציונג, האָט אים געשיקט צו די מיסיאָנערן בלויז צוליב דער ענגלישער און פראַנצויזישער שפּראַך, און אים געוואָרנט פאַר זייער לערע, דער עיקר וועגן גיהנום, אין וועלכן דער אָנהענגער פון קאָנפוציוסן האָט נישט געגלייבט. דאָס יינגל, וואָס האָט כּסדר פאַרבּרענגט מיט קריסטוסן, נישט מיטן שטן אָדער מיט גאָט — די פּראַקטיק האָט געלערנט דעם פּאַסטאָר, אַז מען קאָן באַקערן מענטשן נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון שטעלפאַרטרעטער, — האָט זיך אָפּגעגעבן דער ליבע מיטן זעלבן ברען, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין אַלעם. פונדעסטוועגן האָט ער געפילט אַזוי פיל אַכטונג צו זיין מייסטער — דאָס איינע האָט כּינע אין אים טיף איינגעפלאַנצט, — אַז קעגן דער לערע וועגן ליבע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויפן פּאַסטאָרס פיינלעכע ראַנגלענישן און דערזען אין דער פאַנטאַזיע אַ גיהנום, וואָס האָט זיך אָנגעוואָרפן אַ סך אומרחמנותדיקער און איז געווען אַ סך שרעקלעכער פון דעם, קעגן וועלכן מען האָט אים געפּרוווט באַוואָפענעם.

דער פעטער איז צוריקגעקומען. דערשראָקן פון מצב, אין וועלכן ער האָט געטראָפן זיין שוועסטערזון, האָט ער באַשיידן אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט, געשיקט עטלעכע טורקוס־און קרישטאָל־צווייגלעך צום דירעקטאָר, צום פּאַסטאָר, צו עטלעכע אַנ־דערע; אין אַכט טעג אַרום האָט ער צוריק אַהיימגענומען טשע־

נען און די צווייטע וואָך אים אַוועקגעשיקט אין אוניווערזיטעט אַריין קיין פּעקין.

נאָך אַלץ דרייענדיק זיין אומגעזעענעם פּאַפּיראָס צווישן די קני, מיט אַן אַראָפּהענגענדיקער, אומרויִקער ליפּ פון טראַכטן, האָט גיסאָרס זיך געפּרוווט דערמאַנען טשענס בילד פון יענע יוגנט־יאָרן. אָבער ווי אַזוי קאָן מען אָפּטיילן יענץ בילד פון איצטיקן מאָמענט ? „איך שטעל מיך אָפּ אויף זיינע רעליגיעזע נייגונגען דערפאַר, וואָס קיאָ האָט אַזעלכע קיינמאָל נישט געהאַט און דערפאַר, וואָס אַצינד פריידט מיך יעדער טיפערער אונטערשיד צווישן זיי... פאַר־וואָס דאַכט זיך מיר, אַז איך קען אים בעסער פון מיין אייגענעם זון ?“ דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט דייטלעך געזען פונוואַנען עס האָט זיך דערנומען דער אונטערשיד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אונטער זיין איינפלוס ; די פעסטע, גרינטלעכע, דעפינירטע מאָדי־פיצירונג, איז געווען זיין ווערק, און ער האָט אין יעדער פערזאָן צום בעסטן באַגריפן טאַקע דאָס, וואָס דידאָזיקע פערזאָן האָט אים געהאַט צו פאַרדאַנקען. פון ערשטן מאָמענט אָן, וואָס ער האָט אָנ־געהויבן אָבסערווירן טשענען, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער בחור קאָן לעבן נאָר מיט אַזאַ אידעאָלאָגיע, וואָס פאַרוואַנדלט זיך גלייך אין מעשים. פריי פון באַרמהאַרציקייט, האָט ער דורך רעליגיעזן לעבנסשטייגער געקאָנט דערגיין נאָר צו זעלבסטפאַר־טיפונג אָדער אינערלעך לעבן ; אָבער ער האָט פיינט געהאַט זעלבסטפאַרטיפונג און וואָלט געחלומט אויסשליסלעך וועגן אַן אַפּאָסטאָל־לעבן, ווען עס וואָלט אים נישט טאַקע אָפּגעהאַלטן דער מאַנגל אין באַרמהאַרציקייט. כדי זיך אויפצוהאָדעווען און לעבן, האָט ער קודם־כל געמוזט אַנטלויפן פון קריסטנטום. (פון זיינע האַלבע רייד האָט מען זיך געקאָנט משער זיין, אַז די באַקאַנט־שאַפט מיט סטודענטן און די פּראָסטיטוטקעס האָבן אים באַפרייט פון דער איינציקער זינד, וואָס איז שטענדיק שטאַרקער געווען פון טשענס ווילן, פון אָנאַניזם ; וואָס צוליב דעם איז פאַרשוואונדן דאָס אייביק זיך איבערחזרנדיקע געפיל פון עגמת־נפש און דער־נידערונג). זיין בייער מייסטער האָט אָקעגנגעשטעלט דעם קריסטנ־

טום נישט קיין אַרגומענט, נאָר אַנדערע פֿאָרמען פֿון גרויסקייט, און אָן שום אינערלעכע קאָנפֿליקטן, גלייכמעסיק — האָט דער גלויבן זיך דורכגעגליטשט דורך טשענס פֿינגער ווי זאַמד. אָפּגעריסן דורך אים פֿון כינע, געוואוינט אויסצומיידן די וועלט, איידער זיך איר אונטערצוגעבן, האָט ער פֿאַרשטאַנען אין גיסאָרס עניין, אַז אַלץ איז געשען אַזוי, אַז דער לעבנס־פּעריאָד איז געווען בלויז אַ פֿאָרשפּיל צום הימלישן אינהאַלט: וואָס דאַרף מען טון מיט דער נשמה, אויב ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, נישט קיין קריסטוס?

ערשט אין דעם האָט גיסאָרס דערקענט זיין זון, וועלכן נישט דאָס קריסטנטום, וואָס איז אים איז געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק, נאָר די יאַפּאַנישע דערציִונג (קיִאָ האָט זיך דערצויגן אין יאַפּאַן פֿון אַכט ביז זיבעצן יאָר) האָט איינגעפֿלאַנצט די איבערצייגונג, אַז אָנשויאונגען עקזיסטירן נישט דערפֿאַר, מען זאָל זיי אָנערקענען, נאָר דערפֿאַר, מען זאָל זיי איבערלעבן. קיִאָ איז צוגעטרעטן צו דער באַוועגונג מיט ישוב־הדעת און באַוואוסטזיין וועגן דער סכנה, ווי אַנדערע קלויבן זיך אויס דעם מונדיר אָדער ים; ער האָט פֿאַרלאָזט דעם פֿאָטער, אַוועקגעפֿאָרן קיין קאַנטאָן, קיין טיענטסין, געלעבט אויפֿן זעלבן אופֿן, ווי דער אַרבעטער און קוליס, אָרגאַניזירט סינדיקאַטן. נאָכן פֿאַלן פֿון שאַטאָו, ווען טשענס פֿעטער איז גענומען געוואָרן אַלס ערובניק און אומגעקומען, ווייל ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך אויסצולייזן, איז טשען געבליבן אָן געלט, באַזאָרגט מיט ווערטלאָזע דיפּלאָמען, אין אָנבליק פֿון זיינע פֿירונצוואָנציק יאָר און פֿון כינע. ער איז געפֿאָרן מיט לאַסט־אויטאָס, כּל־זמן די וועגן אויף צפֿון זענען געווען אומזיכער, דערנאָך איז ער געווען געהילף־פּראָוויזאָר, דערנאָך — גאָרנישט, אַלץ האָט אים געשטויסן צו פּאָליטישער טעטיקייט: די האָפֿענונג אויף אַ נייער וועלט, די מעגלעכקייט ווי־ס׳איז צו דערנערן זיך (ער איז געווען באַשיידן, מסתמא צוליב שטאָלץ), צו שטילן זיין שנאה, זיינע געדאַנקען און כאַראַקטער. דאָס האָט צוגעגעבן אַ זין זיין איינזאַמקייט. ביי קיִאָ איז אָבער אַלץ געווען פּשוטער. ער האָט טראַק־

טירט די העלדישקייט ווי דיסציפּלין, און נישט ווי אַ באַרעכטיקונג פון לעבן. קיין זאַך האָט אים נישט באַאומרויִקט. דער זין און אינהאַלט פון זיין לעבן זענען אים באַקאַנט געווען: איינפּלאַנצן אין יעדן פון דידאָזיקע מענטשן, וועלכע דער הונגער שטיקט ווי אַ פאַמעלעכע פעסט, אַ געפיל פון זעלבסטווירדע. ער האָט געהערט צו זיי: עס האָט זיי פאַרייניקט אַ געמיינזאַמער שונא. אַ געמישטער, וואָס האָט נישט געהערט צו קיין שום קאַסטע, פאַראַכטעט דורך די ווייסע, און נאָך מער דורך די ווייסע פרויען, האָט ער נישט געפּרוּווט געווינען זיי: ער האָט געזוכט, און געפונען אייגענע. „עס איז נישטאָ און קאָן נישט זיין קיין ווירדע און רעגל לעבן פאַר אַ מענטש, וועלכער אַרבעט צוועלף שעה אין טאָג און ווייסט נישט, נאָכוואָס ער אַרבעט". דידאָזיקע אַרבעט האָט געמוזט קריגן אַ זין, ווערן אַ היימלאַנד. אינדיווידועלע פּראָבלעמען האָבן געהאַט ביי אים אַן אָרט נאָר אין פּריוואַטן לעבן.

דאָס אַלץ איז געווען פאַר גיסאָרסן קלאָר. „און ווען קיִאָ וואָלט געקומען און געזאָגט, ווי טשען מיט אַ ווײַלע צוריק: „דאָס האָב איך דערהרגעט טאַנג־יען־טאַ": ווען ער וואָלט דאָס געזאָגט, וואָלט איך אַ טראַכט געטון „איך האָב שוין דאָס פריער געוואוסט". אַלץ, וואָס גייט אַריין אין די ראַמען פון זיינע מעגלעכקייטן, געפינט אין מיר אַזאַ שטראַקן אָפּקלאַנג, אַז וואָס ער זאָל נישט זאָגן, וועל איך אַ טראַכט טון „כ'האָב שוין דאָס פריער געוואוסט". ער האָט אַ קוק געטון דורכן פענסטער אין דער פאַרגליווערטער און גלייכגילטיקער נאַכט אַריין. „אָבער ווען איך זאָל דאָס שוין טאַקע פריער וויסן אָן ספק, אַזוי, אַז דאָס זאָל מיך לגמרי נישט וואונדערן, וואָלט איך אים געקאָנט מציל זיין". אַ פיינלעכע השערה, אין וועלכער ער האָט פשוט נישט געגלייבט.

צי האָט ער נאָך געקאָנט האָבן צוטרוי צו זיין געדאַנק?

זינט קיִאָ איז אַרויסגעפאָרן האָט די השערה געדינט אויסשליסלעך צו באַרעכטיקן דעם זונס טעטיקייט, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען שוואַך און זיך געלאָזט הערן ערגעץ אין צענטראַלכינע אָדער אין די דרום־פּראָווינצן (געוויינטלעך האָט ער אין משך

פון דריי חדשים אַפילו נישט געוואוסט וואו). אויב די אומרויִקע סטודענטן האָבן געפילט, אַז זיין גייסטיקייט שטיצט זיי מיט אַזאַ ברען און דורכדרינגלעכקייט, האָבן בלויז די אידיאָטן פון פעקין געקאָנט זיין אין דער מיינונג, אַז גיסאָרס שפּילט זיך אַזוי להכעיס מיטן לעבן פון די יונגע מענטשן, וואָס זיין עלטער האָט אים דערוויטערט פון זיי; ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיי דערפאַר, וואָס אין אַלע ענלעכע דראַמעס האָט ער געזען דעם גורל פון זיין זון. ווען ער האָט אָנגעוויזן די סטודענטן, וואָס האָבן דער עיקר געשטראָמט פון קליינבירגערטום, אַז זיי מוזן זיך אַרויסזאָגן אָדער פאַר די מיליטער-פירער, אָדער פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווען ער האָט גערעדט צו די, וואָס האָבן שוין געהאַט אויסגעקליבן: „דער מאַרקסיזם איז נישט קיין דאָקטרין — ער איז ווילן; פאַרן פּראָלעטאַריאַט און פאַר די, וואָס גייען איבער צו אים — פאַר אייך — איז דאָס — ווילן פון זעלבסטערקענטעניש, פון דערפילן זיך אַלס פּראָלעטאַריאַט, פון זען אין זיג דעם פּראָלעטאַריאַט; נישט צוליב דעם דאַרפט איר זיין מאַרקסיסטן, כדי צו זיין גערעכט, נאָר כדי צו זיגן, נישט מיסברויכנדיק מיט זיך”, ווען ער האָט דאָס אַלץ גערעדט, האָט ער גערעדט צום זון, גענומען אים אין באַשיצונג. און אויב ער האָט געוואוסט, אַז נישט דער ריגאָרישער גייסט פון זיין זון ענטפערט אים דאָס אַזוי, ווען ער פלעגט נאָך דידאָזיקע פאָרטראַגן קוקן אויף זיין צימער, וואָס איז, לויטן כינעזישן מנהג, באַצירט געווען מיט ווייסע בלומען, האָט ער אויך געוואוסט, אַז די הענט, וואָס האָבן, גרייט אויף געוואַלט-טאַטן, אים געבראַנגט די קאַמעליע-בלומען, וועלן מאָרגן דריקן די האַנט פון זיין זון, וואָס וועט זיך אויף זיי שטיצן. דעריבער האָט אים אַזוי מיטגעריסן דער גייסט פון כאַראַקטער. דעריבער האָט ער זיך צוגעבונדן צו טשענען. אָבער ווען דידאָזיקע צובינדונג האָט זיך געשאַפן, צי האָט ער פאָרגעזען די רעגנדיקע נאַכט, אין וועלכער זיין תּלמיד וועט קומען, כדי צו זאָגן אים וועגן דעם נאָך נישט פאַרקילטן בלוט: „עס האָט מיך נישט בלויז געעקלט?”...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַרויסגערוקט דאָס שיפלעדל פון

נידעריקן טישל, אונטער וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ קאָלעקציע פֿון קאַקטוסן. אין שיפֿלעדל איז געלעגן אַ טאַץ אויף אָפּיום. אונטער דער טאַץ אַ פֿאָטאָגראַפֿיע: קיאָ. ער האָט זי אַרויסגענומען, באַטראַכט אָן אַ באַשטימטן געדאַנק, פֿאַרטיפֿט אין דעם ביטערן באַוואוסטזיין, אַז דאָרט, וואוהין ער האָט דערגרייכט, קען שוין קיינער קיינעם נישט, — אַז אפילו די אָנוועזנהייט פֿון זון, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג אַזוי שטאַרק באַגערט, וואָלט שוין גאָרנישט געקאָנט ענדערן, וואָלט נאָר פֿאַרגרעסערט די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון זייער צעשיידונג, ווי די דערשיינונג פֿון חברים אין שלאָף — חברים, וואָס זענען לאַנג שוין געשטאָרבן. ער האָט געהאַלטן די פֿאָטאָגראַפֿיע צווישן די פֿינגער: זי איז געווען וואַרים ווי אַ האַנט. ער האָט זי אַריינגעלייגט אין שיפֿלעדל, אַרויסגענומען די טאַץ, פֿאַרלאָשן דאָס עלעקטרישע ליכט, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ.

צוויי ליולקעס. אַמאָל, ווען ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן צו באַפֿרידיקן דיזאָזיקע ליידנשאַפֿט, האָט ער געקוקט אויף מענטשן פֿריינטלעך, און אויף דער וועלט ווי אויף אַ קוואַל פֿון אומדערשעפּלעכע מעגלעכקייטן. אַצינד אָבער איז שוין פֿאַר קיין שום מעגלעכקייטן נישט געווען קיין אָרט אפילו אין דער טיפֿסטער פֿאַרבאָרגנקייט: ער איז אַלט געווען זעכציק יאָר, זיין זכרון איז פֿאַרזייעט געווען מיט קבֿרים. זיין געשמאַק צום כינעזישן, צו די בלויע מאָלערייען, קוים באַלויכטענע דורכן לאָמפּ, צו דער גאַנצער כוגעסטיווער ציוויליזאַציע, מיט וועלכער כינע האָט אים אַרומגערינגלט און פֿון וועלכער ער האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק באַוויזן אַזוי אויסשעפּלעך צו געניסן, — זיין גאַרן נאָך גליק — איז געווען בלויז אַ דינער שלייער, הינטער וועלכן עס האָבן, ווי אומהיימלעכע הינט, וואָס נעמען זיך שליידערן אין מאָמענט פֿון אויפֿוואַכן, זיך געוועקט אומרו און דער עקשנותדיקער געדאַנק וועגן טויט.

פֿונדעסטוועגן האָט זיין געדאַנק געבלאָנדזשעט אַרום דער וועלט, אַרום די מענטשן, מיט האַרבער ליידנשאַפֿטלעכקייט, וואָס זיין עלטער האָט נישט אָפּגעשוואַכט: וועגן דעם, אַז אין יעדן באַשעפֿעניש, און קודם־כּל אין אים אַליין, שטעקט עפּעס פֿון אַ

וואַנזיניקן, איז ער קיינמאָל נישט אין ספק געווען. ער איז געווען איבערצייגט, אַמאָל — די צייט איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, — אַז ער חלומט וועגן העראָישקייט. ניין. די שגעונדיקע אונטערערדישע פאַנטאַזיע־קראַפט, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך (אויב איך וועל משוגע ווערן, האָט ער געטראַכט, וועט דאָס איינע בלייבן פון מיר...), איז גרייט געווען אָנצונעמען יעדעס געשטאַלט, ענלעך צו ליכט. כמעט צוליב דער זעלבער סיבה, וואָס פריער קיאָ, האָט ער אַ קלער געטון וועגן די פליטן פון וועלכע דער זון האָט גערעדט און כמעט אויפן זעלבן אופן, ווייל דעם זונס געדאַנקען האָבן גענומען זייער אָנפאַנג אין געשטאַלט פון זיינע נעדאַנקען. פונקט ווי קיאָ האָט נישט דערקענט זיין אייגן קול, ווייל ער האָט עס תמיד געהערט מיטן האַלז, אַזוי האָט אויך דאָס באַוואוסטזיין, וואָס ער, גיסאָרס, האָט געשעפּט פון זיך אַליין, וואָרשיינלעך זיך נישט אויסגעגליכט מיט דעם באַוואוסטזיין, וואָס ער האָט געקאָנט שעפּן פון אַן אַנדער וועזן, ווייל עס איז נישט דורכגעגאַנגען דורך די זעלבע רערן. עס האָט גאָרנישט געהאַט צו פאַרדאַנקען די חושים. ער האָט געפילט, אַז ער דרינגט אַריין מיט זיין עקשנותדיק באַוואוסטזיין אין דער ספערע, וואָס איז אים נענטער פון אַלעם און געהערט בלויז אים אַליין, אַז ער טרעט שרעקעוודיק אַריין אין אַ פאַרבאָטענער איינזאַמקייט, אין וועלכער קיינער וועט אים נישט אָפּנאַרן. אַ ווײַלע, און ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ד אָ ס טאַקע מוז בלייבן אין אָנגעזיכט פון טויט... זיינע הענט, וואָס האָבן צוגעגרייט אַ נייע פיל, האָבן לייכט געציטערט. אפילו די ליבע צום זון וועט אים נישט אַרויסרייסן פון דערדאָזיקער פולשטענדיקער איינזאַמקייט. ער האָט נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון זיך אין אַן אַנדער באַשעפעניש, אָבער געוואוסט ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן: ער האָט געהאַט דעם אָפּיום.

פינף פילן. ער האָט זיך שוין יאָרן־לאַנג געהאַלטן ביי דער גאָב, אָפּטמאָל מיט אָנשטרענגונג, מיט ווייטיק. ער האָט אַ קראַץ געטון דאָס קעפל פון דער ליולקע: דער שאָטן פון זיין האַנט

איז אַריבער פון דער וואַנט אויפן סופיט. ער האָט אָפּגערוקט דעם
לאָמפּ אויף עטלעכע צאָל ; די קאָנטורן פון די שאָטנס זענען צע=
שוואומען. די זאַכן זענען אויך צעשוואומען, — נישט ענדערנדיק
זייער געשטאַלט, האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין אָפּגעטיילט פון
אים, זיך פאַרייניקט מיט אים אין עפּעס אַ היימישער וועלט, אין
וועלכער דער צושטאַנד פון גליקזעליקייט האָט צונויפגעמישט אַלע
זאַכן, — אין אַ וועלט אַן אמתער פון אַנדערע, ווייל אַ מער
שטאַנדהאַפטיקער, מער ענלעכער צו אים ; אַ זיכערער ווי די
פריינטשאַפט, אייביק נאָכגיביקער און אייביק נאָענטער : געשטאַלטן,
דערינערונגען, געדאַנקען, אַלץ איז געשוואומען צו באַפרייטע
ווייטקייטן. ער האָט זיך דערמאַנט אָן אַ סעפּטעמבער=נאָכמיטאָג,
ווען אונטערן איינאַרטיקן גרויען הימל, אין די טאָליקע ערטער
צווישן די ברייטע פעלדער, וואָס זענען באַוואַקסן געווען מיט ליליען,
האָט דאָס אָזיערע=וואַסער באַקומען אַ מילך=קאָליר ; פון די צע=
פוילטע ווענט פון דעם פאַרלאָזטן בודדאַ=טעמפּל, אַזש ביז דער
מאַיעסטעטישער, טונקעלער ליניע פון האָריזאָנט האָט אָן איבער=
רייס געהערשט אַ פייערלעכע מעלאַנכאָליע. נישט באַוועגנדיק מיטן
גלעקעלע, איז דער פּריסטער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אָנלען
פון טעמפּל, אין שטויב אַראָפּגעלאָזט זיין הייליקע פייער=פאַן, וואָס
האָט געדעמפּט מיט וואוילגערוך ; פויערן, וואָס האָבן צונויפגע=
קליבן די קערנער פון די וואַסער=ליליען, זענען גערוישלאָז דורכ=
געשוואומען אין אַ באַרקע ; נאָך די לעצטע בלומען האָבן ביים
רודער זיך געשאַפן צוויי לענגלעכדיקע בייטן, וואָס זענען אינ=
דערווייטנס אין גרויען וואַסער פאַרלוירן געוואָרן. אַצינד זענען
זיי פאַרלוירן געוואָרן אין אים אַליין, אַריינגעמענדיק אין העלן
פעכער פון די כוואַליעס די גאַנצע פיין פון דער וועלט, אָבער אַזאַ
פיין, וואָס האָט שוין נישט געהאַט אין זיך קיין ביטערקייט — וואָס
איז דורכן אָפּיום דערפירט געוואָרן צו דער העכסטער געלייטערט=
קייט. מיט פאַרמאַכטע אויגן, געטראָגן דורך מעכטיקע, אומבאַ=
וועגלעכע פליגל, האָט גיסאָרס זיך פאַרטיפט אין זיין איינזאַמ=
קייט : אין דעם טרויער, וואָס האָט פאַרשלונגען זיין סאָפע גראָד

דעמאָלט, ווען עס האָט גרענעצלאָז זיך אויסגעשפּרייט די ליכטיקע בייט, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דעם תהום פון טויט.

האַלב פינף פאַרטאָג.

איבערגעטון פאַר רעגירונג־זעלנער, מיט רעגנמאַנטלען אויף די אַקסלען, זענען קאַטאָווס מענטשן איינער נאָכן צווייטן אַראָפּגעגאַנגען אין גרויסן מאָטאָר־שיפל אַריין, וואָס האָט זיך געוויגט אין ווירבלענדיקן וואַסער פון טייך.

— צוויי מאַטראָסן געהערן צו דער פּאַרטיי. מען וועט זיי דאַרפן פרעגן: זיי זענען מחויב צו וויסן, וואו דאָס געוועט ליגט — האָט קיאָ זיך אָנגערופן צו קאַטאָוון. חוץ די שטיוול, האָט די נייע קליידונג נישט קיין סך געענדערט די אויסערלעכקייט פון דעם רוס. די מיליטערישע בלוזע איז ווייטער געבליבן נישט פאַרשפּיליעט. אָבער דאָס נייאינקע היטעלע מיטן דאַשיק, אַזוינס ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָגן, ווירדיק אַראָפּגערוקט אויפן שטערן, האָט אים צוגעגעבן אַ נאַרישעוואַטע אויסזען. „קאָמיש זעט אויס די פאַרייניקונג פון אַזאַ נאָז מיטן דאַשיק פון אַ כינעזישן אָפיציר" — האָט קיאָ אַ טראַכט געטון. עס האָט געהערשט פינסטערניש...

— אויף יעדן פאַל צי אַרויף דעם קאַפּטור אויפן קאָפּ.

דאָס מאָטאָר־שיפל האָט זיך אָפּגערוקט פון ברעג, אַוועקגעשוואומען אין דער נאַכט אַריין. באַלד איז עס פאַרשוווּנדן הינטער אַ כינעזישער זעגל־שיף. די ליכט־פּאַסן, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן דורך די רעפלעקטאָרן פון די קרייצערס אויפן פּאָרט, האָבן זיך געקרייצט אין דער פינסטערניש ווי שווערדן.

קאַטאָוו, זיצנדיק ביי דער נאָז פון שיפל, האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג דעם שען־טענג, וואָס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך ביסלעכווייז דערנענטערט. עס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע נאָזלעכער אַ געשטאַנק פון טויט וואַסער, פון

פּיש און האַפּן-רויך (דער רויך איז געהאָנגען כּמעט איבער דער אויבערפלאַך פון וואַסער), ביסלעכווייז פאַרטרייבנדיק די ריחות פון די קוילן אין האַפן, און איינצייטיק איז זיין געדאַנק באַהערשט געוואָרן פון אַ דערינערונג, וואָס פלעגט פאַר יעדן קאַמף אויפטויכן אין זיין רעיון. נישט ווייט פון ליטווישן פראָנט — איז זיין באַטאַליאָן אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די ווייסע. די אַנטוואָפנטע מענטשן זענען געשטאַנען אין רייען אויף אַ גרויס פאַרשנייעט פעלד, וואָס האָט זיך נאָך געטיקט אין גרינלעכן ליכט פון פאַרטאָג. „קאָמוניסטן אַרויס פון די רייען!“ זיי האָבן געוואוסט, אַז — דאָס איז דער טויט. צוויי דריטל פון באַטאַליאָן זענען אַרויסגעטרעטן. „אויסטון די בלוזעס“. „גראָבן אַ גרוב“. זיי האָבן געגראָבן. פּאַמעלעך, ווייל די ערד איז געווען געפרוירן. די ווייסגווארדייער מיט רעוואָלווערן איןביידע הענט (די לאָפּעטעס האָבן זיך געקאָנט פאַרוואַנדלען אין געווער), אומרויִקע און אומגעדולדיקע, האָבן געוואַרט, פון דער רעכטער און לינקער זייט — דער אינדערמיטן איז איבערגעלאָזט געוואָרן פריי פאַר דעם מאַשין-געווער, אָנגעשטעלט אויף די געפאַנגענע. די שטילקייט איז געווען אַ תהום-טיפע, אַ נישט דורכדרינגלעכע, ווי דער שניי, אין וועלכן דער בליק האָט זיך פאַרלוירן, און בלויז די שטיקלעך געפרוירענע ערד זענען געפאַלן מיט אַ טרוקן גערויש אַלץ שנעלער: להכעיס דעם טויט האָבן די מענטשן געאַרבעט שנעל, כּדי זיך צו דערוואַרימען. אַ סך האָבן אָנגעהויבן ניסן. „אין אָרדענונג. האַלט!“ זיי האָבן זיך אויסגעדרייט. הינטער זיי, הינטער די חברים, זענען געשטאַנען אין אַ קופּע, איינגעטוליעט אין זייער אָנטון זקנים, פרויען און קינדער, וועלכע מען האָט צונויפגעטריבן פון דאָרף, כּדי זיי צו וואָרענען און אָנשרעקן. ביי טייל האָבן די קעפּ זיך געטרייסלט, ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט נישט צו קוקן, נאָר דער פּחד — האָט זיי גענייט. „אויסטון די הויזן!“ וואָרים קיינער האָט כּמעט נישט געהאַט קיין מונדיר. אַ סך האָבן זיך געקווענקלט און דאָס איז געווען צוליב דער אָנוועזנהייט פון די פרויען. „אויסטון די הויזן!“ עס האָבן זיך באַוויזן וואונדן, איינע נאָך דער צוויי-

טער, אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס: דאָס מאַשין־געווער האָט געקלאַפּט נידעריק, כּמעט אַלע האָבן געהאַט פֿאַרוואונדעטע פֿיס. אַ סך האָבן איינגעלייגט די הויזן, כּאָטש די מאַנטלען האָבן זיי ווי ס'איז אַוועקגעוואָרפֿן. ווידער האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייע, אַצינד שוין אויפֿן ראַנד פֿון גרוב, מיטן פּנים צום מאַשין־געווער, דייטלעכע אויפֿן שניי: העמדער און פֿלייש. דורכגענומען פֿון קעלט, האָבן זיי געניסט איינער נאָכן צווייטן, און דאָס ניסן איז געווען אַזוי אינטענסיוו מענטשלעך אין דער פֿאַרטאָגיקער עקזעקוציע, אַז די לופֿעס, אָנשטאָט צו שיסן, האָבן געוואַרט — געוואַרט, ביז דאָס לעבן וועט זיך איינשטילן. ענדלעך האָבן זיי זיך דעצידירט. צומאָרגנס אין אָוונט האָבן די רויטע אָפּגענומען דאָס דאָרף: עס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן זיבעצן נישט אינגאַנצן דערשאָסענע, צווישן זיי איז געווען קאַטאָוו. די שאָטנס, דייטלעכע אויפֿן שניי אין גרינלעכן פֿאַרטאָג, אויפֿגעטרייסלטע דורכן קאָנוואולסיוון ניסן אין אָנבליק פֿון מאַשין־געווער, האָבן אַצינד אין דער פֿייכטער כינעזישער נאַכט אויפֿגעוויכט אין אָנבליק פֿון דעם שאָטן פֿון ש ע ן ־ ט ע נ ג.

דאָס מאָטאָר־שיפֿל האָט זיך גערוקט פֿאָרויס אַזוי טיף זיך גראָבנדיק, אַז דער נידעריקער און פֿאַרנעפּלטער קאָרפּוס פֿון דער שיף האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געוויגט אויף די כוואַליעס; שוואַך־באַלויכטן, האָט ער מיט זיין טונקעלער מאַסע גאַנץ ווייניק זיך אָפּגעטיילט פֿון פֿאַרכמורעטן הימל. עס איז נישט געווען קיין ספֿק, אַז אויפֿן ש ע ן ־ ט ע נ ג ווערט געהאַלטן וואַך. דער רעפֿלעקטאָר פֿון קרייצער האָט אָנגעטאַפּט דאָס מאָטאָר־שיפֿל, געפּאָרשט עס אַ ווײַלע און פֿריי געלאָזט. עס האָט אָנגעצייכנט אַ טיפֿן האַלב־קרייז און צוגעשוואומען צום דאַמפֿער פֿון הינטן, פֿאַרנעמענדיק זיך אַ ביסל רעכטס, ווי עס וואָלט בדעה געהאַט צוצושווימען צום שכנותדיקן דאַמפֿער. אַלע אין מאָטאָר־שיפֿל האָבן געהאַט אויף די מונדירן מאַטראָסישע רעגנמאַנטלען מיט נאָכהענגענדיקע קאַפּטורס. אויפֿן באַפֿעל פֿון דער האַפֿן־מאַכט זענען די לייטערלעך ביי אַלע שיפֿן געווען אַראָפּגעלאָזט; קאַטאָוו האָט באַטראַכט דאָס לייטערל

פון ש ע ן-ט ע נ ג דורך אַ מיליטערישע לאָרנעטע, וועלכע ער האָט פאַרשטעלט מיט זיין רעגנמאַנטל: דאָס לייטערל האָט זיך געפונען אַ מעטער הויך איבער דער וואַסער-פלאַך, שוואַך באַלויכטן דורך דריי לעמפּלעך. אויב דער קאַפּיטאַן וועט פאַרלאַנגען דאָס געלט, וואָס זיי האָבן נישט, איידער ער וועט זיי דערלויבן אַרויפצוגיין אויף דער דעק, וועלן זיי מוזן אַרויפשפּרינגען איינער נאָכן צווייטן. אַלץ איז אַלזאָ אָפּהענגיק געווען פון דעם משופּעדיקן שטעגעלע. אויב מען וועט אויף דער שיף זיך באַמיען אַרויפצוציִען דאָס לייטערל, וועט מען קאָנען שיסן צו די, וואָס וועלן ציִען ביי דער שטריק: די בלאָקן זענען געווען אָפן. אין דעם פאַל אָבער וואָלט די שיף צייט געהאַט זיך צוצוגרייטן צו פאַרטיידיקונג.

דאָס מאָטאָר-שיפל האָט זיך דערנענטערט צום ש ע ן-ט ע נ ג. דער שטראָם פון טייך, וואָס איז אין דער צייט געווען שטאַרקער, האָט זיי אַ ביסל אַראָפּגעטראָגן; עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שיף וואָס איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן (זיי זענען שוין געווען ביים פּאָרט), שווימט שנעל אַוועק אין דער נאַכט אַריין, ווי אַ געשפּענסט פון אַ דאַמפּער. דער רודערער האָט געלאָזט דעם מאָטאָר אויף דער גאַנצער פּאַרע: דער ש ע ן-ט ע נ ג האָט אַזוי ווי זיך פאַרהאַלטן, אומבאַוועגלעך געוואָרן, זיך אָנגעהויבן צוריקרוקן. זיי זענען צוגעפאָרן צום לייטערל. קאַטאָוו האָט אין שווימען עס אָנגעכאַפּט; נאָכן צווייטן אָנכאַפּן זיך איז ער שוין געווען אויף די טרעפּלעך.

— אַ דאָקומענט? — האָט געפרעגט דער מאַטראָס, וואָס איז געשטאַנען ביים לייטערל. קאַטאָוו האָט אים געוויזן. דער מאַטראָס האָט דערלאַנגט עמעצן דעם דאָקומענט, אַליין אָבער איז ער געבליבן אויפן אָרט מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט. דער קאַפּיטאַן איז מחויב צו דערקענען זיין אייגענעם דאָקומענט; וואָרשיינלעך, אויב ער האָט אים שוין איינמאָל דערקענט, ווען קלאַפּיק האָט אים געבראַנגט. און דאָך... אונטערן לייטערל האָט דאָס מאָטאָר-שיפל זיך געוויגט אויף די כוואַליעס.

דער שליח האָט זיך אומגעקערט. „די הערן קאָנען אַרויפ-

גיין.״ קאַטאָוו האָט זיך נישט גערירט פון אָרט; איינער פון זיינע מענטשן, מיט גאַלאָנען פון אַן אָפיציר (דער איינציקער, וואָס האָט גערעדט ענגליש), איז אַרויס פון מאָטאָר־שיפל, אַרויף אויפן לייטערל און זיך געלאָזט גיין נאָכן מאַטראָס, וועלכער האָט אים געפירט צום קאַפּיטאַן.

דער קאַפּיטאַן, אַ נאָרוועגער, נידעריק געשוירן, מיט קראַנקהאַטפּע אויגן, האָט געוואַרט אין זיין קאַבינעט הינטער דער ביורקע. דער מאַטראָס איז אַרויסגעגאַנגען.

— מיר זענען געקומען צונעמען ביי אייך דאָס געווער — האָט דער אָפיציר ערקלערט אויף ענגליש.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט פאַרוואונדערונג. די גענעראַלן האָבן תּמיד געצאָלט פאַרן געווער; דעם פאַרקויף פון דידאָזיקע רעוואָלווערן האָט, דורך דער פאַרמיטלונג פון טאַנג־יען־טאַ, אין געהיים דערליידיקט אַ באַאַמטער פון קאָנסולאַט, פאַר גוטער באַלוינונג. אויב זיי האַלטן שוין נישט זייערע פאַרפליכטונגען לגבי די געהיימע צושטעלער, ווער וועט זיי שוין מיט עפּעס באַזאָרגן? ווייל אָבער ער האָט דאָ געהאַט צו טון בלויז מיט דער שאַנכייער רעגירונג, האָט ער געמעגט פרווון, צי עס וועט אים נישט געלונגען אָפּצוראַטעווען דאָס געווער.

— Well! אָט איז דער שליסל.

ער האָט רויִק אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער בוזים־קעשענע פון וועסטל, פלוצלינג אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער — גלייך קעגנאיבער דער ברוסט פון דעם אָפיציר, פון וועלכן ס׳האָט אים אָפּגעטיילט בלויז דער טיש. אין זעלבן מאָמענט האָט ער דערהערט הינטער זיך: „די הענט אַרויף!״ דורכן פענסטער, וואָס איז געווען, אָפן אין קאָרידאָר אַריין, האָט אים קאַטאָוו גענומען אויפן ציל. דער קאַפּיטאַן האָט שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען; דער איז דאָך געווען אַ ווייסער: אָבער ס׳איז נישט געווען קיין אָרט אויף קיין ווידערשטאַנד. די קאַסטנס מיט די רעוואָלווערן זענען נישט ווערט געווען, מען זאָל פאַר זיי איינשטעלן דאָס לעבן. „יעדע רייזע איז אויסגעשטעלט אויף ריווח און היזק״. ער וועט

זען, וואָס ער קאָן אויסשטעלן אויף זיין מאַנשאַפט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער. דער אָפיציר האָט אים צוגענומען.

קאַטאָוו איז אַריינגעגאַנגען, באַזוכט דעם קאַפּיטאַנס קעשענעס. ער האָט נישט געהאַט קיין צווייטן רעוואָלווער.

— אַבסאָלוט — האָט קאַטאָוו געזאָגט אויף ענגליש. — האָבן אַזוי פיל געווער אונטער דער דעק, און טראָגן ביי זיך בלויז איין רעוואָלווער, דאָס איז אַ קונץ.

איינער נאָכן צווייטן, זענען אַריינגעקומען זעקס פון זיינע מענטשן און שטיין געבליבן הינטער אים שווייגנדיק. די שווערע באַוועגונגען, דער פאַרביסענער אויסדרוק, די פאַרריסענע נאָז, די געל-גרויע האָר — אַלץ האָט דערמאָנט אָן אַ רוס. אפשר אַ שטאָלענער? אָבער דער אַקצענט...

— איר זענט נישט פון דער רעגירונג, אמת?

— נישט דיין זאַך.

מען האָט אַריינגעטראָגן אַ צווייטן אָפיציר אַ געבונדענעם; מען האָט אים פאַרכאַפּט אַ שלאָפנדיקן. קאַטאָווס מענטשן האָבן געבונדן דעם קאַפּיטאַן. צוויי זענען געבליבן לעבן אים אויף וואַך. די איבעריקע זענען אַרויסגעגאַנגען מיט קאַטאָוון. די מאַטראָסן פון דער מאַנשאַפט, וואָס האָבן געהערט צו דער פּאַרטיי, האָבן זיי געוויזן, וואו דאָס געווער איז באַהאַלטן; די איינציקע זאָרג פון די אימפּאָרטערן פון מאַקאַאָ איז געווען אויפצושרייבן אויף די קאַסטנס: „באַזונדערע טיילן". זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצולאָדן, נאָכן אַראָפּלאָזן דאָס לייטערל איז זיי געגאַנגען לייכט; די קאַסטנס זענען געווען נישט קיין גרויסע. ווען מען האָט שוין געהאַט דעם לעצטן קאַסטן אַראָפּגעלאָזט אין מאָטאָר-שיפל אַריין, האָט קאַטאָוו פאַרניכטעט דעם ראַדיאָ-טעלעגראַף און דערנאָך אַריינגעגאַנגען צום קאַפּיטאַן:

— אויב איר וועט זיך איילן צום ברעג, וואָרן איך איין, אַז איר וועט נאָך דער ערשטער באַוועגונג פון ראָד אַבסאָלוט אומקומען ווי אַ נאַכט-פלעדערל. אַ גוטע נאַכט.

דאָס איז געווען זיכער באַרימעריי, אָבער די שטריק, וואָס

האָבן געהאַלטן געבונדן די אָרעמס פֿון די געפֿאַנגענע, האָבן איר צוגעגעבן קראַפֿט.

די רעוואָלוציאָנערן צוזאַמען מיט צוויי מאַטראָסן פֿון דער פּאַרטיי האָבן זיך אומגעקערט אין מאָטאָר־שיפֿל: עס האָט זיך אָפּגערוקט פֿון דאַמפֿער, אַוועקגעשוואומען אין דער זייט פֿון ברעג, דאָס איצטיקע מאָל אָן פֿאַרקערונגען. אין וויגן זיך אויף די כוואַליעס האָבן די מענטשן געענדערט זייער געשטאַלט, אַנטציקטע, אָבער נאָך אומרויִקע: כּל־זמן זיי זענען נישט צוגעקומען צום ברעג.

דאָרט האָט געוואַרט אויף זיי אַ לאַסט־אויטאָ. קיִאָ איז געזעסן לעבן שאָפֿער.

— נו, וואָס הערט זיך?

— גאָרנישט. אַן אַרבעט פֿאַר דעביוטאַנטן.

נאָכן איבערלאָדענען האָט דער אויטאָ געריירט. אויף אים זענען געזעסן קיִאָ, קאַטאָוו און פֿיר מענטשן, פֿון וועלכע איינער איז נאָך געווען אָנגעטון אין מונדיר. די איבעריקע זענען זיך צעגאַנגען.

ער איז געפֿאָרן איבער די געסלעך פֿון כינעזישן קוואַרטאַל מיט גערויש און טראַסקעריי, דערצו האָט יעדעס אָנקלאַפּן זיך אָן אַ שטיין זיך אָנגערופֿן מיט אַ געקנאַקעריי פֿון בלעך: אויסגעלייגטע אין די זייטן, האָבן אונטערגעטאַנצט די נאַפֿט־באַניעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן וויכטיקערן ט ש אָ ן: ביי אַ קראָם, ביי אַ קעלער, ביי אַ הויז. איין קאַסטן איז פֿאַרשוואונדן. קיִאָס אַ שיפֿרירטער צעטל, וואָס איז צוגעטיילט געווען צו אים, האָט באַשטימט, ווי אַזוי דאָס געווער זאָל איינגעטיילט ווערן, ווייל אויך די קלענערע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס האָבן געדאַרפֿט באַזאָרגט ווערן. דער אויטאָ האָט זיך פֿאַרהאַלטן מאַקסימום אויף פֿינף מינוט. ער האָט געמוזט אַרומפֿאָרן איבער העכער צוואָנציק פּונקטן.

זיי האָבן נישט געהאַט פֿאַרוואָס מורא צו האָבן, סיידן פֿאַר פּאַראַט: דער פֿילדערנדיקער אויטאָ, וואָס איז געפֿירט געוואָרן

דורך אַ שאָפער אין מונדיר פון דער רעגירונגס־אַרמײ, האָט נישט געוועקט קיין שום חשדים. זײ האָבן באַגעגנט אַ פּאַטראָל. „איך ווער אַ מילך־פּאַרקויפער און פאָר אַרום איבער די הײזער”, האָט קיאָ אַ טראַכט געטון.

עס האָט געטאָגט.

צווייטע טייל

.לף אַ זייגער אינדערפרי.

„שלעכט". האָט פעראַל אַ טראַכט געטון. דער אויטאָ — דער איינציקער voisin אין שאַנכיי, ווייל דעם פרעזעס פון דער פראַנצויזישער האַנדלס-קאַמער האָט נישט געפּאַסט צו באַנוצן קיין אַמעריקאַנער אויטאָ — האָט זיך געטראָגן לענגאויס דעם ברעג. רעכטס, אונטער שטאַנגען, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך ווערטי-קאַלע אויפשריפטן: „נידער מיטן צוועלף-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג", „נידער מיטן באַשעפטיקן קינדער, יינגערע פון אַכט יאָר", האָבן זיך געזאַמלט אין די טויזנטער וועבערס, טייל שטייענדיק, טייל אַראָפּגעזעצט, טייל זיצנדיק צונויפגעפּאַקט אויפן טראָטואַר. דער אויטאָ האָט געמיטן אַ גרופּע פרויען, פאַרזאַמלטע אונטער אַ פאָן „מיר פאָדערן רעכט פאַר זיצן ביי דער אַרבעט". אפילו דער אַר-סענאַל האָט געפּוסטעוועט: די מעטאַל-אַרבעטער האָבן אויך גע-שטרייקט. לינקס זענען טויזנטער מאַטראָסן אין בלויע האַלב-צע-ריסענע בלוזעס, אָן כּענער, געזעסן אַראָפּגעזעצט לענגאויס דעם טייך. אין דער טיף פון ברעג, — האָט אַ המון פון מאַניפעסטאַנטן זיך פאַרלוירן אין די ווייטע גאַסן, אין דער זייט פון טייך — פאַר-פולט די פּלאַטפאָרמע, פאַרשטעלט מיט זיך דעם ראַנד פון טייך. דער אויטאָ האָט פאַרקירעוועט פון ברעג און אַריינגעפאָרן אין דער גאַס פון צוויי רעפּובליקן. ער האָט זיך באַוועגט מיט אָנשטרענ-גונג, אַרומגערינגלט פון באַוועגלעכן המון כינעזער, וואָס האָבן

געאײַלט פֿון אַלע גאַסן, כּדי צו זוכן באַשיצונג אין דער פֿראַנצויזישער קאָנצעסיע. ווי אַ גייעג־פֿערד, וואָס יאָגט איבער דעם קעגנער פֿריער מיטן קאָפּ, דערנאָך מיטן האַלז, דערנאָך מיט דער ברוסט, אַזוי האָט אויך דער המון „איבערגעיאָגט״ דעם אויטאָ ביסלעכווייז, אָבער אומאויפֿהערלעך. איין־רעדערדיקע וועגעלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך געטרייסלט קינדערישע קעפּלעך צווישן אָנגעהאָנגענע טעפּעלעך, פּעקינער וועגעלעך, האַנט־וועגעלעך, באַגריוועטע קוציקלעך, קעטשלעך, לאַסט־אויטאָס, אָנגעפּאַקטע מיט מענטשן, אומגעלומפּערטע מאַטראַצן, פֿאַרלייגטע מיט אַלטוואַרג, מיט איבערגעקערטע טישן, קרענקלעכע פֿרויען מיט קינדער אויף די פּלייצעס. דעם שאָפֿער איז ענדלעך געלונגען צו פֿאַרקירעווען, ער איז אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ גאַס, וואָס איז ווידער געווען אַזוי פֿאַרפּאַקט, אָבער דאָ האָט דאָס שאַלן פֿון טרומייטל פֿאַרטריבן די געדיכטקייט אויף עטלעכע טריט פֿון אויטאָ. ער האָט ענדלעך זיך צוגעקריגן צום ברייטן בנין פֿון דער פֿראַנצויזישער פּאָליציי.

פֿעראַל איז אַרויף אויף די טרעפּ האַלב־לויפֿנדיק.

זײַנע האָר זענען פֿאַרקעמט געווען אַהינטער, דער אָנצוג — אַ העלער, אַ האַלב־ספּאָרטאָווער, דאָס העמד — אַ גרוי־זײַדנס, און דאָך איז אין זײַן אויסזען געבליבן עפּעס פֿון 1900־סטן יאָר, פֿון דער צייט פֿון זײַן יוגנט. ער האָט חוזק געמאַכט פֿון די מענטשן, וואָס „פּלעגן זיך איבערטון פֿאַר אינדוסטריע־קאַפּיטאַנען״, בשעת אים אַליין האָט דאָס נישט געשטערט זיך איבערצוטון אַלס דיפּלאָמאַט: ער האָט רעזיגנירט בלויז פֿון דעם מאָנאָקל. די וואָנסע, אַ גרויליכע, אַן אַראָפּהענגענדיקע, וואָס האָט פֿאַרלענגערט די שיפּע ליניע פֿון מויל, האָט צוגעגעבן זײַן פּראָפֿיל אַן אַקצענט פֿון ראַפֿינירטער ברוטאַלקייט; מאַכט האָט אויסגעדריקט די האַרמאָניע פֿון דער פֿאַרבויגענער נאָז מיט דער אַרויסגערוקטער גאָמבע, וואָס איז הײַנטיקן פֿרימאָרגן נישט געגאָלט געוואָרן; די וואַסערטרעגערס האָבן געשטרייקט, און אין קאַלך־וואַסער, וואָס די קוליס האָבן געבראַנגט, איז דער זייף נישט געהעריק צעגאַנגען. ער איז פֿאַרשוואונדן, נאָכדעם ווי ער איז פֿון אַלע זײַטן באַגריסט געוואָרן.

אין פּאָליציי־דירעקטאָר מאַרטיאַלס קאַבינעט האָט אַ כינעזער פון אויסשפּירונגס־אַמט זיך געפרעגט

— דאָס איז אַלץ, הער שעף?

— באַמיט זיך אויך צו דעזאָרגאַניזירן דעם סינדיקאַט — האָט מאַרטיאַל גערעדט איבערן אָרעם אַריבער. — און פאַרשאַפט מיר דאָס פאַרגעניגן, גיט דעם וועג דידאָזיקע אונטערפירערס אייערע. איר האָט פאַרדינט, מען זאָל אייך ווייזן די טיר: אַ העלפט פון אייערע מענטשן טאַנצט אויף בײדע חתונות. איך צאָל אייך נישט, אויסצוהאַלטן אַ פערטחלק פון די רעוואָלוציאָנערן, וואָס וואַגן נישט צו זאָגן אָפן, ווער זיי זענען; די פּאָליציי איז נישט קיין פאַבריק אויף אויסצואַרבעטן אַן אַליבי. אַלע אַגענטן, וואָס קאָמבינירן מיטן קאָמינטאַנג, דאַרף מען שיקן צו אַלדי טייוול, און איך זאָל אייך דאָס נישט דאַרפן מער איבערחזרן! גייט וואו מען דאַרף מיטן קאָנצעפּט, אָנשטאָט צו גלאָצן מיט די אויגן אויף מיר! נישקשה: איך קאָן נאָך די פסיכאָלאָגיע פון מיינע קריכערס אַזוי גוט, ווי איר אייערע.

— אָבער, הער...

— געענדיקט. דערלײדיקט. אויסגעשעפּט. זיך אָפּטראָגן.

גוט מאָרגן דעם הער פּאָרזיצער.

ערשט אַציִנד האָט ער זיך אויסגעדרייט: זיין מיליטערישע פּרצוף, די ברייטע שטריכן, רעגולערע און כאַראַקטערלאָזע, האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט זיינע אַקסלען.

גוט מאָרגן, מאַרטיאַל. אַלזאָ?

— כדי צו דערהאַלטן די באַן־ליניע מוז די רעגירונג אומבאַוועגלעך מאַכן טויזנטער פון אירע מענטשן. מען קאָן נישט גיין קעגן דעם גאַנצן לאַנד, סיידן מען האָט צו דער דיספּאָזיציע אַזאַ פּאָליציי, ווי אונזערע. די איינציקע זאַך, אויף וועלכער די רעגירונג קאָן נאָך אויסשטעלן, איז דער פאַנצער־צוג מיט די ווייסע אינסטרוקטאָרן. דאָס איז אַזאַ קראַפט.

— אַ קליין הייפעלע צווישן אַ המון פון אידיאָטן. איבעריקנס, זאָל זיין כאָטש דאָס!

— אַלץ וועט דעצידירט ווערן אויפן פראָנט. דאָ — פּרוּוון זיי שוין אַרויסרופן אומרוען. זיי וועלן זיך אָפּבריען די פינגער: זיי האָבן נישט קיין סך געווער.

פאַר פעראַלן איז געבליבן בלויז אויסצוהערן און וואַרטן, און דאָס האָט ער נישט פאַרטראָגן. די געשפּרעכן, וואָס זענען אונטערגענומען געוואָרן דורך די אָנפירער פון די ענגלישע און יאַפּאַנישע גרופּעס, דורך אים, דורך געוויסע קאָנסולאַטן, מיט די פאַרמיטלער, פון וועלכע עס האָט געשווירבלט אין די גרויסע האָטעלן פון דער קאָנצעסיע, האָבן דערווייל נישט דערפירט צו קיין שום באַשלוס. היינט נאָכמיטאָג וועט אפשר...

מיטן מאָמענט, ווען די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי וועט אַריינמאַרשירן קיין שאַנכיי, וועט דער קאָמינטאַנג ענטגילטיק מוזן אויסקלויבן צווישן דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם. די דעמאָקראַטיעס זענען תמיד גוטע קונדן. און אַן אונטערנעמונג קאָן געבן גוטן ריווח אָן דעם שטיצן זיך אויף טראַקטאַטן. אַנדערש וועט אָבער זיין, ווען איבער דער שטאָט וועלן רעגירן ראַטן, דעמאָלט וועט די פראַנק-אַזיאַטישע געזעלשאַפט — און צוזאַמען מיט איר דער גאַנצער פראַנצויזישער האַנדל אין שאַנכיי — צו גרונט גיין; פעראַל איז געווען איבערצייגט, אַז די מלוכות וועלן פאַרלאָזן זייערע בירגער; אויף דעם האָט אָנגעוויזן די האַנדלונג פון ענגלאַנד אין האַן-קאו. קודם-כל איין זאַך: נישט דערלאָזן אַז די קאָמוניסטן זאָלן באַהערשן די שטאָט פאַרן אַריינמאַרשירן פון דער אַרמיי, אַז זיי זאָלן עפּעס אונטערנעמען אויף אייגענער האַנט.

— וואָס פאַר אַ כוחות האָט די רעגירונג, חוץ דעם פּאַנצער-צוג?

— צוויי טויזנט פּאָליציאַנטן און אַ בריגאַדע נוסגייער, האָט פּאָרזיצער.

— און די רעוואָלוציאָנערן זענען פעיִק אויף עפּעס מער ווי טומלען?

— עס וועט זיי קלעקן געווער פאַר פינפהונדערט... וואָס שייך די איבעריקע, מיין איך, אַז ס'איז נישט כדאי וועגן זיי צו רעדן,

איך בעט אייך נישט צו פאַרגעסן, אַז דאָ הערשט נישט די פליכט פון מיליטער־דינסט, אַז די מענטשן קאָנען זיך נישט באַגיין מיט געווער. אין פעברואַר זענען זיי געווען אַ מאַן צוויי אָדער דרייטויזנט, אויב שוין אַריינצורעכענען אין דעם די קאָמוניסטן... אַצינד וועלן זיי זיין מסתמא אַ ביסל מער.

— יאָ, אָבער אין פעברואַר איז נאָך די רעגירונגס־אַרמיי נישט געווען צעקלאַפּט.

— וויפיל וועלן דען צושטיין ? — האָט מאַרטיאַל ווייטער געצויגן. — אָבער, הער פאָרזיצער, דאָס זאָגט אונז בכלל גאָרנישט. מען וואָלט געדאַרפט זיך באַקענען מיט דער פסיכאָלאָגיע פון די אָנפירערס... עפעס ווייס איך שוין וועגן דעם, אויב עס רעדט זיך וועגן די אונטערשטע. וואָרים די כינעזער, הער פאָרזיצער...

נישט אָפט — גאַנץ זעלטן אפילו — האָט פעראַל געקוקט אויפן דירעקטאָר אַזוי ווי אַצינד ; ער פלעגט אים נייטן צו שווייגן, נישט אַזוי פיל מיט זיין פאַראַכטונג, אויפרעגונג, וויפיל מיט זיין קאַלטן אורטייל : פעראַל האָט נישט געפרעגט מיט זיין אָפּגעהאַקט, אַ ביסל מעכאַניש קול : „צי וועט דאָס לאַנג געדויערן ?", נאָר אויסגעדריקט די פראַגע מיטן בליק. ער האָט נישט געקאָנט ליידן, ווען מאַרטיאַל האָט צוגעשריבן זיין אייגענער אָריענטאַציע זאַכן, וואָס די געהיים־אַגענטן האָבן אים צוגעטראָגן.

„און וואָס אַרט דאָס אייך ?" — וואָלט מאַרטיאַל געפרעגט, ווען ער וואָלט נאָר געוואַגט. ער איז געווען אונטערגעוואָרפן פעראַלן, האָט געמוזט זיך אונטערגעבן דער אָרדענונג פון זייערע קעגנזייטיקע באַציִונגען ; אפילו ווי אַ מענטש האָט ער זיך געפילט שוואַכער ; אָבער ס'איז אים שווער געווען צו פאַרטראָגן די עזותדיקע גלייכגילטיקייט, די רויבערישע מעטאָדן, מיט וועלכע יענער האָט אים געוואָלט באַגרענעצן צו דער ראָל פון אַ מאַשין, וואָס זאַמלט צונויף ידיות, און פלעגט אים יעדעס מאָל איינצוימען, ווען נאָר מאַרטיאַל האָט אָנגעהויבן צו רעדן אויף אייגענעם חשבון. פאַרלאַמענטאַריער, וואָס פלעגן דאָ אַהערקומען אין מיסיעס, האָבן אים דערציילט וועגן פעראַלס אָנגרייפערישע האַנדלונגען אין די

קאָמיטעטן פון דער דעפוטאַטן-קאַמער, איידער מען איז אים דאָרט בייגעקומען. אַלע מעלות פון זיין רעדנער-טאַלאַנט, די גאַנצע קלאָרקייט און קראַפט, האָט ער אויסגענוצט אויף די זיצונגען אַזוי, אַז ער האָט מיט יעדן יאָר אַלץ מער דערווייטערט פון זיך זיינע קאָלעגן: ער האָט פאַרמאָגט אַן אומפאַרגלייכלעכע באַגאַבונג אין אָפזאָגן זיי די עקזיסטענץ. אַזאַ זשאָרעס, אַזאַ בריאַן, — זיי פלעגן זייערע צוהערער צוטיילן געדאַנקען און לעבנס-באַרעכטיקונג, וואָס עס האָט זיי געוויינטלעך אויסגעפעלט, געשאַפן פאַר זיי די אילוזיע, אַז זיי אַפעלירן צו יעדן באַזונדער, ווילן אים געווינען, אַריינציִען אין דער געמיינזאַמער אַרבעט, און וועלכער עס וועט זיי פאַרייניקן די בשותּפותדיקע דערפאַרונג, — פעראַל אָבער האָט אויפגעבויט אַ קאָנסטרוקציע פון פאַקטן און פאַרענדיקט אַזוי: „נעמענדיק אין אַכט די אַלע אומשטענדן, מיינע הערן, וואָלט געווען דער גרעסטער אַבסורד...״ ער האָט געצוואונגען, אָדער געצאָלט. דאָס האָט זיך נישט געענדערט, האָט מאַרטיאַל קאָנסטאַטירט.

— און אויף דער זייט פון האַן-קאו? — האָט פעראַל געפרעגט.

— מיר האָבן היינט ביינאַכט דערהאַלטן אַ ידיעה. 220.000 אַרבעטסלאָזע, ס'איז דאָ פון וואָס צו שאַפן אַ נייע רויטע אַרמיי...

די סחורות פון די דריי געזעלשאַפטן, וואָס זענען קאָנטראָלירט געוואָרן דורך פעראַלן, האָבן שוין עטלעכע וואָכן געפוילט אין האַפן: די קוליס האָבן זיי נישט געוואָלט טראַנספּאָרטירן.

— וואָס פאַר אַ נייעס איז דאָ וועגן די באַציִונגען פון די קאָמוניסטן מיט טשאַן-קיי-שעקן?

— איך האָב דאָ זיין לעצטע רעדע. וואָס שייך מיר, הער פּאָרזיצער, גלייב איך נישט אין קיין שום רעדעס...

— א י ך גלייב יאָ. אַלנפאַלס אין דידאָזיקע. זיי וועלן נישט שאַדטן...

עס האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. מאַרטיאַל האָט אויפגעהויבן דאָס הער-טרייבל.

— צו אייך, הער פּאָרזיצער.

פּעראַל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן טיש.

— האַלאָ ? איך הער.

— ...

— ער שטרעקט אייך אויס די האַנט, כּדי אייך אונטערצושטעלן אַ פוס. ער איז נישט גערן אויף אַן אינטערוויו, איז דאָס אונזער געווינס. עס גייט בלויז אין דעם, וואָס עס וועט זיין בעסער: אַטאַקירן אים אַלס האָמאָסעקסואַליסט, אָדער פאַרשפּרייטן אַ ידיעה, אַז ער איז איבערגעקויפט. דאָס איז אַלץ.

— ...

— איך בין איבערצייגט, אַז נישט דאָס און נישט יענץ. און איך וואָלט אומבאַדינגט געוואָלט, אַז מיין מיטאַרבעטער זאָל מיך נישט חושד זיין אין פעיקייט עמעצן פאָרצוואַרפן זיין סעקסועלן חסרון, אויב ער האָט אפילו אַזעלכן. איר האַלט מיך פאַר אַ מאָראַליסט ? צום ווידערזען !

מאַרטיאַל האָט נישט געוואַגט וועגן עפּעס צו פרעגן. פּעראַל האָט אים נישט פאַרטרויט אין זיינע פּלענער, נישט געזאָגט אים, וואָס ער דערוואַרט נאָך די געהיימע אָפּמאַכן מיט די באַוועגלעכסטע מיטגלידער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדלס-קאַמער, מיט די אָנפירער פון די גרויסע כינעזישע אינדוסטריע-געזעלשאַפטן; דאָס האָט אויסגעזען מאַרטיאַלן ווי אַ באַליידיקונג און איינצייטיק אַ לייכטזיניקייט. עס איז פאַרדריסלעך פאַר אַ פּאָליציי-דירעקטאָר נישט צו וויסן, וואָס אייגנטלעך ער טוט, אָבער נאָך פאַרדריסלעכער וואָלט געווען פאַר אים צו פאַרלירן זיין מעמד. דאָס איז דאָך געווען פּעראַל, דער געבוירענער אין דער רעפּובליק, וואָס איבער זיין וויגל האָבן, ווי אויף אַ משפּחה-צוזאַמענפאָר, זיך אָנגעבויגן די גוטמוטיקע פּנימער פון די אַלטע הערן — געווען זענען דאָס: רענאַן, בערטלאָ, וויקטאָר הוגאָ, — דער זון פון אַ גרויסן אַדוואָקאַט, צו זיבנאונצוואָנציק יאָר דאָצענט פון געשיכטע, צו ניינאונצוואָנציק יאָר רעדאַקטאָר פון דער ערשטער אַלגעמיינער געשיכטע פון פראַנקרייך, יונג אויסגעקליבן אין פּאַרלאַמענט אַריין (צו דעם האָט גורם געווען די זעלבע עפּאָכע, וואָס

האָט אויך פּואַנקאַרע און באַרטו דערהויבן צום מיניסטער־פּאָסטן פאַר די פּערציקער), פּאָרזיצער פון דער פראַנק־אַזיאַטישער געזעלשאַפט, דערדאָזיקער פּעראַל, וואָס נישט קוקנדיק אויף זיין פּאָליטישן דורכפאַל, האָט ער נאָך אַלץ געהאַט אַזאַ מאַכט און אויטאָריטעט אין שאַנכיי, ווי לכל־הפּחות דער גענעראַל־קאָנסול פון פראַנקרייך. האָט דעריבער דער דירעקטאָר, פול רעספּעקט און האַרציקייט, אַרויסגעצויגן טשאַן־קיי־שעקס רעדע:

כ'האָב אויסגעגעבן קוים אַכצן מיליאָן פּיאַסטער, און דעראָבערט זעקס פּראָווינצן אין משך פון פינף חדשים. זאָלן די אומצופרידענע, אויב זיי האָבן חשק, זיך אויסקלויבן אַן אַנדערן הויפּט־קאָמאַנדיר, וואָס זאָל אַזוי וויניק אויסגעבן, און אַזוי פיל דערגרייכן...

— זיכער וואָלט דאָס פאַרנעמען שאַנכיי פאַרענטפערט די געלט־פראַגע — האָט פּעראַל געזאָגט. — די צאָל־קאַמערן וואָלטן אים געגעבן פינף מיליאָן פּיאַסטער חודשלעך, כמעט אַזוי פיל, וויפיל ס'איז נייטיק אויף צו דעקן די הוצאות פון דער אַרמיי...

— יאָ. אָבער ווי מען שמועסט, האָט מאָסקווע אַרויסגעגעבן באַפעלן אירע פּאָליטישע קאָמיסאַרן, צו דערפירן זייער אַרמיי הינטער שאַנכיי צו אַ מפּלה. דער אויפשטאַנד וואָלט אויף אַזאַ אופן זיך שלעכט פאַרענדיקט...

— צו וואָס אַזעלכע באַפעלן?

— כדי צו פאַרניכטן טשאַן־קיי־שעקן, אַראָפּרייסן זיין אויטאָריטעט, פאַרטרעטן אים דורך אַ קאָמוניסטישן גענעראַל, וועלכן עס זאָל צוגעשריבן ווערן דער כבוד פון דעראָבערן שאַנכיי. עס איז כמעט זיכער, אַז די קאַמפּאַניע אויף שאַנכיי ווערט געפירט אָן דער הסכּמה פון צענטראַל־קאָמיטעט אין האַן־קאו. די זעלבע אינפאָרמאַטאָרן באַשטעטיקן, אַז דער רויטער גענעראַל־שטאַב איז קעגן דערדאָזיקער אימפּרעזע...

פּעראַל איז געווען גערירט, כאָטש ער האָט אין דעם נישט געגלייבט. ער האָט געלייענט ווייטער:

> פאַרלאָזט דורך דער גרעסטער טייל פון זיינע מיטגלידער, נישט פאַרמאָגנדיק אַפילו קיין געהעריקע מערהייט, שרייבט דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט אין האַן־קאו זיך נאָך אַלץ ווייטער צו דעם העכסטן אויטאָריטעט איבער דער פאַרטיי פון קאָמינטאַנג... איך ווייס, אַז סון־יאַט־סען האָט צוגעלאָזט די קאָמוניסטן העלפן דער פאַרטיי. איך בין קיינמאָל קעגן זיי נישט אַרויסגעטרעטן, תּמיד זיך באַצויגן צו זייער פלייס מיט דער העכסטער אָנערקענונג. אָבער אַצינד אָנשטאָט צו באַנוגענען זיך מיט זייער אייגנטלעכער ראָל, אוזורפירן זיי די מאַכט, באַמיִענדיק זיך דורך געוואַלט אין חוצפּה צו דעראָבערן די אָנפירונג איבער דער פאַרטיי. איך וואָרן זיי, אַז איך וועל צוימען זייערע אויפגעבלאָזענע פּרעטענזיעס, וואָס טרעטן אַריבער די ראַמען פון פאַרשטענדיקונג...

באַנוצן זיך מיט טשאַן־קיי־שעקן, — דערדאָזיקער געדאַנק האָט געקריגן אַלץ מער זינען. די איצטיקע רעגירונג האָט זיך געשטיצט בלויז אויף דער קראַפט פון דער אַרמיי, וועלכע זי האָט פאַרלוירן מיט יעדן טאָג, און אויף דער שרעק, וואָס די קאָמוניסטן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי האָבן אָנגעוואָרפן אויף דער בורזשואַזיע. קיינער איז כּמעט נישט פאַראינטערעסירט געווען אינם דערהאַלטן זיך פון דערדאָזיקער רעגירונג. הינטער טשאַנגען איז געשטאַנען אַ זיגרייכע אַרמיי און דאָס גאַנצע כינעזישע קליינבירגערטום.

— מער איז גאָרנישטאָ? — האָט ער הויך געפרעגט.

— ניין, הער פאָרזיצער.

— אַ דאַנק.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ; זיך אָנגעשטויסן אין דורכגאַנג אויף אַ שאַטינקע אין אַ ספּאָרט־קאָסטיום, אַ מינערווע מיט אַ גאוזהדיק, אומבאַוועגלעך פּנים. דאָס איז געווען די רוסין פון קאַווקאַז, וואָס איז דאָ אָנגעגאַנגען פאַר מאַרטיאַלס געליבטע.

„איך וואָלט געוואָלט זען, וואָס פאַר אַ מינע דו מאַכסט אין מאָמענט, ווען דו גיסט דיך אָפּ עמעצן”, האָט ער אַ קלער געטון.

— אַנטשולדיקט.

ער האָט זי געמיטן מיט אַ באַגריסונג, אַריינגעזעסן אין אויטאָ, וואָס איז גלייך אַוועק אין המון אַריין, דאָס איצטיקע מאָל קעגן שטראָם. דאָס טרומייטל האָט געשאַלט בחינם, הילפלאָז קעגן ליאַרעם פון המון, קעגן דער טויזנט־יעריקער ערב־פּאָגראָם־פּאַניק. די גאַסן־פּאַרקויפערס זענען אַרומגעלאָפן מיט צעוויגטע וואָגן־שטאַנגען, אויף איטלעכער האָבן זיך געהוידעט צו צוויי שאָלן; ווענעלעך, טאָטשקעס — די אָפּשטאַמונג פון קייסער טאַנגס טריומףוואָגנס, — צוויי רעדערדיקע ווענעלעך האָבן געפירט קראַנקע, פּעראַל האָט זיך גערוקט קעגן שטראָם, באַגלייט פון די אויפגערעגטע בליקן: אויב עס דאַרף שוין אַ סוף נעמען צו זיין יאַשטשערקעלעבן, וועט דאָס זיכער געשען אין דעם כאַאָס, אין דעם פּערמענט פון פּאַרצווייפלונג, וואָס וועט אַ ליאַדע רגע אויסזעצן די שויבן פון זיין אויטאָ! פּונקט ווי ער וואָלט זיך פּאַרטראַכט וועגן אינהאַלט פון זיין לעבן אונטער דער ווירקונג פון אַ פיזישער וואונד, אַזוי האָט ער אַצינד, ווען זיינע ענינים האָבן אָנגענומען אַ שלעכטע ריכטונג, געטראַכט וועגן זיי, אייגנטלעך געפּילט, אין וועלכן פּונקט מען וואָלט אים געקאָנט פּאַרוואונדן. ער איז נישט אַהערגעקומען דאָ, כדי דעם קאַמף אונטערצונעמען: ער האָט זיך פּאַרנומען מיט די כינעזישע ענינים, כדי צו דעראָבערן אַ נייעם אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זיין אינדאָ־כינעזישער פּראָדוקציע. ער האָט דאָ געשפּילט אַן אָפּוואַרטנדיקע ראָל: זיך געריסן קיין פראַנקרייך און שוין נישט געהאַט מער קיין געדולד צו וואַרטן.

זיין גרעסטע שוואַכקייט האָט געשטאַמט פון דעם, וואָס דאָ איז נישט געווען קיין מלוכה. די אַנטוויקלונג פון אַזעלכע ברייטפונאַנדערגעצווייגטע ענינים האָט געפאָדערט אַ פּאַרשטענדיקונג מיט אַ רעגירונג. פון זיין יוגנט אָן האָט ער תמיד געאַרבעט פאַר רעגירונגען. ווען ער איז נאָך געזעסן אין פּאַרלאַמענט, איז ער שוין געווען פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט פאַר ענערגיע און

עלעקטרישע אַפּאַראַטן, וואָס האָט פּראָדוצירט עלעקטרישע מכשירים פאַר דער גאַנצער פראַנצויזישער מלוכה, דערנאָך האָט ער אָרגאַניזירט דאָס איבערבויען פון בוענאָס־איירעסער פּאָרט. אַן אומאָפּהענגיקער, מיט דער שטאָלצער אומאָפּהענגיקייט, וואָס וואַרפט אָפּ רעקאָמענדירונגען און נעמט אָן באַפעלן, האָט ער געהאָפט אַרויסצוקריגן פון די אַזיאַטישע קאָלאָניעס די אים נויטיקע געלט־סומע: וואָרים נאָך זיין פּאָליטישער מפּלה האָט ער נישט געוואָלט אונטערנעמען דעם שפּיל אויפסניי, נאָר ענדערן זיינע כּללים. שטיצנדיק זיך אויף די פּריוואַטע באַציִונגען פון זיין ברודער — אויף זיין העכערער דירעקטאָר־פונקציע פון דעפּאַרטאַמענט פאַרן געלט־אומזאַץ, — אַרויסרוקנדיק זיך אין דער שפּיץ פון אַ שטאַרקער פראַנצויזישער פינאַנס־גרופּע, האָט פּעראַל אַרויסגעקריגן פון דער אינדאָ־כינעזישער געגעראַל־רעגירונג די הסכּמה דורכצופירן עפנטלעכע אַרבעטן אויף אַ סומע פון 400 מיליאָן. די רעפּובליק האָט דאָך נישט געקאָנט אָפּזאָגן דעם ברודער פון איינעם פון אירע העכסטע באַאַמטע דורכצופירן דעמדאָזיקן ציוויליזירנדיקן פּראָגראַם, און די אויספירונג איז געווען אַן אויסגעצייכנטע, אַ וואונדערבאַרע פאַר דעם לאַנד, וואו אפילו שווינדלערייען ווערן דורכגעפירט אויף אַ נאַכלעסיקן אופן. פּעראַל האָט געוואוסט ווי אַזוי צו האַנדלען. וואוילטעטיקייט באַצאָלט זיך שטענדיק: זיין גרופּע האָט זיך אַ נעם געטון אינדוסטריאַליזירן אינדאָ־כינע. עס האָבן זיך גלייך באַוויזן צוויי קרעדיט־אַנשטאַלטן (אַ היפּאָטעקישע און לאַנדווירטשאַפטלעכע); פיר בוי־געזעלשאַפטן: קאַוטשוק, טראָפּישע געוויקסן, וואָל, צוקער, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די תּכיפדיקע איבעראַבעטונגען פון רוישטאָף אויף האַנדלס־פּראָדוקטן; דריי גראָבן־געזעלשאַפטן: קוילן, פאָספאַט, גאָלד און אַלס צולאָג „די עקספּלאָאַטאַציע פון זאַלץ־גראָבנס"; פינף אינדוסטריע־געזעלשאַפטן: ליכט און ענערגיע, עלעקטריע, גלאָז־הוטעס, פּאַפּיר־פאַבריקן, דרוקערייען; דריי טראַנספּאָרט־געזעלשאַפטן: גאַלאַרן, שלעפּ־דאַמפּערס, טראַמווייען. און אין צענטער האָט די געזעלשאַפט פאַר עפנטלעכער אַרבעט, די קעניגין פון דעם מוראַשניק פון פּראָיעקטן, שנאה־געפילן און טראַק־

טאַטן, די מוטער אָדער הייבאַם פון די אַלע צווישן זיך אין וואויל-
טאָג-לעבנדיקע געזעלשאַפטן, באַווייזן צו פאַרזיכערן פאַר זיך דאָס
בויען פון דעם צענטראַל-אַנאַמער באַן-וועג, וואָס זיין ליניע — ווער
וואָלט זיך דאָס געריכט? — האָט דורכגעשניטן די קאָנצעסיע-
שטחים פון פעראַלס-גרופע. „ס'איז נישט שלעכט אַוועק", האָט דער
וויצע-פּאָרזיצער פון אַדמיניסטראַציע-ראַט געזאָגט צו פעראַלן, און
פעראַל האָט געשוויגן און געזאַמלט זיין גאָלדענעם באַרג, פון
וועלכן ער האָט זיך געקליבן אַ קוק צו טון אויף פּאַריז.

אַפילו ווען ער האָט אין יעדע קעשענע געהאַט אַ פּראָיעקט
פון עפעס אַ נייער כינעזישער געזעלשאַפט, האָט ער נישט אויפ-
געהערט צו טראַכטן וועגן פּאַריז. מען דאַרף זיך אומקערן קיין
פראַנקרייך מיט אַזאַ רייכטום, מען זאָל קאָנען אָפּקויפן די האַוואַס-
אַגענטור, אָדער צוטרעטן אַלס שותף, אָנהייבן אויפסניי דעם פּאָ-
ליטישן שפּיל און, דערגרייכנדיק אַ מיניסטער-פּאָרטפעל, געווינען
די איינשטימיקייט פון מיניסטעריום און די געזעלשאַפטלעכע מיינונג,
וואָס וועט געקויפט ווערן פאַר געלט, קעגן דעם פּאַרלאַמענט.
דאָרט איז געווען די מאַכט. אָבער דער הייניקער טאָג האָט נישט
געזאָרגט פאַר זיינע פאַנטאַזיעס: דער האַנדלס-אינטערעס פון די
אינדאָ-כינעזישע אינטערנעמונגען האָט פולשטענדיק אַנגאַזשירט
פעראַלס גרופּע אין דער טייך-אויסברייטונג פון יאַנג-טסע, טשאַן-
קיי-שעק האָט מאַרשירט אויף שאַנכיי אין דער שפּיץ פון דער רע-
וואָלוציאָנערער אַרמיי, דער המון האָט אַלץ געדיכטער זיך גע-
דרענגט אויף די טירלעך פון זיין אויטאָ. עס איז נישט געווען
אין כינע קיין איין געזעלשאַפט, אַזעלכע, וואָס האָט געהערט צום
פראַנק-אַזיאַטישן פאַרבאַנד, אָדער זיך געפונען אונטער זיין קאָנ-
טראָל, וואָס זאָל נישט האָבן געליטן: די בוי-אונטערנעמונג פון
דאַמפערס אין האָנג-קאָנג — צוליב דער נישט זיכערקייט פון די
טייך-וועגן; אַלע אַנדערע: עפנטלעכע אַרבעטן, אונטערנעמונגען
פון בויאונג, עלעקטריע, אַסעקוראַציע, באַנק-וועזן — פון מלחמה
און געפאַר פון קאָמוניזם. די אימפּאָרט-סחורה האָט געשימלט אין
די לאַגערן פון האָנג-קאָנג און שאַנכיי, די עקספּאָרט-סחורה — אין

די מאַגאַזינען פון האַן־קאו, טיילווייז אויף דער פּלאַטפאָרם פון האַפן.

דער אויטאָ איז געבליבן שטעקן. דאָס שווייגן — געוויינטלעך איז דער כינעזישער המון זייער ליאַרעמדיק — האָט פאָרגעזאָגט אַ קאַטאַסטראָפע. עס האָט זיך דערהערט אַ האַרמאַטן־שאָס. די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי, שוין אַזוי נאָענט? ניין: דאָס איז דער געוויינטלעכער שאָס, וואָס ווערט געגעבן יעדן טאָג מיטאָגצייט. דער המון האָט געמאַכט אָרט: דער אויטאָ האָט זיך נישט גערירט. פעראַל האָט צוגעלייגט דאָס מויל צו דער טובע. עס איז נישט געווען קיין ענטפער: ער האָט שוין נישט געהאַט דעם שאָפער, נישט געהאַט קיין באַדינונג.

ער האָט געשטעקט אַן אומבאַוועגלעכער, פאַרוואונדערטער, אין דעם אומבאַוועגלעכן אויטאָ אינמיטן פון דעם געדיכטן המון. פון דער נאָענטסטער קראָם איז אַרויסגעגאַנגען דער פאַרקויפער מיט אַ גרויס ברעט אויפן אַקסל; ער האָט זיך אויסגעדרייט, ווי ער וואָלט געוואָלט אויסזעצן די שויב פון אויטאָ: פאַרמאַכט די קראָם. פון רעכטס, פון לינקס, פון אַקעגנאיבער, זענען אַרויסגעגאַנגען נאָך אַנדערע קרעמער, אַנדערע סוביעקטן, און איטלעכער האָט געטראָגן אויפן אַקסל אַ ברעט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט כינעזישע אותיות: עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גענעראַלשטרייק.

דאָס איז נישט געווען יענער שטרייק פון האָנג־קאָנג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט פּאַמעלעך, אַן עפּישער און כמורנער: דאָס איז געווען אַ מאַנעוור פון אַן אַרמיי. איבערגעץ, וואוהין דאָס אויג האָט נאָר געגרייכט, איז נישט געווען צו זען קיין איין אָפענע קראָם. מען האָט געדאַרפט זיך אָריענטירן שנעל; ער איז אַרויס פון אויטאָ, צוגערופן אַ האַנט־וועגעלע. דער קולי האָט נישט געענטפערט: ער האָט געאײַלט אין דער רעמיזע אַריין, אַצינד כמעט איינער אַליין אויפן שאָסיי, נישט ווייט פון פאַרלאָזטן אויטאָ: דער המון האָט פאַרגאָסן די טראָטואַרן. „זיי האָבן מורא פאַר שראַפּנעלן", האָט פעראַל אַ טראַכט געטון. די קינדער, אַוועקגע־

וואָרפן זייערע שפּילערייען, האָבן זיך געטוליעט צווישן די פיס פון דער באַוועגלעכער מאַסע אויף די טראָטואַרן. אַ שטילקייט, וואָס האָט געראַשט מיט ווייטן און איינצייטיק אַזוי נאָענטן לעבן, ווי אין אַ וואַלד, ווען עס הייבט אָן ראָיען פון אינזעקטן; אַ סיגנאַל פון אַ קרייצער־שיף האָט דורכגעריסן די לופט און אַנטשוויגן געוואָרן. פּעראַל איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון זיין היים אַזוי שנעל, ווי נאָר מעגלעך, מיט די הענט אין די קעשענעס, די אַקסלען און גאָמבע — פאָרויס. צוויי סירענעס האָבן, מיט איין אָקטאַווע העכער, איינצייטיק אָנגעהויבן דעם אויסגעשריי, וואָס איז נאָר־וואָס אַנטשוויגן געוואָרן, ווי עפּעס אַ קריפּלהאַפטע חיה, פאַרטייעט אין דערדאָזיקער שטילקייט, וואָלט אַזוי אַרום פאָרגעזאָגט איר אָנקומען. די שטאָט איז פאַרזונקען אין וואַרטן.

איינס אַ זייגער נאָכמיטאָג.

— פינף זענען אָפּגעקומען — האָט טשען געזאָגט.

די מענטשן פון זיין גרופּע האָבן געוואַרט. דאָס זענען געווען בלויז וועבערס אין בלויער לייוונטענער קליידונג; טשען איז אויך געווען אַזוי אָנגעטון. אַלע געגאָלטע, אַלע דאַרע, — אַלע קרעמפּע: איידער טשען איז געקומען, האָט דער טויט דורכגעפירט אַ ריי֫ניקונג. צוויי האָבן געהאַלטן ביקסן אונטער די אָרעמס, — מיט די לופעס צו דער ערד. זיבן האָבן געהאַט רעוואָלווערן פון ש ע ן ־ ט ע נ ג; איינער האָט געהאַלטן אַ גראַנאַט; עטלעכע אַנדערע האָבן זיי געהאַלטן אין די קעשענעס. דרייסיק האָבן געהאַט מעסערס, קאַסטעטן, באַגנעטן; אַכט אָדער צען, אָן געווער, זענען געווען אראָפּגעזעצט איבער אַ קופּע שמאַטעס, נאַפּט־באַניעס, קנוילן דראָט. עפּעס אַ יונגער חברהמאַן האָט באַטראַכט, ווי קערנער, גראָבע טשוועקעס, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אַ זאַק. „זיי זענען אַפּנים גרעסער ווי די, וואָס מען קלאַפּט אַריין אין די פערדישע

פאַדקאָוועס..." דער קוואַרטאַל פון וו א ו נ ד ע ר, אָבער אונטער דער פאָן פון האַס און טאַט.

ער איז נישט געווען איינער פון זיי. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט דערהרגעט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז דאָ אַהערגעקומען. אויב ער וועט הייגט אומקומען, וועט ער אומקומען אַליין. פאַר זיי איז די זאַך פשוט: זיי גייען פאַר זיך דעראָבערן ברויט און ערד. פאַר אים אָבער... חוץ דעם, וואָס עס האָט געהאַט אַ שייכות צו זייערע ווייטיקן און געמיינזאַמען קאַמף, האָט ער אפילו נישט געקאָנט רעדן מיט זיי. ער האָט בלויז געוואוסט, אַז קאַמף פאַרייניקט. און דער קאַמף האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן מיט די זעק אויף די פלייצעס, מיט די באַגיעס אין די הענט, מיט דער דראָט אונטער די אָרעמס. דער רעגן איז נאָך נישט געפאַלן; דער טרויער פון דעם פוסטן געסל, וואָס אַ הונט איז עס אַריבער אין צוויי שפרונגען, ווי דער אינסטינקט וואָלט אים אונטערגעזאָגט, וואָס דאָ קומט פאָר, איז געווען אויך אַזוי טיף, ווי די שטילקייט. פינף שאָסן זענען געפאַלן פון דער נאָענטער גאַס: דריי מיטאַמאָל, דערנאָך אַ פערטער, דערנאָך נאָך איינער. „עס הייבט זיך אָן", האָט טשען געזאָגט. עס איז ווידער געוואָרן שטיל, אָבער שוין נישט אַזוי ווי פריער. עס האָט זיך געהערט אַ טופעריי פון פערדישע קאָפיטעס, אַלץ שנעלער, אַלץ נענטער. און ווי נאָך אַ דונער, אַ פאַרלענגערטער דורכן ווערטיקאַלן שניט פון אַ בליץ, האָט אַ רעש, נאָך נישט צוטריטלעך פאַר די אויערן, זיך אַרייַנגעריסן אין געסל און זיך צעקלאַפט אויף כאַאָטישע אויסגעשרייען, שאָסן, ווילד פאָרסקעריי פון פערד, אָפקלאַנגען פון פאַלנדיקע קערפערס; דערנאָך, ווען דער ליאַרעם האָט זיך שוין אָפגעזעצט ווי שליים אונטער דער גלייכגילטיקער שטילקייט, האָט זיך אַרויסגעריסן אַזוי ווי אַ טויט־אַנגסטלעכער קוויטש פון אַ הונט, וועלכן מען ממיתט: אַ געוואָרגענער מענטש.

זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון לויפן, זענען צוגעלאָפן צו דער ברייטער גאַס. אַלע קראָמען זענען געווען פאַרמאַכט. אויף דער ערד — דריי טויטע קערפערס; אינדערהייך, דורכגעשניטן פון די טע־

לעגראַף־דראָטן, דער אומרויִקער הימל אין שוואַרצע רויך־נעפּלען; אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט גאַס האָבן אַ צוואָנציק קאַוואַלעריסטן (עס איז נישט געווען קיין סך קאַוואַלעריע אין שאַנכײַ) אומזיכער זיך באַוועגט אויף זייערע פערד, נישט זעענדיק די אויפשטענדער, וואָס זענען צוזאַמען מיט זייערע מכשירים געווען צוגעדריקט צו די מויערן, און האָבן אומזיכער נאָכגעפאָרשט די באַוועגונגען פון די פערד. טשען האָט נישט געקאָנט חלומען וועגן אָנגריף: די מענטשן זענען געווען צו שלעכט באַוואָפנט. זיי האָבן זיך אַרײַנגעדרייט רעכטס, ענדלעך צוגעקומען צו אַ פּאָליצײַ־פּאָסטן; די וואַך־פּאָליציאַנטן זענען רויִק אַרײַנגעגאַנגען צוזאַמען מיט טשענען.

די פּאָליציאַנטן האָבן געשפּילט אין קאָרטן, די ביקסן און מאַוזערן זענען געשטאַנען אין די געשטעלן; דער אונטעראָפיציר האָט געעפנט דאָס פענסטער, אַרויסגעשריגן אין טונקעלן הויף אַרײַן:

— הערט אַלע! איך נעם אײַך פאַר עדות, אַז זיי איבן אויס קעגן אונז געוואַלט. איר זעט, אַז מיר זענען אומגעזעצלעך גענייט אָפּצוטרעטן קעגן דער איבערמאַכט!

ער האָט געוואָלט פאַרמאַכן דאָס פענסטער; טשען האָט צוגעהאַלטן די קוואַרטיר, אַרויסגעקוקט: דער הויף איז געווען ליידיק. אָבער דער אָנשטעל איז געווען געמאַכט — און דער טעאַטראַלער מאָנאָלאָג איז געהאַלטן געוואָרן אין דער געהעריקער צייט. טשען האָט געקענט זײַנע לאַנדסלײַט: דער, „וואָס וואַרפט נאָר פון זיך אַראָפּ", וועט שוין נישט רירן מיט קיין פינגער. ער האָט אײַנגעטיילט דאָס געווער צווישן זײַנע מענטשן. די אויפשטענדער, אַצינד שוין אַלע באַוואָפנטע, זענען אַרויסגעגאַנגען; עס וואָלט נישט געהאַט קיין זין צו אָקופּירן דעמדאָזיקן גאָרנישט באַדײַטנדיקן וואַך־פּאָסטן. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ קווענקל געטון, דרײַ זענען אויפגעשטאַנען, געוואָלט נאָכגיין די אויפשטענדער (אפשר וועט געלונגען אַ ביסל צו רויבן...). טשען איז קוים פּטור געוואָרן פון דידאָזיקע צוטשעפּעניש. די אַנדערע האָבן זיך צוריקגעזעצט צו די קאָרטן.

— אויב זיי וועט געלונגען, — האָט עמעצער רעזאָנירט — וועלן זיי אפשר אויסצאָלן דאָס געהאַלט פאַר דעם הודש?

— אפשר... — האָט דער אונטעראָפיציר געענטפערט. ער האָט אויסגעטיילט קאָרטן.

— אויב מען וועט זיי צעקלאַפּן, וועט מען נאָך זאָגן, אַז מיר האָבן פאַראַטן.

— וואָס האָבן מיר געקאָנט טון? מיר האָבן אָפּגעטרעטן קעגן איבערמאַכט. אַלע זענען מיר עדות, אַז מיר האָבן נישט פאַראַטן.

זיי האָבן זיך געריבן די שלעפן, די מוחות האָבן ביי זיי געטרונקען.

— מיר זענען פאַר דעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך — האָט עמעצער געזאָגט.

אַלע האָבן באַשטעטיקט. אויף יעדן פאַל האָבן זיי פונדעסטוועגן זיך איבערגעטראָגן מיט די קאָרטן אין דער שכנותדיקער קראָם אַריין, פונוואַנען דער אייגנטימער האָט נישט געוואַגט זיי אַרויסצוטרייבן. אין וואַך-פּאָסטן איז געבליבן בלויז אַ קופּע מונדירן.

אַ פריידיקער און פאַרוואונדערטער, האָט טשען מאַרשירט צו איינעם פון די וויכטיקסטע פּאָליציי-פּאָסטנס: „עס גייט אויסגעצייכנט, האָט ער געטראַכט, אָבער די זענען כמעט די זעלבע קבצנים, וואָס אונזערע...” די רוסישע ווייס-גוואַרדייער און זעלנער פון פאַנצער-צוג, זיי וועלן זיך יאָ שלאָגן. די אָפיצירן אויך. ביקסן-שאָסן ווייטע, טויבע, ווי עס וואָלט זיי דומפּ געמאַכט דער נידעריק-געוועלבטער הימל, זענען אָנגעשוואומען אין צענטער שטאָט אַריין.

ערגעץ אין אַ געסל, האָט די גרופּע — אַלע מענטשן זענען שוין געווען באַוואָפנט, אפילו די, וואָס האָבן געטראָגן די באַניעס מיט נאַפט — זיך אַ וואַקל געטון אַ ווײַלע, גענומען בלאָנדזשען מיט די בליקן. די קרייצער-שיפן און דאַמפּערס, פון

וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אויסלאָדענען די פּראָדוקטן, האָבן אַרויסגעלאָזט לענגלעכדיקע צעקוידלטע רויך⸗פּאַסמעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן אויפן ווינט אין דער גלייכער ריכטונג פון די אויפשטענדער, ווי דער הימל וואָלט זיך אויך באַטייליקט אין אויפשטאַנד. דער וואַך⸗פּאָסטן האָט זיך געפונען אין עפּעס אַן אַלטן, איינשטאָקיקן, רויט⸗געמויערטן פּאַלאַץ; פון ביידע זייטן טיר — צוויי וואַך⸗פּאָליציאַנטן מיט אויפגעפלאַנצטע באַגנעטן. טשען האָט געוואוסט, אַז אין די אויסדערוויילטע פּאָליציי⸗אָפּטיילונגען איז זינט דריי טעג שוין פאַראָרדנט געווען אויסנאַם⸗צושטאַנד און אַז די מענטשן האַלטן זיך קוים אויף די פיס פון פאַרמאַטערטקייט. אינעווייניק זענען געווען אָפיצירן, אַן ערך פופציק מיט מאַוזערן גוט באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן, גוט געצאָלטע, און אַ צען זשאַנדאַרמען. לעבן, לעבן לכל⸗הפּחות די אַכט נאָענטסטע טעג! טשען האָט זיך פאַרהאַלטן אין ראָג פון דער גאַס. דאָס געווער שטייט זיכער אין די געשטעלן אין פּאַרטער, אין צימער רעכטס, אין דער הויפּטוואַך, פאַר דער קאַנצעלאַריע פון אָפיציר; טשען און נאָך צוויי אַנדערע פון זיין גרופּע זענען דאָרט געווען אַ סך מאָל די פאַרגאַנגענע וואָך. ער האָט אויסגעקליבן צען מענטשן אָן ביקסן, געהייסן זיי באַהאַלטן די רעוואָלווערן אונטער די בלוזעס און זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיי. זיי האָבן געמיטן דעם ראָג, די וואַך⸗פּאָליציאַנטן האָבן געזען, ווי זיי דערנענטערן זיך; זיי האָבן נישט געהאַט צו קיינעם קיין צוטרוי, אָבער צו דידאָזיקע — אדרבא: אַרבעטער⸗דעלעגאַציעס פלעגן אָפט קומען, כדי צו פאַרהאַנדלען מיטן אָפיציר, מערסטנטייל, כדי אים אַריינצורוקן עפּעס אין דער האַנט, און אַזאַ אָפּעראַציע האָט געפאָדערט גרויס גאַראַנטיע און אַן אָנגעזעענע וואַך.

— צום אָפיציר שעי⸗טון — האָט טשען געזאָגט.

אַכט זענען אַריינגעגאַנגען אינעווייניק; די צוויי לעצטע, ווי זיי וואָלטן פאַרהאַלטן געוואָרן אין דורכגאַנג, האָבן זיך אַריינגעגליטשט צווישן די וואַך⸗פּאָליציאַנטן אין דער מויער. ווען יענע זענען שוין געווען אין פאָרהויז, האָבן די וואַך⸗פּאָליציאַנטן דער⸗

פילט בײַ די ריבן רעוואָלווער-לופעס. זײ האָבן זיך געלאָזט אַנטוואָפּענען: מען האָט זײ געצאָלט בעסער ווי זײערע באַוואָלטע קאָלעגן, אָבער דאָך נישט אַזוי גוט, אַז זײ זאָלן גרײט זײַן אײַנצושטעלן דאָס לעבן. פיר פון טשענס חברים, וועלכע האָבן נישט געהערט צו טשענס גרופּע און זענען אַזוי ווי צופעליק דורכגעגאַנגען די גאַס, האָבן זײ אָוועקגעפירט לענגאויס דער מויער. פון די פענסטער וואָלט מען גאָרנישט געקאָנט באַמערקן.

טשען האָט דערזען אין פאָרהויז די ביקסן אין די געשטעלן. אין צימער פון דער הויפּט-וואַך זענען געזעסן נישט מער ווי זעקס פּאָליציאַנטן, באַוואָפנטע מיט בראַונינגס; זײ האָבן זײ געטראָגן אין דער זײַט אין פאַרמאַכטע שײדן. ער איז צוגעשפּרונגען צו די געשטעלן מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער.

ווען די פּאָליציאַנטן וואָלטן זיך נישט דערשראָקן, וואָלט דער אָנפאַל זיך געווען פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. נישט געקוקט אויף דער באַקאַנטשאַפט מיטן אָרט, האָט טשען נישט קײן צײַט געהאַט אָנצווײַזן יעדן פון זײַנע מענטשן, וועמען ער האָט צו נעמען אויף זיך; אײנער אָדער צוויי פּאָליציאַנטן וואָלטן געקאָנט אויסשיסן, אָבער אַלע האָבן אויפגעהויבן די הענט. אין אויגנבליק איז זײ פאַרשוואונדן דאָס געווער פון גאַרטל. עס איז אַרײַנגעקומען אַ נײַע גרופּע פון טשענס אָפּטײלונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע אײַנטײלונג פון געווער.

„אין דעם מאָמענט, האָט טשען אַ טראַכט געטון, זענען צווײהונדערט גרופּעס פּונקט אַזוי טעטיק, ווי מיר. אויב אויך אַזוי דערפאָלגרײַך"... ער האָט נאָר-וואָס אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער דריטער ביקס, ווי עס האָבן זיך דערהערט אײַליקע טריט אויף די טרעפּ. עמעצער איז שנעל געלאָפן אַרויף. ער האָט אַרויסגעקוקט. אין מאָמענט, ווען ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל, איז פון ערשטן שטאָק געפאַלן אַ שאָס. די טרעפּ זענען לײדיק. אַן אָפיציר, וואָס איז צופעליק אַראָפּגעקומען, האָט באַמערקט די אויפשטענדער, אויסגעשאָסן און שנעל צוריק אַרויפגעלאָפן אינדערהײך.

עס האָט זיך דערנענטערט דער אָנהייב פון קאַמף.

די טיר אויף דער טרעפּ־פּלאַטפאָרמע פון ערשטן שטאָק האָט זיך געפונען איבערן דורכגאַנג. שיקן אַ פּאַרלאַמענטאַריער, אויפן אַזיאַטישן שטייגער? טשען האָט פיינט געהאַט אַלץ, וואָס האָט אים דערמאַנט אָן דער כינעזישער פּיפּיקייט. נעמען די טרעפּ מיט שטורעם — דאָס וואָלט געווען זעלבסטמאָרד: די פּאָליציאַנטן האָבן זיכער געהאַט האַנט־גראַנאַטן. לויט די אינסטרוקציעס פון מיליטערישן קאָמיטעט, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורך קיאָ צו אַלע גרופּעס, האָט מען אין פאַל פון אומדערפאָלג געדאַרפט אונטערצינדן, זיך איינקוואַטירן אין די שכנישע הייזער און ברענגען צו הילף די ספּעציעלע אָפּטיילונגען. עס איז נישט געבליבן עפּעס אַנדערש צו טון.

— אונטערצינדן!

די מענטשן מיט די באַניעס האָבן געפּרוווט פונאַנדערגיסן דעם נאַפט פון דער האַנט אַוועק, ווי וואַסער פון אַן עמער, אָבער די שמאָלע עפענונגען האָבן אים דורכגעלאָזט קוים אין דינע שטראָמלעך. זיי האָבן געמוזט פּאַמעלעך באַשפּריצן מיט אים די זאַכן און די ווענט. טשען האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער: קעגנאיבער — פאַרמאַכטע קראָמען, שמאָלע פענסטער איבערן טויער פון פּאָליציי־פּאָסטן; העכער אַ ביסל — כינעזישע, מיט גרינעם שימל באַדעקטע דעכער, אין דער פאָרם פון גאָנדאָלעס, און די אומגעהייערע רויִקייט פון גרויען הימל, דעם נישט פאַרשטעלטן אפילו דורך איין רויך־וואָלקנדל, דעם מילדן הימל, וואָס האָט ניִדעריק זיך אויסגעוועלבט איבער דער ליידיקער גאַס. יעדער קאַמף האָט אויסגעזען ווי אַן אַבסורד, עס האָט נישט עקזיסטירט קיין שום זאַך חוץ דעם לעבן; ער האָט זיך באַהערשט אין דער געהעריקער צייט און באַוויזן צו באַמערקן, ווי עס פליען שויבן מיט אַ קרישטאָל־קלינגעריי, אויסגעמישט מיטן הילך פון אַ זאַלב: מען האָט געשאָסן צו זיי פון דער הייך.

אַ צווייטער זאַלב, זיי האָבן זיך אַצינד געפונען אין אַ פּאַסטקע צווישן דער פּאָליציי, וואָס האָט באַהערשט דעם אייבערשטן

שטאָק, און נייע אָנפאַלער, וועלכע זיי האָבן נישט געקאָנט זען פון דער שטוב, וואָס איז פאַרגאָסן געווען מיט נאַפט. די מענטשן האָבן זיך אויסגעלייגט אויף די בייכער, אַריינשטופנדיק די געבונדענע געפאַנגענע אין אַ ווינקל. ווען דאָ זאָל אויפרייסן אַ גראַנאַט, וואָלטן זיי אַוועק מיטן רויך. עמעצער האָט דאָרט אַ ברום געטון, אַנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן פענסטער: אויפן דאַך האָט זיך געזען אַ שיסער אין ציוויל-קליידונג; מען האָט אויך געקאָנט באַמערקן דורכן פענסטער, אין דער לינקער זייט, נאָך אַנדערע, וואָס האָבן זיך דערנענטערט, פאָרזיכטיק, פאַרשטעלנדיק זיך די קעפ מיט די אָרעמס. דאָס זענען געווען אויפשטענדער, זייערע חברים.

שוטים, זיי שיסן, נישט שיקנדיק פריער קיין אויסשפּירונג, האָט טשען אַ טראַכט געטון. ער האָט געהאַט אין קעשענע אַ בלויע קאָמינטאַנג-פּאַן. ער האָט זי אַרויסגענומען און אַריין מיט איר אין פאָרהויז. אין מאָמענט, ווען ער איז אַרויסגעקומען, האָט ער דערפילט אַ שטויס אין אַ זייט, אַ שרעקלעכן און טויבן, און איינצייטיק האָט אַ מוראדיקער בליאַסק אים דורכגענומען אַזש ביז אין די גדערים. ער האָט פאַרוואָרפן די הענט אַהינטער, זיך אַ כאַפּ געטון אָן דער לופט און זיך דערפילט ליגן אויף דער ערד אַ האַלב פאַרחלשטער. קיין מינדסט גערויש; דערנאָך אַ מעטאַלישער ווידערקלאַנג און צוזאַמען מיטן רויך איז אין קאָרידאָר אַריינגעדרונגען אַ קרעכצן. ער האָט זיך אויפגעהויבן; ער איז נישט געווען פאַרוואונדעט. ער איז צו צו דער טיר, וואָס איז געווען האַלבצעשמעטערט פון דעם אומגעזעענעם אויפרייס, אַרויסגעהאָנגען מיט דער לינקער האַנט זיין פאָן אויף דער גאַס: עס וואָלט אים נישט געוואונדערט, ווען ער וואָלט באַקומען אַ קויל אין אָרעם. אָבער ניין: עס האָבן זיך דערהערט פריידיקע געשרייען. דער רויך, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון פענסטער, האָט פאַששטעלט די אויפשטענדער, וואָס זענען געווען איינקוואַרטירט אין דער לינקער זייט; אָבער די פון דער רעכטער האָבן אים גערופן.

אַ צווייטע עקספּלאָזיע האָט אים שיער נישט אומגעוואָרפן. פון די פענסטער פון ערשטן שטאָק האָבן די באַלאַגערטע פּאָלי-

ציאַנטן געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן, (דורך וואָס פאַר אַ נס איז זיי געלונגען צו עפענען די פענסטער און נישט פאַלן דורך די קוילן פון גאַס ?). דער ערשטער גראַנאַט, וואָס האָט אים אומגעוואָרפן, האָט אויפגעריסן פאַרן הויז, אָבער זיינע שפליטערס זענען אַריינגעפלויגן דורכן פענסטער און דער געעפנטער טיר, ווי ער וואָלט אויפגעריסן אין דער הויפט־וואַך גופא ; ווער ס'איז נישט געטראָפן געוואָרן, דער איז אַרויסגעשפרונגען אַ פאַרטייבטער דורך דער עקספּלאָזיע אויף דער גאַס, וואו דער רויך האָט אים נישט געשיצט פאַר דער שיסעריי פון דער פאָליציי דורכן פענסטער. צוויי זענען געפאַלן אינמיטן גאַס מיט פאַרריסענע פיס צו דער ברוסט, ווי קראָליקעס ; דער דריטער, מיט אַ רויט פאַרשמירט פנים, ווי עס וואָלט אים געגאַנגען בלוט פון דער נאָז. די פאַרטיזאַנער האָבן דערקענט די אייגענע ; אָבער די באַוועגונגען, מיט וועלכע זיי האָבן גערופן טשענען, האָבן געגעבן צו וויסן די אָפיצירן, אַז עמעצער דאַרף אַרויסלויפן פון הויז ; זיי האָבן געוואָרפן אַ צווייטן גראַנאַט. ער האָט אויפגעריסן אויף דער גאַס לינקס פון טשענען ; די מויער האָט אים מציל געווען.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק פון פאָרצימער אין שטוב אַריין. דער רויך האָט זיך אַראָפּגעזעצט פון סופיט אין געדרייטע, שווערע קלומפן. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט קערפּערס ; אַ קרעכצן, זיך אַרומטראָגנדיק ווי אַ וואָיען איבערן דיל, האָט פול געמאַכט דאָס צימער. אין ווינקל האָט אַ געפאַנגענער מיט אַן אָפּגעריסענעם פוס יעמערלעך געשריגן צו זיינע אייגענע : „הערט אויף צו שיסן !" עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פאַרשטיקטע שרייען לעכערט דעם רויך, וואָס האָט גלייכגילטיק און ספּיראַלאַרטיק, ווי געזעענער פאַטאַליזם, זיך געקרייזלט איבערן קאָפּ פון ליידנדיקן. דער יאָמערנדיקער מענטש מיטן אָפּגעריסענעם פוס האָט נישט געטאָרט אַזוי בלייבן, ווי ער איז געלעגן, אַ געבונדענער, דאָס איז געווען נישט צום באַגרייפן. און דאָך, צי וועלן נישט באַלד פאַלן איינער נאָכן צווייטן נייע גראַנאַטן ? „נישט מיין זאַך, האָט טשען אַ טראַכט געטון, דאָס איז אַ שונא". אָבער מיט אַ שטיקל

פלייש אונטערן שענקל, אַנשטאָט אַ פוס, אָבער אַ געבונדענער. ער האָט דערפילט עפּעס מעכטיקערס פון רחמנות: ער אַליין איז געווען דער מענטש אין די שטריק. „אויב אַ גראַנאַט וועט אויפרייסן הינטערן פענסטער, וועל איך מיך לייגן אויפן בויך; אויב ער וועט דאָ אַריינפאַלן, דאַרף מען אים גלייך צוריקוואַרפן. איין שאַנס אויף צוואָנציק — לעבן צו בלייבן. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?" שטאַרבן, דאָס איז נאָך גאָרנישט. קריגן אין בויך אַריין, פאַר דעם האָט ער צום שטאַרקסטן מורא געהאַט; און דאָך איז דער געדאַנק וועגן דעם געווען פאַרטרעגלעכער, ווי דער אָנבליק פון דעם געפייניקטן באַשעפעניש אין דער שטריק, ווי די דיזיקע הילפלאָזיקייט פון מענטשלעכן ליידן. ער איז צוגעגאַנגען צום פאַרוואונדעטן — ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט האַנדלען — מיט אַ מעסער אין דער האַנט, כדי איבערצושניידן די שטריק. דער געפאַנגענער האָט געמיינט, אַז טשען וויל אים דערהרגענען; ער האָט געעפנט דאָס מויל, כדי צו שרייען נאָך העכער: ער איז הייזעריק געוואָרן, זיין קול איז איבערגעגאַנגען אין כאָרכלען. דורכגענומען פון עקל, האָט טשען אָנגעטאַפּט מיט דער לינקער האַנט דאָס אָנטון, וואָס איז געווען קלעפּיק פון פאַרגליווערט בלוט. ער האָט פונדעסטוועגן נישט געקאָנט זיך גובר זיין, אָפּצוווענדן די אויגן פון אויסגעהאַקטן פענסטער, דורך וועלכן עס האָט יעדע רגע געקאָנט אַריינפאַלן אַ גראַנאַט. ער האָט ענדלעך אָנגעטאַפּט די שטריק, אַרונטערגעגליטשט דאָס מעסער, איבערגעשניטן. דער מענטש האָט נישט געשריגן; ער האָט געגוסט, אָדער איז געווען פאַרחלשט. טשען, מיטן בליק נאָך אַלץ איינגעגראָבן אין צעקרימטן פענסטער, האָט זיך אומגעקערט אין פאָרהויז אַריין. ער האָט דערפילט אַן אַנדערן ריח; דאָס קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע האָט ערשט אַצינד אָנגעהויבן דערגיין צו זיינע אויערן, אָבער ער האָט אויך אויפגענומען, אַז דאָס קרעכצן ענדערט זיך, גייט איבער אין וואָיען: דאָרט, אין שטוב, האָט דער גרויז, דורכגעזאַפּט מיטן נאַפט, זיך אָנגעצונדן פון די גראַנאַטן און אָנגעהויבן ברענען.

עס איז נישט געווען קיין וואַסער. איידער די אויפשטענדער

וועלן דעראָבערן דאָס הויז, וועלן די פאַרוואונדעטע חברים (אַצינד זענען די געפאַנגענע נישט אַריינגערעכנט אין חשבון: ער האָט געטראַכט בלויז וועגן די אייגענע) פאַרברענט ווערן אויף קויל... אַרויסגיין פונדאַנען, אַרויסגיין! פריער באַטראַכטן, ווי אַזוי צו מאַכן וואָס ווינציקער באַוועגונגען. ער האָט געציטערט אויפן גאַנצן לייב, אָבער — געבלענדט פון דער פערספּעקטיוו צו אַנטלויפן — האָט דער געדאַנק ביי אים אָנגעהויבן אַרבעטן קלאָר: מען דאַרף גיין לינקס, דאָרט וועט ער זיך באַהאַלטן אין פאָרהייזל. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געעפנט די אַרויסגאַנג־טיר, מיט דער לינקער — אָנגעוויזן צו שווייגן. פון דער הייך וועלן די אָנפאַלער אים נישט קאָנען באַמערקן; בלויז דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די פאַרטיזאַנער וואָלט זיי געקאָנט אויפמערקזאַם מאַכן. ער האָט געפילט, אַז אַלע בליקן זענען אָנגעשטעלט אויף דער טיר, אויף זיין נידעריקער פיגור, וואָס האָט בלוי זיך אָפּגעשלאָגן אויפן פאָן פון טונקעלן פאָרהויז. ער האָט אָנגעהויבן זיך רוקן לינקס, צוגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס צו דער מויער, מיט געקרייצטע אָרעמס, מיטן רעוואָלווער אין דער רעכטער האַנט. רוקנדיק זיך אַזוי טריט ביי טריט, האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון די פענסטער איבער זיין קאָפּ: איינס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ בלעך. בחינם האָבן די אויפשטענדער געשאָסן צו די פענסטער: די גראַנאַטן זענען געוואָרפן פון הינטער דער בלעך אַפּער.

„אויב זיי וועלן פרווון וואַרפן, בין איך מחויב צו באַמערקן דעם גראַנאַט, אפשר אַפילו די האַנט, האָט טשען אַ טראַכט געטון, רוקנדיק זיך פאָרויס. אויב איך וועל באַמערקן, מוז איך כאַפּן ווי אַ פּעקל אין דער לופט און אָפּוואַרפן וואָס ווייטער...” ער האָט זיך כסדר גערוקט ווי אַ שנעק. „איך וועל נישט קאָנען אָפּוואַרפן אויף אַ געהעריקער ווייטקייט; איך בין אַנטדעקט, איך וועל קריגן מיט אַ שפּליטער אין בויך אַריין...” ער האָט זיך כסדר גערוקט פאָרויס. לויטן שטאַרקן גערוך פון אָנגעברענטקייט, פון דעם, וואָס ער האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז זיינע פּלייצעס האָבן זיך נישט אָן וואָס אָנצושפּאַרן (ער האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ), האָט ער דער־

קענט, אַז ער מיידט דאָס פענסטער פון כּאַרטער. אויב איך וועל כאַפּן אַ גראַנאַט, וועל איך אים אַריינוואַרפן אין שטוב, איידער ער וועט אויפרייסן. די מויער איז אַ דיקע, איך זאָל נאָר מיידן דאָס פענסטער". וואָס איז אים אָנגעגאַנגען, וואָס די שטוב איז נישט ליידיק, וואָס עס ליגט דאָרט דער זעלבער מענטש, וועלכן ער האָט איבערגעשניטן די שטריק, און זיינע אייגענע פאַרוואונדעטע חברים. ער האָט נישט געזען די אויפשטענדער אַפילו דורך די בלייזן צווישן די קנוילן רויך, ווייל ער האָט נישט געקאָנט אָפּווענדן די אויגן פון דער בלעך; אָבער ער האָט כסדר געפילט, אַז זיי זוכן אים, וואַרטן אויף אַ בליק פון עמעצן. ער האָט געוואוסט, אַז די לופעס פון די פּאַרטיזאַנער האָבן אַוועקגעטריבן די פּאָליציי פון די פענסטער, און דאָך זיך געחידושט, פאַרוואָס זי האָט גאָרנישט באַמערקט. ער האָט פלוצלינג אַ טראַכט געטון, אַז זיי מוזן דאָרט אויבן האָבן ווייניק גראַנאַטן און דעריבער אָבסערווירן זיי לאַנג, איידער זיי וואַרפן; מיטאַמאָל האָט פון הינטער דער בלעך זיך אַרויסגעבויגן אַ קאָפּ, פאַרשטעלט פאַר די פּאַרטיזאַנער, אָבער נישט פאַר זיינע אויגן. האַסטיק, אָפּוואַרפנדיק די האַלטונג פון אַ שטריק-גייער, האָט ער אַ דריק געטון דאָס צינגל, אַ שפרונג געגעבן און אַריין אין פאָרהייזל. אַ זאַלב האָט אַ קנאַל געטון פון די פענסטער, אַ גראַנאַט האָט עקספּלאָדירט נישט ווייט פון אָרט, וואו ער איז נאָר-וואָס געשטאַנען; דער פּאָליציאַנט, נישט געטראָפן פון זיין קול, האָט געצעגערט אַ ווײַלע, שרעקנדיק זיך פאַר אַ צווייטן שאָס, איידער ער האָט הינטער די בלעך צוריק אַרונטערגעצויגן די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם גראַנאַט. טשען האָט געפילט אַ צוויקן אין לינקן אָרעם: די וואונד, וואָס ער האָט זיך געמאַכט מיטן שטילעט, איידער ער האָט דערהרגעט טאַנג-יען-טאַ, איז געווען עמפינדלעך אויף קאָנטוזיע. זי האָט ווידער געבלוטיקט, אָבער ער האָט נישט געליטן. אַרומשטייפנדיק דעם פריערדיקן באַנדאַזש מיט זיין טיכל, איז ער צוגעלאָפן צו די אויפשטענדער.

די אָנפירערס פון אָנגריף זענען פאַרזאַמלט געווען אין אַ פינסטערן פאַסאַזש.

— איר האָט נישט געקאָנט שיקן אויף אויסשפּירונג!

דער אָנפירער פון טשאָן, אַ ריזיקער כינעזער מיט אַן אויס־געגאָלט פנים, אין אויסגעוואַקסענע מלבושים, האָט אַ קוק געטון אויף דעם זיך דערנענטערנדיקן שאָטן, פּאַמעלעך אויפגעהויבן די ברעם אַלס סימן, אַז ער פילט זיך שולדיק.

— איך האָב געהייסן טעלעפאָנירן — האָט ער פשוט געוואָגט. — מיר וואַרטן אַצינד אויפן געפּאַנצערטן אויטאָ.

— וואו זענען די אַנדערע סעקציעס?

— מיר האָבן פאַרנומען אַ העלפט פּאָליציי־פּאָסטנס.

— נישט מער?

— דאָס איז שוין אויך אַ סך.

פון זיי האָט זיך דאָס פונדערווייטנס דערטראָגן די שיסעריי, וואָס האָט ווי אַ רינג אַרומגענומען דעם צפון־וואָקזאַל.

טשען האָט געסאַפּעט, ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון אַ וואַסער אויפן ווינט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן דער מויער, וואָס האָט זיי אַלע פאַרשטעלט, ביסלעכווייז צוריק געווינען דעם אָטעם, געטראַכט וועגן געפאַנגענעם, וועלכן ער האָט איבערגעשניטן די שטריק. „מען האָט אים געדאַרפט צורו לאָזן, צוואָס איבערשניידן די שטריק, ווען דאָס וועט גאָרנישט ענדערן?" אפילו נאָך אַצינד, צי האָט ער זיך געקאָנט באַפרייען נישט צו זען דעם מענטש מיטן אָפּגעריסענעם פוס, וואָס האָט זיך געראַנגלט אַ געבונדענער? אונטער דער ווירקונג פון דער וואונד האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן טאַנג־יען־טאַ. וואָס פאַר אַ שוטה ער איז געווען יענע נאַכט, יענעם גאַנצן פרימאָרגן! עס איז נישטאָ קיין פשוטערע זאַך, ווי דערהרגענען.

אויף דער הויפּט־וואַך האָט דער גרויז נאָך אַלץ געברענט, די פאַרוואונדעטע האָבן נאָך אַלץ געוואָיעט פון שרעק פאַרן פייער, וואָס איז כסדר אַלץ גרעסער געוואָרן; דאָס עקשנותדיקע שרייען האָט אָפּגעקלונגען דאָ, אין נידעריקן פּאַסאַזש, מיט אומגעווינט־לעכער דייטלעכקייט, ווייל די ווייטע ביקסן־שאָסן, דאָס פייפן פון די סירענעס און דער גאַנצער מלחמה־ליאַרעם האָט דאָ אַהער קוים

דערגרייכט, פאַרלירנדיק זיך אין טונקעלן חלל. אַצינד ערשט איז עס פאַרטייבט געוואָרן פון דער גרילצעריי פון אייזן: עס איז אָנגעפאָרן דער אויטאָ. ער איז געפּאַנצערט געוואָרן אין משך פון דער נאַכט זייער געמיין. אַלע פליטעס זענען נאָכגעהאָנגען. נאָכן דריק געבן מיטן טאָרמאָז האָט דאָס גרילצן אויפגעהערט און עס האָבן זיך ווידער דערהערט די געשרייען.

טשען, דער איינציקער אַנטרינענער פון דעם הויז, האָט אויפגעקלערט די סיטואַציע פאַרן אָנפירער פון דער געהילף-אָפּטיילונג. דאָס איז געווען אַן אַמאָליקער קאַדעט פון וואַמפּאָ; טשען וואָלט זיך בעסער געוואונטשן קאַטאָווס אַ גרופּע, איידער דידאָזיקע בירגערלעכע אָפּטיילונג. אויב ער האָט אפילו אין אָנגעזיכט פון דידאָזיקע חברים, דערהרגעטע אינמיטן גאַס, וואָס זענען געלעגן מיט די קניִען פאַרריסן צום בויך, נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו פולשטענדיקער פאַרייניקונג מיט זיינע מענטשן, האָט ער פונדעסטוועגן געוואוסט, אַז ער וועט אין אַלע צייטן פיינט האָבן דאָס כינעזישע קליינבירגערטום; דער פּראָלעטאַריאַט איז כאָטש געווען די פאָרמולע פון זיין האָפענונג.

דער אָפיציר איז געווען אַ זאַך-קענער. „מיר קאָנען נישט שיסן צו זיי פון אויטאָ, ער איז אפילו נישט געדעקט. עס וועט גענוג זיין זיי זאָלן אַריינוואַרפן איין גראַנאַט, און ער וועט אַלץ צעטראָגן; אָבער איך האָב אויך געבּרענגט גראַנאַטן.“ טשענס מענטשן, וואָס האָבן געהאַט גראַנאַטן, זענען אַצינד געלעגן אין דער הויפּטוואַך — טויטע? — און יענע, פון דער צווייטער גרופּע, האָבן נישט באַוויזן זיך מיט זיי צו באַזאָרגן.

— לאָמיר פּרוּוון פון דער הייך.

— גערעכט — האָט טשען געזאָגט.

דער אָפיציר האָט געשאָסן מיט די אויגן: נישט געפּרעגט זיין מיינונג; דורכגעלאָזט זיין באַשטעטיקונג פאַרביי די אויערן. זיי האָבן באַטראַכט דאָס הויז אין צווייען — ער, דער מיליטערמאַן, כאָטש אָנגעטון אין ציוויל-קליידער, די האָר פאַרקעמט אַרויף אין אַ יעזש, מיט צוגעשוירענע וואָנסעלעך, מיט אַ פּאַסיק אַרום

דער בלוזע, אין וועלכן ס׳האָט געשטעקט אַ רעוואָלווער, טשען — אַ נידעריקער, אין בלויער קליידונג. רעכטס פון אַריינגאַנג האָט דער רויך פון די פלאַמען, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף די קערפּערס פון זייערע פאַרוואונדעטע הברים, זיך אַרויסגעריסן מיט אַ מעכאַנישער רעגולערקייט, נישט ווינציקער גלייכמעסיק, ווי די געשרייען, וואָס וואָלטן געקלונגען ווי אַ כסדרדיקער קינדער־כאָר, ווען זיי וואָלטן נישט געווען אַזוי אַנגסטלעך. לינקס — האָט זיך גאָרנישט געזען. די פענסטער אין פאַרטער זענען געווען פאַרשטעלט. פון צייט־צו־צייט האָט עמעצער פון די באַלאַגערנדיקע געשאָסן אין די פענסטער אַריין און ווידער האָבן עטלעכע אַראָפּגעפאַלענע ברוך־שטיקער פאַרגרעסערט אויף דער גאַס דעם באַרג גרוז, אויף וועלכן עס האָבן געפינקלט שטיקער גלאָז. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער טאָג איז געווען אַ כמורנער, פון הויז אַרויס האָט מען נישט געשאָסן, סיידן ווען עמעצער פון די אויפשטענדער האָט זיך אַרויסגערוקט פון זיין באַהעלטעניש.

— וואו זענען די אַנדערע סעקציעס ? — האָט טשען ווידער געפרעגט.

— כמעט אַלע פּאָליציי־פּאָסטנס זענען דעראָבערט. דער וויכטיקסטער איז גענומען געוואָרן אומגעריכט האַלב צוויי. מיר האָבן דאָרט צוגענומען אַכטהונדערט ביקסן. מיר קאָנען שוין אַרויסשיקן פאַרשטאַרקונג דאָרט, וואו די פּאָליציי האַלט זיך נאָך : נאָך פאַר אייך זענען מיר שוין צוויי אַנדערע אָפּטיילונגען צו הילף געקומען. יענע קאָנען נישט האָפן אויף שטיצע ; מיר האָבן אַרומגערינגלט די קאָשאַרן, דעם צפון־וואָקזאַל, דעם אַרסענאַל. צייט שוין צו פאַרענדיקן : מיר דאַרפן וואָס מער מענטשן צום שטורעם. און עס וועט נאָך אָנקומען דער פאַנצער־צוג.

דאָס באַוואוסטזיין, אַז צווייהונדערט גרופּעס זענען אַציַנדטעטיק פונקט אַזוי, ווי זיין גרופּע, האָט אַנטציקט און איינצייטיק באַאומרויִקט טשענען. נישט געקוקט אויף די ביקסן־שאָסן, וואָס דער ווינט האָט כסדר צוגעטראָגן פון דער גאַנצער שטאָט,

האָט ער בײַ יעדער אָנשטרענגונג געהאַט דעם איינדרוק פון איינזאַמער טעטיקייט.

עפּעס אַ מענטש האָט אַראָפּגעטראָגן פון אויטאָ אַ ראָווער. ער איז אַוועקגעפאָרן. טשען האָט אים דערקענט אין מאָמענט, ווען ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל: דאָס איז געווען מאַ, איינער פון די וויכטיקסטע אַגיטאַטאָרן. ער איז געפאָרן אָפּגעבן דעם מיליטערישן קאָמיטעט אַ באַריכט פון דער סיטואַציע. ער איז געווען אַ זעצער, וואָס האָט פון צוואָנציק יאָר אָן זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דעם שאַפן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון די דרוקער־אַרבעטער, אין דער האָפענונג, אַז ער וועט פאַרייניקן אַלע אַרבעטער פון די כינעזישע דרוקערייען; ער איז תמיד פאַרפאָלגט געוואָרן, פאַראורטיילט געווען צום טויט, אַנטלאָפן פון תפיסה, כסדר אַגיטירט. אויסגעשרייען פון פרייד: אין זעלבן מאָמענט, וואָס טשען האָט אים דערקענט, האָבן אים אויך דערקענט אַנדערע, האָבן אָנגעהויבן נאָכשרייען. טשען האָט אַ קוק געטון אויף זיי. די וועלט, וואָס זיי האָבן געמיינזאַם צוגעגרייט, האָט אים אָפּגעשטויסן פּונקט אַזוי, ווי די וועלט פון זייערע בשותּפותדיקע פיינט. וואָס וואָלט ער געטון אַמאָל אין אַ פאַבריק, פאַראורטיילט צו לעבן צווישן דידאָזיקע בלויע בלוזעס?

דער אָפיציר האָט צעטיילט די גראַנאַטן; צען מאַן האָבן זיך אַריבערגעקליבן איבער די דעכער פון די שכנותדיקע הייזער, כדי צו פאַרנעמען אַ פּאָזיציע איבער די באַלאַגערטע. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אָנווענדן קעגן די פּאָליציאַנטן זייער אייגענע טאַקטיק, און אַריינוואַרפן אויפרייס־מאַטעריאַל דורך די פענסטער: די פענסטער האָבן זיך געפונען איבער דער גאַס, אָבער נישט איבערן דאַך און בלויז איינס פון זיי איז געווען פאַרשטעלט. די אויפשטענדער זענען איבערגעגאַנגען פון איין דאַך אויפן צווייטן. די פּאָליציי האָט נישט געענדערט די ריכטונג פון איר שיסעריי. עס האָט זיך געדאַכט, אַז בלויז די שטאַרבנדיקע האָבן זיך משער געווען וועגן דעם אָנפאַל; זייער שרייען איז פלוצלינג איבערגעגאַנגען אין אַ קרעכצן. מען האָט עס קוים געהערט. אַצינד האָט

עס אָפּגעקלונגען ווי אַ פאַרשטיקט געשריי פון האַלב-שטומע. די פיגורן האָבן זיך אַריבערגעקריגן אויפן רוקן פון משופּעדיקן דאַך איבער די פענסטער פון פּאָליציי-פּאָסטן, אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַראָפּצוגיין. טשען האָט זיי שוין נישט געזען אין מאָמענט, ווען זיי האָבן אויפגעהערט זיך אָפּטיילן פון הימל. אַ פאַרשטיקט פרויענגעשריי, ווי פון אַ געווינערן, האָט אָפּגעהאַקט דאָס קרעכצן, דערנאָך האָט עס זיך אָנגערופן ווי אַן עכאָ, דערנאָך איז עס אַנטשוויגן געוואָרן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ליאַרעם האָט כּסדר אָנגעהאַלטן, האָט דאָסדאָזיקע פּלוצלינגדיקע פאַרשוויגן ווערן אַרויסגערופן אַ טיפע שטילקייט: צי האָבן די פלאַמען שוין דערגרייכט די פאַרוואונדעטע? טשען און דער אָפיציר האָבן זיך דורכגעקוקט, דערנאָך פאַרמאַכט די אויגן, כּדי בעסער צו הערן. גאָרנישט. איטלעכער, נאָכדעם ווי ער האָט געעפנט די אויגן, האָט זיך צונויפגעטראָפן מיטן שטומען בליק פון צווייטן.

עמעצער פון די מענטשן אויפן דאַך, זיך אָנהאַלטנדיק אָן געזימס, האָט אָנגעצייכנט אַ בויגן מיטן אָרעם און אַ שליידער געטון אַ גראַנאַט הינטער זיך, אין פענסטער אַריין פון שטאָק: צו נידעריק. ער האָט אויפגעריסן אויפן טראָטואַר. ער האָט ווידער אַ שליידער געטון: דער גראַנאַט איז אַריינגעפאַלן אין שטוב, וואו עס זענען געלעגן די פאַרוואונדעטע. ווידער האָבן זיך אַ ריס געטון געשרייען דורכן פענסטער; שוין נישט קיין געשרייען, נאָר אַ דערשיטערנדיקער געוואָי פון טויט-אַנגסט, פון גיהנומדיק ליידן, פאַר וועלכן ס'איז נאָך קיין סוף נישט געקומען. ער האָט אַ שליידער געטון דעם דריטן גראַנאַט און ווידער געפעלט.

דאָס איז געווען איינער פון די, וואָס זענען געקומען מיטן געפאַנצערטן אויטאָ. נאָך יעדן מאָל איז ער פלינק אָפּגעשפרונגען הינטערוויילעכטס אויס מורא פאַר די שפליטערס פון גראַנאַט. ער האָט זיך ווידער אַריבערגעבויגן, האַלטנדיק פאַרדריקט אין דער האַנט דעם פערטן גראַנאַט. הינטער זיינע פלייצעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט עמעצער פון טשענס גרופּע. זיין האַנט האָט נישט אָנגע-

צייכנט קיין בויגן: זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך צונויפגעקנוילט. אַ מעכטיקע עקספּלאָזיע האָט אָפּגעהילכט איבערן טראָטואַר; דורכן רויך האָט אויף דער מויער, אויפן שטח פון אַ מעטער, זיך באַוויזן אַ בלוט־פלעק. דער רויך איז זיך צעגאַנגען: די מויער איז באַקלעפּט געווען מיט בלוט און פלייש. דער צווייטער, פאַרלירנדיק דאָס גלייכגעוויכט, האָט מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין קערפּער זיך אַראָפּגעגליטשט פון דאַך און אומגעוואָרפן זיין חבר. ביידע זענען אַרויפגעפאַלן אויף זייערע אייגענע גראַנאַטן, וואָס זיי האָבן שוין באַוויזן צוצוגרייטן צום אויפרייסן.

פון דער אַנדערער זייט דאַך, פון דער לינקער, זענען פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צוויי גרופּעס — בירגער פון קאָמינטאַנג און קאָמוניסטישע אַרבעטער. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן איבערן שיפּן זייטיקן ראַנד, דערנאָך ערשט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן אַראָפּ. צופיל פיין האָבן מיט זיך געבראַכט די פעברואַר־רעפּרעסיעס, אַז דעם אויפשטאַנד זאָלן פאַרפעלן מענטשן, דעצידירטע אויף אַלץ. פון דער רעכטער זייט האָבן זיך דערנענטערט אַנדערע. „מאַכט אַ קייט!" — האָט טשען אַ רוף געטון פון אונטן. האַרט ביים הויז האָבן די אויפשטענדער איבערגעחזרט דעם זעלבן רוף. די מענטשן אויפן דאַך האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט; דער, וואָס איז געשטאַנען אויפן העכסטן אָרט, האָט אַרומגענומען מיטן לינקן אָרעם דעם גרויסן אָרנאַמענט פון געזימס. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי דאָס וואַרפן פון גראַנאַטן. די באַלאַגערטע האָבן נישט געהאַט קיין רגע רו.

אין משך פון פינף מינוט האָבן דריי גראַנאַטן זיך אַריינגעקריגן דורך די צוויי אין ציל גענומענע פענסטער; און איינער האָט נאָך דורכגעהאַקט די בלעך. בלויז דאָס מיטלסטע פענסטער האָט אויסגעזען נישט צום דערגרייכן. „אין מיטלסטן אַריין!" — האָט דער קאַדעט אויסגערופן. טשען האָט זיך אומגעקוקט. דערדאָזיקער מענטש האָט געשעפּט תענוג פון זיין פּרעכטיקער ספּאָרט־פאָרשטעלונג. ער האָט נישט געזאָרגט פאַר זיין זיכערקייט. ער איז געווען טיכטיק, באמת טאַקע, אָבער נישט פאַרבונדן מיט זיינע

מענטשן. טשען, מיט זיינע — איז יאָ געווען פֿאַרבונדן — אָבער צו ווייניק.

צו ווייניק.

ער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון קאַדעט, אַרומגערינגלט די גאַס מחוץ דער באַשיסונג פֿון די באַלאַגערטע. ער האָט זיך אַרויפֿגע־כאַפּט אויפֿן דאַך. דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן שפּיץ, האָט פֿאַרלוירן די כּוחות; טשען האָט אים פֿאַרטרעטן. ער האָט אַרומגענומען מיטן פֿאַרוואונדעטן אָרעם דעם אָרנאַמענט פֿון צע־מענט און גיפּס, מיט דער רעכטער האַנט צונויפֿגעדריקט די האַנט פֿון זיין שכן, דעם ערשטן אין דער קייט, און דאָך זיך נישט באַ־פֿרייט פֿון דעם געפֿיל פֿון איינזאַמקייט. די משא פֿון דריי מענטשן אין דער העלפֿט אַריבערגעבויגענע איבערן דאַך, איז געהאָנגען אָן זיין אָרעם, האָט ווי אַ באַלקן דורכגעדרינגען זיין ברוסט. די גראַ־נאַטן האָבן אויפֿגעריסן אינעווייניק אין הויז, פֿון די פֿענסטער האָט שוין קיינער נישט געשאָסן. „עס באַשיצט אונז דער דאַך, האָט ער אַ טראַכט געטון, אָבער נישט אויף לאַנג. דער דאַך וועט אַוועק אין דער לופֿט". נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַזוי נאָענט פֿון טויט, נישט געקוקט אויף דער ברידערלעכער משא, וואָס האָט אים אינגאַנצן איינגעבויגן, האָט ער דאָך נישט געהערט צו זיי. „צי בלוט האָט אויך קיין ווערט נישט?"

פֿון אונטן האָט געקוקט אויף אים דער קאַדעט און נישט פֿאַרשטאַנען. עפּעס אַ מענטש, וואָס האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט נאָך טשענען, איז צוגעגאַנגען, כּדי אים צו פֿאַרטרעטן.

— גוט. וועל איך אַליין וואַרפֿן.

ער האָט אים איבערגעגעבן די קייט פֿון קערפּערס. אַ גרע־נעצלאָזע פֿאַרצווייפֿלונג איז אַריינגעטרעטן אין זיינע אָפּגעשוואַכ־טע מוסקולן. זיין סאָווע־פּנים מיט די קליינע אויגן האָט זיך אויס־געצויגן און פֿאַרגליווערט געוואָרן; ער האָט מיט פֿאַרוואונדערונג דערפֿילט, אַז עס רינט אים אַ טרער לענגאויס דער נאָז. „נערוון", האָט ער אַ קלער געטון. ער האָט אַרויסגענומען אַ גראַנאַט פֿון קעשענע, אָנגעהויבן אַראָפּגיין איבערן דאַך, אָנהאַלטנדיק זיך אָן

די אָרעמס פון די מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן די קייט. אָבער די קייט איז אָנגעשפּאַרט געווען אָן די געזימסן אין די זייטן פון דאַך. עס איז כּמעט אוממעגלעך געווען צו טרעפן פונדאַנען אין מיטלסטן פענסטער אַריין. צוקומענדיק צום סאַמע ראַנד, האָט טשען אָפּגעלאָזט דעם אָרעם פון לעצטן וואַרפער אין דער רייע, זיך אָנגעכאַפּט ביי זיין פוס, דערנאָך אָן דער רינע, זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער ווערטיקאַלער רער: צו ווייט, צו דערלאַנגען צום פענסטער, אָבער גענוג נאָענט, כּדי אַריינצוטרעפן. די חברים האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. דער געזימס איבערן פאַרטער האָט געשאַפן אַן אָנשפּאַר פאַר זיינע פיס. ער האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער ליידט אַזוי ווייניק פון דער וואונד. זיך אָנהאַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט אָן אַ קלאַמרע פון דער רער, האָט ער אויפגעהויבן דעם ערשטן גראַנאַט. „אויב ער וועט פאַלן אויף דער גאַס, אונטער מיר, איז דער טויט”. ער האָט אים אַ שליידער געטון אַזוי שטאַרק, ווי נאָר עס האָט אים דערלויבט אויף דעם זיין פּאָזיציע: ער איז אַריינגעפלויגן, אויפגעריסן אינעווייניק.

אונטן האָבן זיך ווידער אַ שיט געטון שאָסן

די פּאָליציאַנטן, פאַרטריבן פון דער לעצטער שטוב, האָבן זיך אַ שפּאַר געטון דורך דער געעפנטער טיר אין בלינדער פּאַניק, שיסנדיק אָן אַ ציל. איינער נאָכן צווייטן זענען געפאַלן קערפּערס פון די דעכער, פון פאָרהויז, פון די פענסטער האָבן געשאָסן די אויפשטענדער.

דאָס פייער האָט זיך איינגעשטילט. טשען האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער דער רינע: נישט געזען, וואָס ער האָט אונטער די פיס, אַרויפגעשפּרונגען אויף עפּעס אַ קערפּער.

דער קאַדעט איז אַריינגעגאַנגען אין הויז. טשען איז אים נאָכגעגאַנגען, אַרויסנעמענדיק פון דער קעשענע דעם לעצטן גראַנאַט. מיט יעדן טריט איז אַלץ אימהדיקער דערגאַנגען צו זיין באַוואוסטזיין, אַז דאָס קלאָגן זיך פון די פאַרוואונדעטע איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין דער הויפּט-וואַך זענען געלעגן בלויז טויטע קערפּערס. די פאַרוואונדעטע זענען פאַרברענט געווען אויף קויל.

אויפֿן שטאָק — ווידער טויטע קערפּערס; עטלעכע פֿאַרוואונדעטע.

— און אַצינד — צום צפֿון־וואָקזאַל — האָט דער אָפֿיציר באַפֿוילן. — מיר נעמען אַלע ביקסן: זיי וועלן צונויף קומען אַנדערע גרופּעס.

מען האָט אַריבערגעטראָגן די ביקסן אויפֿן אויטאָ; ווען אַלע זענען שוין פֿאַרנומען געווען, האָבן די מענטשן זיך אַרויפֿגעפּאַקט אויפֿן אויטאָ שטייענדיק, באַזעצט די מאַסקע פֿון מאָטאָר, באַקלעפּט די טרעפּ, זיך נאָכגעהאָנגען פֿון הינטן. די איבעריקע, פֿאַר וועלכע ס'איז שוין נישט געווען קיין אָרט, זענען אַוועקגעגאַנגען צופֿוס מיט אַ גימנאַסטישן טריט. אינמיטן פֿון דער ליידיקער גאַס איז געבליבן אַ רויטער פֿלעק פֿון בלוט, אין פֿלוג נישט צו וויסן — פֿונוואַנען ער האָט זיך דאָ אַהער דערנומען. דער לאַסט־אויטאָ, געפּאַקט מיט מענטשלעכע קערפּערס, איז מיט אַ בלעכענעם געקלאַנג אַוועקגעפֿאָרן פֿון ראָג אין דער ריכטונג פֿון צפֿון־וואָקזאַל און די קאָשאַרן.

באַלד איז ער געניייט געווען זיך צו פֿאַרהאַלטן: פֿיר טויטע קערפּערס פֿון פֿערד און דריי — פֿון מענטשן, שוין אָן דעם געווער, האָבן פֿאַרשטאָפּט די גאַס. דאָס זענען געווען די קערפּערס פֿון די קאַוואַלעריסטן, וועלכע טשען האָט געזען באַלד אין אָנהייב: דער ערשטער געפּאַנצערטער אויטאָ איז אָנגעקומען צו דער צייט. אויף דער ערד זענען געלעגן שטיקלעך צעבראָכענע שויבן, אָבער ס'איז שוין נישט געווען קיינער, חוץ אַן אַלטן כינעזער מיט אַ ציגנבערדל, וואָס האָט אונטערגעקרעכצט אויפֿן שאָסיי. ווי נאָר טשען איז צוגעקומען, האָט ער אַ זאָג געטון דייטלעכער:

— אַ גרויס אומגליק, אַ גרויס אומרעכט! פֿיר טויטע! אַזש פֿיר.

— דריי נאָר — האָט טשען געענטפֿערט.

— ליידער, פֿיר.

טשען האָט ווידער אַ קוק געטון: עס זענען געלעגן נאָר דריי טויטע קערפּערס, איינער אויף אַ זייט, צעוואָרפֿן, צוויי אויפֿן בויך, צווישן די הייזער, אויך אַזעלכע טויטע, — צוגעדריקטע פֿון הימל.

— איך רעד וועגן די פערד — האָט דער אַלטער אויפגעקלערט מיט עקל און שרעק: טשען האָט געהאַלטן דעם רעוואָלווער.

— און איך — וועגן די מענטשן. וועלכעס פון די פערד האָט געהערט צו דיר?

מען האָט זיי מסתּמא אינדערפרי רעקווירירט.

— ניין. אָבער איך בין געווען אַ פורמאַן. די חיות קענען מיך. פיר דערהרגעטע! און פאַר גאָרנישט!

דער שאָפער האָט זיך אַריינגעמישט:

— פאַר גאָרנישט?

— לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט — האָט טשען געזאָגט.

מיט דער הילף פון צוויי מענטשן האָט ער אָפּגערוקט די טויטע קערפּערס פון די חיות. דער אויטאָ איז דורכגעפאָרן. אין עק גאַס האָט טשען, וואָס איז געזעסן אויף אַ טרעפּ, זיך אומגעקוקט אַהינטער: דער אַלטער פורמאַן איז געשטאַנען צווישן די טויטע קערפּערס, זיכער נאָך אַלץ אונטערקרעכצנדיק, — אַ טונקעלער אין גרויען געסל.

פינף אַ זייגער.

„דער צפון-וואָקזאַל איז געפאַלן"

פעראַל האָט אַוועקגעהאָנגען דאָס הער-טרייבל. ער האָט זיך געהאַט אָפּגעשמועסט אויף זעאונגען (אַ טייל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדלס-קאַמער איז געווען קעגן יעדער אינטערווענץ, אָבער ער האָט דיספּאָנירט מיט דער גרעסטער טאָג-צייטונג אין שאַנכיי), און דערווייל האָבן די דערפאָלגן פון אויפשטאַנד אים פאַרשאַפט אַלץ מער דאגות. ער האָט טאַקע נאָר-וואָס טעלעפאָנירט צו טרעפן זיך באַזונדער. אַצינד האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין שטודיע אַריין, וואו מאַרטיאַל, וועלכער איז נאָר-וואָס געקומען, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פאַרהאַנדלונגען מיטן שליח פון טשאַן-קיי-שעקן: דער שליח האָט נישט איינגעשטימט זיך צו

טרעפן מיטן פּאָליציי-שעף נישט אין פאַרזיכערונגס-אַמט, נישט אין זיין פּריוואַט-וואוינונג. איידער פעראַל האָט נאָך געעפנט די טיר, האָט ער שוין דערהערט דורך די קלאַנגען פון דער שיסעריי:

— איר פאַרשטייט דאָך, וואָס רעפּרעזענטיר איך דאָ? די פראַנצויזישע אינטערעסן...

— אָבער וואָסער אינטערשטיצונג וואָלט איך געקאָנט צו-זאָגן? — איז דער כינעזער צוגעשטאַנען כלומרשט נאַכלעסיק. — דער גענעראַל-קאָנסול אַליין האָט מיר דערקלערט, אַז איך בין מחויב צו דערוואַרטן פון אייך גענויע אינפאָרמאַציעס. ווייל איר קענט אונזער לאַנד, און זיינע איינוואוינער.

דער טעלעפאָן אין קאַבינעט האָט זיך צעקלונגען.

— דער שטאָטראַט איז געפאַלן — האָט מאַר-טיאַל געזאָגט.

און ענדערנדיק דעם טאָן:

— איך וועל נישט זאָגן, אַז איך האָב נישט קיין געוויסע דערפאַרונג, וואָס שייך דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם לאַנד און די מענטשן בכלל. פּסיכאָלאָגיע און טעטיקייט, דאָס איז מיין ספּעציאַ-ליטעט. און דעריבער...

— אָבער ווען פּערזאָנען, אויך אַזוי געפערלעכע פאַר אייער לאַנד, ווי פאַר אונזערן, געפערלעכע פאַר דער רויִקייט פון דער ציוויליזירטער וועלט, וועלן זיך באַהאַלטן, ווי שטענדיק, אויפן שטח פון דער קאָנצעסיע? די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי...

„אַך אַזוי — האָט פעראַל אַ טראַכט געטון, אַריינגייענדיק אין דער שטודיע. — ער וויל געוואויר ווערן, צי מאַרטיאַל וועט אין פאַל פון איבעררייסן דערלויבן די קאָמוניסטישע אָנפירער זיך צו באַהאַלטן ביי אונז".

— ... האָט אונז צוגעזאָגט איר פולע גינסטיקייט... ווי אַזוי וועט האַנדלען די פראַנצויזישע פּאָליציי?

— דאָס וועט זיך לאָזן איינאָרדענען. גיט אַכטונג בלויז אויף איין זאַך: קיין שום אַוואַנטורעס מיט ווייסע פרויען חוץ רוסישע. וואָס שייך דעם, האָב איך שטרענגע אינסטרוקציעס. אָבער איך

זאָג איך, אַז — גאָרנישט אָפֿיציעל. גאָרנישט אָפֿיציעל.

אין דער מאָדערנער שטודיע — אויף די ווענט בילדער פֿון פּיקאַסאָ און אַ שקיץ פֿון עראָטישן אינהאַלט לויט פּאַגאָנאַרדן — זענען די שמועסנדיקע געשטאַנען אין ביידע זייטן פֿון אַ גרויסער שטיינערנער סטאַטוע פֿון דער געטין קוואַנין, פֿון די צייטן פֿון דער טאַנג־דינאַסטיע; זי איז געקויפֿט געוואָרן דורך קלאַפּיקן, לויט גיסאָרסן איז דאָס געווען אַ פֿאַלסיפֿיקאַט. דער כינעזער, אַ יונגער פֿולקאָווניק מיט אַ געהאָרבעטער נאָז, אין ציוויל־קליידונג, פֿאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּ, האָט געוואָרפֿן בליקן אויף מאַרטיאַלן און געשמייכלט, פֿאַררייסנדיק דעם קאָפּ.

— איך דאַנק אייך אין נאָמען פֿון מיין פּאַרטיי... די קאָמוניסטן זענען פֿאַרעטעריש: זיי פֿאַראַטן אונז, זייערע טרייע פֿאַרבינדעטע. עס איז באַשטימט געווען, אַז מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען, אַז די סאָציאַלע פֿראַגע וועט געשטעלט ווערן ערשט נאָך דער פֿאַרייניקונג פֿון כינע. און זיי שטעלן זי שוין. זיי שוינען נישט אונזער אָפּמאַך. זיי ווילן נישט שאַפֿן קיין כינע, נאָר אַ ראַטן־רעפובליק. די זעלנער, וואָס זענען געפֿאַלן אין אונזער אַרמיי, זענען נישט אומגעקומען פֿאַר קיין ראַטן־רעפובליק, נאָר פֿאַר כינע. די קאָמוניסטן זענען אויף אַלץ פֿעיִק. דעריבער ווענד איך מיך צו אייך, הער דירעקטאָר, — צי וואָלט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿאַר דער פּערזענלעכער זיכערקייט פֿון גענעראַל געווען אין סתירה צו די אויפֿגאַבן פֿון דער פֿראַנצויזישער פּאָליציי?

משמעות, אַז ער האָט וועגן זעלבן זיך געווענדט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליציי.

— גערן — האָט מאַרטיאַל געענטפֿערט. — שיקט מיר דעם שעף פֿון אייער פּאָליציי. נאָך אַלץ קעניג?

— נאָך אַלץ און תּמיד. איך בעט אייך, הער דירעקטאָר, זאָגט מיר: צי האָט איר שטודירט די געשיכטע פֿון רוים?

— אוודאי.

„אויף די פֿאַרפֿולקאָמענונגס־קורסן” — האָט פּעראַל אַ טראַכט געטון.

ווידער דער טעלעפאָן. מאַרטיאַל האָט אויפגעהויבן דאָס הער-טרייבל.

— די בריקן זענען גענומען — האָט ער געזאָגט, אַוועקלייגנדיק עס. אין אַ פערטל שעה אַרום וועלן די אויפשטענדער זיין די באַלעבאַטים פון דער שטאָט.

— לויט מיין מיינונג — האָט דער כינעזער אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט, — האָט די צעשטערונג פון דער זיטלעכקייט אומגעבראַכט דאָס רוימישע קעניגרייך. צי מיינט איר נישט, אַז אַ טעכנישע אָרגאַניזאַציע פון פּראָסטיטוציע, אַן אָרגאַניזאַציע לויטן מוסטער פון מערב, לויטן מוסטער פון אַ פּאָליציי, קאָן דערפירן צום פאַלן די אָנפירער פון האַן-קאָו, וועלכע קאָנען דאָך נישט פאַרגלייכט ווערן מיט די פירער פון רוימישן קעניגרייך?

— דאָס איז אַ געדאַנק... אָבער איך צווייפל, צי ער וועט זיך לאָזן פאַרווירקלעכן אין לעבן. מען וואָלט געדאַרפט וועגן דעם זיך ערנסט פאַרטראַכטן...

— די אייראָפּעער פאַרשטייען פון כינע בלויז דאָס, וואָס איז ענלעך צו זיי.

אַ שווייגן. פעראַל האָט זיך נישט שלעכט געוויילט. דער כינעזער האָט אים אינטריגירט: דער קאָפּ איז פאַרריסן כמעט מיט פאַראַכטונג, און איינצייטיק — די שעמעוודיקייט... „האַן-קאָו פאַרוואָרפן מיט צוגן פון פּראָסטיטוטקעס, האָט ער אַ טראַכט געטון. און דער מענטש קען די קאָמוניסטן. און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט אַ געוויסן באַגריף וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע. וואונדערלעך!...” אין שטאָט זענען שוין אפשר צוגעגרייט אַרבעטער-ראַטן, און אים דרייען זיך נאָך אין קאָפּ פאַרשידענע אינטריגעס לויטן מוסטער פון רוימישן קעניגרייך. „גיסאָרס איז גערעכט, זיי באַנוצן זיך שטענדיק מיט שפּיצלעך”.

און ווידער דער טעלעפאָן:

— די קאָשאַרן זענען אַרומגערינגלט — האָט מאַרטיאַל געזאָגט. — קיין פאַרשטאַרקונג פון דער רעגירונג קומט שוין לגמרי נישט.

— און דער צפון־וואָקזאַל ? — האָט פעראַל געפרעגט.

— ער האַלט זיך נאָך.

— קאָן דאָך נאָך די רעגירונג אַריבערוואַרפן מיליטער פון פראָנט.

— פאַרוואָס נישט ? — האָט דער כינעזער געפרעגט. — דאָס מיליטער און די טאַנקען טרעטן אָפּ אין דער ריכטונג פון נאַנקין. זיי קאָנען איבערגעשיקט ווערן אַהער. דער פאַנצער־צוג קאָן נאָך שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין קאַמף.

— יאָ. אַרום דעם צוג און וואָקזאַל וועט נאָך גדויערן — האָט מאַרטיאַל געענטפערט. — די אויפשטענדער אָרגאַניזירן אַלץ אויף זייער שטייגער אין דער מאָס, וואָס זיי רוקן זיך פאָרויס ; עס באַטייליקן זיך אין דעם זיכער רוסישע אָדער אייראָפּעישע קאַדרען ; די רעוואָלוציאָנערע באַאַמטע פון יעדער אָרגאַניזאַציע פירן אָן מיט די אויפשטענדער. די גאַנצע פּאָליציי האָבן זיי שוין אַנטוואָפנט. די רויטע האָבן זיך געשאַפן זאַמל־פּונקטן און פון דאָרט שיקן זיי אַרויס די אָפּטיילונגען אויף די קאָשאַרן.

— די כינעזער האָבן אַ שטאַרקן חוש פאַר אָרגאַניזאַציע — האָט דער אָפיציר דערקלערט.

— וואָס פאַר אַ באַשיצונג האָט טשאַן־קיי־שעק ?

— פאַר זיין אויטאָ פּאָרט שטענדיק דער אויטאָ פון זיין פערזענלעכער וואַך. מיר האָבן אויך אונזערע קאָנפידענטן.

פעראַל האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער כינעזער פאַררייסט אַזוי גאַווהדיק דעם קאָפּ, וואָס האָט אים שוין אָנגעהויבן צו דענערווירן (לכתחילה האָט ער כסדר געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער אָפיציר באַטראַכט דעם עראָטישן שקיץ איבער מאַרטיאַלס קאָפּ) : ער האָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ, ווייל ער האָט געהאַט אַ בעלמע אויף אַ אויג.

— דאָס איז נישט געניגנד — האָט מאַרטיאַל געענטפערט. — מען דאַרף דאָס אַנדערש איינאָרדענען. וואָס פריער, אַלץ בעסער. אַצינד מוז איך אַנטלויפן : עס האַנדלט זיך אין אַ אויספיר־קאָמיטעט, וואָס וואָלט איבערגענומען די מאַכט אין זיינע הענט. דאָרט

וועל איך מסתמא קאָנען עפּעס טון. עס האַנדלט זיך אויך אין אויסוואַל פון אַ בירגערמייסטער, אָבער דאָס איז גאָרנישט...

פּעראַל מיטן אָפּיציר זענען געבליבן אַליין.

— אַלזאָ — האָט דער כינעזער געזאָגט, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ, — קאָנען מיר פון אַצינד אָן זיך פאַרלאָזן אויף אייך?

— ליו־טי־יו וואַרט — האָט פּעראַל געענטפערט.

דער שעף פון דער שאַנכייער באַנקירן־געזעלשאַפט, דער ערן־פאָרזיצער פון דער כינעזישער האַנדלס־קאַמער, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונגען מיט דער לייטונג פון אַלע סוחרים־פאַרבאַנדן, האָט געקאָנט מער אויפטון אין כינעזישן קוואַרטאַל, וואָס איז שוין פאַרנומען געווען דורך די רעוואָלוציאָנערע סעקציעס, ווי פּעראַל אויפן שטח פון דער קאָנצעסיע. דער אָפּיציר האָט זיך פאַרנייגט און אַוועקגעגאַנגען. פּעראַל איז אַרויף אויפן ערשטן שטאָק. אין אַ ווינקל פון קאַבינעט, וואָס איז אין אַלע זייטן אַרומגעשטעלט געווען מיט סקולפּטורן פון די אוראַלטע כינעזישע עפּאָכעס, אין אַ ווייס לייוונטן מלבוש, אַרויפגעוואָרפן אויף אַ טריקאָט אַזאַ ווייסן, ווי זיינע האָר, פאַרקעמטע אין אַ יעזש, אָן אַ קאָלנער, מיט די הענט אויף די ניקלנע אָנלענען פון פאָטעל, האָט ליו־טי־יו טאָקע געוואַרט. דער גאַנצער אויסדרוק פון זיין פּנים איז קאָנצענטרירט געווען אין זיין מויל און קין־באַקן: אַן ענערגישע אַלטע זשאַבע.

פּעראַל האָט זיך נישט געזעצט.

— איר האָט באַשלאָסן צו פאַרענדיקן מיט די קאָמוניסטן. — ער האָט נישט געפרעגט, גיכער פאַרזיכערט. „מיר אויך, לכל הדעות”. ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען הין און צוריק מיט אַן אַקסל פאָרויס. „טשאַן־קיי־שעק איז גרייט מיט זיי איבערצורייסן”.

פּעראַל האָט קיינמאָל נישט באַמערקט קיין אויסדרוק פון אומ־צוטרוי אויפן כינעזערס פּנים. צי גלייבט ער אים? ער האָט אים אונטערגערוקט דאָס שעכטל ציגאַרן. זינט ער האָט באַשלאָסן נישט צו רייכערן, איז דאָס שעכטל תמיד געשטאַנען אויף זיין ביוראָ־טיש אָפן, כדי צו באַשטעטיקן דעם כוח פון זיין כאַראַקטער און פאַר־האַרטעווען אים אין אַבסטינענץ.

— מען דאַרף אַקעגנקומען טשאַן־קיי־שעקן. פאַר אייך איז דאָס אַ פראַגע פון לעבן און טויט. ס׳איז נישטאָ קיין רייד, אַז די איצטיקע סיטואַציע זאָל זיך דערהאַלטן. אין רוקן פון דער אַרמיי אָרגאַניזירן די קאָמוניסטן אין אַלע דערפער פויערן־פאַרבאַנדן. דער ערשטער דעקרעט פון די פאַרבאַנדן וועט זיין צו באַפרייען די נחלאות פון זייערע באַנק־חובות (פעראַל האָט נישט געזאָגט: פון די אַרענדאַטאָרן). די גרעסטע טייל פון אייערע קאַפּיטאַלן שטעקט אין דער לאַנדווירטשאַפט, די הלוואות פון אייערע בענק זענען געזיכערט דורך די דאָרפישע אומבאַוועגלעכע גיטער. די פויערן־״אַטן...

— די קאָמוניסטן וועלן נישט וואַגן צו שאַפן קיין ראַטן אין כינע.

— לאָמיר זיך נישט שפּילן אין קיין ווערטער, האָט ליו. די פאַרבאַנדן אָדער ראַטן, די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס וועלן נאַציאָנאַליזירן די ערד און פאַראומגעזעצלעכן דאָס באַנק־וועזן. די צוויי מיטלען וועלן אייך צונעמען די קוועלן פון פאַרזיכערונג, וואָס אויפן גרונט פון זיי זענען אייך אָנערקענט געוואָרן די אויסלענדישע קרעדיטן. העכער אַ מיליאַרד, אַריינרעכענענדיק מיינע יאַפּאַנישע און אַמעריקאַנער פריינט. עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן פאַרזיכערן דורכן האַנדל דידאָזיקע סומע, ווייל דער האַנדל איז פּאַראַליזירט. אויב מיר וועלן אַפילו נישט אין אַכט נעמען אייערע קרעדיטן, וועלן אויך די צוויי דעקרעטן גורם זיין צו אַ קראַך פון אַלע כינעזישע בענק, לכל הדעות.

— צו דעם וועט דער קאָמינטאַנג נישט דערלאָזן.

— עס איז נישטאָ קיין שום קאָמינטאַנג. ס׳זענען דאָ נאָר בלויע און רויטע. זיי זענען נאָך ווי־ס׳איז דורכגעקומען צווישן זיך, כּל־זמן טשאַן־קיי־שעק האָט נישט געהאַט קיין געלט. נאָכן פאַרנעמען שאַנכיי — מאָרגן, — וועט טשאַן־קיי־שעק אַ היפּשע טייל פון זיינע אַרמיי־אויסגאַבן קאָנען דעקן פון דער צאָל־קאַמער. נישט אַלע. ער שטעלט אויס אויף אונז. די קאָמוניסטן האָבן אומעטום אַגיטירט פאַר צונעמען די ערד. אפנים אַצינד באַמיען זיי זיך דאָס אָפּצושלעפן: צו שפּעט. זיי האָבן געטראָפן צום פויערישן שכל, אָבער

די פויערן געהערן נישט צו דער פּאַרטיי. זיי וועלן טון, וואָס זיי וועט זיך גלוסטן.

— די פויערן קאָן מען איינהאַלטן נאָר מיט כּוח. איך האָב דאָס שוין געזאָגט דעם גענעראַל־קאָנסול פון גרויס־בריטאַניע.

פעראַל האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט געווינען דעם כינעזער, ווייל ער האָט אַרויסגעהערט פון זיין קול, כּמעט זיין אייגענעם טאָן.

— זיי האָבן שוין געפּרווּט צונעמען די ערד. טשאַן־קיי־שעק האָט באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן צו דעם. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַרבאָט צוצונעמען די ערד ביי די אָפיצירן, אָדער ביי זייערע משפחות. מען דאַרף...

— יעדער פון אונז האָט אָפיצירן אין דער משפחה — האָט ליו אַ שמייכל געטון. — צי זענען פאַרהאַן אין כינע עפּעס גיטער, וואָס זייערע אינהאַבער זאָלן נישט האָבן קיין אָפיצירן אין דער משפחה ?...

פעראַל האָט געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס כינעזישע קרובהשאַפט.

ווידער דער טעלעפאָן.

— דער אַרסענאַל איז אַרומגערינגלט — האָט פעראַל געזאָגט. — אַלע רעגירונגס־בנינים זענען באַזעצט. די רעוואָלוציאָנערע אַרמיי וועט אָנקומען קיין שאַנכיי מאָרגן. דער ענין דאַרף גלייך דערליידיקט ווערן. פאַרשטייט מיך גוט. אונטערן איינפלוס פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע איז צוגענומען געוואָרן אַ סך ערד ביי די באַזיצער; טשאַן־קיי־שעק איז מחויב אָדער צו לעגאַליזירן דעמדאָזיקן רויב, אָדער צו דערשיסן די פויערן. די רויטע רעגירונג פון האַן־קאַו קאָן נישט באַשטעטיקן אַזאַ באַפעל.

— ער וועט אָפּשלעפּן.

— איר ווייסט, וואָס עס איז געוואָרן פון די אַקציעס פון די ענגלישע געזעלשאַפטן נאָכן פאַרנעמען פון דער ענגלישער קאָנצעסיע אין האַן־קאַו. איר ווייסט, וואָס עס וועט ווערן פון אייך,

ווען די פּאַרמעגנס, אַלצאיינס וועמענס, וועלן אויף אַ לעגאַלן אופן צוגענומען ווערן ביי די באַזיצערס. טשאַן-קיי-שעק ווייסט דאָס אויך; ער דערקלערט, אַז ער מוז גלייך איבעררייסן. ווילט איר אים אָקעגנקומען, יאָ, צי ניין?

ליו האָט אויסגעשפּיגן, אַריינציִענדיק דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, זיי געעפנט, אַ קוק געטון אויף פעראַלן מיט אַ פאַרמרוזשעטן בליק פון אַן אַלטן פראָצענטניק אַלצאיינס פון וואָסער ווינקל אויף דער וועלט.

— וויפיל?

— פופציק מיליאָן דאָלאַר.

ער האָט ווידער אויסגעשפּיגן.

— פון אונז אַליין?

— יאָ.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. דורכן צעזייעטן קנאַלעריי פון די ביקסן האָבן פון צייט-צו-צייט זיך געהערט שאָסן פון פאַנצער-צוג.

אויב די כינעזישע באַנקירן און סוחרים וועלן מסכים זיין אויף דעם פּרייז, וועט נאָך כדאי זיין צו פירן דעם קאַמף; אויב נישט, — וועט דער קאָמוניזם זיכער טריִומפירן אין כינע. „דאָס איז איינער פון די מאָמענטן, וואָס דעצידירן וועגן גורל פון דער וועלט...", האָט פעראַל אַ טראַכט געטון מיט גאווה, וואָס האָט כולל געווען אי עקזאַלטאַציע, אי גלייכגילטיקייט. ער האָט אים נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַלטער שלאָפט; אָבער אויף זיין לינקער האַנט-פלאַך האָבן די קנופּאַרטיקע, בלויע אָדערלעך נערוועז געציטערט. „מען דאַרף אויך אַ פערזענלעכן אַרגומענט", האָט פעראַל אַ טראַכט געטון.

— טשאַן-קיי-שעק קאָן נישט דערלאָזן באַרויבן זיינע אָפיצירן. און די קאָמוניסטן זענען גרייט אים צו דערמאָרדן. ער ווייסט דאָס.

שוין עטלעכע טעג זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אַזעלכע ידיעות, אָבער פעראַל האָט נישט געגלייבט אין זיי.

— וויפיל צייט האָבן מיר צו אונזער דיספּאָזיציע? — האָט

ליו געפֿרעגט. פּלוצלינג, מיטן רעכטן פֿאַרמאַכטן אויג — אַ פּראָפיל פֿון אַ דורכגעטריבענעם פֿוקס, מיטן לינקן אָפֿענעם — אַ פּראָפיל פֿון אַ שעמעוודיקן:

— צי זענט איר זיכער, אַז נאָכן באַקומען דאָס געלט וועט ער האַלטן זיין צוזאָג?

— אין דעם וועט דאָך אויך זיין אונזער געלט. דאָ גייט נישט וועגן עפּעס אַ צוזאָג. ער קאָן נישט האַנדלען אַנדערש. פֿאַרשטייט מיך גוט; נישט דערפֿאַר, ווייל איר צאָלט אים, איז ער מחויב צו פֿאַרניכטן די קאָמוניסטן; נאָר ווייל ער מוז פֿאַרניכטן די קאָמוניסטן, צאָלט איר אים.

— איך וועל צונויפֿרופֿן מיינע פֿריינט.

פֿעראַל האָט געקענט די כינעזישע געוואוינהייט, ער האָט געוואוסט, וואָסער איינפֿלוס עס האָט דער, וואָס רעדט.

— ווי איז אייער פּערזענלעכע מיינונג?

— יענע פֿון האַן־קאו קאָנען צעקלאַפּן טשאַן־קיי־שעקן. דאָרט זענען דאָ צוויי־הונדערט טויזנט אַרבעטסלאָזע.

— אויב מיר וועלן אים נישט אַקעגנקומען, וועלן זיי אים זיכער צעקלאַפּן.

— פֿופֿציק מיליאָן... דאָס איז אַ סך...

ענדלעך האָט ער גלייך אַ קוק געטון אויף פֿעראַלן.

— ווינציקער, ווי איר וואָלט געמוזט אַוועקגעבן אַ קאָמוניסטישער רעגירונג.

דער טעלעפֿאָן.

— דער פּאַנצער־צוג איז אָפּגעשניטן — האָט פֿעראַל געזאָגט. — ווען די רעגירונג זאָל אפֿילו וועלן דאָ אַהער אַריבערוואַרפֿן מיליטער פֿון פֿראָנט, וועט שוין אויך גאָרנישט העלפֿן.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט.

ליו האָט זי אַ דריק געטון און אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער. דורכן ברייטן פֿענסטער האָט פֿעראַל זיך צוגעקוקט, ווי דער אויטאָ דערווייטערט זיך אונטער די צוויטיקע וואָלקנס, פֿאַרטייבנדיק אויף

אַ ווײַלע דאָס שיסערײַ מיטן ליאַרעם פון זײַן מאָטאָר. אויב ער וועט אפילו זיך האַלטן בײַ זײַנס, וועט ער מסתּמא צוליב דער לאַגע זיך מוזן ווענדן נאָך הילף צו דער פראַנצויזישער רעגירונג, און די רעגירונג זאָגט מערסטנטייל אָפּ, ווי לעצטנס דער כינעזישער אינדוסטריע־באַנק; אָבער הײַנט האָט ער זיך פאַררעכנט צו די, וואָס אַנטשיידן וועגן גורל פון שאַנכײַ. אַלע עקאָנאָמישע מאַכט־פאַקטאָרן, כּמעט אַלע קאָנסולאַטן האָבן געפירט דעם זעלבן שפּיל, וואָס ער: זאָל ליו־טי־יו באַצאָלן. דער פאַנצער־צוג האָט נאָך אַלץ געשאָסן. יאָ, צום ערשטן מאָל האָט אויך די קעגנערישע זײַט געהאַט איר אָרגאַניזאַציע, ער וואָלט גערן באַקענט די מענטשן, וואָס פירן אָן מיט איר. און וואָלט זיי גערן געשטעלט צום ווענטל.

דער אָוונט־קאַמף האָט זיך פאַרצויגן אין דער נאַכט אַרײַן. איבער דער ערד האָבן זיך צעפינקלט ליכטער, דער טײַך, פאַרבאָרגן אין דער פינסטערניש, האָט געלאָקט צו זיך, ווי תּמיד, רעשטלעך פון לעבן זענען נאָך געבליבן אין דער שטאָט. דער טײַך איז געפלאָסן פון האַן־קאו: ליו איז גערעכט געווען און פעראַל האָט דאָס געוואוסט: דאָרט איז געווען די געפאַר. דאָרט האָט זיך פאָרמירט די רויטע אַרמיי. דאָרט האָבן די קאָמוניסטן געהאַט די אויבערהאַנט. זינט דאָס רעוואָלוציאָנערע מיליטער האָט פאַרטריבן די „צופונדיקע”, האָבן אַלע לינקע עלעמענטן געחלומט וועגן דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד; דאָס רעוואָלוציאָנערע היימלאַנד איז געלעגן אין גרינעם שאָטן פון די גיסערײַען, פון די אַרסענאַלן, איידער עס האָט זיי נאָך געהאַט דעראָבערט; אַצינד, פאַרכאַפּנדיק דאָס אַלץ, האָבן די שלעפּערס, פאַרלוירענע אין קלעפּיקן נעפּל, אין וועלכן ס'האָבן זיך געמערט די לאַמטערן, געוואַנדערט שטראָם־אָפּ דעם טײַך, די פאַרשאָלטענע פּרצופים, איבערשיקנדיק אים שלעכטע פאַרזאָגן דורך דער בייז־דראָענדיקער נאַכט, ווי אויך זיי אַלע וואָלטן געקומען פון האַן־קאו.

עלף אַ זייגער. פון דער מינוט אָן, וואָס ליו איז אַוועקגע־גאַנגען, אי פאַרן מיטאָג, אי נאָכן מיטאָג, באַזוכן אים כסדר עלטסטע פון סוחרים־פאַרבאַנדן, פאָרשטייער פון בענק, דירעקטאָרן פון פאַר־זיכערונג־געזעלשאַפטן, טייך טראַנספּאָרט, אָנפירער פון אימפּאָרט־אונטערנעמונגען, דירעקטאָרן פון וועבערייען. אַלע זענען אָפּהענגיק געווען אויף וואָסער־ס׳איז אופן פון פעראַלס גרופּע, אָדער אַנדערע אויסלענדישע גרופּעס, וואָס האָבן פאַרבונדן זייער פּאָליטיק מיט די אינ־טערעסן פון פראַנק־אַזיאַטישן קאָנסאָרציום: פעראַל האָט אויסגעשטעלט בלויז אויף ליו. אַלץ, וואָס האָט באַקרעפטיקט דאָס לעבן אין שאַנכיי, איז אַצינד זיך צונויפגעלאָפן אין שטאָט אַריין, און דאָס לעבעדיקע האַרץ פון כינע האָט געקלאַפּט אין דעם צופלוס; אַזש פון דער טיף פון לאַנד — די אייגנטימער פון ערד־נחלאות זענען דער עיקר אָפּהענגיק געווען פון די בענק — זענען בלינקע דאַמפערלעך, ווי קאַטשטעס, זיך צונויפגעשוואומען אין דער רעזידענץ, וואו עס איז אַנטשיידט גע־וואָרן די צוקונפט פון כינע. דאָס שיסעריי האָט נאָך אַלץ געדויערט. אַצינד האָט מען געמוזט וואַרטן.

אין שלאָפצימער איז געלעגן וואַלעריע. זי איז געווען זיין געליבטע שוין אַ וואָך, און ער האָט איר קיינמאָל אין משך פון דער צייט נישט פאַרזיכערט, אַז ער האָט זי ליב: זי וואָלט אַ שמייכל געטון אַרויספאָדערנדיק אַלס צייכן פון איר מיטשולדיקייט. און זי אים האָט אויך גאָרנישט געזאָגט, אפשר אויך צוליב דער זעלבער סיבה. אַצינד איז זיין לעבן פול געווען מיט מניעות, עס האָט אים געשטויסן צו עראָטיק, אָבער נישט צו ליבע. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז שוין נישט יונג, זיך צוגעגעבן מוט, אַז דאָס וועט אָפּקויפן די לעגענדע וועגן אים. ער האָט געהייסן פעראַל, האָט אויך געקענט די פרויען. טאַקע אַזוי גוט, אַז ער האָט זיך אויף קיין האָר נישט געגלייבט. ער האָט געדענקט אַ געוויסן באַ־קאַנטן, עפּעס אַן אינטעליגענט, וואָס ער איז אייפערזיכטיק גע־ווען אויף זיין דערפאָלג. איינמאָל אין אַ טאָג, ווען ער האָט וועגן דעם מענטש אַ פרעג געטון וואַלעריען, האָט זי אים אויף דעם געענטפערט: „עס איז נישטאָ קיין אָנצייענדערס אין אַ מאַנספּעריזוין,

ווי די פאַרייניקונג פון כוח מיט שוואַכקייט". איבערצייגט, אַז קיין שום ווען זאָגט זיך נישט אַרויס אָפן וועגן זיינע האַנדלונגען, האָט ער דעם זאַץ באַהאַלטן אין זיין זכרון לעבעדיקער פון אַלץ, וואָס זי האָט אים אָנפאַרטרויט פון איר לעבן.

די רייכע פרוי, אַן אייגנטימערין פון אַ גרויסער וועש-פאַבריק, איז נישט געווען צום קויפן (על-כל-פנים נאָך נישט). איר מיינונג איז געווען, אַז די ערנסטע באַפרידיקונג ביי אַ סך פרויען באַשטייט בלויז אין אויסטון זיך נאַקעט פאַרן אויסדערוויילטן מאַנספערשון און דערגרייכט איר פולן אויסדרוק בלויז איין מאָל. צי האָט זי דאָס געמיינט זיך? היינט איז זי דאָך געקומען צו אים שוין דאָס דריטע מאָל. ער האָט אַרויסגעפילט, אַז די פרוי פאַרמאָגט אַזוי פיל שטאָלץ, ווי ער. „די מענער האָבן רייזעס, די פרייען געליבטע", האָט זי נעכטן געזאָגט. צי נישט ווי אַ סך אַנדערע פרויען, איז ער איר געפעלן דערפאַר, וואָס דער גנאָד, וועלכן ער האָט איר אַרויסגעוויזן, האָט געשאַפן אַ קאָנטראַסט צו זיין געוויינטלעכער טרוקנקייט? ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט געוואָרפן אויף דער שאָל זיין שטאָלץ — דעם קערן פון זיין לעבן. דאָס איז נישט געווען קיין אומגעפערלעכער שפיל מיט אַזאַ קעגנערין, וואָס האָט כּסדר, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, געחוזקט: „קיין שום מאַנספערשוין קאָן נישט רעדן רעדן וועגן פרויען, מיין טייערער, ווייל קיין איינער פון זיי פאַרשטייט נישט, אַז אַ ניי ביסל רוזש, אַ ניי קלייד, אַ נייער געליבטער רוקן איר מיט יעדן מאָל אונטער אַ נייע נשמה..."

ער איז אַריינגעגאַנגען אין צימער. ליגנדיק מיט די האָר אין אויסבויג פון פוכיקן אָרעם, האָט זי אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ שמייכל.

דער שמייכל האָט איר צוגעגעבן אַ לעבהאַפטן אָנבליק, אַזאַ קאָנצענטרירטן און פאַסיוון, ווי עס שאַפט אַ געפיל פון תענוג. וואַלעריע, אין רוענדן צושטאַנד, האָט געהאַט אַן אויסדרוק פון רירנדן אומעט, און פעראַל האָט זיך דערמאַנט, אַז ווען ער האָט זי געזען דאָס ערשטע מאָל, האָט זיך אים געדאַכט, אַז איר פנים

איז פאַרנעפּלט, — דאָסדאָזיקע פּנים האָט האַרמאָנירט מיט דער זיסער באַהויכטקייט פון אירע גרויע אויגן. ווי נאָר אָבער זי האָט אָנגעהויבן קאָקעטירן, האָט דער שמייכל, וואָס צעעפנט אירע ליפּן גיכער אין די ברעגן, איידער אין סאַמע מיטן, דער שמייכל, וואָס גיסט זיך אומגעריכט צונויף מיטן גלאַנץ פון אירע קורצע האָר, אָנדולירטע אין דיקע לאָקן, מיט די אויגן, וואָס פאַרלירן דעם אויסזיכט פון גערירטקייט, איר צוגעגעבן, נישט געקוקט אויף די רעגולערע, איידעלע שטריכן, אַן אויסדרוק פון אַן אַפּאַטישער קאַץ. פּעראַל האָט ליב געהאַט חיות, ווי די אַלע, וואָס קאָנען צוליב איבערמעסיקן שטאָלץ זיך נישט צופּאַסן צו מענטשן; צוממייגסט קעץ.

ער האָט אַ קוש געטון וואַלעריען. זי האָט אים אויסגעשטרעקט די ליפּן. ליידנשאַפט אָדער ווידערווילן צו גערירטקייט? — האָט ער געטראַכט, אויסטויענדיק זיך אין וואַנע־צימער. דאָס עלעקטרישע לעמפּל איז געווען צעבראָכן און די שטיקלעך גלאָז אויפן טואַלעט־טישל האָבן רויטלעך געפינקלט, באַלויכטן דורך די פייערן פון גאַס. ער האָט אַ קוק געטון דורכן פענסטער: די ברייטע גאַס איז פול געווען מיט אומבאַוועגלעכן המון, טויזנטער פיש אין אויפגערודערטן שוואַרצן וואַסער; עס האָט זיך אים פּלוצלינג געדאַכט, אַז די נשמה האָט פאַרלאָזט דעמדאָזיקן המון, ווי דער געדאַנק פאַלאָזט שלאָפנדיקע, פאַרזונקענע אין חלומות, און פלאַמט אַצינד אין פריידיקער פלאַטערניש צווישן די פייערצונגען, וואָס באַלויכטן די ראַנדן פון דער שטאָט.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט, האָט זי געדרימלט און דער שמייכל איז שוין געהאַט פאַרשוואונדן פון אירע ליפּן. כאָטש ער איז שוין געוואוינט געווען צו דער ענדערונג, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, און שוין נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער פאַרברענגט מיט אַ וואַנזיניקער. צי האָט ער נישט טאַקע באַגערט, אַז עס זאָל אים ליב האָבן אַ פרוי אַ צעשמייכלטע, פון וועלכער די פרוי האָט זיך אָפּגעגרענעצט, ווי פון אַ פרעמדער? דער פאַנצער־צוג האָט אַלע ווײַלע באַנייט דאָס שיסערײַ, ווי אויף וויוואַט: ער האָט זיך

נאָך געפֿונען אין די הענט פֿון דער רעגירונג צוזאַמען מיטן אַר־סענאַל, מיט די קאָשאַרן און דער רוסישער צערקווע.

— מיין טייערער, דו האָסט זיך געזען מיטן הער קלאַפּיק?

קלאַפּיקן האָט געקענט די גאַנצע פראַנצויזישע קאָלאָניע פֿון שאַנכיי. וואַלעריע האָט אים באַגעגנט אויף עפּעס אַ מיטאָג אייער־נעכטן; עס האָט זי באַצויבערט דעם באַראָנס פֿאַנטאַזיע.

— יאָ. איך האָב אים איבערגעגעבן צו קויפֿן פֿאַר מיר עטלעכע פֿון קאַמאַס צייכנונגען.

— מען קאָן זיי באַקומען אין די אַנטיקוואַריעס?

— זיכער נישט. נאָר קאַמאַ קערט זיך אום פֿון אייראָפּע; ער וועט דאָ דורכפֿאָרן אין צוויי וואָכן אַרום. קלאַפּיק איז געווען מיד, ער מאָט דערציילט בלויז צוויי אַנעקדאָטן: וועגן אַ פֿריי־געשפּראָ־כענעם כינעזישן גנב, וואָס האָט באַגנבעט דעם פּ ר ו מ ע ן ב אַ ר ג אַריינקריגנדיק זיך אַהין דורך אַן עפֿענונג אין געשטאַלט פֿון אַ לירע, און וועגן: אַ מ ע נ ט ש אָ ן אַ פּ ג ם, וואָס האָט געהאָדעוועט שוין צוואָנציק יאָר קרוליקעס. פֿון איין זייט קוואַרטאַל פֿון דער צאַל־קאַמער שטייט זיין הויז, פֿון דער צווייטער — די איינריכטונג פֿאַר זיין קרוליקעס־צוכט. די צאָל־באַאַמטע, געטוישטע שוין צום וויפֿילסטן מאָל, פֿאַרגעסן אויפֿמערקזאַם צו מאַכן זייערע נאָכפֿאָלגער וועגן זיינע טעגלעכע וואַנדערונגען. ער גייט זיך, טראָגט זיך אונטערן אָרעם זיין קיישעלע מיט גרינוואַרג. „העי, שטיי נאָר! וויז נאָר דאָס קיישעלע". און אונטער דעם גרינוואַרג געפֿינען זיך זייגערלעך, קייטעלעך, פֿאָטאָגראַפֿישע אַפּאַראַטן. — „און דאָס טאַקע גיסטו צו עסן די קרוליקעס?" — „יאָ, הער צאָל־דירעקטאָר. און (מיט דראָונג אויפֿן חשבון פֿון די כלומרשטע קרוליקעס) אויב דאָס וועט זיי נישט שמעקן, וועלן זיי היינט גאָרנישט באַקומען צו עסן..."

— אָ! דאָס איז אַ באַלערנד מעשהלע; אַצינד פֿאַרשטיי איך שוין. קרוליקעס — גלעקעלעך, קרוליקעס — פּייקעלעך, ווייסט דאָך, די אַלע שיינע חיהלעך, וועלכע ־ עס גייט אַזוי גוט אויף דער לבנה, און אַזוי שלעכט אין די קינדער־צימערן, זעסט שוין פֿונוואַנען זיי דערנעמען זיך... דאָס איז אַן עוולה, וואָס שרייט צום הימל, דער

טרויעריקער פֿאַל מיטן מ ע נ ט ש אָ ן אַ פּ ג ם. און די רע־וואָלוציאָנערע צייטונגען וועלן שטאַרק פּראָטעסטירן, איך בין אין דעם פעסט איבערצייגט: וואָרים טאַקע אַזוי, איך פֿאַרזיכער דיך, אַז די קרוליקעס עסן דאָס גערן.

— האָסט געלייענט: אַ ל י צ י ע א י ן צ ו י ב ע ר ל אַ נ ד; מיין ליבע?

ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרק ווידערגעפיל צו פרויען, אָן וועלכע ער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין, אַז ער האָט זיי אָנגערופן מ יי נ ע ל י ב ע.

— ווי קאָנסטו צווייפלען? איך קען עס פון אויסנווייניק.

— דיין שמייכל דערמאַנט מיך אָן דער וויזיע פון אַ קאַץ, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט מאַטעריאַליזירט, אַזוי, אַז מען האָט געזען שווימען אין דער לופט בלויז דעם צוויבערהאַפטן שמייכל פון אַ קאַץ. אָ! פאַרוואָס נעמט די אינטעליגענץ פון די פרויען קיינמאָל נישט אָן איר אייגנטימלעך געשטאַלט?

— וועלכעס איז עס דאָס אייגנטימלעכע געשטאַלט, מיין טייערער?

— רייץ און שאַרפזין, לכל הדעות.

זי האָט זיך פאַרטראַכט:

— דאָס, וואָס מענער רופן אַזוי אָן, איז הכנעה פון גייסט. איר אָנערקענט אין דער פרוי בלויז אַזאַ אינטעליגענץ, וואָס אַפּראָבירט אייך.

— פאַר דער פרוי — אָפּגעבן זיך, פאַרן מאַן — באַזיצן, דאָס זענען די צוויי איינציקע מיטלען, דורך וועלכע די וועזנס קאָנען דערגרייכן וועלכע ס׳איז דערקענטעניש...

— צי פאַלט דיר נישט איין, מיין טייערער, אַז די פרויען גיבן זיך קיינמאָל נישט אָפּ (אָדער כמעט קיינמאָל נישט), און אַז די מענער קאָנען דערפאַר גאָרנישט באַזיצן? דאָס איז נאָר אַזאַ שפּילעריי: „איך גלייב, אַז איך באַזיץ זי, מוז זי דערפאַר גלייבן אַז זי גיט זיך אָפּ...” יאָ? אמת אַזוי? איך זאָג דיר נישט קיין אָנגענעמע זאַכן, אָבער גיב נאָר אַ טראַכט, צי איז דאָס נישט די

מעשה מיט יענעם קאָרק, וואָס האַלט זיך פאַר עפּעס אַ סך וויכטיקערס פון דער פלאַש?

די זיטלעכע פרייהייט ביי פרויען האָט פעראַלן געריצט, אָבער די פרייהייט פון שפּאַסן האָט געוועקט אין אים כעס. ער האָט דערפילט, אַז ער גאַרט נאָך דעם איינציקן רויב, וואָס ער קאָן פאַרכאַפּן ביי דער פרוי: אויפוועקן אין איר די קריסטלעכע בושה פון קערפּער, דערשפּירן אין איר די אָנערקענונג פון דער אייגענער שאַנד. אפשר האָט וואַלעריע זיך נישט משער געווען אַלץ, אָבער זי האָט זיך משער געווען אויף אַזוי פיל, אַז זי האָט אים אָפּגעגרענעצט פון זיך, זי האָט אויך געזען, ווי דער באַגער וואַקסט אין אים; עמפּינדלעך אויף דעם פון ערגעץ אַנדערש, געריצט פון געדאַנק, אַז זי קאָן אים תמיד געווינען, ווען זי וועט נאָר וועלן, האָט זי אַ בליק געטון אויף אים מיט צעעפנטע ליפּן (דערפאַר טאַקע, וואָס ער האָט ליב געהאַט איר שמייכל...), מיט אַ הכנעהדיקן בליק, אין פאַרבאָרגענער איבערצייגונג, אַז ער וועט אָננעמען, ווי כמעט יעדער מאַנספּערשוין, איר חשק פון דעראָבערן אַלס חשק פון אָפּגעבן זיך.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבן איר. וואַלעריע האָט אויפגענומען זיינע צערטלעכקייטן מיט אַן אויסדרוק פון פאַרשלאָסנקייט; ער וואָלט געוואָלט ענדערן דעמדאָזיקן אויסדרוק. ער האָט אַזוי ליידנשאַפטלעך געגאַרט נאָך דערדאָזיקער ענדערונג, געהאָפט, אַז דער איבערגעלעבטער תענוג וועט די ענדערונג אַרויסרופן אויף וואַלעריעס פנים, געגלייבט, אַז דאָס וועט צעשטערן איר מאַסקע, אַז דאָס טיפסטע, פאַרבאָרגנסטע, איז טאַקע דאָס, וואָס אים געפעלט. ער האָט תמיד מיט איר פאַרברענגט אין דער פינסטערניש. אויך אַצינד, ווי נאָר ער האָט מיט דער האַנט פאַרשאַרצט אירע קניִען, האָט זי פאַרלאָשן דאָס ליכט. ער האָט צוריק פאַרייניקט דעם קאָנטאַקט.

ער האָט אים טאַפּנדיק געזוכט אין דער פינסטערניש; זי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ טעות! זי האָט ווידער פאַרלאָשן. ער האָט גלייך ווידער פאַרייניקט. נערוועז־אויפגערעגט, האָט זי זיך

פלוצלינג געפונען אויף דער גרענעץ פון געלעכטער און כעס; אָבער זי האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט זיין בליק. ער האָט אָפגערוקט דעם קאָנטאַקט, איז זי שוין געווען זיכער, אַז דעם העכסטן תענוג האָפט ער צו דערגרייכן דורך דער ליידנשאַפטלעכער פאַרענדערונג פון אירע שטריכן. זי האָט זיך אָפגעגעבן אַ חשבון, אַז גרינטלעך באַהערשט האָט ער זי בלויז אין סאַמע אָנהייב פון זייער פאַרבינדונג — און דאָס אויך אומגעריכט; ווי נאָר זי האָט דערפילט, אַז זי וועט נישט דערגרייכן צום קאָנטאַקט, איז זי באַהערשט געוואָרן פון אַ וואַרימער כוואַליע, נישט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, די כוואַליע האָט פאַרגאָסן אירע ברוסטן אַזש ביז איבער די וואָרצלען, האָט דערגרייכט אירע ליפן, וואָס זענען עטוואָס אָנגעקוואָלן געוואָרן, — זי האָט דאָס דערקענט אָן פעראַלס בויגן. זי האָט אויפגענומען די כוואַליע און, צודריקנדיק אים צו זיך מיט די שענקלען און מיטן שלאָס פון אירע אָרעמס, איז זי אין לאַנגע באַוועגונגען, אָפגעשוואומען פון זאַמד-בערגל, אויף וועלכן — זי האָט געוואוסט — די פאָלגנדע מינוט וועט זי אַרויסוואַרפן, אַרויסוואַרפן איר קערפער און איר פעסטן באַשלוס, אים קיינמאָל נישט מוחל צו זיין.

וואַלעריע האָט געדרימלט. פון רעגלמעסיקן אָטעמען, פון פוילער שלעפעריקייט זענען אירע ליפן אָנגעקוואָלן מיט זיסקייט און אויך אַן אויסדרוק פון טעמפער געזעטיקטקייט. „אַ מענטשלעך באַשעפעניש, האָט פעראַל אַ טראַכט געטון, אַן אינדיווידועל לעבן, אַן אָפגעזונדערטס, אַן איינציקס פאַר זיך, ווי מיינס...” ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער אַליין געפינט זיך אויף איר אָרט, אַז ער לעבט אין איר קערפער, לעבט איבער איר געזעטיקטקייט; ער האָט נישט געקאָנט דערגרונטעווען אין דעם עפעס אַנדערש, ווי דערינערונג; ער האָט אין דער פאַנטאַזיע זיך דערפילט דערנידעריקט פין דעם גלייכגילטיקן תענוג, פון דער פרויאישער פאַסיווקייט. „דאָס איז נאַריש, זי לעבט, איבער די ווירקונג פון איר

געשלעכט, נישט שטאַרקער, נישט שוואַכער, ווי איך. זי לעבט איבער דעם קאָמפּלעקס פֿון ליידנשאַפֿטן, אומעט, שטאָלץ, ווי עפּעס איינגעבוירנס... זיכער אַזוי". אָבער נישט אַצינד: אירע בליענדיקע ליפּן אין שלאָף האָבן דערציילט אויסשליסלעך וועגן דער ריינסטער זינלעכקייט, ווי זי וואָלט באַשטאַנען דערויף, נישט צו זיין מער קיין לעבעדיק פֿריי וועזן, נאָר אויסצודריקן דעם טריומף פֿון דער קערפּערלעכער באַגוועלטיקונג. די טיפֿע שטילקייט פֿון דער כינעזישער נאַכט, דורכגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פֿון קאַמפֿער און בלעטער, אויך אַזאַ שלאָפֿנדיקע, אויסגעשפּרייטע אַזש ביז איבערן ש ט י ל ן אָקעאַן, האָט זי צוועקגעטראָגן איבערן לויף פֿון דער צייט: קיין איין דאַמפֿער האָט זיך נישט געלאָזט הערן מיט קיין סיגנאַל; קיין איין ביקס האָט שוין מער נישט אויסגעשאָסן. זי האָט נישט אַריינגענומען אין איר שלאָף נישט אירע זכרונות, נישט אירע האָפֿענונגען, וועלכע ער וועט קיינמאָל נישט באַזיצן: זי איז נישט געווען עפּעס אַנדערש, ווי דער קעגנאיבערדיקער פּאָליוס פֿון זיין געניוס. זי איז נישט געקומען אויף דער וועלט, איז נישט אויפֿגעוואַקסן: איז קיינמאָל נישט געווען קיין קליין מיידעלע.

ווידער אַ שאָס: דער פּאַנצער־צוג האָט אָנגעהויבן שיסן.

צומאָרגנס פֿיר אַ זייגער.

פֿון דעם זייגערמאַכערס געוועלב, וואָס איז געענדערט געוואָרן אויף אַ רעגולערן פּונקט, האָט קיאָ אָבסערווירט דעם פּאַנצער־צוג. פֿון ביידע זייטן צוג, אויף אַ שטח פֿון *400* מעטער, האָבן די רעוואָלוציאָנערן אויפֿגעריסן די רעלסן, אויסגעגלייכט די באַן־ליניע מיט דער ערד. דער אומבאַוועגלעכער טויטער צוג האָט פֿאַרבאַריקאַדירט די גאַס, קיאָ האָט געזען בלויז צוויי וואַגאָנען, איינעם, — אַ פֿאַרמאַכטן, ווי אַ וואַגאָן אויף בהמות, דעם צווייטן — אַן איינגעקנייטשטן, ווי אַ נאַפֿט־רעזערוואואַר, מיט אַ האַרמאַט פֿון קליינעם קאַליבער, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פֿון אַ טורעמל. עס האָבן

זיך נישט געזען קיין מענטשן: די בלאָקירטע האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די טויב־פאַרמאַכטע פענסטערלעך, די באַלאַגערער זענען זיך צעלאָפן איבער די הייזער, וואָס האָבן געוועלטיקט איבערן קאַמף־שטח. הינטער קיאָס פלייצעס, ביי דער רוסישער צערקווע, לעבן דער האַנדלס־דרוקעריי האָבן די זאַלפן נישט אויפגעהערט. וועלער פון די זעלנער ס'איז גרייט געווען אויפצוגעבן דאָס געווער, האָט עס שוין לאַנג באַוויזן אָפּצוגעבן; די איבעריקע האָט געוואַרט דער טויט. אַצינד זענען שוין אַלע רעוואָלוציאָנערע סעקציעס געווען באַוואָפנט; דאָס רעגירונגס־מיליטער איז, נאָכן איינברעכן זיך פון פראָנט, אַנטלאָפן קיין נאַנקין אין די סאַבאָטירטע צוגן, אָדער אין פייכטן ווינט צופוס איבער די בלאָטיקע וועגן. די אַרמיי פון קאָמינטאַנג האָט געדאַרפט דערגרייכן שאַנכיי אין עטלעכע שעה אַרום; אַלעמאָל זענען אָנגעקומען שטאַפעטן.

ס'איז אַריינגעקומען טשען, אָנגעטון נאָך אַלץ ווי אַן אַרבעטער, זיך אַוועקגעזעצט לעבן קיאָס זייט, אָנגעהויבן זיך צוקוקן צום צוג. די מענטשן פון זיין גרופע האָבן געלויערט הינטער אַ באַריקאַדע אויף הונדערט טריט ווייטער, אָבער זיך נישט געריכט אויף קיין אַטאַקע.

דער האַרמאַט פון צוג האָט זיך באַוועגט פּראָפילאַרטיק. ווי נידעריקע וואָלקנס, האָבן זיך פאַרבייגעגליטשט צויטיקע רויך־קלומפּנס, דער לעצטער אָטעם פון פאַרשאָלטענעם פייער.

— איך צווייפל, צי זיי האָבן נאָך אַ סך אַמוניציע — האָט טשען זיך אָנגערופן.

דער האַרמאַט האָט זיך אַרויסגערוקט פון טורעמל, ווי אַ טעלעסקאָפּ פון אָבסערוואַטאָריע, און פּאָרזיכטיק באַוועגט די לופע; נישט געקוקט אויף דער געפּאַנצערטקייט, האָבן די אומזיכערע באַוועגונגען אויסגעזען ווי אַ סימן פון שוואַכקייט.

— ווען וועלן אונזערע האַרמאַטן דאָרט זיין... — האָט קיאָ געזאָגט.

דער האַרמאַט האָט אויפגעהערט זיך באַוועגן, האָט אויסגעשאָסן. אַלס ענטפער אויף דעם האָט אַ זאַלפּ אַ קלאַפּ־געטון אַן

דער געפֿאַנצערטקייט. דער גרויער הימל, נידעריק איבערן צוג, האָט זיך אויסגעלייטערט. אַ קוריער האָט געבראַכט עטלעכע דאָקומענטן פֿאַר קיִאָ.

— מיר האָבן נישט קיין מערהייט אין קאָמיטעט — האָט קיִאָ געזאָגט. די געהיימע דעלעגאַטן-פֿאַרזאַמלונג, צונויפֿגערופֿן דורכן קאָמינטאַנג פֿאַרן אויפֿשטאַנד, האָט אויסגעקליבן אַ צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון *26* מיטגלידער, דערין *15* קאָמוניסטן ; און דער קאָמיטעט האָט ווידער אויסגעקליבן אַן אויספֿיר-קאָמיטעט פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון אַ רעגירונג אין שטאָט. דער קאָמיטעט האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם עמבריאָן פֿון דער מאַכט ; און דאָרט האָבן די קאָמוניסטן שוין נישט געהאַט קיין מערהייט.

אַ צווייטער קוריער, אין אַ מונדיר, איז אַרייַנגעקומען, זיך פֿאַרהאַלטן בייַ דער שוועל.

— דער אַרסענאַל איז גענומען.

— די טאַנקען ? — האָט קיִאָ געפֿרעגט.

— אַוועקגעפֿאָרן קיין נאַנקין.

— קומסט פֿון דער אַרמיי ?

דאָס איז געווען אַ זעלנער פֿון דער ערשטער דיוויזיע, וואָס איז באַשטאַנען צומייַנסט פֿון קאָמוניסטן. קיִאָ האָט אים אָנגעהויבן אויספֿרעגן. דער זעלנער איז געווען פֿאַרביטערט : די מענטשן פֿרעגן זיך, אויף וואָס עס עקזיסטירט דער אינטערנאַציאָנאַל. אַלץ איז אַרייַנגעפֿאַלן צו דער בורזשואַזיע פֿון קאָמינטאַנג ; די משפּחות פֿון די זעלנער, און געווען זענען דאָס דער עיקר פֿויערן, האָבן געמוזט מקריבֿ זייַן פֿאַר דער מלחמה זייער גאַנץ האָב און גוטס, בשעת די בורזשואַזיע האָט דערווייל געטראָגן קליינע לאַסטן. ווען זיי האָבן געוואָלט צונעמען די ערד, איז געקומען אַ פֿאַרבאָט פֿון אויבן. נאָכן פֿאַרנעמען שאַנכיי וועט אַלץ זיך ענדערן, האָבן זיך געטראַכט די זעלנער-קאָמוניסטן ; ער, דער קוריער, איז אין דעם נישט זיכער געווען. באַוואוסטזיניק, אָבער נישט אַלזייטיק, האָט ער געגעבן שלעכטע אַרגומענטן, כאָטש ס׳איז לייַכט געווען אַרויסצו-

רוקן בעסערע. אין שאַנכיי, האָט קיאָ געזאָגט, וועט געשאפן ווערן אַ רויטע גוואַרדיע, אַן אַרבעטער־מיליץ; ס׳איז דאָ העכער 200.000 אַרבעטסלאָזע אין האַן־קאָו. ביידע האָבן אַלע ווילע זיך איבער־געריסן, איינער האָט זיך צוגעהערט צום צווייטן.

— האַן־קאָו, — האָט דער זעלנער געזאָגט — איך ווייס, אוודאי, האַן־קאָו...

די געדעמפטע רייד האָבן געפלאַטערט צווישן זיי, ווי אַ ציטערנדיק לידעלע, איינגעשטילט אפילו די לופּע פון האַרמאַט. ביידע האָבן זיך איבערגעטראָגן מיט די געדאַנקען אויף האַן־קאָו, אויף דער „גרעסטער כינעזישער אינדוסטריע־שטאָט". דאָרט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ נייע רויטע אַרמיי; די אַרבעטער־סעקציעס האָבן אַצינד זיכער זיך דאָרט געלערנט באַגיין מיט געווער...

מיט צעשפּרייטע פיס, מיט די פויסטן אויף די קניען, מיט אַ צעעפנט מויל — האָט טשען זיך צוגעקוקט צו די קוריערן און גאָרנישט געזאָגט.

— אַלץ וועט אָפּהענגיק זיין פון שאַנכייער בירגערמייסטער — האָט קיאָ דערקלערט. — אויב דאָס איז איינער פון אונזערע, האָט די מערהייט נישט קיין באַדייטונג. אויב פון די רעכטע...

טשען האָט געוואָלט קאָנטראָלירן ווי שפּעט ס׳איז. אין דער זייגערמאַכעריי, וואו ס׳זענען געהאָנגען אפשר דרייסיק זייגערס, האָבן אַלע זיך פאַרשפּעטיקט אָדער צוגעאיילט, געוויזן פאַרשידן ווי שפּעט ס׳איז. די פּלוצלינגדיקע זאַלפן זענען איבערגעגאַנגען אין אַ לאַווינע. טשען האָט זיך נישט געאיילט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס; ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע אויגן פון קרייז־אומלויף פון די זייגערס, דעם נישט עמפּינדלעכן אויף דער רע־וואָלוציע. עס האָט אים אויפגעוועקט די באַוועגונג פון די קוריערן, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען: ער איז ענדלעך צו זיך געקומען און אַ קוק געטון אויף זיין אייגן זייגערל.

— פיר אַ זייגער. מען קאָן שוין געוואויר ווערן.

ער האָט זיך פאַרבונדן דורכן פעלד־טעלעפאָן, אַוועקגעלייגט דאָס הער־טרייבל, אַ דערצערנטער זיך געווענדט צו קיאָ:

— דער בירגערמייסטער איז פֿון די רעכטע.

פריער אויסברייטערן די רעוואָלוציע, און דערנאָך זי פֿאַרטיפֿן... — האָט קיאָ געענטפֿערט גיכער מיט אַ טאָן פֿון אַ פֿראַגע, איידער פֿון אַן ענטפֿער. — פֿון דעם דרינגט אַרויס, אַז די ליניע פֿון אינטערנאַציאָנאַל באַפֿעלט איבערצולאָזן דאָ די מאַכט אין די הענט פֿון דער בורזשואַזיע. דערווייל... זיי וועלן אונז באַגנבענען. איך האָב גערעדט מיט קוריערן פֿון פֿראָנט: עס איז פֿאַרבאָטן יעדע אַרבעטער־באַוועגונג אין הינטערלאַנד. טשאַן־קיי־שעק הייסט דערשיסן די שטרייקנדע, באַנוצנדיק זיך מיט עטלעכע פֿאָרזיכטיקייטס־מיטלען.

עס איז אַריינגעפֿאַלן אַ פֿאַס ליכטיקייט. אין דער הייך האָט זיך פֿאַרגרעסערט דער בלויער פֿלעק פֿון אויסלייטערונג. די גאַס איז פֿול געוואָרן מיט זון. נישט געקוקט אויף זיינע זאַלפֿן, האָט דער פֿאַנצער־צוג אויסגעזען אין דער באַלייכטונג ווי פֿאַראייניזאַמט. ער האָט ווידער געשאָסן. קיאָ און טשען האָבן אַצינד אָבסערווירט מיט ווינציקער אויפֿמערקזאַמקייט: אפֿשר איז דער שונא געווען נענטער. קיאָ, אַ שטאַרק באַאומרויִקטער, אַ צערודערטער, האָט געקוקט אויפֿן בלישטשענדיקן טראָטואַר אין דער זון, וואָס וועט אין אַ ווײַלע אַרום זיך באַהאַלטן. עס האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ לאַנגער שאָטן. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ: דאָס איז געווען קאַטאָוו.

— עס וועלן נישט אַריבער קיין צוויי וואָכן — האָט ער ווייטער גערעדט — און די רעגירונג פֿון קאָמינטאַנג וועט פֿונאַנדערלאָזן אונזערע שטורעם־אָפּטיילונגען. עס ווייזן זיך שוין בלויע אָפֿיצירן, געשיקטע פֿון פֿראָנט, אונז אויסצופֿאָרשן, אונז כיטרע איינצורעדן, אַז ביי זיי וועט דאָס געווער ברענגען גרעסערע נוצן, ווי ביי אונז. אַנטוואָפֿענען זיי די אַרבעטער־גוואַרדיע, וועלן זיי האָבן אין די הענט: די פּאָליציי, דעם קאָמיטעט, דעם בירגערמייסטער, די אַרמיי און דאָס געווער. און צוליב דעם האָבן מיר געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד. מיר מוזן אַרויסטרעטן פֿון קאָמינטאַנג, אָפּטיילן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און פֿאַרזיכערן איר אַליין אַ גרע־

סערע מאַכט. דאָ גייט נישט אין אַ פּאַרטיע שאַך, נאָר אין נוצן פון פּראָלעטאַריאַט. מיט וואָס פאַר אַן עצה וועלן מיר קומען צו אים ?

טשען האָט געקוקט אויף זיינע פיס, קליינע און ברודיקע, נאַקעטע אין די הילצערנע טרעפּעס.

— די אַרבעטער זענען גערעכט, ווען זיי שטרייקן. מיר הייסן זיי איבעררייסן דעם שטרייק. די פּויערן ווילן צונעמען די ערד. זיי זענען גערעכט. מיר פאַרווערן זיי.

ער האָט אַקצענטירט די קירצערע ווערטער

— מיר האָבן די זעלבע לאָזונגען, וואָס די בלויע, — האָט קיאָ געענטפערט — מיט אַ ביסל מער צוזאָגן. נאָר די בלויע גיבן די בורזשואַזיע, וואָס זיי זאָגן צו, און מיר גיבן נישט די אַרבעטער דאָס, וואָס מיר זאָגן זיי צו.

— גענוג מיט דעם — האָט טשען געזאָגט, נישט אויפהייבנדיק אַפילו די אויגן. — קודם־כּל דאַרף מען דערהרגענען טשאַן־קיי־שעקן.

קאַטאָוו האָט שווייגנדיק אויסגעהערט.

— דאָס איז אַ פראַגע פון דער צוקונפט — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן. — דערווייל דערהרגעט מען אונזערע. יאָ. און פונדעסטוועגן בין איך נישט זיכער, קיאָ, צי איך דאַרף דיר נישט געבן גערעכט, פאַרשטייסט. אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע, ווען איך האָב נאָך געהערט צו די עסערן, זענען מיר אַלע געווען קעגן לעגינס טאַקטיק אין אוקראַינע. אַנטאָנאָוו, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס דאָרטיקער קאָמיסאַר, האָט אַרעסטירט די אייגנטימער פון די גרובנס און זיי צוגעקלעבט צו צען יאָר שווערע אַרבעט פאַר סאַבאָטאַזש. אָן אַ משפּט. לענין אַליין, אַלס קאָמיסאַר פון טשעקאַ, האָט אים גראַטולירט ; מיר אַלע האָבן פּראָטעסטירט. דאָס זענען געווען אמתע עקספּלואַטאַטאָרן, ערד־באַזיצער, פאַרשטייסט, און אַ סך פון אונז האָט מען פריער געהאַט פאַרשיקט אין די גרובנס ; דערפאַר האָבן מיר געמיינט, אַז צוליבן ביישפּיל זענען מיר מחויב קעגן זיי צו האַנדלען שטרענג געזעצלעך. ווען

אָבער מען וואָלט זיי געווען אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט בשום אופן דאָס נישט פאַרשטאַנען. לענין איז גערעכט געווען. דאָס געזעץ איז געווען אויף אונזער זייט, אָבער לענין איז גערעכט געווען. און מיר זענען אויך געווען קעגן די אויסערגעוויינטלעכע פולמאַכטן פון דער טשעקאַ. מען מוז נעמען אין אַכט. דער איצטיקער לאָזונג איז אַ גוטער: אויסברייטערן די רעוואָלוציע, און דערנאָך זי פאַרטיפן. לענין האָט נישט געזאָגט באַלד: „די גאַנצע מאַכט פאַר די ראַטן".

— אָבער ער האָט אויך קיינמאָל נישט געזאָגט: די מאַכט פאַר די מענשעוויקעס. קיין שום סיטואַציע קאָן נישט פאָדערן פון אונז אַרויסצוגעבן דאָס געווער די בלויע. קיין שום. וואָרים דאָס באַטייט, אַז די רעוואָלוציע איז פאַרלוירן, אַז זי איז נישטאָ מער...

עס איז אַריינגעקומען אַן אָפיציר פון קאָמינטאַנג, אַ קליינער, אַ שטייפער, כמעט ווי אַ יאַפּאַנער.

— די אַרמיי וועט דאָ זיין אין אַ האַלבער שעה אַרום. עס פעלט אונז געווער. וויפיל קאָנט איר אונז אַוועקגעבן?

טשען האָט זיך געדרייט הין און צוריק. קאַטאָוו האָט געוואַרט.

— די אַרבעטער־מיליץ דאַרף ביי זיך איבערלאָזן דאָס געווער — האָט קיאָ געזאָגט.

— איך פאַרלאַנג דאָס געווער אין פאַרשטענדיקונג מיט דער רעגירונג אין האַן־קאַו — האָט דער אָפיציר געענטפערט.

קיאָ און טשען האָבן אויף דעם אַ שמייכל געטון.

— איר וועט אַזוי גוט זיין זיך איבערצייגן — האָט ער דערקלערט.

קיאָ האָט אַ מייסטרעווע געטון ביים טעלעפאָן.

— ווען עס זאָל אפילו קומען אַ באַפעל... — האָט טשען אָנגעהויבן, אַ פאַררויטלטער.

— שטראָם! האָט קיאָ אַ רוף געטון.

ער האָט געהערט. קאַטאָוו האָט גענומען דאָס צווייטע הערטרייבל. זיי האָבן אַוועקגעלייגט.

— גוט — האָט קיאָ געענטפערט. — נאָר די מענטשן זענען נאָך אויף דער ליניע.

— באַלד וועט אָנקומען אַרטילעריע — האָט דער אָפיציר געזאָגט. — מיר וועלן שוין אַליין דידאָזיקע צוענדיקן...

ער האָט אָנגעוויזן אויפן פּאַנצער־צוג, דעם פאַרגאָסענעם מיט זון.

— איר וועט קאָנען אַרויסגעבן דאָס געווער דעם מיליטער ביז מאָרגן אָוונט? עס איז אונז זייער נייטיק. מיר פאַרשפּעטיקן מיטן מאַרש אויף נאַנקין.

— איך צווייפל, צי עס וועט אונז געלונגען צונויפצונעמען מער ווי אַ העלפט געווער.

— פאַרוואָס?

— קיינער פון די קאָמוניסטן וועט נישט אָוועקגעבן.

— אפילו אויף אַ באַפעל פון האַן־קאָו?

— אפילו אויף אַ באַפעל פון מאָסקווע. אַלנפאַלס וועלן זיי נישט באַלד אָוועקגעבן.

ער האָט געפילט, אַז דער אָפיציר איז אויפגערעגט, הגם ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן.

— זעט צו טון אַלץ, וואָס מען קאָן. איך וועל שיקן עמעצן אַרום זיבן אַ זייגער.

ער איז אַרויסגעגאַנגען.

— דו האַלסט, אַז מען דאַרף אַרויסגעבן? — האָט קיאָ געפרעגט קאַטאָוון.

— איך באַמי זיך צו פאַרשטיין די סיטואַציע. מען דאַרף קודם־כל פאָרן קיין האַן־קאָו, דו פאַרשטייסט עס אַליין. וואָס וויל דער אינטערנאַציאָנאַל? פריער זיך באַנוצן מיט דער אַרמיי פון קאָמינטאַנג, כדי צו פאַרייניקן כינע, דערנאָך, מיט דער הילף פון פּראָפּאַגאַנדע און אַזוי ווייטער, אַנטוויקלען די רעוואָלוציע, וועלכע איז מחויב אַליין זיך צו פאַרוואַנדלען פון אַ דעמאָקראַטישער אין אַ סאָציאַליסטישער.

— מען דאַרף דערהרגענען טשאַן־קיי־שעקן — האָט טשען געזאָגט.

— טשאַן־קיי־שעק וועט אונז נישט ווייט לאָזן קומען —

האָט קיָאָ געענטפֿערט. ער קאָן אונז נישט לאָזן. ער קאָן זיך דאָ נישט דערהאַלטן, אויב ער וועט נישט געפֿינען קיין שטיצע אין די צאָל־קאַמערן און באַלאַסטן די בורזשואַזיע מיט שטייערן, און די בורזשואַזיע גיט נישט קיין געלט פֿאַר שיינע אויגן: ער וועט אָפּצאָלן זיין חוב מיט טויטע קערפּערס פֿון די קאָמוניסטן.

— דאָס אַלץ, — האָט טשען געזאָגט — איז בלויז מויל־אַרבעט.

— פֿאַרדריי נישט דעם קאָפּ — האָט קאַטאָוו געענטפֿערט. — איך מיין, אַז וועסט נישט פּרוּוון דערהרגענען טשאַן־קיי־שעקן אָן דער הסכּמה פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, אָדער על־כּל־פּנים אַ דעלע־גאַט פֿון אינערנאַציאָנאַל?

דער ווייטער ליאַרעם האָט ביסלעכווייז פֿאַרטריבן די שטילקייט.

— וועסט פֿאָרן קיין האַן־קאו? — האָט טשען זיך געווענדט צו קיָאָ.

— אומבאַדינגט.

טשען האָט זיך געדרייט הין און צוריק איבער דער קראָם אונטער די ציפֿער־בלעטער פֿון די וועק־זייגערס, וואַנט־זייגערס מיט די אומרועןן און קוקאַווקעס, וואָס האָבן אויסגעשלאָגן די שעהן.

— דאָס איז זייער פּשוט. דאָס ריכטיקסטע. די איינציקע זאַך צום טון. מאַך זיי אויפֿמערקזאַם.

— וועסט וואַרטן?

קיָאָ האָט געוואוסט, אַז אויב טשען קווענקלט זיך צו ענטפֿערן, איז עס נישט אונטער קאַטאָווס איינפֿלוס. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס די לויפֿנדע באַפֿעלן פֿון אינטערנאַציאָנאַל האָבן נישט געשטילט די טיפֿע ליידנשאַפֿט, וואָס האָט אים אַריינגעצויגן אין די רייען פֿון דער רעוואָלוציע; ווען ער וואָלט בלויז אויס דיסציפּלין אָנגענומען דידאָזיקע באַפֿעלן, וואָלט ער שוין נישט געקאָנט זיין טעטיק. קיָאָ האָט באַטראַכט אונטער די זייגערס דידאָזיקע האַרטע פֿיגור, וואָס האָט געברענגט פֿאַר דער רעוואָלוציע אַ קרבן דעם אייגענעם קערפּער און די קערפּערס פֿון אַנ־

דערע, ד ע ר רעוואָלוציע, וואָס וועט אים אפשר צוריק אָפּוואַרפן אין זיין איינזאַמקייט מיט די זכרונות וועגן מאָרד. אַ קעגנער פון טשענען פאַרן וואויל פון דער זאַך, האָט ער זיך נישט געקאָנט דערנענטערן צו זיין פריינט, אויך זיך נישט געקאָנט פון אים אָפגרענעצן. דורך דער ברידערשאַפט פון געווער, אפילו אין דעם מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם צוג, וועלכן זיי וועלן אפשר צוזאַמען, האַנט ביי האַנט, אָנגרייפן, האָט ער פאַר־געפילט אַ מעגלעכקייט פון איבעררייס, ווי ער וואָלט פאָרגעפילט ביי אַ פריינט די דראָונג פון אַן עפּילעפּטישן אָדער וואַנזיניקן אַטאַק אין מאָמענט פון גרעסטער קלאָרקייט פון געדאַנק.

טשען האָט ווידער זיך געדרייט איבער דער קראָם; ער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ אַלס סימן פון פּראָטעסט, ענדלעך געזאָגט: „גוט”, אַ הייב טוענדיק די אַקסלען, ווי ער וואָלט נאָכ־געגעבן עפּעס אַ קינדערישן קאַפּריז פון אַ פריינט.

דער ליאַרעם האָט זיך אָנגערופן אויפסניי, שטאַרקער, אָבער אַזוי נאָך נישט דייטלעך, אַז זיי האָבן געמוזט אָנשטרענגען די אויערן, כדי זיך צו אָריענטירן, וואָס עס קומט פאָר. דער ליאַרעם האָט זיך, דאַכט זיך, געטראָגן פון דער ערד.

— ניין — האָט קיאָ געזאָגט. — דאָס זענען קולות.

— זיי האָבן זיך דערנענטערט, אַלץ דייטלעכער.

— זיי דעראָבערן די צערקווע? — האָט קאַטאָוו געפרעגט.

עס האָבן זיך דאָרט פאַרשאַנצט אַ כך רעגירונגס־זעלנער. אָבער די קולות האָבן זיך דערנענטערט ווי פון הינטער דער שטאָט אין צענטער אַריין. וואָס אַמאָל אַלץ הילכיקער. מען האָט נישט געקאָנט אונטערשיידן קיין ווערטער. קאַטאָוו האָט אַ קוק געטון אויפן פאַנצער־צוג.

— זיי קריגן פאַרשטאַרקונג?

די קולות כסדר אָן ווערטער, האָבן זיך מיט יעדער ווײַלע דערנענטערט; ווי עפּעס אַ דערשיטערנדיק נייעס וואָלט איבער־געגעבן געוואָרן פון איין מחנה צו דער צווייטער. עס האָט זיך אַרויסגערוקט אויך אַ צווייטער ליאַרעם, וואָס האָט געקעמפּט מיט

די קולות; ער האָט אָנגענומען דייטשלעכן כאַראַקטער: די ערד האָט אָפּגעקלונגען אונטער רעגלמעסיקע טריט.

— די אַרמיי — האָט קאַטאָוו געזאָגט. — דאָס זענען אונזערע.

זיכער. דאָס זענען געווען געשרייען. נאָך אוממעגלעך זיי אונטערצושיידן פון די קולות פון שרעק; קיאָ האָט אַמאָל געהערט דאָס דערנענטערן זיך פון אַ מחנה, וואָס האָט געליטן פון אַ פאַרפלייצונג. דאָס טופעריי פון די טריט איז איבערגעגאַנגען אין אַ שלייכן, דערנאָך האָט עס ווידער זיך דערהערט: די זעלנער האָבן זיך פאַרהאַלטן און געענדערט די ריכטונג.

— מען האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער פאַנצער־צוג געפינט זיך דאָ — האָט קיאָ געזאָגט.

די מענטשן אין צוג האָבן זיכער שוואַכער געהערט די קולות, אָבער שטאַרקער דאָס טופעריי, וואָס איז פאַרפּיפּאַכט געוואָרן דורכן רעזאָנאַנס פון דער געפּאַנצערטקייט.

עס האָט זיי פאַרכאַפּט אַ שרעקלעכע טראַסקעריי: פון אַלע קוילנוואַרפערס, אַלע ביקסן, פון אַלע לופעס האָט דער צוג געשאָסן. קאַטאָוו האָט אַמאָל געקעמפט אין אַ פאַנצער־צוג אין סיביר; דער שטאַרקער כוח פון זיין פאַנטאַזיע האָט אים געגעבן צו וויסן וועגן דער גסיסה פון דעם צוג. די אָפיצירן האָבן געהייסן שיסן אָן אָפּהאַלט. וואָס האָבן זיי געקאָנט אויפטון אין זייערע טורעמלעך מיטן טעלעפאָן אין איין האַנט און מיטן רעוואָלווער אין דער צווייטער? די זעלנער האָבן דערקענט, וואָס פאַר אַ טופעריי דאָס איז. צי האָבן זיי זיך געגרייט צום געמיינזאַמען טויט, אָדער וועלן זיי זיך וואַרפן איינער אויפן צווייטן אין דער ריזיקער אונטערוואַסער־שיף, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט אַרויסשווימען אויף דער אויבערפלאַך?

דער צוג אַליין איז אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן טראַנס. וואַרפנדיק קוילן דורך אַלע לעכער, האָט ער געציטערט, דערשראָקן פון זיין אייגענער פוריע, אַרויסגעשפרונגען פון די רעלסן, ווי די משוגענע פאַרצווייפלונג פון די מענטשן, וואָס זענען איינגעשלאָסן געוועז אין אים, וואָלט זיך איבערגעגעבן זיינע באַלאַגערטע האַרמאַטן און

ווי עס וואָלט געבּרויזט דאָס שטאָל פון זיינע געפּאַנצערטע פּלאַטן. קאַטאָוון האָט צוגעשמידט נישט אַזוי פיל דאָס טויט־אַנגסטלעכע, שיכּורע משוגעת, וואָס איז בּאַפאַלן די מענטשן אין צוג, וויפיל דאָס ציטערן פון די רעלסן, וואָס האָבן, ווי אַ משוגעים־העמד, געצוימט די מעכטיקע כּוחות פון דער קאַנאָנאַדע; ער האָט אַ בּאַוועג געטון מיט דער האַנט, כּדי צו קאָנטראָלירן, צי ער איז נישט פּאַראַליזירט. דרייסיק סעקונדן האָט געדויערט דער שטורעם און איז פאַרשטומט געוואָרן. איבּערן טויבּן קלאַפּן פון די טריט און טיקן פון די זייגערס אין דער קראָם האָט זיך צעטראָגן אַ שווער גריל־צעריי פון אייזן: די אַרטילעריע פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי.

הינטער יעדן געפּאַנצערטן פענסטערל פון צוג האָט עפּעס אַ מענטש אין דעם קלאַנג געהערט די שטים פון זיין טויט.

דריטע טייל

27 מערץ.

האַן־קאו איז געווען נאָענט: די באַוועגונג פון קליינע טראַטוועלעך האָט פאַרנומען דעם גאַנצן טייך. די קוימענס פון די אַרסענאַלן האָבן זיך קוים־קוים אָפּגעטיילט פון באַרג, איינגעהילט אין געדיכטן רויך; אין בלויען ליכט פון פרילינגס־אָוונט האָט זיך ענדלעך באַוויזן די שטאָט, קאָלומנעס פון ביוראָען, מיליטערישע דאַמפּערס פון די מערב־מלוכות אין די פאַלבן פון דער וואַסער־פלאַך, אַזאַ שוואַרצער ווי טוש. שוין זעקס טעג איז קיאָ געפאָרן קעגן שטראָם פון טייך אָן ידיעות פון שאַנכײַ.

אין דער זייט פון דאַמפּער האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון אַ פרעמד־לענדיש מאָטאָר־שיפל. קיאָ האָט געהאַט די פאַפּירן אין אָרדענונג, חוץ דעם איז ער שוין געוואוינט געווען צו קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בריקל צוליב פאָרזיכטיקייט.

— וואָס ווילן זיי? — האָט ער געפרעגט דעם מעכאַניקער.

— זיי ווילן געוואויר ווערן, צי מיר האָבן רייז, אָדער קוילן. מען טאָר נישט אַרײַנפירן.

— אין וועמענס נאָמען?

— בכלל איז דאָס אַן אויסרייד. אויב מיר פירן אַריין קוילן, זאָגן זיי אויף דעם גאָרנישט, נאָר נעמען זיך, אַז מען זאָל זיי אויסלאָדענען אין האַפן. זיי דערלאָזן נישט צו באַזאָרגן די שטאָט מיט זאַפּאַסן.

אין דער ווייטנס קוימענס, עלעוואַטאָרן, רעזערוואואַרן: די פֿאַרבינדעטע פֿון דער רעוואָלוציע. אָבער שאַנכיי האָט אים אויסגעלערנט, ווי אַזוי עס זעט באמת אויס אַ באַוועגלעכער האַפֿן. דאָ האָט געשווימלט בלויז פֿון זעגל־שיפֿלעך און טאָרפּעדע־שיפֿן. ער האָט אַרויסגענומען די לאָרנעטע: אַ האַנדלס־דאַמפֿער, איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער. נאָך עטלעכע... דער דאַמפֿער האָט זיך צוגערוקט אין דער זייט פֿון או־שאַנג: ער האָט געמוזט נעמען אַן איבערפֿיר־שיפֿל קיין האַן־קאו.

ער איז אַראָפּ פֿון דאַמפֿער. אויפֿן ברעג האָט אַן אָפֿיציר אַכטונג געגעבן אויף דער אויסלאָדונג.

— פֿאַרוואָס אַזוי ווייניק שיפֿן? — האָט קיאָ געפֿרעגט.

— די געזעלשאַפֿטן האָבן זיי אַוועקגעשיקט. זיי האָבן מורא פֿאַר רעקוויזיציע.

אין שאַנכיי זענען אַלע זיכער געווען, אַז די רעקוויזיציע איז שוין לאַנג דורכגעפֿירט.

— ווען גייט אָפּ דאָס איבערפֿיר־שיפֿל?

— יעדע האַלבע שעה.

עס איז אים פֿאַרבליבן צו וואַרטן צוואָנציק מינוט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט שפּאַצירן. אין די קראָמען האָבן זיך אָנגעצונדן נאַפֿט־לאָמפּן; דאָ און דאָרט האָבן קאָנטורן פֿון ביימער, אָדער האָרנאַרטיקע דעכער זיך געצייכנט אויפֿן פּאָן פֿון מערב־הימל, לויכטנדיק מיט אַ העלקייט, נישט צו וויסן פֿון וואַנען; עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז די העלקייט איז אַן אויסשטראַלונג פֿון הימל און זי קערט זיך אַצינד צוריק אום אין דער נאַכט אַריין. אין די שאָפּעס, נישט געקוקט אויף די זעלנער, אויף די אַרבעטער־פֿאַריינען, האָבן זנאַכאַרס, וואָס היילן מיט זשאַבעס, הענדלער פֿון קרייטעכצער, שרייבערס, טרעפֿערס, אַסטראָלאָגן, מעשה־דער־ציילערס ווייטער זיך פֿאַרנומען מיט זייער פֿאַך ביי שוואַכן ליכט, אין וועלכן ס'זענען פֿאַרשוואונדן בלוט־פֿלעקן. די שאָטנס אויף דער ערד, געמילדעטע דורך בלויער פֿאָספֿאָר־שטראַלונג, זענען גיכער צעגאַנגען, איידער געוואַקסן; דאָס לעצטע שימערן פֿון

דעם נישט צוריקקערנדיקן אָוונט, וואָס איז שוין אַוועקגעגאַנגען
אין אַנדערע וועלטן, האָט נאָך רעפלעקסאַרטיק זיך געוויגט איבער
דער גרויסער פּלאַטפאָרם פאַרן בודאַ-טעמפּל, „דעם אַרומגערינגלטן
מיט בליושטש, וואָס איז שוין אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן. ווייט
דאָרט איז אַ באַטאַליאָן פאַרטרונקען געוואָרן אין טונקלהייט, וואָס
איז אַלץ געדיכטער געוואָרן צוליב די אויסדעמפונגען פון וואַסער,
איינגעזאַפּט געוואָרן אין נעפּל, וואָס איז אָנגעפּראָפּט געווען מיט
אילומינאַציעס. און קיאָ האָט זיך געלאָזט גיין אין יענער ריכטונג
צווישן ריזיקע מויערן-חורבות; די מויערן זענען באַהאָנגען געווען
מיט לאָזונגען וועגן דער באַפרייאונג פון כינע. דאָס איבערפּיר-
שיפּל איז שוין געשטאַנען גרייט צום אָפּשווימען.

נאָך אַ פערטל שעה אויפן טייך מיטן אויסבליק אויף דער
שטאָט, וואָס טיקט זיך שוין אין אָוונט. ענדלעך — האַן-קאָו.

אויפן ברעג האָבן געוואַרט האַנט-וועגעלעך, אָבער קיאָ
האָט געטראָגן אין זיך אַ צו גרויסן אומרו, ער זאָל קאָנען באַלד
אויפזיצן. ער האָט בעסער געוואָלט גיין צופוס: די בריטישע קאָנ-
צעסיע, וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט פאַרלאָזט אין יאַנואַר,
די גרויסע וועלט-בענק, זענען געשלאָסן, אָבער נישט אָקופּירט...
„וואָס פאַר אַ וואונדערלעך געפיל פון שרעק: מען פילט אין ריטם
פון האַרץ, אַז ס'איז שווער צו אָטעמען, ווי מען וואָלט געאָטעמט
מיטן האַרץ"... דאָס געפיל האָט צערודערט די קלאָרקייט פון גע-
דאַנק. אין ראָג גאַס, אין פאַרקן-דורכבורך פון אַ גרויסן גאָרטן,
צווישן די ביימער און בלומען, גרויע אין אָוונט-נעפּל, האָבן זיך
באַוויזן די קוימענס פון האַנטווערקערייען. אָן רויך. פון דעם, וואָס
ער האָט געזען, האָבן געאַרבעט בלויז די קוימענס פון די אַרסע-
נאַלן. צי קאָן דאָס זיין, אַז אין האַן-קאָו, אין דער שטאָט, פון
וואַנען די קאָמוניסטן פון דער גאַנצער וועלט דערוואַרטן די דער-
לייזונג פון כינע, זאָל הערשן אַ שטרייק? דער אַרסענאַל האָט גע-
אַרבעט; מען האָט דאָך געקאָנט על-כל-פנים אויסשטעלן אוף דער
רויטער אַרמיי? ער האָט שוין נישט געוואַגט צו לויפן. אויב האַנ-
קאָו איז נישט דאָס, פאַר וועלכן יעדער פון זיי האָלט דידאָזיקע

שטאָט, זענען אַלע זיינע חברים אין שאַנכיי פאַרמשפּט צום טויט. און מאַי אויך. און ער אויך.

ענדלעך האָט ער זיך געפונען ביי דער דעלעגאַציע פון אינטערנאַציאָנאַל.

די גאַנצע ווילע איז געווען באַלויכטן.

קיאָ האָט געוואוסט, אַז אויפן העכסטן שטאָק אַרבעט באָראָדין; אין פּאַרטער איז די דרוקעריי געווען אין פולער באַוועגונג; עס האָט דאָרט געריש אַ גרויסער קאַליעדיקער ווענטילאַטאָר.

דער וואַך-זעלנער האָט אַ קוק-געטון אויף קיאָ, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ גרויען טריקאָט מיט אַ דיקן קאָלנער. ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ יאַפּאַנער, שוין אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן אָרדינאַנס, וואָס איז באַשטימט געווען צום פירן די אויסלענדער, ווען זיין בליק איז געפאַלן אויף די פּאַפּירן, וואָס קיאָ האָט אים דערלאַנגט. ער האָט אים דעריבער אַריינגעפירט דורכן פאַרשטעלטן דורכגאַנג אין דער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שאַנכיי. דאָרט האָט אים אויפגענומען דער סעקרעטאַר, וועגן וועלכן קיאָ האָט געוואוסט בלויז דאָס, אַז ער האָט אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד אין פינלאַנד. דער חבר, מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט איבערן ביוראָ-טיש, מיטן נאָמען: וואָלאָגין, איז געווען אַ דיקער; לויט די פעטקייט ענלעך צו אַ רייפער פרוי; ער האָט געהאַט איידעלע שטריכן, קרומע און איינצייטיק אויסגעפיעשטשעטע; די צוויי פאַסמעלעך גרויע האָר, פאַרקעמטע אַהינטער, זענען אים אָבער אַראָפּגעפאַלן איבער די באַקנביינער, ווי צוויי שטייפע בענדלעך.

— מיר גייען מיט אַ טעותדיקן וועג אין שאַנכיי. — האָט קיאָ געזאָגט.

סוף פון ערשטן בוך.

אנדרע מאלראָ

דער גורל פון מענטש

ייִדיש: שלמה שײַנבערג

ייִדישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק
1935 װאַרשע

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.

דאס צווייטע בוך

זיינע אייגענע ווערטער זענען אים פארלאפן דעם וועג. זיי זענען געווען פלינקער פון זיין געדאנק. דאך האבן זיי ארויסגעזאגט דאס, וואס ער האט געוואלט אויסדריקן: אויב האן־קאו קאן נישט ברענגען די קאדרען אין שאנכיי די הילף, אויף וועלכער זייווארטן, וועט דאס ארויסגעבן דאס געווער זיין א זעלבסטמארד.

וואלאגין האט באהאלטן די הענט אין די ארבל פון זיין אוניפארם פון כאקי־קאליר, אויסגעשטרעקט דעם קאפ, זיך אראפגעזעצט אין פאטעל.

— וואס נאך !... — האט ער א ברום־געטון.

— קודם־כל, וואס קומט דא פאר ?

— רעד ווייטער : פארוואס איז דער וועג א טעותדיקער ?

— אבער פארוואס, פארוואס שטייען די האנטווערקערייען ?

— ווארט נאר צו. וועלכע חברים פראטעסטירן ?

— פון די קאמף־אפטיילונגען. און די טעראריסטן.

— די טעראריסטן, כאפט זיי... און די אנדערע ?

ער האט א קוק געטון אויף קיא.

— וואס ווילן זיי ?

— ארויסטרעטן פון קאמינטאנג. ארגאניזירן א באזונדערע קאמוניסטישע פארטיי. איבערגעבן די מאכט די פאריינען. קודם־כל נישט אוועקגעבן דאס געווער. דאס — קודם־כל.

— אייביק דאס זעלבע.

וואלאגין איז אויפגעשטאנען, א קוק געטון דורכן פענסטער אויפן טייך, אויף די טאלן, אן א סימן פון ליידנשאפט אדער ווילן : בלויז שטארקע קאנצעטרירטקייט איז געווען דער איינציקער אויסדרוק פון לעבן אויף דעם פארהארטעוועטן פנים. די פלייצעס, אויך אזעלכע דיקע ווי דער בויך, האבן ביי זיין נידעריקער וואוקס אים צוגעגעבן אן אויסזען פון א הויקער.

איך וועל דיר ענטפערן אויף דעם. לאָמיר אָננעמען אַז מיר זענען שוין אַרויסגעטרעטן פון קאָמינטאַנג. וואָס טוען מיר ווייטער?

— קודם־כל אַן אַרבעטער־מיליץ פאַר יעדן פאַריין, פאַר יעדן סינדיקאַט.

— און וואו נעמען מיר געווער? דאָ געפינט זיך דער אַר־סענאַל אין די הענט פון די גענעראַלן. טשאַן־קיי־שעק האָט אַצינד פאַרנומען דעם אַרסענאַל אין שאַנכיי. דערצו נאָך זענען מיר אָפּ־געשניטן פון מאָנגאָליע: מיר וועלן נישט באַקומען קיין געווער פון ראַטנפאַרבאַנד.

— אין שאַנכיי האָבן מיר פאַרנומען דעם אַרסענאַל.

— מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי אויפן קאַרק. נישט אין איר רוקן. וועמען וועלן מיר דאָ באַוואָפענען? אפשר צען טויזנט אַרבעטער. העכסטנס נאָך דעם קערן פון דער קאָמוניסטישער „אייזערנער אַרמיי”: נאָך צען טויזנט. צו צען קוילן אויף איין ביקס! און קעגן זיי העכער 75.000 מאַן אין האַן־קאַו אַליין, נישט רעדנדיק שוין וועגן... טשאַן־קיי־שעקן און די אַנדערע. און ווי אַזוי וואָלטן מיר פאַרזאָרגט דאָס מיליטער?

— די לאַנדווירטשאַפטן, האַנדווערקערייען?

— עס דערגייען שוין נישט צו אונז די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

אומבאַוועגלעך ביים פענסטער, הינטער וועלכן די נאַכט איז צוגעפאַלן, דער פראָפיל פאַרשטעלט דורך די פאַסמעלעך האָר, האָט וואָלאָגין ווייטער גערעדט:

— האַן־קאַו — איז נישט קיין רעזידענץ פון אַרבעט, דאָס איז אַ רעזידענץ פון אַרבעטסלאָזיקייט. דאָ פעלט אויס גע־ווער: אפשר איז גלייכער אַזוי. עס מאַכן זיך מינוטן, ווען איך טראַכט: אַז ווען מיר וואָלטן באַוואָפנט דידאָזיקע מענטשן, וואָלטן זיי אָנגעהויבן שיסן אויף אונז. און דאָך אַרבעטן זיי פופצן שעה אין מעת־לעת און ווילן דערפאַר גאָרנישט, בלויז ווייל „אונזער רעוואָלוציע איז אין געפאַר”...

קיִאָ איז אַלץ טיפֿער פֿאַרזונקען, ווי אין אַ שלעפֿעריקער טרוימעריי.

— די מאַכט געהערט נישט אונז, — האָט וואָלאָגין ווײטער גערעדט, — זי געהערט די גענעראַלן פֿון דער „לינקער גרופּירונג אין קאָמינטאַנג", ווי זיי דריקן זיך אויס. זיי וואָלטן נישט אָנערקענט קיין ראַטן־רעגירונג פּונקט ווי טשאַן־קײ־שעק אָנערקענט זי נישט. דאָס איז זיכער. מיר קאָנען זיי אויסנוצן, אָבער נישט מער. מיט גרויס פֿאָרזיכטיקייט.

— אויב האַן־קאָו איז געווען בלויז אַ בלוטנדיקער אָנשטעל... האָט קיִאָ שוין נישט געוואַגט ווייטער צו טראַכטן. „איך מוז מיך זען בײַם אַרויסגאַנג מיט פּאָסאָזן". דאָס איז געווען דער אײנציקער חבר אין האַן־קאָו, צו וועלכן ער האָט געהאַט צוטרוי. „איך מוז מיך זען מיט פּאָסאָזן..."

— ... ווייז דיך נישט פֿאַר מענטשן מיט דערדאָזיקער — וואָס איז דאָ צו רעדן — נאַרישער מינע — האָט וואָלאָגין געזאָגט. — מענטשן מיינען, אַז האַן־קאָו איז קאָמוניסטיש, גלײַכער אַזוי. דאָס פֿאַרשאַפֿט כּבֿוד אונזער פּראָפּאַגאַנדע. אָבער פֿון דעם איז נאָך נישט געדרונגען, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי.

— וואָס פֿאַר אַן אינסטרוקציעס האָבן מיר אַצינד?

— צו פֿאַרשטאַרקן דעם קאָמוניסטישן קערן פֿון דער אײַזערנער אַרמיי. מיר קאָנען בלויז פֿאַרגרעסערן דאָס געוויכט אויף אונזער שאָל. מיר אַליין שטעלן מיט זיך נישט פֿאָר קיין כּוח. די גענעראַלן, וואָס קעמפֿן צוזאַמען מיט אונז, האַסן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און די קאָמוניסטן פּונקט אַזוי ווי טשאַן־קײ־שעק. איך ווייס דאָס, איז זע דאָס, אגב, יעדן טאָג... יעדער קאָמוניסטישער לאָזונג וועט געווענדט ווערן קעגן אונז, „זיכער זיי שטויסן צו פֿאַרייניקן זיך מיט טשאַנגען. די אײנציקע זאַך, וואָס מיר קאָנען טון, איז — אַראָפּצוּוואַרפֿן טשאַנגען מיט דער הילף פֿון די גענעראַלן. דערנאָך, אויב ס'וועט נייטיק זיין, פֿענג־יו־סיאַנגען. ווי מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן די גענעראַלן, וועלכע מיר האָבן ביז אַצינד באַקעמפֿט, באַנוצנדיק זיך מיט טשאַנגען. וואָרים מיר וועלן מיט פּראָפּאַגאַנדע

געווינען פּונקט אַזוי פיל אָנהענגער, ווי זיי מיט זיך. מיר זאַמלען כּוחות צוזאַמען מיט זיי. דעריבער איז די גלייכסטע זאַך אָפּצוּוואַרטן. סוף-כּל-סוף קאָן דאָך די רעוואָלוציע נישט בלייבן אין אַ דעמאָקראַטישער פאָרם, זי מוז, לויט איר נאַטור, איבערגיין אין אַ סאָציאַליסטישער. מען מוז זי לאָזן פריי זיך אַנטוויקלען. עס גייט קודם-כּל אין דעם, מען זאָל זי ברענגען אויף דער וועלט און נישט מפּילן מיט איר.

— יאָ. אָבער דער מאַרקסיזם נעמט אַרום אי די געשיכטלעכע נויטווענדיקייט, אי די אָנשטרענגונג פון ווילן. אַ געשיכטלעכע נויטווענדיקייט, וואָס יאָגט איבער דעם ווילן, זעט מיר אויס פאַרדעכטיק.

— אַן אמתער קאָמוניסטישער לאָזונג וואָלט אַרויסגערופן היינט, שוין אַצינד, אַ בלאָק פון אַלע גענעראַלן קעגן אונז: 200.000 מאַן קעגן 20.000. דעריבער מוזט איר אין שאַנכיי ווי ס׳איז דורכקומען מיט טשאַן-קיי-שעקן. אויב ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, גיט אַוועק דאָס געווער.

— אויף אַזאַ אופן האָט מען דאָך לגמרי נישט געדאַרפט פּרוּוון מאַכן די אָקטאָבער-רעוואָלוציע. וויפיל איז געווען באָלשעוויקעס?

— דער לאָזונג פון „שלום" האָט צוגעצויגן צו אונז די מאַסן.

— עס זענען דאָ אויך אַנדערע לאָזונגען.

— פּריצייטיקע. אייגנטלעך, וואָסערע?

— תּיכּף איינגאַנצן אָפּשאַפן די שטייערן און רענטע-חובות. אַ פּויערן-רעוואָלוציע אָן דריידלעך, אָן הינטער-וועגן.

די זעקס-טאָגיקע נסיעה איבערן טייך קעגן שטראָם האָט באַפעסטיקט קיאָ אין זיין איבערצייגונג: אַז אין די אַלע ליימענע שטעטלעך, וואָס זיצן דאָ לענגאויס דעם טייך שוין זינט יאָרהונדערטער, וואָלט די אָרימקייט געגאַנגען מיטן זעלבן חשק מיטן פּויער ווי מיטן אַרבעטער.

— דער פּויער גייט תּמיד מיט עמעצן — האָט וואָלאָגין געזאָגט. — אָדער מיטן אַרבעטער, אָדער מיט דער בורזשואַזיע. אָבער תּמיד פון הינטן.

— ניין. אַ פֿויערים־באַוועגונג דערציט בלויז קיינמאָל נישט ביז צו דער שטאָט; אויף אייגענער האַנט וועט דאָס פֿויערטום קיין גרויסע זאַכן נישט באַשאַפֿן, דאָס איז אַ באַקאַנטע זאַך. אָבער איך זאָג נישט, אַז מען דאַרף אָפּטיילן די באַוועגונג פֿון פּראָלעטאַריאַט: אָפּשאַפֿן די רענטע־חובות — דאָס איז בלויז אַ קאַמפּס־לאָזונג, דער איינציקער, וועלכער קאָן מאָביליזירן דאָס פֿויערטום.

— דערנאָך די צעטיילונג פֿון דער ערד — האָט וואָלאָגין צוגעגעבן.

— קאָנקרעטער: אַ גרויסע טייל פֿון פֿויערטום אַרבעט אויף דער אייגענער ערד פֿאַר די פֿאַכטערס. אַלע ווייסן דאָס. איינציייטיק דאַרף מען אין שאַנכיי וואָס שנעלער ווערבירן אַ מיליץ פֿון די אַרבעטער־פֿאַריינען. אין קיין פֿאַל נישט דערלאָזן זי אַנטוואָפֿענען. באַשאַפֿן פֿון איר אונזער קראַפֿט קעגן טשאַן־קיי־שעקן.

— מיטן מאָמענט ווען אַזאַ לאָזונג וועט באַקאַנט ווערן, וועלן זיי אונז פֿאַרניכטן.

— זיי וועלן אונז סײַווי פֿאַרניכטן. די קאָמוניסטישע לאָזונגען וועלן זיך דורכברעכן אַ וועג, ווען מיר וועלן שוין אפֿילו נישט זײַן. ס'וועלן געניג זײַן עטלעכע רעדעס, דער פֿויער זאָל וועלן די ערד, ס'וועלן אָבער נישט גענוג זײַן קיין רעדעס, ער זאָל זי אויפֿהערן צו וועלן. מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה: אָדער מיר מוזן מסכּים זײַן צו באַטייליקן זיך אין די רעפּרעסיעס צוזאַמען מיט טשאַנגס מיליטער, — דאָס געפֿעלט דיר עפּעס גוט? — קאָמפּראָמיטירן זיך אויף אייביק, אָדער זיי וועלן אונז מוזן פֿאַרניכטן, צי זיי וועלן דאָס יאָ אָדער נישט וועלן.

— אַלע אין מאָסקווע זענען מסכּים, אַז מען וועט סוף־כּל־סוף מוזן איבעררײַסן. אָבער נישט אַזוי פּריצייטיק.

— אויב מען דאַרף פֿירן אַ שפּיל, גיט־זשע נישט אַרויס דאָס געווער. וואָרים איר וועט אַרויסגעבן די חברים.

— אויב זיי וועלן האָרכן די באַפעלן, וועט טשאַנג זיי נישט טשעפּען.

— צי זיי וועלן יאָ האָרכן צי נישט, וועט אַרויסקומען דאָס אייגענע. דער קאָמיטעט, קאַטאָוו און איך האָבן אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער־גוואַרדיע. אויב איר אַליין וועט זי וועלן פונאַנדערלאָזן וועט דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט דאָס אָננעמען פאַר אַ פאַראַט.

— דערלויבט־זשע זי צו אַנטוואָפענען.

— די אַרבעטער־פאַריינען אָרגאַניזירן זיך אַליין אין אַלע פאַבריק־קוואַרטאַלן. וועט איר זיי דאָס פאַרביטן אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַל?

וואָלאָגין איז געשטאַנען אויסגעדרייט צום פענסטער. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט: דער גוידער האָט זיך אים געטאָפּלט. די נאַכט איז צוגעפאַלן, דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן בלייכע שטערן.

— איבעררייסן, דאָס איז אַ זיכערע מפּלה. מאָסקווע וועט נישט מסכּים זיין, מיר זאָלן אַצינד אַרויסטרעטן פון קאָמינטאַנג. און די כינעזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז נאָך מער פאַרן בלאָק, ווי מאָסקווע.

— די שפּיצן פון דער פּאַרטיי, אָבער נישט די מאַסן: די חברים וועלן נישט אַרויסגעבן דאָס גאַנצע געווער אפילו אויף אייער באַפעל. איר ברענגט אונז פאַר אַ קרבן, נישט איינשטילנדיק טשאַן־קיי־שעקן. באָראָדין קאָן דאָס דרייסט זאָגן מאָסקווע.

— מאָסקווע ווייסט: דער באַפעל וועגן אַרויסגעבן דאָס געווער איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אייערנעכטן.

קיאָ, אַ פּאַרטייבטער, האָט פאַרלוירן אויף עטלעכע מינוט דאָס לשון:

— און די סעקציעס האָבן אַרויסגעגעבן?

— קוים אַ העלפט...

אייערנעכטן, אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט נאָכגעטראַכט, אָדער געשלאָפן אויפן דאַמפער... ער האָט געוואוסט אַזוי גוט, ווי וואָלאָגין, אַז מאָסקווע וועט נישט אָפּטרעטן

פון איר ליניע. אומגעריכט האָט טשענס פּראָיעקט אָנגענומען פאַר אים אַ געווויסע וויכטיקייט:

— נאָך איין ענין — אפשר דער זעלבער: טשען־טאַ־איל פון שאַנכײַ וויל אָפּרוימען טשאַן־קײַ־שעקן.

— אַך! אין דעם גייט עס!

— וואָס איז דען?

— ער האָט מיר איבערגעשיקט עטלעכע ווערטער מיט אַ בקשה, אַז ער וויל זיך דורכשמועסן מיט מיר, ווען דו וועסט דאָ זיין.

ער האָט גענומען אַ בריוו פון טיש. קיאָ האָט ביז אַצינד נישט באַמערקט די הענט, ווי ביי אַ גייסטלעכן. „פאַרוואָס האָט ער אים באַלד נישט אַריינגעלאָזט?"

— ... זייער אַ וויכטיקער ענין... — (וואָלאָגין האָט געלייענט דעם בריוו). — אַלע זאָגן זיי: זייער אַ וויכטיקער ענין...

— טשען געפינט זיך דאָ?

— ער האָט דען נישט געדאַרפט קומען? אַלע זענען זיי די זעלבע. כמעט יעדן טאָג בייטן זיי די דעה. איבעריקנס, ער געפינט זיך דאָ ערשט אַ צוויי, דריי שעה: דיין דאַמפער האָט זיך שטאַרק פאַרשפּעטיקט.

ער האָט טעלעפאָנירט נאָך טשענען. ער האָט נישט ליב געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין באַציִאונגען מיט די טעראָריסטן, ער האָט זיי געהאַלטן פאַר באַגרענעצטע בעל־גאווהניקעס, אָן פּאָליטישן חוש.

— נאָך ערגער איז געווען אין לענינגראַד — האָט ער געזאָגט — ווען יודעניטש איז שוין געשטאַנען האַרט הינטער דער שטאָט, און דאָך האָבן מיר זי אַרויסגעדרייט...

אין צימער איז אַריינגעקומען טשען, אויך אין טריקאָט; זיך דורכגעגליטשט פאַרביי קיאָ, אַוועקגעזעצט קעגנאיבער וואָלאָגינען. אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט בלויז דאָס רוישן פון דער דרוקעריי. די נאַכט הינטערן פענסטער, דעם ווערטיקאַל צום ביוראָ־טיש, וואָס האָט אַצינד געהערשט אין איר פולער מאַכט,

האָט אָפּגעגרענעצט די פּראָפילן פון די צוויי מענטשן. טשען איז געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט די עלנבויגנס אויפן ביוראָ־טיש, מיט דער גאָמבע אויף די פויסטן, אַ קאָנצענטרירטער, אַן עקשנותדי־קער. „די העכסטע שפּאַנונג פון אַ מענטש האָט אין זיך עפּעס אוממענטשלעכס, — האָט קיאָ אַ טראַכט געטון, קוקנדיק אויף אים. — צי איז דאָס נישט דערפאַר, וואָס מיר פילן אונזער פאַרבינדנקייט מיט אַנדערע צום לייכטסטן דורך אונזערע שוואַכ־קייטן ?...״ באַפרייט פון ערשטן איינדרוק, האָט ער געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, אפילו פאַר נויטווענדיק, וואָס טשען געפינט זיך דאָ, וואָס ער איז געקומען אַליין באַשטעטיקן (נישט דיסקוטירן, ווייל דאָס האָט קיאָ נישט דערוואַרט) זיין באַשלוס. אויפן צווייטן ראַנד פון דער נאַכט, דער אָנגעפּראָפּטער מיט שטערן, איז געשטאַנען וואָלאָגין מיט די האָר־פּאַסמעס אויפן פנים, די דיקע הענט פאַר־לייגט איבער דער ברוסט, און אויך געוואַרט.

— ער האָט דיר געזאָגט ? — האָט טשען געפרעגט, אָנווייזנ־דיק מיטן קאָפּ אויף קיאָ.

— דו ווייסט דאָך, ווי אַזוי דער אינטערנאַציאָנאַל באַציט זיך צו טעראָר־אַקטן. איך האָב לגמרי נישט בדעה צו רעפערירן פאַר דיר דידאָזיקע טעמע.

— דאָ האַנדלט זיך אין אַן אויסנאַם־פאַל. ב ל ו י ז א י י ן טשאַן־קיי־שעק איז אַזוי פּאָפּולער, אַזוי שטאַרק, אַז ער קאָן אויפ־האַלטן אין אייניקייט די בורזשואַזיע קעגן אונז. איר זענט קעגן דעם אַטענטאַט — יאָ, צי ניין ?

ער איז נאָך אַלץ געזעסן אַזוי אומבאַוועגלעך, מיט די עלנ־בויגנס אויפן ביוראָ־טיש, מיט דער גאָמבע אויף די פויסטן. קיאָ האָט געוואוסט, אַז די דיסקוסיע קאָן נישט האָבן קיין שום איינ־פלוס אויף טשענען, אַז נישט צוליב דעם איז ער אַהערגעקומען. די דעסטרוקטיווע אידעע האָט שוין אַליין באַפעסטיקט אין אים דאָס גלייכגעוויכט.

— דער אינטערנאַציאָנאַל קאָן נישט באַגינסטיקן דעמדאָזיקן

פראָיעקט, — וואָלאָגין האָט דאָס אַרויסגעזאָגט, ווי אַ באַשטימטע זאַך, — אַרויסגייענדיק אפילו פון דיין אייגענעם שטאַנדפונקט... — (טשען האָט זיך צוגעהערט נאָך אַלץ אַן אומבאַוועגלעכער). — איבעריקנס, צי איז דער מאָמענט פּאַסיק פאַר דעם ?

— איר ווילט צוואַרטן ביז טשאַנג וועט פריער אויסמאָרדן אונזערע ?

— ער וועט אַרויסגעבן דעקרעטן, און מיט דעם וועט זיך ענדיקן. פאַרגעס נישט, אַז זיין זון איז אין מאָסקווע. גאַלענס רוסישע אָפיצירן קאָנען נישט פאַרלאָזן זיין שטאַב. מען וועט זיי נעמען אויף טאָרטורן, אויב טשאַנג וועט אומקומען. נישט גאַלען, נישט דער רוסישער שטאַב וועלן מסכים זיין אויף אַן אַטענטאַט...

איז דער ענין, הייסט עס, דיסקוטירט געוואָרן, האָט קיאָ אַ טראַכט געטון. וואָלאָגינס רייד האָבן אים דורכגענומען מיט אַ מאָדנער ניכטערקייט, פאַרדומפּנקייט : ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז וואָלאָגין האָט אַרויסגעוויזן מער קראַפט אפילו דעמאָלט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַרויסגעבן דאָס געווער, איידער אַצינד, ווען ער האָט גערעדט וועגן דער דערמאָרדונג פון טשאַן־קיי־שעקן.

— אויב זיי וועלן גיין אויף טאָרטורן, מילא, וועלן זיי גיין — האָט טשען געזאָגט. — מיך וועט מען אויך נעמען. נישט קיין אומגליק. מיליאָנען כינעזער זענען נאָך ווערט עטלעכע רוסישע אָפיצירן. יאָ. און דעם זון וועט טשאַנג פאַרלאָזן.

— פונוואַנען ווייסטו ?

— און דו פונוואַנען ווייסט ? און איר וועט אפילו נישט וואַגן אים צו דערהרגענען.

— ער טראַכט זיכער ווינציקער וועגן זון, ווי וועגן זיך — האָט קיאָ געזאָגט. — אויב ער וועט אונז נישט צעקוועטשן, וועט ער אַליין אומקומען. אויב ער וועט דאָס פויערטום נישט האַמעווען, וועט ער די אָפיצירן פאַרלירן. דערפאַר האָב איך מורא, אַז ער וועט אָן דעם יינגל פאַרגעסן, פאַרלאָזן אים פאַר אַ ליאַדע צוזאָג פון די אייראָפּעישע קאָנסולן. און דאָס גאַנצע קליינבירגערטום, וואָס דו, וואָלאָגין, ווילסט צוציען, וועט אים נאָכגיין אַ טאָג

נאָך דער אַנטוואָפּענונג פון אונזערע חברים: וועט גיין אַהין, וואו ס'וועט זיין די מאַכט. איך קאָן זיי.

— דאָס איז נישט אַזוי זיכער. און דאָס איז נאָר שאַנכיי.

— אַליין זאָגסטו, אַז איר פגרט פאַר הונגער. אויב נישט שאַנכיי, ווי אַזוי־זשע וועט איר זיך דערנערן? פענג־יו־סיאַנג האַלט אייך אָפּגעשניטן פון מאָנגאָליע; ער וועט פאַראַטן, ווי נאָר מען וועט אונז פאַרניכטן. איר וועט גאָרנישט באַקומען, נישט דורך יאַנג־טסע און נישט פון רוסלאַנד. איר מיינט, אַז די פויערן, וועלכע איר זאָגט צו דעם פּראָגראַם פון קאָמינטאַנג (פינפאונצוואַנציק פּראָצענט רעדוקציע פון די שטייערן, אָן בלאָף, נאָר אָן בלאָף!) וועלן הונגערן, אַבי צו פּראָוויאַנטירן די רויטע אַרמיי? עס איז אייך נאָך ווייניק, וואָס איר געפינט זיך שוין אין די לאַפּעס פון קאָמינטאַנג, פּאַקט איר זיך נאָך אַליין. אַרויסטרעטן אַצינד קעגן טשאַנגען מיט אמתע קאָמוניסטישע לאָזונגען, ביי דער אונטערשטיצונג פון פויערטום און פּראָלעטאַריאַט פון שאַנכיי, דאָס איז נישט קיין הילפלאָזע זאַך: כמעט די גאַנצע ערשטע דיוויזיע איז קאָמוניסטיש, אָנהייבנדיק פון גענעראַל; זי וועט איבערגיין אויף אונזער זייט. און דו האָסט געזאָגט, אַז מיר האָבן געלאָזט ביי זיך אַ העלפט פון געווער. נישט אַרויסטרעטן אַצינד, דאָס הייסט — רויִק וואַרטן ביז מען וועט אונז דערשטיקן.

— און אויף וואָס איז דער קאָמינטאַנג? מיר האָבן אים נישט געשאַפן. ער איז דאָ, דאָס איז אַ פאַקט. און איז דערווייל שטאַרקער פון אונז. מיר קאָנען אים דעראָבערן, ווי ער גייט און שטייט, אַריינפירנדיק אין אים אַלץ מער קאָמוניסטישע עלעמענטן. אַ גרויסע מערהייט מיטגלידער פון קאָמינטאַנג באַשטייט פון עקסטרעמיסטן.

— דו ווייסט נישט ערגער פון מיר, אַז אין די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן די מיטגלידער נישט קיין איינפלוס אויפן אַפּאַראַט פון דער לייטונג.

— מיר וועלן ווייזן, אַז מען קאָן זיך באַנוצן מיטן קאָמינטאַנג און וועלן זיך מיט אים באַנוצן, נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין קיין

שום וויכּוחים. שוין צוויי יאָר באַנוצן מיר זיך כּסדר מיט אים, יעדן חודש, יעדן טאָג.

— בלויז אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿיל איר האָט אָנגענומען זײַנע אויפֿגאַבן; אויף קיין האָר נישט. ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אָנוואַרפֿן אים אײַערע צילן. איר האָט אים געגעבן אַלץ, וואָס נאָר ער האָט געוואָלט: פֿרייוויליקע אָפֿיצירן, געלט, פּראָפּאַגאַנדע. סאָלדאַטן־ראַטן, פּויערן־פֿאַרייִנען, אָ, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש!

— און דאָס אויסשליסן די אַנטיקאָמוניסטישע עלעמענטן?

— טשאַן־קיי־שעק האָט נאָך נישט געהאַט שאַנכײַ אין די הענט.

— אין משך פֿון איין חודש וועלן מיר דערגרייכן דאָס, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון קאָמינטאַנג וועט אים שטעלן אויסערן געזעץ.

— ווען עס וועט שוין זײַן נאָך אונז. די גענעראַלן פֿון צענטראַל־קאָמיטעט גייט ווייניק אָן, צי עס מאָרדעט ווער די קאָמוניסטישע קעמפֿער. דאָס האָבן מיר יאָ דערגרייכט! צי קומט דיר באמת נישט אויפֿן געדאַנק, אַז דאָס פֿאַרקוקן זיך אויף די עקאָנאָמישע היסטאָרישע נויטווענדיקייטן שטערט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין כינע, אפשר אויך מאָסקווע, צו דערזען די עלעמענטאַרע באַדערפֿענישן, וואָס געפֿינען זיך אונטער דער נאָז?

— דאָס איז אָפּאָרטוניזם.

— זאָל זײַן! לויט דיר האָט לענין אויך נישט געדאַרפֿט אָננעמען דעם לאָזונג פֿון פֿונאַנדערטיילן די ערד (אגב האָט דער לאָזונג פֿיגורירט גיכער אין פּראָגראַם פֿון די עס־ערן, איידער פֿון די באָלשעוויקעס, נישט מער — יענע האָבן פֿאַרטאַטשעוועט). דאָס פֿונאַנדערטיילן די ערד שאַפֿט קליין־אייגנטום, האָט ער דאָך געדאַרפֿט גלײַך אײַנפֿירן קאָלעקטיוויזאַציע, נישט פֿונאַנדערטיילן די ערד, תּיכּף שאַפֿן ראַטווירטן. נאָר ווײַל ער האָט געזיגט, פֿאַרשטייט איר אַצינד, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ פֿראַגע פֿון טאַק־

טיק! אונז גייט אויך בלויז אין טאַקטיק! איר פאַרלירט דעם קאָנטראָל איבער די מאַסן...

— דו מיינסט, אַז לענין האָט זיך געהאַלטן ביי איר פון פעברואַר ביז אָקטאָבער?

— ער פלעגט זי פאַרלירן אויף אַ ווײַלע. אָבער איז תּמיד געגאַנגען אין דער ריכטונג פון די מאַסן. אייערע לאָזונגען, איר אַליין גייט קעגן שטראָם. עס האַנדלט זיך נישט אין אויפכאַפּן שטימונגען, נאָר אין צוגעבן דער באַוועגונג אַזאַ ריכטונג, וואָס זאָל ליגן אויפן וועג פון אַנטוויקלונג. כּדי צו ווירקן אויף די מאַסן אויף אַזאַ אופן, ווי איר ווילט דאָס, — מוז מען האָבן מאַכט אין דער האַנט. איר האָט קיין מאַכט נישט.

— דאָס אַליין איז גאָרנישט. נישט אין דעם גייט עס — האָט טשען געזאָגט.

— איר וועט נישט אָפּשטעלן די פויערן־באַוועגונג — האָט קיאָ ווייטער גערעדט. — אַצינד גיבן מיר, קאָמוניסטן, די מאַסן אַזעלכע אינסטרוקציעס, וואָס האָבן פאַר זיי אַ באַדייטונג פון פּראַט. צי גלייבט איר, אַז זיי וועלן פאַרשטיין אייער לאָזונג פון אָפּוואַרטן?

— ווען איך זאָל אַפילו זיין אַ האַפּן־קולי אין שאַנכיי, וואָלט איך אויך פאַרשטאַנען, אַז סוף־כּל־סוף איז געהאָרכזאַמקייט לגבי דער פּאַרטיי די איינציקע לאָגישע שטעלונג פון אַן קעמפנדיקן קאָמוניסט. און אַז מען דאַרף אַרויסגעבן דאָס גאַנצע געווער.

טשען איז אויפגעשטאַנען.

— נישט אויס געהאָרכזאַמקייט לאָזט זיך אַ מענטש דערהרגענען. און דערהרגעט אַליין. מיטן אויסנאַם פון אַ פּחדן.

וואָלאָגין האָט אַ הייב־געטון מיט די אַקסלען.

— איבעריקנס, קאָן מען נישט טראַקטירן קיין מאָרד אַלס הויפּט־ליניע פון פּאָליטישער טעטיקייט.

טשען איז אַרויסגעגאַנגען.

— איך וועל פאָרלייגן אויף דער ערשטער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט תּיכּף פונאַנדערצוטיילן די ערד — האָט קיאָ

געזאָגט, דערלאַנגענדיק די האַנט וואָלאָגינען, — אָפּצושאַפן די רענטע-חובות.

— דער פאָרשלאַג וועט דורכפאַלן — האָט וואָלאָגין געענטפערט און אַ שמייכל-געטון דאָס ערשטע מאָל אין משך פון דעם גאַנצן שמועס.

דער נידעריקער שאָטן אויפן טראָטואַר האָט געוואַרט. קיאָ האָט זיך פאַרייניקט מיט אים, אַרויסנעמענדיק פריער דעם אַדרעס פון זיין פריינט פּאָסאָז, וועלכער האָט געדינט אַלס לייטער אין פּאָרט.

— הער נאָר... — האָט טשען אָנגעהויבן.

די ערד האָט איבערגעטראָגן דאָס ציטערן פון די מאַשינען אין דער דרוקעריי, רעגולער, קאָנצענטרירט, ווי דאָס ציטערן פון מאָטאָר אויפן דאַמפער; זיי דורכגעדרונגען פון די פיס ביזן קאָפּ. אין דער איינגעשלאָפענער שטאָט האָבן געוואַכט די פענסטער פון דער דעלעגאַציע, אַלע פאַרטרונקען אין ליכט, מיט פאַרביישוועבנדיקע שוואַרצע פיגורן. קיאָ און טשען האָבן זיך געלאָזט גיין. די שאָטנס פאַר זיי — ענלעכע צו זיך: די זעלבע וואוקס, די זעלבע קעלנער אויף די טריקאָטן. קיאָ האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם ציטערן פון די מאַשינען, וואָס האָט דורך דער ערד זיך איבערגעגעבן זיינע מוסקולן, ווי די מאַשינען צו פאַבריצירן דעם אמת וואָלטן ווידער אַריינגעדריקט אין אים וואָלאָגינס ספקות און פאַרזיכערונגען. נאָך פאַרן דערנענטערן זיך צום טייך האָט ער נישט אויפגעהערט צו פילן, ווי קנאַפּ עס זענען זיינע ידיעות, ווי שווער ס'וועט אים זיין צו געפינען אַ יסוד פאַר זיין ווייטערדיקער טעטיקייט, אויב ער וועט נישט מסכים זיין גרינטלעך און פשוט אויסצופירן די אינסטרוקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל איז געגאַנגען מיט אַ טעותדיקן וועג, מען האָט נישט געטאָרט זיך מער שפילן אין אָפּשלעפן. די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט דערגרייכט די מאַסן, ווי אַ פאַרפלייצונג, ווייל זי האָט אָנגערירט זייער גורל. נישט קוקנדיק אויף דער פאַרזיכטיקייט פון מאָסקווע, וועט נישט מעגלעך זיין

זיי צו אָפּצוהאַלטן; טשאַנג ווייסט דאָס, און ער וועט אַצינד מוזן פֿאַרניכטן די קאָמוניסטן. דאָס איז זיכער. אפשר האָט מען געדאַרפֿט אַנדערש פֿירן די רעוואָלוציע; אָבער אַצינד איז שוין צו שפּעט. צי מאָסקווע וועט יאָ וועלן, צי נישט, וועלן די פּויערן צונעמען די ערד, די קאָמוניסטישע אַרבעטער וועלן פֿאָדערן אַן אַנדערן אַרבעטער־רעגולאַמין, די קאָמוניסטישע זעלנער, איידער זיי וועלן גיין זיך שלאָגן, וועלן פֿרעגן, פֿאַר וואָס זיי קעמפֿן. מאָסקווע, די זיך פֿיינדלעכע מערב־מלוכות, אַלע וועלן די נאַכט אין געהיים קאָנען ווערבירן זייערע ליידנשאַפֿטן און סתירות, לעגקען די וועלט לויט אייגענעם ווילן. די רעוואָלוציע האָט איר פּרוכט שוין אויסגעטראָגן: אַצינד מוז זי די פּרוכט ברענגען אויף דער וועלט, אָדער שטאַרבן. די נאַכט האָט אים פֿאַרייניקט מיט טשענען, און אייניצייטיק האָט אים טיף דורכגענומען דאָס געפֿיל פֿון זיין איינזאַמקייט, די שרעק, אַז ער איז נישט מער ווי אַ מענטש, און בלויז מיט זיך אַליין; ער האָט זיך דערמאַנט אָן די כינעזישע מוזולמענער, וועלכע ער פֿלעגט אין ענלעכע נעכט טרעפֿן אויסגעשפּרייט אין דער זון־אויסגעוואַרימטער סטעפּ מיט די לאַווענדע־בלומען, זינגענדיק די לידער, וואָס האָבן דורך יאָרטויזנטער געברויזט אין מענטש מיטן באַוואוסטזיין פֿון ליידן און טויט. נאָכוואָס איז ער געקומען קיין האַן־קאַו? ער האָט געוואָלט איבערגעבן די מענטשן פֿון אינטערנאַציאָנאַל, ווי אַזוי עס זעט אויס די סיטואַציע אין שאַנכיי. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך געהאַלטן ביי זיין באַשלוס אויך אַזוי פֿעסט, ווי ער. ער האָט זיך דאָ באַקענט נישט בלויז מיט וואָלאָגינס אַרגומענטן, נאָר אויך מיטן שווייגן פֿון די פֿאַבריקן, מיט דער פּיין פֿון דער שטאָט, וואָס גוססט אין רום פֿון דער רעוואָלוציע, אָבער גוססט פֿאָרט. עס איז גלייכער דעם מת צו פֿאַרטרויען דער קומענדיקער כוואַליע פֿון דער רעוואָלוציע, איידער אים לפֿנים צו קאָנסערווירן. מסתּמא וועט זיי אַלע אויסקומען צו שטאַרבן, עס זאָל כאָטש נישט זיין אומזיסט. ער איז געוועזן זיכער, אַז אויך טשען טוליעט זיך אַצינד צו אים אין פֿריינטשאַפֿט, וואָס פֿאַרייניקט אַרעסטאַנטן.

— און נישט צו וויסן אויף זיכער... — האָט טשען געזאָגט. — וואָס שייך טשאַן־קיי־שעקן, דעמדאָזיקן מאָרד, ווייס איך. איך מיין אַז דער וואָלאָגין ווייסט אויך; אָבער פאַר אים עקזיסטירט נישט קיין מאָרד, נאָר געהאָרכזאַמקייט. ווער עס לעבט אַזוי, ווי מיר, מוז זיין זיכער. פאַר אים איז אויספירן באַפעלן מסתמא דאָס אייגענע, וואָס פאַר מיר — דערהרגענען. די זעלבע זיכערקייט. עפּעס מוז זיין זיכער. עס מוז.

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן.

— דיר חלומט זיך אָפּט! — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט.

— ניין. אָדער איך געדענק זייער ווייניק.

— מיר חלומט זיך כמעט יעדע נאַכט. אַזאַ חלום איז אויך אַ פאַרווײַלונג. ווען איך הער אויף צו הערשן איבער זיך, זע איך טייל־מאָל אַ שאָטן פון אַ קאַץ אויף דער ערד: דאָס איז שרעקלעכער פון אַלץ, וואָס מען קאָן זען אין דער ווירקלעכקייט. אָבער צום ערגסטן זענען די חלומות.

— פון אַלעם, וואָס מען קאָן זען אין דער ווירקלעכקייט?

— איך מיין, אַז מיין פּנים דריקט נישט אויס קיין שום חרטה־געפילן. די שווערסטע זאַך אין אַ מאָרד — איז נישט דאָס דערהרגענען, נאָר דאָס נישט פאַרלירן זיך... דאָס קאָנען גובר זיין אַלץ, וואָס קומט פאָר אין מענטש אין אַזאַ מאָמענט.

עגמת־נפש? ס׳איז שווער געווען צו משפּטן לויטן קול, און זיין פּנים האָט קיין נישט געזען. אין דער ליידיקער גאַס האָט מיט אַ האַסטיקן ווינט זיך דורכגעטראָגן אַ געדעמפּט, ווייט גע־רויש פון אַן אויטאָ, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ נאַכטיקן אַראָמאַט פון קאַמפער־קרייטעכצער און ריח פון סעדער.

— ... ווען עס וואָלט נאָר געווען בלויז דאָס... ניין. ער־גערס. שלאַנגען.

ער האָט איבערגעחזרט:

— שלאַנגען... דער עיקר עקדישן. און זיי קומען כסדר אויפן רעיון.

נישט געקוקט אויף דער רחבותדיקייט פון דער נאַכט, האָט קיאָ זיך דערפילט לעבן אים, ווי אין אַן ענג צימערל.

— צי געדויערט דאָס שוין אַזוי לאַנג ?

— ווי לאַנג איך קאָן נאָר געדענקען. פון אַן געוויסער צייט אָן געשעט דאָס זעלטענער. און כסדר קומען מיר אויפן רעיון... נאָר די שלאַנגען. איך באַצי מיך דורכויס מיט ווידערווילן צו זכרונות. זיי גייען מיך גאָרנישט אָן : איך קוק נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט, מיין לעבן איז אין דער צוקונפט.

אַ שווייגן.

... „פאַר איין זאַך האָב איך מורא — איך האָב מורא איינ־צושלאָפן. און שלאָף איין יעדן טאָג.

עס האָט געקלונגען צען אַ זייגער. עפּעס מענטשן האָבן אין דער פינסטערניש גערעדט מיט פישטשענדיקע שטימען אויף כינעזיש.

... „נאָר משוגע צו ווערן. די עקדישן, בייטאָג און ביינאַכט, דאָס גאַנצע לעבן ... און קיינער דערהרגעט זיך אַפּנים נישט אין משוגעת... קיינמאָל נישט.

— אַ מאָרד ענדערט די חלומות ?

— דאַכט זיך, אַז נישט. איך וועל דיר זאָגן דערנאָך... נאָך טשאַנגען.

קיאָ האָט זיך געזאָגט איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ער לייגט זיין לעבן אויף דער וואָגשאָל, ער האָט אויך כסדר פאַרברענגט צווישן מענטשן, צוגעוואוינטע צו דער סכנה פון טויט : די דרייסטקייט האָט אים אויפגעהערט צו וואונדערן. אָבער דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך צונויפגע־טראָפן מיט אַ מענטש, וואָס קוקט אויפן טויט, ווי אויף אַן אידעאַל ; דערדאָזיקער מענטש האָט גערעדט אין דער פינסטער־ניש מיט אַ צעשטרייט קול — ווי אויפגערעגט פון די זעלבע פאָטענצן פון דער נאַכט, וואָס האָבן אויך אים אָנגעפולט

מיט אומרו, דורכגעטומען פון נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער נאַכט, אונטער דער מעכטיקער לאַסט פון פחד, שטילקייט און אויסגעשעפּטקייט... אַצינד האָט אין דעם קול זיך דערהערט אַן אַנדערער טאָן.

— טראַכסט וועגן דעם... מיט אומרו?

— ניין. מיט...

ער האָט זיך אַ קווענקל־געטון:

„איך זוך אַ וואָרט אַ שטאַרקערס פון פרייד. עס איז נישטאָ אַזאַ וואָרט. אפילו אין כינעזיש. אַ מין... פולשטענדיקע טרייסט. אַ מין... ווי רופט איר דאָס? — איך ווייס נישט. אין דעם איז דאָ עפּעס נאָך טיפערס. אַזוינס, וואָס איז ווייטער פון מענטש, און נענטער... דו האָסט שוין געפּרוווט רייכערן אָפּיום?

— קיינמאָל נישט.

— וועל איך דיר נישט קאָנען אויסמשלען. נענטערס פון דעם, וואָס איר רופט אָן... עקסטאַז. יאָ. אָבער געדיכטערס. טיפערס. און נישט קיין לופטיקס. עקסטאַז אין דער טיף. אין דער נידער.

— און ס'איז דאָ עפּעס אַ פאָרשטעלונג, וואָס רופט אַרויס דעם מצב.

— יאָ: מיין אייגענער טויט.

פסדר דאָס צעשטרייטע קול. „ער וועט זיך דערשיסן", האָט קיאָ אַ טראַכט־געטון. ער האָט געוואוסט, ער האָט דאָס געהערט פון פאָטער, אַז דער, וואָס זוכט ליידנשאַפטלעך דעם אַבסאָלוט, געפינט אים נאָר אין דער האַרבער עמפּינדונג פון זיינע חושים. הונגער פון אַבסאָלוט, הונגער פון אומשטערבלעכקייט — פון דאַנען שטאַמט די מורא פאַרן טויט: טשען איז זיכער געווען אַ פּחדן: אָבער ער האָט געפילט ווי יעדער מיסטיקער, אַז ער קאָן פאַני־גען זיין אַבסאָלוט בלויז אויף איין אויגנבליק. דערפון האָט זיך דערנומען זיין עקל צו אַלץ, וואָס איז נישט געווען אָפּהענגיק פון דער קורצער ווילע, וועלכע וואָלט אים געקאָנט פאַרייניקן מיט זיך אַליין און שאַפן די שווינדלדיקע פאָרשטעלונג פון פולקאָמענהייט. דאָס

מענטשלעכע געשטאַלט, וועלכעס קיאָ האָט אפילו נישט געזען, האָט געשטראַלט מיט אַ בלינדער קראַפט, שטאַרקער פון אייגענעם קוואַל, אומפאַרמיקע פליאַזמע — שטאָף פון אייגענעם פאַטאַליזם. דערדאָזיקער קאַמפּס־חבר און פריינט, וואָס האָט אַצינד אין שטילשווייגן נאָכגעטראַכט וועגן זיינע שוידערלעכע וויזיעס, האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ וואַנזיניקן, אָבער אויך פון אַ מיסיאָנער, — וויפיל־זשע אוממענטשלעכע סימנים זענען דאָס געווען. אפשר האָט ער געוואָלט בלויז זערפאַר אָפּרוימען טשאַן־קיי־שעקן, כּדי אָפּצורוימען זיך אַליין. זוכנדיק אין דער פינסטערניש דאָס שטרענגע פּנים מיט די דיקע ערלעכע ליפּן, האָט קיאָ געפילט, ווי אויך אין אים אַליין וועקט זיך עפּעס אַ בראשיתדיקער אומרו, דער זעלבער אומרו, וואָס האָט איבערגעגעבן טשענען צו די עקדישן און דעם טויט.

— מיין טאַטע איז אין דער מיינונג, — האָט קיאָ פּאַמעלעך געזאָגט, — אַז טיף אין יעדן מענטש איז באַהאַלטן אַ פּחד, די עמפּינדונג פון אייגענעם פאַטאַליזם, פון דאַנען שטאַמען אַלע אומרויִקייטן און די שרעק פאַרן טויט... בלויז דער אָפּיום באַפרייט דעם מענטש, און דאָס איז דער זין פון נאַרקאָטיק.

— דער מענטש וועט תמיד געפינען אין זיך דאָס געפיל פון פּחד. עס איז גענוג בלויז טיפער אַ זוך צו טון: צום גליק איז דאָ עפּעס דורכצופירן; מיר איז אַלץ איינס, צי מאָסקווע אַפּראָבירט; אויב נישט, — וועט זיין צום פּשוטסטן וועגן דעם גאָרנישט צו וויסן. איך פאָר אַוועק. דו גלייבסט?

— איך וויל מיך קודם־כּל זען מיט פּאָסאָזן. דו קאָנסט נישט אַרויספאָרן: האָסט נישט קיין וויזע.

— איך פאָר אַרויס. אומבאַדינגט.

— ווי אַזוי־זשע?

— איך ווייס נישט. אָבער איך פאָר אַרויס. ווי איך האָב געמוזט דערהרגענען טאַנג־יען־טאַ, אַזוי מוז איך אויך אַרויספאָרן. איך וועל זיכער אַרויספאָרן.

ווירקלעך, קיאָ האָט געפילט, אַז טשענס ווילן האָט געשפּילט

נישט קיין גרויסע ראָלע אין די געשעענישן פון זיין לעבן. אויב עס האָט ערגעץ־וואו עקזיסטירט פאַטום, איז עס געווען דאָ, אין דערדאָזיקער נאַכט, ביי זיין זייט.

— דו האָלטסט פאַר נויטווענדיק, אַז גראָד דו זאָלסט אָרגאַ־ניזירן דעם אַטענטאַט אויף טשאַנגען.

— ניין... אָבער איך וואָלט געוואָלט, אַז נישט עמעצער אַנדערש.

— דו וואָלסט נישט געהאַט קיין צוטרוי?

— איך פאַרטראָג נישט, ווען אַנדערע נעמען צו די פרויען, וועלכע איך האָב ליב.

ביי די ווערטער האָט ווידער אויפגעטויכט דער צער, אָן וועלכן קיאָ האָט שוין געהאַט פאַרגעסן: עס האָט אים פלוצלינג אָפגעשטויסן פון טשענען. זיי זענען צוגעקומען צום טייך. טשען האָט איבערגעשניטן דעם שטריק פון אַ צוגעבונדן שיפל און אַוועקגעשוואומען. קיאָ האָט אים פאַרלוירן פון בליק, אָבער נאָך געהערט דאָס פליעסקען פון די רודערס, וואָס האָט אין רעגולערע הפסקות זיך פאַראייניקט מיטן גערויש פון די כוואַליעס, צעקלאַפּטע אָן משופּעדיקן ברעג. ער האָט געקענט די טעראָריסטן. זיי שטעלן זיך נישט קיין שום פראַגן. געהערן צו דער גרופּע: מערדערישע אינזעקטן. נערן זיך מיט דער אייגענער פלאָג אין ענגער טראַגי־שער בשותּפותדיקייט. אָבער טשען... טראַכטנדיק פסדר, נישט ענ־דערנדיק דעם טריט, האָט קיאָ זיך דערנענטערט צו דער דירעק־ציע פון פּאָרט. „מען וועט פאַרהאַלטן זיין דאַמפער ביים אָפגיין"... ער איז צוגעקומען צו גרויסע בנינים, אַרומגעשטעלטע מיט זעל־נער. זיי האָבן אויסגעזען פּוסט אין פאַרגלייך מיט דער ווילע פון אינטערנאַציאָנאַל. אין די קאָרידאָרן זענען געשלאָפן זעלנער, טייל האָבן געשפּילט אין איינאונצוואָנציק. ער האָט אָן שוועריקייטן געפונען זיין פריינט. פּאָסאָז האָט געהאַט אַ קיילעכיקן קאָפּ, ווי אַן עפּעלע, אַ רויט פּנים פון אַ גערטנער, העלע וואָנסעס; ער איז געווען אָנגעטון אין אַ ציווילן אָנצוג פון האַקי־קאָליר. דער שוויי־צער, אַן אַלטער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט פון Chaux-de-fonds, איז

נאָך דער מלחמה אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און איבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס. קיאָ האָט אים געקענט פון פּעקין, געהאַט צו אים צוטרוי. פּאָסאָז האָט געדריקט זיין האַנט אָן פאַרוואונדערונג : אין האַנ־קאו האָט קיין שום געקומענער זיך נישט אונטערגעשיידט פון אַ געוויינלעכן אינטערעסאַנט.

— מען האָט געבּרענגט די טרעגערס — האָט געזאָגט אַ זעלנער.

— זאָלן זיי אַריינגיין.

דער זעלנער איז פאַרשוואונדן. פּאָסאָז האָט זיך געווענדט צו קיאָ :

— ווי דו זעסט, ליבער, האָב איך דאָ גאָרנישט וואָס צו טון. לויט די פּאָרזעונגען האָבן געדאַרפט זיין דרייהונדערט דאַמפּערס ; עס איז נישטאָ אַפילו קיין צען...

הינטער די אָפענע פענסטער איז געשלאָפן דער פּאָרט : קיין רוף פון אַ סירענע, גאָרנישט, בלויז דאָס אומאויפהערלעכע קלאַפּן פון וואַסער אָן הויכן ברעג און אָן די כוואַליע־באַריערן. אַ פּאַס ווייסע ליכטיקייט האָט זיך דורכגערוקט איבער דער וואַנט פון הויז : די רעפלעקטאָרן פון די ווייטע קאַנאָנען־שיפלעך האָבן מיט ליכטיקייט, ווי מיט אַ בעזים, גערייניקט דעם שטח פון טייך. אַ סקריפּע פון טריט.

פּאָסאָז האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער פון פּוטלאַר, אים אַרויפגעלייגט אויפן ביוראָ־טיש.

— זיי האָבן זיך געוואָרפן אויף דער רויטער גוואַרדיע מיט אייזערנער שטאַנגען — האָט קיאָ געזאָגט.

— די רויטע גוואַרדיע האָט דאָך געווער.

— די סכנה באַשטייט נישט אין דעם, וואָס זיי קאָנען בייקומען די גוואַרדיע, נאָר אין דעם, מיין ליבער, וואָס די גוואַרדיע קאָן איבערגיין אויף זייער זייט.

דאָס ליכט פון רעפלעקטאָר האָט זיך ווידער פאַרבייגערוקט, געוואָרפן אויף דער וואַנט ריזיקע שאָטנס, אַנטלאָפן אין דער נאַכט אַריין אין זעלבן מאָמענט, ווען ס׳זענען אַריינגעקומען די טרע־

גערס: פיר, פינף, זעקס, זיבן. אין בלויע אַרבעטער־אָנצוגן, איינער אַנטבלויזט ביזן גאַרטל. האַנט־קייטלעך. די פנימער — פאַרשידע־נע, נישט דייטלעכע אין האַלב־טונקל; אָבער איינס ביי איינס — נישט קיין שלעכטע מוסטערן פון פאַראַכטונג. הינטער זיי צוויי כינעזישע וועכטער מיט רעוואָלווערן ביי דער זייט. די טרעגערס זענען געשטאַנען צונויפגעקלעפּט, ווי בינען אין אַ ראַי. שנאה, אָבער אויך שרעק.

— די רויטע גוואַרדיע, דאָס זענען אַרבעטער — האָט פּאָסאָז געזאָגט אויף כינעזיש.

אַ שווייגן.

— אויב זיי זענען אַ גוואַרדיע, איז פאַר דער רעוואָלוציע, נישט פאַר זיך.

— און פאַרן פּרעס — האָט איינער פון די טרעגער זיך אָנגערופן.

— די גערעכטיקייט הייסט פאַרזאָרגן מיט פּראָוויאַנט די, וואָס קעמפן. וואָס ווילט איר פון זיי, שפּילן מיט זיי אין איינאונ־צוואָנציק?

— זאָל מען אַלע פאַרזאָרגן.

— פאַר אַלע וועט נישט קלעקן. די רעגירונג באַציט זיך מיט איינזען צו פּראָלעטאַריער, ווען אפילו זיי בלאָנדזשען. ווען מען זאָל אומעטום אויסהרגענען די רויטע גוואַרדיע, וואָלטן די גענעראַלן און אויסלענדער ווידער געקומען צו דער מאַכט, ווי פריער, — איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט. וואָס־זשע? איר ווילט דאָס?

— פריער איז געווען צו עסן.

— ניין, — האָט קיאָ געזאָגט, — פריער איז נישט געווען צו עסן. איך ווייס דאָס, איך האָב געאַרבעט אין די דאָקן. אויב שוין יאָ פגרן, איז כאָטש כדי צו ווערן אַ מענטש.

די ווייסלען פון זיינע אויגן, צו וועלכע עס האָט דערגרייכט אַ שטראַל ליכט, האָבן זיך אויסגעברייטערט; זיי האָבן זיך איינ־געקוקט אין דעם פאַרשוין, וואָס האָט אין זיין טריקאָט אויסגעזען

ווי אַ יאַפּאַנער, גערעדט מיטן אַקצענט פֿון די צפֿונדיקע פּראָווינצן און דערקלערט, אַז ער איז געווען אַ קולי.

— צוזאָגן — האָט עמעצער פֿון די טרעגערס אַ ברום געטון.

— יאָ — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן. — מיר האָבן אַ רעכט צו שטרייקן און פֿגרן פֿאַר הונגער. איך האָב אַ ברודער אין דער אַרמיי. פֿאַרוואָס האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיין דיוויזיע די, וואָס האָבן געפֿאָדערט סאָלדאַטן־ראַטן ?

דער טאָן איז געוואָרן שטרענגער.

— איר מיינט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן אין איין טאָג ? — האָט פּאָזאָס געפֿרעגט.

— די רוסן האָבן געטון, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

אַן אומזיסטע דיסקוסיע : עס איז געגאַנגען בלויז אין אויספֿאָרשן, ווי ווייט זיי האַלטן.

— אָנפֿאַלן אויף דער רויטער גוואַרדיע איז אַן אַקט פֿון קאָנטררעוואָלוציע, וואָס פֿאַרדינט טויט־שטראָף. איר ווייסט דאָס.

פּויזע.

— אויב מען וועט אייך אַרויסלאָזן אויף דער פֿריי — וואָס וועט איר דעמאָלט טון ?

זיי האָבן זיך דורגעקוקט ; אין האַלב־טונקל האָט מען נישט געזען דעם אויסדרוק פֿון זייערע פּנימער. קיאָ האָט געפֿילט, אַז נישט געקוקט אויף די רעוואָלווערן, נישט געקוקט אויף די קייטלעך, שאַפֿט זיך אַ שטימונג פֿון אַ כינעזישן מאַרק, אויף וועלכן ער האָט זיך אַזוי אָפֿט אָנגעשטויסן אין משך פֿון דער רעוואָלוציע.

— און מען וועט געבן אַרבעט ?

— ווען עס וועט זיין.

— נו, איז ד ע ר ו ו י י ל, פֿל־זמן די רויטע גוואַרדיע רייסט אונז אַרויס פֿון מויל, וועלן מיר אָנפֿאַלן אויף דער רויטער גוואַרדיע. איך האָב נישט געגעסן שוין דריי טעג. גאָרנישט געגעסן.

— צי איז דאָס אמת, אַז אין תפיסה גיט מען עסן? — האָט געפרעגט איינער פון די, וואָס האָבן ביז אַצינד זיך נישט אָנגערופן.

— וועסט אַליין זיך איבערצייגן.

פּאָסאָז האָט אָנגעקלונגען, שוין גאָרנישט צוגעבנדיק, און די מיליציאַנטן האָבן אַרויסגעפירט די אַרעסטאַנטן.

— דאָס דערפירט מיך ביז משוגעת — האָט ער דאָס מאָל אָנגעהויבן אויף פראַנצויזיש. — זיי ריכטן זיך, אַז מען וועט זיי אין תפיסה שטאָפּן ווי חזירים.

— פאַרוואָס האָסטו זיי שטאַרקער נישט געפּרוווט געוויינען, אויב דו האָסט דיר שוין געהייסן ברענגען דידאָזיקע מענטשן?

פּאָסאָז האָט מרה־שחורהדיק אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

— מיין ליבער! איך האָב זיי געהייסן ברענגען, ווייל איך רעד מיר אַלץ איין, אַז איך וועל דערהערן פון זיי עפּעס אַנדערש. עס זענען דאָך דאָ אויך אַזעלכע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן צו פופצן, זעכצן שעה אין מעת־לעת און ווילן דערפאַר גאָרנישט, און וועלן אַרבעטן כּל־זמן עס וועט זיין נישט ווי־ס'איז אַלץ איינגאָרדענען...

פּאָסאָז האָט אַ שמייכל־געטון, און אונטער דער קרומער ליניע פון זיינע וואָנסעס האָבן אין טונקעלן ליכט פון לאָמפּ זיך צעפינקלט זיינע ציין, ווי פריער די אויגן פון די טרעגערס.

— וואונדערלעך, ווי ס'איז דיר געלונגען אַזוי אָפּצוהיטן די ציין. צו דעם איז גורם דאָס לעבן אין דאָרף.

— ניין, מיין ליבער, לגמרי נישט: איך האָב מיר געלאָזט אַריינמאַכן אַן אַפּאַראַט אין שאַנג־האַ. די דענטיסטן האָבן זיך נישט וואָס צו קלאָגן אויף דער רעוואָלוציע. און דו? ביסט אַ דעלעגאַט? וואָס טוסטו דאָ?

קיאָ האָט אים דערציילט, נישט דערמאַנענדיק אָן טשענען. פּאָזאָס האָט אים אויסגעהערט און אַלץ אומרויִקער געוואָרן.

— אפשר, מיין ליבער, אפשר. ביסטו מיר נאָך מער אַ שאָד. איך האָב געאַרבעט ביי זייגערלעך פופצן יאָר: איך ווייס וואָס

עס זענען אַזוינס צײַן-רעדלעך. װער עס האָט נישט קײן צוטרוי צום אינטערנאַציאָנאַל, דאַרף נישט געהערן צו דער פּאַרטײ.

— אַ העלפֿט מיטגלידער פֿון אינטערנאַציאָנאַל זענען אין דער מײנונג, אַז מיר דאַרפֿן שאַפֿן ראַטן.

— מיר האָבן אַ גענעראַל-ליניע, דאַרף מען זיך האַלטן אָן איר.

— און אַרויסגעבן דאָס געװער! אַזאַ ליניע, װאָס דערפֿירט אונדז צו שיסן אויפֿן פּראָלעטאַריאַט, איז זיכער פֿאַלש. װאו נאָר די פּויערן נעמען צו די ערד, אָרדענען זיך איין די גענעראַלן אַזוי, אַז זיי זאָלן צוציען צו רעפּרעסיעס און קאָמפּראָמיטירן די קאָמוניסטישע אָפּטײלונגען. ענטפֿער: יאָ, צי ניין: דו װאָלסט מסכּים געװען צו שיסן אויף פּויערן?

— עס זענען נישטאָ קײן געניײטע זאַכן, מײן ליבער: איך װאָלט געשאָסן אין דער לופֿט, און אַזוי טוען מסתּמא אויך אונזערע חברים. איך װאָלט בעסער געװאָלט, עס זאָל נישט קומען צו דעם. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר.

— פֿאַרשטײ, אַלטער: דאָס איז פּונקט אַזוי װי מען װאָלט דיך גענומען אין ציל, און דו טראַכסט דערװײל אַרײן, צי קוילן זענען געפֿערלעך... טשאַן-קײ-שעק, װען ער זאָל אפֿילו נישט װעלן, מוז ער אונדז אויך צערײבן. דאָס זעלבע דערנאָך די אָרטיקע גענעראַלן, אונזערע „פֿאַרבינדעטע“! און זיי װעלן האַנדלען לאָגיש. מיר װעלן זיך לאָזן אַלע צערײבן, און נישט ראַטעװען אפֿילו די ערע פֿון דער פּאַרטײ. װאו דערהאַלטן מיר דידאָזיקע ערע? אין איין שאַנדהויז מיט אַ קופּע גענעראַלן...

— װען איטלעכער זאָל האַנדלען לויט אייגענעם װילן, װאָלט זיך אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. װעט דער אינטערנאַציאָנאַל דערגרייכן זיינס, װעלן אַלע שרייען: בראַװאָ, און מיט רעכט. װעלן מיר אָבער אים אָנהייבן שיסן אין די פּיענטעס, װעט ער זיכער פֿאַרשפּילן, און דער עיקר איז דאָך, ער זאָל געװינען... צי האָט מען געהייסן קאָמוניסטן שיסן אויף פּויערן, איך װייס בלויז, אַז מען שמועסט אַזוי; ביסטו זיכער אין דער זיכערקייט?

מיט די אייגענע אויגן האָסטו דאָס נישט געזען, נאָר עס איז באַקוועמער פאַר דיין טעאָריע צו גלייבן אין דעם, — איך ווייס, אַז דו טוסט דאָס נישט בכיוון, אָבער עס איז דיר פּאָרט באַקוועמער...

— עס איז גענוג, אַז מען שמועסט וועגן דעם צווישן אונז. אַצינד איז נישט קיין צייט אויף איינצואָרדענען אַ זעקסוואָכעדיקע אַנקעטע.

צוואָס דיסקוטירן? מען האָט געדאַרפט איבערצייגן נישט פּאַזאָסן, נאָר יענע אין שאַנכיי; און יענע האָבן משמעות זיך שוין אַליין איבערצייגט, פּונקט ווי ער נאָכן באַזוך אין האַן-קאַו, נאָך דער סצענע מיט די טרעגערס. ער האָט געוואָלט בלויז איין זאַך — אַרויספאָרן.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ כינעזישער אונטעראָפיציר מיט ברייטע פּנים-שטריכן, לייכט אָנגעבויגן, ווי אַ פיגור פון העלפאַנט-ביין אין אַ פּאָזע פון אויסגעבויגענעם פאַרטיידיקונגס-קאַמף.

— מען האָט געכאַפּט אַ מענטש, וואָס האָט געוואָלט אין געהיים אַוועקגעפאָרן.

ביי קיאָ האָט זיך פאַרהאַקט דער אָטעם אין דער ברוסט.

— ער זאָגט, אַז ער האָט באַקומען פון אונז אַ דערלויבעניש. עפּעס אַ סוחר.

קיאָ האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

— איך האָב קיין שום דערלויבעניש נישט אַרויסגעגעבן — האָט פּאָסאָז געזאָגט. — דאָס געהערט נישט צו מיר. זאָל מען אים אָפּשיקן צו דער פּאָליציי.

די פאַרהאַלטענע רייכע מענטשן פלעגן זיך פאַררופן אויף באַאַמטע: זיי האָבן אָפט זיך געווענדט צו פּאָסאָזן, אים צוגעזאָגט געלט. עס איז דאָך שכלדיקער געווען צו פּרוּוון, איידער רויק גיין הינטער דער מויער.

— וואַרט נאָר צו?

פּאָסאָז האָט אַ זוך-געטון עפּעס אַ ליסטע, ברומענדיק אַרויסגעלייענט נעמען.

— אין אָרדענונג. ער געפינט זיך דאָ. ער איז געמאָלדן. זאָל אים די פּאָליציי צורו־לאָזן.

דער אונטעראָפיציר איז אַרויסגעגאַנגען. די ליסטע, אַן אַרויס־געריסן בלעטל פון אַ העפט, איז געלעגן אויף דער טעקע. קיִאָ האָט נאָך אַלץ געטראַכט וועגן טשענען.

— דאָס איז די ליסטע פון די געמאָלדענע פּערזאָנען — האָט פּאָסאָז אויסגעטייטשט, זעענדיק ווי קיִאָ האָט איינגעגראָבן דעם בליק אין דעם זייטל. — די לעצטע זענען געמאָלדן געוואָרן טעלעפאָניש האַרט פאַרן אַרויספאָרן...

— איך מעג באַקוקן ?

פּאָסאָז האָט אים דערלאַנגט די ליסטע : פירצען נעמען. טשען איז נישט געמאָלדן געווען. עס איז שווער געווען צו גלייבן, אַז וואָלאָגין זאָל זיך נישט געווען משער זיין, אַז טשען וועט זיך באַמיען וואָס שנעלער אַרויסצופאָרן פון האַנ־קאו : כאָטש צוליב פאָרזיכטיקייט, אויף יעדן פאַל, האָט מען געדאַרפט מעלדן וועגן דער מעגלעכקייט פון זיין אַרויספאָרן. דער אינטערנאַ־ציאָנאַל וויל נישט נעמען אויף זיך די אחריות פאַרן דערהרגענען טשאַנ־קיי־שעקן, האָט קיִאָ אַ טראַכט־געטון ; אָבער ער וועט אויך נישט זיין פאַרצווייפלט, אויב דאָס אומגליק וועט געשען... צי נישט דערפאַר איז וואָלאָגינס ענטפער געווען אַזוי נעפלהאַפט ?..."
ער האָט צוריקגעגעבן די ליסטע.

טשען האָט געזאָגט : „איך פאָר אַרויס". עס איז נישט שווער געווען אויסצוטייטשן דאָס אַרויספאָרן ; דאָס אויסטייטשן איז נישט גענוגנדיק געווען. טשענס אומגעריכטע קומען, וואָלאָגינס צווייּדייטיק רעדן, די ליסטע, דאָס אַלץ האָט קיִאָ פאַרשטאַנען ; אָבער טשענען האָט זיין יעדע באַוועגונג ווידער דערנענטערט צו מאָרד ; עס האָט זיך געדאַכט, אַז די געשעענישן אַליין טרייבן אים צו דער־דאָזיקער באַשטימונג. די נאַכט־פלעדערלעך האָבן זיך אָנגעקלאַפּט אָן גלאָז פון לאָמפּ. „אפשר איז אויך טשען אַזאַ נאַכט־פלעדערל, נאָר ער טיילט אויס דאָס ליכט פון אייגענעם קערפּער, דאָס ליכט, אין וועלכן ער וועט אומקומען... אפשר איז עס יעדער מענטש"...

צי זעט ווער זיין אייגענעם פאַטאַליזם? צי איז אויך ער נישט ענלעך צו אַ נאַכט-פלעדערל מיט דעם, וואָס ער וויל אַצינד וואָס שנעלער פאָרן קיין שאַנכיי, כדי פאַר יעדן פּרייז אויפצוהאַלטן די באַוואָפנטע סעקציעס. דער אונטעראָפיציר איז ווידער אַריינגעקומען. קיאָ האָט זיך געזעגנט מיט פאָסאָזן.

ער האָט זיך אומגעקערט צו דער נאַכט-שטילקייט. קיין קלאַנג פון אַ סירענע, גאָרנישט, בלויז דאָס געראויש פון וואַסער. לענגאויס דעם משופעדיקן ברעג, אונטער די לאַמטערן, אַרומגערינגלטע מיט מחנות אינזעקטן, זענען שלאָפנדיק געלעגן די קוליס, ווי פאַרדזשומעטע. דאָ און דאָרט — רויטע פלאַקאַטלעך, קיילעכיקע, ווי די רעדלעך פון רינשטאָק, און אויף זיי בלויז צוויי זילבן: הונגער. ווי פריער, ווען ער איז געגאַנגען מיט טשענען, האָט ער אויך אַצינד דערפילט, אַז אין גאַנץ כינע און אויפן מערב אַזש ביז אין דער האַלבער אייראָפּע צווייפלען די נאַכט, געפייניקט פון אומרו, מענטשן, פונקט ווי ער,ביים אויסוואַל צווישן דיסציפּלין און דער אויסראָטונג פון זייערע ברידער. די טרעגערס, וואָס האָבן זיך אָקעגנגעשטעלט, האָבן נישט פאַרשטאַנען. אָבער ווען זיי וואָלטן אפילו יאָ פאַרשטאַנען, — ווי אַזוי איז מעגלעך אַרויסצוקריגן אַ קרבן דאָ, אין דער שטאָט, פון וועלכער אייראָפּע דערוואַרט דאָס אַנטשיידן דעם גורל פון פירהונדערט מיליאָן מענטשן און אפשר אויך פון איר אייגענער צוקונפט, אָבער וועלכע שלאָפט ביים ברעג פון טייך מיטן אומרויִקן שלאָף פון הונגער, — אַרויסקריגן פון מאַכטלאָזיקייט, פון נויט, פון פאַראַכטונג?

פ י ר ט ע ט י י ל

11 אַ פ ר י ל

האַלב איינס בייטאָג.

אין כּמעט ליידיקן באַר־זאַל פֿון נישט גרויסן האָטעל Grosvenor — פּאָלירט נוסהאָלץ, פּלעשער, ניקל, קאָטאַרן — האָט קלאַפּיק מיטן שטייפֿן ווייז־פֿינגער געדרייט דעם אַש־בע־כער. עס איז אַריינגעקומען דער כראַביע שפּילעווסקי, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט. קלאַפּיק האָט צעקנייטשט אַ פּאַפּירל; ער האָט אויף דעם נאָר־וואָס געהאַט אויפֿגעשריבן די אויסגעחלומטע מתּנות פֿאַר אַלע זיינע פריינט.

— צי ווירקט די היגע זון גוט אויף דער אַנטוויקלונג פֿון אייערע געשעפֿטן, מיין פריינט?

— גיכער נישט. אָבער שוין אין סוף פֿון היינטיקן חודש וועלן זיי זיך גוט איינאָרדענען. איך שטעל צו לעבנסמיטלען. אויסשליס־לעך פֿאַר די אייראָפּעער, פֿאַרשטייט זיך.

שפּילעווסקי איז געווען באַשיידן אָנגעטון אין ווייסן, נאָר זיין אויסגעבויגענע, דינע נאָז, דער פֿליך איבערן שטערן, די גרוי־לעכע האָר אויפֿן שאַרבן און די פֿאָרם פֿון די באַקן האָבן אים צו־געגעבן אַזאַ אָנבליק, ווי ער וואָלט זיך פֿאַרקוקט אויף אַן אָדלער. דער מאָנאָקל האָט אונטערגעשטראָכן דאָס קאַריקאַטורעלע.

— זעט איר, מיין טייערער פריינט, איך מוז ערגעץ באַקו־מען צוואָנציק טויזנט פראַנק. מיט אַזאַ סומעלע קאָן מען זיך אויס־אַרבעטן אַ בּכּבֿודיקן מעמד ביים צושטעלן.

— לאָמיך אײַך אַרומנעמען, מײַן ליבער! איר ווילט זיך אויסאַרבעטן אַ קלײנעם מעמד, נײַן, אַ בכבֿודיקן מעמד בײַם צו־שטעלן? בראַוואָ...

— איך האָב גאָרנישט חושד געווען, אַז איר האָט אַזוי פֿיל... אַזוי פֿיל פֿאָראורטײלן.

קלאַפּיק האָט זיך צוגעקוקט צום אָדלער פֿאַרדעכטיק: אַן אַמאָליקער קראָקעווער שווערד־מײַסטער, אין דער אָפּיצירן־סעקציע.

— איך? איך האָב זײ אָן אַ שיעור. איך בין אָנגעלאָדנט מיט פֿאָראורטײלן! איך פּלאַץ אַזש! איך בעט אײַך זיך פֿאָרצו־שטעלן, מײַן ליבער, אַז ווען איך וואָלט געהאַט דאָס געלט, וואָלט איך עס אויסגעבראַנגט אויפֿן שטײַגער פֿון אַ געוויסן האָלענדישן באַאַמטן פֿון סומאַטרע, וועלכער פֿלעגט יעדעס יאָר אַהײמפֿאָרן זיך שפּילן מיט זײַנע טולפּאַנען און דורכפֿאָרן לענגאויס דעם אַראַבּישן ברעג; מײַן ליבער, דאָס האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויף אַן אײַנפֿאַל (מען מוז מודה זײַן, אַז דאָס איז פֿאָרגעקומען אַרום *1860* יאָר) אויף אַן אײַנפֿאַל — אַ נישטער צו טון אין די אוצרות פֿון מעקאַ. מען דערצײלט, אַז זײ זענען געווען גאָר אַ סך און האָבן גאָלדיק שימערירט אין די גרויסע שוואַרצע הײלן, וואוהין די עולי־רגלניקעס פֿלעגן דאָס גאָלד אַרײַנוואַרפֿן. איך אַלײן וואָלט מיך גערן אַרײַנגעצויגן אין אַזאַ הײל... ביז ענדלעך מײַן טולפּאַנדל קריגט אַ ירושה, פֿאָרט ער אַוועק אויף די אַנטיללאַ־אינזלען ווערבירן פּיראַטן, כּדי צו דעראָבערן מיט זײ מעקאַ אומגעריכט, מיט אַ גרויסער צאָל געווער פֿון נײַעסטן סיסטעם, מיט טאָפּל־שיסנדיקע ביקסן, מיט באַגנעטן צום אַרויפֿשרויפֿן, איך ווײס? זעצט זײ אַרויף אויף אַ פֿרעגאַטע*) — שאַ־שטיל! — פֿירט זײ אַרויס אויפֿן ים...

ער האָט אַרויפֿגעלײגט אַ פֿינגער אויפֿן מויל, דערפֿרײט פֿון דעם, וואָס ער האָט פֿאַראינטערעסירט דעם פּאָליאַק, וועלכער האָט אים אויסגעהערט מיט אַ מינע פֿון אַ מיטשולדיקן.

*) מיליטערישע דרײַ־מאַסטן־שיף.

וואונדערבאַר! זיי בונטעווען זיך, צעפּערטלען אים, ווי געהעריק, נעמען זיך צו דער פּרעגאַטע, כדי צו רייבן אָן איבעריקער פאַנטאַזיע אויף וועלכן ים ס׳וועט זיך לאָזן. דאָס איז אַן אמתע געשעעניש; נאָך מער: אַ באַלערנדיקע. אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז אויב איר שטעלט אויס אויף מיר בנוגע דידאָזיקע צוואַנציק טויזנט פראַנק, איז דאָס אומזין, זאָג איך אייך! אויב איר ווילט, איך זאָל אַ רעד טון מיט מענטשן אָדער עפּעס ענלעכס? וועל איך דאָס גערן טון. אויב איך מוז שוין יאָ פאַר יעדער ט ר אַ נ ז אַ ק צ י ע צאָלן אייער פאַרשאָלטענער פּאָליציי, איז מיר שוין גלייכער צו געבן צו פאַרדינען אייך, איידער עמעצן אַנדערש. אָבער אַצינד, ווען די דעכער ברענען איבער די קעפּ, גייט דער אָפּיום אָן די מענטשן אַזוי פּיל, ווי דאָס:

ער האָט ווידער אָנגעהויבן דרייען דעם אַש־בעכער.

— איך האָב אייך דערמאַנט אָן געלט, — האָט שפּילעווסקי געזאָגט, — ווייל עס איז מיר זייער נייטיק; איך רעד וועגן דעם מיט יעדן. איך וועל מוזן ווייניקסטנס... צוואַרטן. אייגנטלעך האָב איך אייך געוואָלט בלויז מיט עפּעס בייהילפיק זיין, פאַרבעטנדיק אייך אויפן שמועס וועגן צושטעלן די דערנערונגס־מיטלען. (דאָס איז אַ זייטיקע המצאה). אַלזאָ: אַנטלויפט מאָרגן פון שאַנכיי.

— אַך! אַך! אַך! — האָט קלאַפּיק אויסגערופן, באַנוצנדיק אַ גאַנצע גאַמע. אויף דער גאַס האָט אַן אויטאָ־טרומייטל אויסגעשאַלט אַן arpeggio. — וואָס איז דען?

— עס איז, מיין פּאָליציי, ווי איר זאָגט, האָט דערשנאַפּט. טראָגט אייך אָפּ.

קלאַפּיק האָט געוואוסט, אַז ס׳וואָלט בחינם געווען צו בעטן אַן אויפקלערונג. מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער אַ טראַכט געטון, צי דאָס איז נישט אַמאָל אַ שפּיצל, אויסגעשטעלט אויף די צוואַנציק טויזנט פראַנק? וואָס פאַר אַן אומזין!

— און איך מוז מאָרגן אַנטלויפן?

ער האָט אַ קוק געטון מיט באַדויערן אויפן באַר, אויף

די פלעשער, אויף די ניקלנע אָנלענען, ווי אויף באַקאַנטע גע-ליבטע זאַכן.

— שפעטסטנס מאָרגן. אָבער איר וועט נישט אַוועקפאָרן. איך זע דאָס קלאָר. איך האָב געטון מיינס, איך האָב אייך מתרה געווען.

דערווייל האָבן קלאַפּיקן באַהערשט ספקות ; ער האָט זיי געשטיקט אין זיך נישט אַזוי פיל צוליב מאַנגל אין צוטרוי צו שפּילעווסקין, וויפיל צוליבן כאַראַקטער פון דער עצה, וואָרים ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אייגנטלעך עס האָט אים געקאָנט דראָען.

— און אפשר איז מיר דאָך געלונגען אייך איבערצוצייגן ? — האָט דער פּאָלאַק געפרעגט און אים אָנגענומען ביים אָרעם. — פאָרט אַוועק. עס איז דאָרט אָפּגעטון געוואָרן עפעס אַ שפּיצל מיט אַ דאַמפער...

— אָבער איך ווייס דאָך פון גאָרנישט...

— פאָרט אַוועק.

— איר קאָנט מיר זאָגן, צי דער אַלטער גיסאָרס איז פּאַטירט ?

— איך צווייפל. גיכער דער יונגער.

דער פּאָלאַק האָט געהאַט גוטע אינפאָרמאַציעס. קלאַפּיק האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין האַנט.

— איך באַדויער זייער, וואָס איך האָב נישט דאָס געלט, וואָס איז אייך נייטיק צו באַצאָלן פאַר די געווירצן, מיין ליבער : איך האָב אייך אפשר צו פאַרדאַנקען מיין לעבן... אָבער עס איז מיר נאָך עפעס געבליבן פון די אַלטע צייטן, אַ צווי, דריי סקולפּ-טורן ; נעמט דאָס ביי מיר.

— ניין...

— פאַרוואָס ?

— ניין...

— אַך !... קיין וואָרט נישט מער ! מסכים. איך וואָלט

פֿונדעסטוועגן געוואָלט וויסן, פֿאַרוואָס איר ווילט נישט צונעמען ביי מיר די סקולפּטורן.

שפּילעווסקי האָט אים אַ קוק-געטון אין פּנים אַריין.

— ווער עס האָט אַזאַ פֿאַרגאַנגענהייט, ווי איך, צי קאָן ער זיך שפּילן אין אַזעלכע זאַכן... אַזאַ פֿאַך, און נישט... פֿאַרגיטיקן זיך פֿון צייט-צו-צייט?

— איך צווייפֿל, צי ס'זענען פֿאַרהאַן אַ סך פֿאַכן, וואָס פֿאַרלאַנגען נישט אַזאַ פֿאַרגיטיקונג...

— יאָ. איר וועט זיך למשל נישט פֿאָרשטעלן, וויפֿיל שלעכט-געהיטענע קראָמען עס זענען פֿאַרהאַן.

וואָס פֿאַר אַן איינשטימיקייט? קלאַפּיק איז אויפֿן גרונט פֿון זיין אייגענער דערפֿאַרונג געווען אין דער מיינונג, אַז אַזעלכע געבינדענע זאַכן זענען אינטערעסאַנט. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט געניגן-טון זיין מיטשמועסער, ער וואָלט אַפילו גערן געשוויגן, אָבער ביי די ווערטער האָט ער זיך דערפֿילט אומבאַקוועם.

— איר האָט די השגחה איבער די קראָמען?

לויט זיין באַגריף איז די פּאָליציי געווען אַ געמיש פֿון מאַשינאַציע און שאַנטאַזש, אַן אינסטיטוציע, געשאַפֿן צום אויפֿמאָנען געהיימען שטייער פֿון די אָפּיום-טראַנספּאָרטן און שפּיל-הייזער. די פּאָליציי-אַגענטן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען (און דער עיקר שפּילעווסקי), זענען געווייגטלעך געווען האַלב-אויסשפּירער, האַלב-שותּפֿים. די איינציקע זאַך, וואָס איז אים געווען עקלהאַפֿט, אָדער ער האָט פֿאַר איר מורא געהאַט — איז געווען: מסירה. אָבער שפּילעווסקי האָט געענטפֿערט:

— השגחה! ניין, נישט אינגאַנצן. אַזוי זיך... גאָר פֿאַרקערט.

— אַך אַזוי! מיט הפֿסקות? אויף אייגענער האַנט?

— דאָס איז נאָר מיט שפּילצייג, פֿאַרשטייט איר? איך האָב נישט קיין געלט אויף שפּילצייג פֿאַרן זון. דאָס איז זייער אומבאַקוועם. דער עיקר דערפֿאַר, וואָס אין אמתן האָב איך בלויז דעמאָלט ליב דאָס יינגל, ווען איך פֿאַרשאַף אים עפּעס אַ פֿאַרגעניגן. און איך

ווייס נישט, וואָסער אַנדער פֿאַרגעניגן איך וואָלט אים געקאָנט פֿאַרשאַפֿן. דאָס איז נישט קיין לייכטע זאַך.

— זעט איר, איר קאָנט נעמען מיינע סקולפּטורן. נישט אַלע, ווי איר ווילט.

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט... אַלזאָ, גיי איך אַריין אין די קראָמען און זאָג... (ער האָט פֿאַריסן דעם קאָפּ, פֿאַרקנייטשט דעם שטערן און די לינקע באַק אַרום דעם מאָנאָקל, אָן איראָניע): „איך בין אַ דערפֿינדער. אַ דערפֿינדער און קאָנסטרוק־טאָר, נאַטירלעך. איך וואָלט געוואָלט באַקוקן אייערע מאָדעלן". גיט מען מיר צו באַקוקן. איך נעם צו איינעם. טיילמאָל היט מען, אָבער זעלטן.

— און אויב מען וועט אייך כאַפּן?

ער האָט אַרויסגענומען דעם פּאָרטפֿעל פֿון קעשענע, אים געעפֿנט, געוויזן קלאַפּיקן די פּאָליציי־לעגיטימאַציע. פֿאַרמאַכט. און מיט אַ נישט קלאָרער באַוועגונג פֿון דער האַנט:

— איך האָב טיילמאָל געלט אויך... מען וועט אַמאָל באַזייטיקן... אַלץ קאָן געשען...

צו זיין גרויסער פֿאַרוואונדערונג איז קלאַפּיק געוואויר געוואָרן, אַז ער איז אַ פּערזאָן פֿון חשיבות און באַדייטונג, און ווייל ער האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן פֿאַר קיין פֿאַראַנטוואָרטלעכן מענטש, האָט אים די אַנטדעקונג שטאַרק גערירט.

„איך מוז צו וויסן געבן דעם יונגן גיסאָרס", האָט ער אַ טראַכט געטון.

איינס אַ זייגער.

טשען האָט אייליק געשפּאַנט לענגאויס דעם ברעג מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם, אויסמיידנדיק אין וועג די איירָאָפּעער, וואָס ער האָט געקענט פֿון זען: אין דער צייט פֿלעגן זיי כמעט אַלע גיין טרינקען עפּעס און פֿלוידערן אין באַר Szanghaj-Club,

אָדער אין די כינעזישע האָטעלן. פון הינטן האָט עפּעס א האַנט אײדל באַרירט זײן אָרעם. ער האָט א ציטער געטון, זיך א טאַפּ־געטון בײ דער קעשענע, און װעלכער ער האָט געהאַלטן דעם רעװאָלװער.

— מיר האָבן זיך שוין לאַנג נישט געזען, טשען... װילסט...

ער האָט זיך אויסגעדרײט; דאָס איז געװען דער פּאַסטאָר סמיטסאָן, זײן אַמאָליקער דערציִער. ער האָט פון ערשטן אויגנבליק דערקענט דאָס שײנע פּנים פון אַמעריקאַנער, װאָס איז שוין אָבער געװען שטאַרק געקנײטשט:

— ... מיר זאָלן א ביסל גײן צוזאַמען?

— גוט.

צוליב גרעסערער פאָרזיכטיקייט זײן אײגענע איז ער צופרידן געװען צו גײן אין דער געזעלשאַפט פון א װײסן: זײן דער טע־קע האָט ער געהאַט א באָמבע. ער איז דעם פרימאָרגן געװען אָנגעטון אין א גלאַט־געפּרעסטער מאַרינאַרקע און אָרענצעס, װי ער װאָלט זיך געפילט נישט הײמיש אין איר; די אָנװעזנהײט פון א װײסן האָט פאַרפולקאָמט דעם מאַסקאַראַד, — און דערבײ האָט ער, צוליב אַן אומבאַקאַנטן פאָראורטײל, נישט געװאָלט װײ־טון דעם פּאַסטאָר. ער האָט דעם פרימאָרגן א מינוט צײט גע־צײלט די דורכפאָרנדיקע עקיפּאַזשן (דראָט, אום, צװײ פּאָרױסצוזען, צי דער אַטענטאַט װעט געלינגען: די װאָרואָגונג איז געװען א גימנאַסטיקע. ער איז געװען בײז אויף זיך. מען דאַרף שמועסן א ביסל מיט סמיטסאָנען, זיך באַפרײען פון דער אויפרעגונג.

דעם פּאַסטאָרס אויגן האָבן דאָס אויסגעכאַפּט, אָבער ער האָט עס טעותדיק פאַרשטאַנען.

— דו לײדסט, מײן ײנגל?

— נײן.

ער האָט געקוקט מיט א געװיסער שװאַכקײט אויף זײן אַמאָליקן דערציִער, אָבער אויך נישט אָן באַלײדיקונג.

דער אַלטער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם.

— איך טו תּפילה פאַר דיר יעדן טאָג, טשען. װאָס האָט

דיר פאַרטרעטן דעם גלויבן, פון וועלכן דו האָסט דיך אָפּגעזאָגט ?

ער האָט געקוקט אויף אים מיט טיפער ליבשאַפט, דאָך נישט ענלעכער צו פאָטערלעכער גערירטקייט, אַזאַ צודריגגלעכע, ווי ער וואָלט זיך פאַר אים מקריב געווען. טשען האָט געענטפערט מיט אַ נישט זיכער קול :

— איך געהער נישט צו די, וואָס דאָס גליק זאָרגט פאַר זיי...

— עס איז דאָ בלויז גליק, טשען, עס איז דאָ רו.

— ניין. נישט פאַר מיר.

— פאַר אַלע.

דער פאַסטאָר האָט פאַרמאַכט די אויגן ; טשען האָט גע־האַט דעם איינדרוק, אַז ער פירט אונטער דער האַנט אַ בלינדן.

— איך זוך נישט קיין רו... פאַרקערט.

סמיטסאָן האָט אַ קוק־געטון אויף אים, נישט פאַרהאַלטנדיק דעם טריט.

— היט דיך פאַר גאווה.

— פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב נישט געפונען מיין גלויבן ?

— וואָס פאַר אַ פּאָליטישער גלויבן קאָן דאָס אַרומנעמען די ליידן פון דער וועלט ?

— איך וויל זיי בעסער קלענער מאַכן, איידער אַרומנעמען. איר רעדט צו מיר מיט אַ טאָן פול... הומאַניטאַרישקייט. איך האָב נישט ליב אַזאַ הומאַניטאַרישקייט, וואָס ווערט געשאַפן פון פאַרטיפן זיך אין ליידן.

— צי ביסטו זיכער, טשען, אַז ס'איז דאָ עפּעס אַן אַנדערע ?

— אַ ווײַלע, ס'איז שווער דאָס אויסצוטייטשן. עס איז דאָ אַן אַנדערע, על־כל־פּנים איינע, אַ געשאַפענע פון דער אייגענער מאַטעריע...

— וואָס פאַר אַ פּאָליטישער גלויבן קאָן דאָס באַזייטיקן דעם טויט...

דער פאַסטאָר האָט נישט גערעדט מיט קיין טאָן פון פרעגן ;

גיכער פון טרויער. טשען האָט זיך דערמאַנט דעם וויזיט ביי גיסאָרסן, וועלכן ער האָט נישט געזען פון דעמאָלט אָן. גיסאָרס האָט צוגעפּאַסט זיינע געדאַנקען צו אים און נישט זיי באַנוצט אין דינסט פון גאָט.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב נישט געזוכט קיין רו.

— רו...

דער פּאַסטאָר איז פאַרשוויגן געוואָרן. זיי זענען געגאַנגען.

— מיין אָרעם יינגל, — האָט ער זיך ענדלעך אָנגערופן, — איטלעכער פון אונז קען נאָר זיין אייגענע ווייטיק. — ער האָט צוגעדריקט דעם אָרעם. — צי מיינסטו, אַז אַן עכט רעליגיעז לעבן איז נישט קיין באַקערן זיך יעדן טאָג ?...

ביידע האָבן געקוקט אויפן וועג, עס האָט אויסגעזען, ווי חוץ די אָרעמס וואָלט זיי גאָרנישט פאַרייניקט. „...יעדן טאָג...‟, האָט דער פּאַסטאָר איבערגעחזרט מיט אַ שטאַרקן אַקצענט פון ליידן, ווי די ווערטער וואָלטן געווען בלויז אַן עכאָ פון דעם, וואָס האָט אים געהאַלטן געפאַנגען. טשען האָט נישט געענטפערט. דער מענטש האָט גערעדט וועגן זיך, און גערעדט אמת. ער האָט איבערגעלעבט זיין געדאַנק, פונקט ווי ער; ער איז נישט געווען, באַשטימט נישט געווען קיין גיריקער שלעפער. הינטערן לינקן אָרעם — די טעקע מיט דער באָמבע; הינטערן רעכטן דעם צוגעדריקטן אָרעם: „... דאָס באַקערן זיך יעדן טאָג‟... דער טאָן פון דער ווידוי האָט צוגעגעבן די רייד פון פּאַסטאָר אַן אומגעריכטע, פּאַטעטישע צעצויגנקייט. אַזוי נאָענט פון מאָרד, האָט טשען זיך לייכט אונטערגעגעבן דעם געפיל פון אומרו.

— איך וועל יעדע נאַכט תּפילה-טון צו גאָט, טשען, ער זאָל דיך באַפרייען פון גאווה. (איך בין מתפלל קודם-כל ביינאַכט: די צייט איז פּאַסיק פאַר תּפילה). אויב גאָט וועט דיך מזכה-זיין מיט הכנעה, וועסטו זיין געראַטעוועט. ענדלעך געפין איך דיין בליק, וועלכן איך האָב נאָך מיט אַ מינוט צוריק נישט געקאָנט אָפּזוכן...

טשען איז גרייט געווען שלום צו שליסן מיט זיין ליידן, אָבער נישט מיט זיינע רייד: דערדאָזיקער לעצטער זאַץ, דער זאַץ פון אַ פאַנגער, וואָס פילט שוין דעם פיש אין דער נעץ, האָט אַרויסגערופן אין אים אַ בייזקייט, וואָס איז געוואַקסן קעגן דעם פאַרבאָרגענעם געפיל פון רחמנות, וואָס האָט נאָך אַלץ געלעבט אין אים אין דער באַציִונג צום פאַסטאָר. ער האָט שוין נישט פאַרשטאַנען זיינע אייגענע געפילן.

— הערט — האָט ער געזאָגט. — אין צוויי שעה אַרום וועל איך אויספירן אַ מאָרד.

דאָס מאָל האָט ער איינגעגראָבן דעם בליק אין פאַסטאָרס אויגן. אָן אַ דייטלעכער סיבה אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, אַ ציטערנדיקע, צום פנים, זי פאַרדריקט אויף דער לאַץ פון דער מאַרינאַרקע:

— איר זוכט נאָך אַלץ מיין בליק?

ניין. ער איז געווען איינזאַם. כסדר איינזאַם. די האַנט האָט אָפּגעלאָזט די לאַץ, זיך איינגעקלאַמערט אין אַ לאַץ פון פאַסטאָרס סורדוט, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַ טרייסל טון; יענער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין האַנט. זיי זענען אַזוי געשטאַנען אין מיטן וועג, אומבאַוועגלעך, ווי גרייט אויף געראַנגל; עס האָט זיך פאַרהאַלטן עפּעס אַ דורכגייער. אַ ווייסער. ער האָט אַ טראַכט־געטון, אַז דאָס איז אַ מחלוקה.

— אַ שרעקלעכע ליגנט — האָט דער פאַסטאָר אַרויסגעפליסטערט.

טשענס האַנט איז אַראָפּגעפאַלן. ער האָט נישט געקאָנט אַפילו זיך צעלאַכן. „אַ ליגנט!” האָט ער אויסגעשריגן צום דורכגייער. יענער האָט אַ הייב־געטון מיט די אַקסלען און אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט געטראָפן די חברים אויף אַ מהלך פון אַ קילאָמעטער. זיי זענען געווען צוויי — אין ברייטראַנדיקע קאַפּעלושן, אָנגעטון ווי באַאַמטע, דאָס איז געווען צוליב די טעקעס; אין איינער איז געלעגן אַ באָמבע, אין דער צווייטער — גראַנאַטן. דער קרומ־

נאָזיקער סוען, אַ כינעזער פון רויטהויטיקן טיפּ, אַ פּאַרטראַכטער, — ער האָט נישט געהערט, נישט געזען; פּעי... טשען האָט ביז איצט קיינמאָל נישט באַמערקט, ווי ווייט ייִנגלעריש דער פּעי זעט אויס. אפשר האָבן אים די קיילעכיקע ברילן אין די רעמלעך אַראָפּגענומען יאָרן. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, זענען צוגעקומען צו דער גאַס צוויי רעפּובליקן; אַלע קראָמען זענען געווען אָפן; דאָס לעבן אונטערן פאַרנעפּלטן הימל האָט געשטראָמט מיט באַגייטע כּוחות.

טשאַן־קיי־שעקס אויטאָ פלעגט געוויינטלעך דורכפאָרן אַן ענג קרייץ־געסל. פאַרהאַלטן דעם אימפּעט ביים אַריינדריי. מען האָט אים געדאַרפט אויסקוקן און וואַרפן די באָמבע אין מאָמענט פון פאַרהאַלטן. ער פלעגט טעגלעך דורכפאָרן צווישן איינס און אַ פערטל אויף צוויי: דער גענעראַל האָט געגעסן פרישטיק אין די אייראָפּעישע שעהן. איינער האָט אַלזאָ געדאַרפט נאָכשפּירן אין געסל און, ווי נאָר ער וועט דערזען דעם אויטאָ, געבן אַ צייכן די חברים. עס האָט זיך גינסטיק מזדמן געווען, וואָס גלייך קעגנאיבער דעם געסל האָבן זיך געפונען די טירן פון אַן אַנטיקוואַריע; אויב דער אַנטיקוואַר איז נאָר נישט איבערגעקויפט דורך דער פּאָליציי. טשען האָט געוואָלט אַליין נאָכשפּירן. ער האָט אָנגעשטעלט פּעי אויף דער גאַס צוויי רעפּובליקן, לעבן אָרט, וואו די קרומקייט פון אַריינדריי האָט זיך פאַרענדיקט; דאָרט וועט דער אויטאָ ווידער אָנהייבן פאָרן גיך; סוען האָט זיך געשטעלט אַ ביסל ווייטער. טשען האָט געדאַרפט אַרויסלויפן פאָרויס און וואַרפן די ערשטע באָמבע. צי ער וועט טרעפן צי פעלן, — אויב דער אויטאָ וועט נאָר פאָרן ווייטער, וועלן די איבעריקע צוויי איינער נאָכן אַנדערן וואַרפן זייערע באָמבעס. אויב ער וועט זיך פאַרהאַלטן, וועלן זיי צולויפן: אין דעם ענגן געסל וועט דער אויטאָ נישט אויסדרייען. דאָ האָט אָבער געקאָנט אַלץ דורכפאַלן: אויב די וואַך, וואָס שטייט אויף די טרעטערס פון אויטאָ, וועט אַרויס גאַנץ, וועט זי עפענען אַ שיסעריי, כּדי קיינעם נישט צוצולאָזן צום אויטאָ.

אַצינד האָט טשען געדאַרפט זיך פונאַנדערגיין מיט די חבריר, אין המון, לענגאויס דעם גאַנצן שטח, וואָס דער אויטאָ האָט געדאַרפט דורכפאָרן, האָבן זיך זיכער געפונען שפּיאָנען. פּיי איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קליינעם כינעזישן באַר, פון דאָרט האָט ער געדאַרפט נאָכשפּירן טשענס באַוועגונגען; סוען האָט געוואַרט אַ ביסל ווייטער, ביז פּעי וועט אַרויסקומען. מעגלעך, אַז עמעצער פון זיי, צום ווינציקסטן איינער — וועט אומקומען; מסתמא וועט דאָס זיין טשען. זיי האָבן נישט געוואַגט צו רעדן. זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אַפילו אָן אַ דרוק אין דער האַנט.

טשען איז אַריינגעגאַנגען אין דער אַנטיקוואַריע, געהייסן דעם פאַרקויפער זיך ווייזן קליינע בראָנז־אַנטיקן פון די אויסגראָבונגען. דער פאַרקויפער האָט אַרויסגענומען אַ היפּש ביסל שעכטעלעך, באַצויגענע מיט פּיאָלעטן אַטלאַס, זיי אָנגעהויבן אויסלייגן אויפן בופעט. דאָס איז נישט געווען קיין געבוירענער איינוואוינער פון שאַנכיי, נאָר אַ כינעזער פון צפון, אָדער טורקעסטאַן. לויט די וואָנסעס און דער שיטערער, ווייכער באָרד, לויט די שלאַנגען־אויגן און די קלעפּיקע ליפּן, אָבער נישט לויט צעקראָכענעם פּנים פון אַ פלאַכנאָזיקן צאַפּ, איז ער ענלעך געווען צו אַ מוזולמענער פון נידעריקן שטאַנד. ווער ס׳וואָלט אויסגעגעבן אַ מענטש, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ באַמבע אויפן שטח פון גענעראַלס דורכפאָרן, דער וואָלט זיך זיכער דערוואָרבן אַ היפּשע סומע געלט און גרויס אַכטונג ביי די נאָענטע. און דער פאַרמעגלעכער קליינבירגער איז אפשר געווען אַ טרייער אָנהענגער פון טשאַן־קיי־שעקן.

— וויילט איר שוין לאַנג אין שאַנכיי? — האָט ער געפרעגט טשענען. ווער האָט דאָס געקאָנט זיין דערדאָזיקער אויסטערלישער קליענט? געצוואונגענע באַוועגונגען, מאַנגל אין פרייהייט, מאַנגל אין אינטערעס פאַר דידאָזיקע אויף זיין פאַרלאַנג אויסגעלייגטע זאַכן. דאָס האָט באַאומרויִקט דעם פאַרקויפער. אפשר פילט זיך דער מענטש אומבאַקוועם אין אייראָפּעישן אָנצוג. טשענס גראָבע ליפּן, נישט געקוקט אויפן שאַרפן פּראָפיל, האָבן געוועקט צו אים סימפּאַטיע. אפשר אַ זון פון אַ רייכן פויער, טיף אין לאַנד? אָבער

אין די דערפער קאָלעקטיאָנירט דאָך קיינער נישט קיין פּאַרצייטי־שע בראָנזן. אפשר קויפט ער זיי פאַר אַן אייראָפּעער? דאָס איז נישט קיין באַי, נישט קיין מעקלער — און אויב ער קויפט זיי פאַר זיך, באַטראַכט ער זיי מיט צו ווייניק אינטערעס: ווי פאַרנו־מען פון עפּעס אַנדערש.

וואָרים טשען האָט שוין נאָכגעשפּירט אין געסל. ער האָט עס געזען אויף אַ מהלך פון צוויי־הונדערט מעטער. וויפיל צייט איז נאָך פאַרבליבן צום באַווייזן זיך פון אויטאָ? אָבער ווי אַזוי רעכנט מען דאָס אויס אין דער קעגנוואַרט פון דעמדאָזיקן שוטה? קודם־כל האָט מען געמוזט עפּעס ענטפערן. דאָס פאַרעקשנטע שווייגן איז גאָרנישט געוועזן אַזאַ חכמה.

— איך שטאַם פון טיף אין לאַנד. די מלחמה האָט מיך אַרויסגעטריבן.

יענער האָט שוין געהאַט נייע פראַגן אויף די ליפּן. טשען האָט געפילט זיין אומרויִקייט. אַצינד האָט דער פאַרקויפער זיך מישב געווען, צי דאָס איז נישט אַמאָל אַ באַנדיט, צי שפּיאָנירט ער נישט אויס די קראָם, כדי זי צו באַרויבן אין דער צייט פון די נאָענטסטע אומרוען; דער מענטש איילט זיך אָבער לגמרי נישט צו באַקוקן די טייערסטע אַנטיקן. עס אינטערעסירן אים בלויז קלייניקייטן, בראָנזענע פוקסן, זאַכן פון מעסיקן פרייז. די יאַפּאַ־נער האָבן ליב פוקסן, אָבער דער קליענט איז דאָך נישט קיין יאַפּאַנער. ער האָט אים ווייטער אויסגעפרעגט אָן קונצן:

— איר וואוינט אוודאי אין הו־פּעי? מען שמועסט, אַז אין די צענטראַל־פּראָווינצן איז דאָס לעבן אַצינד שווער.

טשען וואָלט גערן געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער האָט אַ אַ טעמפּ געהער, אָבער דאָס וואָלט אַרויסגערופן נאָך אַ מאָדנערן איינדרוק.

— איך וואוין שוין נישט — האָט ער פּשוט געענטפערט. דער טאָן פון זיין רעדן, דער סדר פון די זאַצן, אפילו ווען ער האָט גערעדט כינעזיש, האָט געקלונגען איינפאַך: ער האָט אויסגע־

דריקט זיין געדאַנק אוממיטלבאַר, אָן די איבעראַל באַנוצטע צודרינגלעכקייטן. ער האָט אַ טראַכט געטון וועגן קויפן.

— וויפיל ? — האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף אַ שנאָל, מיט אַ קאָפּ פון אַ פוקס, איינעם פון די, וואָס מען געפינט אין אַ היפשער צאָל אין די אויסגראָבונגען.

— פופצן דאָלאַר.

— אַכט וועט אויך זיין גענוג...

— פאַר אַזאַ אַנטיק ? וואָס רעדט איר ?... איך אַליין האָב באַצאָלט פאַר אים צען... אדרבא, זאָגט וויפיל איך דאַרף פאַרדינען.

אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט טשען געקוקט אויף פעי, וואָס איז געזעסן ביי אַ טישל אין אָפענעם באַר, אויף די פינקלענדיקע גלעזער פון זיינע ברילן ; יענער אים האָט זיכער נישט געזען דורך דער שויב פון דער אַנטיקוואַריע. אָבער ער וועט אים דערזען ביים אַרויסגיין.

— איך קאָן נישט מער באַצאָלן, ווי צען — האָט ער ענדלעך געזאָגט, ווי נאָך אַ גרינטלעכן באַטראַכטן זיך. — אויך דאָס קאָן איך מיר קוים פאַרגינען.

פאַר אַזעלכע פאַלן האָבן עקזיסטירט אָנגענומענע פאָרמולן, ער האָט זיך באַנוצט מיט זיי אָן אָנשטרענגונג.

— דאָס איז מיין ערשטער לייז היינט, — האָט דער אַנטיקוואַר געענטפערט. — אפשר דאַרף איך מסכּים זיין הזיק צו האָבן אַ דאָלאַר, ווייל פאַרקויפן דעם ערשטן קונה איז מזלדיק...

דאָס געסל איז ליידיק. עס איז דורכגעגאַנגען אַ קולי מיט אַ האַנט-וועגעלע. נאָך אים אַ צווייטער. עס זענען אַראָפּגעגאַנגען צוויי מענטשן. אַ הונט. אַ ראָווער. די מענטשן האָבן זיך אַריינגעדרייט רעכטס ; דאָס האַנט-וועגעלע איז פאַרשוואונדן. דאָס געסל איז ווידער ליידיק ; בלויז דער הונט...

— איר וועט אפשר דערלייגן נאָך אַ האַלבן דאָלאַר ?

— סיידן בלויז דערפאַר, וואָס איר זענט מיר סימפּאַטיש.

נאָך אַ פוקס פון פאָרצעליי, אַ נייע טראַנזאַקציע. ער האָט געקויפט, האָט ער דאָך געווינען אַ ביסל צוטרוי. מעג ער דאָך זיך

מישב זיין: ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה אויף וויפֿיל אָפּצושאַצן דעם ווערט פֿון דער זאַך; דער אַנטיקוואַר האָט נישט געוואַגט אים צו שטערן אין דעם. „דער אויטאָ פֿאָרט אין דעם געסל 40 אויף אַ שעה, העכער אַ קילאָמעטער אין צוויי מינוט. אפֿילו קיין גאַנצע מינוט וועל איך אים נישט זען. פֿעי דאַרף נישט אַראָפּלאָזן דאָס אויג פֿון דער טיר". עס איז נישט דורכגעפֿאָרן קיין שום אויטאָ אין געסל. בלויז עטלעכע ראָווערן... ער האָט זיך געדונגען אַ ביסל וועגן אַ שנאָל צו אַ פּאַסיק, אַן אויסגעזעצטן מיט טורקוסן, נישט באַשטאַנען אויף דער פּרייז, אָפּגעלייגט דאָס קויפֿן אויף שפּעטער. איינער פֿון די עקספּעדיענטן האָט אַריינגעברענגט טיי. טשען האָט געקויפֿט אַ קרישטאָלענעם קאָפּ פֿון אַ פֿוקס, פֿאַר וועלכן דער אַנטיקוואַר האָט געבאָטן בלויז דריי דאָלאַר. פֿונדעסטוועגן זענען די חשדים פֿון פֿאַרקויפֿער נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן פֿאַרשווינדן.

— איך האָב אַנדערע שיינע אַנטיקן, אויטענטישע, מיט הערלעכע פֿוקסן. אָבער דאָס זענען טייערע זאַכן, איך האַלט זיי נישט אין דער קראָם. מיר קאָנען זיך ספּעציעל אָפּשמועסן אויף אַ טאָג...

טשען האָט נישט געענטפֿערט.

— איך וואָלט אייגנטלעך געקאָנט שיקן נאָך זיי דעם עקספּעדיענט...

— איך אינטערעסיר מיך נישט מיט קיין טייערע אַנטיקן. צום באַדויערן האָב איך נישט די אַנטשפּרעכנדיקע מיטלען.

ניין, דאָס איז נישט קיין גנב; ער וויל זיי אַפֿילו נישט זען. דער אַנטיקוואַר האָט אים ווידער געוויזן דעם שנאָל צו אַ פּאַסיק, זייער פֿיין איינגעטעגהט מיט אים; עס האָבן נישט געהאָלפֿן די פֿערלדיקע רייד, ווי דורך אַ זיידן טיכעלע, די גאַרנדיקע בליקן; דער קליענט איז ווידער געבליבן גלייכגילטיק, נישט עמפּינדלעך, ווי פֿריער... אָבער ער האָט דאָך אַליין פֿאַרלאַנגט אַזאַ שנאָל. האַנדל פֿאָדערט פֿאַרשטענדיקונג, ווי ליבע; דער פֿאַרקויפֿער האָט גערעדט, ווי צו אַ סלופּ. פֿאַרוואָס-זשע האָט דער מענטש געקויפֿט? ביז ער האָט ענדלעך זיך משער געווען; דאָס איז איינער פֿון די

אָרימע ייִנגלעך, מיט די קוים שפּראָצנדיקע וואָנסעלעך, וואָס לאָזן זיך אַרומפירן דורך די יאַפּאַנישע פּראָסטיטוטקעס פון שאַפּעי. דאָס האָבן זיי אַ קולט פאַר פוקסן. דער קליענט קויפט פוקסן-פיגורלעך פאַר עפּעס אַ קעלנערין, אָדער פלומרשטער געישע; ער אַנטציקט זיך נישט מיט דידאָזיקע אַנטיקן, ווייל ער קויפט זיי נישט פאַר זיך. (טשען האָט כסדר געטראַכט וועגן דורכפאָרן פון אויטאָ, וועגן דער שנעלקייט, מיט וועלכער ער דאַרף עפענען די טעקע, אַרויסנעמען די באָמבע, אַ וואָרף-טון). אָבער די געישעס האָבן נישט ליב קיין אַנטיקן פון די אויסגראָבונגען... אפשר אויסשליסלעך פוקסן פון בראָנז? דער בחור האָט אויך געקויפט אַן אויסאַרבעטונג פון קרישטאָל און אַ צווייטע פון פאָרצעליי...

די קליינע שעכטעלעך זענען געלעגן צעוואָרפן, טייל געעפנט, אַנדערע פאַרמאַכט. ביידע עקספּעדיענטן האָבן אַכטונג געגעבן, מיט די עלנבויגנס אויפן בופעט. דער ייִנגערער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף טשענס טעקע, און מיט אַ וואַקל, איבערשטעלנדיק די פיס, זי נישט ווילנדיק אַ ביסל אַראָפּגערוקט פון בופעט. די באָמבע איז געלעגן אין דער רעכטער זייט אויף דריי צענטימעטער פון ראַנד.

טשען האָט אַזוי ווי פאַרלוירן די מאַכט אין די הענט. ענדלעך זיך באַהערשט, צוגעצויגן די טעקע. קיינער פון די מענטשן האָט נישט פאָרגעפילט דעם טויט, און ער איז געווען אַזוי נאָענט; עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען, דער עקספּעדיענט האָט בלויז מיטן עלנבויגן אַ ביסל אַראָפּגערוקט די טעקע, דער אײנהאַנדלער האָט זי צוריק צו זיך צוגעצויגן... און פּלוצלינג האָט אַלץ אָנגעהויבן אויסזען משונה אומגעוויינטלעך לייכט. זאַכן, אפילו האַנדלונגען האָבן פאַרלוירן זייער רעאַליטעט, זיך פאַרוואַנדלט אין טרוימערייַ, מיטרייסנדיק אונז בלויז דערפאַר, וואָס מיר גיבן זיי צו געוויכט, כאָטש מיר וואָלטן זיי געקאָנט פּונקט אַזוי גוט פאַרשטרייכן... אין זעלבן מאָמענט האָט ער דערהערט דאָס טרומייטערן פון אַן אויטאָ: משאַנג-קיי-שעק.

ער האָט זיך אַ כאַפּ-געטון צו דער טעקע, ווי צו געווער,

באַצאָלט, אַרײַנגעשטופּט די צווײ פּעקעלעך אין קעשענע, אַרויס־געגאַנגען.

דער אַנטיקוואַר איז אים נאָכגעגאַנגען אויף דער גאַס אַרויס, האַלטנדיק דעם פּאַסיק־שנאָל, וועלכן טשען האָט נישט געוואָלט קויפן.

— אַזעלכע טורקוסן האָבן באַזונדערס ליב יאַפּאַנישע פרויען.

צו וועלכן טײַוול איז ער דאָ נאָכגעקראָכן, דער שוטה!

— איך וועל אַרײַנקומען אַ צווייט מאָל.

וועלכער פאַרקויפער ווייסט דאָס נישט פון דעם אויסרייד? דער אויטאָ איז אָנגעפאָרן אַ סך שנעלער ווי געווײַנטלעך, אַזוי, על־כּל פּנים, האָט זיך טשענען אויסגעוויזן, פאָרויס איז געפאָרן דער פאָרד מיט דער לײַב־וואַך.

— טשעפּעט אײַך אָפּ.

דער אויטאָ איז אָנגעלאָפן אויף זיי, טראָגנדיק אויף די טרעטערס, האַרט בײַ די גאַס־ראָוועס, צוויי אונטערציטערנדיקע דעטעקטיוון. דער פאָרד איז פאַרבײַגעפאָרן. טשען האָט זיך אָפּגע־שטעלט, האָט געעפנט די טעקע, אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער באָמבע, וואָס איז אײַנגעוויקלט געווען אין אַ צײַטונג. דער אַנטיקוואַר האָט שמייכלענדיק אַרײַנגערוקט דעם שנאָל אין דער ליידיקער מחיצה פון דער טעקע. ער האָט געמוזט ווײַט גרײַכן. ער האָט פאַרצוימט בײדע הענט טשענען.

— איר וועט באַצאָלן, וויפיל איר וועט וועלן.

— טשעפּעט אײַך אָפּ!

איבעראַשט פון דעם אויסגעשריי, האָט דער אַנטיקוואַר אַ קוק־געטון אויף טשענען און ברייט געעפנט דאָס מויל.

— איר פילט זיך עפּעס נישט גוט?

טשען האָט שוין גאָרנישט געזען, אַ צעטומלטער, ווי ער וואָלט אין אַ ווײַלע אַרום געדאַרפט פאַרלירן דאָס באַוואוסטזײַן: דער אויטאָ איז דורכגעפאָרן.

ער האָט נישט באַוויזן באַצײַטנס זיך אַרויסצורײַסן פון אַנ־

טיקוואַר. „ער האַלט ביי חלשן", האָט יענער אַ טראַכט־געטון. ער האָט זיך באַמיט צוצוהאַלטן טשענען. מיט איין פאַרמעסט האָט טשען אָפּגעשלאָגן די אויסגעשטרעקטע הענט צו אים און זיך אַרויסגערוקט פאָרויס. די ווייטיק האָט פאַרהאַלטן דעם אַנטיקוואַר. טשען האָט זיך געלאָזט כמעט לויפן.

— דער שנאַל ! — האָט דער אַנטיקוואַר אויסגעשריגן. — מיין שנאַל !

ער איז נאָך אַלץ געלעגן אין דער טעקע. טשען האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. מיט אַלע מוסקולן, מיט דער שאַרפסטער שפּאַנונג פון זיינע חושים האָט ער אָפּגעוואַרט די דעטאָנאַציע, וואָס האָט געדאַרפט אויפטרייסלען די גאַס, יעמערלעך אָפּקלינגען אונטערן נידעריק אַראָפּגעהאָנגענעם הימל. ניין. דער אויטאָ האָט זיך אַריינגעדרייט, זיכער שוין אויך געמיטן סועגען. און די בהמה איז דאָ געשטאַנען ! די סכנה איז שוין אַריבער, ווייל ס'איז שוין געווען נאָך אַלעם. וואָס האָבן געטון יענע ? ער האָט אָנגעהויבן לויפן. „כאַפּט אַ גנב !", האָט דער אַנטיקוואַר זיך צעשריגן. טשען האָט ענדלעך פאַרשטאַנען. פון כעס האָט ער געהאַט אַ פאַרלאַנג צו אַנטלויפן מיטן שנאַל, אים צוועקוואַרפן ערגעץ. אָבער ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַוויזן נייגיריקע. ער האָט אַ וואָרף־געטון דעם שנאַל גלייך אויפן אַנטיקוואַר. ער האָט דערזען, אַז ער האָט די טעקע נישט פאַרמאַכט. זינט דער אויטאָ איז דורכגעפאָרן האָט ער זי געהאַלטן אָפן פאַר די אויגן פון דעם אידיאָט און אַלע דורכגייער, מיט דער באָמבע, וועלכע ס'איז לייכט געווען צו דערזען, ווייל דאָס פּאַפּיר איז שוין געווען צעקראָכן. ער האָט ענדלעך פאַרמאַכט די טעקע (מען האָט זי געדאַרפט איבערלייגן, ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען ; ער האָט באַהערשט די נערוון מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג). דער אַנטיקוואַר איז וואָס שנעלער אַריין אין דער קראָם. טשען איז געגאַנגען ווייטער. ער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט פּעי.

— נו וואָס ?

— און וואָס דו ?

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, פאַרסאַפּעטע. יעדער האָט געוואָלט פריער הערן, וואָס דער צווייטער וועט זאָגן: סוען, צוקומענדיק, האָט זיי געזען, ווי זיי זענען געשטאַנען צוגעוואַקסן צו דער ערד, פלאַנטערנדיק זיך אין נישט קלאָרע באַוועגונגען אין פּראָפיל צו די אַרײַנגערוקטע הייזער. אַ גענוג שטאַרקע ליכטיקייט, כאָטש זי איז געפאַלן פון הינטער די וואָלקנס אַפער, האָט אָפּגעגרענעצט טשענס פּנים, דעם פּראָפיל פון אַ גוטמוטיקן רויבפויגל, פון פּעיס קיילעכיקן קאָפּ, אָפּגעטיילט פון זיך די צוויי פיגורן מיט די טרייסלענדיקע הענט, אַרויפגעזעצטע אויף קורצינקע שאָטנס, ווייל ס'איז געווען מיטאָגצייט, אינמיטן פון די באַאומרויקטע דורכגייער. אַלע דריי האָבן נאָך אַלץ געטראָגן זייערע טעקעס; פון דעם שטיין אויף דער גאַס האָט נישט געקאָנט אַרויסקומען קיין גוטס. און אויך אין די רעסטאָראַנען איז נישט זיכער געווען. צופיל מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט און פונאַנדערגעגאַנגען אין דעם געסל. צוליב וואָס? עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען...

— צו העמעלריכן — האָט טשען געזאָגט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין דורך זייטיקע געסלעך.

— וואָס איז אייגנטלעך געשען? — האָט סוען געפרעגט.

טשען האָט אויפגעקלערט. פּעי, דער האָט ווידער זיך צוגעאײלט, ווען ער האָט דערזען, אַז טשען איז נישט אַליין, נאָר גייט מיט נאָך עמעצן אַרויס פון דער אַנטיקוואַריע. ער האָט זיך געשטעלט אויף זיין פּאָזיציע, עטלעכע מעטער פון ראָג. אין שאַנכייער פּאָרט מען לינקס; דער אויטאָ האָט געוויינטלעך געהאַט פאַר זיך אַ קורצן אַריינדריי. פּעי האָט זיך אויך געשטעלט אויפן לינקן טראָטואַר, כדי צו וואַרפן די באָמבע פון דער נאָענט. דער אויטאָ איז, אַלזאָ, געפאָרן שנעל; אויף דער גאַס צוויי רעפּובליקן איז אין דעם מאָמענט נישט געווען קיין שום עקיפּאַזשן. דער שאָפער האָט אַריינגעדרייט מיט אַ ברייטן בויגן אַזש ביזן קעגנאיבערדיקן טראָטואַר; עס האָט אים אָפּגעצוימט פון פּעי אַ קולי מיט אַ האַנט-וועגעלע.

— אַ כפּרה דער קולי — האָט טשען געזאָגט. — עס

זענען דאָ מיליאָנען אַנדערע קוליס, וואָס מען קאָן דערהאַלטן ביים לעבן נאָר דורכן טויט פון טשאַנג-קיי-שעקן.

— איך האָב פאַרזען.

סוען האָט נישט געוואָרפן די גראַנאַטן, ווייל ער האָט צוליב דער רעזיגנאַציע פון די חברים געמיינט, אַז דער גענעראַל גע־פינט זיך נישט אין אויטאָ.

זיי זענען געגאַנגען שוויַיגנדיק צווישן אָפּגעקראָכענע מויערן, אונטערן נעפּלדיקן, געלבלעכן הימל, איבער אַ חרובן פּלאַץ, אַ פאַרלייגטן מיט ברוך פון אַ שרפה און טעלעגראַף-דראָטן.

— די באָמבעס זענען נישט גערירט, — האָט טשען געזאָגט מיט אַ האַלב קול, — מיר וועלן היינט פּרוּוון נאָכאַמאָל.

אָבער זיינע צוויי חברים זענען געווען פאַרדאַגהט; זעלטן ווער עס חורט איבער אַ נישט געלונגענעם זעלבסטמאָרד. די נערוון, וואָס זענען דורכגעגאַנגען די העכסטע שפּאַנונג, זענען אַצינד געווען אָפּגעשוואַכט. וואָס לענגער זיי זענען געגאַנגען, אַלץ מער האָט די פאַרצווייפלונג זיך פאַרוואַנדלט אין דער־שלאָגנקייט.

— דאָס איז מיין שולד — האָט סוען געזאָגט.

פּעי האָט נאָך אים איבערגעחזרט:

— מיין שולד.

— גענוג — האָט טשען געזאָגט, אַ פאַרמאַטערטער. ער האָט זיך מישב געווען, בשעת דעם שענדלעכן ריקצוג. מען האָט נישט געטאָרט באַנייען דעם פּרווו אויפן זעלבן אופן. דער פּלאַן איז געווען אַ שלעכטער; עס איז שווער אויסצוטראַכטן אַן אַנדערן. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז... זיי האָבן זיך דערנענטערט צו העמעלריכן.

פאַררוקט אין אַ ווינקל פון דער קראָם, האָט העמעלריך געהערט אַ קול פון דער גאַס, וואָס האָט גערעדט כינעזיש, און צוויי אַנדערע, וואָס האָבן געענטפערט. דער קלאַנג פון די

קולות, זייער אומרויִקער ריטם, האָט געוועקט זיין וואַכזאַמקייט. „שוין נעכטן, האָט ער אַ טראַכט־געטון, האָב איך דאָ געזען זיך אַרומדרייען צוויי פּאַצעטן; פון די פּרצופים האָט זיי אַראָפּגעקוקט, אַז די מערידן האַלטן זיך פעסט אָן זיי; זיי זענען דאָ נישט אַרומגעקראָכן צוליב פאַרגעניגן...״ עס איז אים שווער געווען עפּעס אויפצונעמען דייטלעכער: אין דער הייך האָט דאָס קינד געוויינט אָן אויפהער. אָבער די קולות האָבן זיך איינגעשטילט און די קורצע שאָטנס אויפן טראָטואַר האָבן עדות געזאָגט, אַז עס שטייען דאָרט דריי מענטשן. פּאָליציי?... העמעלריך איז אויפגעשטאַנען, עס איז אים דורכגעלאָפן אין רעיון וואָסער שרעק עס רופן אַרויס ביי אָנפאַלער זיין פלאַטשיקע נאָז און די ברייטע אַקסלען פון אַ געעלטערטן באָקסער, ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר. איידער ער האָט זיך צוגערירט מיט דער האַנט צו דער קעשענע, האָט ער דערקענט טשענען; ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אין וועלכער ער האָט נאָר־וואָס געוואָלט אַריינגעמען דעם רעוואָלווער.

— קום אַרונטער הינטערן בופעט — האָט טשען געזאָגט.

אַלע דריי האָבן זיך דורכגערוקט פאַרביי העמעלריכן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די טעקעס, וואָס זיי האָבן קראַמפּהאַפט געהאַלטן פאַרדריקט אונטער די אָרעמס.

— הער — האָט טשען געזאָגט, ווען העמעלריך האָט פאַרמאַכט די טיר, — דו קאָנסט אונז אויפנעמען אויף עטלעכע שעה? אי אונז, אי דאָס, וואָס מיר האָבן אין די טעקעס?

— באָמבעס?

— יאָ.

— ניין.

דאָס קינד אין דער הייך האָט כסדר געשריגן. דאָס שרייען איז אַלץ יעמערלעכער איבערגעגאַנגען אין שלוכצן און צייטנווייז אין דינעם פּישטשען, ווי עס וואָלט געשריגן צוליב פאַרוויילונג, — און דערפאַר איז עס געווען נאָך דורכנעמעדיקער. די גראַמאַפאָן־פּליטן, די שטולן, די גריל, — אַלץ האָט זיך געפונען

אויפן זעלבן אָרט, ווי דעמאָלט, ווען טשען איז דאָ אַהערגעקומען נאָכן דערמאָרדן טאַנג־יען־טאַ, האָבן דעריבער העמעלריך און ער איינציייטיק זיך דערמאַנט אָן יענעם אָוונט. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר העמעלריך האָט זיך משער געווען:

— באָמבעס — האָט ער געזאָגט — ניין, אַצינד קאָן איך נישט. אויב מען וועט דאָ געפינען באָמבעס, וועט מען מיר דערהרגענען דאָס ווייב מיטן קינד.

— גוט. קומט צו שיאַ. — (דאָס איז געווען דער לאָמפּן־פּאַרקויפער, צו וועלכן טשען איז אַריינגעגאַנגען ערב דעם אויפשטאַנד). — אין דער צייט געפינט זיך דאָרט בלויז דאָס ייִנגל.

— פּאַרשטייַ: דאָס קינד איז זייער קראַנק, דעם ווייב איז אויך נישט איבעריק פרייִלעך אויף דער נשמה...

ער האָט געקוקט אויף טשענען, די הענט האָבן אים געציטערט:

— דו ווייסט גאָרנישט, טשען, דו ווייסט גאָרנישט, ווי גליקלעך דו ביסט, וואָס דו ביסט פריי.

— אַדרבה, איך ווייס.

די דריי כינעזער זענען אַרויסגעגאַנגען.

„גאָט, מיין גאָט, מיין גאָט! — האָט העמעלריך געטראַכט. — צי וועל איך נאָך אַמאָל זיין אויף זיין אָרט?" ער האָט זיך שטילערהייט פאַרשוואוירן אין זיין האַרץ. און פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן אין צימער אַריין. עס איז געזעסן דאָרט זיין כינעזערין, מיטן בליק צוגענאָגלט צום בעטעלע; זי האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ.

— די פרוי איז היינט געווען זייער גוט — האָט דאָס קינד זיך אָנגערופן. — זי האָט מיר כמעט נישט געטון קיין שום שלעכטס...

די פרוי — דאָס איז געווען מאַי. העמעלריך האָט זיך דערמאַנט: „אַן אָנצינדונג אין צענטער פון אויער..." מיין אָרימינקער, מען וועט דאַרפן דורכהאַקן דעם ביין"... דאָס קליינע, קוים אַרויסגעוואַקסן פון די ווינדעלעך, האָט בלויז פאַרמאָגט אַזוי פיל לעבנסזאַפּאַס, וויפיל ס'איז נייטיק געווען אויף צו ליידן. מען וואָלט אים

געדאַרפט „אויפקלערן". וואָס אויפקלערן? אַז עס לוינט בעסער זיך צו לאָזן דורכהאַקן דעם ביין אונטערן אויער, איידער צו שטאַרבן, ווייל מיט דעם וועט מען אָפּקויפן אַזאַ טייער און איידל לעבן, ווי דאָס לעבן פון זיין פאָטער. „די הורישע יוגנט!" האָט ער געזאָגט אין משך פון צוואָנציק יאָר. צי וועט נאָך לאַנג געדויערן, ביז ער וועט זאָגן „די הורישע עלטער!" און איבערלאָזן בירושה דעם אומגליקלעכן קינד די צווײ שלימותדיקע באַצייכענונגען פון לעבן? יענעם חודש האָט די קאַץ זיך אויסגעלענקט אַ לאַפּע, מען האָט זי געמוזט מיט כּוח צוהאַלטן, ווען דער כינעזישער וועטערינאַר האָט זי איר אַריינגעפּאַסט; דאָס חיהלע האָט זיך געריסן און נישט מיאַוטשעט, נאָר געוואָיעט; עס האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען; זיכער געמיינט, אַז מען פּייניקט עס בחינם. און אַ קאַץ איז דאָך נישט קיין קינד, זי האָט נישט געזאָגט: „ער האָט מיר כמעט קיין שום שלעכטס נישט געטון..." ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן. אַן עיפּוש פון טויטע קערפּערס, וואָס זענען זיכער געפרעסן געוואָרן דורך הינט, איז פון נישט ווייט אין געסל אַריינגעדרונגען אין קראָם צוזאַמען מיט אַ שטויביקן זונענשטראַל. „גיין, עס פעלט נישט קיין לײדן" האָט ער אַ טראַכט געטון.

ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער האָט אָפּגעזאָגט. ווי יענער, וואָס זאָגט אויס אויף די טראָטוואַרן אַלע געהיימנישן, האָט ער געוואוסט, אַז אַ צווייט מאָל וועט זיין דאָס זעלבע. אָבער ער האָט זיך דאָך נישט געקאָנט מוחל זיין. ער האָט פאַראַטן זיין יוגנט, פאַראַטן זיינע שטרעבונגען און אַלץ, וועגן וואָס ער האָט געחלומט. צי האָט ער געקאָנט נישט פאַראַטן? „דער עיקר דאַרף מען פאַרלאַנגען דאָס, וואָס ס'איז מעגלעך אויסצופירן..." ער האָט געוואָלט בלויז דאָס, וואָס ס'איז נישט געווען אין זיין מאַכט: געבן אַ באַהעלטעניש טשענען, גיין מיט אים צוזאַמען. גיין. פאַרגיטיקן זיך, אַלץ איינס ווי אַזוי, מיט באָמבעס, פאַר דעם אכזריותדיקן לעבן, וואָס האָט פון געבוירנשאַפט אָן אים אָנגעטרונקען מיט גיפט און וועט אויך אַזוי זיינע קינדער אָנטרינקען. קודם־כּל זיינע קינדער. מיט זיין אייגן לײדן האָט ער

געקאָנט שלום שליסן: ער איז שוין געוואוינט געווען... אָבער נישט מיטן ליידן פֿון זיין קינד. „דעם ייִנגלס אינטעליגענץ האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פֿון דער צייט, וואָס ער איז קראַנק", האָט מאַי געזאָגט. סתם אַזוי...

גיין צוזאַמען מיט טשענען, אַרויסנעמען אַ באָמבע, וואָס איז באַהאַלטן אין אַ טעקע, וואַרפֿן. דאָס האָט געהאַט אַ זין. די איינציקע זאַך אין זיין קעגנוואַרטיקן לעבן, וואָס האָט געהאַט אַ זין. זיבנאונדרייסיק יאָר. אפשר נאָך דרייסיק צו לעבן. ווי אַזוי זאָל ער זיי דורכלעבן? די פֿליטן אויפֿן לאַגער — עס האָבן נישט געקאָנט פֿון זיי זיך אויסהאַלטן, נישט ער, נישט לו־יו־שוען; זיי האָבן זיך געטיילט מיט דער נויט, און אויף דער עלטער?... זיבנאונדרייסיק יאָר; ווי לאַנג עס געדענקט זיך, פֿלעגן מענטשן זאָגן; ער האָט נישט געהאַט וואָס צו געדענקען: פֿון אָנהייב אָן ביזן סוף איז געווען איין לאַנגער וועג פֿון נויט.

ער האָט זיך שלעכט געלערנט אין שול: יעדן צווייטן טאָג „נישט אָנוועזנד", — די מוטער, אַבי זיך אָנצושיכורן און שטילן איר ליידנשאַפֿט, פֿלעגט אים שיקן פֿאַרטרעטן זי ביי דער אַרבעט. די פֿאַבריק: האַנט־אַרבעט. אַן אומרויִקער; ביים מיליטער — תמיד אין תּפֿיסה. און די מלחמה. פֿאַרוואונדעט אין אַ גאַז־אַטאַקע. פֿאַר וועמען, פֿאַר וואָס? פֿאַר פֿראַנקרייך? ער איז נישט געווען קיין פֿראַנצויז, ער איז געווען אַן אָרימאַן. אָבער אין דער מלחמה האָט מען געגעבן צו עסן. דערנאָך האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין אינדאָכינע, דאָרט — איז ער דעמאָביליזירט געוואָרן. „דער אָרטיקער קלימאַט דערלויבט נישט אויף קיין פֿיזישער אַרבעט"... אָבער דערלויבט צו פֿגרן אויף דיזענטעריע, באַזונדערס די שלעפֿערס, וואָס זענען באַקאַנט פֿון זייער אומרויִקן כאַראַקטער. ער האָט אויך זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן אין שאַנכיי. באָמבעס, מיין גאָט, באָמבעס!

ער האָט געהאַט אַ ווייב: אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט אים געגעבן. זי איז עמעצן פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר צוועלף דאָלאַר. אַוועקגעוואָרפֿן דורך איר באַלעבאָס, ווייל זי האָט אים נישט ווי געהעריק באַפֿרידיקט, איז זי דאָ אַהערגעקומען אַן איבערגעשראָקענע, אַבי צו

עסן, אַבי צו שלאָפן ; אָבער די ערשטע צייט איז זי נישט געשלאָפן, אַלץ ריכטנדיק זיך אויף שלעכטס, ווייל מען פלעגט איר כּסדר זאָגן, אַז די איירזאָפּער פּייניקן זייערע פרויען. ער איז געווען צו איר גוט. זי האָט זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון דער שרעק, אים געפלעגט אין זיין קראַנקהייט, פאַר אים געאַרבעט, אויסגעהאַלטן זיינע אָנפאַלן פון מאַכטלאָזן צאָרן. זיך צוגעבונדן צו אים, ווי אַ הונט, אַ בלינדער, אַ פאַרמוטשעטער, פילנדיק, אַז אויך ער איז אַ הונט, אַ בלינדער, אַ פאַרמוטשעטער. אַצינד האָבן זיי געהאַט אַ קינד. וואָס האָט ער דעם קינד געקאָנט געבן ? קוים אויף צו דערנערן. איין זאַך איז נאָך געבליבן אין זיין מאַכט : ער האָט געקאָנט פאַרשאַפן ווייטיק ; אויף דער וועלט איז דאָ מער ווייטיק, ווי שטערן אין הימל, אָבער ס'איז נישטאָ קיין ערגערע ווייטיק פון דער, וואָס ער האָט געקאָנט פאַרשאַפן דער כינעזערין : אַוועקוואַרפן זי דורך דעם, וואָס ער וועט שטאַרבן. ווי דער אויסגעהונגערטער רוס, זיין שכן, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן צו דער מדרגה פון אַ פּראָסטן אַרבעטער און איינמאָל אין אַ טאָג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אויס נויט ; דאָס ווייב, משוגע ווערנדיק פאַר כעס, האָט אים געפּאַטשט טויטערהייט דערפאַר, וואָס ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן, די פיר יתומימלעך האָבן זיך געטולעט אין ווינקל און איינס פון זיי האָט געפרעגט : „פאַרוואָס שלאָגט איר אייך ?”... דאָס ווייב, דאָס קינד, זיי האָבן אים אָפּגעהיטן פון טויט. דאָס איז גאָרנישט. ניין, דאָס איז גאָרנישט. ווען ער וואָלט געהאַט געלט, וואָלט ער עס איבערגעלאָזט דעם ווייב, דעם קינד, דרייסט זיך געקאָנט דערהרגענען. נאָך ווייניק, וואָס די וועלט האָט אים דאָס גאַנצע לעבן מכבד געווען מיט קאָפּען אין בויך אַריין, האָט זי נאָך צוגעריבט ביי אים די איינציקע ווירדע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אָדער געקאָנט פאַרמאָגן, זיך אויסקלויבנדיק דעם טויט. ער האָט מיט יעדער דאָזע לופט, מיט יעדן כּזית ציטערדיק לעבן פון אַרום, איינגעאָטעמט אין זיך דעם געשטאַנק פון די טויטע קערפּערס, וואָס האָט ביי אַ ליאַדע ווייע פון ווינט זיך אָנגעטראָגן אונטערן אומבאַוועגלעכן ליכט פון דער זון, אַריינגעצויגן אים מיט תענוג, להכעיס דעם עקל־

געפיל, להכעיס זיך אַליין, באַהערשט פון דעם געדאַנק וועגן טשענען, ווי וועגן אַ גוססדיקן חבר, און — ווי דאָס וואָלט געהאַט עפעס אַ באַדייטונג — נאָכגעטראַכט, וואָס עס וועגט אַצינד איבער אין אים: דאָס געפיל פון בושה, פון ברידערלעכקייט, אָדער שרעקלעכער קנאה.

טשען מיט די חברים האָט ווידער פאַרלאָזט די גאַס צוויי רעפובליקן: דער דורכפאָר און די שכנישע געסלעך זענען געווען נישט באַוואַכט, דעם גענעראַלס אויטאָ איז דאָ נישט דורכגעפאָרן. „מען דאַרף ענדערן דעם פּלאַן", האָט טשען געטראַכט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ און קוקנדיק אויף זיינע לאָיאַלע פּאַנטאָפל, וואָס האָבן בייטנדיק זיך געשפּאַנט איבערן טראָטואַר. צוזאַמענשטויסן טשאַנג-קיי-שעקס אויטאָ מיט אַ צווייטן אויטאָ, וואָס וועט גלאָזט ווערן אַקעגן? די אַרמיי האָט אָבער געמעגט רעקווירירן יעדן באַגעגנטן אויטאָ. צוטשעפּען אַ פענדל פון אַ געזאַנדשאַפט אַלס באַשיצונג פאַרן אויטאָ, וואָלט געווען ריזיקאַליש, ווייל די פּאָליציי האָט געקענט די שאָפערן פון אַלע אויסלענדישע פאַרטרעטער. פאַרצוימען די גאַס מיט אַ וואָגן? פאַר טשאַנג-קיי-שעקס אויטאָ איז תמיד געפאָרן אַ פערד מיט דער לייבוואַך. ביי אַ פאַרדעכטיקן געדראַנג וואָלטן די וואַך און די געהיים-אַגענטן אויף די טרעטערס געשאָסן צו יעדן, וואָס וואָלט געפּרווווט זיך דערנענטערן.

— אַ סך גענעראַלן וועלן פאַרלאָזן טשאַנג-קיי-שעקן, ווי נאָר זיי וועלן זיך דערוויסן וואָס זיי דראָט — האָט פּעי געזאָגט. — דעם כוח פון איבערצייגונג האָבן נאָר אונזערע.

— יאָ — האָט סועין באַשטעטיקט. — די זין פון די אומגעברענגטע זענען אַ גוט מאַטעריאַל פאַר טעראָריסטן.

ביידע זענען געווען קינדער פון אַזעלכע, וואָס זענען אומגעקומען דורך טויט-שטראָף.

— און וואָס שייך די גענעראַלן, וואָס וועלן בלייבן, — האָט

פּעי צוגעגעבן — אויב זיי וועלן אפילו שאַפן אַ כינע נישט לויט אונזער פאָרשטעלונג, וועלן זיי אָבער שאַפן אַ גרויס כינע. ווייל זיי וועלן שאַפן מיט אייגן בלוט.

— ניין ! — האָבן איינצייטיק געענטפערט טשען און סוען. ביידע האָבן געוואוסט, ווי טיף די נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען זענען אַריינגעדרונגען צווישן די קאָמוניסטן, דער עיקר פון דער אינטעליגענץ.

פּעי פלעגט פאַרעפנטלעכן אין די צייטשריפטן, וואָס זענען גלייך קאָנפיסקירט געוואָרן, דערציילונגען, געשריבענע אין טאָן פון ביטערער זעלבסט-קריטיק, אַרטיקלען ; דאָס לעצטע אַרטיקל האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער : „די אימפעריאַליסטישע מלוכות פילן זיך זשענירט, כינע האָט דעריבער בדעה נאָכאַמאָל צו שטעלן פאַר אַ נסיון זייערע גוטע הערצער דורך דעם, וואָס זי וועט זיי בעטן צו באַווילן, אַז דאָס גאָלדענע רייפל, מיט וועלכן זיי האָבן איר די נאָז דורכגעשטאָכן, זאָל פאַרביטן ווערן אויף אַ רייפל פון ניקל״. איינצייטיק האָט ער איינגעחזרט די טעראָריסטישע אידעאָלאָגיע. דער קאָמוניזם איז געווען פאַר אים בלויז אַ מיטל, וואָס האָט געפירט צו דער אויפלעבונג פון כינע, דאָס איינציקע עכטע מיטל.

— איך וויל נישט שאַפן קיין כינע, — האָט סוען געזאָגט, — איך וויל דערהייבן אונזערע, — מיט כינע, אָדער אָן איר. די אָרימקייט. פאַר איר בין איך גרייט צו שטאַרבן, צו דערהרגענען. בלויז פאַר איר...

אויף דעם האָט טשען געענטפערט :

— צי מיר וועלן פּרווון וואַרפן די באָמבע אַזוי, אָדער אַנדערש, קיין זיכערקייט וועט קיינמאָל נישט זיין. די שאַנסן זענען צו קליינע. און מען דאַרף היינט פאַרענדיקן.

— דאַרף מען זיך נעמען צו דעם אויף אַן אַנדערן אופן ? אָבער ווי אַזוי ? — האָט פּעי געפרעגט.

— עס איז דאָ אַ מיטל.

וואָלקנס, נידעריקע און שווערע, אויף דער וואַך פון געלבלעכן טאָג, האָבן זיך גערוקט צוזאַמען מיט זיי מיט אַ באַוועגונג, אַן אומ־

קלאָרער און אייליקער. טשען האָט, אַ פּאַרטראַכטער, צוגעמאַכט די אויגן, אָבער כּסדר געגאַנגען; די חברים האָבן געוואַרט, קוקנדיק אויף זיין קרומען פּראָפיל, וואָס האָט, ווי געוויינטלעך, זיך גערוקט איבערן פּאָן פון די מויערן.

— עס איז דאָ אַ מיטל. און דאַכט זיך, אַז בלויז איינס: נישט וואַרפן די באָמבע, נאָר צוזאַמען מיט איר אונטערן אויטאָ אַרונטער.

זיי זענען געגאַנגען איבער צעגראָבענע פּלעצער, וואו די קינדער זענען זיך נישט צונויפגעלאָפן שפּילן. אַלע דריי פאַרטראַכטע.

זיי זענען צוגעקומען צו דער קראָם. דאָס יינגל האָט זיי אַרונטערגעפירט הינטערן בופעט. זיי זענען שטיין געבליבן צווישן די לאָמפּן מיט זייערע טעקעס אונטער די אָרעמס; זיי האָבן זיי ענדלעך אַוועקגעלייגט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. סוען און פּעי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפן כינעזישן שטייגער.

— פאַרוואָס לאַכסטו, טשען?

ער האָט נישט געלאַכט, נאָר געשמייכלט, אפילו אָן איראָניע, אין וואָס דער אומרויִקער פּעי האָט אים חושד געווען; צו זיין אייגענער פאַרוואונדערונג האָט ער זיך דערפילט אין אַ צושטאַנד פון גליקזעליקייט. אַלץ איז געוואָרן אַזוי איינפאַך. די שרעק איז פאַרשוואונדן. ער האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסע לאַסט עס דריקט אויף זיינע חברים, כאָטש עס האָט זיי נישט געפעלט קיין מוט: גיין פרייוויליק אויפן טויט, דאָס איז נישט דאָס אייגענע, וואָס וואַרפן אַ באָמבע אפילו אין די געפערלעכסטע אומשטענדן. ער האָט אָנגעהויבן זיך דרייען הין און צוריק. אַ קליינע דאָזע ליכט האָט דערגרייכט ביז אין ווינקל פון דער קראָם. דער הימל איז געווען גרוי, בלייאיק, ווי פאַר אַ שטורעם; אין ברודיקן נעפּל האָבן אויף די לאָמפּן-גלעזלעך זיך געשפּילט ליכט-בליקן, איבערגעקערטע, אין שורות אויסגעסדרטע פּראַגעצייכנס. טשענס פיגור, אייגנטלעך בלויז דער

נישט קלאָרער קאָנטור פון זיין פיגור, האָט זיך באַוועגט פאַר די אומרויִקע בליקן פון די חברים.

— קיאָ איז גערעכט: אונז פעלט דאָס, וואָס דער יאַפּאַנער פאַרבינדט מיטן באַגריף וועגן האַראַקירי. אָבער דער זעלבסטמאָרד זאָגט צו דעם יאַפּאַנער צו ווערן אַ גאָט, און דאָס שמעקט שוין מיט שאַכעריי. ניין. דאָס בלוט דאַרף פאַלן אויפן מענטש אַזוי, ער זאָל זיך דערפון קיינמאָל נישט באַפרייען.

— איך וועל בעסער זיך באַטייליקן אין אַ סך אַטענטאַטן, איידער דעצידירן צו באַנוגענען זיך מיט איינעם, ווייל נאָך דעם איינעם וועל איך שוין נישט קאָנען אַפילו מיט אַ האַנט אַ ריר־טון.

און דאָך האָט טשענס קול, וואָס האָט גיכער וויברירט אין קלאַנג, איידער אין אינהאַלט פון זיין רעדן, — ווען ער האָט גערעדט כינעזיש און אַריינגעלייגט אין דעם זיין גאַנצע ליידנשאַפט — זיך אָנגענומען מיט אינטענסיווקייט, — עפעס אַ שטראָם האָט צוגעצויגן סועגען, געשפאַנט זיין אויפמערקזאַמקייט, כאָטש ער האָט אַליין נישט געוואוסט אין וואָסער ריכטונג.

— איך דאַרף מיך וואַרפן אונטערן אויטאָ — האָט טשען געזאָגט.

מיט אומבאַוועגלעכע נאַקנס האָבן זיי אים באַגלייט מיט די בליקן, בשעת ער האָט זיך דערנענטערט און דערווייטערט, נישט קוקנדיק אויף זיי. ער האָט פאַרטשעפעט דעם לאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן דיל, זיך אָנגעשלאָגן אָן דער וואַנט, דער אומגעוואָרפענער לאָמפּ האָט געפּלאַצט מיט אַ קלינגעריי, אָבער קיינער איז נישט געבייגט געוועזן צו לאַכן. פון די לעצטע לאָמפּן־רייען האָט די אָנגעבויגענע פיגור אויפגעטויכט איבער זייערע קעפּ; סוען האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס מען דערוואַרט פון אים; דאָך, נישט גלייבנדיק, אָדער שיצנדיק זיך פאַר די אייגענע פאַרזעאונגען:

— וואָס אייגנטלעך ווילסטו?

— טשענען איז קלאָר געוואָרן, אַז ער ווייסט אַליין נישט.

ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער פאַרמעסט זיך נישט מיט סוינעך, נאָר מיטן אייגענעם פאַרשווינדנדיקן געדאַנק. ענדלעך:

— עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין.

— ווילסט, אַז מיר ביידע, איך און פעי, זאָלן זיך מקריב זיין צו גיין אין זעלבן וועג? דאָס אייגנטלעך ווילסטו?

— איך דערוואַרט נישט קיין קרבן. דאָס דרינגט אַרויס פון דער נויטווענדיקייט.

די ליכט-בליקן אויף די לאָמפּן זענען פאַרשוואונדן. עס איז פינסטער געוואָרן אין דער קראָם אָן פענסטער: דאָס זענען זיכער די וואָלקנס זיך צונויפגעגאַנגען איבער דער גאַס. טשען האָט זיך דערמאַנט; אָן גיסאָרסן — „ווער עס טראָגט אויף זיך די משא פון אַזאַ ליידנשאַפט, וואָלט זי פאַרן טויט געוואָלט איבערגעבן אַ צווייטן"... ער האָט דאָס פּלוצלינג פאַרשטאַנען. און אויך סוען האָט פאַרשטאַנען.

— ווילסט שאַפן פון טעראָר אַ מין רעליגיע?

טשענס באַגייסטערונג איז געוואַקסן, אַלע ווערטער זענען געווען פּוסט, נישט זאַכלעך, צו שוואַך, צו קענען אויסדריקן זיין ליידנשאַפט.

— נישט קיין רעליגיע. דעם זין פון לעבן. עפּעס...

ער האָט קאָנוואולסיוו אַ באַוועג-געטון מיט די פינגער: ווי עפּעס פאַרדריקט אין דער האַנט. דער געדאַנק, ווי אַ שווער אָטעמען, האָט זיך באַמיט עפּעס אויפצוכאַפּן.

„... פולשטענדיק זיך באַהערשן. אומצעטיילבאַר. פולקאָם. גרינטלעך. וויסן. נישט זוכן, זוכן די גאַנצע צייט די אייגענע אידעען, די אייגענע התחייבותן. שוין אַ שעה צייט פיל איך גאָרנישט די משא, וואָס ליגט אויף מיר. איר הערט? גאָרנישט".

ער איז אַריין אין אַזאַ התלהבות, אַז ווילנדיק זיי איבער-צייגן, האָט ער גערעדט בלויז וועגן זיך אַליין.

— איך האָב מיך געווינען. קיין שום, אָבער טאַקע קיין שום אויפרעגונג, קיין שום אומרויקייט, וואָס איך פיל געוויינטלעך. גע-

ווינען זיך אין קלעם, ווי די האַנט נעמט אַרום אָט די האַנט (ער האָט זי געדריקט מיטן גאַנצן כּוח) — דאָס איז נאָך ווייניק...

ער האָט אַ כאַפּ-געטון אַ שטיקל גלאָז פון צעבראָכענעם לאָמפּ. אַ דרייקאַנטיקן שפּריץ, פול רעפלעקסן. פּלוצלינג אים אַריינגעהאַקט זיך אין אַן אָדער. זיין איבערגעריסן קול האָט געקלונגען נקמהדיק, ווילד, און ער האָט דאָך געהערשט איבער זיין עקזאַלזאַלטאַציע. לגמרי נישט ווי אַ משוגענער. יענע צוויי האָבן אים קוים געזען אין דער פינסטערניש, און ער האָט דאָך אויסגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן חלל פון דער קראָם. סועגען האָט דורכגענומען אַ שוידער:

— איך בין נישט אַזוי אינטעליגענט, ווי דו, אָבער פאַר מיר... דאָס איז נישט פאַר מיר. איך האָב געזען, ווי מען האָט אויפגעהאָנגען מיין פאָטער ביי די הענט, ווי מען האָט אים געשלאָגן מיט אַ ראָרשטעקן איבערן בויך, ער זאָל אויסזאָגן וואו זיין באַלעבאָס האָט דאָס געלט באַהאַלטן; דער באַלעבאָס האָט לחלוטין קיין געלט נישט געהאַט. איך קעמף פאַר די אייגענע, נישט פאַר זיך.

— פאַר די אייגענע, — קאָנסטו נישט טון קיין בעסערע זאַך, ווי זיך דעצידירן אויפן טויט. קיינעמס נוצלעכקייט קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט אַזאַ אויסוואַל. ווען מיר וואָלטן זיך פריער דעצידירט, וואָלט טשאַנג-קיי-שעק היינט נאָך מיטאָג אונז נישט אַנטרונען געוואָרן, דו ווייסט דאָס אַליין.

— פאַר דיר איז דאָס אפשר אַ נויטווענדיקייט. איך ווייס נישט... — (ער האָט זיך אַ וואָרף-געטון) — ווען איך וואָלט געגאַנגען אויף דעם, פאַרשטייסט? וואָלט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לאָז מיך דערהרגענען נישט פאַר די אייגענע, נאָר...

— נאָר?

דער גרויער בין-השמשות, וואָס איז צוגעפאַלן, ווי נאָר די מיטאָג-שעה איז אַריבער, האָט דאָ געהערשט כּסדר, אַ נישט קלאָרער, אַן אומפאַרענדערלעכער.

— פאַר דיר.

דער שטאַרקער ריח פון נאַפט האָט טשעגען דערמאַנט אַן

די באַניעס, וואָס זענען אויסגעליידיקט געוואָרן ביים אונטערציִנדן דעם פּאָליציי־פּאָסטן אין ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד. אָבער אַלץ איז פאַרזונקען אין דער פאַרגאַנגענהייט, אפילו סוען, אויב ער וויל נישט מיטגיין מיט אים. זיין אייגענער געדאַנק האָט נאָך אין עמבריאָן פאַרוואַנדלט אַלע שטרעבונגען אין גאָרנישט. בלויז איינס — אויסהאָדעווען ריכטער־אָטענטעטער, שאַפן אַ ראַסע פון נקמה־נעמער — איז ווייטיקלעך אויפגעקומען אין אים, פאַרצערנדיק אים, ווי אַלץ, וואָס אין אים איז אויפגעקומען, און ער האָט דידאָזיקע ליידנשאַפט נישט באַהערשט. ער האָט שוין לענגער נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיינעמס אָנוועזנהייט. ער איז אויפגעשטאַנען.

— דו, וואָס שרייבסט — האָט ער געזאָגט צו פּעי — דו וועסט דאָס באַשיידן.

זיי האָבן גענומען זייערע טעקעס. פּעי האָט אויסגעווישט זיינע ברילן. איידער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט טשען פאַרשאַרצט דעם הויז, מיטן טיכל אַרומגעבונדן דעם אָדער, נישט אָפּוואַשנדיק די וואונד, — וואָרים וואָס? זי וועט נישט באַוויַיזן זיך אָנצונעמען. „שטענדיק טוסטו דאָס אייגענע“ — האָט ער זיך געזאָגט, דערמאַנענדיק זיך אָן שטילעט, וועלכן ער האָט זיך אַריינגעהאַקט אין אָרעם.

— איך וועל גיין אַליין — האָט ער געזאָגט. — איך וועל מיר אַן עצה געבן.

— איך וועל פונדעסטוועגן עפּעס אָרגאַניזירן — האָט סוען געזאָגט.

— דאָס וועט אויסקומען צו שפּעט.

פאַר דער קראָם האָט טשען געשטעלט אַ טריט לינקס. פּעי איז אים נאָכגעגאַנגען. סוען האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. נאָך אַ טריט. פּעי איז אים ווידער נאָכגעגאַנגען. טשען האָט באַמערקט, אַז דער בחור מיט די ברילן אין דער האַנט — וויפיל מענטשלעכקייט איז צוגעקומען דעם יוגנטלעכן פּנים אָן די גלעזער אויף די אויגן — האָט שטיל געוויינט

— וואוהין גייסטו ?

— איך גיי.

טשען איז שטיין געבליבן. ער איז ביז אַצינד איבערצייגט געווען, אַז פּעי איז איינשטימיק מיט סוענען ; ער האָט אָנגעוויזן אויף אים מיטן פינגער.

— איך וועל גיין מיט דיר — האָט פּעי געזאָגט.

ער האָט געשטיקט אין זיך די ווערטער און דאָס פאַרשטיקטע שלוכצן האָט באַוועגט זיין האַלז-קנאָפּ.

— פריער מוזטו זיך פאַרקנסן.

ער האָט צונויפגעדריקט די פינגער אויף טשענס אָרעם.

— מוזט זיך פאַרקנסן.

ער איז אָפּגעשפּרונגען. פּעי איז געשטאַנען אויפן טראָטואַר מיט אַ געעפנט מויל, נאָך אַלץ ווישנדיק די ברילן, אַ דערפרייטער. טשען האָט קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז מען קאָן זיין אַזוי איינזאַם.

דריי אַ זייגער.

קלאַפּיק האָט זיך געריכט, אַז ער וועט טרעפן קיאָ אין דער היים. אָבער ניין: אין גרויסן צימער, וואָס איז פאַרלייגט געווען מיט שקיצן, און אַ שילער אין אַ קימאָנע האָט זיי צונויפגעקליבן פון די טעפּיכער, האָט גיסאָרס זיך אונטערגעהאַלטן מיט זיין שוואָגער קאַמאַ.

— גוטמאָרגן, מיין ליבער ! לאָמיך אייך אַרומנעמען !

ער האָט זיך שטיל אַוועקגעזעצט.

— אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געטראָפן אייער זון.

— איר ווילט אויף אים צוואַרטן ?

— איך וועל פּרוון. איך דאַרף מיך נייטיק זען מיט אים. וואָס זענען דאָס פאַר אַ נייע קאַקטוסלעך אונטערן אָפּיום-טישל ? אייער קאָלעקציע ווערט אַלץ רייכער. וואונדערבאַר, מיין פריינט,

וואונדערבאַר ! איך מוז איינס אָפּקויפן. וואו האָט איר זיי אָנגעטראָפן ?

— דאָס איז אַ מתנה. איך האָב זי ערשט מיט אַ שעה צוריק באַקומען.

קלאַפּיק האָט איבערגעלייענט די כינעזישע זילבן, וואָס זענען אויפגעשריבן געווען אויפן פלאַכן שטענגל פון קאַקטוס ; דייטלעך : טרייהייט ; דריי קורצע — דער אונטערשריפט : טשען-טאַ-אויל.

— טשען-טאַ-אויל... טשען... איך קען נישט אַזעלכן... אַ שאָד. דער בחור איז אַ מבין אויף קאַקטוסן.

ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף צומאָרגנס אַרויספאָרן. מען דאַרף שאַפן געלט אויף אַרויסצופאָרן, און נישט קויפן קיין קאַקטוסן. ווי אַזוי פאַרקויפט מען דאָ, פון דער האַנט אַוועק, אַלע קונסט-ווערק אין דער שטאָט אונטער דער מיליטערישער אָקופּאַציע ? ער האָט נישט געהאַט קיין רייכע פריינט. און פּעראַל האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט אָנציען. ער האָט געהייסן קויפן פאַר זיך עטלעכע פון קאַמאַס צייכענונגען, ווי נאָר דער יאַפּאַנישער מאָלער וועט קומען. עטלעכע צענדליק דאָלאַר פאַר דער פאַרמיטלונג...

— קיאָ דאַרף שוין צוריקקומען — האָט גיסאָרס געזאָגט. — אמת, ער האָט היינט אין שטאָט אַ סך זעאונגען...

— ער וואָלט זיי בעסער פאַרנאַכלעסיקט — האָט קלאַפּיק אַ ברום-געטון.

ער האָט נישט באַוויליקט מער צוצוגעבן. נישט געוואוסט, וואָסער באַגריף גיסאָרס האָט וועגן זונס טעטיקייט. און ווייל גיסאָרס האָט גאָרנישט געפרעגט, איז ער אונטערן איינדרוק פון זיין שווייגן ווייכער געוואָרן :

— ווייסט, אַז דאָס איז אַ וויכטיקע זאַך.

— אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו קיאָ, איז פאַר מיר וויכטיק.

— צי ווייסט איר נישט, ווי אַזוי מען וואָלט געקאָנט פאַרדינען אָדער גלייך באַקומען אַ פיר, פינפהונדערט דאָלאַר ?

גיסאָרס האָט טרויעריק אַ שמייכל-געטון. ער איז געווען אָרים, קלאַפּיק האָט דאָס געוואוסט; און די קונסט-ווערק, ווען ער זאָל אפילו מסכים זיין זיי צו פאַרקויפן...

„לאָמיר אַ זוך טון אַ שטיקל אָנהאַלט", האָט דער באַראָן אַ טראַכט געגעבן. ער איז צוגעגאַנגען, באַקוקט די צייכענונגען, וואָס זענען צעוואָרפן געווען איבער די טעפּיכער. געוואוינט צו סעזאַנען און פּיקאַסאָ, האָט ער, פאַרשטייט זיך, די טראַדיציאָנעלע יאַפּאַנישע קונסט נישט געשאַצט לויט די זעלבע באַגריפן, דערויף איז ער געווען צו באַהאַוונט; ער האָט אָבער דעם טאָג געקוקט אויף די צייכענונגען מיט ווידערווילן: צום געשמאַק פון אַ פאַרפאָלגטן מענטש רעדן נישט קיין מילדע זאַכן. בלאָנדזשענדיקע רויכן איבער אַ בערגל, גאַסן פון אַ דערפל אין שלייער פון רעגן, פליענדיקע פייגל איבערן שניי, אָט די גאַנצע וועלט פון מעלאַנכאָליע, וואָס דערציילט דווקא וועגן גליק... קלאַפּיק האָט אַזוי לייכט געקאָנט חלומען וועגן אַ לעבן אין אַ גן-עדן; צום באַדויערן זיך געמוזט פאַרהאַלטן ביים טויער; דאָס האָט פאַרדראָסן.

— די שענסטע פרוי פון דער וועלט, — האָט ער געזאָגט — אַ נאַקעטע, אַליידנשאַפטלעכע, נאָר מיט אַ גאַרטל פון צניעות. דאָס איז פאַר פעראַלן, נישט פאַר מיר.

ער האָט אויסגעקליבן פיר צייכענונגען. אויפגעגעבן דעם אַדרעס דעם שילער.

— דערפאַר, וואָס איר האָט אין זינען אונזער קונסט — האָט גיסאָרס געזאָגט. — דידאָזיקע קונסט האָט אַנדערע אויפגאַבן.

— צוליב וואָס צייכנט איר, קאַמאַ-סען?

אויך אָנגעטון אין אַ קימאָנע — גיסאָרס האָט כסדר געטראָגן זיין הויז-מלבוש, איין קלאַפּיק איז געווען אין הויזן — מיט אַ ליכטיקן גלאַנץ אויפן פליכיקן שאַרבן, האָט דער אַלטער מייסטער אויפמערקזאַם באַטראַכט קלאַפּיקן.

דער שילער האָט צונויפגענומען די שקיצן, איבערגעזעצט זיינע ווערטער אויף יאַפּאַניש, געענטפערט:

— דער מייסטער זאָגט: קודם־כּל פאַרן ווייב, ווייל איך האָב זי ליב...

— איך האָב נישט געפרעגט פאַר וועמען, נאָר — צוליב וואָס?

— דער מייסטער זאָגט, אַז ס׳וועט שווער זיין אייך דאָס אויפצוקלערן. ער זאָגט: ווען איך בין געווען אין איראָפּע, האָב איך באַקוקט די מאָזייען. וואָס מער אייערע מאָלער מאָלן עפּל און אַפילו ליניעס, וואָס דריקן גאָרנישט אויס, אַלץ מער דערציילן זיי וועגן זיך. פאַר מיר חאָט בלויז אַ באַדייטונג די וועלט.

קאַמאַ האָט צוגעגעבן נאָך איין זאַץ; אַ קוים מערקלעכער אויסדרוק פון זיסקייט איז אַריבער איבער דעם פּנים פון אַ מיל־דער אַלטיטשקער.

— דער מייסטער זאָגט: ביי אונז — מאָלעריי, איז דאָס זעלבע, וואָס ביי אייך: באַרעמהאַרציקייט.

אַ צווייטער שילער, דער קוכער, האָט אַריינגעבּרענגט סאַקי *) אין שעלעכלעך און גלייך אַרויסגעגאַנגען. קאַמאַ האָט ווידער עפּעס געזאָגט.

— דער מייסטער זאָגט, אַז ווען ער וואָלט אויפגעהערט צו צייכענען, וואָלט ער זיך דערפילט, ווי אַ בלינד געוואָרענער, און נישט בלויז ווי אַ בלינד געוואָרענער, נאָר אַ פאַראיינזאַמטער.

— אַ רגע! — האָט דער באַראָן געזאָגט, צומאַכנדיק איין אויג און אויפהייבנדיק אַ פינגער. — ווען אַ דאָקטאָר וואָלט אייך געזאָגט: „איר זענט אומהיילבאַר קראַנק, איר וועט שטאַרבן אין משך פון דריי חדשים”, צי וואָלט איר נאָך ווייטער געצייכנט?

— דער מייסטער זאָגט, אַז ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז ער וועט בקרוב שטאַרבן, וואָלט ער מסתּמא געצייכנט נאָך בעסער, אָבער — אויך אויפן זעלבן אופן.

— פאַרוואָס־זשע נאָך בעסער? — האָט גיסאָרס געפרעגט.

*) אַ יאַפּאַניש אַלקאָהאָל־געטראַנק, געמאַכט פון רייז.

ער האָט כּסדר געטראַכט וועגן זון, ס׳איז גענוג געווען דאָס, וואָס קלאַפּיק האָט געזאָגט ביים אַריינקומען, ער זאָל פאַרלירן די רויִקייט.

קאַמאַ האָט געענטפערט, גיסאָרס אַליין האָט איבערגעזעצט:

— ער זאָגט: „עס זענען דאָ צוויי שמייכלען — מיין ווייבס און מיין טאָכטערס; איך וואָלט אַ טראַכט־געטון, אַז איך וועל זיי שוין קיינמאָל נישט זען און וואָלט נאָך מער ליב געקריגן דעם טרויער. די וועלט קאָן מען פאַרגלייכן צו די זילבן פון אונזער שריפט. אַזוי ווי דער סימבאָל דריקט אויס די אייגנטימלעכקייט פון דער בלום, אַזוי דריקט אויס די בלום גופא, אָט דאָס (ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ צייכענונג) די אייגנטימלעכקייט פון עפעס אַ זאַך. אַלץ איז אַ סימבאָל. ווער עס שטרעבט פון סימבאָל צו דער זאַך גופא, דער פאַרטיפט די וועלט, שטרעבט צו גאָט. ער האַלט, אַז ווען דער טויט וועט זיך דערנענטערן... אַנטשולדיקט...

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט קאַמאַן און ווייטער איבערגעזעצט:

„יאָ, דאָס זעלבע. ער האַלט, אַז ווען דער טויט וועט זיך דערנענטערן — וועט ער קאָנען אַריינלייגן אין יעדער זאַך אַזוי פיל באַגייסטערונג, אַזוי פיל טרויער, אַז אַלע פאָרמען וועלן אָננעמען אַזעלכע פאַרשטענדלעכע סימבאָלן, אַז זיי וועלן אַנטפּלעקן דאָס, וואָס זיי באַדייטן, און אויך דאָס, וואָס אין זיי איז פאַרבאָרגן.

קלאַפּיק האָט אויסגעפרווט אויף זיך אַליין, ווי שווער ס׳איז צו ליידן אין דער קעגנוואַרט פון אַ פערזאָן, וואָס פאַרלייקנט דאָס ליידן. ער האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון אויג דאָס אַסקעטישע פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל מילדקייט, בשעת גיסאָרס האָט איבערגעזעצט. מיט די עלנבויגנס ביים קערפּער, מיט צונויפגעפלאָכטענע פינגער, איז קלאַפּיק, וואָס מער די אינטעליגענץ האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין פּנים, אויסערלעך אַלץ מער ענלעך געוואָרן צו אַן אומעטיקער, פרירנדיקער מאַלפּע.

— אפשר האָט איר נישט ווי געהעריק געשטעלט די פראַגע — האָט גיסאָרס זיך מישב געווען.

ער האָט אַרויסגעזאָגט אויף יאַפּאַניש אַ קורצן זאַץ. ביז איצט האָט קאַמאַ כמעט גלייך געענטפערט. אַצינד האָט ער זיך פאַרטראַכט.

— וואָס האָט איר אים געפרעגט?

— וואַס עס וואָלט געווען, ווען דער דאָקטאָר וואָלט אים פאָרגעזאָגט דעם טויט פון זיין ווייב.

— דער מייסטער זאָגט, אַז ער וואָלט נישט געגלייבט דעם דאָקטאָר.

— דער שילער, דער קוכער, איז ווידער אַריינגעקומען, אַריינגעברענגט שעלעכלעך אויף אַ טאַץ. די אייראָפּעישע קליידונג, דער שמייכל, די וואַקלהאַפטע באַוועגונגען, פאַרענדערטע נישט צום דערקענען — אַלץ אין אים האָט אויסגעזען וואונדערלעך אפילו גיסאָרסן. קאַמאַ האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ האַלב קול עפּעס אַ זאַץ, נאָר דער שילער — דער איבערזעצער — האָט נישט איבערגעזעצט.

— אין יאַפּאַן טרינקען די יונגעלייט קיינמאָל נישט קיין וויין — האָט גיסאָרס געזאָגט. — עס טוט אים וויי, וואָס דער שילער האָט זיך אָנגעשיכורט.

זיינע אויגן זענען פאַרנעפּלט געוואָרן: עס האָט זיך געעפנט די אַריינגאַנג-טיר. אַ שאָרכן פון טריט. ניין, דאָס איז נישט געווען קיאָ. דער בליק איז ווידער געוואָרן אַזוי שאַרף ווי פריער, זיך באַגעגנט מיט קאַמאַס בליק.

— און ווען זי וואָלט געשטאָרבן?

צי וואָלט ער געפירט אַזאַ דיאַלאָג מיט אַן אייראָפּעער? אָבער דער אַלטער מאָלער האָט געשטאַמט פון אַן אַנדערער סביבה. איידער ער האָט געענטפערט, האָט אויף זיין פנים זיך באַוויזן אַן אויסגעצויגענער, טרויעריקער שמייכל; נישט אויף די ליפּן, נאָר אויף די אויגן-לעדלעך.

— מ׳קאָן פאַרברענגען אַפילו מיט אַ געשטאָרבענער... עס איז שווערער — אָבער אין דעם שטעקט אפשר דער זין פון לעבן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך געלאָזט גיין אין זיין צימער אַריין, אַוועקגעפירט דורכן שילער. קלאַפּיק האָט זיך אַנידערגעזעצט.

— קיין וואָרט נישט !... אַ חידושדיקע זאַך ! מיין ליבער, אַ חידושדיקע זאַך ! ער איז אַוועקגעגאַנגען ווי אַ גוט דערצויגן געשפּענסט. צי ווייסט איר, אַז יונגע געשפּענסטער זענען זייער שלעכט דערצויגן, אַז די אַלטע מוזן זיך אַ סך אָנשטרענגען, ביז זיי לערנען זיי אויס צו שרעקן מענטשן, ווייל דער אַזויגערופענער יונגער דור קען נישט קיין שום שפּראַך, קען בלויז זאָגן : ציפּ-ציפּ... דערפאַר...

ער האָט איבערגעריסן. ווידער אַ גערויש. און דערנאָך האָט אין דער שטילקייט זיך צעקלונגען אַ גיטאַרע, באַלד איבערגעגאַנגען אין פּליסיקן, מילדן פּיאַניסימאָ, דערגרייכנדיק די נידעריקסטע טענער און לאַנגזאַם אויסגייענדיק אין פייערלעכער גליקזעליקייט.

— וואָס איז דאָס ווידער ?

— ער שפּילט אויף אַ שאַמיז. תּמיד ווען ער ווערט פון עפּעס גערירט : אין דער פרעמד איז דאָס פאַר אים אַ באַשיצונג. ער האָט מיר געזאָגט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון איירּאָפּע : „אַצינד ווייס איך, אַז איך קאָן אומעטום געפינען מיין אינערלעכע רו״...

— ער בלאָזט זיך, דער אַלטער ?

קלאַפּיק האָט געפרעגט, אַ צעשטרייטער : ער האָט זיך איינגעהערט. אין דער שעה, ווען זיין לעבן איז אפשר באַדראָט געווען (כאָטש ער האָט זעלטן אַזוי שטאַרק זיך פאַרנומען מיט זיין לעבן, אַז ער זאָל פילן אַ סכנה), האָבן אים דידאָזיקע ריינע טענער גערירט, אַרויסגערופן אין אים אַן עכאָ פון זיין אַמאָליקער נייגונג צו מוזיק, פאַר וועלכער ער איז אין דער יוגנט גרייט געווען אַלץ אַוועקצוגעבן, און אויפגעוועקט דידאָזיקע גליקלעכע יוגנט.

נאָכאַמאָל אַ שאָרכן פון טריט : דאָס איז קיאָ צוריקגעקומען. ער האָט אַריינגעפירט קלאַפּיקן אין זיין צימער. אַ סאָפע, אַ

שטול, אַ ביוראָ־טיש, ווייסע ווענט: אַן אויסגערעכנטע שטרענגקייט. דאָ איז געווען הייס. קיאָ האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די מאַרינאַרקע אויף דער סאָפֿע, געבליבן אין אַ פּולאָווער.

— אַלזאָ, די זאַך איז אַזוי, — האָט קלאַפּיק געזאָגט. — מען האָט מיר איבערגעגעבן אַ קורצע ידיעה, וועלכע איך ראַט אייך נישט גרינגצושעצן. אויב מיר וועלן נישט עוקר זיין פֿונדאַנען ביז מאָרגן אין אָוונט, וועט מען אונז אָפּרוימען.

פֿון וואָסער קוועלע שטאַמט די ידיעה? פֿון דער פּאָליציי?

— בראַוואָ. איר פֿאַרשטייט אַליין, אַז איך קאָן וועגן דעם קיין סך נישט רעדן. אָבער דאָס זענען נישט קיין וויצן. עס איז אַנטדעקט געוואָרן די מעשה מיטן דאַמפּער. איר מוזט נעלם ווערן, איידער עס וועלן נאָך אַריבער אַכטאונפֿערציק שעה, און פֿריער — קיין פּיפּס נישט.

קיאָ האָט שוין געוואָלט זאָגן: דאָס איז נישט קיין פֿאַרברעך, אויב מיר האָבן געזיגט. ער האָט זיך, אַ ביס געטון אין דער צונג. ער האָט זיך געריכט אויף רעפּרעסיעס בנוגע דער אַרבעטער־באַוועגונג, עס איז דעריבער נישט געווען וואָס זיך צו וואונדערן. עס האָט געדראָט איבערצורייסן, אָבער וועגן דעם האָט קלאַפּיק זיכער נישט געוואוסט, כאָטש מען האָט אים חושד געווען אין פּאָליטישער טעטיקייט, ווייל דאָס געווער פֿון שען־טענג איז צוגענומען געוואָרן דורך די קאָמוניסטן.

— וואָס האָט איר בדעה צו טון? — האָט קלאַפּיק גע־פֿרעגט.

— קודם־כל זיך מישב צו זיין.

— אַ קלוגע אידעע! און איר וועט געפֿינען אַ באָדן אונ־טער די פֿיס?

קיאָ האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען, אַ צעשמייכלטער.

— איך האָב נישט בדעה צו אַנטלויפֿן.

„פֿונדעסטוועגן האָט אייער אינפֿאָרמאַציע פֿאַר מיר אַ גרויסע באַדייטונג“, — האָט קיאָ נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן.

— איר האָט נישט בדעה! איר ווילט בעסער וואַרטן ביז מ׳וועט אייך אומברענגען.

— אפשר. אָבער איך פאַרשטיי, אַז איר ווילט אַרויספאָרן.

— נאָכוואָס וואָלט איך געהאַט צו בלייבן?

— וויפיל דאַרפט איר?

— אַ דריי, פירהונדערט...

— אַ טייל פון דעם וועל איך אפשר קאָנען דעקן. איך וואָלט אייך גערן געוואָלט בייהילפיק זיין. איך בעט מיך נישט חושד צו זיין, אַז איך מיין אַזוי אַרום צו באַצאָלן פאַר דער געפעליקייט...

קלאַפּיק האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון. ער האָט נישט געצווייפלט אין קיִאָס איידלקייט, דאָך האָט אים די איידלקייט גערירט.

— וואו וועט איר זיין היינט אין אָוונט? — האָט קיִאָ געפרעגט.

— וואו איר וועט וועלן.

— אָ, ניין...

— זאָל־זשע זיין אין Black-Catu. איך מוז מיך צואיילן צו שאַפן דאָס געלט.

— מסכים. דער לאָקאַל געפינט זיך אויפן שטח פון דער קאָנצעסיע; די כינעזישע פאָליציי וועט אַהין נישט קומען. און קיידנעפט*) צו ווערן דראָט דאָרט ווינציקער, ווי דאָ: עס איז דאָ צופיל מענטשן... כ׳וועל מיך אַריינכאַפן דאָרט צווישן עלף און האַלב צוועלף. איך האָב דערנאָך אַ זעאונג...

קלאַפּיק האָט אָפּגעווענדט די אויגן.

„... און איך וואָלט נישט געוואָלט אַנטוישן. צי זענט איר זיכער, אַז דער Cat וועט נישט זיין געשלאָסן?

— אַן אומזין! ער וועט ווימלען פון טשאַן־קיי־שעקס אָפיצירן; די, מיט רום באַדעקטע, מונדירן וועלן אין טאַנץ זיך פלעכטן מיט

*) געכאַפּט צו ווערן.

די קערפּערס פון די געפאַלענע מיידלעך. אין רייצנדע גירלאַנדעס, פאַרזיכער איך אייך. איך וועל אַלזאָ וואַרטן אויף אייך, זיך צו־קוקנדיק צו דער געניייטער פאָרשטעלונג, אַזש ביז האַלב צוועלף.

— צי האָפט איר צו באַקומען אין אָוונט נעטערע אינפאָר־מאַציעס ?

— איך וועל פּרוּוון.

— איר וועט מיר אפשר טון אַ גרויסע געפעליקייט. אַ גרע־סערע, ווי איר שטעלט זיך פאָר. זיי האָבן מיין נאָמען ?

— יאָ.

— און האָבן פאַרנאָטירט מיין פאָטער ?

— ניין. איך וואָלט אים געוועזן אויפמערקזאַם געמאַכט. ער האָט נישט גענומען קיין שום אָנטייל אין ענין פון ש ע ן - ט ע נ ג.

קיאָ האָט געוואוסט, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט אין ש ע ן - ט ע נ ג, נאָר אין די רעפּרעסיעס. מאַי ? זי האָט געשפּילט אַ צו קליינע ראָלע, מען זאָל וועגן איר צו וויסן געבן קלאַפּיקן. וואָס שייך די חברים, האָט אַלע געדראָט דאָס זעלבע, וואָס אים.

— איך דאַנק אייך.

זיי האָבן זיך צוזאַמען אומגעקערט. אין זאַל מיט די פּעניקסן האָט מאַי געזאָגט צו גיסאָרסן :

— ס'איז שווער צו אַנטשיידן : אויב דער פּרויען-פאַרבאַנד וועט אָנערקענען אַ גט פאַר די ווייבער, וואָס וועלן שלעכט באַ־האַנדלט ווערן דורך די מענער, ווען די מענער אַרויסטרעטן פון רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד ; אויב ער וועט נישט אָנערקענען, וועט ער אָפּשטויסן פון אונז די ווייבער. זיי וועלן דאָך געדעכט זיין...

— פאַר אָרגאַניזאַציע — האָט קיאָ געזאָגט — האָב איך מורא, איז נאָך צו פרי, אָדער שוין צו שפּעט.

קלאַפּיק האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין.

— איר זענט תּמיד געווען אַ מילדער, — האָט ער געזאָגט צו גיסאָרסן — גיט-זשע מיר דעם קאַקטוס.

— איך האָב אַ שוואַכקייט צו דעם יונגנמאַן, וואָס האָט מיר אים צוגעשיקט... קלויבט אייך אויס אַ צווייטן, גערן...

דאָס איז געווען אַ קליינער האָריקער קאַקטוס.

— זאָל זיין דער.

— צום ווידערזען.

— צום ווי... ניין. און אפשר. צום ווידערזען, מיין ליבער. דער איינציקער מענטש אין שאַנכיי, וואָס עקזיסטירט נישט — קיין וואָרט נישט; עקזיסטירט לגמרי נישט! — באַגריסט אייך, — דער איינציקער.

ער איז אַרויסגעגאַנגען.

מאַי און גיסאָרס האָבן געקוקט אויף קיאָ מיט אומרויִקייט. קיאָ האָט זיי גלייך אויפגעקלערט:

— ער האָט באַקומען אַ ידיעה פון פּאָליציי־אַישע קוועלן, אַז מ'האַלט מיך אויפן אויג; ער ראַט מיר צו אַנטלויפן אין משך פון צוויי טעג, און פריער נישט אַרויסצושטעקן די נאָז פונדאַנען. חוץ דעם הייבן זיך שוין אָן די רעפּרעסיעס. די לעצטע אָפּטיילונגען פון דער ערשטער דיוויזיע זענען שוין אַרויסגעפאָרן פון שטאָט.

דאָס איז געווען די איינציקע דיוויזיע, אויף וועלכער די קאָמוניסטן האָבן געקאָנט אויסשטעלן. טשאַן־קיי־שעק האָט דאָס געוואוסט: ער האָט אַרויסגעגעבן דעם גענעראַל פון דער דיוויזיע אַ באַפעל אַרויסצופאָרן אויפן פראָנט. דער גענעראַל האָט פאָרגעלייגט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו אַרעסטירן טשאַן־קיי־שעקן. מען האָט אים געראַטן אָפּצושלעפן אונטערן אויסרייד פון אַ קראַנקהייט. ער איז בקרוב געשטעלט געוואָרן פאַר אַן אולטימאַטום. ער האָט נישט געוואַגט אָנצוהייבן אַ קאַמף אָן דער הסכמה פון דער פּאַרטיי, געמוזט אַלזאָ פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַמיט בלויז איבערצולאָזן עטלעכע אָפּטיילונגען. אַצינד זענען אויך די אָפּטיילונגען אַרויסגעפאָרן.

— זיי זענען נאָך נישט ווייט — האָט קיאָ צוגעגעבן. די גאַנצע דיוויזיע קאָן נאָך צוריקקומען, אויב מיר וועלן באַהערשן די שטאָט און זיך האַלטן אַ געוויסע צייט.

די טיר האָט זיך אויפגעלענט. עמעצער האָט אַריינגעשטעקט

די נאָז און מיט אַ קול ווי פון אַ קבר אַרויס געזאָגט: „דער באַראָן דע קלאַפּיק עקזיסטירט נישט מער".

די טיר האָט זיך צוריק צוגעמאַכט.

— עס איז נישטאָ קיין ידיעה פון האַן־קאָו? — האָט קיאָ געפרעגט.

— נישטאָ.

זינט זיין אומקערן זיך פון האַן־קאָו, האָט ער אָרגאַניזירט קעגן טשאַן־קיי־שעקן געהיימע קאַמף־אָרגאַניזאַציעס, ווי אַמאָל קעגן דעם צפון־מיליטער. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָפּגעוואָרפן אַלע אָפּאָזיציאָנעלע לאָזונגען, אָבער מסכים געווען צו דערהאַלטן די שטורעם־גרופּעס; דידאָזיקע נייע קאַמפּס־קאַדרען האָט קיאָ געוואָלט איבערגעבן צו אָרגאַניזירן די מאַסן, וואָס האָבן טאָג־טעגלעך זיך געמאָלדן אין די פאַריינען, אָבער עס האָט אים פּאַראַליזירט דער אָפיציעלער קורס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין כינע, די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פאַרשטענדיקונג מיטן קאָמינטאַנג. עס האָט מיטגעאַרבעט מיט אים בלויז דער מיליטערישער קאָמיטעט; נישט דאָס גאַנצע געווער האָט מען אַרויסגעגעבן; טשאַן־קיי־שעק האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל אים נאָך דעם זעלבן טאָג צושטעלן דאָס געווער, וואָס איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די קאָמוניסטן; קיאָ און דער מיליטערישער קאָמיטעט האָבן איבערגעשיקט אַ טעלעגראַפישן אָפּעל קיין האַן־קאָו.

דער אַלטער גיסאָרס, — דאָס מאָל אָריענטירט אין דער סיטואַציע, — איז געווען אומרויִק. ער האָט געזען אין מאַרקסיזם קודם־כּל די פאָרם פון דעטערמיניסטישער אָנשויונג, אַזוי ווייט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אויסגעאַרבעטע מיינונג אין די ענינים פון טאַקטיק. פּונקט אַזוי ווי קיאָ, איז אויך ער געווען זיכער, אַז טשאַן־קיי־שעק צילט צו דערשטיקן די קאָמוניסטן; פּונקט אַזוי ווי קיאָ, איז ער אויך געווען אין דער מיינונג, אַז דאָס דערמאָרדן דעם גענעראַל וואָלט רי רעאַקציע געטראָפן אין פילבאַרסטן אָרט. אָבער ער האָט נישט געגלייבט אין זייער איצטיקער טעטיקייט, ווייל זי האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ פאַרשווערונג. דאָס

דערמאָרדן טשאַן-קײַ-שעקן, אפֿילו דאָס באַהערשן די מאַכט אין שאַנכײַ, וואָלט געפֿירט בלויז צו אַן אַוואַנטורע. ווי אַ סך מיטגלידער פֿון אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער געלייגט די האָפֿענונג אויף קאַנטאָן, וואוהין ס׳האָבן זיך געדאַרפֿט אומקערן די אײַזערנע אַרמײַ און די קאָמוניסטישע פֿראַקציע פֿון קאָמינטאַנג; דאָרט, פֿאַרשאַנצט אין דער רעוואָלוציאָנערער שטאָט, האָבנדיק צו דער דיספּאָזיציע אַ גוט אײַנגעאָרדנטן, געהעריקן אַרסענאַל, האָבן די רויטע געקאָנט זיך באַפֿעסטיקן אויף שטענדיק און אין גינסטיקע באַדינגונגען אָפּוואַרטן די נײַע קאַמפּאַניע פֿון צפֿון, צו וועלכער עס האָט זיך אָפֿן געגרייט די אָנקומענדיקע רעאַקציע. די גענעראַלן פֿון האַן-קאַו, גיריק אויף ערד, וואָלטן נישט געאײַלט זיך אַרײַנצולאָזן אין קאַמפֿן אויף דרום, וואו די פֿאַרײַנען, טרײַ דער גײַסטיקער ירושה פֿון סון-יאַט-סען, וואָלטן זיי פֿאַראורטײלט אויף אַן עקשנותדיקער און נישט שטאַרק פּרוכטבאַרער פּאַרטיזאַנישער מלחמה. אָנשטאָט צו שלאָגן זיך מיט די נאָרדיסטן און דערנאָך מיט טשאַן-קײַ-שעקן, וואָלט די רויטע אַרמײַ די דאגה זיך אַן עצה צו געבן מיט די נאָרדיסטן איבערגעלאָזט פֿאַר אים; אויב ער וואָלט דערנאָך אַרויסגעטרעטן קעגן קאַנטאָן, וואָלט ער שוין געגאַנגען מיט אָפּגעשוואַכטע כּוחות. „די אײַזלען רײַסן זיך צו שטאַרק צו די מײַערן, — האָט גיסאָרס געזאָגט וועגן די גענעראַלן, — אַז זיי זאָלן אונז אַצינד אַ ביס טון, אויב מיר וועלן זיי נאָר נישט פֿאַרשטעלן דעם וועג...” אָבער די מערהייט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײַ אין כינע, און אפֿשר אויך מאָסקווע האָבן געהאַלטן דעם שטאַנדפּונקט פֿאַר „ליקווידאַטאָריש”.

קיאָ האָט אָנערקענט, אַז די בעסטע פּאָליטיק וואָלט געווען זיך אומצוקערן קיין קאַנטאָן. נאָך מער, ער האָט מיט דער הילף פֿון אַ שטאַרקער פּראָפּאַגאַנדע געוואָלט צוגרייטן די אַרבעטער צו אַ מאַסן-עמיגראַציע — זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן — פֿון שאַנכײַ קיין קאַנטאָן. די אויפֿגאַבע איז געווען אַ שווערע, אָבער צום אויספֿירן: דער אָפּזאַץ-מאַרק אין די דרום-פּראָווינצן איז אַ געזיכערטער, אַ מאַסן-צופֿלוס פֿון אַרבעטער וואָלט פּלוצלינג

אינדוסטריאַליזירט קאַנטאָן. אַזאַ טאַקטיק וואָלט באַדראָט שאַנ־
כיי: וועבערס זענען געוויינטלעך פאַרשידן קוואַליפיצירט,
אָבער אויסבילדן נייע אַרבעטער, דאָס וואָלט געהייסן פאָר־
מירן נייע רעוואָלוציאָנערע קאַדרען, סיידן זיי וואָלטן דאָ געהויבן
דעם לוין; „אַ פאַלשע היפּאָטעזע, וואָלט פעראַל געזאָגט, צוליב דעם
קעגנווערטיקן מצב פון דער כינעזישער אינדוסטריע". אויסליי־
דיקן שאַנכיי לטובת קאַנטאָן, ווי האָנג־קאָנג אין יאָר *1925*...
האָנג־קאָנג איז אָפּגעטיילט פון קאַנטאָן אויף פינף שעה גאַנג,
און שאַנכיי אויף פינף טעג: אַ שווערע אויפגאַבע, אפשר שווערער,
ווי גיין אונטער דער מויער, אָבער לגמרי נישט אַזאַ זינלאָזע.

זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון האַן־קאָו, איז ער געווען
זיכער, אַז עס גרייט זיך אַ רעאַקציע; אין פאַל ווען טשאַן־קיי־
שעקס מיליטער זאָל אַטאַקירן די קאָמוניסטן, האָט ער געהאַלטן
די לאַגע פאַר אַזוי פאַטאַל, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, אַפילו
ווען מען זאָל דערהרגענען דעם גענעראַל (אומאָפּהענגיק דערפון,
וואָסערע קאָנסעקווענצן עס וועלן זיין), וועט עס גיכער אויסגיין
צום גוטן. די פאַרייניגן, ווען זיי זאָלן נאָר באַקומען געווער,
וואָלטן געקאָנט אפילו פּרוּוון צעקלאַפּן די דעזאָרגאַניזירטע
אַרמיי.

מען האָט ווידער אָנגעקלונגען. קיאָ איז צוגעלאָפן צו דער
טיר: ענדלעך האָט אַ שליח געבראַנגט אַן ענטפער פון האַן־קאָו.
דער פאָטער און מאַי האָבן שווייגנדיק געקוקט אויף אים, ווען ער
האָט זיך אומגעקערט.

— אַ באַפעל צו באַהאַלטן דאָס געווער — האָט ער געזאָגט.

דאָס פאַפּיר, צעריסן אויף שטיקלעך, צונויפגעדריקט אין זיין
האַנט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קנײַלעכל. ער האָט אויסגעלייגט
די שטיקלעך אויפן אָפּיום־טישל, זיי צונויפגענומען, אַ הייב־געטון
מיט די אַקסלען אויף דעם קינדערישן באַפעל: אויפן באַפעל צו
באַהאַלטן, אָדער באַגראָבן דאָס געווער.

— איך מוז דאָרט גלייך אַהינגיין.

דאָרט — האָט געהייסן אין צענטראַל־קאָמיטעט. ער האָט אַלזאָ

געמוזט אַרויסגיין אויסער דעם שטח פון דער קאָנצעסיע. גיסאָרס האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז ער קאָן וועגן דעם גאָרנישט זאָגן, אַפילו ווען דער זון זיינער זאָל גיין אויפן טויט; דאָס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל: פאַר אים איז דאָס אַ פראַגע פון עקזיסטענץ. גיסאָרס האָט געקאָנט בלויז לײַדן און שווייגן. ער האָט זייער ערנסט אָפּגעשאַצט קלאַפּיקס אימפּראָמאַציעס: אַמאָל, אין פּעקין, האָט דער באַראָן אויף אַן ענלעכן אופן מציל געווען דעם דייטש, וועלכער האָט אַצינד אָנגעפירט מיט טשאַן-קיי-שעקס פּאָליציי, קעניגן, וואָרענענדיק אים, אַז עס גרייט זיך אַ שחיטה אויפן קאַדעטן-קאָרפּוס, צו וועלכן דער דייטש האָט געהערט. גיסאָרס האָט נישט געקענט שפּילעווסקין. ער האָט זיך באַגעגנט מיטן זונס בליק און געפרווט אַ שמייכל טון; דאָס זעלבע קיָאָ; און זייערע בליקן האָבן זיך נישט צעשיידט;ביידע האָבן געוואוסט, אַז זיי קוקן פאַלש, אָבער די פאַלשקייט איז אפשר געווען די געפילפולסטע פאַרשטענדיקונג.

קיָאָ האָט זיך אומגעקערט אין זיין צימער אַריין, וואו ער האָט איבערגעלאָזט די מאַרינאַרקע. מאַי האָט אָנגעטון דאָס מאַנטל.

— וואוהין גייסטו?

— מיט דיר.

— נאָכוואָס?

זי האָט נישט געענטפערט.

— מ׳וועט אונז לייכטער דערקענען צוזאַמען, איידער באַזונדער.

— זיכער נישט. אויב מען קען דיך, איז דאָך נישט קיין חילוק...

— דו וועסט גאָרנישט צונויץ קומען.

— מיט וואָס וועל איך, אין משך פון דער צייט, דאָ יאָ צונויץ קומען? די מענער ווייסן נישט ווי שווער ס׳איז צו וואַרטן...

ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט, שטיין געבליבן, זיך אויסגעדרייט צו איר:

— הער מאַי: ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין דיין פרייהייט, האָב איך זי אָנערקענט.

זי האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און זיך דערשראָקן: זי האָט שוין געהאַט פאַרגעסן. ווירקליך, ער האָט טויב צוגעגעבן:

— ... און דו האָסט זי אויסגענוצט. אַצינד האַנדלט זיך אין מיינער!

— אָבער קיאָ, וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס?

— אָנערקענען די פרייהייט פון עמעצן אַנדערש, הייסט, באַרעכטיקן אים קעגן דעם אייגענעם ליידן, איך האָב דאָס אויסגעפרווט אויף זיך.

— צי בין איך „עמעצער אַנדערש", קיאָ?

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן. יאָ, אין דעם מאָמענט איז זי געווען עמעצער אַנדערש. עפּעס האָט זיך געענדערט צווישן זיי.

— אַלזאָ, דערפאַר, ווייל איך... אַלץ איינס: דאָס איז גענוג, אַז מיר זאָלן אין אַ סכנה נישט קאָנען זיין צוזאַמען?... באַטראַכט דיך, קיאָ! ס'וואָלט עמעצער געקאָנט מיינען, אַז דו ביסט דיך נוקם אין מיר...

— נישט קאָנען איז עפּעס אַנדערש, און בחינם זיך איינשטעלן, איז אויך עפּעס אַנדערש.

— אויב דו האָסט אַזוי שטאַרק געוואָלט דיך נוקם זיין, האָסטו דאָך געקאָנט דיר נעמען אַ געליבטע... איבעריקנס, ניין! פאַרוואָס זאָג איך אַזוי, ווען דאָס איז נישט אמת, איך האָב נישט געהאַט קיין געליבטן, איך בין מיך נאָר איבערגעשלאָפן מיט אַ געוויסן טיפּ. דאָס איז נישט דאָס אייגענע, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז דו מעגסט דיך אויך איבערשלאָפן מיט וועמען דו ווילסט...

— דו ביסט גענוג פאַר מיר — האָט ער איראָניש געענטפערט.

זיין בליק האָט מאַי פאַרוואונדערט: עס זענען געווען אויסגעמישט אין אים די פאַרשידנסטע געפילן: אויך — וואָס איר האָט צום שטאַרקסטן וויי־געטון — דער פאַרפירערישער, שמייכלענדי־

קער אויסדרוק פון זיין פּנים, אין וועלכן ער האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן.

— אַצינד, אין פּופּצן טעג אַרום, — האָט ער צוגעגעבן, — האָב איך לחלוטין נישט קיין חשק זיך איבערצושלאָפן, איך ווינטש מיר עפּעס אַנדערש. איך האָב נישט געזאָגט, אַז דו ביסט נישט גערעכט; איך האָב נאָר געזאָגט, אַז איך וויל גיין אַליין. דו אָנערקענסט מיר ד יי ן פרייהייט, די פרייהייט פון אַזאַ האַנדלונג, ווי דיר געפעלט. פרייהייט איז נישט קיין באַצאָלטע זאַך, נאָר פּשוט פרייהייט.

— ווילסט מיך פאַרלאָזן...

זיי האָבן געשוויגן.

— קיאָ, צי האָבן זיך דען נישט מענטשן ליב דערויף, אַז זיי זאָלן צוזאַמען קאָנען אויפנעמען דעם טויט?

זי האָט זיך משער געווען, אַז ער וויל אַוועקגיין, נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין לענגערע טענות. זי האָט זיך געשטעלט אין דער טיר.

— דו האָסט מיר נישט געדאַרפט געבן די פרייהייט, אויב זי האָט אונז אַצינד געזאָלט צעשיידן.

— דו האָסט דיך נישט געפרעגט.

— דו האָסט זי מיר לכתחילה אָנערקענט.

„מען האָט מיר נישט געדאַרפט גלייבן", האָט ער אַ קלער געטון. דאָס איז אמת, ער האָט זי תמיד פאַרזיכערט, אַז ער לאָזט איר איבער די פרייהייט. אָבער דאָס, וואָס זי האָט זיך פאַררופן אויף אירע רעכט, האָט אים נאָך מער אָפּגעשראָקן. זי האָט געזאָגט מיט ביטערקייט:

— עס זענען דאָ רעכט, וואָס ווערן געגעבן בלויז דערויף, מען זאָל זיי נישט אויסנוצן.

— ווען איך וואָלט זיי געווען אָנערקענט, בלויז כּדי דו זאָלסט אַצינד דיך קאָנען איינשפּאַרן, וואָלט נאָך נישט אַזוי שלעכט געווען...

דערדאָזיקער מאָמענט האָט זיי מער צעשיידט, ווי דער טויט; אויפן פּנים פון אַ געשטאָרבענער זעט מען נאָך די אויגן-הייטלעך, דאָס

מויל, די שלייפן, און יעדעס ווינקעלע, וואָס אָטעמט נאָך מיט וואַרימ־קייט, אָבער אָט די בולטע באַקנביינער, די לענגלעכדיקע אויגן־לעדלעך, האָבן שוין געהערט צו אַן אַנדערער וועלט. זי האָט גע־זאָגט:

— איך שפּאַר מיך גאָרנישט איין. קיאָ, לאָמיר זאָגן, אַז איך באַגיי אַ טעות, אַז איך בין באַגאַנגען אַ טעות, אַלץ וואָס דו ווילסט, אָבער אַצינד, אין דעם מאָמענט, דערווייל, וויל איך מיטגיין מיט דיר. איך בעט דיך.

ער האָט געשוויגן.

— אויב דו האָסט מיך נישט ליב, איז דאָך דיר נישט קיין חילוק, אויב איך וועל מיטגיין... פאַרוואָס־זשע פּייניקן מיר זיך אַזוי ביידע?

„אין אַזאַ מאָמענט", האָט זי, אַ פאַרמאַטערטע, צוגעגעבן.

אַזוי ווי שדים וואָלטן זיך געראַנגלט אין אים, ער האָט דאָס מיט עקל געפילט, אָן ספק. ער האָט טאַקע געוואָלט איר לי־בע ווײ־טון. זי איז דאָך גערעכט, אויב ער האָט זי נישט ליב, וואָס אַרט אים, אַז זי וועט שטאַרבן? ער האָט אָנגענומען דעם אַרגומענט אונטער איר ווירקונג, און דאָס האָט אים נאָך מער אויף איר אויפגערעגט.

זי האָט געהאַלטן ביי וויינען? אירע אויגן האָבן זיך פאַר־מאַכט, און דאָס ציטערן פון די אַקסלען, אַזוי לייכט און אומאויפהער־לעך, אין היפּך צום פאַרגליווערטן פּנים, האָט, דאַכט זיך, קאָנ־צענטרירט אין זיך אַלע מענטשלעכע ליידן. עס האָט זיי אַצינד צעטיילט נישט בלויז זיין ווילן, נאָר אויך די ווייטיק; דאָס פּנים האָט אים ווידער צוגעצויגן; די ברעמען אויף דעם פּנים זענען געווען אויפגעהויבן, ווי אין פאַרוואונדערונג... דער שטערן איבער די פאַרמאַכטע אויגן איז פאַרגליווערט געוואָרן, און דאָס אָנגע־שטרענגטע פּנים מיט די צראָפּגעלאָזטע אויגן־הייטלעך האָט פּלוצלינג אָנגענומען דאָס אויסזען פון אַ טויטן־מאַסקע. ער האָט געזען איר פּנים אין פאַרשידענע אומשטענדן. איר אויסדרוק האָט אויף אים קיינמאָל קיין איינדרוק נישט געמאַכט, אים האָט זיך געוויינטלעך

געדאַכט, אַז זי קאָפּירט. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געזען די טויטן־מאַסקע, מיט די אויגן־לעדלעך, צונויפגעלענטע נישט פון שלאָף, נאָר פון וויי, און דער טויט איז געווען אַזוי נאָענט, אַז די אילוזיע האָט דערמאַנט אָן עפּעס אַ נעפּלהאַפטער פאָרזאָגונג. זי האָט געעפנט די אויגן, נישט געקוקט אויף אים: דער בליק האָט געבלאָנדזשעט איבער די ווייסע ווענט פון צימער; און כאָטש אויף איר פּנים האָט קיין איין מוסקול נישט קיין ציטער געטון, האָט דאָך אַ טרער זיך אַראָפּגעקייקלט לענגאויס דער באַק, זיך פאַרהאַלטן אין ווינקל מויל, פאַרראַטנדיק מיט אַ וויטן אָפּקלאַנג פון לעבן, אַזוי רירנד ווי די ווייטיק פון אַ חיה, דידאָזיקע נישט מענטשלעכע מאַסקע, וואָס איז געבליבן פּונקט אַזוי טויט, ווי פריער.

— עפן די אויגן.

זי האָט אַ בליק געטון.

— איך האָב זיי שוין געעפנט.

— איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דו לעבסט נישט.

— וואָס־זשע?

זי האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען און געזאָגט מיט מיט אַ זייער טרויעריק, פאַרמאַטערט קול:

— ווען מיר וואָלט אויסגעקומען צו שטאַרבן, וואָלט איך געמיינט, אַז אויך דו קאָנסט...

ערשט אַצינד האָט ער פאַרשטאַנען, ווי טיף זי האָט אים גע־רירט: ער האָט זי געוואָלט טרייסטן, אָבער געקאָנט טרייסטן בלויז מיט דעם, וואָס ער וואָלט איר דערלויבט מיטצוגיין. זי האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט זי אַרומגענומען, געקושט אירע אויגן־לעדלעך. ווען זיי האָבן זיך צעשיידט:

— גייען מיר? — האָט זי געפרעגט.

— ניין.

צו ערלעך צו באַהאַלטן זיך מיט אירע אינסטינקטן, האָט זי זיך אומגעקערט צו איר באַגערן מיט יענער קעצישער עקשנות, וואָס האָט אים תמיד גערייצט. זי האָט אָפּגעטרעטן פון דער טיר,

אָבער ער האָט שוין געפילט, אַז ער וועט אַליין דורך דער טיר נישט אַרויסגיין.

— מאַי, צי ווילן מיר זיך אַזוי אומגעריכט פונאַנדערגיין?

— צי האָב איך ביז אַצינד געלעבט ווי אַ פרוי, וואָס נייטיקט זיך אין אַפּוטרופּסות?...

זיי זענען געשטאַנען קעגן זיך און נישט געוואוסט, וואָס נאָך צו זאָגן, און נישט מסכּים געווען מיטן שווייגן, און ביידע געוואוסט, אַז דער מאָמענט, איינער פון די דערהויבנסטע אין זייער לעבן, צערינט: נישט דאָ איז געווען זיין אָרט, נאָר אין קאָמיטעט, און אין אַלעם, וואָס ער האָט גערעדט, האָט זיך געפילט אומגעדולד.

זי האָט מיט אַ באַוועג פון קאָפּ אים אַ ווייז־געטון אויף דער טיר.

ער האָט זי אָנגעקוקט, אַריינגענומען איר קאָפּ אין ביידע הענט, אים לייכט אַ דריק געטון, נישט קושנדיק, ווי ער וואָלט אין דעם דריק אַריינגעלייגט די גאַנצע וואַרימקייט און קראַפט, וואָס אַלע רעפלעקסן פון דער מענלעכער ליבע פאַרמאָגן. ענדלעך האָט ער צענומען די הענט.

עס האָט זיך פאַרמאַכט נאָך אים די טיר: איינע און די צווייטע. מאַי האָט זיך איינגעהערט, ווי וואַרטנדיק — צי ס'וועט זיך נישט פאַרמאַכן נאָך אַ דריטע טיר, וועלכע איז נישט געווען, — מיט נאַכלעסיק צעעפנטע ליפּן, אָנגעטרונקען מיט פּיין, אַצינד ערשט פאַרשטייענדיק, אַז מיט דעם, וואָס זי האָט אים געגעבן אַ אַ צייכן, ער זאָל גיין אַליין, האָט זי געהאָפט אַרויסצורופן דעם דעם לעצטן, איינציקן רעפלעקס, וואָס זאָל דעצידירן, אַז זיי זאָלן גיין צוזאַמען.

קי.אָ איז קוים אָפּגעגאַנגען אַ הונדערט טריט, ווי ער האָט באַגעגנט קאַטאָוון.

— טשען געפינט זיך דאָרט?

ער האָט אַ ווייז־געטון אויפֿן הויז פֿון די גיסאָרס.

— ניין.

— דו ווייסט אַבסאָלוט נישט וואו ער איז?

— ניין. וואָס איז דען?

קאַטאָוו איז געווען רויִק, אָבער די קרומע מינע אויף זיין פּנים...

— טשאַן־קיי־שעק באַנוצט זיך מיט עטלעכע אויטאָס. טשען ווייסט דאָס נישט. די פּאָליציי האָט אינפֿאָרמאַציעס אָדער איז עפּעס חושד. אויב קיינער האָט טשענען נישט אויפֿמערקזאַם געמאַכט, וועט ער זיך בלויז לאָזן כאַפּן און אויסברענגען די באָמבעס. איך זוך אים שוין לאַנג. ער האָט דאָס געזאָלט דערליידיקן איינס אַ זייגער. מיר ווייסן בלויז איינס: די באָמבעס זענען נישט געוואָרפֿן געוואָרן.

— ער האָט געדאַרפֿט נאָכשפּירן אויף דער גאַס צוויי־רע־פּובליקן. צומבעסטן וועט זיין געוואויר צו ווערן ביי העמעלריכן.

קאַטאָוו האָט זיך אויסגעדרייט, כּדי אַהינצוגיין.

— האָסט ביי דיר דיין ציִאַנעק*)? — האָט אים קיִאָ פֿאַרן אַוועקגיין געפֿרעגט.

— איך האָב אים.

ווי אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פֿירער, האָבן זיי ביידע געהאַט ביי זיך ציִאַנעק, באַהאַלטן אין פֿלאַכן שנאָל פֿון פּאַסעק, וואָס האָט זיך געעפֿנט ווי אַ שעכטל.

ער איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער נישט געקאָנט זיך אָפּטרייסלען פֿון די געדאַנקען. פֿאַרקערט: דאָ אין דער ליידיקער גאַס האָט ערשט מאַי געהאַט איבער אים אַן איבערגעוויכט — דאָ האָט ער אָנגענומען אַלץ, וואָס ער האָט אין איר קעגנוואַרט אָפּגעוואָרפֿן. ער איז אַריינגעגאַנגען אין כינעזישן קוואַרטאַל, וואָס אמת — נישט מעכאַניש, אָבער אָן מורא. „צי האָב איך גע־

---

*) איינער פֿון די שטאַרקסטע גיפֿטן.

לעבט ביז אַצינד ווי אַ פֿרוי, וואָס נייטיקט זיך אין אַפּוטרופּסות ?..״ מיט וואָסער רעכט האָט ער זיין נעבעכדיקע אַפּוטרופּסות אָנגעוואָרפֿן דערדאָזיקער פֿרוי, וואָס האָט אַפֿילו מסכּים געווען, ער זאָל גיין אַליין ? אין נאָמען פֿון וואָס האָט ער זיך צעשיידט מיט איר ? צי וואָלט ער געקאָנט ערוב זיין, אַז ער האָט זיך אַזוי אַרום נישט נוקם געווען אין איר ? אַצינד זיצט זי אוודאי אויפֿן בעט, צעבראָכן פֿון צער, וואָס ווייסט נישט פֿון קיין באַשייד.

ער האָט מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט גיין צוריק.

דער זאַל מיט די פּעניקסן איז געווען ליידיק : דער פֿאָטער איז געהאַט אַרויסגעגאַנגען. מאַי איז נאָך אַלץ געזעסן אין צימער. איידער ער האָט געעפֿנט די טיר, איז ער שטיין געבליבן, זיך שטיקנדיק מיט דער ברודערשאַפֿט פֿון טויט, און פֿאַר אָט דער קאָמוניע, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער באַגייסטערונג, אַנטדעקט אין זיך, ווי ווייט איבלדיק און שענדלעך דער קערפּער איז. ער האָט אַצינד פֿאַרשטאַנען, אַז די הסכּמה מיטצונעמען דאָס געליבטע וועזן, איז דער העכסטער אויסדרוק פֿון ליבע, איבער וועלכן עס איז שוין נישטאָ קיין העכערס.

ער האָט געעפֿנט די טיר.

זי האָט אַ כאַפּ געטון דאָס מאַנטל אויף זיך און אָן ווערטער אים נאָכגעגאַנגען.

א פּערטל אויף פּיר

שוין אַ לענגערע צייט האָט העמעליך געקוקט אויף זיינע פֿליטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קונים אויף זיך. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין דער טיר, לויטן אָפּגערעדטן סימן. ער האָט געעפֿנט. ס׳איז אַריינגעקומען קאַטאָוו.

— האָסט געזען טשענען ?

— ער איז בלויז חרטה־געפֿיל, — האָט העמעליך אַ ברום געטון.

— וואָס איז ?

— גאָרנישט. אַזוי האָב איך געזען. אַרום איינס, צוויי. עס שטימט ?

— איך מוז אים אַ ב ס אָ ל ו ט זען. וואָס האָט ער געזאָגט ?

פון שכנותדיקן צימער האָט אַזש דאָ אַהער דערגרייכט דאָס שרייען פון יינגל, און דערנאָך די שטילע רייד פון דער מוטער, וואָס האָט זיך באַמיט דאָס ליבער איינצונעמען.

— ער איז דאָ געקומען מיט צוויי חברים, איינער איז געווען סוען, דעם צווייטן קען איך נישט. אַ פּאַרשוין אין בערלין. מיט אַ חשיבותדיקער מינע. די טעקעס אונטערן אָרעם: פֿאַרשטייסט ?

— טאַקע דערפֿאַר מוז איך אים אָפּזוכן.

— ער איז געקומען, כדי צו זיצן ביי מיר אַ דריי שעה.

— אַך אַזוי ! גיב־זשע אים אַהער.

— רעד נישט. הער, וואָס מ'זאָגט דיר : ער איז געקומען, כדי דאָ צו זיצן אַ ביסל — איך האָב אים משליח געווען. דו הערסט ?

אַ שווייגן.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז איך האָב אים משליח געווען.

— וואוהין האָט ער געקאָנט גיין ?

— ער האָט גאָרנישט געזאָגט. גערעדט אַזוי פיל, ווי דו. היינט שווייגן אַלע...

העמעלריך, אַ קאָנצענטרירטער, קוקנדיק כמעט מיט פֿאַראַכטונג, איז געשטאַנען אין מיטן דער קראָם. אויסמיידנדיק אים מיטן בליק, האָט קאַטאָוו אים געזאָגט :

— דו יעלהוועסט צו שטאַרק אויפן אייגענעם חשבון, אַבי צו האָווקען, אַבי זיך צו פֿאַרטיידיקן.

— וואָס פֿאַרשטייסטו דאָרט ? וואָס אַרט דאָס דיך ? קוק נישט אַזוי אויף מיר מיט דער טשופּרינע אויפן שפּיץ קאָפּ, מיט די צעשפּרייטע הענט, ווי ביים הער יעזוס, אַז כאָטש נעם און קלאַפּ אַריין טשוועקעס אין זיי.

קאַטאָוו האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף העמעלריכס אַקסלען.

— נאָך אַלץ אַזוי שלעכט, דאָרט אויבן?

— אַ ביסל בעסער. אַ קנאַפּע טרייסט. אומגליקלעך נפֿש!... אַזוי אויסגעדאַרט, און אַ קאָפּ האָט עס אַ גרויסן. ווי אַן אָפּגעפֿליקט הינדל זעט עס אויס... לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן דעם...

דער בעלגער האָט זיך האַסטיק אַ דריי אויס געגעבן, גענומען גיין, פֿלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט, און צום סוף מיט אַ מאָדנע גאַנג פֿון אַ קאַפּריז ייִנגל זיך אין ווינקל פֿאַרוקט.

— עס איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. נו, מאַך נאָר נישט אַזאַ מינע, ווי עס וואָלט דיך אַ צרעת באַשלאָגן, און דו מוזט דיך קראַצן כסדר און אַכטונג געבן, צי עס זעט נישט ווער. איך האָב אים נאָך נישט פֿאַרשיט. אַלץ איז אין אָרדענונג. איך פֿאַרשיט נאָך נישט...

קאַטאָוו האָט טרויעריק מיט די אַקסלען אַ הייב־געטון.

— דו וואָלסט דיר בעסער פֿון האַרץ אָפּגערעדט.

— איך האָב געוואָלט מיטגיין מיט אים.

— מיט טשענען?

קאַטאָוו האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער מוז דערווייל איבעררייסן זיין זוכן. ער האָט גערעדט מיט אַ שטיל, אָפּגעשוואַכט קול פֿון אַ באַזיגטן מענטש. טשאַן־קיי־שעק קערט זיך אום ערשט ביינאַכט, ביז דעמאָלט וועט טשען גאָרנישט קאָנען אויפֿטון.

העמעלריך האָט מיטן גראָבן פֿינגער אַ וויז געטון איבערן אַקסל אַריבער אין דער ריכטונג, פֿונוואַנען עס האָט זיך דערטראָגן דאָס שרייען פֿון קינד:

— אָט הער. הער. קאָן איך שוין עפּעס אויפֿטון?

— האָבן געדולד...

— ביז דאָס קינד וועט שטאַרבן, וואָס? הער, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן: שוין אַ האַלבן טאָג טראַכט איך, אַז איך וואָלט צופֿרידן געווען. נאָר אויב ס׳וועט שוין טאַקע האַלטן דערביי, וועל איך

זיכער ווען, אַז עס זאָל נישט שטאַרבן, אַז עס זאָל לעבן, אפילו קראַנקערהייט, אפילו פאַרקריפּלטערהייט...

— איך ווייס...

— פונוואַנען? — האָט העמעלריך, אַ בפירוש באַליידיקטער, אַ פרעג-געטון. — וואָס ווייסטו? האָסט דאָך נאָך אפילו נישט חתונה געהאַט?

- איך האָב שוין יאָ חתונה געהאַט.

- כ׳וואָלט דאָס געוואָלט זען. אין דיין שטאַנד... ניין, די וואַרימע שמ....עך, וואָס מען זעט אויף די גאַסן, זענען נישט פאַר אונז..

ער האָט זיך משער געווען, אַז קאַטאָוו טראַכט אַצינד וועגן דער פרוי, וואָס וואַכט דאָרט אויבן איבערן קינד.

— זי איז איבערגעגעבן, אוודאי. מיט אַלץ, וואָס זי קאָן נאָר, און מער קאָן מען פון איר נישט פאַרלאַנגען, פון איר אוודאי נישט, דאָס איז פאַר די רייכע. ווען איך זע די פּאָרלעך מיט די פאַרליבטע מינעס, האָב איך חשק זיי אין די מאָרדעס צו דערלאַנגען.

— אויב זי איז איבערגעגעבן, איז דאָס שוין אַ סך... דער עיקר איז נישט איינזאַם צו זיין.

— און דערפאַר שטייסטו דאָ און פּלוידערסט, הא? כדי מיר לייכטער צו מאַכן?

— יאָ.

— אויס רחמנות.

— נישט אויס רחמנות. גיכער...

אָבער קאַטאָוו האָט נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט... אפשר איז גאָר אַזוינס נישט געווען. ער האָט געפּרווט אויסטייטשן זיין געפיל אויף אַן אַנדערן אופן:

— אויך איך האָב כמעט דאָס זעלבע איבערגעלעבט. אפילו אָט דעם כלומרשטן... צאָרן דיינעם... וואָרים, ווי אַזוי וואָלט איך, לויט דיין מיינונג, געקאָנט פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן, ווען איך זאָל זיי נישט האָבן איבערגעלעבט... דעריבער וואונדערסטו מיך לגמרי נישט.

ער האָט זיך דערנענטערט מיטן קאָפּ צווישן די אַקסלען, קוקנדיק מיט איין פֿאַרזשמורעט אויג אויף אים. ער האָט גערעדט, פֿאַרשלינגענדיק די וואָקאַלן; ביידע זענען אַזוי געשטאַנען מיט אָנגעבויגענע קעפּ, ווי גרייט צו שלאָגן זיך, אָבער קאַטאָוו האָט געוואוסט, אַז ער איז דער שטאַרקערער, כאָטש נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס. אפשר האָט דאָס גורם געווען זיין קול, זיין רויִקייט, די קראַפֿט פֿון זיין פּריינטשאַפֿט?

— אַזעלכער, וואָס ברעכט אַלץ: — אויב ער טרעפֿט נאָר אָן אויף אמתער איבערגעגעבנהייט, אויף קרבנוויליקייט, אָדער אַן אַנדערן האַטשיק אַזעלכן, ברעכט ער זיך אַליין איין.

— אָן בלאָף! וואָס טוט ער דעמאָלט?

— ער ווערט אַ סאַדיסט — האָט קאַטאָוו געענטפֿערט, קוקנדיק רויִק אויף אים.

די גריל. די טריט אויף דער גאַס זענען ביסלעכווייז שטילער געוואָרן.

— אמתער סאַדיזם טרעפֿט זיך זעלטן; און אַזעלכער, וואָס איז בלויז מויל-מלאכה, האָט נישט קיין באַדייטונג. נאָר אויב די פֿרוי איז אַבסאָלוט מסכּים, אויב זי איז גרייט צו גיין אויף אַלץ... איך האָב געקענט אַזאַ פּאַרשוין, וואָס איז רויִק געגאַנגען שפּילן מיטן געלט, וואָס זיין ווייב האָט איין משך פֿון יאָרן זיך אָנגעזאַמלט, כּדי צו פֿאָרן אין אַ סאַנאַטאָריום אַריין. אַ פֿראַגע פֿון לעבן און טויט. ער האָט פֿאַרשפּילט. (אין אַזעלכע פֿאַלן פֿאַרשפּילט מען תּמיד). ער איז צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער, אַן אַבסאָלוט צעבראָכענער, ווי דו אין איצטיקן מאָמענט. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים, ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו איר בעט. זי האָט גלייך פֿאַרשטאַנען. און וואָס מיינסטו איז דערנאָך געווען? זי האָט אים געפּרוּווט טרייסטן...

— עס איז לייכטער — האָט העמעלריך פּאַמעלעך געזאָגט — צו טרייסטן אַנדערע, ווי זיך אַליין.

און פּלוצלינג אויפֿהייבנדיק די אויגן:

— דאָס ביסטו דער פּאַרשוין?

— שווייג! קאַטאָוו האָט אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין בופעט אַריין.

— ווען איך וואָלט דאָס געוועזן, וואָלט איך געזאָגט: איך, און נישט קיין אַנדערער.

אָבער זיין כעס איז גלייך אַריבער.

— איך האָב נישט געהאַנדלט דווקא פונקט אַזוי, און מען מוז נישט דווקא פונקט אַזוי האַנדלען. ווער עס גלייבט אין גאָר־נישט, קודם־כּל בלויז דערפאַר, וואָס ער גלייבט אין גאָרנישט, מוז אָנהייבן גלייבן אין דעם ווערט פון אַ האַרץ, אויב ער געפינט אַזוינס. דאָס געשעט פון זיך אַליין. און אַזוי איז טאַקע געשען מיט דיר אויך. ווען נישט די פרוי און דאָס קינד, וואָלסטו געגאַנגען. איך בין זיכער. וואָס?

— אָבער אויב די דרייסט זיך אַרום אויף דער וועלט בלויז צוליב דידאָזיקע האַרץ־מעלות, פאַרשלינגט דיך דאָס און פרעסט דיך אויף. אויב עס מוז שוין אַזוי זיין, אַז יעדער מוז אויפגע־פרעסן ווערן... אָבער דאָס אַלץ איז געה..ט. עס גייט נישט אין דעם, ווער עס איז גערעכט. איך קאָן נישט שלום שליסן מיטן געדאַנק, אַז איך האָב טשענען הינטער דער טיר אַרויסגעשטעלט, און וואָלט אויך נישט אויסגעהאַלטן, ווען ער וואָלט דאָ געזעסן.

— מען דאַרף נישט פאַרלאַנגען פון חברים דאָס, וואָס זיי קאָנען נישט טון. איך זוך חברים, נישט קיין הייליקע. איך האָב נישט קיין צוטרוי צו הייליקע.

— צי איז דאָס אמת, אַז דו האָסט דיך פרייוויליק פאַריי־ניקט מיט די, וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די בליי־גראָבנס?

— איך בין סיי־ווי פאַרשיקט געוועזן — האָט קאַטאָוו זשעבידרט געזאָגט. — גראָבנס, צי פאַרשיקונג — דאָס איז אַלץ איינס...

— אַלץ איינס? אַ ליגנט!

— וואָס ווייסטו וועגן דעם!

— אַ ליגנט! דו וואָלסט אויפגענומען טשענען.

— איך האָב נישט קיין קינד...

— מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט אים געקאָנט לייכטער אויסגעמען, אַפּילו ביים געדאַנק, אַז מ׳וועט מיר דערהרגענען דאָס קינד, ווען עס וואָלט נישט געווען קראַנק... איך בין אַ בהמה. באמת אַ בהמה. און אפשר גאָרנישט קיין אַרבעטער. איבעריקנס ? איך שטעל מיר פאָר אַזאַ גאַז-לאַמטערנדל, אונטער וועלכן אַלע, וואָס לעבן פריי אויף דער וועלט, קומען משתין זיין.

ער האָט אַ באַוועג-געטון מיטן פלאַכן פנים, ווידער אָנווייזנדיק אויפן גאָרן, ווייל דאָס קינד האָט ווידער געשריגן. קאַטאָוו האָט נישט געוואַגט צו זאָגן : „דער טויט וועט דיר אומקערן די פרייהייט”. אים האָט ער זי אומגעקערט. פון מאָמענט אָן, וואָס העמעלריך האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי אַ דערינערונג. נאָך זיין אומקערן זיך פון סיביר, אַ דערשלאָגענער, אָן אַ פונק האָפענונג, נישט קאָנענדיק מער באַגייען זיין איבערגעריסענעם מעדיצינישן שטודיום, איז ער אַריינגעטרעטן אַלס אַרבעטער אין אַ פאַבריק. ער איז איבערצייגט געווען, אַז ער וועט נישט דערלעבן די רעוואָלוציע און טרויעריק אונטערגעהאַלטן אין זיך די רעשטלעך לעבן, אויסשטעלנדיק אויף ליידן אַ יונגע, אין אים פאַרליבטע, אַרבעטערין. אָבער ער האָט זי נישט לאַנג געמאַטערט. די צאַפּלדיקע האַרציקייט פון דעם ווייזן, וואָס האָט געליטן פאַר איר פייניקער, האָט אים טיף גערירט. פון דעמאָלט אָן האָט ער געלעבט בלויז פאַר איר. ער האָט פון געוואוינהייט ווידער זיך פאַרנומען מיט רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, אָבער אין דער ליבע אַריינגעלייגט זיין גאַנצע ליידנשאַפט. ער איז פאַרכאַפּט געווען פון דער גרענעצלאָזער האַרציקייט, מיט וועלכער די אומעטיקע אידיאָטקע האָט אים אַרומגערינגלט : ער האָט לאַנגע שעהן געגלעט אירע האָר, געשלאָפן מיט איר גאַנצע טעג. זי איז געשטאָרבן, און דערנאָך... בלויז דאָס האָט אויפגעטויכט צווישן אים און העמעלריכן. נישט קיין סך.

בלויז מיטן רעדן האָט ער כמעט גאָרנישט געקאָנט אויפטון ; אָבער חוץ דעם רעדן זענען געווען נאָך די באַוועגונגען, די בליקן, זיין אָנוועזנהייט גופא. ער האָט פון דערפאַרונג געוואוסט,

אַז דאָס ערגסטע איז די איינזאַמקייט. אָפּרעדן זיך פון האַרץ — פאַרלייכטערט; אָבער פון אַלע ווערטער, מיט וועלכע דער מענטש באַנוצט זיך, זענען די ווינציקסטע יענע, דורך וועלכע ער קאָן אויסדריקן זיין טיפע ווייטיק. אפשר וועט ער זיך מיט עפּעס שלעכטס אַרויסכאַפּן, אפשר עפּעס פאַרלייקענען, און העמעלריך וועט האָבן אַ נייע סיבה זיך צו פאַראַכטן. קאַטאָוו האָט טרויעריק אַ קוק־געטון אויף אים, — עס איז אים דורכגעלאָפן אין רעיון, אגב שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, ווי אָרעם, — ווי אומגעשיקט עס זענען אַלע אויסדריקן פון מענטלעכן מיטגעפיל.

— דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין. מען קאָן דאָ גאָרנישט זאָגן.

העמעלריך האָט אויפגעהויבן אַ האַנט, זיך שווער אַראָפּגעלאָזט, ווי עס וואָלט אים דערלויבט געווען אויסצוקלויבן בלויז צווישן מפּלה און זיין אומגעלומפּערט לעבן. אָבער ער איז געשטאַנען פאַר קאַטאָוון אַ צעטראָגענער.

„איך וועל באַלד ווידער זיך קאָנען אַרויסלאָזן זוכן טשעגען", האָט קאַטאָוו אַ קלער־געטון.

זעקס אַ זייגער.

— דאָס געלט איז נעכטן איינגעצאָלט געוואָרן — האָט פּעראַל בעזאָגט צום פּולקאָווניק, וואָס איז דאָס מאָל געווען אָנגעטון אין אַ מונדיר. — ביי וואָס האַלטן מיר?

— דער מיליטערישער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעשיקט צו טשאַן־קיי־שעקן זייער אַ לאַנגע נאָטע מיט אַן אָנפראַגע, ווי אַזוי צו האַנדלען, אויב עס וועלן אויסברעכן אומרוען.

— ער וויל זיין געדעקט?

דער פּולקאָווניק האָט אַ קוק געטון אויף פּעראַלן איבער זיין בעלמע אַריבער און פּשוט געענטפערט: „אָט איז די איבערזעצונג".

פעראַל האָט איבערגעלייענט דעם דאָקומענט.

— איך האָב אפילו דעם ענטפער — האָט דער פולקאָווניק צוגעגעבן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פאָטאָגראַפיע; איבער טשאַן-קיי־שעקס אונטערשריפט האָבן זיך געפונען צוויי זילבן.

— דאָס באַדייט?

— דערשיסן.

פעראַל האָט אויסגעדרייט דעם בליק צו דער וואַנט, אויף וועלכער ס'איז געהאָנגען דער פּלאַן פון שאַנכיי מיט גרויסע רויטע פלעקן; די־דאָזיקע פלעקן האָבן באַצייכנט די קאָנצענטראַציע פון די אָרימע אַרבעטער־מאַסן. די „וואַך פון די פאַריינען, וואָס באַשטייט פון דרייטויזנט מאַן, אפשר נאָך דרייטויזנט; צי וועלן זיי וואַגן? קענגן זיי טשאַן-קיי־שעק מיט דער אַרמיי...״

— ער וועט באַצייטנס אָנהייבן אויסשיסן די קאָמוניסטישע אָנפירער? — האָט ער געפרעגט.

— וואָרשיינלעך. עס וועט נישט קומען צו קיין אומרוען; די קאָמוניסטן זענען כמעט אַנטוואָפנט, און טשאַן-קיי־שעק האָט אויף זיין זייט דאָס מיליטער. די ערשטע דיוויזיע איז אַרויסגעפאָרן אויפן פראָנט; די איינציקע נישט זיכערע דיוויזיע.

— איך דאַנק אייך. צום ווידערזען.

פעראַל האָט זיך געקליבן צו וואַלעריען: לעבן שאָפער איז געזעסן אַ באָי, וואָס האָט אויף די קני געהאַלטן אַ גרויסע, געגילטע שטייג מיט אַ קאַץ. וואַלעריע האָט געבעטן פעראַלן, ער זאָל איר ברענגען אַזאַ פויגל. ווי נאָר דער אויטאָ האָט גערירט, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע דעם בריוו און אים נאָכאַמאָל איבערגעלייענט. עס האָט זיך אָנגערוקט דאָס, פאַר וועלכן ער האָט שוין אַ חודש צייט מורא געהאַט. די אַמעריקאַנער וועלן אָפּשטעלן די ווייטערדיקע קרעדיטן.

די באַשטעלונגען פון דער אינדאָכינעזישער גענעראַל־רעגירונג האָבן שוין נישט געקלעקט צו דערהאַלטן אין באַוועגונג די פאַבריקן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן מיטן ציל צו פירן אַן אויס־

טויש פון סחורות, וואָס האָט געדאַרפט מיט יעדן חודש זיך פאַרגרעסערן און האָט גאָר מיט יעדן טאָג זיך פאַרקלענערט: די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון פראַנק-אַזיאַטישן קאָנסאָרציום האָבן געבּרענגט דעפיציט. די אַקציעס, וואָס זייער קורס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך די בּענק פון פעראַלס גרופּע, דורך די פראַנצויזישע פינאַנס-גרופּעס, וואָס זענען מיט זיי פאַרבּונדן געווען, און, קודם-כּל, דורך דער אינפלאַציע, — האָבן אַצינד, נאָך דער סטאַבּיליזאַציע פון פראַנק, געליטן אַ קראַך. די איינציקע שטיצע האָבן זיי קאָנסאָרציום-בּענק באַקומען פון די פּלאַנטאַציעס: דער עיקר פון די קאַוטשוק-געזעלשאַפטן. סטעפענסאָנס*) פּלאַן האָט געהויבּן דעם קורס פון קאַוטשוק פון *16* סענט אויף *112*. פעראַל, אַלס אינדאָכינעזישער פּראָדוצענט פון heveasu, האָט אַזוי אַרום געוואונען פון דער האָסע, און קיינער האָט אים נישט געגייט צו באַגרענעצן די פּראָדוקציע, וואָס האָט זיך נישט געפונען אין דער ספערע פון די ענגלישע איינפלוסן. איינצייטיק האָבן די אַמעריקאַנער בּענק, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך פּראַקטיש איבערצייגט, וואָס עס צאָלט פאַר דעם פּלאַן אַמעריקע, וואָס איז דער הויפּט-קאָנסומענט, גערן געגעבּן קרעדיט אויף דער פאַרזיכערונג פון די פּלאַנטאַציעס. אַצינד אָבער האָט די אָרטיקע פּראָדוקציע פון האָלענדישן אינדיע, די דראָונג פון די אַמעריקאַנער פּלאַנטאַציעס אויף די פיליפּינען, אין בּראַזיליע, אין ליבעריע — גורם געווען צום פאַלן פון קאַוטשוק-קורס. די אַמעריקאַנער בּענק האָבן אָפּגעשטעלט דעם קרעדיט צוליבּ די זעלבּע סיבּות, וואָס זיי האָבן אים פריער געעפנט. דאָס פאַלן פון דעם איינציקן אַרטיקל פון ערשטן געבּרויך, אויף וועלכן ער האָט געשטיצט זיינע האָפעכונגען — געגאָסן פון קרעדיט, שפּעקולירנדיק נישט אַזוי פיל

*) דאָס באַגרענעצן די קאַוטשוק-פּראָדוקציע אויף אַלע טעריטאָריעס פון דער בּריטישער אימפּעריע (דעם הויפּט-פּראָדוצענט פון דער וועלט), וואָס איז אויסגערעכנט געווען אויפן שטייגן פון קאַוטשוק, וואָס איז געפאַלן נידעריקער פון קאָסטן-פּרייז.

אויפֿן דיווח, וויפֿיל אויפֿן ווערט פֿון די פּלאַנטאַציעס גופֿא, — די סטאַבּיליזאַציע פֿון פֿראַנק, וואָס האָט גורם געווען צום פֿאַלן פֿון אַלע ווערט־פּאַפּירן, (וואָס זיינע בּענק, וועלכע האָבּן זיך בּאַמיט וועגן אַ קאָנטראָל איבּער זייער אומזאַץ, האָבּן געהאַט אין אַ גרויסער צאָל), דאָס אָפּשטעלן די אַמעריקאַנער קרעדיטן, — דאָס אַלץ האָט מיט איינמאָל בּאַדראָט פֿעראַלן. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אויבּ די מיסערפֿאָלגן וועלן נאָר בּאַקאַנט ווערן, וועלן אַלע פּאַריזער און ניו־יאָרקער שפּעקולאַנטן זיך בּאַמיען צו וואַרפֿן זיינע פּאַפּירן; זיי וועלן דאָס לייכט דערגרייכן... די איינציקע רעטונג האָט ער געקאָנט דערוואַרטן אין נאָמען פֿון מאָראַלישער בּאַריקזיכטיקונג; אַלזאָ, בּלויז פֿון דער פֿראַנצויזישער רעגירונג.

אין דער צייט פֿון אַ מפּלה דערפֿילן די פֿינאַנס־גרופּעס זייער נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט. געוואוינט זיך צוצוקוקן: „ווי אַזוי מען רויבּט צו בּיים בּירגער זיין אָפּגעשפּאָרטן גראָשן", האָט די רעגירונג נישט ליבּ צו זען, ווי אַזוי מען רויבּט בּיים זעלבּן בּירגער צו די האָפֿענונג: מען מוז אים איבּערלאָזן די עקשנותדיקע האָפֿענונג פֿון אַ שפּילער, וואָס רעדט זיך איין, אַז ער וועט אַ ליאַדע טאָג אַרויסקריגן זיין געלט, פֿון דעם אַליין איז ער שוין האַלבּ בּאַפֿרידיקט. ס'וואָלט דעריבּער פֿאַר פֿראַנקרייך זייער שווער געווען איבּערצולאָזן דאָס קאָנסאָרציום אויף גאָטס בּאַראָט, ווי זי האָט דאָס געטון מיט דער כינעזישער אינדוסטריע־בּאַנק; איידער אָבּער פֿעראַל וועט זיך קאָנען ווענדן צו דער רעגירונג נאָך הילף, האָט ער פֿונדעסטוועגן פֿריער געמוזט פּרוּוון עפּעס אויפֿטון; קודם־כּל האָט מען געדאַרפֿט דערשטיקן דעם קאָמוניזם אין כינע. טשאַן־קיי־שעק וועט בּאַהערשן דעם מלוכה־צענטער, און מ'וועט דעמאָלט קאָנען אַ קלער טון וועגן דער כינעזישער בּאַן, די הלוואה דאַרף אויסמאַכן דריי מיליאָן פֿראַנק אין גאָלד, וואָס וועלן מיט זיך פֿאָרשטעלן אַ סך מיליאָנען פֿראַנק אין פּאַפּיר. אמת, נישט ער אַליין וועט בּאַקומען די בּאַשטעלונגען אויף די בּוי־מאַטעריאַלן, פּונקט ווי נישט ער אַליין שטיצט אַצינד טשאַן־קיי־שעקן, אָבּער דאָך וועט ער זיך אויך בּאַטייליקן אין דעם שפּיל. נאָך מער: די

אַמעריקאַנער בענק האָבן מורא, אַז דער קאָמוניזם זאָל נישט זיגן אין כינע; נאָכן פאַלן פון די רויטע וועלן זיי ענדערן זייער פּאָליטיק. אַזוי ווי פּעראַל, אַלס פּראַנצויז, איז פּריווילעגירט אין כינע: „איז נישטאָ קיין רייד, אַז דאָס קאָנסאָרציום זאָל זיך נישט באַטייליקן אין בויען פון דער באַן”. ער האָט געהאַט באַרעכטיקטע טענות צו פאָדערן שטיצע ביי דער רעגירונג; די שטיצע וואָלט ווינציקער געקאָסט ווי אַ נייער קראַך: די קרעדיטן זענען טאַקע געווען אַמעריקאַנישע, אָבער די פאַרזיכערונגען און אַקציעס — פראַנצויזישע. אין פעריאָד פון פאַרשאַרפטן קריזיס אין כינע, קאָן ער, פאַרשטייט זיך, נישט געווינען אויף יעדע קאָרט, וואָס ער האַלט אין דער האַנט, אָבער ווי סטעפּענסאָנס פּלאַן אין זיין צייט, אַזוי האָט אויך אַצינד דער זיג פון קאָמינטאַנג געדאַרפט זיכערן אַ גינסטיקע אַנטוויקלונג פאַרן קאָנסאָרציום. די סטאַביליזאַציע פון פראַנק האָט אים געברענגט הזיקות, דאָס פאַלן פון קאָמוניזם אין כינע וועט אים ברענגען ריווחים...

ער האָט דאָך זיין גאַנץ לעבן נישט געטון עפּעס מער, ווי אין דורכגאַנג אָפּגעוואַרט און זיך געוואָרפן אויף די כוואַליעס פון יענע עקאָנאָמישע וועלט-שטראָמען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פון מתנות און געענדיקט מיט שלאָגן אין בויך אַריין? אין דער נאַכט, וואָס די צוקונפט זאָל נישט ברענגען, זיג אָדער מפלה, האָט ער זיך געפילט אָפּהענגיק פון אַלע וועלטלעכע מאַכט-פאַקטאָרן. דערפאַר אָבער איז געווען אַ פרוי, וואָס פון איר האָט ער זיך נישט געפילט אָפּהענגיק, די פרוי, וואָס וועט אין אַ ווײַלע אַרום זיך געפינען אין זיין מאַכט; די צייגניש פון הכנעה, אויפגעשריבן אויפן פּנים פון דערדאָזיקער געפאַנגענער פרוי, וועט, ווי אַ האַנט אויף די אויגן, פאַרשטעלן דעם פלאָנטער פון מניעות, וואָס טויכן אויף, ווי פעלזן-שפּיצן, אויפן גרונט פון זיין לעבן. ער האָט זי באַגעגנט אויף עטלעכע אויפנאַמען (זי האָט ערשט מיט דריי טעג צוריק זיך אומגעקערט פון קיאָטאָ),

און זיך יעדעס מאָל געפֿילט געפּלעוועט און איריטירט פֿון דעם ווידערשטאַנד, מיט וועלכן זי האָט געוואָלט צערייצן זיינע חושים, זיך אַקעגנשטעלן זיין מאַכט, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט פֿונדעסטוועגן מסכּים געווען צו פֿאַרברענגען מיט אים די היינטיקע נאַכט. קיינמאָל נישט זאַט פֿון באַוואונדערונג, — געשלעכט פֿאַרהערלעכט טיכטיקער און גרינטלעכער, ווי אינטעלעקט, — ווען נאָר די באַוואונדערונג האָט געוועקט אין אים ספקות, האָט ער זיך גע־געוועגדט צו די חושים, כּדי דורך זיי די באַוואונדערונג פֿונאַנ־דערצובלאָזן. דעריבער האָט ער דאָס לעצטע מאָל זיך אַזוי צוגע־קוקט צו וואַלעריען: ליפּן, אָנגעקוואָלענע פֿון תּענוג, גיבן אַ סך זיכערקייט. ער האָט מיט ווידערווילן זיך באַצויגן צו איר קאָקעטעריע, כאָטש אָן דער קאָקעטעריע וואָלט זי פֿאַרלוירן פֿאַר אים איר גאַנצן ווערט: יעדער אויסדרוק פֿון להכעיסדיקייט האָט אים ליידנשאַפֿטלעך אויפֿגערעגט. דאָס אַלץ אָבער איז געווען זייער נישט זיכער, ווייל די שאַרפֿסטע פֿרייד פֿון באַזיצן האָט ער איבערגעלעבט פֿון דעם, וואָס באַרירנדיק איר קערפּער, האָט ער געמוזט, כּדי צו וועקן זיין ליידנשאַפֿט, זיך פֿאָרשטעלן, אַז ער געפֿינט זיך אויף איר אָרט. ווי עס זאָל נישט זיין — אַ דעראָבערטער קערפּער איז אים גע־ווען ליבער, ווי אַזעלכער, וואָס האָט זיך אים גוטוויליק אָפּגע־געבן, — באַטעמטער פֿון אַלע אַנדערע קערפּערס.

ער איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון אויטאָ און אַריינגעגאַנגען אין אַ ס ט אָ ר; דער באָי האָט אים חשיבותדיק נאָכגעטראָגן די שטייג אין דער האַנט. אויף דער וועלט זענען געווען מיליאָנען טויטע וועזנס: פֿרויען, וואָס זייער ליבע איז אים לגמרי נישט אָנגעגאַנגען, און איין לעבעדיקער קעגנער: אַ פֿרוי, וואָס איז מחויב אים ליב צו האָבן. דער געדאַנק וועגן פֿולשטענדיקן באַזיצן האָט אים גע־שטעקט ווי אַ טשוואָק אין קאָפּ. זיין שטאָלץ האָט געפֿאָדערט נישט באַפֿרידיקונג, נאָר קאַמף מיט אַ צווייטן אים פֿיינטלעכן שטאָלץ. דעם אָוונט האָט דער שפּיל זיך אָנגעהויבן גינסטיק, ווייל עס האָט, קודם־כּל, געוואַרט אויף אים דאָס בעט.

אין דער האַלע איז צו אים צוגעקומען עפּעס אַן אייראָפּעער פון דער האָטעל־באַדינונג.

— די מאַדאַם סערזש האָט פאַראָרדנט מודיע צו זיין דעם הער פּעראַל, אַז זי וועט היינט ביינאַכט נישט צוריקקומען; אָט דער הער, וועט אַלץ וועגן איר אויפקלערן.

פּעראַל האָט, אַ צעטומלטער, אַ קוק־געטון אויף „אָט דעם הער", וואָס איז געווען אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס, און קוים געקאָנט איינזיצן אויף דער שטול: דאָס איז געווען אַ דירעקטאָר פון אַן ענגלישער באַנק; ער האָט שוין אַ חודש צייט זיך געשאַרט צו וואַלעריען. נישט ווייט פון פאַראַוואַן האָט עפּעס אַ באָי, מיט דער זעלבער חשיבות, וואָס פּעראַלס באָי, געהאַלטן אין דער האַנט אַ שטייג מיט אַ קאָס. דער ענגלענדער איז, אַ פאַראומערטער, אויפגעשטאַנען, אַ דריק־געטון פּעראַלס האַנט, אַ זאָג־געטון:

— אפשר וועט איר אַזוי גוט זיין, מיר אויפקלערן...

זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מ'האָט זיי ביידע אויסגעשטעלט פאַר פרייערס. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, אַרומגערינגלט מיט די כיטרע שמייכלען פון די באָיס און די מינעס פון די ווייסע האָטעל־אַרבעטער, וואָס האָבן כלומרשט אויסגעוויזן פאַרמרהשחורעס. אין רעס־טאָראַן איז געווען אַ מאַסע מענטשן; אין דער צייט איז גאַנץ שאַנ־כיי זיך צונויפגעקומען אויף אַ קאָקטייל. פּעראַל האָט זיך געפילט נאָך מער אויסגעלאַכט, ווי זיין ריוואַל: יענער איז דאָך נאָך געווען כמעט אַ שנעק.

די פאַראַכטונג, וואָס האָט זי אונטערגעהעצט, אויך אַזאַ טיפע ווי דער כעס, האָט אים אויף אַ ווײַלע פאַרגיטיקט פאַר זיין דערנידערונג. ער האָט דערפילט, אַז עס רינגלען אים אַרום אמתע אוממענטשלעכע בעסטיעס, וואָס זענען גרייט אים צו רייסן ביי די פּאָלעס, זיך אָנהענגען אויף די אַקסלען: עס האָבן געקוקט אויף אים די עקלהאַפטסטע קרעטינען, וואָס נאָר די ערד איז אומ־שטאַנד אַרויסצוגעבן. ער האָט נישט געוואוסט ווי ווייט זיי אָריענטירן זיך אין זיין סיטואַציע, האָט ער דעריבער אָנגענומען, אַז

זיי קענען זי גוט, און זיך געפילט קעגן זייער איראָניע, ווי געטראָפן פון אַ פּאַראַליזש, וואָס זיין טיפקייט וואָלט מען נאָר געקאָנט אויסמעסטן מיט כּעס.

— דאָס איז צום פאָרן? — האָט איין באַי געפרעגט דעם צווייטן.

— איך ווייס נישט.

— מיינער איז אַן ער.

— נו, יאָ. און איך האָב אַ זי.

— דאָס איז זיכער צוליב דעם.

דער ענגלענדער האָט זיך פאַרנייגט פאַר פּעראַלן און צוגע־גאַנגען צום פּאָרטיער. יענער האָט אים דערלאַנגט אַ בריוו. דער ענגלענדער האָט איבערגעלייענט, אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל אַ וויזיט־קאַרטע, זי צוגעשפּילעט צו דער שטייג, געזאָגט צום פּאָרטיער „פאַר דער מאַדאַם סערזש" און אַרויסגעגאַנגען.

פּעראַל האָט זיך באַמיט צונויפצונעמען די געדאַנקען, צו קאָנצענטרירן דעם ווילן. ער וואָלט זיך נישט געפילט פון איר מער באַעוולט, ווען זי וואָלט אים אין שלאָף אויסגעגראַבלט די אויגן: זי האָט פאַרשטראָכן זיין עקזיסטענץ. אַלץ, וואָס ער וועט טראַכטן, וועט טון, וועט פאַרלאַנגען. עס איז געווען בלויז די איינע קאָ־מישע סצענע; זי איז פאָרגעקומען און וועט קיינמאָל נישט אויפ־הערן עקזיסטירן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַרומגערינגלט פון מכשפות, איינער אַליין, און טאַקע ער, דאָס איז ער געווען דער אויסגעלאַכטער. און אַלס צולאָג צו די צרות — ער האָט נישט געפילט קיין קאָנסעקווענצן, נאָר אַ רייע כּסדרדיקע מפּלות, ווי דער כּעס וואָלט אים פאַרוואַנדלט אין אַ מאַזאָכיסט — אַלס צולאָג צו די צרות וועט ער נאָך אויך נישט שלאָפן מיט איר. אַלץ מער דורשטיק זיך נוקם צו זיין אין דעם אומדערגרייכבאַרן קערפּער, איז ער דאָ געשטאַנען אַן אומגעדולדיקער צווישן די שפּאָטישע בליקן, קוקנ־דיק אויף די גלייכגילטיקע באָיס, וואָס האָבן געהאַלטן די שטייגן אין די גלייך אַראָפּגעלאָזטע הענט. די פייגל האָבן אים כּסדר פאַר־שאַפט בזיון. אָבער קודם־כּל האָט מען געמוזט דאָ בלייבן. ער האָט

באַשטעלט אַ קאָקטייל און פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, דערנאָך געשטאַנען אומבאַוועגלעך, פֿאַרנומען מיטן שוועבעלע, וואָס ער האָט אויף שטיקלעך געבראָכן אין דער קעשענע פֿון דער מאַרינאַרקע. זיין בליק האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אָן עפּעס אַ פּאָרל. ער — פֿול עלעגאַנץ, — אַ פֿאַרייניקונג פֿון גרויליכע האָר מיט נאָך אַ יונג פּנים: זי — אַ גראַציעזע, אַ ביסל ענלעך צו אַ געמעל אויף אַ מאַגאַזין־פֿאַרפּאַקונג, קוקנדיק אויף אים מיט נישט פֿאַרבאָרגענער ליבשאַפֿט, צאַרטער, אָדער ליידנשאַפֿטלעכער. „זי האָט אים ליב, האָט פֿעראַל מיט קנאה אַ טראַכט־געטון. און דאָס איז זיכער עפּעס אַ טעמפּ נפש, וואָס זיין גאַנצע עקזיסטענץ איז אפֿשר אָפּהענגיק פֿון איינער פֿון מיינע אונטערנעמונגען... ער האָט געשיקט נאָכן פּאָרטיער.

— איר האָט אַ בריוו פֿאַר מיר. גיט אים אַהער!

דער פֿאַרוואונדעטער פּאָרטיער, וואָס האָט פֿונדעסטוועגן נישט פֿאַרגעסן אָן זיין חשיבות, האָט דערלאַנגט דעם בריוו.

„צי ווייסטו, מיין ליבער, אַז ווען די פּערסישע פֿרויען פֿאַלן אַריין אין צאָרן, שלאָגן זיי די מענער מיט זייערע טרעפּעס, וואָס זענען באַקלאַפּט מיט טשוועקעס? דאָס זענען נישט קיין פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿרייען. נאָך דעם, קערן זיי זיך ווידער אום צום אַלטן לעבנס־סדר, נישט אמת? — און די טרערן, וואָס ווערן צוזאַמען פֿאַרגאָסן מיט אַ נאָענטן מענטש, זענען אין אַזאַ סדר צו גאָרנישט מתחיב. אָבער ס'איז גענוג זיך איבערצושלאָפֿן מיט אַ נאָענטער פֿרוי, כּדי דאָס לעבן, אין וועלכן „מען האָט פֿרויען" — נישט אַזוי? — זאָל אויסזען הערלעך. איך בין נישט קיין פֿרוי, וואָס מען קאָן זי נעמען, אַ נאַרישער קערפּער פֿאַר דיין פֿאַרגעניגן וועגן, לייכט צום אָפּנאַרן, ווי אַ קינד. דו ווייסט אַ סך פֿאַרשידענע זאַכן, מיין ליבער, אָבער דו וועסט שוין ביזן טויט אַריין נישט וויסן, אַז אַ פֿרוי איז א ו י ך אַ מענטשלעך באַשעפֿעניש. איך האָב שטענדיק פֿאַרברענגט צווישן מענער, וואָס האָבן געזען אין מיר אַ סך רייץ. (כ'וועל אפֿשר, צום באַדויערן,

קיינמאָל נישט באַגעגענען קיין אַנדערע, דו באַגרייפֿסט אַפֿילו נישט ווי ערנסט איך שרייב : און דאָס איז נאָך ערגער, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פֿאַר קיין שום זאַך, אַבי אָקעגנצוקומען מיינע פֿאַרלאַנגען, אָבער זיי האָבן אויך געקאָנט זאָרגן פֿאַר פֿריינט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַן אמת מענטשלעכער זאַך. איך האָב קאַפּריזן נישט בלויז כדי דיר צו געפֿעלן, נאָר אויך כדי געהאָרכט צו ווערן ; מיין משוגעת, ווייס, וואָס עס באַדייט דאָסדאָזיקע רייצפֿולע משוגעת : עס איז ענלעך צו דיין פֿילבאַרקייט. דו האָסט אַפֿילו קיין טראַכט נישט געטון, אַז די פּרובט, וואָס דו ווילסט פֿון מיר צונויפֿנעמען, קאָן זיך פֿאַרוואַנדלען אין ווייטיק...

איך האָב געקענט געניוג מענער און ווייס ווי אַזוי אָפּצושאַצן שטיפֿעריי : פֿאַר אַ מאַנסביל, וואָס שטעלט אויף דער קאָרט זיין ווירדע, האָט די קלענסטע נאַרישקייט אַ גרויסע באַדייטונג, און דער ערגסטער תענוג איז טאַקע דאָס, וואָס באַפֿרידיקט תמיד זייער לייכט דידאָזיקע ווירדע. איך וויל נישט זיין קיין הכנעהדיקער קערפּער, ווי דו ביסט — אַ טשעק-ביכל. דו באַגייסט דיך מיט דיר, ווי עס באַגייען זיך מיט דיר די גאַסן-מיידלעך : „רעד, וואָס דו ווילסט, אַבי צאָל...” איך בין טאַקע דער קערפּער, חוץ וועלכן דו זעסט גאָרנישט, איך ווייס, אַז איך בין עס. נישט תמיד קומט מיר לייכט אָן זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן דער פֿאָרשטעלונג, וואָס עמעצער האָט וועגן מיר. אין דיין קעגנוואָרט לאָז איך מיך באַהערשן פֿון מיין קערפּער, מיט ווידערווילן, ווי כ'לאָז מיך פֿרילינגסצייט באַהערשן פֿון דער פֿרייד. ווייל ס'איז היינט פֿרילינג, מיין טייערער, פֿאַרבּרענג-זשע טאַקע אַ ביסל אָנגענעם מיט די פֿייגל. און אַ צווייט מאָל — לאָז צורו דעם קאָנטאַקט.

ווי".

ער האָט כסדר געטראַכט, אַז ער האָט אויסגעבויט וועגן, געענדערט דאָס גאַנצע לאַנד, אַרויסגעריסן פֿון זייערע דאָרפֿישע נעסטן טויזנטער פּויערים, וואָס וואוינען אַצינד אין ליימיקע תפֿיסה-כאַטעס, צעוואָרפֿענע אַרום די פֿאַבריקן, — ווי די פּאָדאָלן, ווי די גרויס-הערשער פֿון רוימישן קעניגרייך ; דער קאָס

אין דער שטייג — האָט אַרומגעשטיפּט . די מאַכט, די ניכטערקייט, די דרייסטקייט, מיט וועלכע ער האָט געענדערט אינדאָכינע, מיט וועלכער ער האָט אויפגעשטעלט די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אַצינד, נאָכן בריוו פון אַמעריקע, געדריקט אויף אים מיט זייער לאַסט, — דאָס אַלץ האָט אויסגעזען נישטיק אין אָנגעזיכט פון דעם פויגל, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו פייפן... „אַזוי פיל דאגה צוליב איין פרוי". נישט צוליב אַ פרוי ; זי איז בלויז אַ פאָן, וואָס מען האָט אים פון דער האַנט אַרויסגעריסן ; ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע כוחות אַזש ביז איבער דער גרענעץ פון ווילן. די ליידנשאַפטלעכע אויפרעגונג, אַראָפּגעשטויסן פון טאָר, האָט גענערט זיין כעס, אים אַריינגעבראַכט אין צושטאַנד פון היפּנאָז, אין וועלכן ער האָט זיך געשטיקט און געגאַרט נאָך בלוט, אַלס פאַרגיטיקונג פאַר זיין שאַנד. ווער עס זוכט באַלד זיך נוקם צו זיין, קאָן זיך נוקם זיין נאָר אין קערפּער. ער האָט געדענקט קלאָפּיקס ווילדע מעשהלע וועגן דעם אַפגאַניסטאַנישן פירער, וואָס אַ צווייטער פירער פון אַ שכנישן שבט האָט פאַרגוואַלטיקט זיין ווייב, און זי צוריקגעשיקט מיט אַ בריוו צום מאַן : „איך שיק דיר אָפּ דאָס ווייב, זי איז נישט אַזוי הערלעך, ווי מען שמועסט וועגן איר". נאָכדעם ווי ער האָט געפאַנגען דעם פאַרגוואַלטיקער, האָט דער פירער אים אַריינגעשלעפּט צו זיין ווייב, וואָס איז געווען אויסגעטון נאַקעט, און געהייסן אים אויסשטעכן די אויגן, זאָגנדיק : „דו האָסט זי געזען און אָפּגעשטויסן, אָבער אַצינד קאָנסטו שווערן, אַז דו וועסט זי שוין קיינמאָל נישט זען". ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער געפינט זיך אין וואַלעריעס צימער, אַז וואַלעריע, אַ צוגעבונדענע מיט שטריק צום בעט, אַ געפּענטעטע, שרייענדיק און שלוכצענדיק, אַזוי ענלעך צו עראָטישע ספּאַזמעס, קורטשעט זיך פון פּיין, ווייל ער האָט זי נישט געקאָנט צווינגען צו דעם אין זיינע אָרעמס. דער פּאָרטיער האָט געוואַרט. „מען מוז מאַכן אַ רויִקע מינע, ווי אָט דער אידיאָט, כאָטש איך וואָלט אים גערן דערלאַנגט אַ צוויי מאָל אין דער מאָרדע אַריין". דער אידיאָט וועט פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט אַ שמייכל־טון. ער האָט דאָס אָפּגעלייגט

אויף שפעטער. פעראַל האָט געזאָגט: „איך וועל באַלד צוריק־קומען", נישט באַצאָלט פאַרן קאָקטייל, נישט גענומען דעם הוט, אַרויסגעגאַנגען.

— צום גרעסטן פייגל־צוכטער — האָט ער געזאָגט צום שאָפער.

דער וועג איז געווען נישט קיין ווייטער, אָבער די קראָם איז געווען פאַרמאַכט.

— אין כינעזישן קוואַרטאַל — האָט דער שאָפער געזאָגט — איז דאָ אַ גאַנצע גאַס פון פייגל־צוכטער.

- פאָר.

דער אויטאָ האָט ווידער געריירט. אין פעראַלס פאַנטאַזיע האָט אויפגעטויכט אַ סצענע פון עפּעס אַ מעדיציניִשער בראָשור, אַ ווידוי פון אַ פרוי, וואָס איז גרייט געווען אויף אַלץ, אַבי פון עמעצן געשמיסן צו ווערן. זי האָט זיך שריפטלעך אָפּגעשמועסט מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן, און ווען זי איז שוין געלעגן אויפן בעט אין האָטעל, האָט זי פלוצלינג מיט שרעק דערפילט, אַז זי וויל אַנטלויפן. דאָס איז געווען אין זעלבן מאָמענט, ווען דער מאַנס־פערשוין, באַוואָפנט מיט דער בייטש, האָט שוין געהאַט פולשטענדיק פאַראַליזירט אירע הענט אונטערן צוגעדעקטן קלייד; ער האָט נישט געזען איר פנים, אָבער דאָס איז געווען וואַלעריעס פנים. פאַר־האַלטן זיך פאַרן ערשטן בעסטן כינעזישן שאַנד־הויז? ניין: קיי־נעמס קערפּער וועט נישט איינשטילן זיין מענלעכן שטאָלץ, וואָס איז געווען אויפגעקאָכט פון באַליידיקונג.

דער אויטאָ האָט זיך געמוזט פאַרהאַלטן פאַר אַ דראָט־פאַר־צוימונג. קעגנאיבער איז געלעגן דער כינעזישער קוואַרטאַל, אַ טונקעלער, נישט איבעריק זיכערער. גלייכער אַזוי: פעראַל האָט זיך דערווייטערט פון אויטאָ און איבערגעלייגט דעם רעוואָלווער אין דער קעשענע פון דער מאַרינאַרקע; ער האָט זיך גע־וואונטשן באַפאַלן צו ווערן: מען דערהרגעט, ווען מען קאָן.

די גאַס פון פייגל-צוכטער און הענדלער פון חיות איז פאַרוּוּנקען געווען אין שלאָף; נישט געקוקט דערויף, האָט דער באַי אָנגעקלאַפּט אין ערשטן לאָדן פון ראָג און אויסגערופן: „אַ קליענט". די הענדלער האָבן מורא געהאַט פאַר זעלנער. אין פינף מינוט אַרום האָט מען געעפנט די טיר; אין הערלעכן געלבלעכן האַלב-שאָטן, וואָס הערשט געוויינטלעך אין די כינעזישע קראָמען, האָבן עטלעכע שטילע שפרונגען פון קעץ אָדער מאַלפּעס אַרום אַ לאַמטערנדל, און דערנאָך אַ פאָכען פון פליגל — צו וויסן געטון, אַז די חיות און פייגל וועקן זיך. אין דער טונקלהייט — שטומפּיקרויזלעכע שטרייפן: פאַפּוגייען אויף שטעקעלעך.

— וויפיל דאַרפן קאָסטן די אַלע פייגל?

— בלויז די פייגל? אַכט הונדערט דאָלאַר.

דאָס איז געווען אַ קלײנער הענדלער, ער האָט נישט געהאַט קיין זעלטענע אַנטיקן. פעראַל האָט אַרויסגענומען דאָס טשעק-ביכל, זיך אַ קווענקל-געטון: דער הענדלער וועט פאַרלאַנגען אין מזומן. דער באַי האָט זיך משער געווען. „דאָס איז דער הער פּאָרזיצער פעראַל — האָט ער געזאָגט, — דער אויטאָ שטייט אין ראָג". דער הענדלער איז אַרויסגעגאַנגען, אַ קוק-געטון אויף די לאַמטערן פון אויטאָ, געקראַטעוועטע פון דער דראָט-פאַרצוימונג.

— אין אָרדענונג.

דער צוטרוי, די קאָנטראָל פון זיין אויטאָריטעט, האָבן פעראַלן אויפגערייצט; די מאַכט פון זיין נאָמען, וואָס איז באַקאַנט געווען אפילו דעם הענדלער, איז געווען אַן אַבסורד, אויב ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהעלפן מיט איר. עס האָט אים פונדעסטוועגן געראַטעוועט דער שטאָלץ, געשטאַרקט דורך די פלענער, וואָס זענען כסדר אויפגעקומען אין זיין מוח אונטערן קילן אָטעם פון נאַכט-ווינטל: סיי דער כעס, סיי די סאַדיסטישע וויזיעס זענען איבערגעגאַנגען אין אַ געפיל פון איבלקייט, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט נאָך מיט דעם נישט פאַרענדיקט.

— איך האָב אַ קאַנגור — האָט דער הענדלער געזאָגט.

ער האָט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען. אָבער דאָס יינגל, וואָס האָט שוין אויך געהאַט אויפגעוואַכט, האָט שוין געטראָגן דעם קאַנגור אויף די הענט. דאָס קליינע, האָריקע חיהלע האָט אַ קוק געטון אויף פּעראַלן מיט אויגן פון אַ דערשראָקענער סאַרנע.

— גוט.

אַ נייער טשעק.

פּעראַל האָט מיט פאַמעלעכע טריט זיך אומגעקערט צום אויטאָ. אויב וואַלעריע וועט דערציילן די געשיכטע מיט די שטייגן, — וואַלעריע וועט זיכער נישט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט, — וועט געבוג זיין, ער זאָל זי דערציילן ביזן סוף, און ער וועט אויסמיידן ליצנות. דער הענדלער, זיין געהילף, דער באָי, אַלע האָבן געטראָגן די שטייגלעך, זיי אַריינגעשטעלט אין אויטאָ, זיך אומגעקערט נאָך אַנדערע; צום סוף האָבן זיי געברענגט אין האַלב־קיילעכיקע שטייגלעך דעם קאַנגור מיט די פּאַפּוגייען. אין דערוויילטנס, נאָכן כינעזישן קוואַרטאַל, עטלעכע שאָסן. נאָך! וואָס מער זיי שלאָגן זיך, אַלץ בעסער איז. דער אויטאָ האָט גערירט פאַר די אויגן פון פאַרוואונדערטן וואַכמאַן.

אין אַ ס ט אָ ר האָט פּעראַל געהייסן צורופן דעם דירעקטאָר.

— איך בעט אַריינצוגיין מיט מיר אין צימער פון דער מאַדאַם סערוש. זי געפינט זיך נישט אינדערהיים, און איך וואָלט איר געוואָלט מאַכן אַ סיורפּריז.

דער דירעקטאָר האָט פאַרבאָרגן זיין פאַרוואונדערונג, און נאָכמער זיין ווידערשטאַנד: דער אַ ס ט אָ ר איז געווען אָפּהענגיק פון קאָנסאָרציום. בלויז דער אָנבליק פון אַ ווייסן איז געבוג געווען אַרויסצוציען פּעראַלן פון תהום פון דערנידערונג און אים העלפן זיך צוריקקערן „צווישן מענטשן"; דער כינעזישער הענדלער און די נאַכט האָבן אַרויסגערופן אין אים אַ געפיל פון צודרינגלעכקייט, פון וועלכן ער איז נאָך אַציגד אויך נישט אינגאַנצן פריי געווען

פינף מינוט שפּעטער האָט מען, לויט זיין אָנווייזונג, אויסגעשטעלט די שטייגלעך אין צימער. אַלע ווערטפולע זאַכן זענען געלעגן אין שענק; איינע איז געווען אָפן. ער האָט אַראָפּגענומען פון בעט אַ פּראַכטפולע נאַכט-פּיזשאַמע, כדי זי אַריינצווואַרפן אין שאַנק, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו דעם וואַרימען זייד, האָט ער דערפילט, ווי די וואַרימקייט וואָלט דורכן אָרעם אַריינגעדרינגען אין זיין קערפּער, — דאָס געוועב, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון בעט, איז נאָענט צוגעפאַלן צו אים. די קליידער, פּיזשאַמעס, וואָס זענען געהאָנגען אין דער אָפענער שאַנק, האָבן אפשר פאַרבאָרגן אין זיך נאָך מער ליידנשאַפט, ווי וואַלעריעס קערפּער גופא. ער וואָלט חשק געהאַט איינצוגראָבן דאָס פּנים אין די געוועבן, צעקנייטשן זיי אָדער צערייסן זיי, אינגאַנצן אַריינדרינגען אין די קליידער, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון איר קערפּער. ער האָט אַריינגעוואָרפן די פּיזשאַמע אין דער שאַנק, וואָס דער באַי האָט גלייך פאַרמאַכט. עס האָבן זיך דערהערט טריט. ער האָט אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער אין קעשענע: ווען זי וואָלט אין דעם מאָמענט אַריינגעקומען, וואָלט ער זי זיכער דערהרגעט. די טריט זענען שטיל געוואָרן, מיידנדיק די טיר; פּעראַלס האַנט האָט זיך אַריינגעגליטשט אין אַ צווייטער קעשענע; ער האָט נערוועז אַרויסגענומען דאָס טיכל. מען האָט געמוזט מיט עפּעס זיך צעשטרייען, כדי זיך אויפצופרישן: ער האָט אָנגעהויבן איינלאָקירן די פּאַפּוגייען, אָבער די נעבעכדיקע פייגל האָבן זיך באַהאַלטן אין די ווינקלען, פאַרשוואונדן צווישן די קאָטאַרן. דער קאַנגור איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן בעט און נישט געוואָלט אַראָפּגיין. פּעראַל האָט פאַרלאָשן דעם מיטלסטן לאָמפּ, איבערגעלאָזט בלויז דאָס נאַכט-לעמפּל צוקאָפּנס: די פּאַפּוגייען, ראָזע און ווייסע, אין מאַיעסטעטישן פאַרמעסט פון זייערע אויסגעבויגענע פליגל, באַצירטע מיט ספינקסן פון דער אינדישער קאָמפּאַניע, האָבן אָנגעהויבן פליען, קאָמיש און וואַכזאַם פלוידערנדיק.

עס האָבן אים זשענירט די שטייגן מיט די רירעוודיקע פייגל,

אויסגעשטעלטע אין רייען איבערן גאַנצן מעבל, אויפן דיל, אויפן קאַמין. ער האָט געפּרוווט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי זשעגירן אים. אומזיסט. ער איז אַרויסגעגאַנגען. צוריק אַריינגעקומען. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען: דאָס צימער האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט אַלץ איבערגעקערט דערין מיטן קאָפּ אַראָפּ. צי וועט ער נישט האָבן קיין דורכפאַל די נאַכט? קעגן ווילן, האָט ער דאָ איבערגעלאָזט אַ שרייענדיק בילד פון זיין כעס.

— עפן די שטייגן — האָט ער געזאָגט צום באָי.

— זיי וועלן פאַרשמוצן דאָס צימער, הער פּאָרזיצער — האָט דער דירעקטאָר באַמערקט.

— די מאַדאַם סערזש וועט נעמען אַ צווייטס. זייט רויק, נאָך נישט די היינטיקע נאַכט. איר וועט מיר צושיקן אַ חשבון.

— צי וועלן זיין בלומען, הער פּאָרזיצער?

— ניין, בלויז די פייגל. און זאָל דאָ קיינער נישט אַריינ־ניין, אפילו די דינערשאַפט.

דאָס פענסטער איז פאַרשטעלט געווען מיט אַ מעטאַלענער נעץ, אַלס שוץ פאַר די מאָסקיטן. די פייגל האָבן נישט געקאָנט אַנטלויפן. דער דירעקטאָר האָט געעפנט די פענסטער־קוואַטירן, כדי דורכצולופטערן דאָס צימער פון דער דומפּיקייט.

אַצינד זענען איבערן מעבל און די קאָטאַרן, אין די ווינקלען פון סופיט, אַרומגעפלויגן פייגל פון די ווייטסטע אינזלען, מאַטע אין דער טונקעלער באַלייכטונג, ווי אויף די כינעזישע פרעסקן. ער האָט פון פאַראַכטונג געשענקט וואַלעריען די שענסטע מתנה... ער האָט פאַרלאָשן, צוריק אָנגעצונדן, פאַרלאָשן, און ווידער אָנגעצונדן. ער האָט אַ דריק געטון דעם קאָנטאַקט פון לעמפּל ביים בעט; זיך דערמאַנט די לעצטע נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט וואַלעריען. ער וואָלט מיט פאַרגעניגן אָפּגעריסן דעם קאָנטאַקט, זי זאָל זיך נישט קאָנען באַנוצן מיט אים — ווען זי וועט שלאָפן מיט אַ צווייטן. אָבער ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן דאָ קיין שום שפּיר פון כעס.

— נעם אַרויס די ליידיקע שטייגן פון דאַנען — האָט ער געזאָגט צום באָי. — פאַרברען זיי.

— אויב די מאַדאַם סערזש וועט פרעגן ווער עס האָט געשיקט די פייגל, צי דאַרף מען זי אינפאָרמירן ? — האָט דער דירעקטאָר געפרעגט, קוקנדיק אויף פעראַלן.

— זי וועט נישט פרעגן. דאָס איז אַן אָפגעשמועסטע זאַך.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. מען האָט געדאַרפט די נאַכט זיך איבערשלאָפן מיט אַ פרוי. ער האָט פונדעסטוועגן נישט קיין חשק געהאַט גלייך צו גיין אין אַ רעסטאָראַן אַריין. צייטווייליק איז פאַר אים גענוג געווען די בלויזע זיכערקייט, אַז עס זענען דאָ גענוג קערפערס צו זיין דיספּאָזיציע. געוויינטלעך, אַז ער פלעגט ביינאַכט זיך אויפכאַפן פון אַ קאָשמאַר, האָט ער נישט געוואוסט וואָס אויסצוקלויבן, צי ווידער אַנטשלאָפן צו ווערן, כאָטש אין שלאָף האָט געלויערט אויף אים דער קאָשמאַר, צי אינגאַנצן פון זיך דעם שלאָף אָפּצוטרייסלען; דער שלאָף איז געווען אַ קאָשמאַר, אָבער דאָס איז געווען ע ר אַ ל יי ן; דאָס אויפוואַכן — אַ דערלייכטערונג, אָבער — די וועלט. אין דער נאַכט איז די עראָטיק געווען אַ קאָשמאַר. ער האָט זיך ענדלעך דעצידירט אויסצווישן זיך די אויגן און פאָרן אין פראַנצויזישן קלוב אַריין: פלוידערן אַ ביסל, אָנקניפּן באַציִונגען מיט וועמען ס'זאָל נישט זיין, אפילו די אויבנאויפיקסטע, — דאָס וועט אים אויפפרישן.

דער באַר איז געווען איבערפולט: אומרויִקע צייטן. לעבן דער וויטרינע, מיט אַ בלוי פעלערינקעלע פון האָריק געוואַנד אויף די אַקסלען, איינער אַליין, כמעט אַן אָפּגעזונדערטער, איז גיסאָרס געזעסן ביי אַ זיסן קאָקטייל; קיִאָ האָט טעלעפאָנירט פון גאַס, אַז אַלץ גייט גוט, איז ער דעריבער געגאַנגען אין באַר אַריין געוואויר ווערן, וואָסערע ידיעות עס האָבן זיך דעם טאָג אַרומגעטראָגן; עפּטערס אַבסורדאַלע, טיילמאָל סימפּטאָמאַטישע; נישט היינט. פעראַל איז צווישן אַ שפּאַלער פון באַגריסונגען צוגעגאַנגען צו אים. פעראַלן איז באַקאַנט געווען די ריכטונג פון זיינע אוניווערזיטעט־לעקציעס, אָבער ער האָט זיך נישט גערעכנט

דערמיט; און ער האָט אויך נישט געוואוסט, אַז קיאָ געפֿינט זיך אין שאַנכײַ. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אינפֿאָרמירט בײַ מאַרטיאַלן וועגן באַזונדערע פּערזאָנען, ער האָט דאָס געהאַלטן פֿאַר אונטער זײַן כּבוד. איבעריקנס, האָט די ראָלע פֿון קיאָ גיסאָרס נישט געטראָגן קיין עפּנטלעכן כאַראַקטער.

די אַלע שוטים זענען איבערצײַגט געווען, אַז אים פֿאַרײַניקט מיט דעם אַלטיטשקן דער אָפּיום. לגמרי נישט. פֿעראַל האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער רײַכערט — איינע, צוויי לולקעס, אַלנפֿאַלס נישט אַזוי פֿיל, ער זאָל דערפֿילן די ווירקונג פֿון דער נאַרקאָטיק, — ווײַל ער האָט אין דער אַטמאָספֿער פֿון רײַכער־זאַל, אין די לולקעס, וואָס גייען איבער פֿון מויל־צו־מויל, געזען די מעטאָדע פֿון באַאײַנפֿלוסן די פֿרוי. ער האָט דאָך זיך באַנוצט מיט אַלע הינטערוועגלעך, אַבי אויסצומײַדן דעם טויש, אין וועלכן מען באַצאָלט מיט די אייגענע באַמיונגען פֿאַר דעם, וואָס די פֿרוי גיט פֿאַר איר פֿאַרגעניגן וועגן.

מיטן אַלטן גיסאָרס האָט אים, אין די אַמאָליקע צײַטן אין פּעקין, עטלעכע מאָל צונויפֿגעפֿירט אַ קאָמפּליצירטערע סימפּאַטיע. קודם־כּל, דער חשק צו סקאַנדאַל. חוץ דעם — האָט ער נישט געוואָלט זײַן בלויז פּאָרזיצער פֿון קאָנסאָרציום, געוואָלט זיך אָפּטיילן פֿון זײַן טעטיקייט, — געמיינט, אַז ער וועט אַזוי אַרום אַ קוק־טון אויף איר פֿון אויבן אַראָפּ. די שטאַרקע נייגונג צו קונסט, צו גײַסטיקע ווערטן, צו ציניזם, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר ניכטערקייט, איז געווען פֿאַר אים אַ שוץ: ער האָט נישט געשטאַמט, נישט פֿון דער „משפּחה“ גרויסע באַנקירן, נישט פֿון דעפּאַרטאַמענט פֿון געלט־אומזאַץ, נישט פֿון דער קאָנטראָל־קאַמער. די דינאַסטיע פֿון די פֿעראַלס איז צו שטאַרק פֿאַרבונדן געווען מיטן פּעריאָד פֿון דער רעפּובליק, אַז ס'זאָל אים ווער קאָנען האַלטן פֿאַר אַ שפּעקולאַנט, אָבער ער איז געווען און געבליבן אַ דילעטאַנט. עס האָט אים נישט געלאָקט צו פֿאַרשיטן דעם תּהום, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, ער האָט צו טרעפֿלעך

אָפּגעשאַצט זיינע כּוחות; זיך באַמיט זיי אויסצופּרייטערן. גיסאָרס גרויסע קולטור, די אינטעליגענץ, וואָס גיט זיך שטענדיק איבער דעם מיטשמועסער, די פּאַראַכטונג צו קאָנווענץ, די „אָנשאויונגען", תּמיד פּערזענלעכע, וועלכע פּעראַל איז נישט געוואוינט געווען אָנצונעמען אויף זיין חשבון, ווען ער האָט זיך צעשייד מיטן אַלטן! — דאָס האָט זיי דערנענטערט, כאָטש אַלץ, חוץ דעם, האָט זיי געקאָנט בלויז אָפּשטויסן. מיט פּעראַלן האָט גיסאָרס גערעדט וועגן פּאָליטיק אויסשליסלעך אין די ראַמען פון פילאָזאָפיע. פּעראַל האָט כּסדר געזאָגט, אַז ער קאָן זיך נישט באַגיין אָן אַ פּאָרציע אינטעליגענץ, — דאָס איז געווען אמת, — סיידן די פּאָרציע איז געווען נישט צום טעם.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט: אין מאָמענט, וואָס ער האָט זיך געזעצט, זענען כמעט אַלע בליקן געווענדט געוואָרן צו אים. ער וואָלט דעם אָוונט גערן חתונה געהאַט אַפילו מיט זיין אייגענער קעכין, אַבי זי אָנצוּוואַרפן דעם ערב-רב. ער איז אַריינגעפאַלן אין צאָרן ביים געדאַנק, אַז די גאַנצע באַנדע אידיאָטן וועט נאָכפאָרשן זיין יעדע באַוועגונג; ער האָט פאָרגעלייגט גיסאָרסן זיך איבערצוטראָגן אויף דער טעראַסע פאַרן גערטל. נישט געקוקט אויף דער קילקייט, האָבן די באָיס דאָרט אַרויסגעשטעלט עטלעכע טישלעך.

— צי האַלט איר, אַז מען קאָן קענען — ק ע נ ע ן — אַ לעבעדיק וועזן? — האָט ער געפרעגט גיסאָרסן. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ נישט גרויסן לאָמפּ, פון וועלכן ס'האָט זיך אויסשפּרייט אַ געלבלעכע שיין אין דער נאַכט אַריין, וואָס איז אַלץ געדיכטער אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט נעפּל.

גיסאָרס האָט אַ קוק-געטון אויף פּעראַלן. „עס וואָלט אים נישט אינטערעסירט קיין פּסיכאָלאָגיע, ווען קיין זאַך זאָל נישט צוימען זיין ווילן".

— אַ פרוי?

— אַלץ איינס.

— יעדער געדאַנק, וואָס ווערט פאַרוועגדט אויף דורכצופירן אַ פרוי, האָט אין זיך געוויינטלעך אַ דאָזע עראָטיק... דער־קענען אַ פרוי (נישט אמת ?) הייסט תּמיד, — וועלן אין אַ געוויסער מאָס, זי באַזיצן, אָדער פאַר עפּעס זיך פאַרגיטיקן.

ביים שכנישן טישל האָט אַ קאָקאָטע אַ זאָג־געטון צו איר חברטע: „מיט מיר איז גאָרנישט פריילעך. איך זאָג דיר: די מויד איז אייפערזיכטיק אויף מיין הינטל”.

— איך האַלט, — האָט גיסאָרס ווייטער גערעדט, — אַז ווער עס פאַרנעמט זיך מיט דערקענטעניש, זוכט פאַרגיטיקונג. דאָס דערקענען עפּעס אַ וועזן איז אַ נעגאַטיוו געפיל; אַ פּאָזיטיוו געפיל, די ווירקלעכקייט — איז דער אומרו, אַז דו ביסט תּמיד פרעמד דעם, וועמען דו האָסט ליב.

— מען האָט דען תּמיד ליב ?

— די צייט פאַרווישט אַמאָל דעמדאָזיקן אומרו, בלויז די צייט. מיר קענען קיינמאָל נישט קיין צווייט וועזן, מיר הערן בלויז טיילמאָל אויף צו פילן, אַז מיר קענען עס נישט. (איך טראַכט וועגן מיין זון, נישט אמת, און אויך וועגן... דעם צווייטן יונגנמאַן). דערקענען דורך אינטעליגענץ — דאָס איז בחינמדיקע אָנשטרענגונג זיך צו באַגיין אָן דער צייט...

— די פונקציע פון אינטעליגענץ באַשטייט נישט אין באַ־באַגיין זיך אָן דערשיינונגען.

גיסאָרס האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק.

— וואָס הייסט ביי אייך אינטעליגענץ ?

— בכלל ?

— יאָ.

פעראַל האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט.

— דאָס הערשן מיט געוואַלט־מיטלען איבער דערשיינונגען און מענטשן.

גיסאָרס האָט אומגעריכט אַ שמייכל־געטון. ווען נאָר ער האָט

געשטעלט די פראַגע, האָט יעדער מיטשמועסער געענטפערט מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט אויפן האַרץ. פּלוצלינג האָט פעראַל אָנגעשטרענגט דעם בליק:

— צי דערמאַנט איר זיך נישט, אויף וואָסערע טאָרטורן עס פלעגט, אין פעריאָד פון די ערשטע דינאַסטיעס, אָפּגעגעבן ווערן אַ פרוי, וואָס האָט בוגד געווען אין איר מאַן?

— נישט אמת? עס זענען געווען פאַרשידענע טאָרטורן. ־ער עיקר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט זי צוגעבונדן צו אַ טראַטווע, מיט אָפּגעהאַקטע הענט, מיט אויסגעשטאָכענע אויגן, דאַכט זיך...

גיסאָרס האָט באַמערקט, אַז פעראַל הערט זיך צו מיט שטייגנדיקער אויפמערקזאַמקייט, אפילו מיט ליידנשאַפט.

— ... און מען האָט זי געלאָזט שווימען איבער די גרענעצלאָזע טייכן, ביז זי איז געשטאָרבן פון הונגער אָדער אויסשעפּונג; דעם געליבטן האָט מען צוגעבונדן צו דער זעלבער טראַטווע...

— דעם געליבטן?

ווי אַזוי האָט מען געקאָנט פאַראייניקן אַזאַ בולטע צעשטרייטקייט מיט אַזאַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט, מיט אַזאַ אָנגעשטרענקטן בליק? גיסאָרס האָט זיך דאָך נישט משער געווען, אַז אין פעראַלס געדאַנק פיגורירט נישט קיין געליבטער.

— צום אינטערעסאַנטסטן איז דאָס, וואָס דידאָזיקע שרעקלעכע געזעצן, אַזש ביז צום פערטן יאָרהונדערט, זענען, משמעות, געשאַפן געוואָרן דורך חכמים, איידעלע לייט, אויף וואָס עס קאָן עדות זאָגן דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן זייער פּערזענלעך לעבן...

— יאָ, דאָס זענען זיכער געווען חכמים.

גיסאָרס האָט אַ קוק געטון אויף זיין שאַרף פּנים מיט די אויגן, וואָס זענען אַצינד פאַרמאַכט געווען; דער לאָמפּ האָט עס

באַלויכטן פון אונטן, וואַרפנדיק אַן אָפשיין אויף די וואָנסעס. שיסערייען אינדערוווייטנס. וויפיל הערצער האָבן אַצינד אויפגע־הערט צו קלאַפּן אין אָוונט־נעפל? ער האָט געקוקט אויף דעם האַרב־פאַרגליווערטן פּנים פון דער באַליידיקונג, וואָס האָט גע־שפּאַרט פון די טיפענישן פון קערפּער און מוח; אויף דעם פּנים, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט מיט יענער פאַרביסענער קראַפט, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך מענטשלעכן בזיון; פון דעם פּנים האָט אַראָפּגעקוקט דער קעגנזייטיקער האַס פון די צוויי געשלעכטער, ווי פון די שטראָמען בלוט, וואָס ווערן כּסדר פאַרגאָסן און מיט וועלכע די ערד איז שוין אַזוי אָנגעזאַפּט, וואָלטן אויפסניי געדאַרפט אויסברעכן אַלטע, שוין לאַנג פאַרגעסענע קאָנפליקטן.

ווייטערדיקע שיסערייען, דאָס מאָל שוין נאָענט, האָבן אויפגעטרייסלט די גלעזלעך אויפן טישל.

גיסאָרס איז געוואוינט געווען צו די שיסערייען, וואָס זענען טעגלעך דערגאַנגען פון כינעזישן קוואַרטאַל. אַצינד האָט ער פּלוצלינג זיך אָנגעהויבן באַאומרויִקן, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט גערעדט מיטן זון דורכן טעלעפאָן. ער האָט נישט געוואוסט, ווי גרויס ס׳איז די פּאָליטישע ראָל, וואָס פּעראַל שפּילט, אָבער אויב דער מענטש טוט עפּעס, טוט ער עס לטובת טשאַנג־קיי־שעקן. ער האָט ווייטער געהאַלטן פאַר גאַנץ נאַטירלעך, וואָס ער זיצט מיט אים ביי איין טישל — ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר קיין „קאָמפּראָמיטאַציע" אפילו קעגן זיך אַליין, — אָבער ער האָט פאַרלוירן דעם חשק אונטער־צוגעבן מוט פּעראַלן. ווידער האָבן זיך געהערט שאָסן, אַצינד שוין ווייטערע.

— וואָס קומט דאָס פאָר? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס נישט, די פירער פון די בלויע און רויטע האָבן בשותפות אַרויסגעלאָזט אַ גרויסע פּראָקלאַמאַציע פון פאַרשטענדי־קונג. עס האַלט ביי שלום.

„דו זאָגסט ליגנט, האָט גיסאָרס אַ טראַכט געטון, ער ווייסט אַלץ, נישט ערגער פון מיר".

— די רויטע, צי די בלויע, — האָט פעראַל געזאָגט — די קוליס װעלן אייביק בלייבן קוליס; סיידן זיי װעלן אויסשטאַרבן. צי האַלט איר נישט, אַז דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל פון מענטש־לעכער טעמפּקייט, װען אַ מענטש, װאָס פאַרמאָגט גאָרנישט, חוץ זיין לעבן, גיט עס אַװעק פאַר אַן אידעע?

— זעלטן װער, — װי אַזוי זאָל איך דאָס אויסדריקן? — איז בכוח צו טראָגן זיין מענטשלעכן באַרוף...

ער האָט זיך דערמאַנט דעם געדאַנק, װעלכן קיאָ פלעגט אָפט אַרויסזאָגן: אַלץ, צוליב װאָס מענטשן לאָזן זיך דערהרגענען, חוץ פּריװאַטע סיבות, פאַרשטייט זיך, האָט מער אָדער װייניקער קלאָר דעם ציל, צו באַרעכטיקן דעמדאָזיקן באַרוף, צו באַפעסטיקן זיין װירדע: דאָס קריסטנטום פאַרן שקלאַף, דאָס פאָלק פאַרן ביר־גער, דער קאָמוניזם פאַרן אַרבעטער. אָבער ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו באַרירן זיין זונס אידעע מיט פעראַלן. ער האָט מיטן געדאַנק זיך אומגעקערט צו זיין מיטשמועסער:

— אַלע פאַרשיכורן זיך: א ו נ ז ע ר לאַנד האָט דעם אָפּיום, דער איסלאַם דעם האַשיש, דער מערב — די פרוי... אפשר איז טאַקע די ליבע, קודם־כל, דאָס מיטל, װאָס דער מערב באַ־נוצט, כדי צו באַפרייען זיך פון זיין באַרוף, פון זיין גורל...

הינטערן שלייער פון די װערטער האָט דורכגעשלייכט אַ גע־מישטע רייע פון געשטאַלטן: טשען און דער מאָרד, קלאַפּיק און זיינע אויסטערלישקייטן, קאַטאָװ און די רעװאָלוציע, מאַי און די ליבע, ער און דער אָפּיום.... בלויז קיאָ, װי אים האָט זיך גע־דאַכט, האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דעם געװירבל.

— אַ סך װייניקער פרויען װאָלטן געשלאָפן מיט מענער, — האָט פעראַל געענטפערט — װען זיי װאָלטן שטייענדיקערהייט גע־קאָנט הערן די װערטער פון פאַרהערלעכונג, אָן װעלכע זיי קאָ־נען נישט לעבן, אָבער דאָס פאַרלאַנגט שוין דאָס בעט.

— און װיפיל װייניקער מענער?

— אָבער דער מאַנספּערשוין הזט אַ ברירה נישט צו אָנער־קענען די פרוי; ער קאָן זיך פאַרגינען אויף דעם און דאַרף זיך

פאַרגינען; טאַט, בלויז טאַט באַרעכטיקט דאָס לעבן פון ווייסן מאַנספערשוין און גיט אים אַ באַפרידיקונג. וואָס וואָלטן מיר זיך געטראַכט, ווען מען זאָל פאַר אונז רימען אַ מאָלער, וואָס מאָלט נישט? אַ מאַנספערשוין איז דער סך־הכל פון זיינע טאַטן, פון דעם, וואָס ער האָט געטון און איז פעיִק צו טון. דאָס איז אַלץ. איך בין נישט מסכּים, אַז וועלכע ס׳איז צופעליק באַגעגנטע פרוי אָדער מאַנספערשוין זאָל געשטאַלטן מיין לעבן; איך וויל גיין מיט אייגענע וועגן, איך קען מיינע וועגן...

— מען דאַרף דורכגיין די אייגענע וועגן ביזן סוף.

נאָך די לעצטע שאָסן האָט גיסאָרס באַשלאָסן אויפצוהערן שפּילן די ראָל פון אַן אויפהייטערער.

— אויב איר וועט זיי נישט דורכגיין, וועט זיי אַן אַנדערער דורכגיין, נישט אמת? דאָס איז פונקט אַזוי, ווי אַ גענעראַל וואָלט געזאָגט: איך מיט מיין מיליטער קאָן אויסהרגענען אַ גאַנצע שטאָט. אָבער אויב ער וואָלט זיך פון דעם נישט אָפּגעהאַלטן, וואָלט ער נישט געווען קיין גענעראַל... אויפן וועג צו די שליפעס מוז מען דורכגיין Saint-Cyr*). איבעריקנס אפשר איז די מאַכט פאַר די מענטשן גלייכגילטיק... עס לאָקט זיי אין דער אידעע נישט די מאַכט גופא, נאָר בלויז די אָנגענעמע פאָרשטעלונג. אַ קעניג האָט מאַכט, כּדי צו רעגירן, נישט אמת? אָבער דער מענטש האָט נישט קיין חשק צו רעגירן: ער וואָלט בעסער צופרידן געווען אויסצואיִבן צוואַנג, דאָס איז אייער אייגענע רעפּוטאַציע. צו זיין איבער די מענטשן. אויסצומיידן דעם מענטשלעכן באַרוף — אַזוי זאָג איך. נישט צוליב מאַכט, נאָר צוליב אַלמאַכט. דער קרענקלעכער חלום, וועלכן דער אינטעלעקט טייטשט אויס אַלס שטרעבונג נאָך מאַכט, איז אַ גאַרן נאָך געטלעכקייט, ווייל יעדן מענטש דאַכט זיך, אַז ער איז אַ גאָט.

גיסאָרס רייד האָבן פעראַלן פאַראינטערעסירט, אָבער ער האָט זיי נישט גערן אויפגענומען. אויב דער אַלטער האָט אויפגע־

*) מיליטערישע שול, הינטער פאַריז.

הערט זוכן פאַר אים אַ באַרעכטיקונג, וועט ער אים שוין פון זיין שווער געפיל נישט באַפרייען.

— מיט וואָס דערקלערט איר, וואָס די געטער, ווען זיי פאַרבערענגען מיט ערדישע טעכטער, נעמען זיי אָן דאָס געשטאַלט פון מענטשן אָדער חיות?

גיסאָרס האָט, נישט קוקנדיק, געפילט, ווי בײַ זייער זייט וואַקסט אויס אַ שאָטן; פעראַל איז אויפגעשטאַנען פון טיש.

— אייער גייסטיקע איינשטעלונג פאָדערט אַרײַנצוציען אין קרייז פון אייער טעטיקייט דאָס ממשותדיקסטע פון אייער כאַראַקטער, כּדי איר זאָלט שטאַרקער קאָנען דערפילן די אייגענע עקזיסטענץ — האָט גיסאָרס געזאָגט, קוקנדיק אין חלל אַרײַן.

פעראַל האָט לכתחילה זיך נישט משער געווען, אַז גיסאָרס דורכדרינגלעכקייט שטאַמט פון זיין דערקענען אין די מענטשן, מיט וועלכע ער פירט געשפּרעכן, פראַגמענטן פון זיין אייגענער פּערזאָן; ער האָט אויך נישט חושד געווען, אַז ער אַליין האָט צוגעשטעלט דאָס מאַטעריאַל פאַר זיין סקולפּטור-בילד, וואָס איז פאַר זיינע אויגן אויסגעקלעפּט געוואָרן.

— גאָט קאָן באַזיצן — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ ברייטן שמייכל — אָבער נישט פאַרקנעכטן. גאָט טרוימט וועגן פאַר־וואַנדלען זיך אין אַ מענטש, כּדי צו קאָנען פילן די אייגענע מאַכט, ווען ער וועט נאָר וועלן; און דער מענטש חלומט וועגן ווערן אַ גאָט, אָבער דערבײַ נישט צו פאַרלירן זיין פּערזענלעכקייט...

מען האָט אומבאַדינגט געדאַרפט זיך איבערשלאָפן מיט אַ פרוי. פעראַל איז אַוועקגעגאַנגען.

„אַן אינטערעסאַנטער ביישפּיל פון פולשטענדיקער פאַרליי־קענונג, האָט גיסאָרס געטראַכט; אין סעקסועלן זין וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז אָט דער הייבט ערשט היינטיקן אָוונט אָן, ווי אַ ראָמאַנטישער קליינבירגער". ווען גיסאָרס האָט נישט לאַנג נאָך דער מלחמה זיך באַגעגנט מיט די פינאַנסיעלע פּאָטענטאַטן פון

שאַנכיי, איז ער נישט ווייניק פאַרוואונדערט געווען, וואָס ער האָט די קאַפּיטאַליסטן זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט, ווי זיי זעען אויס אין דער ווירקלעכקייט. כמעט אַלע האָבן געהאַט אַ פעסט איינגעשטעלט אינטים לעבן, אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרם — כמעט תמיד אין דער פאָרם פון פאַמיליע-לעבן: די גיריקייט פון אַ מענטש פון גרויסע געשעפטן, וואָס באַניגנט זיך נישט מיט דער ראָלע פון אַ יורש, האַרמאָנירט נישט מיט עראָטישער צעוואָרפנקייט. „דער מאָדערנער קאַפּיטאַליזם, — האָט ער מסביר געווען זיינע צוהערער, — זאָרגט גיכער פאַר אָרגאַניזאַציע, איידער פאַר מאַכט"...

זיצנדיק אין אויטאָ, האָט פעראַל געטראַכט, אַז זיינע באַציִונגען מיט פרויען זענען תמיד געווען די זעלבע און תמיד אַבסורדאַלע. אפשר האָט ער אַמאָל ליב געהאַט. אַמאָל. עפעס אַ טעמפער פסיכאָלאָג האָט אויסגעטראַכט דעם נאָמען ליבע פאַר דעם געפיל, וואָס פאַרסמט אים אַצינד דאָס לעבן. ליבע איז עקזאַלטאַציע און באַגוועלטיקונג; אמת, פרויען האָבן פאַרנומען זיין רעיון, יאָ, אָבער ווי דאָס געפיל פון נקמה. ער האָט געזוכט ביי פרויען זיין אייגענע אָפשאַצונג; ער, וואָס האָט וועגן קיינעמס אָפשאַצונג נישט געטראַכט. ער האָט נישט אָנערקענט קיין פרוי, וואָס וואָלט אים פאַרהערלעכט אויס אייגענעם דראַנג און נישט אויס צוואַנג. ער איז פאַראורטיילט אויף פיפיקע נקבות. עס פעלן נישט קיין קערפערס. צום גליק. ווען נישט דאָס... „ביזן טויט אַריין, מיין טייערער, וועסטו שוין נישט וויסן, אַז אַ פרוי איז אויך אַ מענטשלעך באַשעפעניש"... פאַר איר — אפשר; נישט פאַר אים. אַ פרוי, אַ מענטשלעך באַשעפעניש! דאָס איז אַן אָפרו, אַ נסיעהלע, אַ שונא...

ער האָט דורכפאָרנדיק מיטגענומען אַ קורטיזאַנע פון עפעס אַ Nanking Road: אַ מיידל מיט אַ באַחנט, זיס פנימל. אין אויטאָ, ביי זיין זייט, מיט די ליפטיקע הענט אויף דער ציטרע, האָט זי אויסגעזען ווי אַ סטאַטועטקע פון די צייטן פון דער טאַנג-דינאַסטיע. זיי זענען פאַרפאָרן פאַרן הויז. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף

די שטיגן פאַר איר. זיין טריט, געוויינטלעך אַ פלינקער, איז געווען שווער. „קום שלאָפן", האָט ער אַ קלער־געטון. שלאָף פאַרשאַפט רו: ער האָט זיך געפילט אויסגעשעפּט, פאַרפייניקט, אימפּאָטענט; הינטער דעם אויסערלעכן שלייער איז געווען דאָס איינציק־ווירקלעכע — די פריידיקע האָפענונג זיך צובאַפרייען פון דער אייגענער לאַסט, אַוועקצולייגן אויף אַ זאַמד־בערגל, ווי מען לייגט אַוועק דעם קערפּער פון אַ דערטרונקענעם פריינט, דאָס וועזן, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט א י ם, וועמעס לעבן ער האָט געמוזט יעדן טאָג אויפסניי סובסידירן. „שלאָפן, דאָס איז, אייגנטלעך, די איינציקע זאַך, נאָך וועלכער איך גאַר אומאויפהערלעך מיטן גאַנצן האַרץ שוין יאָרן לאַנג"...

אויף וואָס נאָכמער, ווי אויף שלאָף־נאַרקאָז, האָט מען זיך געקאָנט ריכטן נאָך דערדאָזיקער פרוי, וואָס אירע טריט אין די סאַנדאַלן האָבן זיך געהערט הינטער אים אויף די שטיגן? זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין רייכער־צימער: סאָפעס, אויף זיי מאָנגאָלישע טעפּיכער, וואָס זענען גיכער פּאַסיק פאַר אָרגיעס, ווי פאַר האַלבוואַכע טרוימערייען. אויף דער וואַנט — קאַמאַס אַ גרויסע טוש־צייכענונג פון ערשטן פעריאָד; אַ טיבעטאַנישע קריגס־פאָן. די פרוי האָט אַוועקגעלייגט די ציטרע אויף דער סאָפע. אַלטפרענקיש געשיר אויף אַ טאַץ, געצאַצקעט און אומבאַקוועם, נישט באַשטימט צום באַנוצן. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט דערצו; ער האָט זי מיט אַ זשעסט אָפּגעהאַלטן. פון אַ ווייטן שאָס האָבן די נאָדלען אויף דער טאַץ אַ ציטער־געטון.

— איר ווילט איך זאָל אַ ביסל זינגען?

— נישט אַצינד.

ער האָט געקוקט אויף איר קערפּער, דעם בולטן און איינצייטיק באַהאַלטענעם אין מאָרע־זיידענעם קליידל. ער האָט זי אַריינגעבערענגט אין פאַרוואונדערונג: לויטן אָנגענומענעם מנהג, פלעגט אַ קורטיזאַנע, איידער זי האָט זיך געלייגט, פריער זינגען, פּלוידערן, באַדינען ביים טיש, אָדער צוגרייטן די ליולקעס. אויב אַנדערש, פאַרוואָס־זשע זיך נישט נעמען אַ גאַסן־מיידל?

— פֿאַררייכערן ווילט איר אויך נישט?
— ניין. טו דיך אויס.

ער האָט פֿאַרשטראָכן איר ווירדע, ער האָט דאָס געוואוסט. ער וואָלט גערן פֿאַרלאַנגט זי זאָל זיך אויסטון נאַקעט: אָבער ער וואָלט דאָס בחינם געבעטן. ער האָט איבערגעלאָזט ברענען בלויז איין טונקל לעמפּל. ער האָט אַ קלער געטון: „דאָס עראָטישע לעבן איז אַ דערנידערונג פֿון דער אייגענער פּערזאָן, אוממיטלבאַר אין זיך אַליין, אָדער אין עמעצן אַנדערש, אפֿשר אין ביידע צוזאַמען. דאָס איז אַן אידעע, נאָך מער ווי זיכער"... איבעריקנס, איז זי אַזוי, אין דעם נעטן כינעזישן העמדל, נאָך רייצנדער; אָבער זי האָט קוים געווירקט אויף אים אפֿשר בלויז מיט דער הכנעה פֿון אָפּוואַרטנדיקן קערפּער, בשעת ער האָט דערווייל זיך נישט גערירט פֿון אָרט. ער האָט געפֿילט אַ תענוג בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אויף איר אָרט, דאָס איז געווען קלאָר: אויפֿן אָרט פֿון דער פֿאַרשקלאַפֿטער דורך אים. אייגנטלעך האָט ער תמיד פֿאַרברענגט בלויז מיט זיך, ער האָט נאָר געדאַרפֿט האָבן דערביי אַן עדות. אַצינד האָט ער פֿאַרשטאַנען, וואָס גיסאָרס האָט זיך קוים משער געווען: יאָ, זיין תאווה צו באַהערשן האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט דעם אָביעקט, און, זומגעזעטיקט, זיך געענערט בלויז מיטן באַנייען דעמדאָזיקן אָביעקט; נאָר אויב ער זאָל אפֿילו נישט האָבן באַזעסן אין משך פֿון זיין גאַנץ לעבן קיין איין פֿרוי, האָט ער דאָך באַזעסן, ווען ער דאָך באַזיצן דורך דער כינעזערין, וואָס וואַרט אויף אים, דאָס איינציקע, וואָס ער גאַרט: זיך. ס'זענען אים נייטיק געווען פֿרעמדע אויגן, ער זאָל ז י ך דערזען, פֿרעמדע חושים, ער זאָל ז י ך דערפֿילן. ער האָט אַ בליק-געטון אויף דעם טיבעטאַנישן געמעל, וואָס איז דאָ געהאָנגען, נישט צו וויסן נאָך וואָס: אין אַן אָפּבלאַקירטער וועלט, איבער וועלכער ס'האָבן געבלאָנדזשעט וואַנדערער, האָבן צוויי סקעלעטן, ענלעכע צו זיך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, זיך קעגנזייטיק אַריינגעברענגט אין טראַנס.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער פֿרוי.

האַלב עלף.

„דער אויטאָ זאָל שוין אָנפאָרן”, האָט טשען אַ קלער געטון. די לעצטע לאַמטערן וועלן באַלד פאַרלאָשן ווערן, און אין פולשטענדיקער פינסטערניש קאָן ער אַמאָל נישט טרעפן אונטערן אויטאָ אַרונטער. צו דער גאַס, דער כמעט אָפּגעליידיקטער פון מענטשן, האָט פון די רייז-פעלדער און כינעזישע זומפּן דערגרייכט די איינזאַמע נאַכט. עס האָבן זיך פאַרלאָשן איינע נאָך די צווייטע די, אין נעפּל מאַטע, שטאָט-ליכטער, וואָס דרינגען אַריין דורך די שפּאַרעס אין די לאָדנס, דורך די פאַרקלעפּטע שויבן; זייער לעצטע שיין האָט געפינקלט אויף די פייכטע שינעס, אויף די טעלעגראַפישע איזאָלאַטאָרן; איז פון מינוט צו מינוט שוואַכער געוואָרן; באַלד געבליבן בלויז איבער די שילדן, באַדעקטע מיט ווערטיקאַלע העל-געלע זילבן. די נעפּלדיקע נאַכט איז געוועזן זיין לעצטע נאַכט; און ער איז געוועזן צופרידן אין איר. עס וועט אים צוזאַמען מיטן אויטאָ צעשמעטערן אין אויפרייס, וואָס וועט אויף אַ רגע באַלייכטן די עקלהאַפטע גאַס און באַשפּריצן די מויערן מיט בלוט. עס איז אים געקומען אויפן רעיון די עלטסטע כינעזישע לעגענדע: די מענטשן זענען דאָס אומפּלייט פון דער ערד. דער טעראָר דאַרף זיך פאַרוואַנדלען אין מיסטיציזם. קודם-כל — איינזאַמקייט: דער טעראָריסט וועט אַליין באַשליסן, אַליין אויספירן; דער גאַנצער כוח פון דער פּאָליציי שטעקט אין שפּיאָנאַזש; אַ מערדער, וואָס האַנדלט אויף אייגענער האַנט, איז נישט אויסגעשטעלט אויף דענונציאַציע. פולשטענדיקע איינזאַמקייט, וואָרים אַזעלכן, וואָס האַלט זיך ווייט פון מענטשן, וועט נישט שווער זיין זיך צו דערווייטערן אַפילו פון זיינע אייגענע. טשען האָט געוואוסט, וואָס עס ווערט פאָרגעוואָרפן דער טעראָריסטישער טאַקטיק: זי רופט אַרויס פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס קעגן די אַרבעטער, פּראָוואָצירט דעם פאַשיזם. עס קאָנען דאָך שוין נישט זיין קיין ערגערע רעפּרעסיעס, קיין מער אָפענער פאַשיזם. וואָרשיינלעך האָבן קיאָ און ער געטראַכט נישט וועגן די זעלבע אויפגאַבן. אים איז נישט געגאַנגען אין

אָפּהיטן די בעסטע מענטשן פון די, וואָס ווערן אומגעברענגט,
פאַרן קלאַס, פאַר דער באַפרייאונג פון קלאַס אין דער צו-
קונפט, נאָר כדי צו געבן אַ זין אפילו זייער אומקום: זאָל יעדער
פאַרשטאַרקן זיין אחריות און דעצידירן וועגן לעבן פון איין הויכן
באַאַמטן. פאַרוואַנדלען די פון האָפענונג באַרויבטע יחידים אין
שופטים און פאַרפילפאַכן די אַטענטאַטן, נישט אַ דאַנק אָרגאַני-
זאַציע, נאָר דורך באַפרוכפערן מיט דער אידעע — אויפלעבן דעם
קידוש-השם. פּעי וועט געווינען אויפמערקזאַמקייט פאַר די זאַכן, וואָס
ער וועט שרייבן נאָך זיין טויט. ער האָט געוואוסט וויפיל געוויכט
אַ געדאַנק געווינט פון דעם בלוט, וואָס ווערט צוליב אים פאַרגאָסן.
אַלץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו זיין טאַט, צו דעם
טויט-אורטייל, וועלכן ער וועט באַלד אויספירן, איז צעפלאָסן גע-
וואָרן אין דער פינסטערניש, אין וועלכער עס איז פאַרבאָרגן גע-
ווען דער אויטאָ, וואָס האָט זיך אַצינד שוין זיכער דערנעטערט.
טיף אין גאַס האָט דער נעפל, אָנגעזאַפּט מיטן רויך פון די דאַמ-
פערס, ביסלעכווייז פאַרשלונגען די נאָך נישט אינגאַנצן ליידיקע
טראָטואַרן: די דורכגייער זענען געגאַנגען מיט אַ גענזענעם טריט,
זעלטן איינער דעם אַנדערן איבערגעיאָגט, ווי די מלחמה וואָלט
די שטאָט געהאַט באַצוואונגען מיט איר אַלמעכטיקן סדר. די פאַר-
שווארענע שטומקייט פון די טריט האָט פאַרוואַנדלט זייערע באַ-
וועגונגען אין פאַנטאַסטישן שאָטן-שפיל. זיי האָבן נישט געטראָגן
קיין פעקלעך, קיין קיישלעך, נישט געשטופּט פאַר זיך קיין האַנט-
וועגעלעך; עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי גייען די נאַכט אָן אַ ציל.
טשען האָט געקוקט אויף די אַלע שאָטנס, וואָס האָבן געדוישלאָז,
אין געהיימנישפולן, כסדרדיקן גאַנג זיך באַוועגט אין דער ריכטונג
פון טייך; צי איז דאָס נישט די מאַכט פון גורל, וואָס טרייבט זיי
צונויף דאָרט אין דער טיף פון דער גאַס, וואו דער בויגן
פון רעקלאַמע-פייערן און שילדן איבערן פינסטערן טייך זעט
אויס, ווי דאָס אָנגעמערקטע טויער פון טויט? פאַרוואָרפן אין די
נעפלהאַפטע פערספעקטיוון, האָבן די ריזיקע זילבן-צייכנס זיך פאַר-
לוירן ווי אין אַ טראַגישן און זומפיקן כאַאָס, ווי אין תהום פון די

יאָרהונדערטער ; און פונקט, ווי עס וואָלט אויך זיך דערטראָגן פון די ווייטע בודיסטישע צייטן, און נישט פון גענעראַל־שטאַב, האָט דאָס מיליטערישע טרומייטל פון טשאַן־קיי־שעקס אויטאָ זיך צעשאָלט מיט אַ טויבן אָפקלאַנג אין דער טיף פון דער ליידיקער גאַס. טשען האָט מיטן פולן באַוואוסטזיין צוגעדריקט די באָמבע אונטערן אָרעם. פון נעפל אַרויס האָבן אויפגעטויכט בלויז די רעפלעקטאָרן. כמעט אומגעריכט, מיטן פאָרד פון דער לייב־וואַך פאָרויס, האָט זיך באַוויזן דער אויטאָ: ווידער האָט זיך טשענען געדאַכט, אַז ער לויפט מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט. דריי האַנט־וועגעלעך האָבן פלוצלינג פאַרשטאָפט די גאַס, און ביידע אויטאָס האָבן פאַרקלענערט די שנעלקייט. ער האָט זיך באַמיט צו באַהערשן דעם אָטעם. דער געדראַנג האָט אויפגעהערט. דער פאָרד האָט געמיטן טשענען, דער אויטאָ האָט זיך דערנענטערט: אַ ברייטער אַמעריקאַנער וואָגן, מיט צוויי געהיים־אַגענטן אויף די טרעפ; — מעכטיק; ער האָט דערפילט, אַז אויב ער וועט זיך נישט אַרויסרוקן פאָרויס, אויב ער וועט וואַרטן, וועט ער קעגן זיין ווילן זיך צוריקציִען. ער האָט אָנגענומען די באָמבע ווי אַ פלאַש מילך ביים העלדז. דעם גענעראַלס אויטאָ, אומגעהייער גרויס, האָט זיך געפונען פינף מעטער ווייט פון אים. ער איז צוגעלאָפן אין פריידיקן עקסטאַז, און מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך אַ וואָרף־געטון אונטער די רעדער.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צו זיך געקומען: נישט ער האָט געפילט, נישט געהערט דאָס קנאַקן פון ביינער, אויף וועלכן ער האָט זיך געריכט; ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ בלענדנדיקן ווירוואַר. די מאַרינאַרקע אויף זיך האָט ער נישט געהאַט. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שטיקל בלעך פול מיט גאָלד, אָדער בלוט. עטלעכע מעטער ווייטער — רויטע, צעהורגטע שטיקער פלייש, אַ שיכט דראָבנע גלאָז, אין וועלכן עס פינקלט אַ לעצטער ליכט־רעפלעקס, און וועלכן... ער האָט שוין גאָרנישט אונטערגעשיידט; עס האָט אים אָנגעכאַפט אַ ווייטיק, פון וועלכער ער האָט אַ רגע צייט זיך נישט געקאָנט אָפגעבן קיין רעכענונג. ער האָט

נישט געזען דייטלעך, פונדעסטוועגן געפילט, אַז אַרום אים איז פוסט. צי האָבן די געהיים־אַגענטן מורא געהאַט פאַר אַ צווייטער באָמבע? ער האָט געליטן מיט יעדן פיבער אַ ווייטיק, נישט צו וויסן אויף וועלכן אָרט: ער איז אינגאַנצן געווען בלויז ווייטיק. מען האָט זיך דערנענטערט צו אים. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז ער דאַרף אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער. ער האָט געפּרוווט געפינען די הויזן־קעשענע. נישט קיין קעשענע, נישט קיין הויזן, נישט קיין פיס; צעהורגט פליש. דער צווייטער רעוואָלווער געפינט זיך אין דער בוזים־קעשענע. דאָס קנעפּל פּעלט. ער האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער ביי דער לופע, דורך אַ נס אים איבערגעדרייט און מיטן גראָבן פינגער אינסטינקטיוו געפּנט דאָס צינגל. עס איז אים געלונגען אויפצומאַכן די אויגן. אַלץ האָט זיך באַוועגט פּאַמעלעך, נישט צום אָפּוועגדן, ווי אַ גרויס ראָד, און חוץ ווייטיק האָט פונדעסטוועגן גאָרנישט עקזיסטירט. לעבן אים איז געשטאַנען אַ געהיים־אַגענט. טשען האָט געוואָלט פרעגן, צי טשאַן־קיי־שעק איז אומגעקומען, אָבער ער האָט דאָס געוואָלט טון אין אַן אַנדערער וועלט; דאָ, אין דער וועלט, איז אים אפילו אויך דערדאָזיקער טויט גלייכגילטיק געווען.

דער אַגענט האָט מיט אַ שטויס פון פיס מיטן גאַנצן כּוח אונטער די ריפּן אַרונטער אים איבערגעקערט אויף דער ערד. טשען האָט אַ קרעכץ־געטון, אויסגעשאָסן פאַר זיך, נישט צילנדיק, און אַ קראַמף האָט נאָך טיפער געמאַכט די ווייטיק, וואָס איז אַזוי אויך, דאַכט זיך, געווען אָן אַ גרענעץ. ער איז געווען נאָענט פון חלשות אָדער טויט. ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער שטאַרקסטער אָנשטרענגונג אין זיין לעבן, עס איז אים געלונגען אַריינצופּאַקן די לופע פון רעוואָלווער אין מויל. ריכטנדיק זיך אויף אַ צווייטן קראַמף, נאָך אַ מער שמערצלעכן ווי פריער, איז ער געבליבן אומבאַוועגלעך. פון שרעקלעכן שטויס, וואָס דער צווייטער אַגענט האָט אים דערלאַנגט מיט דער זויל, זענען אַלע זיינע מוסקולן געשפּאַנט געוואָרן: ער האָט אויסגעשאָסן, נישט ווילנדיק.

פינפטע טייל

אַ פערטל אויף צוועלף.

דער אויטאָ האָט דורכן נעפּל זיך אַוועקגעלאָזט אין דער זאַמדיקער אַלעע, וואָס האָט געפירט צום שפּיל־הויז. „איידער איך וועל פאָרן אין Black-Catu, קאָן איך נאָך אַ ווײַלע אָפּטרעטן", האָט קלאַפּיק אַ קלער געטון. ער האָט נישט געוואָלט פאַרשפּעטיקן אויף דער זעונג, סיי צוליבן געלט, וואָס ער האָט געדאַרפט באַקומען פון קיאָ גיסאָרס, סיי צוליב דעם, וואָס ער איז אַצינד געפאָרן צו אים נישט בלויז אים וואָרענען, נאָר טאַקע מציל זיין. ער האָט לייכט באַקומען די אינפאָרמאַציעס, וועגן וועלכע קיאָ האָט אים געבעטן: די געהיים־אַגענטן האָבן געוואוסט, אַז אויף עלף אַ זייגער ריכט מען זיך אויף אַ מאַנעוווער פון טשאַן־קיי־שעקס זייט — זיינע נאָעטסטע אָפּטיילונגען וועלן אַרומרינגלען אַלע קאָמוניסטישע קאָמיטעטן. אַצינד איז נישט גענוג צו זאָגן: „די רעאַקציע דערנענטערט זיך", נאָר מען וועט דאַרפן זאָגן: „גייט היינט נישט אין קיין שום קאָמיטעט אַריין". ער האָט געדענקט, אַז קיאָ האָט געזאָלט אַוועקגיין האַלב צוועלף. הייסט עס, אַז די קאָמוניסטן האָבן אויף היינט ביינאַכט באַשטימט פאַרזאַמלונגען, און טשאַן־קיי־שעק האָט באַשלאָסן זיי צו פאַרלויפן דעם וועג. די מענטשן פון אויסשפּיר־אַמט האָבן טיילמאָל געהאַט נישט ריכטיקע ידיעות, אָבער דאָס מאָל איז אַלץ געווען צו בולט, אַז זיי זאָלן זיך האָבן טועה געווען. קיאָ, ווען ער וועט דאָס איבערגעבן, וועט אָפּרופן די פאַרזאַמלונגען, און אויב עס וועט אויף דעם שוין זיין צו שפּעט, וועט ער, על־כּל־פּנים, אַליין נישט גיין. „אויב איך וועל קריגן ביי אים הונדערט דאָלאַר, וועט דאָס מיר אפשר קלעקן; הונדערט און די הונדערט זיבעצן, וואָס איך האָב היינט נישט אינגאַנצן אומלעגאַל פאַרדינט דורך אַ פיין קאָמבינאַציעלע, וועלן זיין צוזאַמען צווייהונדערט זיבעצן... און אפשר וועט ער גאָרנישט

האָבן אפילו קיין גראָשן אויך: דאָס איצטיקע מאָל איז שוין נישט קיין מעשה מיט געווער. לאָמיר קודם-כל פרוון עפּעס אויף אייגע-נער האַנט". דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. קלאַפּיק, ווייל ער איז געווען אָנגעטון אין סמאָקינג, האָט געגעבן צוויי דאָלאַר. דער שאָפער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ, געדאַנקט מיט אַ ברייטן שמייכל: דער קורס איז געווען אַ דאָלאַר.

— איך באַשטים די מתנה אויף צו קויפן אַ מעלאָניק.

— און מיט אַן אויפגעהויבענעם ווייז-פינגער, ווי אַ פּרע-דיקער פון אמת.

— איך זאָג: אַ מ ע ל אָ נ י ק.

דער שאָפער איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן.

— ווייל פון פלאַסטישן שטאַנדפּונקט, — דאָס איז דער שטאַנד-פּונקט פון אַלע לייטישע מענטשן, — קלאַפּיק האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן זאַמד-שטעגעלע און געצויגן ווייטער: — פּאַסט זיך פאַר דעם קאָפּ אַ מ ע ל אָ נ י ק.

דער אויטאָ איז שוין נישט געווען. ער האָט זיך געווענדט בלויז צו דער נאַכט, און די נאַכט האָט אַלס ענטפער אים גע-ברענגט אַ ריח פון בוקשפּאַן אין פייכטע האָפן פון גאָרטן. דאָס איז געווען דער האַרבער ריח פון א יי ר אָ פּ ע. דער באַראָן האָט אָנגעטאַפּט די רעכטע קעשענע, אָנשטאָט דעם פּאָרטפעל, האָט ער דאָרט דערפילט דעם רעוואָלווער: דער פּאָרטפעל איז געלעגן אין דער לינקער קעשענע. ער האָט אַ קוק געטון אויף די נישט באַ-לויכטענע פענסטער, וואָס האָבן זיך קוים אָנגעזען. „לאָמיר נאָר אַ קלער-טון..." ער האָט געוואוסט, אַז ער באַמיט זיך בלויז אָפּ-צושלעפן די מינוט, אין וועלכער ער קאָן נאָך אפשר אַנטלויפן פון שפּילן, אָבער ער איז נישט אַנטלאָפן. „איבערמאָרגן, אויב ס'וועט נאָר אַ ביסל זיך איבערדרעגענען, וועט דאָ ווידער שמעקן, נאָר איך וועל שוין, מסתמא, אויף דער וועלט ניש טזיין... איך וועל שטאַרבן? וואָס רעד איך? אַ משוגעת! קיין וואָרט נישט: איך בין אומ-שטערבלעך". ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן ערשטן שטאָק. דאָס גע-רויש פון די זשעטאָנען און קול פון רולעטע-מייסטער זענען, דאַכט

זיך, געשטיגן און געפאַלן, לויטן קנוילן זיך פון רויך. די באָיס האָבן געדרימלט; אָבער די רוסישע דעטעקטיוון פון דער געהיים־פּאָליציי, מיט די הענט אין די קעשענעס פון די מאַרינאַרקעס, אָנגעלענט מיט די פּלייצעס אָן די ביישטידלעך פון די טירן, אָדער זיך נאָכלעסיק דורכשפּאַצירנדיק — זיי האָבן נישט געדרימלט. קלאַפּיק איז אַריינגעגאַנגען אין גרויסן זאַל, ווי מען האָט געשפּילט אין "boule„; אין נעפּל פון טיטון־רויך זענען געווען אָנגעבויגן איבערן גרינעם טיש, אין דער פאָרם פון אַ שאַך־ברעט — שוואַרצע סמאָקינגס, ווייסע פּלייצעס.

— האַלאָ, טאָטאָ גייט! — האָבן זיך דערהערט קולות.

מען האָט אים גערופן אין שאַנכיי טאָטאָ. אַלע האָבן אים געקענט, כאָטש ער פּלעגט קומען נאָר ביי אַ געלעגנהייט — אונטערהאַלטן געזעלשאַפט זיינע באַקאַנטע: ער איז נישט געווען קיין שפּילער. מיט אָפענע אָרעמס, מיט אַ מינע פון אַ פּאָטער, וואָס האָט הנאה פון זיינע קינדער:

— בראַוואָ! איך בין גערירט, וואָס כ'האָב געטראָפן צו אַ ליבע פאַרוויילונג אין היימישן קרייז.

דער רולעטע־מייסטער האָט נאָר־וואָס אַ לאָז־געטון די גאַלקע; די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט האָט זיך אָפּגעווענדט פון קלאַפּיקן. דאָ האָט זיין ראָלע זיך איינגעשרומפּן; די מענטשן האָבן זיך נישט גענייטיקט אין קיין צעשטרייאונג. די גאַלקע, וואָס האָט צוגעשמידט זייערע בליקן, האָט אָנגעוואָרפן אַ שטרענגע דיסציפּלין זייערע פּנימער.

ער האָט געהאַט הונדערט זיבעצן דאָלאַר. דאָס שפּילן אויף נומערן איז געווען צו געפערלעך. ער האָט ביי זיך פריער אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט שטעלן אויף די פּאָריקע, אָדער אומפּאָריקע.

— עטלעכע פיינע זשעטאָנדלעך — האָט ער געזאָגט צום רולעטע־מייסטער

— וויפיל?

— צוואָנציק.

ער האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַן — צו שטעלן יעדעס מאָל איין

זשעטאָן: תמיד אויף די פאַבריקע. ער זאָל כאָטש געווינען אַ דריי־הונדערט דאָלאַר.

ער האָט געשטעלט. ס׳איז אַרויס דאָס פינפטל. פאַרשפּילט. נישט קיין גרויסער היזק, נישט קיין שלעכטער סימן. ער האָט ווידער געשטעלט — נאָכאַמאָל אויף די פאַבריקע. אַ צווייטל. געוואונען. אויפּסניי. אַ זיבעטל: פאַרשפּילט. דערנאָך אַ נײַנטל: פאַרשפּילט. אַ פערטל: געוואונען. אַ דריטל: פאַרשפּילט. אַ זיבעטל, אַן איינסל: פאַרשפּילט. ער האָט פאַרלוירן זיבעציק דאָלאַר. ס׳איז אים געבליבן איין זשעטאָן.

דער לעצטער איינשטעל.

ער האָט אים אַ וואָרף־געטון מיט דער רעכטער האַנט; די לינקע האָט זיך אפילו נישט קיין ריר־געטון; מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי האָט איבערגענומען די אומבאַוועגלעכקייט פון דער אָפּרוענדיקער גאַלקע. און פונדעסטוועגן האָט ער געפילט די האַנט. פּלוצלינג איז אים קלאָר געוואָרן: דאָס האָט נישט די האַנט, נאָר דאָס זייגערל אויפן האַנט־בראַזלעטל אים געקוועלט. פינפאונצוואָנציק אויף צוועלף. אין פינף מינוט אַרום דאַרף ער זיך זעען מיט קיאָ גיסאָרס.

ביים פריערדיקן קאָן איז ער געווען איבערצייגט, אַז ער וועט זיכער געווינען; ווען עס זאָל אים אפילו אויסקומען צו פאַרשפּילן, וועט דאָס געשען נישט אַזוי שנעל. ער האָט געמאַכט אַ טעות, וואָס ער האָט זיך נישט גערעכנט מיטן ערשטן מאָל פאַרשפּילן; דאָס איז זיכער געווען אַ שלעכטער סימן. דערפאַר געווינט מען תמיד ביים לעצטן מאָל איינשטעלן; און די נישט פאָריקע האָבן שוין געווינען דריי מאָל כסדר. זינט ער האָט אָנגעהויבן שפּילן, האָבן די נישט־פאָריקע געוואונען אָפטער, אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט פאַרשפּילט... אפשר ענדערן, שטעלן אויף די נישט־פאָריקע? אָבער עפּעס אַ געפיל האָט אים אונטערגעזאָגט, ער זאָל זיך פאַרהאַלטן פּאַסיוו, נישט פּלאָנטערן: עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז צוליב דעם טאַקע אַהערגעקומען. די מינדסטע באַוועגונג וואָלט געווען אַ גאָט־לעסטערונג. ער איז געבליבן ביים שטעלן אויף די פאָריקע.

דער רולעטע-מייסטער האט א לאז-געטון די גאלקע. זי איז א לויף-געטון וואקלדיק, ווי תמיד, ווי מיט א באהאלטענעם מיין. פון אנהייב אן האט קלאפיק קיין איינמאל נישט געזען עס זאל פאלן אויף רויט אדער שווארץ. דידאזיקע פעלדער האבן אצינד געהאט די גרעסטע שאנסן. די גאלקע האט שפאצירט. פארוואס האט ער נישט געשטעלט אויף רויט? די גאלקע האט אנגעהויבן גיין פאמעלעכער. זי האט זיך פארהאלטן אויפן צווייטל. ער האט געוואונען.

ס'וואלט געווען א יושר איבערצוטראגן די פערציק דאלאר אויפן זיבעטל, צו שטעלן אויף א נומער. ס'איז קלאר: פון איצט אן דארף ער זיך לאזן אויף ברייטע וואסערן. ער האט געשטעלט אויףביידע זשעטאנען און געוואונען. ווען דער רולעטע-מייסטער האט צוגערוקט צו אים פערצן זשעטאנען, ווען ער האט זיי אנגערירט מיטן פינגער, איז אים, צו זיין פארוואונדערונג, פלוצלינג קלאר געווארן, אז ער קאן געווינען: דאס איז נישט געווען קיין פראדוקט פון זיין פאנטאזיע, קיין פאנטאסטישער צופאל אויף דער לאטעריע פון די אומבאקאנטע גיגאנטן. עס איז אים מיטאמאל פארגעקומען, אז די באנק דארף אים אויסצאלן געלט נישט דערפאר, וואס ער האט געשטעלט אויף א גליקלעכן נומער, נישט דערפאר, וואס ער האט אין אנהייב פארשפילט; נאר פשוט צוליב זיין רייכער פאנטאזיע, צוליב זיין געדאנקען-שוואונג; אצינד האט די גאלקע געלאזט אויסשפילן דעם צופאל לטובת אים, כדי צו באצאלן אים אלע חובות פון זיין שיקזאל. אויב ער וועט פונדעסטוועגן ווייטער שטעלן אויף נומערן, וועט ער זיכער פארשפילן. ער האט געשטעלט צוויי־הונדערט דאלאר אויף די נישט פאריקע און— פארשפילט.

א טיף-אויפגערעגטער, איז ער אויף א ווײַלע אוועקגעגאנגען פון טיש און זיך דערנענטערט צום פענסטער.

אין דרויסן איז געווען נאכט. הינטער די ביימער, נאך דער שורה אויטאס האבן רויט געפלאמט די לאמטערן. ער האט דורך די שויבן דערהערט א טומל פון קולות, געלעכטערן און מיטאמאל, נישט אונטערשיידנדיק קיין ווערטער, עפעס א זידלעריי. אויך מיר אויפרעגונג... וואסער זינלאז פאראיילעצט לעבן האבן געפירט די

אַלע באַשעפענישן, וואָס זענען דאָ דורכגעגאַנגען אין נעפּל? זיי האָבן אפילו נישט געוואָרפן קיין שאָטן פון זיך: קולות אין דער נאַכט. בלויז אין דעם זאַל האָט דאָס לעבן פולסירט מיט בלוט. ווער עס האָט נישט געשפּילט, דער איז נישט געווען קיין מענטש. צי האָט ער נישט אַ תל געמאַכט פון זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט צוליב די פאַנטאַזיעס און משוגעתן? ער האָט זיך אומגעקערט צום טיש.

ער האָט געשטעלט זעכציק דאָלאַר ווידער אויף די פּאָריקע. די גאַלקע, מיט איר גאַנג, וואָס איז געוואָרן אַלעמאָל פאַמעלעכער, האָט געטראָגן אין זיך די אַנטשיידונג פון גורל; קודם־כל פון זיין גורל. ער האָט נישט געקעמפט מיט קיין מענטשלעכער קרעאַציע, נאָר ווי מיט אַ גאָט; און דער גאָט איז טאַקע געווען ער אַליין. די גאַלקע האָט אויפסניי זיך אַ לאָז־געטון.

ער איז ווידער אַריין אין דעם פאַסיוון צושטאַנד, אין וועלכן ס׳איז אים ליב געווען: עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אַ כאַפּ־געטון זיין לעבן, אויפגעהאָנגען עס אויף דער פאַרפירערישער גאַלקע, און צום ערשטן מאָל איינצייטיק באַפרידיקט ביידע קלאַפּיקס, דעם, וואָס האָט געוואָלט לעבן, און דעם, וואָס האָט געוואָלט אומקומען. צוואָס קוקן אויפן זייגער? ער האָט אָפּגערוקט קיאָ גיסאָרסן אין דער וועלט פון טרוימעריי; ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער זעטיקט אָן די גאַלקע נישט מיט געלט, נאָר מיטן אייגענעם לעבן (רעזיגנירנדיק פון דער זעונג, האָט ער פאַרלוירן די לעצטע אויסזיכטן) און מיט יענעמס לעבן; און ווייל יענער האָט וועגן גאָרנישט געוואוסט, האָט דאָס צוגעגעבן דער גאַלקע, וואָס האָט אַלע מאָל פאַרקלענערט איר קרייז, די באַדייטונג פון די אַסטראָלאָגישע שטערן־סיסטעמען, אומהיילבאַרע קראַנקהייטן, פון די אַלע דערשיינונגען, מיט וועלכע מענטשן פאַרבינדן זייער גורל. וואָרים, וואָס פאַר אַ געמיינזאַמס מיט געלט האָט געהאַט די שווינדלערישע גאַלקע, וואָס האָט באַשמעקט יעדעס גריבעלע, די גאַלקע, וואָס אַ דאַנק איר האָט ער געקאָנט באַצווינגען דעם אייגענעם גורל, זיך אַליין פולשטענדיק נעמען אין די

הענט אַריין? אַ שאָד, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געוואוסט וועגן דעם מיטל... געווינען — נישט כדי צו אַנטלויפן, נאָר כדי צו בלייבן, צו פאַרפילפאַכן די סכנה, צו דערפירן דאָס איינשטעלן פון דער געוואונענער פרייהייט ביזן לעצטן אַבסורד! אָנגעשפאַרט אויפן עלנבויגן, מיט ציטערנדיקע מוסקולן אין די אָרעמס און לידקעס פון די פיס, נישט קוקנדיק אַפילו אויף דער גאַלקע, וואָס איר לויפן איז געוואָרן אַלע מאָל פאַמעלעכער, איז אים קלאָר געוואָרן דער זין פון שפילן, דער כישוף, וואָס ליגט אין פאַרשפילן.

פינף.

כמעט אַלע האָבן פאַרשפילט; דער רויך האָט אָנגעפילט דעם זאַל אין זעלבן מאָמענט, ווען די שפאַנונג פון די נערוון האָט נאָכגעלאָזט און ס׳האָט זיך געהערט בלויז דאָס גערויש פון די זשעטאָנען, וואָס דער רולעטע־מייסטער האָט מיט זיין קאָם צונויפגעשאַרט. קלאַפיק האָט געטראַכט, אַז דאָס איז נאָך נישט דער סוף. צוואָס זאָל ער זיך איבערלאָזן די זיבעצן דאָלאַר? ער האָט אַרויסגענומען אַ צען־דאָלאַרדיקן באַנקנאָט און אים געשטעלט אויף די פאָריקע.

ער איז אַזוי זיכער געווען אין פאַרשפילן, אַז ער האָט נישט געשטעלט אַליין, — אפשר האָט ער געוואָלט נאָך לענגער זיך אָנזעטיקן מיטן געפיל פון פאַרשפילן. ווי נאָר די גאַלקע האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען, האָט זיין רעכטע האַנט אונטערגעכאַפט איר באַוועגונג, אָבער די לינקע האָט זיך נישט גערירט פון טיש. ער האָט אַצינד פאַרשטאַנען דאָס אינערלעכע לעבן פון די שפיל־מכשירים: די גאַלקע איז נישט געווען סתם עפעס אַ גאַלקע, אפילו איר וואַקלהאַפטיקייט האָט פולסירט מיט לעבן; דער טאָר, איינצייטיק אַ פינקטלעכער און קאַפריזער, האָט געציטערט, און ס׳איז גאָר קיין וואונדער נישט: אַזוי פיל וועזנס זענען פאַרבונדן געווען מיט אים. אין מאָמענט, וואָס די גאַלקע האָט זיך באַוועגט, האָט קיינער פון די רייכערנדיקע נישט קיין צי־געטון פון פאַררייכערטן פאַפיראָס. די גאַלקע איז אַריינגעלאָפן אין רויטן קעמערל, צוריק אַרויסגעלאָפן, געבלאָנדזשעט אַ ווײַלע און אַריין

אין ביינטל. מיט דער לינקער האַנט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, האָט קלאַפּיק פלוצלינג אַ באַוועג-געטון, ווי ער וואָלט זי געוואָלט פון דאָרט אַרויסטרייבן. אַלזאָ, נאָכאַמאָל פאַרשפּילט.

פינף דאָלאַר אויף די פאָריקע: דער לעצטער זשעטאָן, ווי פריער.

די גאַלקע איז דורכגעלאָפן גרויסע קרייזן, אָבער שוין אָן לעבן. דאָס זייגערל האָט געריצט קלאַפּיקס בליק. ער האָט עס געטראָגן נישט אויפן געלענק-ביינדל, נאָר העכער, איבערן דיפּק. ער האָט אַוועקגעלייגט די האַנט אויפן טיש אַזוי, אַז ער זאָל זען בלויז די גאַלקע. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס שפּילן איז זעלבסטמאָרד אָן טויט: ס'איז גענוג אַוועקצולייגן דאָס געלט, קוקן אויף דער גאַלקע און וואַרטן, ווי נאָכן אַראָפּשלינגען סם; ער האָט מיט שטאָלץ באַנייט די פּאָרציעס. די גאַלקע האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן פירטל. געוואונען.

דאָס געווינס איז אים כמעט געווען גלייכגילטיק. פונדעסט-וועגן, ווען ער וואָלט פאַרשפּילט... ער האָט נאָכאַמאָל געוואונען, נאָכאַמאָל פאַרשפּילט. ווידער זענען אים געבליבן פערציק דאָלאַר, אָבער ער האָט נאָכאַמאָל געוואָלט איבערלעבן די שפּאַנונג, וואָס ווערט אַרויסגערופן דורכן לעצטן פּרווו. אַלע האָבן אַצינד געשטעלט אויפן רויטן, ווייל די גאַלקע האָט אַ לענגערע צייט שוין געמיטן דאָס רויטע. דאָס פעלד, וואָס האָט קאָנצענטרירט אויף זיך די בליקן פון אַלע, האָט אויך צוגעצויגן קלאַפּיקן; אָבער פאַראַטן די פאָריקע, וואָלט געהייסן: זיך צוריקציען. ער איז געבליבן ביי דאָס זייניקע, געשטעלט פערציק דאָלאַר, קיין שום געווינס וואָלט אים נישט אומגעקערט דאָס, וואָס ער האָט פאַרלוירן: אפשר איז נאָך קיאָ נישט אַוועקגעגאַנגען; אין צען מינוט אַרום וועט ער אים שוין זיכער נישט טרעפן; אַצינד וואָלט ער נאָך אפשר באַוויזן. אַצינד, אַצינד האָט ער געשטעלט די לעצטע גראָשנס, זיינס און יענעמס לעבן, קודם-כל — יענעמס. ער האָט געוואוסט, אַז ער פאַראַט קיאָ גיסאָרס; דאָס איז קיאָ געווען צוגעבונדן צו דער גאַלקע, צו דעם טיש, און דאָס איז ער, קלאַפּיק, געווען די גאַל-

קע, וואָס האָט געהערשט איבער אַלץ און אויך איבער אים, — וואָס האָט געקוקט אויף איר און געלעבט מיט אַזאַ פול לעבן, ווי נאָך קיינמאָל נישט, אָפּגעריסן פון זיך, געפּרעסן פון אַזאַ שטאַנד, אַז עס האָט זיך געמישט אין קאָפּ.

ער איז אַרויסגעגאַנגען איינס אַ זייגער: דער קלוב איז פאַר־מאַכט געוואָרן. ס'זענען אים געבליבן פינפאונצוואַנציק דאָלאַר. ער האָט אָפּגעאָטעמט מיט פרישער לופט, ווי אין אַ וואַלד. דער נעפּל האָט פון עלף אַ זייגער אָן אָנגעהויבן שיטער ווערן. אפשר האָט זיך אויך איבערגערעגנט: די ערד איז געווען פייכט. ער האָט, וואָס אַן אמת, נישט געזען אין דער פינסטערניש, נישט קיין בוקשפּאַן, נישט קיין האָפּן, נאָר לויטן האַרבן ריח דערקענט די קאָנטורן פון די טונקעלע בלעטער. „וואונדערלעך, האָט ער אַ טראַכט־געטון, מענטשן זאָגן כסדר, אַז די אויפרעגונג פון שפּילער שטאַמט פון זיין האָפן אויף געווינס! דאָס איז פּונקט ווי מ'וואָלט געזאָגט, אַז מענטשן גייען אויף דועל, כדי זיך צו איבן אין פעכטן". ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז די לויטערע נאַכט האָט צוזאַמען מיטן נעפּל פאַרטריבן אַלע זאָרגן, אַלע מענטשלעכע ווייטיקן. אָבער אינדערוויַיטנס האָבן זיך געהערט זאַלפן־שאָסן. „זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן דערשיסן..."

ער איז דורכגעגאַנגען דעם גאָרטן, באַמיענדיק זיך נישט צו טראַכטן וועגן קיאָ גיסאָרס, ער האָט אַנטוויקלט אַ שנעלן טריט. די בלייזן צווישן דיביימער האָבן אָנגעהויבן ווערן גרעסער. פּלוצ־לינג האָט דורך די רעשטלעך נעפּל אויף אַלעם זיך באַוויזן דאָס מאַטע ליכט פון דער לבנה. קלאַפּיק האָט אויפגעהויבן די אויגן. די לבנה איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ צעריסענעם קלומפּן טויטע וואָלקנס און זיך זייטיק פאַרנומען אין אַ ריזיקן שפּאַלט אַריין, אַ טונקעלן און דורכזיכטיקן, ווי אַן אָזערע מיט שטערן אויפן גרונט. די ליכטיקייט, וואָס איז געוואָרן אַלץ פולער, האָט אויף די אַלע

פאַרמאַכטע הייזער, אויף דער פולשטענדיק פוסטער שטאָט — אַוועקגעלייגט אַ שטעמפּל פון נישט־ערדישקייט, ווי די אַטמאָספער פון דער ערד־קויל וואָלט אין דערדאָזיקער טיפער, אומגעריכטער שטילקייט שיטער געוואָרן און אַוועקגעפלויגן אין אין־סוף. אָבער אויף דעם כלומרשט אויסגעשטאָרבענעם פּלאַנעט זענען פונדעסטוועגן נאָך געווען מענטשן. זיי זענען כמעט אַלע געשלאָפן, און דאָס אומרויִקע לעבן אין שלאָף, דאָס לעבן פון דעם אומבאַקאַנטן פּלאַנעט, האָט האַרמאָנירט מיט דער טויטקייט פון דער שטאָט, דער פאַרשלונגענער דורך דער נאַכט. „אין די מעשהלעך פון טויזנט און איין נאַכט ווערט דערציילט וועגן אַזעלכע קליינע שטעט, פאַרוואָרפענע ערגעץ, זינט יאָרהונדערטער, מיט מעטשעטן, באַלויכטענע פון דער לבנה, שלאָפנדיקע שטעט — אין מדבריות... דאָס וועט מיך נישט פאַרהיטן פון אַ קויל אין קאָפּ”. דער טויט, אפילו זיין אייגענער טויט, האָט פאַרלוירן די וואָרשיינלעכקייט אין דעם עפּיר, וואָס האָט אַזוי נישט געפּאַסט צו דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. און די, וואָס זענען נישט געשלאָפן? „ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואָס לייענען, אַזעלכע, וואָס פרעסן זיך אַליין. (וואָס פאַר אַ הערלעכע באַצייכענונג!). אַזעלכע, וואָס נעמען זיך אַרום”. אין דער שטילקייט האָט געציטערט דאָס מאָרגנדיקע לעבן, די אייפעריקע מענטשהייט, וואָס קיין זאַך וועט זי קיינמאָל פון זיך נישט באַפרייען! דאָס ווייען פון ווינט האָט אָנגעטראָגן עיפּוש פון טויטע קערפּערס, אויסדעמפונגען פון כינעזישן קוואַרטאַל. קלאַפּיק האָט קוים געאָטעמט: דער אומרו האָט זיך אומגעקערט. ער האָט לייכטער פאַרטראָגן דעם געדאַנק וועגן טויט, איידער דעם ריח פון אים. דער טויט האָט ביסלעכוויַיז פאַרשלונגען דאָס וועלט־בילד, וואָס האָט, הינטערן שלייער פון אייביקער גליקזעליקייט, געטראָגן אין זיך משוגעת, ביז דער ווינט, וואָס האָט כסדר געבלאָזן און קיין איין מאָל קיין פייף נישט געטון, האָט אַריבערגעפירט די לבנה צו דער קעגנאיבערדיקער וואָלקן־מחנה, און אַלץ איז פאַרזונקען אין פינסטערניש. „איז דאָס אַ חלום?” אָבער דער שרעקלעכער עיפּוש האָט אים ווידער געוועקט צום לעבן, צו דער דערשראָקענער נאַכט צווישן

די לאַמטערן-פֿייערן, וואָס זענען מיט אַ מינוט צוריק אויפֿגעטרייסלט געוואָרן און האָבן אַצינד אַוועקגעלייגט גרויסע ציטערדיקע ליכטרעדער אויף די טראָטואַרן, פֿון וועלכע דער רעגן האָט די שפּורן פֿון די מענטשלעכע טריט אָפּגעוואַשן.

וואוהין גיין? אויב ער וועט זיך לייגן שלאָפֿן, וועט ער נישט קאָנען פֿאַרגעסן אָן קיאָ גיסאָרס. ער האָט גראָד געמיטן די גאַס פֿון קליינע באַרן, נישט גרויסע שאַנד-הייזער מיט שילדן אין אַלע שפּראַכן, וואָס ווערן נאָר געהערט בײַם ים. ער איז אַריינגעגאַנגען אין ערשטן פֿון ראָג.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן פּאַראַפּעט פֿון דער וויטרינע. דריי קעלנערינס — אַ געמישטע און צוויי ווײַסע — זענען געזעסן מיט געסט; איינער פֿון זיי האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין. קלאַפּיק האָט צוגעוואַרט, אַ קוק געטון דורך דער וויטרינע: קיין לעבעדיק נפֿש, אפֿילו קיין מאַטראָס. אינדערווייטנס — שאָסן. ער האָט אונטערגעדריגעט אויף דער שטול: עס האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אַ באַפּרייטע קעלנערין, איינע פֿון די ווײַסע, אַן אָפּעטיטלעכע. ער האָט אַ דריי געטון דעם הוט אויפֿן פֿינגער, אים אַריינגעבערענגט אין שנעלער באַוועגונג, אַ וואָרף-געטון אין דער לופֿט, פֿלינק צוריקגעכאַפּט בײַם ראַנד און אַוועקגעלייגט אויף די קניען פֿון דער פֿרוי:

— פֿאַרנעמט אײַך, ליבע פֿריינדין, מיט דעם הוט. דאָס איז אַן איינציקער עקזעמפּלאַר אין שאַנכײַ. נאָכמער, ער איז צוגעוואוינט ווי אַ הינטל...

זי האָט זיך פֿאַררויטלט: דער גאַסט איז געווען אַ וויציקער. און איר פּנים האָט אַזוי אומגעריכט אויפֿגעבליט מיט פֿריילעכקייט, אַז אַ שמייכל האָט אָנגעקוואָלן אירע ליפּן.

— מיר וועלן עפּעס טרינקען, אָדער אַריינגיין? — האָט זי געפֿרעגט:

— אי טרינקען, אי אַריינגיין.

זי האָט געבערענגט שידאַם. „היימישער ספּעציאַל".

— אָן בלאָף? — האָט קלאַפּיק געפרעגט.

זי האָט אַ הייב-געטון מיט די אַקסלען:

— אפשר גאַראַנטירן אייך מיטן הינטן?

— ס'איז דיר אָפּט לאַנגווייליק?

זי האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט. קיין וויציקע געסט דאַרף מען נישט געטרויען; אָבער דער איז געווען אַזוי איינזאַם, נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו פאַרווײַלן; ער האָט, מסתמא, נישט בדעה חוזק צו מאַכן פון איר.

— וואָס קאָן מען מער האָבן ביי אַזאַ לעבן?

— דו רייכערסט?

— אָפּיום איז צו טייער. מען קאָן נעמען אַן איינשפּריצונג, יאָ טאַקע, אָבער איך האָב מורא: זיי גיבן אַזעלכע ברודיקע נאָדלען, אַז מען קאָן קריגן אַ געשוויר, און אין אַזאַ פאַל ווערט מען גלייך אַרויסגעוואָרפן. עס וואַרטן צען אַנדערע אויף יעדן אָרט. און ד ע ר נ אָ ך...

אַ פּלעמישע, האָט ער אַ קלער געטון... ער האָט איר איבערגעריסן אין מיטן רעדן.

— מען קאָן קריגן אָפּיום אַ סך ביליקער. איך צאָל צו צוויי דאָלאַר פ י נ פ א ו נ ז י ב ע צ י ק.

— דו ביסט אויך פון צפון?

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר געגעבן איר אַ שעכטעלע. זי איז אים געווען דאַנקבאַר — דערפאַר וואָס זי האָט דערקענט אין אים אַ לאַנדסמאַן, און אויך פאַר דער מתנה.

— פאַר מיר איז דאָס נאָך צו טייער... אָבער דאָס שעכטעלע וועט מיך נישט קיין סך קאָסטן. כ'וועל עס אויפעסן ביינאַכט.

— דו האָסט נישט ליב צו רייכערן?

— דו מיינסט, אַז איך האָב אַ ליולקע? וואָס שטעלסטו דיר פאָר?

זי האָט ביטער אַ שמייכל געטון, נאָר דער שמייכל האָט נישט אָפּגעווישט איר צופרידנקייט. אָבער פּלוצלינג האָט זיך אומגעקערט איר געוויינטלעכער אומצופרידנקייט:

— פאַרוואָס גיסטו ?

— טשעפּע דיך נישט... איך גיב, ווייל כ׳האָב פון דעם פאַר־געניגן. איך בין אַמאָל געווען אַן „אייגענער”...

דאָס איז אמת, ער האָט נישט אויסגעזען ווי קיין פרייער, וואָס צאָלט; נאָר קיין אייגענער איז ער, מסתמא, אויך שוין לאַנג נישט געווען. (עס פלעגט אים טיילמאָל באַפאַלן אַ חשק אויסצודערציילן פון זיין לעבן, אָבער דאָס פלעגט זעלטן טרעפן ביי סעקסועלע געלעגנהייטן). זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אויפן פאַראַפּעט פון דער וויטרינע.

— איך בעט דיך בלויז איין זאַך: באַמי דיך צו זיין העפ־לעך: איך שלאָף היינט דאָס לעצטע מאָל מיט אַ פרוי.

— פאַרוואָס דאָס לעצטע מאָל ?

זי האָט געהאַט אַ פלעגמאַטישן, אָבער נישט טעמפּן שכל. זי האָט זיך משער געווען, איידער ער האָט נאָך געענטפערט.

— ווילסט דיך דערהרגענען ?

דאָס איז געווען נישט דער ערשטער. זי האָט אַראָפּגענומען קלאַפּיקס האַנט פון טיש, זי אַריינגענומען צווישן די הענט, איר אומ־געשיקט אַ קוש־געטון, כמעט מוטערלעך.

— אַ שאָד... ווילסט שוין אַריינגיין מיט מיר ?

זי האָט געהערט, אַז טייל מענער באַפאַלט אַ חשק פאַרן טויט. זי האָט נישט געוואַגט אויפצושטיין די ערשטע: ווי זי וואָלט נישט געוואָלט דערנענטערן זיין מינוט פון זעלבסטמאָרד. זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון צווישן אירע הענט. צונויפגעקוליעט אויפן פאַראַפּעט, מיט פאַרלייגטע הענט, די עלנבויגנס ביים קערפּער, די נאָז אַרויסגערוקט, ענלעך צו אַ פרירנדיקן אינזעקט, האָט ער גע־קוקט אויף איר פונדערווייטנס, כאָטש זייערע קערפּערס האָבן זיך באַרירט. ער האָט נישט קיין סך געהאַט געטרונקען, דערפאַר האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט דער ליגנט, מיט דער וואַרימקייט, מיט דער פיקטיווער וועלט, וואָס ער האָט אַרום זיך באַשאַפן. ווען ער האָט אונטערגעברומט וועגן זעלבסט־מאָרד, איז דאָס געווען ווי אויפן ווינט, אָבער ס׳איז גענוג געווען,

זי זאָל אָנהייבן גלייבן אין דעם, אַז ער זאָל אַריבער די גרענעץ פון אמת. דאָס איז געווען נישט קיין אמת, נישט קיין ליגנט, נאָר איבערלעבונג. און ווייל עס האָט נישט עקזיסטירט, נישט קיין פאַר־גאַנגעהייט, וועלכע ער איז שוין גרייט געווען אויסצוטראַכטן, נישט דער פשוטער זשעסט, כלומרשט אַזוי נאָענטער, אויף וועלכן עס האָט זיך געשטיצט זייער פאַרשטענדיקונג, האָט דעריבער גאָרנישט עקזיסטירט. די וועלט האָט אים אויפגעהערט צו באַלעסטיקן. אַראָפּ־וואַרפנדיק זי פון די אַקסלען, האָט ער זיך געפילט גליקלעך אין ווירוואַר פון זיינע מאָלערישע פאַסירונגען און פאַנטאַזיעס, געשטאַרקט פון דעם בונד, וואָס ווערט געשאַפן דורך מענטשלעכער רחמנות, ווען זי טרעפט זיך צונויף מיטן טויט. עס האָט אים דורכגענומען אַזאַ שטאַרקער שוידער פון באַרוישונג, אַז די האַנט האָט אים אַזש געציטערט. די פרוי האָט דאָס דערפילט און אַ טראַכט געטון, אַז דאָס איז פון אַנגסט:

— צי קאָן מען דאָס נישט דערליידיקן... אויף אַן אַנדערן אופן?

— ניין.

דער הוט, וואָס איז געלעגן אין דער זייט אויפן טיש, האָט איראָניש געקוקט אויף אים. ער האָט אים אַוועקגעשאַרט אויפן פאַראַפּעט אַרויף, ער זאָל אים נישט שטעכן די אויגן.

— דאָס איז פון ליבע? — האָט זי ווידער געפרעגט.

אינדערווייטנס האָט אָפּגעהילכט אַ זאַלפּ. „ווי עס וואָלטן גע־ווען ווייניק אַזעלכע, וואָס וועלן היינט ביינאַכט מוזן שטאַרבן", האָט זי אַ קלער געטון.

ער איז אויפגעשטאַנען, גאָרנישט ענטפערנדיק. עס איז איר געקומען אויפן רעיון, אַז זי האָט מיט דער פראַגע אויפגעוועקט זיינע זכרונות. זיי האָבן זי טאַקע אינטערעסירט, אָבער ווי גערן וואָלט זי געבעטן אַנטשולדיקונג, ווען זי וואָלט אפילו געוואַגט. זי איז אויך אויפגעשטאַנען, אַרונטערגעשטעקט די האַנט אונטערן בופעט, אַפּערגענומען אַ פּעקל (אַ שפּריצער, האַנטיכער) און צוויי ביינקעס. זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן גאָרן.

ווען ער האָט פֿאַרלאָזט דעם לאָקאַל — האָט ער זיך נישט אומגעקוקט, אָבער געוואוסט, אַז די פֿרוי באַגלייט אים מיטן בליק דורך דער וויטרינע. ער האָט זיך נישט געפֿילט געזעטיקט — סיי אין די חושים, סיי אין דער פֿאַנטאַזיע. זיין קאָפּ איז ווידער פֿול געווען מיט נעפּלהאַפֿטע טרוימערייען. אפֿשר אין אַ פֿערטל שעה אַרום (עס האָט אים אויך נישט באַרויִקט די פֿרישע נאַכט־לופֿט) האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר אַ פּאָרטוגעזישן באַר. די וויט־רינעס זענען געווען נישט קיין מאַטע. אָפּגעזונדערט פֿון די געסט, האָט אַ שלאַנקע ברונעטקע מיט גרויסע אויגן, מיט די הענט אויף די ברוסטן, ווי זי וואָלט זיי געוואָלט באַשיצן, געקוקט אין דער נאַכט אַריין. קלאַפּיק האָט אַ קוק־געטון אויף איר, נישט רירנדיק זיך פֿון אָרט. „איך בין ווי אַ פֿרוי, וואָס ווייסט נישט, וואָס דער נייער געליבטער וועט פֿון איר אַרויסבאַקומען... מיר וועלן אַריינגיין און אַ פּרוּווּ־טון אויך מיט איר אָפּשפּילן די קאָמעדיע פֿון זעלבסטמאָרד".

האַלב צוועלף.

אין געטומל פֿון Black-Catu האָבן קיאָ און מאַי גע־וואָרט.

די לעצטע צען מינוט. זיי האָבן שוין געדאַרפֿט גיין. קיאָ האָט זיך געוואונדערט, וואָס קלאַפּיק האָט פֿאַרנאַכלעסיקט די זעונג, (ער האָט געשאַפֿן פֿאַר אים קנאַפּע צווייהונדערט דאָלאַר), אָבער נישט צו שטאַרק זיך געוואונדערט: אין דעם טאַקע האָט מען גע־קאָנט דערקענען קלאַפּיקן. קיאָ האָט אים געהאַלטן קודם־כּל פֿאַר אַ גאַנץ פֿיינעם עקסטראַוואַגאַנט: אָבער ער איז אים דאַנקבאַר געווען פֿאַר דער וואָרענונג און ביסלעכווייז אומצווייפֿלהאַפֿט אָנגע־הויבן סימפּאַטיזירן מיט אים. אומאָפּהענגיק פֿון דעם, האָט ער אָנגע־הויבן צווייפֿלען אין דעם ווערט פֿון דער וואָרענונג, און ווייל דער

באַראָן איז נישט געקומען אויפן באַשטימטן אָרט, האָט ער דעריבער אַלץ מער געצווייפלט.

אין מיטן פאָקס־טראָט איז געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג אַרום אַ פריש געקומענעם אָפיציר: די פּאָרלעך האָבן איבערגע־ריסן דאָס טאַנצן, און זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם מונדיר פון טשאַן־קיי־שעקס אַרמיי. הגם ס'האָט גאָרנישט דערגרייכט צו זיינע אויערן, האָט קיאָ פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען, אַז דאָרט ווערט גערעדט וועגן אַ וויכטיקער געשעעניש. מאַי איז דערווייל צוגעגאַנגען צו דער גרופּע; אין Black-Catu האָט מען יעדע פרוי געקאָנט חושד זיין אין אַלעם, ממילא — אין גאָרנישט. זי האָט זיך איילִיק אומגעקערט.

— מען האָט געוואָרפן אַ באָמבע אונטער טשאַן־קיי־שעקס אויטאָ, — האָט זי שעפּטשענדיק געזאָגט. — ער איז נישט געווען אין אויטאָ.

— דער אויספירער? — האָט קיאָ געפרעגט.

זי איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער גרופּע, זיך אומגע־קערט, באַגלייט פון עפּעס אַ פּאַרשוין, וואָס האָט דווקא געוואָלט, זי זאָל מיט אים טאַנצן, אָבער וואָס האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן, ווי נאָר ער האָט דערזען, אַז זי איז נישט אַליין.

— אַנטלאָפן — האָט זי געזאָגט.

— לאָמיר האָפן.

קיאָ האָט געוואוסט, ווי ווייט אומפּינקטלעך עס זענען גע־ווייִנטלעך אַזעלכע אינפאָרמאַציעס, אָבער אַז טשאַן־קיי־שעק איז נישט אומגעקומען, דאָס איז געווען זיכער. וועגן זיין טויט וואָלט דער אָפיציר אומבאַדינגט געוואוסט. „מיר וועלן הערן עפּעס מער אין מיליטערישן קאָמיטעט. קום שוין אַהין".

ער וואָלט גערן געגלייבט אין טשענס רעטונג; ער האָט דאָך דאָס צום שטאַרקסטן געוואָלט. אומאָפּהענגיק פון דעם, צי טשאַן־קיי־שעק האָט זיך נאָך געפונען אין שאַנכיי, צי ער איז שוין אַוועקגעפאָרן אין דער ריכטונג פון נאַנקין, האָט דער נישט גע־

לונגענער אַטענטאַט צוגעגעבן אַן אומגעהייערע וויכטיקייט דער זיצונג פון מיליטערישן קאָמיטעט. אפשר פונדעסטוועגן צוואַרטן... ער האָט נאָך מיטאָג מיטגעטיילט קלאַפּיקס ידיעות דעם מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט, אָבער יענער האָט זיך צו די ידיעות באַציגן סקעפּטיש פשוט דערפאַר, וואָס אַזאַ מלוכה־אַטענטאַט וואָלט צו שטאַרק באַשטעטיקט טאַקע קיאָס פאָרזעונגען און טעזן. דער קאָמיטעט האָט געצילט צו שלום און נישט צו קאַמף: מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער פּאָליטישער פירער פון די רויטע און עפּעס איינער אַ פירער פון די בלויע געהאַלטן רעדעס אין שאַנכיי, אין וועלכע זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט גאַנץ אָפן. און דאָס אָפּשטויסן די מאַסן, וואָס זענען אַרויסגעטרעטן קעגן דער יאַפּאַנישער קאָנצעסיע אין האַן־קאו, האָט שוין עדות געזאָגט, אַז די רויטע זענען פּאַראַליזירט אפילו אין צענטראַל־כינע; דאָס מאַנדזשורישע מיליטער איז געגאַנגען אויף האַן־קאו; מען האָט זיך געמוזט שלאָגן מיט זיי מיט דער הילף פון טשאַן־קיי־שעקס אַרמיי... קיאָ איז געגאַנגען אין נעפּל, מאַי ביי זיין זייט,ביידע שווייגנדיק. ווען די קאָמוניסטן וואָלטן געמוזט די נאַכט זיך שטעלן צום קאַמף, וואָלטן זיי קוים באַוויזן זיך צו פאַרטיידיקן. אמת, זיי האָבן נישט אָפּגעגעבן אַלע ביקסן, אָבער ווי אַזוי קאָן מען קעמפן מיט אַ צענפאַך גרעסערער מאַכט קעגן די אינסטרוקציעס פון דער קאָמוניסטישער כינעזישער פאַרטיי, מיט אַן אַרמיי, וואָס האָט אין איר רשות אַ קאָרפּוס פרייוויליקע פון דער בורזשואַזיע, אייראָפּעיש באַוואָפנט, און איז בעסער צוגעגרייט צו אַטאַקע. אין מערץ האָט די גאַנצע שטאָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי; דער דיקטאַטאָר האָט רעפּרעזענטירט די אויסלענדישע עלעמענטן, אַלע האָט פאַרייניקט דער האַס צו די פרעמדע; די קליינבירגערלעכע מאַסן זענען געגאַנגען מיט דער דעמאָקראַטיע און נישט מיטן קאָמוניזם; דאָס איצטיקע מאָל איז די אַרמיי געווען אויפן אָרט, אַ דראָענדיקע, שוין נישט די, וואָס איז אַנטלאָפן קיין נאַנקין. טשאַן־קיי־שעק איז נישט געווען דער תּלין פון פעברואַר־אויפשטאַנד, פאַרקערט, ער איז געווען דער נאַציאָנאַלער העלד, פאַר דער בורזשואַזיע, פאַר אַלע,

חוץ פֿאַר די קאָמוניסטן. אין מערץ — אַלע קעגן דער פּאָליציי; היינט — די קאָמוניסטן קעגן דער אַרמיי. די שטאָט וועט בלייבן נייטראַל, גיכער לטובת דעם גענעראַל. ס׳וועט אפֿילו שווער זיין צו פֿאַרטיידיקן די אַרבעטער-קוואַרטאַלן; אפֿשר שאַפֿעי? און וואָס וועט זיין דערנאָך?... אויב קלאַפּיק האָט געהאַט פֿאַלשע אינפֿאָרמאַציעס, אויב די רעאַקציע וועט צוואַרטן נאָך אַ חודש, וועלן דער מיליטערישער-קאָמיטעט, קיאָ, קאַטאָוו אָרגאַניזירן צווייהונדערט טויזנט מאַן. די נייע שטורעם-גרופּעס, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך דעצידירטע קאָמוניסטן, האָבן שוין איבערגענומען אין זייערע הענט די אָנפֿירונג פֿון די פּאַרטייען; אָבער ס׳איז נייטיק לכל-הפּחות איין חודש, אַז ס׳זאָל געשאַפֿן ווערן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל פֿעיִק זיין אָנצופֿירן מיט מאַסן.

דערצו נאָך די פֿראַגע פֿון געווער. ס׳איז נייטיק צו באַשטימען נישט בלויז די צאָל ביקסן צום אַרויסגעבן, צווייהונדערט אָדער דרייהונדערט, נאָר אויך, ווי אַזוי די מאַסן זאָלן זיין באַוואָפֿנט אין פֿאַל פֿון אַ מלוכה-אַטענטאַט מצד טשאַן-קיי-שעקן. דאָ וועט מען האַלטן אין איין דיסקוטירן, און די מענטשן וועט מען דערווייל אַנטוואָפֿענען. און אויב דער מיליטערישער קאָמיטעט וואָלט צוליב פֿולשטענדיק באַרעכטיקטע סיבות פֿאַרלאַנגט געווער, וואָלט דער צענטראַל-קאָמיטעט, געדענקענדיק, אַז די טראָצקיסטישע טעזן זענען געווען קעגן אַ פֿאַרייניקונג מיטן קאָמינטאַנג, אַצינד געווען שטאַרק פֿאַרחידושט, וואָס אָט די ריכטונג האָט צוליב טעותדיקער אָדער ריכטיקער אינטערפּרעטאַציע זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט דער אָפּאָזיציע אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

קיאָ האָט געפֿונען אין נעפּל, וואָס איז ביז אַצינד נאָך נישט שיטערער געוואָרן, דאָס טונקעלע לעמפּל פֿון הויז, אין וועלכן עס האָט זיך געפֿונען דער צענטראַל-קאָמיטעט. דער נעפּל און די נאַכט זענען געווען אומדורכדרינגלעך; ער האָט געמוזט עפֿענען די צינד-מאַשינקע, כּדי צו זען ווי שפּעט ס׳איז.

ער האָט זיך שוין געהאַט פאַרשפּעטיקט אויף עטלעכע מינוט. כּדי צו גיין שנעלער, האָט ער אַרונטערגענומען מאַיס האַנט אונטער זיין אָרעם: זי האָט זיך לייכט צוגעדריקט צו אים. זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַזוי עטלעכע טריט, ווי ער האָט דערפילט אין איר קערפּער אַ שלוקערצן און מאָמענטאַלע אָפּשוואַכונג; זי איז געפאַלן, זיך אויסגליטשנדיק פאַר אים. „מאַי!" ער האָט זיך אַ שטרויכלגעטון, געפאַלן אויף די הענט, און אין מאָמענט, וואָס ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, האָט ער באַקומען מיטן גאַנצן כּוח מיט אַ רעמעט איבערן קאַרק. ער איז אַ פאַל־געטון אויף איר מיט זיין גאַנצער לענג.

פון הויז זענען אַרויסגעקומען דריי געהיים־אַגענטן, זיך פאַרייניקט מיט יענעם, וואָס האָט אים געשלאָגן. אַ ביסל ווייטער האָט געוואַרט אַ ליידיקער אויטאָ. זיי האָבן אויפגעהויבן קיאָ, אים אַריינגעפּאַקט אין אויטאָ, אָנגעהויבן פאָרן, און, פאָרנדיק, אים גענומען בינדן.

ווען מאַי איז צו זיך געקומען (דאָס איז נישט געווען קיין שלוקערצן, נאָר אַ שמיץ מיט אַ בייטש אונטער די ריפּן), האָבן פאַרן מיליטערישן קאָמיטעט געהאַלטן וואַך זעלנער פון טשאַן־קיי־שעקס אַרמיי. פאַרבלענדט פון נעפּל, האָט זי זיי דערזען ערשט דעמאָלט, ווען זי איז שוין צוגעקומען נאָענט. זי האָט געמיטן די וואַך און זיך געלאָזט גיין ווייטער אין דער זעלבער ריכטונג (זי האָט שווער געאָטעמט, געפילט אַ ווייטיק אונטער די ריפּן); זי האָט זיך שנעל אומגעקערט אַהיים.

צוועלף אַ זייגער ביינאַכט.

ווי נאָר העמעלריך האָט דערהערט וועגן דעם באָמבע־אַטענטאַט אויף טשאַן־קיי־שעקן, איז ער גלייך געלאָפן געוואויר ווערן.

מען האָט אים געזאָגט, אַז דער גענעראַל איז דערהרגעט און דער מערדער איז אַנטלאָפן; אָבער פאַרן אויטאָ, וואָס איז געלעגן, אַן איבערגעקערטער, מיט אַ דורכגעריסענער דעק, האָט ער דערזען טשענס טויטן קערפער אויפן טראָטואַר, אַ צונויפגעקוליעטן און פאַרבלוטיקטן, שוין פייכטן פון נעפל, — ס׳איז געזעסן לעבן אים אַ זעלנער; דאָ איז ער געוואויר געוואָרן, אַז דער גענעראַל איז נישט געווען אין אויטאָ. ס׳איז אים אַריין אין קאָפּ אַ נישט־לאָגישער געדאַנק, אַז ער האָט מיט זיין אָפּזאָגן צוגעהאָלפן צו טשענס טויט; אַ פאַרצווייפלטער, איז ער אַוועקגעלאָפן צום קאָמוניסטישן פונקט פון זיין קוואַרטאַל און דאָרט פאַרלוירן אַ שעה אין פוסטע רעדערייען וועגן אַטענטאַט. ס׳איז אַריינגעקומען עפּעס אַ חבר.

— דער וועבער־פאַריין אין שאַפּעי איז פאַרמאַכט געוואָרן דורך טשאַן־קיי־שעקס מיליטער.

— די חברים האָבן נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד?

— ווער עס האָט פּראָטעסטירט, איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן. אין שאַפּעי דערשיסט מען אויך די מיטגלידער פון די קאַמף־גרופּעס, אָדער מ׳צינד אונטער זייערע הייזער... די שטאָט־פאַרוואַלטונג איז צעטריבן. מ׳פאַרמאַכט די פאַריינען.

קיין אינסטרוקציעס פון צענטראַל־קאָמיטעט זענען נישט געווען. ווער פון די חברים ס׳האָט געהאַט אַ ווייב מיט קינדער, איז אַהיימגעלאָפן זיי אַרויסשיקן.

נאָכן אַרויסגיין פון דאַנען האָט העמעלריך דערהערט אַ זאַלפּן־שיסעריי; ער איז געווען אין סכנה דערקענט צו ווערן, אָבער געמוזט קודם־כל אַרויסנעמען דאָס ווייב מיטן קינד פון דער היים. עס האָבן אים געמיטן אין נעפל צוויי פאַנצער־אויטאָס און צוויי וואָגנס, אָנגעפּאַקטע מיט טשאַן־קיי־שעקס זעלנער. פונדערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן זאַלפּן־שאָסן; און טיילמאָל אַנדערע, פון דעם גאָענט.

עס זענען נישט געווען קיין זעלנער אויף דער גאַס צ וו יי ־

ר ע פּ וּ ב ל י ק ן , אויך נישט אין געפֿיל לעבן זיין קראַם. זיי זענען שוין נישט געווען. די קראַם איז געשטאַנען אָפן. ער איז צוגעלאָפֿן: די פּליטן זענען געלעגן צעוואָרפֿן אויף דער ערד, די קראַם איז געווען „אויסגעריייניקט" דורך גראַנאַטן, ווי אַ שאַנצגרוב. אַ פרוי — אָנגעשפּאַרט אָן בופֿעט, ווי זי וואָלט זיך אַראָפּגעזעצט, מיט אַ בלוי-געוואָרענער ברוסט. אין ווינקל אַ הענטל פֿון אַ קינד: דאָס פֿויסטל, אָפּגעטיילט פֿון קערפּער, האָט אויסגעזען נאָך קלענער, ווי אין דער ווירקלעכקייט. „זיי לעבן שוין מסתמא נישט!" האָט העמעלריך אַ קלער-געטון. ער האָט צום שטאַרקסטן מורא געהאַט פֿאַר דער גסיסה, אויף וועלכער ער וואָלט געמוזט קוקן, אויסגעשטעלט אויף ליידן און אויף גאָרנישט מער פֿעיִק, — ווי שטענדיק; ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר דעם אפֿילו נאָך מער, ווי פֿאַר די טונקעלע שענק, באַזייעטע מיט גראַנאַטן-שפּליטערס און רויטע פֿלעקן. די זויל האָט זיך געקלעפּט צום דיל. „זייער בלוט". ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, נישט וואַגנדיק אָפּצורייסן דעם פֿוס, שטיקנדיק זיך מיטן ריח פֿון פֿאַרגאָסענעם בלוט. ערגעץ ווייט האָבן געפּלאַצט גראַנאַטן. „עס קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן קובר-זיין"... ער האָט פֿאַרמאַכט די טיר אויפֿן שליסל און זיך געשטעלט ביי דער טיר. „אויב זיי וועלן צוריקקומען און מיך דערקענען, איז דער טויט". אָבער ער האָט נישט געקאָנט פֿון דאַנען אַוועקגיין.

ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פֿון זיינע ליידן, נאָר אַ שיכט פֿון גלייכגילטיקייט האָט באַדעקט זיין ווייטיק, די זעלבע גלייכגילטיקייט, וואָס ווערט אַרויסגערופֿן דורך קראַנקהייט, אָדער דורך אַ זעץ מיט אַ פֿויסט איבערן קאָפּ. קיין שום אומגליק האָט אים נישט געקאָנט איבעררא‍שן; דאָס מאָל איז דעם גורל געלונגען צו דערלאַנגען אים דעם שטאַרקסטן קלאַפּ. אָבער דער טויט האָט אים נישט געוואונדערט: ער איז אַזוי פֿיל ווערט, ווי דאָס לעבן: עס האָט אים אויפֿגעטרייסלט בלויז דער איינער געדאַנק, אַז דאָ איז געווען פּונקט אַזוי פֿיל ליידן, וויפֿיל בלוט ס'איז פֿאַרגאָסן געוואָרן הינטער דער טיר. דאָס מאָל האָט אָבער דער גורל

אַריבערגעכאַפּט: צונעמענדיק אים אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער אים אומגעקערט די פרייהייט.

ער איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק און פאַרמאַכט די טיר. נישט געקוקט אויף דער צעמישונג אין קאָפּ, דריקעניש אין האַרץ און געפיל, ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן נאַקן, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך די גרויסאַמע, שטאַרקע, טיפע פרייד, די פרייד פון באַפרייאונג. ער האָט מיט עקל און תענוג געפילט, ווי דערדאָזיקער שטראָם ברויזט אין אים, ברויזט אונטער זיין הויט און רייסט זיך אויף דער אויבערפלאַך אַרויס; דאָ, ביי זיינע פיס זענען געלעגן די טויטע קערפערס, זיינע זוילן האָבן זיך געקלעפּט צום דיל. עס איז נישט געווען אויף דער וועלט קיין שענדלעכערס פון דעם טאָפּלטן מאָרד; פון דעם מאָרד איבער אַ קראַנק קינד (אָט דער טויט האָט אויסגעזען נאָך אומשולדיקער, ווי דער טויט פון דער פרוי); אָבער אַצינד איז ער שוין נישט געווען הילפלאָז. אַצינד האָט ער אויך געקאָנט דערהרגענען. עס איז אים פלוצלינג איינגעפאַלן, אַז דאָס לעבן איז נישט דער איינציקער כוח, וואָס פאַרבינדט צווישן זיך די לעבעדיקע, און אפילו נישט דער שטאַרקסטער כוח: ער וועט זיי בעסער דערקענען, ליב האָבן, באַזיצן, — אין דער נקמה, ווי אין זייער לעבן. ער האָט נאָכאַמאָל דערפילט, אַז זיין זויל קלעפּט זיך צום דיל, זיך אַ וואַקל־געטון, דער געדאַנק האָט נישט געשטאַרקט זיינע מוסקולן. ער איז אויפגעטרייסלט געווען פון אַ טיפער עקזאַלטאַציע, אַזאַ שטאַרקער, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז אַצינד: ער האָט זיך געלאָזט באַהערשן פון דער שרעקלעכער באַגאַרוישונג אָן אַ שאָטן פון ווידערשטאַנד. „מ'קאָן דערהרגענען מיט ליבע אין האַרץ, מיט ליבע, אָ גאָט". האָט ער איבערגעחזרט, זעצנדיק מיט דער פויסט אין בופעט אַריין — אפשר להכעיס דער גאַנצער וועלט... ער האָט גלייך אָפּגעריסן די האַנט, מיט אַ פאַרשנורעוועטן האַלז פון ספּאַזמעס: דער בופעט איז געווען פאַרבלוטיקט. ער האָט באַקוקט דעם שוין ברוין־געוואָרענעם פלעק אויף דער האַנט, דער ציטערדיקער, צוזאַמענגעדריקטער,

ווי אין אַ נערוון־אַטאַק: דער שיכט בלוט אויף דער האַנט האָט זיך געשיילט. ער האָט אַ לאַך־געטון: פונאַנדערווייגען זיך, אַרויס־רייסן זיך ענדלעך פון דער פאַרשלאָסענער, צוגויפגעדריקטער ברוסט... אין דער לופט האָט אפילו קיין שטויבעלע נישט אַ ציטער געטון, און די אומגעהייערע גלייכגילטיקייט פון דערדאָזיקער וועלט איז צוזאַמען מיטן ליכט געלעגן אויף די פליטן, אויף די טויטע קערפּערס, אויפן בלוט. אַ זאַץ: „מען האָט ביי די פאַרמשפּטע געריסן די אברים מיט רויט־אָנגעגליטע צוואַנגען", דער זאַץ האָט זיך געוויגט אין זיין רעיון; ער האָט אים געהאַט פאַרגעסן פון די שול־יאָרן אָן, נישט פאַרשטאַנען, אָבער געפילט, וואָס אומגעפער ער באַדייט, — ער דאַרף אַוועק פון דאַנען, זיך אויך אַזוי אַרויסרייסן.

ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אייגנטלעך עס האָט זיך געענדערט, אָבער אַצינד האָט ער שוין געקאָנט אַוועקגיין. ער האָט זיך גובר־געווען, אַרויסגעגאַנגען און גענומען זיך באַוועגן אין אַ גלייכער ריכטונג, באַהערשט פון אַ טיפער גליקזעליקייט, וואָס האָט פאַרשטעלט מיט זיך דאָס ווילדע ברויזן אונטער דער הויט. ער איז נישט אָפּגעגאַנגען קיין דרייסיק מעטער, ווי ער איז שטיין געבליבן. „איך האָב נישט פאַרמאַכט די טיר". ער האָט זיך אומגעקערט. וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צוריק, אַלץ דייטלעכער האָט ער געפילט, אַז עס שטייגט אויף אַ שלוכצן אין אים, אַז דאָס שלוכצן נידערט אַראָפּ פון האַלז צו דער ברוסט און ווערט פאַרגליווערט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַ שלעפּ־געגעבן די טיר. דער שלאָס האָט אַ גרילץ־געטון: ס'איז געווען פאַרשלאָסן. ער איז אַוועקגעגאַנגען. „דאָס איז נאָך נישט דער סוף, האָט ער גייענדיק געמורמלט. דאָס איז ערשט דער אָנהייב, ערשט דער אָנהייב"... מיט אַרויסגערוקטע אַקסלען פאָרויס, ווי אַ שיפער, האָט ער זיך געשלעפּט צו דעם אומבעקאַנטן לאַנד, אין וועלכן ער האָט בלויז געוואוסט, אַז מענטשן דערהרגענען. ער האָט באַפרייט די אַקסלען און דעם מוח פון אונטער דער לאַסט פון די

צווי דערהרגעטע, וואָס האָבן אים — ענדלעך! — נישט געשטערט צו גיין.

מיט ציטערנדיקע הענט, מיט קריצנדיקע ציין, געטריבן פון זיין שרעקלעכער פרייהייט, האָט ער, אין משך פון צען מינוט, זיך אומגעקערט צו זיין פונקט. דער פונקט האָט זיך געפונען אין אַן איינשטאָקיק הויז. די פענסטער זענען מסתמא פאַרשטעלט געווען מיט מאַטראַצן: נישט געקוקט דערויף, וואָס עס זענען נישט געווען קיין ראָלעטן, האָט מען נישט געזען קיין ליכט-קוואַדראַטן אין נעפל, נאָר ווערטיקאַלע שטרייפן. אין דעם געסל האָט געהערשט אומגעשטערטע רו, און די ליכט-שטרייפן האָבן געגלאַנצט, ווי שטאַרק אָנגעגליטער מעטאַל. ער האָט אָנגעקלונגען. מען האָט געעפנט די טיר; מען האָט אים דאָ געקענט. פון דער טיף פון הויז האָבן געקוקט אויף אים פיר טעראָריסטן מיט מאַוזער-ביקסן אין די צוגעדריקטע הענט. הינטער זיי, אין ברייטן דורכגאַנג, האָט געווימלט, ווי אין אַ נעסט פון אינזעקטן, אָבער דער לעבהאַפטער ווימל האָט געהאַט אַ דייטלעכע ריכטונג: ער איז געקומען פון אונטן; דער שטיק-פונקט איז געווען אין קעלער; דער גאָרן האָט אויסגעזען אָפגעשטאָרבן. צווי אָפגעזונדערטע אַרבעטער האָבן אויפגעשטעלט אַ קוילנוואַרפער אויף די טרעפ איבערן הויז. דער קוילנוואַרפער האָט נישט געגלאַנצט, אָבער צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט, ווי דער הייליקער בילדערארון אין קלויסטער. עס האָבן זיך געפּאָרעט סטודענטן, אַרבעטער. ער האָט געמיטן אַ קנויל שטעכעדיקע דראָט (צוואָס האָט זי געקאָנט נוצן?), אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפ, אַרומגעקרייזלט דעם קוילנוואַרפער. פון אַ צימער איז אַרויסגעקומען קאַטאָוו, אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ פרעגנדיקן בליק. העמעליך האָט אויסגעשטרעקט די פאַרבלוטיקטע האַנט.

— פאַרוואונדעט? אונטן איז דאָ גאַזע. דאָס קינד האָסטו באַהאַלטן?

העמעליך האָט נישט געקאָנט רעדן. ער האָט מיט אַ נאַ-

רישער מינע אים געשטופּט די האַנט פאַר די אויגן. „דאָס איז זייער בלוט", האָט ער געטראַכט. אָבער נישט געקאָנט דאָס פון מויל אַרויסברענגען.

— איך האָב אַ מעסער — האָט ער געזאָגט. — גיט מיר אַ ביקס.

— מיר האָבן נישט קיין סך.

— גראַנאַטן.

קאַטאָוו האָט זיך אַ קווענקל־געטון.

— דו מיינסט, כאָלערע, אַז איך האָב מורא, וואָס ?

— גיי אַראָפּ אונטן. די גראַנאַטן ליגן אין די קאַסטנס. נעם נישט צופיל... דו ווייסט נישט, וואו קיאָ איז ?

— איך האָב אים נישט געזען. איך האָב געזען טשענען ; ער לעבט שוין נישט.

— איך ווייס.

העמעלריך איז אַראָפּגעגאַנגען. חברים מיט פאַרקאַשערטע אַרבל האָבן גענישטערט אין די אָפענע קאַסטנס. כמעט אַלץ איז שוין געווען אַרויסגענומען. נאָך די טונקעלע, זיך שאַרנדיקע פיגורן אונטער די פאַרשטעלטע לעמפּלעך אין קאָרידאָר, האָבן די מענטשן, צונויפגעקופּלטע איבער די קאַסטנס אין דער פולער באַלייכטונג פון די לאָמפּן, — אין קעלער זענען נישט געווען קיין פענסטערלעך, — האָט דידאָזיקע גדיכטעניש פון מאַסיווע קערפּערס אים פאַרוואונדערט, ווי די אַלע, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען, וואָלטן זיך פּלוצלינג דערוואָרבן רעכט צו אַ פולערער לעבן אין אָנבליק פון טויט, ווי יענע דאָרט אין דער הייך. ער האָט זיך אָנגעשטופּט די קעשענעס און אומגעקערט אויפן גאָרן אַרויף. יענע האָבן שוין געהאַט פאַרענדיקט דאָס אויפשטעלן דעם קוילנוואַרפער און זיך פאַרנומען מיט פאַרציען די שטעכעדיקע דראָט פאַר דער טיר, צוויי טריט ווייט, מען זאָל די טיר קאָנען עפענען. מען האָט בסדר געקלונגען. ער האָט געכאַפּט אַ בליק דורכן לעכל אין דער

טיר: דאָס געסל אין נעפּל איז נאָך אַלץ געווען שטיל און ליידיק; ס'זענען זיך צונויפגעקומען חברים, אומדייטלעכע פיגורן אין נעפּל, ווי פיש אין צעמאָנטשעט וואַסער, איינגעהילטע אין שאָטן, וואָס איז געפאַלן פון די דעכער. ער האָט זיך אָפּגעקערט, כדי אַ זוך צו טון קאַטאָוון; פּלוצלינג — צוויי מאָל אַ האַסטיק קלינגען פון גלעקל, אַ שאָס, אַ גערודער, דערנאָך אַ קלאַפּ פון אַ פּאַלנידיקן קערפּער.

„זיי גייען!" — האָבן מיטאַמאָל אויסגעשריגן עטלעכע וואַכפּאָסטנס ביי דער טיר. אַ שטילקייט איז אַריינגעטרעטן אין הויז, דורכגעוואָרפן מיט שטימען און אַ קלינגעריי פון געווער אין קעלער. די מענטשן האָבן פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס.

אלף צוויי.

שוין ניכטער פון זיין שווינדלעריי, ווי אַן אַנדערער ניכטערט זיך אויס פון אַלקאָהאָל, איז קלאַפּיק געגאַנגען דורכן קאָרידאָר פון זיין האָטעל. די באָיס, זיצנדיק צוזאַמען אונטער דער רוף-טאַבעלע, האָבן געגעסן פון אַ זון-רויז, באַשפּייענדיק מיט שאָלן דעם דיל אַרום דעם שפּיי-קעסטל. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט איינשלאָפן. ער האָט מעלאַנכאָליש געעפנט די טיר פון זיין צימער, אַ וואָרף-געטון די מאַרינאַרקע אויף אַ צעריסענעם עקזעמפּלאַר פון האָפמאַנס „דערציילונגען" און זיך אָנגעגאָסן וויסקי: אַלקאָהאָל פלעגט אַמאָל איינשטילן די אומרויִקייט, וואָס פלעגט אים פון צייט-צו-צייט באַפאַלן. עפּעס האָט זיך געענדערט אין דעם צימער. ער האָט זיך באַמיט וועגן דעם נישט צו טראַכטן: דאָס פעלן פון געוויסע זאַכן אין צימער, דאָס נישט וויסן, ווי אַזוי זיי זענען פאַרשוואונדן, — וואָלט זיך געקאָנט שלעכט אָפּרופן אויף אים. עס איז אים געלונגען אויסצומיידן כמעט אַלץ, אויף וואָס מענטשן בויען זייער לעבן: ליבע,

פאַמיליע, אַרבעט; אָבער ער האָט נישט אויסגעמיטן די שרעק. זי פלעגט אים באַפאַלן, ווי דאָס פלוצלינגדיקע דערמאַנען זיך אָן זיין איינזאַמקייט. ער פלעגט געוויינטלעך אַנטלויפן אין Black-Catu, זיך באַהאַלטן ביי די פרויען, וואָס צעעפענען די קניען און הערצער, טראַכטנדיק בשעת-מעשה וועגן עפעס אַנדערש. די נאַכט האָט ער נישט געקאָנט. אַן אויסגעשעפטער, אַן איבערגעזעטיקטער מיט שווינדלעריי, מיט דער איין-שעהדיקער אינטימיטעט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט איינמאָל און נאָכאַמאָל... ער האָט דערזען זיין פנים אין שפיגל, איז צוגעגאַנגען:

„אייגנטלעך מיין ליבער, — האָט ער געזאָגט צו דעם קלאַפיקן אין שפיגל, — נאָכוואָס אַנטלויפסטו פון דאַנען? ווי לאַנג וועט נאָך געדויערן די אַוואַנטורע? האָסט געהאַט אַ פרוי, אַנטשולדיק, אָ! אַנטשולדיק! האָסט געהאַט געליבטע און געלט; וועסט דיר קאָנען תמיד טראַכטן וועגן דעם, ווען ס'וועט דיר פאַרפעלן שטאָף פון זיך חוזק צו מאַכן. קיין וואָרט נישט! דו ביסט משמעות באַשאָנקען מיט פאַנטאַזיע און אַלע נייטיקע קוואַליפיקאַציעס פאַר אַ פאַראַזיט; וועסט קאָנען זיין אַ לאָקיי ביי פעראַלן, ווען וועסט עלטער ווערן, עס איז אויך דאָ אָנצונעמען אַ שטעלע פון אַ קלינגער — אַן אַדלמאַן, עס איז דאָ פאָליציי און זעלבסטמאָרד. זיין אַ סוטענער? אַלץ נאָך די משוגענע מאַניע פון גרויסקייט. עס בלייבט דער זעלבסטמאָרד, איך זאָג עס דיר. אָבער, וואָס קומט אַרויס, אַז דו ווילסט נישט שטאַרבן, אייזל-קאָפ? זע, פונדעסטוועגן, וואָס פאַר אַן אויסגעחלומטע צורה דו האָסט פאַר אַ בר-מינן...

ער האָט כמעט באַרירט דעם שפיגל מיט דער נאָז; צעשפרייט דאָס מויל, צעקרימט דאָס פנים אין אַ גרימאַסע פון אַ פאַרזעעניש; און ווי די מאַסקע וואָלט געענטפערט:

— נישט איטלעכער קאָן שטאַרבן? אוודאי: אויף יענער וועלט דאַרף מען האָבן געקליבענע. נו, מילא, וועסטו גיין נאָכן טויט אין גן-עדן אַריין. גאָט וועט זיין אַ גוטע פאָר פאַר אַזעלכע אַנטיקן, ווי דו ביסט...

ער האָט געענדערט דאָס פּנים אויף אַ קאַרנאַוואַל-מאַסקע פֿון אַ סאַמורייער, צעציענדיק דאָס פֿאַרמאַכטע מויל און זשמורענדיק די אויגן. און ווי דער אומרו, וועלכער האָט נישט געקאָנט אײַנגאַנצן אויסגעדריקט ווערן מיט קיין ווערטער, וואָלט זיך אוממיטלבאַר באַוויזן אין זיין פֿולער מאַכט, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן הוועיות, זיך פֿאַרוואַנדלענדיק אין אַ מאַלפּע, אין אַ גולם, אין אַ שד, אין אַ פּאַציענט אין וואַרט-צימער פֿון אַ דענטיסט, אין אַלע גראָטעסקע מאַסקעס, אויף וועלכע דאָס מענטשלעכע פּנים איז נאָר פֿעיִק. נאָכמער: ער האָט זיך צוגעהאָלפֿן מיט די פֿינגער, צונויפֿגעצויגן די אויגן-ווינקלען, אויסגעברייטערט דאָס מויל פֿון אויער צו אויער, ווי דער מענטש, וואָס לאַכט, אײַנגעפּלאַטשט די נאָז, זיך געשלעפּט בײַ די אויערן. געדעס פֿון די פּנימער האָט אויסגעדריקט, אים אויפֿגעקלערט אַ נעוויסע טייל פֿון זיין וועזן, אַ פֿאַרבאָרגענע דורכן לעבן; די גראָטעסקע גיריקייט אין פּוסטן צימער, מיט דער קאָנצענטרירטער נאַכט-פֿינסטערניש אין די פֿענסטער, האָט דערמאַנט אָן ווילדן, שרעקלעכן משוגענעם קאָמיזם. ער האָט דערהערט זיין לאַכן — אַן אײַנציקן טאָן פֿון דעם קול, זיין אָפּגעירשנט לאַכן פֿון דער מוטער, און גלייך פֿאַרשטייענדיק, אַז דאָס איז זיין אייגן פּנים, איז ער דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען און זיך אַוועקגעזעצט אַ פֿאַרסאַפּעטער. עס איז געלעגן דאָרט אַ שטויס פּאַפּיר מיט אַ בלייפֿעדער אויפֿן פּאָטעל. אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועט ער טאַקע משוגע ווערן. פֿאַרשטעלנדיק זיך פֿאַר דעם שרעקלעכן שפּיגל, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן:

„דו וועסט פֿאַרענדיקן אַלס קעניג, מיין אָרימער טאָטאָ. אַלס קעניג בײַ אַן אויוון אין אַ משוגעים-הויז, סיידן וועסט אויפֿהערן זופּן פֿון פֿלעשל. אָבער אַצינד — ביסטו פֿאַרדרייט, צי נישט?... דו, וואָס האָסט אַזאַ לעבעדיקע פֿאַנטאַזיע, אויף וואָס וואַרטסטו נאָך, אָנשטאָט זיך פֿאָרצושטעלן, אַז ביסט גליקלעך? צי דאַכט זיך דיר...”

מען האָט אָנגעקלאַפּט.

ער איז אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון רעאַליזם, אָבער אַ צעטומלטער. מען האָט ווידער אָנגעקלאַפּט.

— ביטע.

אַ לייווענטן מאַנטל, אַ שוואַרצער פילצינער הוט, גרויע האָר: דער אַלטער גיסאָרס.

— אָבער, איך... איך... — האָט קלאַפּיק אָנגעהויבן שטאַמלען.

— מען האָט אַרעסטירט מיין זון — האָט גיסאָרס געזאָגט. — איר קאָנט קעניגן, אמת?

— איך... איך טויג צו גאָרנישט.

גיסאָרס האָט אַ קוק געטון אויף אים אַ פאַרדאַגהטער. „ער זאָל נאָר נישט האָבן צופיל אויסגעטרונקען", האָט ער אַ קלער געטון.

— איר קענט קעניגן? — האָט ער איבערגעחזרט.

— יאָ, איך, איך... קען אים. איך האָב אים... איך האָב אים געטון אַ טובה. אַ גרויסע טובה.

— צי קאָנט איר אים אפשר אויך בעטן וועגן אַזאַ שטייגער זאַך?

— איך וואָלט געקאָנט. אָבער וועגן וואָס?

— אַלס שעף פון דער זיכערהייטס־מאַכט אין דינסט פון טשאַן־קיי־שעקן, קאָן קעניג אומקערן מיין זון די פרייהייט. אָדער על־כל־פנים נישט דערלאָזן, מען זאָל אים דערשיסן: דאָס איז דאָך צום וויכטיקסטן, אמת...

— איך וועל זייער... זייער גערן.

ער האָט אַזוי ווייניק אויסגעשטעלט אויף קעניגס דאַנקבאַרקייט, אַז ער האָט אפילו נאָך שפּילעוועסקיס אָנווייזונג זיך נישט געווענדט צו דעם דייטש, האַלטנדיק אַזעלכע באַמיונגען פאַר נוצלאָז און אפילו נישט ראַציאָנעל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט

אויפן בעט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטע נאָז. ער האָט נישט געוואַגט צו עפענען דאָס מויל. גיסאָרס האָט גערעדט צו אים מיט אַזאַ טאָן, אַז ער האָט אים מסתמא נישט חושד געווען אין קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין אַרעסט פון זיין זון; ער האָט אים טראַקטירט ווי אַ פריינט, וועלכער איז נאָכמיטאָג געקומען וואָרענען קיאָ, און נישט ווי אַ מענטש, וועלכער האָט אַנטוישט. אָבער קלאַפּיק האָט נישט געקאָנט באַרויִקן זיין געוויסן. ער האָט נישט געוואַגט אַ קוק צו טון גיסאָרסן אין די אויגן אַריין. ער איז געזעסן אויפן בעט אַן אויפגערעגטער. גיסאָרס האָט נישט געפרעגט פון וואָסער פּאַסירונג, פון וואָסער נסיעה ער האָט זיך אומגעקערט, און ער האָט מסתמא זיך נישט משער געווען, אַז טאַקע זיין קומען איז געווען איינע פון די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דידאָזיקע שטאַרקע צערודערונג. קלאַפּיקן האָט זיך געדאַכט, אַז גיסאָרס באַשולדיקט אים:

— איר ווייסט, מיין ליבער, אַז איך בין נישט... סוף-כּל-סוף נישט אַזאַ אומפאַראַנטוואָרטלעכער; איך, איך...

ער האָט נישט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם שטאַמלען. עס האָט זיך אים טיילמאָל געדאַכט, אַז גיסאָרס איז דער איינציקער מענטש, וואָס פאַרשטייט אים; און טיילמאָל, אַז ער האַלט אים פאַר אַ ליץ. דער אַלטער האָט זיך שווייגנדיק צוגעקוקט צו אים.

— איך... וואָס טראַכט איר וועגן מיר?

גיסאָרס האָט גיכער חשק געהאַט אים אָנצונעמען ביי די אַקסלען און אָנוועקפירן צו קעניגן, איידער זיך אַריינצולאָזן מיט אים אין געשפּרעכן; אָבער פון דעם שיכּרות, אין וועלכן ער האָט אים חושד געווען, האָט זיך אויסגעלאָזט אַזאַ שטאַרקע צערודערונג, אַז ער האָט נישט געוואַגט זיך נישט צוצוהערן צו זיין רעדן:

— עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס מוזן שווייגן, אַזעלכע, וואָס מוזן טרוימען, אַזעלכע, וואָס מוזן רעדן... דאָס איז אַלץ

איינס. אין טעאַטער איז נישטאָ קיין ערנסט; אָבער אויף דער אָקסן-אַרענע איז יאָ דאָ; עס איז אויך נישטאָ קיין ערנסט אין אַ דערציילונג, אָבער אין מיטאָמאַניע איז יאָ דאָ.

קלאַפּיק איז אויפגעשטאַנען פון בעט.

— דער אָרעם טוט אייך וויי? — האָט גיסאָרס געפרעגט.

— אַ לייכטע אויסלענקונג. קיין וואָרט נישט...

קלאַפּיק האָט אומגעשיקט אויסגעדרייט דעם אָרעם, כדי צו פאַרשטעלן דאָס זייגערל פאַר גיסאָרס בליק, דאָס פאַטאַלע זייגערל, וואָס האָט אים בחינם אין שפּיל-הויז דערמאַנט אָן דער אָפּגעשמועס-טער שעה פון דער זעונג. נאָך גיסאָרס פראַגע איז אים קלאָר געוואָרן די גאַנצע נאַרישקייט פון דעם מאַנעוור.

— ווען וועט איר גיין צו קעניגן?

— אינדערפרי.

— פאַרוואָס נישט אַצינד? די פּאָליציי שלאָפט נישט ביינאַכט — האָט גיסאָרס ביטער געזאָגט — ווער ווייסט, וואָס עס קאָן געשען...

קלאַפּיק האָט בלויז געוואַרט אויף דער אָנרעגונג, נישט דערפאַר, וואָס דאָס געוויסן האָט אים געפּלאָגט — ווען ער וואָלט אַצינד זיך געפינען אין שפּיל-הויז, וואָלט ער זיך ווידער נישט אָפּגעריסן פון טיש, — נאָר ווייל ער האָט פּשוט געוואָלט מיט עפּעס פאַרגיטיקן זיין שולדיקייט.

— קומט, מיין ליבער...

ווידער האָט אים באַרירט די אומבאַקאַנטע ענדערונג, וואָס ער האָט באַמערקט אין צימער, ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט און — וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע בלינדקייט: עס איז פאַרשוואונדן איינע פון טיציאַנס מאָלערייען און צווי פון די שענסטע סטאַטועטקעס. אויפן טיש איז געלעגן אַ בריוו: שפּילעווסקיס האַנט-שריפט. ער האָט זיך משער געווען. נישט געוואַגט איבערצולייענען. שפּילעוו-סקי האָט אים געוואָרנט וועגן דער סכנה, וואָס דראָט קיאָ

גיסאָרס: ווען ער וואָלט צוליב אומפאָרזיכטיקייט אָנגעהויבן רעדן וועגן אים, וואָלט ער זיך שוין נישט אָפּגעהאַלטן פון אויספּלאַפּלען אַלץ. ער האָט באַהאַלטן דעם בריוו אין קעשענע אַריין.

ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון האָטעל, האָבן זיי באַגעגנט געפּאַנצערטע אויטאָס און לאַסט-אויטאָס, אָנגעפּאַקטע מיט זעלנער.

קלאַפּיק האָט צוריק געוואונען זיין גלייכגעוויכט; כדי צו מאַסקירן זיין לעצט ביסל אומרויִקייט, האָט ער ווידער אָנגעהויבן מיט זיינע אויסטערלישע מעשיות:

— איך וואָלט געוואָלט זיין אַ כּישופמאַכער, שיקן אַ נאָזיהאָרן דעם קאַליף — אַ נאָזהאָרן, זאָג איך — זאָל ער אויפלייכטן, ווי די גאָלדענע זון אין פּאַלאַץ און אויסרופן: „ווייס, קאַליף, אַז די ערשטע סולטאַנשע פאַראַט דיך! קיין וואָרט נישט! מיט אַזאַ נאָז וואָלט איך אַליין ווי אַ נאָזהאָרן זיך געוואָרפן צופיל אין די אויגן! מסכּים. און פונדעסטוועגן... קיינער גיט זיך מסתמא נישט אָפּ קיין חשבון, וואָס פאַר אַ תענוג עס איז צו שפּילן אין די אויגן פון אַ פרעמדן די ראָלע פון אַן אויסגעטראַכט לעבן. דער עיקר אין די אויגן פון אַ פרוי...

— וועלכע פרוי האָט דאָס, על-כּל-פּנים, איין מאָל נישט געפעלשט איר לעבנס-שטייגער פאַר אַ מאַן, וואָס האָט זי פאַרטשעפּעט אויף דער גאַס?

— איר... איר האַלט, אַז אַלע מענטשן ליידן אויף מיטאָמאַניע?

קלאַפּיקס אויגן-לעדלעך האָבן נערוועז געצוקט; ער האָט פאַרהאַלטן דעם טריט.

— אָבער! הערט מיך אויס, רעדט מיט מיר אָפנהאַרציק: פאַרוואָס האַלט איר, אַז זיי זענען נישט קיין מיטאָמאַנען?

עס איז אים אַצינד באַפאַלן אַ מאָדנע פרעמדער, אייגנאַרטיקער, און דאָך אַזוי שטאַרקער חשק, צו פרעגן גיסאָרסן, וואָס ער טראַכט וועגן שפּילן; און וואָלט ער נאָר אָנגעהויבן רעדן וועגן שפּילן, וואָלט ער סוף־כּל־סוף אַלץ אויסדערציילט. צי וועט ער אָנהייבן? דאָס שווייגן האָט אים גערייצט; צום גליק האָט גיסאָרס געענטפערט:

— איך בין אפשר צום ווינציקסטן באַרופן צו ענטפערן אויף דער פראַגע... דער אָפּיום לערנט בלויז וועגן איינס, נעמלעך וועגן דעם, אַז חוץ פיזישער ווייטיק, עקזיסטירט נישט קיין עמפּינדונג פאַר רעאַליטעט.

— חוץ ווייטיק... יאָ... און שרעק.

— שרעק?

— איר פילט קיינמאָל נישט קיין שרעק אונטער דער ווירקונג פון אָ...פּיום?

— ניין. וואָס וואָלט איך געהאַט מורא צו האָבן?

— אַ...

אין אמתן איז גיסאָרס געווען אין דער מיינונג, אַז כאָטש די וועלט איז נישט קיין ממשותדיקע, פונדעסטוועגן זענען די מענטשן, דער עיקר די, וואָס שטעלן זיך אַקעגן דערדאָזיקער וועלט, אין אַ הויכן גראַד באַשענקט מיט עמפּינדלעכקייט פאַר רעאַליטעט. קלאַפּיק האָט געהערט צו די זעלטענע אויסנאַמען, און גיסאָרס האָט געטראַכט וועגן דעם מיט אומרו, ווייל ער האָט דעם גורל פון זיין זון אָנגעטרויט אַזוי ווי דעם נעפל. הינטער דער לפּנימדיקער טאָגטעגלעכקייט פון יעדן מענטש, ליגט טיף באַהאַלטן זיין תּוך, וועלכע מען קאָן אָנטאַפּן מיטן פינגער; ווער עס וועט זיך אַריינטראַכטן אין זיין ליידן, וועט אַרויספילן אָט דעם עמפּינדלעכסטן נערוו. קלאַפּיקס אָנגעווייטיקטע אָרט איז געווען אומאָפּהענגיק פון אים, ווי די שולד פון אַ קינד: ער איז נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר; עס האָט אים געקאָנט אומברענגען, אָבער נישט ענדערן. ער האָט געקאָנט פאַרלירן יעדע

מעגלעכקייט פאַר עקזיסטענץ, מאַכן פון זיך אַ קריפּל, אַראָפּגיין פון זינען, ער האָט אָבער נישט געקאָנט דערוואַרבן זיך מענטשלעכקייט. „אַ גאָלדן האַרץ, אָבער אַן אומפּרוכטבאַרס". גיסאָרס האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז אין קלאַפּיקס האַרץ איז נישטאָ, נישט קיין ווייטיק, נישט קיין איינזאַמקייט, ווי ביי אַנדערע מענטשן, נאָר עס דרימלט דאָרט בלויז אַ פאַרשאַרפטע עמפּינדלעכקייט.

גיסאָרס פלעגט טיילמאָל אָפּשאַצן מענטשן אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אַלס עלטערע; קלאַפּיק האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין עלטער: די יאָרן האָבן אים נישט געפירט צו מענטשלעכער דערפאַרונג, נאָר געשטאַרקט אין אים דעם גראַד פון פאַרגיפטונג — דורך עראָטיק אָדער נאַרקאָזן — דעם גראַד, אין וועלכן עס וועלן זיך אַמאָל קאָנצענטרירן אַלע אופנים פון איגנאָרירן דאָס לעבן. „אפשר, — האָט דער באַראָן געטראַכט, — ווען איך וואָלט אים דערציילט, וואָלט ער אָנערקענט, אַז איך האָב געהאַנדלט פולשטענדיק נאָרמאַל..." מען האָט אַצינד געשאָסן אין גאַנצן כינעזישן קוואַרטאַל. קלאַפּיק האָט געבעטן גיסאָרסן, ער זאָל אים נישט נאָכגיין אויסערן שטח פון דער קאָנצעסיע: קעניג וועט אים סיי־ווי נישט אויפנעמען. גיסאָרס איז געשטאַנען, געקוקט אַ ווײלע, ווי ס'איז אין נעפּל פאַרשוואונדן זיין דינע, נישט קלאָרע סילועטקע.

סוף פון צווייטן בוך.

א מתנה פאַר אונזערע לייענער!

חשובע פריינט,

די „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק" שטרעבט כסדר צו פאַרביליקן אירע אויסגאַבן.

דאָס איז אין הסכם מיטן ציל, וועלכן זי האָט זיך געשטעלט, אָנהייבנדיק איר טעטיקייט.

„דאָס יידישע בוך אין יעדן יידישן הויז!"

אין אַ געוויסער מאָס איז דערדאָזיקער לאָזונג שוין נישט קיין פאַנטאַזיע.

אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, וואו דאָס יידישע וואָרט האָט נאָר געשלאָגן די שוואַכסטע וואָרצלען, דערגרייכן אונזערע ביכער, וואָס ווערן פאַרשפּרייט אין די טויזנטער. דער אַלגעמיינער סכום פון פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן שטייגט שוין אַצינד אַריבער די דרייסיק טויזנט.

דערדאָזיקער דערפאָלג, וואָס איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער וואַכזאַמקייט פון יידישן לייענער, שטויסט אונז צו פאַרטאָפּלען אונזער ענערגיע.

פופצנהונדערט נייע אַבאָנענטן זענען מסוגל אונז צו געבן די מעגלעכקייט צו פאַרביליקן אונזערע ביכער אויף פופצן פּראָצענט. מיר טרעטן דעריבער צו צו דער אַקציע פון שאַפן דידאָזיקע נייע פופצנהונדערט אַבאָנענטן.

די טויזנטער פריינט פון יידישע לייענער, וועלכע מיר האָבן ביז איצט דערוואָרבן, גיבן אונז די פריידיקע האָפענונג, אַז אונזער אונטערנעמונג וועט דורכגיין מיט דערפאָלג.

מיר עפענען אַ וועט-לויף פון אַבאָנענטן-זאַמלער פאַר דער „יידישער אוניווערסאַל-ביבליאָטעק" מיט רייכע ביכער-פּרעמיעס.

צו די פּרעמיעס געהערן פאָלגנדע באַרימטע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור :

מאַקסים גאָרקי

קלים סאַמגין

פיר גרויסע בענדער, קנאַפּע *2000* זייטן, גרויסער פאָרמאַט.

אין דערדאָזיקער ריזן-עפּאָפּעע פון די לעצטע פערציק יאָר לעבן פון אויפגעברויזטן רוסלאַנד, האָט דער גרעסטער היינט-צייטיקער דיכטער פון דער רוסישער ערד זיך דערהויבן צום זעניט פון זיין מייסטערשאַפט. יעדעס וואָרט איז דאָ אַ פּערל. דאָס יוערק לייענט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

מאַקסים גאָרקי

דאָס געשעפט פון די אַרטאַמאָנאָווס

קנאַפּע *500* זייטן, גרויסער פאָרמאַט.

איינס פון די הערלעכסטע ווערק פון גרויסן קינסטלער.

סטעפאַן זשעראָ[illegible]קי

היימלאָזע מענטשן

צוויי בענדער, קנאַפּע *700* זייטן.

דאָסדאָזיקע טיף-מענטשלעכע בוך געהערט צו די פּערל פון דער פּוילישער ליטעראַטור.

מאַרטין אַנדערסען נעקסע

פּעלע דער זיגער

גרויסער סאָציאַלער ראָמאַן, העכער *400* זייטן, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק, אין אַ הויך-קינסטלערישער פאָרם, דער געראַנגל פון פּראָלעטאַריאַט פאַר זיין באַפרייאונג.

יעדער לייענער, וואָס וועט זאַמלען פאַר אונז 20 אַבאָנענטן און איבערווייזן דעם סכום פון זייער באַטרעף אויף אונזער קאָנטאָ, וועט גלייך באַקומען אַריינגעשיקט דאָס גרויסע ווערק „קלים סאַמגין“, אַלע פיר בענדער, אינגאַנצן בחינם, צאָלנדיק בלויז פאַר פּאָרטאָ.

יעדער לייענער, וואָס וועט זאַמלען בלויז פינף אַבאָנענטן, האָט דאָס רעכט אויף איין באַנד פון די אויסגערעכנטע ווערק, לויט אייגענעם אויסוואַל. נאָכן דערהאַלטן דעם איינגעצאָלטן סכום, וועט דאָס ווערק גלייך אַרויסגעשיקט ווערן אינגאַנצן בחינם ביים אָפּצאָל בלויז פאַר פּאָרטאָ.

יעדערע פינף אַבאָנענטן גיבן, אַלזאָ, דאָס רעכט אויף איין באַנד.

דערביי באַמערקן מיר, אַז יעדער פון די געזאַמלטע אַבאָנענטן באַקומט זיין נאָרמאַלע פּרעמיע, וואָס באַשטייט פון איינעם פון די פאָלגנדע דריי ווערק: מ. גאָרקי — זכרונות; ל. פראַנק — דער מענטש איז גוט; דיהאַמעל — דאָס לעבן פון מאַרטירער.

די „יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק“ ווענדט זיך צו אירע טויזנטער פריינט-לייענער מיט דעם וואַרימען אַפּעל, אַז איר אונטערנעמונג, וואָס ווערט דורכגעפירט נישט צוליב פּראָפיט, נאָר לטובת דער יידישער ליטעראַטור און יידישן לייענער, זאָל אויפגענומען ווערן מיט דעם געהעריקן אינטערעס.

גלייך נאָכן אָפּשליסן די געזאַמלטע פּופצנהונדערט אַבאָנענטן, וועלן מיר אונזער פאַרביליקונג דורכפירן.

„יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק“.

געלט שיקן:

„יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק“ וואַרשע, קאַרטאָטעקע 326

אנדרע מאַלראָ

דער גורל פון מענטש

ייִדיש: שלמה שיינבערג

ייִדישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק

וואַרשע 1935

Druk. „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 7 tel. 11.87-52.

דאס דריטע בוך

די אומגעווייינטלעכע סעקציע פון טשאַן-קיי-שעקס פּאָליציי האָט זיך געפונען אין אַ ווילע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אַרום *1920* יאָר : איר סטיל — פּאַראייַנכאַכטער Bécon-les-Brugères, אָבער די פענסטער געפּאַסט אין פאַנטאַסטישע פּאָרטוגעזישע אָרנאַמענטן, געלע און בלויע. צוויי וואַך-מענער און שוין צופיל אָרדינאַנסן. אויפן פּאָרמולאַר, וואָס דער סעקרעטאַר האָט אים דערלאַנגט, האָט קלאַפּיק אויפגעשריבן „טאָטאָ”, דורכגעלאָזט די רובריק פון אָנגעבן די מאָטיוון פון וויזיט און געוואַרט. זינט ער איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין צימער, האָט ער זיך נאָך נישט געפינען אין קיין באַלויכטן אָרט, דעריבער האָט ער אַצינד ערשט אַרויסגענומען שפּילעוואָסקיס בריוו פון קעשענע.

„טייערער פריינט,

איך פּאָלג אייער עצה. איך האָב געהאַט באַרעכטיקע פּאָרבאַהאַלטן, אָבער איך האָב מיך ענדלעך באַשלאָסן : אַ דאַנק אייך קאָן איך אַלזאָ אַרויסקריכן פון מיינע דאגות, און די געשעפטן לאָזן פּאָרזען אַצינד אַזעלכע היפּשע און זיכערע רווחים, אַז איך וועל נאָך פאַרן יאָר האָבן די מעגלעכקייט אייך אָפּצודאַנקען מיט נאָך פיל שענערע זאַכן פון זעלבן מין. דאָס צושטעלן פון שפּייזאַרטיקלען אין דער שטאָט...”

ווייטער זענען געווען פיר זייטן מיט אויפקלערונגען.

עס ווערט אַלץ ערגער, האָט קלאַפּיק אַ קלער געטון, אַלץ ערגער... אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען נאָך אים דער דיזשורנע.

קעניג האָט געוואַרט, אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן ביוראָטיש, מיטן פּנים געווענדט צו דער טיר, אַ נידעריקער ברונעט מיט אַ קרימלעכער נאָז אין דער ברייט פון פּירקאַנטיקן פּנים ;

ער האָט זיך האַסטיק אַ ריס־געטון פֿון ביוראָ־טיש, אים ענערגיש געדריקט די האַנט. דאָס האָט נישט פֿאָרגעזאָגט קיין שום גוטס.

— וואָס עס הערט זיך? אויסגעצייכנט. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל אייך היינט זען. איך וויל אייך אָפּדינען.

— ס׳איז גלייכער נישט צו קריכן אייך אין די אויגן אַריין — האָט קלאַפּיק האַלב־לציש געענטפֿערט. — איך קלער בלויז, צי דאָ איז נישט פֿאָרגעקומען עפּעס אַ טעות: איר ווייסט דאָך, אַז איך מיש מיך נישט אין פּאָליטיק...

— אין דעם איז נישטאָ קיין שום טעות.

„אויסשפּירער האָט ער זייער נאָכגיביקע", האָט קלאַפּיק אַ קלער־געטון.

— איך לאָז אייך איבער צוויי טעג צו אַנטלויפֿן. איר האָט מיר אַמאָל מיט עפּעס געדינט: האָב איך אייך היינט געהייסן וואָרענען.

— אַזוי? דאָס האָט איר... דאָס איז אויף אייער אָנווייזונג?

— צי האַלט איר, אַז שפּילעווסקי וואָלט געוואַגט אייך צו וואָרענען אויף אייגענער האַנט? איר פֿאַלט טאַקע אַרונטער אונטערן כינעזישן זיכערהייטס־אַמט, אָבער דאָ רעגירן נישט די כינעזער. געננוג מיט די פּלוידערייען.

קלאַפּיקס אָנערקענונג פֿאַר שפּילעווסקין איז אַלץ מער געוואַקסן, אָבער בלויז אין זין פֿון אויפֿרעגונג.

— אייגנטלעך, אויב איר געדענקט נאָך טאַקע דאָס אַמאָליקע, וואָלט איך אייך געבעטן עפּעס אַנדערש.

— דהיינו וואָס?

קלאַפּיק האָט זיך נישט איינגערעדט קיין סך: קעניגס יעדער ענטפֿער האָט אויפֿסניי באַשטעטיקט, אַז די גיִנציקייט, אויף וועלכער ער האָט אויסגעשטעלט, עקזיסטירט נישט אינגאַנצן, אָדער איז אויסגעשעפּט געוואָרן מיטן איבערשיקן אים די וואָרענונג. פֿון דער מינוט אָן האָט קעניג מער נישט געהאַט צו אים קיין פֿליכט־געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט. האָט ער דעריבער געזאָגט בלויז כדי צו באַרויִקן זיין געוויסן:

— צי וואָלט איר גאָרנישט געקאָנט טון פאַרן יונגן גיסאָרס ? איר פייפט דאָך מסתמא אויף דעם אַלעם...

— ווער איז דאָס פאַר איינער ?

— אַ קאָמוניסט. דאַכט זיך, אַן אָנגעזעענער.

— קודם־כל, פאַרוואָס איז אַזעלכער אַ קאָמוניסט ? זיין פאָטער ? אַ געמישטער ? ער האָט זיך נישט געפינען קיין אָרט ? ווען אַן אַרבעטער איז אַ קאָמוניסט, מילא איז דאָס שוין נאַרישקייט, אָבער אַזעלכער ! אייגנטלעך פאַרוואָס ?

— דאָס קאָן מען נישט אַזוי לייכט אויפקלערן...

קלאַפּיק האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט :

— אַ געמישטער, אפשר אויך דאָס... אָבער ער האָט זיך געקאָנט איינאָרדענען : זיין מאַמע איז געווען אַ יאַפּאַנערין. ער האָט נישט געפרווט. ער זאָגט עפּעס : כדי אויסצוקעמפן ווירדע...

— ווירדע !

קלאַפּיק איז געווען פאַרחידושט. קעניג האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז דאָס וואָרט וועט אַרויסרופן אַזאַ עפעקט. „איך האָב געשאָסן און געטראָפן ?" האָט ער אַ קלער געטון.

— קודם־כל, וואָס האָט דאָס צו באַדייטן ? — האָט קעניג געפרעגט, פאָכנדיק מיטן פינגער, ווי ער וואָלט געוואָלט עמעצן נייטן אים אויסצוהערן. „צילייב ווירדע", האָט ער איבערגעחזרט. קלאַפּיק האָט נישט געהאַט קיין באַדערפעניש זיך צו פאַרטראַכטן וועגן טאָן פון דעם קול ; דאָס קול האָט אויסגעדריקט פאַראַכטונג. ער איז געשטאַנען רעכטס פון קלאַפּיקן, זיין נאָז, אַזוי אויך פאַרקרומט, האָט זיך שאַרף אַרויסגערוקט פון פּראָפיל.

— נו, זאָגט־זשע מיר, מיין טייערער טאָטאָ, איר גלייבט אין ווירדע ?

— וואָס שייך אַנדערע...

— יאָ ?

אין זיין טאָן האָט זיך געהערט אַזוי ווי: „ווען וועט זיך דאָס שוין ענדיקן?"

— צי ווייסט איר, וואָס די רויטע האָבן געטון מיט די געפאַנגענע אָפיצירן?

קלאַפּיק האָט בעסער געוואָלט נישט ענטפערן. די זאַך איז געוואָרן ערנסט. און ער האָט געפילט, אַז דער זאַץ איז נאָר אַ פאָרשפּיל, אַז קעניג וואַרט אינגאַנצן נישט אויף קיין ענטפער.

— איך בין געווען אין סיביר אַן איבערזעצער אין אַ געפאַנגען־לאַגער. איך האָב מיך פון דאָרט אַרויסגעקריגן אַ דאַנק דעם, וואָס איך בין אַריינגעטרעטן אין דינסט אין דער ווייסער אַרמיי, צו סעמיאָנאָוון. ווייסע, רויטע, — איך האָב מיך געקירעוועט: אַבי זיך אומצוקערן קיין דייטשלאַנד. די רויטע האָבן מיך געכאַפּט. איך בין געווען דורכגעפירן ביזן ביין. זיי האָבן מיך געממיתט מיט די פויסטן, אָנרופנדיק מיך הער קאַפּיטאַן (איך בין געווען אַ פּאָרוטשניק), ביז איך האָב פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. זיי האָבן מיך אַוועקגעטראָגן. איך בין נישט געווען אָנגעטון אין קיין מונדיר פון סעמיאָנאָווס אַרמיי מיטן צייכן פון סקעלעטן־קעפּ. איך האָב געהאַט שטערנדלעך אויף די עפּאָלעטן, אויף יעדן צו איינס.

ער האָט איבערגעריסן. „ער וואָלט צופרידענער געווען מיך אַוועקצושיקן מיט אַ צעטל אָן טענות", האָט קלאַפּיק אין געדאַנק זיך געזאָגט. דאָס פאַרסאַפּעטע, דערדריקנדיקע קול האָט געוועקט עפּעס אַ נויטווענדיקייט, וואָס ער האָט בחינם זיך באַמיט צו באַגרייפן.

— זיי האָבן מיר אַריינגעקלאַפּט טשוועקעס אין די אַקסלען אין ביידע שטערנדלעך. טשוועקעס די גרייס פון אַ פינגער. הער, ליבינקער טאָטאָ מיינער.

ער האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און אַריינגעקוקט אין די אויגן, ווי אַ פאַרליבטער מאַנספּערשוין אַ פרוי:

— איך האָב געוויינט ווי אַ פרוי, ווי אַ קאַלב... איך האָב

געווײנט פאַר זײ. איר פאַרשטײט? וועגן איבעריקן לאָמיר בעסער נישט רעדן. קײנער וועט פון דעם נישט היזק האָבן.

דער בליק פון אַ לײדנשאַפטלעכן מאַנספערשוין האָט קלאָפּיקן אַלץ קלאָר געמאַכט. די ווידוי איז נישט געווען קײן צופעליקע; דאָס איז נישט געווען קײן ווידוי, נאָר אַן אויסדרוק פון נקמה. עס איז נישט געווען קײן שום ספק, אַז ער האָט די מעשה איבערגעחזרט פאַר מענטשן, — אָדער פאַר זיך אַלײן איבערגעחזרט, — יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט עמעצן דערהרגענען; אוודאי! — ער האָט געוואָלט אַראָפּקראַצן פון זיך אַזש ביז בלוט די גרענעצלאָזע דערינערונג, וואָס האָט אים געפּײניקט אַזש ביז אַצינד.

— ליבינקער, מיט מיר איז בעסער נישט צופיל צו רעדן וועגן ווירדע... איך שעפּ מײן ווירדע פון דעם, וואָס איך שיק זײ אויפן טויט. איך וועל מיר פאַרדרײען דעם קאָפּ מיט כינע! כמע... כינע, אוודאי! צוליב דעם זיץ איך טאַקע אין קאָמינטאַנג, כדי צו דערהרגענען. בלויז דעמאָלט פיל איך מיך ווידער אַלס מענטש, ווי אַמאָל, אַלצאײנס וואָסערער, אַבי אַ מענטש, כאָטש אפילו ווי דער לעצטער שלעפּער, וואָס גײט דורך הינטער דעם פענסטער, בלויז דעמאָלט, ווען איך הײס יענע דערשיסן. דאָס איז ווי אַ רײכערער מיט זײנע ליולקעס. אַ הינט-שלעגער, וואָס? איר זענט געקומען בעטן וועגן זײן פעל? ווען איך וואָלט אפילו דרײפאַך געדאַרפט אײך דאַנקבאַר זײן פאַר מײן לעבן...

ער האָט אַ הײב געטון מיט די אַקסלען און ווײטער גערעדט מיט אַ לײדנשאַפטלעכן טאָן:

— צי ווײסט איר, מײן אָרימענקער טאָטאָ, וואָס עס הײסט אַזוינס זען, ווי אַזוי דאָס לעבן נעמט אָן אַ זין, אַן אַבסאָלוטן זין: עקלען זיך פון דער אײגענער פערזאָן...

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזיגן פון צווישן די צײן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך מיט די הענט אין די קעשענעס, אָבער די געהערטע ווערטער האָבן אויפגעטרײסלט זײן טשופּרינע.

— מען קאָן זוכן זיך צו פאַרגעסן — האָט קלאַפּיק אומדרייסט זיך אָנגערופן.

— איך בין אַ יאָר, שוין העכער אַ יאָר נישט געשלאָפן מיט קיין פרוי! איז דאָס גענוג פאַר אייך? נו...

ער האָט פלוצלינג אָפּגעהאַקט און אָנגעהויבן מיט אַ שטילערן טאָן:

— זאָגט מיר, מיין טייערער טאָטאָ, דער יונגער גיסאָרס, דער יונגער גיסאָרס... איר רעדט וועגן אַ טעות; איר ווילט נאָך אַלץ וויסן פונוואַנען עס שטאַמט דער אורטייל אויף אייך? ביטע זייער. דאָס האָט איר פאַרמיטלט אין ענין פון די ביקסן פון שען-טעגג? צי האָט איר געוואוסט פאַר וועמען ס'זענען באַשטימט געווען די ביקסן?

— אין אַזעלכע ענינים שטעלט מען נישט קיין פראַגן. קיין פּיפּס נישט!

אין הסכּם מיט זיינע הייליקסטע טראַדיציעס האָט ער אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויפן מויל. און באַלד זיך פאַרשעמט פאַר דעם זשעסט.

— פאַר די קאָמוניסטן. און ווייל איר האָט איינגעשטעלט אייער פעל, זענען זיי מחויב געווען אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, מיט וואָס דאָס שמעקט. דאָס איז געווען אַ שווינדל. זיי האָבן אייך אויסגענוצט, כּדי צו געווינען צייט; די זעלבע נאַכט האָבן זיי באַרויבט דעם דאַמפער. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט דאָס דער איצטיקער שוצלינג אייערער אייך אַריינגעצויגן אין דער אַפערע?

קלאַפּיק האָט שוין געהאַט אויף דער שפּיץ צונג אַן ענטפער: „ווי ס'זאָל נישט זיין האָבן זיי מיר באַצאָלט, וואָס זיי האָבן מיר צוגעזאָגט". אָבער קעניג האָט אַרויסגעבּרענגט זיין אַנטדעקונג מיט אַזאַ שמחה, אַז דער באַראָן האָט שוין נישט געוואָלט גאָרנישט, אַבי פונדאַנען אַרויסצוגיין. קיִאָ האָט טאַקע געהאַלטן

זיין צוזאָג, אָבער שטילערהייט זיך געשפּילט מיט זיין לעבן. געשפּילט? ניין. קיאָ איז גערעכט געווען, ווען ער האָט דעם וואויל פון זיין זאַך העכער געשטעלט פון זיין גורל; ער ווידער וועט גערעכט זיין, ווען ער וועט אויפהערן זיך צו דאגהן פאַר קיאָ. מכּל־שכּן, ווען ער קאָן סיי־ווי גאָרנישט פועלן. ער האָט פּשוט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

— האָב איך אַלזאָ אַכטאונפערציק שעה צום אַנטלויפן?

— יאָ. איר פרוווט נישט אַפּעלירן? איר זענט גערעכט. צום ווידערזען.

ער האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין אַ יאָר נישט געשלאָפן מיט קיין פרוי, — האָט קלאַפּיק אַ טראַכט געטון, אַראָפּגייענדיק פון די שטיגן. — ער איז אימפּאָטענט? אָדער וואָס? איך וואָלט גיכער געמיינט, אַז נאָך אַזעלכע דראַמעס פאַלט אַ מענטש אַריין אין עראָטאָמאַניע. ער איז זיך זיכער געווייינטלעך מתוודה פאַר די מענטשן, וועלכע ער שיקט אויפן טויט: אַזוי צי אַזוי, דאַרף מען פונדאַנען עוקר זיין. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם איינדרוק, וואָס קעניגס טאָן האָט אויף אים געמאַכט, ווען ער האָט געזאָגט: „לעבן ווי אַ מענטש, אַלצאיינס וואָסערער...״ ער איז פּשוט פאַרטעמפּט געוואָרן אין אָנבליק פון דער אַנטגילטיקער גיפט־פאַרסמונג, וואָס האָט געקאָנט געברענגט ווערן אין גלייכגעוויכט בלויז דורך פאַרגיסן בלוט: ער האָט באַגעגנט אַ סך שיף־ברוכיקע, אַראָפּגעפירטע פון לעבנס־טאָר דורך דער בירגערקריג אין כינע און אין סיביר, מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, וואָס פאַר אַ נעגאַציע בנוגע דער וועלט עס קאָן אַרויסרופן אַ טיפע דערינערונג; בלויז דאָס עקשנותדיקע פאַרגיסן בלוט, נאַרקאָז, אייגענע נעוווראָזע האָט דערהאַלטן די איינזאַמע ביים לעבן. ער האָט אַצינד פאַרשטאַנען, פאַרוואָס קעניג האָט ליב זיין געזעלשאַפט, וואָרים ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, ווי ווייט אַנדערע פאַרלירן דאָס געפיל פון רעאַליטעט, פאַרברענגענדיק מיט אים. וואָס זאָל איך אים זאָגן?... צו שפּעט; גיסאָרס האָט שוין,

געטריבן פון זיין אומגעדולד, זיך אויסגעטיילט פון נעפל צוויי מעטער ווייט פון אים. ער האָט געקוקט מיט אַן עקשנותדיקן, בלאָנדזשענדיקן בליק פון אַ וואַנזיניקן. קלאַפּיקן האָט דורכגענומען אַ שוידער; ער איז שטיין געבליבן. גיסאָרס האָט אים שוין אָנגענומען ביים אָרעם.

— נישטאָ קיין עצה? — האָט ער געפרעגט מיט אַ טרויעריק, אָבער נישט אויפגערעגט קול.

אָנשטאָט צו ענטפערן האָט קלאַפּיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— קומט. איך וועל מיך ווענדן נאָך הילף צו עמעצן אַנדערש.

ביים דערזען קלאַפּיקן, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פון נעפל, איז אים קלאָר געוואָרן זיין אייגענער שגעון. יעדער מעגלעכער דיאַלאָג, וועלכן ער האָט פאָרגעזען פאַר קלאַפּיקס אומקערן זיך, האָט אַצינד אויסגעזען, ווי אַן אַבסורד: קלאַפּיק איז נישט געווען נישט קיין פאַרמיטלער, נישט קיין שליח; דאָס איז געווען אַ קאָרט. אַרויסגעגעבן — פאַרשפּילט, אויף דעם האָט דייטלעך עדות געזאָגט דער אויסדרוק פון קלאַפּיקס פּנים, מען האָט געדאַרפט אַרויסגעבן אַ צווייטע. אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג האָבן צונויפגעדריקט זיין האַלז, אָבער ער איז אין דער טיפער דערשלאָגנקייט דאָך געבליבן ביים קלאָרן געדאַנק. ער האָט אַ טראַכט געטון וועגן פעראַלן; אָבער פעראַל וואָלט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין אַזאַ שטייגער קאָנפליקט. ער האָט בדעה געהאַט זיך צו ווענדן צו צוויי אַנדערע באַקאַנטע...

קעניג האָט צוגערופן דעם סעקרעטאַר:

— מאָרגן, נאָך דער אויספאָרשונג, שטעלט מיר דאָ צו דעם יונגן גיסאָרס.

פֿינף אַ זייגער.

איבער די בליציקע שאָסן, וואָס האָבן געל געשימערט אין דער גרויקייט פֿון דער אויסגייענדיקער נאַכט, אין דער מאָס, וואָס עס האָבן אויפגעטויכט די פּראָפֿילן פֿון די הייזער, האָבן קאַטאָוו און העמעלריך פֿון די פֿענסטער פֿון ערשטן שטאָק געזען דעם אַלץ דייטלעכן בלייערנעם מאָרגן־אָפּגלאַנץ אויף די שכנותדיקע דעכער. אויסגעבלייכטע, מיט פֿייכטע האָר, האָבן זיי אין דער טונקלהייט אָנגעהויבן אונטערשיידן זייערע פּנימער, און איטלעכער האָט געוואוסט, וועגן וואָס דער צווייטער טראַכט. דער לעצטער טאָג. די אַמוניציע גייט אויס. עס איז זיי נישט צוהילף געקומען קיין שום מאַסן־באַוועגונג. זאַלפֿן־שאָסן אין דער געגנט פֿון שאַפּעי: די חברים זענען אויך אַזוי באַלאַגערט, ווי זיי. קאַטאָוו האָט אויפֿגעקלערט העמעלריכן, פֿאַרוואָס זיי מוזן אומקומען: פֿריער צי שפּעטער וועט טשאַן־קיי־שעקס מיליטער ברענגען האַרמאַטלעך פֿון גענעראַלס גוואַרדיע־קאָשאַרן; מיטן מאָמענט, ווען די זעלנער וועט געלונגען אַריינצוברענגען אַזאַ האַרמאַטל אין הויז קעגנאיבער זייער פּונקט, וועלן די מאַטראַצן און ווענט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ חורבה. ביז איצט האָט דאָס מאַשין־געווער פֿון די קאָמוניסטן נאָך געהאַלטן די טיר אונטער באַשיסונג; ווען עס וועלן פֿאַרפֿעלן קוילן, וועט די פֿאַרטיידיקונג פֿון צוטריט אויפֿהערן. און עס וועט בקרוב פֿאַרפֿעלן. שוין עטלעכע שעה האָבן זיי געשאָסן מיט גיהנומדיקער פֿאַרביסנקייט, זיך נוקם זייענדיק פֿאָרויס: פֿאַר די פֿאַראורטיילטע צום טויט איז דאָס דערהרגענען געווען דער איינציקער זין און אינהאַלט, מיט וועלכן זיי האָבן געקאָנט אויספֿילן די לעצטע שעהן פֿון זייער לעבן. אָבער אויך דאָס האָט זיי שוין אָנגעהויבן צו מאַטערן. די באַלאַגערער, וואָס ווייטער אַלץ בעסער פֿאַרשאַנצט, האָבן זעלטן זיך געלאָזט נעמען אויפֿן ציל. דער קאַמף איז מיטן פֿאַרגיין פֿון דער נאַכט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער אויפֿגייענדיקער טאָג, וועלכער האָט נישט מיטגעבראַכט קיין איין שלעכט־פֿאָרזאָגנדיקן וואָלקן, וועט

זיי ברענגען די פרייהייט. דאָס איז געווען אַן אַבסורד. דער אָפּגלאַנץ פון די דעכער איז איבערגעגאַנגען אין אַן אַש־קאָליריקן טאָן; איבערן איינגעשטילטן קאַמף האָט דאָס טאָגן אַזוי ווי פאַרשלונגען גרויסע שטחים נאַכט, שוינענדיק בלויז די שוואַרצע קוואַדראַטן ביי די הייזער. די שאָטנס האָבן זיך פאַמעלעך איינגעשרומפּן: די מענטשן, פאַרקוקטע אויף דעם בילד, האָט דאָס טאָגן באַפרייט פון דעם דרוק פון די געדאַנקען. דאָס אָפּטרעטן פון די שאָטנס איז פאָרגעקומען שטרענג מאַיעסטעטיש, ווייל זיי וועלן זיי קיינמאָל שוין מער נישט זען. מיטאַמאָל איז ליכטיק געוואָרן אין אַלע קעגנאיבערדיקע פענסטער, עס האָט אַ האָגל געטון מיט קוילן אַרום דער טיר, ווי מיט אַ קופּע שטיינער: דאָס האָט עמעצער פון די באַלאַגערטע אַרויסגעשטעלט זיין מאַרינאַרקע אויף אַ שפּיץ שטעקן. דער שונא האָט כסדר געלויערט.

— עלף, צוועלף, דרייצן, פערצן... — האָט העמעלריך געזאָגט. ער האָט געציילט די טויטע, וואָס האָבן זיך אַצינד געזען אויף דער גאַס.

— דאָס אַלץ איז נאָר צוליב פאַרוויילונג — האָט קאַטאָוו מיט אַ געדעמפּט קול געענטפערט. — זיי קאָנען וואַרטן. דער טאָג געהערט צו זיי.

בלויז פינף פאַרוואונדעטע זענען געלעגן אין שטוב; זיי האָבן נישט געקרעכצט; צוויי האָבן גערייכערט, קוקנדיק ווי עס ווערט ליכטיק צווישן דער וואַנט און די מאַטראַצן. אַ ביסל ווייטער האָט סוען מיט אַ צווייטן קעמפער געוואַרט ביים צווייטן פענסטער. מען האָט שוין כמעט נישט געהערט קיין זאַלפן. צי האָט טשאַן־קיי־שעקס מיליטער אומעטום אָפּגעוואַרט? פאַרגאַנגענעם חודש, אין זיגערישן קאַמף, האָבן די קאָמוניסטן געוואוסט דעם פאַרלויף פון די אָפּעראַציעס אין יעדער שעה; היינט האָבן זיי נישט געוואוסט גאָרנישט, ווי יענע, וועלכע זיי האָבן דעמאָלט אוממעכטיק געמאַכט.

ווי אַלס באַשטעטיקונג פון די ווערטער, וועלכע קאַטאָוו האָט נישט לאַנג אַרויסגעזאָגט, האָבן זיך געעפנט די טירן פון

שונאס הויז, (דער קאָרידאָר האָט זיך געפונען פונקט אַקעגנאיבער); דאָס טראַסקעריי פון מאַשין־געווער האָט די קאָמוניסטן אַלץ קלאָר געמאַכט. מען האָט עס אַריינגענומען דורכן דאַך, האָט קאַטאָוו אַ קלער געטון.

— דורך דאַנען!

דאָס האָבן געשריגן די חברים, וואָס האָבן באַדינט זייער קוילנוואַרפער. העמעלריך און קאַטאָוו זענען אַרויסגעלאָפן, באַלד פאַרשטאַנען: דעם שונאס מאַשין, וואָרשיינלעך אַ געפּאַנצערטע, האָט געשאָסן אומאויפהערלעך; אין הויז זענען שוין נישט געווען די חברים; זיי האָבן זיך אָפּגערוקט פון אונטער דער באַשיסונג פון אייגענעם קוילנוואַרפן, וועלכער האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער לופּע פון דער הייך פון די שטיגן גענומען אויפן ציל דעם קאָרידאָר פון קעגנאיבערדיקן הויז. יאָ, אָבער אַצינד האָט דעם שונא געשיצט די געפּאַנצערטקייט. פונדעסטוועגן האָט מען קודם־כל געדאַרפט אונטערהאַלטן די באַשיסונג. דער קאַנאָניר איז אַ פאַל געטון אויף אַ זייט, מסתמא אַ טויטער; דאָס איז געווען דער זעלבער, וואָס האָט געשריגן. ער האָט באַדינט די מאַשין, געשאָסן פון איר, נאָר פאַמעלעך. די קוילן האָבן אַרויסגעריסן שפּליטערס פון די שטיגן, שטיקער טינק פון די מויערן; די טויבע קלאַנגען אין די שטילע הפסקות האָבן עדות געזאָגט, אַז טייל פון דידאָזיקע קוילן רייסן זיך שוין אַריין סיי אין לעבעדיקן, סיי אין טויטן פלייש. העמעלריך און קאַטאָוו זענען איינצייטיק אויפגעשפּרונגען.

„נישט דו!" האָט דער בעלגיער אַ וואָיע געטון. מיט אַ שטויס פון דער פויסט אונטער דער גאָמבע אַרונטער האָט ער קאַטאָוון אָפּגעוואָרפן אין דער טיף פון הויז און אַליין פאַרנומען דאָס אָרט פון קאַנאָניר. דער שונא איז שטילער געוואָרן. נישט אויף לאַנג. „עס זענען נאָך דאָ טאַשמעס?" האָט העמעלריך געפרעגט. אָנשטאָט צו ענטפערן, האָט דער געהילף אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און זיך אַראָפּגעקייקלט פון די שטיגן. און העמעלריך האָט זיך איבערצייגט, אַז ער קאָן נישט באַדינען קיין מאַשין־געווער.

ער איז אַראָפּ מיט איין שפּרונג, דערפילט אַ שטאָך אין

אַן אויג און אין אַ לידקע. זיך פאַרהאַלטן אין הויז איבער דעם פיינטלעכן שטח, וואָס איז באַשאָסן געוואָרן; אין אויג האָט אים בלויז אַ קלאַפּ געטון אַ שטיקל גרוז, וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן דורך אַ קויל; די לידקע האָט געבלוטיקט — דאָס איז געווען אַ צווייטע קויל; זי האָט אים אַ ראַץ געטון פון אויבן. ער איז שוין געווען אין צימער, דאָ, וואו קאַטאָוו האָט, אַ האַלב איינגעבויגענער, מיט דער האַנט צוגעצויגן צו זיך אַ מאַטראַץ (נישט פאַר באַשיצונג, נאָר כדי אָנצופּאַלן), אין דער צווייטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל גראַנאַטן; בלויז די גראַנאַטן האָבן געקאָנט טרעפן דעם שונא, נישט געקוקט אויף דער פאַרפאַנצערטקייט, זיי זאָלן נאָר אויפרייסן נאָענט.

מען האָט זיי געדאַרפט אַ וואָרף טון דורכן פענסטער צום שונאס קאָרידאָר. קאַטאָוו האָט זיך אַוועקגעלייגט ביי דער האַנט אַ צווייט פּעקל גראַנאַטן; העמעלריך האָט אַ כאַפּ געטון, געוואָרפן איינציייטיק מיט קאַטאָוון פון הינטערן מאַטראַץ אַפער. קאַטאָוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, אַן אונטערגעשניטענער דורך די קוילן, ווי ער וואָלט געפאַלן פון די גראַנאַטן טאַקע: ווי נאָר זיי האָבן אַרויסגעבויגן פון הינטערן מאַטראַץ אַפער די קעפּ מיט די אַקסלען, האָט מען גענומען שיסן צו זיי פון אַלע פענסטער; דאָס רוישן איז געווען אַזוי נאָענט, ווי עס וואָלט עמעצער געקלאַפּט מיט אַ שעכטעלע שוועבעלעך. צי איז דאָס נישט קיין קלאַפּן פון פיס? — האָט העמעלריך אַ פרעג געטון און באַוויזן צו דער צייט זיך אַראָפּצוזעצן. די קוילן זענען כסדר געפאַלן, אָבער אַצינד, ביים ציל, האָט די מויער זיי ביידע פאַרשטעלט: דאָס פענסטער האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויף דער הייך פון זעכציק סענטימעטער. נישט געקוקט אויף דער שיסעריי האָט העמעלריך געהאַט דעם איינדרוק, אַז עס האָט אַריינגעטרעטן אַ שטילקייט, ווייל ביידע קוילנוואַרפערס זענען פאַרשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך צוגערוקט אויף אַלע פיר צו קאַטאָוון, וועלכער איז געלעגן אומבאַוועגלעך; ער האָט אים אַ שלעפּ געטון ביים אָרעם. דאָ, אויסער דעם שטח פון דער באַשיסונג, האָבן זיי שווייגנדיק

אַ קוק געטון איינער אויפֿן אַנדערן: נישט געקוקט אויף די פּאָר־האַנגען פֿון די פֿענסטער און די מאַטראַצן, האָט דער העלער טאָג זיך אַריינגעריסן אין צימער. קאַטאָוו איז געווען פֿאַרחלשט, אונטער דעם דורכגעשאָסענעם שענקל איז דער רויטער פֿלעק אויפֿן פּאַרקעט זיך צעוואַקסן, ווי אויף ביבולע. העמעלריך האָט נאָך געהערט ווי סוען האָט אויסגעשריגן: „אַ האַרמאַטל!", דערנאָך אַ מעכטיקן און טויבן טראַסק, און ווי נאָר ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אַ דונערנדיקער קנאַל איבער זיין נאָז־וואָרצל פֿאַרטייבט און ער איז אויך געפֿאַלן אין חלשות.

ער איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען, אויפֿטויכנדיק פֿון די טיפֿענישן צו דער שטילער אויבערפֿלאַך, אַזאַ וואונדערלעכער, אַז ער האָט זיך געפֿילט, ווי געראַטעוועט: דאָס האַרמאַטל האָט שוין נישט געשאָסן. די מויער איז געווען דורכגעהאַקט. אויפֿן דיל, דעם באַדעקטן מיט ברוך און גרוז, זענען געלעגן קאַטאָוו און אַנדערע, באַוואוסטלאָז אָדער טויט. ער האָט געפֿילט דורשט און פֿיבער. די וואונד פֿון דער קויל אין דער לידקע איז געווען נישט קיין שווערע. ער איז צוגעקראָכן אויף אַלע פֿיר צו דער טיר, זיך אַרויסגעקריגן אין הויז אַריין, אויפֿגעשטעלט, אָנגעשפּאַרט אָן דער מויער. די קליינע וואונד אין קאָפּ פֿון אָפּגעבראָכענעם טינק האָט אָנגעצונדן אַ ווייטיק אין גאַנצן קערפּער; זיך אָננעמענדיק ביים אָנלען, איז ער אַראָפּגעגאַנגען נישט אויף דער גאַס, וואָרים דאָרט האָט דער שונא נאָך כסדר געלויערט, נאָר אויפֿן הויף. מען האָט שוין נישט געשאָסן. אונטן, אין קאָרידאָר, זענען אויסגענומען געווען אין דער מויער נישעס. אין זיי זענען אַמאָל געהאָנגען געדענק־טאַבעלעס. ער האָט זיך איינגעקוליעט אין איינער פֿון די נישעס און גענומען קוקן איבערן הויף.

רעכטס פֿון הויז, וואָס האָט אויסגעזען אויסגעשטאָרבן (העמעלריך איז געווען זיכער, אַז דאָס איז נאָר לפֿנים), איז געשטאַנען אַ שאָפּע, באַדעקט מיט בלעך; ווייטער אַ ביסל — הייז־

לעך מיט פּאַרריסענע דאַך־הערנדלעך און אַ שורה סלופּעס, אַלץ קלענער ווערנדיק אין דער פּערספּעקטיוו, זיי האָבן זיך אַוועקגע־צויגן ערגעץ אין פעלד אַריין, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל נישט זען. די שטעכעדיקע דראָט קווער דער טיר האָט געדיכט דורכגע־שניטן דעם קאַמפּפלאַץ אין ליכט פון גרויען טאָג און זיך גע־צייכנט, ווי שטרייפן אויף געפּלאַצטן פּאַיאַנס. הינטער איר האָט זיך געוויזן אַ שאָטן אין געשטאַלט פון אַ בער: לויטן פּנים ענ־לעך צו אַ מענטש, די פּלייצעס — אויסגעבויגן; ער האָט אָנגע־הויבן זיך צו דערנענטערן צו דער דראָט.

העמעלריך האָט שוין נישט געהאַט קיין קוילן. ער האָט געקוקט אויף דעם קערפּער, וואָס האָט זיך גערוקט לענגאויס דער דראָט מיט באַוועגונגען, וואָס ס'איז נישט מעגלעך געווען פּאָרצו־זען (העמעלריך האָט געזען די דראָטן דייטלעך, אָבער אָן פּערספּעקטיוו). ער האָט זיך אָנגעכאַפּט, אָפּגעלאָזט, ווידער אָנגע־כאַפּט, ווי אַ ריזיקער אינזעקט. העמעלריך האָט זיך דערנענטערט צו אים לענגאויס דער מויער. ער האָט דייטלעך געזען, אַז דער מענטש וועט זיך דורכקריגן; דערווייל אָבער, פאַרפּלאָנטערט אין דער דראָט, באַמיענדיק זיך צו באַפרייען פון די שטעכלערס, וואָס האָבן זיך אים אַריינגעשטאָכן אין אָנטון, האָט ער מאָדנע אונטערגעברומט, און העמעלריכן האָט זיך אויך געדאַכט, אַז דער מאָנסטרועלער אינזעקט קאָן דאָ בלייבן שטעקן אויף תּמיד, אַ רי־זיקער, אַ צונויפגעדרייטער, אַן אָנגעהאָנגענער אויף דעם גרויען טאָג. אָבער דאָ האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ האַנט, אַ דייטלעך שוואַרצע, מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פינגער, זי האָט אָנגעכאַפּט די ווייטערדיקע דראָט, און דער קערפּער האָט זיך ווידער אַ רוק־געטון פון אָרט.

דאָס איז געווען דער סוף. דאָ די גאַס און דער קוילנוואַר־פער, דאָרט, אינדערהייך, קאַטאָוו און די מענטשן, אויסגעלייגט איינער לעבן אַנדערן. אין פּוסטן קעגנאיבערדיקן הויז זיצט זיכער דער שונא, און ער וועט שיסן, — אים וועלן דאָך קיין קוילן נישט אויספעלן, — ער וועט צילן אין די קניען, כּדי אים צו נעמען

לעבעדיקערהייט (ער האָט פּלוצלינג דערפֿילט, ווי ווייך עס זענען די ביינדלעך אין די קניען)... אפשר וועט ער כאָטש דעם דערהרגענען.

דאָס פֿאַרזעעניש, ענלעך צו אַ בער, אַ מענטש און אַ שפּין האָט כסדר זיך געפּלאָנטערט אין דער דראָט. ביי דער זייט פֿון דערדאָזיקער שוואַרצער מאַסע האָט אַ ליכט־פֿלעק אָנגעמערקט די לופֿע פֿון אַ רעוואָלווער. העמעלריך האָט זיך געפֿילט, ווי לעבעדיק געטריבן אין קבר אַריין, נישט אַזוי אונטער דער דראָונג פֿון דעם פֿאַמעלעכן באַשעפֿעניש, וואָס האָט זיך דערנענטערט אַזוי זיכער, ווי דער טויט, ווי אונטער דער קללה פֿון די כוחות, וואָס האָבן אים פֿאַרפֿאָלגט, כדי אים נאָכאַמאָל צוצודריקן, ווי די דעק פֿון אַ טרומנע, וואָרים זיי האָבן זיך דאָ דערנענטערט, כדי אים פּלוצלינג צוצודריקן; די זעלבע כוחות, וואָס האָבן טאָג־ביי־טאָג געשטיקט זיין לעבן. „זיי האָבן מיך אויסגענוצט, באַרויבט אין משך פֿון דרייסיק יאָר, און אַצינד וועלן זיי מיך דערהרגענען". דאָס האָט זיך דערנענטערט נישט בלויז זיין ליידן, נאָר אויך דאָס ליידן פֿון זיין פֿרוי, דער געשטאָכענער אין בויך אַריין, דאָס ליידן פֿון זיין קינד: אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איין פּוסטן כאַאָס, וואָס האָט געשטיקט זיין האַלז, אין פֿיבער און פֿאַראַכטונג. ער האָט, נישט קוקנדיק, ווידער דערפֿילט דעם רויטן פֿלעק אויף זיין לינקער האַנט. נישט ווי אַן איבלקייט, נישט ווי אַ צייכן: ער האָט פּשוט געוואוסט, אַז ער האָט אים אויף דער האַנט און אַז דער מענטש וועט אים אין אַ ווייל אַרום זיך אַרויספּלאָנטערן פֿון דער שטעכעדיקער דראָט. דער, וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער, האָט נישט צוליב געלט געוואָלט דערהרגענען די, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן דיל אינדערהייך, ער האָט דאָס געטון צוליב אַן אידעע, צוליב זיינע איבערצייגונגען און זיין גלויבן. העמעלריך האָט פֿאַראַכטעט דעם מענטש, וואָס האָט זיך אַצינד פֿאַרהאַלטן פֿאַר דער פֿאַרצוימונג פֿון דער דראָט, צומיינסט פֿאַראַכטעט זיינע געדאַנקען: נאָך ווייניק, וואָס די ראַסע פֿון פּריווילעגירטע און גליקלעכע האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי אים

צו דערמאָרדן, איז איר נאָך נייטיק זיך גערעכט צו מאַכן אויך.
דער קערפער, אַצינד שוין אַ לייכטער, איז דורך עפּעס אַן אומ-
פאַרשטענדלעכן נס זיך צעוואַקסן איבערן גרויען הויף, איבער די
טעלעגראַף-דראָטן, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן אין דער גרענעצלאָ-
זער רו פון דעם טריפנדיקן פרילינגס-פרימאָרגן. עמעצער האָט אַ
רוף-געטון פון אַ פענסטער, אַ מענטש האָט געענטפערט; דאָס
קול האָט אָנגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן קאָרידאָר. אַרומגענומען
העמעלריכן. דער ליכט-פלעק, וואָס האָט אָנגעמערקט דעם רעוואָל-
ווער, איז פאַרשוואונדן; דער רעוואָלווער איז אַריינגערוקט גע-
וואָרן אין פוטלאַר; אים האָט פאַרטרעטן אַ פלאַכע שטאַנג, זיך
בלייכנדיק אין האַלב-טונקל; דער מענטש האָט אַרויסגעצויגן זיין
באַגנעט. דאָס איז שוין נישט געווען קיין מענטש, דאָס איז גע-
ווען די פאַרקערפּערונג פון דעם שלעכטס, וואָס העמעליך האָט
געליטן אין משך פון זיין גאַנץ לעבן. אין דעם שוואַרצן קאָרידאָר,
וואָס איז גענומען געוואָרן אַלס ציל דורך די פאַרבאָרגענע קוילנ-
וואַרפערס און אַצינד באַזוכט געוואָרן דורך דעם שונא, איז דער
בעלגער אַריינגעפאַלן אין שגעון פון פאַראַכטונג. „זיי האָבן אונז
געהייסן פוילן דאָס גאַנצע לעבן, און אַצינד וועט אָט דער אָפּ-
מעקן, איינגאַנצן אָפּמעקן”... דער מענטש מיטן אויסגעשטרעקטן
באַגנעט האָט זיך טריט-ביי-טריט דערנענטערט. העמעליך האָט
זיך אַראָפּגעזעצט און גלייך דערזען, ווי זיין שאַרבן וואַקסט און
דער טאָרס איבער די פיס, ווי פעסטע דעמבלעך, פאַרקלענערט
זיך. אין מאָמענט, ווען דער באַגנעט האָט געמיטן די נישע איבער
זיין קאָפּ, איז ער אויפגעשפּרונגען, מיט דער רעכטער האַנט אָנ-
געכאַפּט דעם מענטש ביים האַלז, צונויפגעדריקט. איין האַנט איז
צו ווייניק געווען פאַר אַזאַ דיקן האַלז, די האַנט האָט גיכער מיטן
גראָבן פינגער און די שפּיצן פון די איבעריקע פינגער זיך איינ-
געגראָבן אין לעבעדיקן פלייש, נישט פאַרהאַלטנדיק דעם אָטעם,
אָבער די צווייטע האַנט האָט נישט געאיילט איר צוצוהעלפן;
באַפאַלן פון שגעון, האָט זי וואַנזיניק געריבן איבער דעם פאַר-
שטיקטן פנים. „דו וועסט עס אָפּמעקן! — האָט העמעליך גע-

וואָיעט. — דו וועסט דאָס אָפּמעקן!" דער מענטש האָט זיך אַ וויג געטון, אינסטינקטיוו צוגעפאַלן צו דער וואַנט. העמעלריך האָט מיטן גאַנצן כּוח אַ קלאַפּ-געטון מיט זיין קאָפּ אָן דער מויער, אויף אַ ווייַלע זיך אָנגעבויגן; דער כינעזער האָט דערפילט, ווי עס קריכט אַריין אין אים עפּעס אַ גרויסער פרעמדער קערפּער, צערייסט אים דאָס אינגעווייד: דער באַגנעט. ער האָט צעשפּרייט די הענט, זיי אַ כאַפּ-געטון מיט אַ קרעכץ צום בויך און געפאַלן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ צווישן העמעלריכס פיס. די שפּאַנונג האָט נאָכגעלאָזט; אויף דער געעפנטער האַנט האָט אַ טריף-געטון פון אונטערן באַגנעט אַפּער אַ טראָפּן בלוט; דערנאָך אַ צווייטער. ווי דער פלעק, וואָס איז פון מינוט-צו-מינוט געוואַקסן אויף דער פרעמדער האַנט, וואָלט זיך נוקם געווען אָן אים, האָט העמעלריך ענדלעך געוואַגט אַ קוק צו טון אויף זיין אייגענער האַנט און זיך משער געווען, אַז דער רויטער פלעק אויף איר איז מסתּמא שוין אָפּגעריבן.

און עס איז אים אייַנגעפאַלן, אַז ער קאָן פון דאַנען אַנטרינען ווערן אַ לעבעדיקער. ער האָט אייליק אָנגעהויבן אויסטון דעם אָפיציר, באַהערשט פון דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר דער רעטונג און איינצייטיק בייז, וואָס דאָס אָנטון לאָזט זיך נישט שנעל אַראָפּנעמען פון קערפּער, ווי דער טויטער וואָלט עס צוגעהאַלטן. ער האָט געשאָקלט דעם קערפּער, ווי אין טאַנצן. ענדלעך זיך איבערגעטון און געשטעלט אין פענסטער צו דער גאַס אַרויס מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און אַראָפּגערוקטן דאַשעק איבער די אויגן. די שונאים פון קעגנאיבער האָבן געעפנט די פענסטער, געררופן. „מען דאַרף אַנטלויפן פון דאַנען איידער זיי וועלן קומען". ער איז אַרויס אויף דער גאַס, זיך פאַרנומען לינקס, ווי עס וואָלט זיך פאַרהאַלטן דער דורך אים דערהרגעטער מענטש, ווען ער וואָלט זיך אומגעקערט צו זיין אָפּטיילונג.

— געפאַנגענע? — האָבן געשריגן די מענטשן אין די פענסטער.

ער האָט לפּנים געמאַכט עפּעס אַ זשעסט אויפן אַדרעס פון

די, צו וועלכע ער האָט זיך כּלומרשט אומגעקערט. זיי האָבן נישט געשאָסן. דאָס איז געווען נאַריש, און פונדעסטוועגן נאַטירלעך: ער האָט זיך שוין נישט געוואונדערט. ער האָט זיך ווידער פאַרנומען לינקס, אַוועק אין דער ריכטונג פון דער קאָנצעסיע: דאָס, וואָס דאָרט ווערט געהיטן דער צוטריט, האָט נישט געהאַט קיין באַדייטונג, ער האָט דאָך געקענט אַלע דורכגענג־הייזער אויף דער גאַס צוויי רעפּובליקן.

די מענטשן פון קאָמינטאַנג האָבן איינער נאָכן צווייטן אָנגעהויבן אַרויסגיין.

זעקסטע טייל

צען אַ זייגער.

— אַ דערווייליקער — האָט דער וועכטער געזאָגט. קיִאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער ווערט איינגעזעצט אין תּפיסה אין דער קרימינעלער אָפּטיילונג.

ווי נאָר ער איז דאָ אַריינגעקומען, איידער ער האָט זיך נאָך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט, האָט אים גענומען איבלען פון אַן עקלהאַפטן געשטאַנק: אַ שעכטהויז, אַ הינט־שטאַל, אַן אָרט פון אָפּפאַל? מען האָט אים דורכגעפירט דורך אַ טיר אין פונקט אַזאַ קאָרידאָר אַריין, ווי ער איז מיט אַ ווײַלע צוריק דורכגעגאַנגען; רעכטס און לינקס — גרויסע הילצערנע אָפּצוימונגען, אַזש ביז צום סופיט. אין די הילצערנע שטייגן — מענטשן. אינמיטן איז געזעסן אַ וועכטער ביי אַ נישט גרויסן טיש, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַ קאַנטשיק: אַ דין הענטל, אַ פלאַכער און ווייכער רעמעט, די ברייט פון אַ פינגער, — מען קאָן מיט דעם דערמיתן אויף טויט.

— בלייבן שטיין, חזירישע זרע, — האָט ער געזאָגט.

עפּעס אַ מענטש, געוואוינט צו דער טונקלקייט, האָט נאָטירט זיינע פּנים־שטריכן. קיִאָ האָט געפילט אַ פיינלעכע קאָפּווייטיק, דאָס געניטע שטיין האָט אים כמעט דערפירט צו חלשות. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פאַרצוימונג.

— וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו? — האָט עמעצער זייטיק הינטער זיינע פּלייצעס געשריגן.

דאָס קול איז געווען לאַנגווייליק, ווי דאָס שרייען פון אַ פּאַפּוגיי, אָבער פּאָרט אַ קול פון אַ מענטש. די טונקלקייט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז קיאָ האָט נישט געזען קיין פּנים; ער האָט בלויז געזען פאַרדריקטע, גרויסע פינגער אויפן סלופּ פון דער פאַרצוימונג — נישט ווייט פון זיין האַלז. ווייטער אַ ביסל זענען געלעגן אויף נאַרעס אָדער געשטאַנען אויסגעשטרעקט ציטערנדיקע קערפּערס: מענטשן־ווערים.

— נישט ווי צום בעסטן — האָט ער געענטפערט, זיך אָפּרוקנדיק אין אַ זייט.

— פאַרמאַך דעם קאַסטן, טשערעפּאַכישע זרע, וואָרים ווען דערפילן מיין האַנט אויף דער מאָרדע — האָט דער וועכטער געזאָגט.

קיאָ האָט עטלעכע מאָל געהערט דאָס וואָרט „דערווײַליקער"; ער האָט דעריבער געוואוסט, אַז מען וועט אים דאָ נישט לאַנג האַלטן. ער האָט באַשלאָסן זיך נישט צו מאַכן פון די באַליידיקונגען, איבערצוטראָגן אַלץ, וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין; די וויכטיקסטע זאַך איז — אַרויסצוגיין פון דאַנען, זיך אומקערן צום קאַמף. ער האָט פונדעסטוועגן געפילט — און אַזוי טיף געפילט, אַז ס'האָט אים אַזש געאיבלט, ווי דערנידעריקט ס'איז אַ מענטש, וואָס איז אָפּהענגיק פון אַ צווייטן: הילפלאָז קעגן דעם מנוול מיטן קאַנטשיק, באַרויבט פון דער אייגענער ערע.

— וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו? — האָט ווידער זיך צעשריגן דאָס זעלבע קול.

דער וועכטער האָט געעפנט די טיר, צום גליק — אין דער לינקער פאַרצוימונג אַריין; קיאָ איז אַריינגעגאַנגען. אין דער טיף איז געלעגן אויף אַ לאַנגער נאַרע בלויז איין מענטש. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט.

— אַ פּאָליטישער? — האָט דער אַרעסטאַנט געפרעגט.

— יאָ. און איר?

— ניין. אין די צייטן פון קייסער בין איך געווען אַ מאַנדאַרין...

קיָא האָט זיך אָנגעהויבן געווייַנען צו דער פינסטערניש. באמת טאַקע, דאָס איז געווען אַן עלטערער מענטש, — אַ גרויער, כמעט אָנגאָזיקער קאָטער, מיט אויסגעקראָכענע וואָנסעס און שפּי־ציקע אויערן.

„... איך האַנדל מיט פרויען. ווען דער האַנדל גייט, גיב איך אין דער יד אַריין דער פּאָליציי און לעב מיר רויִק. ווען ער גייט נישט, מיינט די פּאָליציי, אַז איך קאַרג און זעצט מיך איין אין תפיסה. אָבער ווען דער האַנדל גייט נישט, בין איך צופרידע־נער, מען זאָל מיך שפּייזן אין תפיסה, איידער כ׳זאָל שטאַרבן פון הונגער אויף דער פריי...

— דאָ?

— מען קאָן זיך געווייַנען צו אַלעם... דאָרט איז אויך נישט בעסער, ווען אַ מענטש איז אַלט ווי איך, ווען ער איז שוין שוואַך...

— מען זעצט אייך נישט איין צוזאַמען מיט אַנדערע?

— כ׳גיב אַמאָל כאַבאַר דעם ביוראָ־באַאַמטן ביים אַרייַנגיין. דערפאַר בין איך יעדעס מאָל אויף די רעכט פון אַ „דערוויילִיקן”.

דער וועכטער האָט געברענגט עסן: דורכגעשטעקט דורך דער פאַרצוימונג צוויי שיסעלעך זופּ פון בלאָטע־קאָליר, וואָס האָבן געפאַרעט מיט אויך אַזאַ געשטאַנק, ווי די לופט. ער האָט געמישט מיט אַ הילצערנעם לעפל אין קעסל, מיט אַ פליונק אַרייַנגעוואָרפן אין יעדער שיסעלע אַ האַרט שטיקל געקאָכט פלייש און כסדר דאָס זעלבע געגעבן די אַרעסטאַנטן פון די שכנותדיקע צעלעס.

— עס לוינט נישט — האָט עפּעס אַ קול זיך אָנגערופן — שוין מאָרגן.

— זיין עקזעקוציע — האָט דער מאַנדאַרין אויפגעקלערט.

— איך אויך, — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן — וואָלסט מיר געמעגט געבן אַ טאָפּלטע פּאָרציע: דאָס מאַכט מיר בלויז אַפּעטיט.

— ווילסט כאַפּן אין פרעסער אַריין? — האָט דער וועכטער געפרעגט.

ס׳איז אַרייַנגעקומען אַ זעלנער, זיך געווענדט צום וועכטער.

דער וועכטער איז אַריינגעגאַנגען אין דער צעלע רעכטס, לייכט אַ קלאַפּ געגעבן איבער עמעצנס אַ קערפּער.

— ער רירט זיך — האָט ער געזאָגט. ער לעבט נאָך מסתּמא... דער זעלנער איז אַוועקגעגאַנגען.

קיִאָ האָט זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט, אָנגעשטרענגט דעם בליק צו זען וועמעס קולות דאָס זענען, אַזוי נאָענטע צום טויט — ווי אפשר ער אַליין. אומזיסט; די מענטשן וועלן שטאַרבן און בלויז זייערע קולות וועלן פאַרשווינדן.

— איר וועט נישט עסן? — האָט דער מאַנדאַרין געפרעגט.

— ניין.

— דאָס איז אין אָנהייב תמיד אַזוי...

ער האָט גענומען קיִאָס שיסעלע. דער וועכטער איז אַרייַנגעקומען, אים דערלאַנגט מיטן גאַנצן כּוח איבערן פּנים און, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, צוגענומען דאָס שיסעלע.

— פאַרוואָס האָט ער מיך נישט געשלאָגן? — האָט קיִאָ שטיל געפרעגט.

— בלויז איך אַליין האָב מיך פאַרשולדיקט, אָבער דאָס איז נישט די סיבה: איר זענט אַ פּאָליטישער, דאָ אַריינגעזעצט אויף דערווייל, אָנשטענדיק געקליידט. ער וועט פּרוּוון אויספּרעסן געלט ביי אייך אָדער ביי דער פאַמיליע. און פונדעסטוועגן... וואַרט־צו...

דאָס געלט גרייפט מיך אָן אויך אין דעם לאָך, האָט קיִאָ אַ טראַכט געטון. די נידערטרעכטיקייט פון וועכטער, וואָס האָט באַשטעטיקט די רייד וועגן אים, האָט אויסגעזען ווי אַ חלום און אייבצייטיק דערמאַנט אָן עפּעס אַ מיאוסן פאַטאַליזם, ווי די מאַכט וואָלט דאָ כּמעט יעדן מענטש פאַרוואַנדלט אין אַ בהמה. און זיי זענען טאַקע נישט זייער ענלעך געווען צו מענטשן, די פינסטערע באַשעפענישן, וואָס האָבן געפּלוידערט הינטער די הילצערנע פאַרצוימונגען, אומרויִקע, ווי די קרעבסן און ריזיקע אינזעקטן אין די חלומות פון זיינע קינדער־יאָרן. איינזאַמקייט און עגדגילטיקע דערנידערונג. „האַלט דיך", האָט ער אַ קלער געטון, ווייל

ער האָט שוין דערפֿילט אַ געוויסן פֿאַרלוסט פֿון די כּוחות. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער וואָלט נישם בכּוח געווען צו באַהערשן זיין לעבן, וואָלט ער אַרומגענומען געוואָרן פֿון פּחד. ער האָט געעפֿנט דעם שנאָל פֿון פּאַסעק און איבערגעלייגט דעם ציאַנעק אין קעשענע אַריין.

— וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו? — האָט דאָס קול ווידער איבערגעחזרט.

— נעמט אים! — האָבן אַלע אַרעסטאַנטן מיטאַמאָל אויסגעשריגן.

קיאָ איז שוין געוואוינט געווען צו דער פֿינסטערניש, עס האָבן אים נישט געוואונדערט די אָפּטע קולות: מער ווי צען קערפּערס זענען געלעגן אויף די נאַרעס הינטער די פֿאַרצוימונגען.

— וועסט פֿאַרמאַכן דעם פּיסק? — האָט דער וועכטער געפֿרעגט.

— וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו, וואָס מאַכסטו?
דער וועכטער איז אויפֿגעשטאַנען.

— אַ לץ, צי אַ העצער? — האָט קיאָ מיט אַ האַלב קול געפֿרעגט.

— נישט דאָס און נישט יענץ. אַ משוגענער.

— פֿאַרוואָס־זשע?

קיאָ האָט נישט פֿאַרענדיקט זיין פֿראַגע: דער מאַנדאַרין האָט זיך פֿאַרשטאָפּט די אויערן. אַ שאַרפֿער ווילדער אויסגעשריי פֿון שרעק און ווייטיק האָט דורכגעבויערט די פֿינסטערניש; אין זעלבן מאָמענט וואָס קיאָ האָט זיך געווענדט צום מאַנדאַרין, איז דער וועכטער אַריינגעגאַנגען מיטן קאַנטשיק אין איינער פֿון די צעלעס. די גאַנצע נאָרע האָט אויפֿגעציטערט און דער זעלבער אויסגעשריי האָט זיך איבערגעחזרט. קיאָ האָט זיך נישט פֿאַרשטאָפּט די אויערן; אָנגעהאַלטן אָן צוויי סלופּעס, האָט ער אָפּגעוואַרט דעם אויסגעשריי, וואָס האָט אויפֿגעשוידערט זיין גאַנצן קערפּער, אַזש ביז צו די נעגל.

— דערלאַנג אים איינמאָל פאַר אַלע מאָל — האָט זיך אָנגערופן עפּעס אַ קול — זאָל ער אונז דאָ נישט די לופט פאַראווירן!

— גענוג שוין — האָבן זיך אָנגערופן אַ פיר־פינף קולות — מיר ווילן שלאָפן:

נישט אַוועקנעמענדיק די פינגער פון די אויערן, האָט דער מאַנדאַרין זיך אָנגעבויגן צו קיאָ.

— דאָס איז שוין זיכער דאָס עלפטע מאָל, וואָס ער שלאָגט אים זינט די לעצטע זיבן טעג. איך געפין מיך דאָ ערשט דעם צווייטן טאָג: דאָס איז שוין דאָס פירטע מאָל. איך הער אפילו מיט פאַרשטאָפטע אויערן... איך קאָן נישט פאַרמאַכן די אויגן, וואָרים אַז איך קוק, דאַכט זיך מיר, אַז איך גיב אים צו אַ ביסעלע מוט, אַז איך פאַרלאָז אים נישט אינגאַנצן..

קיאָ האָט אויך געקוקט, כמעט גאָרנישט זעענדיק... „מיטגעפיל, אָדער אַכזריות?” האָט ער מיט שרעק זיך געפרעגט. עס איז דאָ אַרויסגערופן געוואָרן, אָנגעצויגן געוואָרן ביז דער העכסטער שפּאַנונג און פאַרווילדערונג דאָס נידערטרעכטיקסטע, וואָס געפינט זיך נאָר אין מענטש, און קיאָ האָט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין באַוואוסטזיין זיך געראַנגלט מיט דער מענטשלעכער דערנידערונג; ער האָט זיך דערמאַנט וויפיל אָנשטרענגונג ס'האָט אים געקאָסט דאָס אַנטלויפן פון דעם אָנבליק פון צעקאַטעוועטע מענטשלעכע קערפּערס, ווען ער האָט צופעליק אויף אַזעלכע אָנגעטראָפן: ער האָט זיך געמוזט אָפּרייסן — בוכשטעבלעך. ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז מענטשן קאָנען קוקן ווי עמעצער שלאָגט אַן אומשעדלעכן משוגענעם, אַן אַלטן, אורטיילנדיק לויטן קול, און קאָנען אַפּראָבירן אַזאַ תּלינישע זאַך, האָט אים אַרומגענומען פונקט אַזאַ גרויל, ווי דעמאָלט אין האַן־קאו, בשעת טשענס מתוודה זיין זיך: „עקדישן”... קאַטאָוו האָט אים אַמאָל דערציילט וויפיל זעלבסט באַהערשונג עס מוז פאַרמאָגן אַ סטודענט פון מעדיצין, וואָס באַטראַכט דאָס ערשטע מאָל דאָס לעבעדיקע אינגעווייד פון אַן אויפגעטרענטן בויך. דאָס איז געווען דערזעלבער גרויל, וואָס שמידט־צו צום אָרט, דער אַלמעכטיקער גרויל, וועלכן דער געדאַנק איז קוים

בכּוח משיג צו זיין; ער האָט זיך געפילט נאָך טיפער צערודערט ווייל דער פאַרשיווער רעמעט האָט געהאַט די מאַכט איבער אים. און דערווייל האָבן זיינע אויגן, וואָס זענען געווען ווינציקער צוגעוואוינט צו דער פינסטערניש ווי דער בליק פון זיין חבר אין דער צעלע, אונטערגעשיידט בלויז דעם גלאַנץ פון דעמדאָזיקן רעמעט, וואָס האָט אַרויסגעריסן געשרייען ווי מיט אַ שפּיז. פון ערשטן קלאַפּ האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט, צוגעשמידט מיט די הענט צום סלופּ אויף אַ גלייכן שטח מיטן פנים.

— וועכטער! — האָט ער אַ געשריי געטון.

— ווילסט קריגן מיטן רעמעט?

— איך וויל דיר עפּעס זאָגן.

— אַ־אַ־זוי?

דער וועכטער האָט מיט פאַרביסענעם כּעס פאַררוקט דעם גרויסן ריגל. די אַרעסטאַנטן האָבן געפלאַצט פון געלעכטער. זיי האָבן געהאַסט די פּאָליטישע דערפאַר, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן באַזונדער.

— שפּרינג נאָר אַריין דאָרט, שפּרינג נאָר! ס׳וועט זיין אַ פאַרווײַלונג.

דער וועכטער איז שטיין געבליבן פאַר קיאָ, וואָס איז ווערטיקאַל דורכגעטיילט געווען מיטן סלופּ. זיין פּנים איז אָנגעקוואָלן געוואָרן פון נידערטרעכטיקן צאָרן, וואָרים דעם פאַרשטאָפּטן מוח האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מען קוועסטיאָנירט זיין מאַכט; און דאָך האָט זיין פּנים נישט אויסגעזען געמיין: עס האָט פאַרמאָגט רעגולערע, דורכשניטלעכע שטריכן.

— הער נאָר — האָט קיאָ אָנגעהויבן.

זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַריין, אָבער דער וועכטער, וואָס איז געווען העכער פון קיאָ, האָט מיטן בליק אויך פאַרכאַפּט זיינע הענט, די נאָך אַלץ צונויפגעדריקטע אויף די סלופּעס פון ביידע זייטן קאָפּ. איידער קיאָ האָט נאָך פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס וועט זיך פאַרענדיקן, האָט ער שוין דערפילט ווי מען וואָלט אים אָפּגעשניטן די לינקע האַנט: דער קאַנטשיק,

וועלכן דער וועכטער האָט געהאַלטן הינטערן רוקן, איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף איר מיטן גאַנצן כּוח. ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט אויסצושרייען.

— גאַנץ גלייך אויף אים! — האָבן די אַרעסטאַנטן פֿון קעגנאיבער אויסגעשריגן — נישט תּמיד די אייגענע.

קיאָס ביידע הענט זענען אַראָפּגעפֿאַלן, ווי דורכגענומען פֿון שרעק, אומאָפּהענגיק פֿון אים, אויטאָמאַטיש.

—וואָס האָסטו נאָך צו זאָגן? — האָט דער וועכטער געפֿרעגט.

אַצינד איז געהאָנגען צווישן זיי דער קאַנטשיק.

קיאָ האָט פֿעסט צונויפֿגעדריקט די ציין און מיט דערזעלבער אָנשטרענגונג, ווי ער וואָלט אויפֿגעהויבן אַ גרויסע משא, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פֿון וועכטער, האָט ער ווידער אויסגעשטרעקט די הענט צו די סלופּעס. אין דער מאָס, וואָס ער האָט זיי אויפֿגעהויבן, האָט יענער זיך אָפּגערוקט, כּדי צו מאַכן זיך מער פּלאַץ. דער קאַנטשיק האָט דאָס מאָל געטראָפֿן אין האָלץ אַריין; די באַוועגונג איז געווען שטאַרקער פֿון זיין ווילן: קיאָ האָט צוגעכאַפּט די הענט. אָבער ער האָט זיי גלייך אויפֿגעהויבן, שמערצלעך אָנשטרענגענדיק די אַקסלען; דער וועכטער האָט לויט אים דערקענט, אַז דאָס מאָל וועט ער זיי נישט צוכאַפּן. ער האָט אים אַ שפּיי געטון אין פּנים אַריין און פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דעם קאַנטשיק.

— אויב... דו וועסט אויפֿהערן שלאָגן דעם משוגענעם — האָט קיאָ געזאָגט — וועל איך נאָכן אַרויסגיין דיר געבן... פֿופֿציק דאָלאַר.

דער וועכטער האָט זיך אַ קווענקל געטון.

— גוט — האָט ער ענדלעך געזאָגט.

ער האָט אָפּגעווענדט פֿון אים דעם בליק און קיאָ האָט דערפֿילט, אַז די שפּאַנונג לאָזט נאָך, אַזוי שטאַרק, אַז ער איז נאָענט געווען פֿון חלשות. זיין לינקע האַנט איז געווען אַזוי אָנגעווייטיקט, אַז ער האָט זי נישט געקענט פֿאַרמאַכן. ער האָט זי אויפֿגעהויבן גלייך מיט דער רעכטער ביז די אַקסלען, און זי איז

אַזוי געבליבן הענגען, אַן אויסגעשטרעקטע, אַרויסרופֿנדיק געלעכטער בײַ די אַרעסטאַנטן.

— דו שטרעקסט מיר אויס די האַנט? — האָט דער וועכטער געפֿרעגט, אויך אַ פֿאַרווײַלטער.

ער האָט אַ דריק געטון זײַן האַנט. קיִאָ האָט דערפֿילט, אַז ער וועט קיינמאָל אין לעבן נישט פֿאַרגעסן דעמדאָזיקן דריק, נישט אַזוי צוליב דער ווייטיק, ווי צוליב דעם, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געפֿילט אַזאַ עקל. ער האָט צוריקגעצויגן די האַנט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער נאַרע, דער וועכטער האָט זיך אַ וויג געטון, אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, גענומען קראַצן מיטן הענטל פֿון קאַנטשיק הינטערן אויער. אומגעקערט צום טיש. דער משוגענער האָט געשלוכצט.

ס'זענען אַריבער שעהן אין אומאויפֿהערלעכן דרייען זיך. ענדלעך האָבן זיך באַוויזן זעלנער כּדי אַוועקצופֿירן קיִאָ אין דער פּאָליטישער בריגאַדע אַרײַן. ער איז געגאַנגען אפֿשר אויפֿן טויט. אָבער פֿאַרלאָזט דאָס לאָך מיט אַזאַ לעבהאַפֿטער פֿרייד, אַז ער איז אַליין פֿאַרוואונדערט געווען: ער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער לאָזט דאָ איבער די פֿאַראומווירדיקטע טייל פֿון זײַן וועזן.

— אַרײַן!

אַ כינעזישער גוואַרדייער האָט אים אַ שטופּ געטון אין דער פּלייצע, נאָר זייער לײַכט; די גוואַרדייער האָבן געהאַלטן, אַז זייער פֿליכט איז צו זײַן ברוטאַל, אָבער נישט געוואַגט זיך אַזוי צו באַגיין קעגן אויסלענדער, (און פֿאַר זיי איז קיִאָ געווען אַ יאַפּאַנער אָדער אייראָפּעער, על־כּל־פּנים אַן אויסלענדער). אויף קעניגס אַ וואונק זענען זיי געבליבן הינטער דער טיר. קיִאָ איז צוגעגאַנגען צום ביוראָ־טיש, האַלטנדיק אין דער קעשענע די ליניקע האַנט — די אָנגעשוואָלענע; ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דעם מענטש, וועלכער האָט אויך אַזוי געזוכט זײַן בליק: אַ פּיר־קאַנטיק פּנים, אויסגעגאָלט, אַ קרומלעכע נאָז, די האָר אין אַ יעזש. „דער מענטש, וועלכער וועט דיך וואָרשײַנלעך שיקן אויפֿן טויט, זעט שליסלעך אויס פּונקט ווי יעדער אַנדערער". קעניג

האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום רעוואָלווער, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש ; ניין, ער האָט גענומען דאָס שעכטעלע ציגאַרן, עס צוגערוקט צו קיאָ.

— אַ דאַנק, איך רייכער נישט.

— דאָס תּפֿיסה־עסן איז געמיין, אַזוי צו זאָגן. איר וועט עסן מיט מיר פֿרישטיק.

אויפֿן טיש איז געשטאַנען קאַווע, מילך, צוויי שעלעכלעך, צוויי שטיקלעך ברויט.

— איך וואָלט בלויז געגעסן ברויט, פֿאַרן איבעריקן דאַנק איך.

— קעניג האָט געענטפֿערט מיט אַ שמייכל :

— מיר טרינקען קאַווע פֿון דערזעלבער פּלאַנטאַציע, נישט אַזוי ?

קיאָ איז געווען פּאַרזיכטיק, איבעריקנס, איז קעניג נישט צוגעשטאַנען. קיאָ איז געשטאַנען פֿאַרן ביוראָ־טיש (ער האָט נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו זעצן), אַרומבײַסנדיק דאָס ברויט ווי אַ קינד. נאָך דער דריקנדיקער תּפֿיסה־אַטמאָספֿער, האָט אים די וועלט אַצינד אויסגעזען אומרעאַל און לײַכט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָ שטייט אין קאָן זײַן לעבן, אָבער פֿאַר דעם, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דאָרט, האָט אַפֿילו דער טויט אויסגעזען פּשוט. די הומאַניטאַרע באַנעמונג פֿון שעף האָט נישט געוועקט און אים קיין איבעריק גרויסן צוטרוי. קעניג איז ווידער געבליבן אין אַ ווײַטן דיסטאַנס, ווי ער וואָלט זיך אָטגעטיילט פֿון זײַן האַרציקייט : די האַרציקייט אַ ביסל פֿאָרויס, ער אַליין אַ ביסל הינטערוויילעכץ. איבעריקנס, האָט זײַן העפֿלעכע באַנעמונג געקאָנט שטאַמען לגמרי נישט פֿון אויסרעכנונג : ער איז געווען אַן איראָפּעער, אפֿשר האָט ער זיך געלאָזט אײַנשפּאַנען אין דעם פֿאַך דורך אַ צופֿאַל, אָדער אויס גיריקייט. הלוואַי וואָלט אַזוי געווען, האָט קיאָ זיך געוווּנטשן, — נישט דערפֿאַר, וואָס ער האָט געפֿילט כאָטש אַ ברעקל סימפּאַטיע צו קעניגן, נאָר ווײַל ער האָט געוואָלט אַ ביסל זיך אויפֿהײַטערן נאָך דער אויסשעפּנדיקער שפּאַנונג,

וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין תּפֿיסה; עס איז אים קלאָר גע־וואָרן, ווי אכזריותדיק עס איז דער צוואַנג, וואָס טרייבט דעם מענטש זיך צו באַהאַלטן הינטער דיין אייגענער הויט.

דער טעלעפֿאָן האָט זיך צעקלונגען.

— האַלאָ! — האָט קעניג זיך אָנגערופֿן. — יאָ, גיסאָרס, קיאָ. אויסגעצייכנט, ער געפֿינט זיך ביי מיר.

— מען פֿרעגט מיך, צי איר לעבט נאָך — האָט ער גע־זאָגט צו קיאָ.

— נאָכוואָס האָט איר מיך אַהערגעבּרענגט?

— איך האָף, אַז מיר וועלן דערגיין צו אַ פֿאַרשטענדיקונג.

דער טעלעפֿאָן האָט זיך ווידער צעקלונגען:

— האַלאָ! ניין. איך האָב אים טאַקע געזאָגט, אַז מיר וועלן אָן ספק דערגיין צו אַ פֿאַרשטענדיקונג. דערשיסן? איך בעט נאָ־כאַמאָל אָנצוקלינגען. דאָס וועט מען זען.

— וואָס מיינט איר וועגן דעם? — האָט ער געפֿרעגט, אַוועק־הענגענדיק דאָס הער־טרייבל.

קעניג האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיי מיטאַמאָל ווידער אויפֿגעהויבן.

— אירווילט לעבן?

— עס ווענדט זיך, ווי אַזוי.

— דער טויט קאָן אויך זיין פֿאַרשידן.

— על־כּל־פּנים קאָן מען נישט אויסקלויבן...

— איר האַלט, אַז איטלעכער קלויבט זיך אַליין אויס דעם שטייגער פֿון זיין לעבן?

קעניג האָט גערעדט וועגן זיך. קיאָ האָט לגמרי נישט בּדעה געהאַט אים אויפֿצורעגן אין דער נישט גינסטיקער געלעגנהייט.

— איך ווייס נישט. און איר?

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ קאָמוניסט צוליב ווירדע. איז דאָס אמת?

קיאָ האָט לכתּחילה נישט פֿאַרשטאַנען. אומרויִק פֿון דער אָפּוואַרטונג, צי דער טעלעפֿאָן וועט ווידער זיך נישט צעקלינגען,

האָט ער זיך געפרעגט, וואָס עס באַדייט די אומגעוויינלעכע ווענדונג. ענדלעך:

— דאָס אינטערעסירט אייך באמת?

— מער ווי איר קענט זיך פאָרשטעלן.

אין זיין טאָג איז געווען דראָונג, אויב נישט אין די ווערטער גופא. קיאָ האָט געענטפערט:

— איך מיין, אַז דער קאָמוניזם וועט אין געהעריקן זין אומקערן די ווירדע פאַר די, אויף וועמענס צד איך קעמף. אַלץ, וואָס איז קעגן קאָמוניזם, נייט זיי צו פאַרלירן די ווירדע, סיידן עמעצער פון זיי וועט זיין באַזונדערס באַגאַבט, אָבער דאָס טרעפט פונקט אַזוי זעלטן ביי זיי ווי ביי אַנדערע, אפשר נאָך זעלטענער, טאַקע דערפאַר, וואָס זיי לעבן אין נויט און די אַרבעט אין דער אָרדענונג גרענעצט זיי אָפּ פון לעבן. נאָכוואָס האָט איר געפרעגט, אויב איר הערט אפילו נישט מיין ענטפער?

— וואָס הייסט ביי אייך ווירדע? דאָס דריקט גאָרנישט אויס.

דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען. „דאָס איז וועגן מיין לעבן", האָט קיאָ אַ קלער געטון. קעניג האָט נישט אויפגעהויבן דאָס הער־טרייבל.

— דער היפּך פון דערנידערונג — האָט קיאָ געענטפערט — פאַרן אומקערן זיך פון דאָרט פונוואַנען איך קום, דאָס דריקט פונדעסטוועגן יאָ עפּעס אויס.

— דער טעלעפאָן האָט שטיל געקלונגען. קעניג האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן הער־טרייבל.

— וואו איז באַהאַלטן דאָס געווער? — האָט ער געפרעגט אַן הינטערוועגלעך.

— איר קענט צורו לאָזן דעם טעלעפאָן. ענדלעך האָב איך פאַרשטאַנען: די טעלעפאָנישע שמועסן זענען בכיוון אונטערגעשטעלט פאַר מיר.

קיאָ האָט זיך בליץ־שנעל אָנגעבויגן: קעניג האָט ווי גע־

וואָלט אים אַ וואָרף טון אין קאָפּ אַריין דעם רעוואָלווער. וואָרשיינלעך אַ נישט געלאָדענעם; אָבער ער האָט אים צוריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— איך האָב פאַר אייך עפּעס בעסערס — האָט ער געזאָגט — וואָס שייך דעם טעלעפאָן, וועט איר בקרוב זיך איבערצייגן, צי דאָס איז געווען אַ שפּיצל, מיין ליבינקער. איר האָט שוין געזען אַמאָל טאָרטורן?

קיאָ האָט זיך באַמיט צונויפצודריקן אין קעשענע די אָנגע־ווייטיקטע פינגער. דעם ציאַנעק האָט ער געהאַט אין דער לינקער קעשענע און מורא געהאַט, ער זאָל אים נישט אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, ווען ער וועט אים אַריינלייגן אין מויל.

— איך האָב דערפאַר געזען צעממיתטע מענטשן: איך האָב מיך באַטייליקט אין דער בירגער־קריג. איך וואונדער מיך נאָר פאַרוואָס איר האָט מיך געפרעגט, וואו ס'איז באַהאַלטן דאָס גע־ווער. איר ווייסט דאָך, אָדער וועט וויסן. צוואָס־זשע?

— די קאָמוניסטן האָבן מיר אומעטום פאַרניכטעט.

— אפשר.

— פולשטענדיק פאַרניכטעט. זייט זיך ערנסט מיישב: דאָס מיטאַרבעטן מיט אונז וועט אייך מציל זיין, און קיינער וועט וועגן דעם זיך נישט דערוויסן. מיר וועלן איינאָרדענען, אַז איר זאָלט אַנטלויפן...

„פון דעם האָט ער געדאַרפט אָנהייבן", האָט קיאָ אַ קלער נעטון. אונטערן איינדרוק פון דער אויפרעגונג זענען אים איינגע־פאַלן פאַרשידענע פּלענער, כאָטש ער האָט נישט בדעה געהאַט ויך צו באַנוצן מיט זיי. ער האָט געוואוסט, אַז די פּאָליציי לאָזט ויך נישט אָפּנאַרן. און דאָך איז ער איבערראַשט געווען פון דעם פאָרשלאַג, אַזאַ קאָנווענציאָנעלן, אַז ער האָט פאַרלוירן יעדן שאָטן פון ווירקלעכקייט.

— בלויז איך אַליין וועל וויסן — האָט קעניג ווייטער גע־רעדט — דאָס וועט גענוג זיי

פונוואַנען אַזאַ פרייד ביי די ווערטער „דאָס וועט גענוג זיין" — האָט קיִאָ אַ קלער געטון.

— איך וועל נישט גיין אין דינסט צו אייך — האָט ער געזאָגט מיט אַ כּמעט רוגזהדיק קול.

— הערט: איך קאָן אייך אין געהיים צוטיילן צו צען אומשולדיקע, זיי זאָגן, אַז זייער גורל איז אָפּהענגיק פון אייך, אַז זיי וועלן פאַרפוילט ווערן אין תּפיסה, אויב איר וועט נישט רעדן אַז זיי זענען פריי אין אויסוואַל פון די מיטלען צו רעדן צו אייך...

— ס'וועט פשוטער זיין צו ברענגען די תּלינים.

— טאָרטורן און געבעט צוזאַמען — דאָס וועט נאָך ערגער זיין. רעדט נישט וועגן דעם, וואָס איר ווייסט נישט, — וואָס איר ווייסט נאָך נישט.

— איך האָב נישט לאַנג געזען, ווי מען האָט געפּייניקט אַ משוגעגעם. אַ משוגענעם. איר פאַרשטייט?

— צי גיט איר זיך אָפּ אַ חשבון פון דעם וואָס אייך דראָט?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז איך האָב מיך באַטייליקט אין דער בירגער־קריג. איך ווייס. אונזערע האָבן אויך געפּייניקט: אַ סך פרייד וועט מען מוזן געבן די מענטשן כּדי דאָס אויסצוקויפן... לאָמיר דאָס פאַרענדיקן. איך וועל אייך נישט דינען.

קעניג איז געווען איבערצייגט, אַז נישט קוקנדיק אויף די רייד, האָט קיִאָ נישט באַנומען די דראָונג. „די יוגנט היט אים", האָט ער אַ קלער געטון. אויב די שרעק האָט נישט קיין שליטה אויף אים, ווייל ער איז אָרים אין פאַנטאַזיע, וועט גענוג זיין אַ ביסל צוצוװאַרטן...

— צי האָט איר זיך נישט פאַרטראַכט פאַרוואָס איר האָט אויסגעמיטן אַ קלאַפּ מיט דעם רעוואָלווער?

— איך מיין אַז דער טויט דרייט זיך נישט ווייט פון מיר: דאָס פאַרטעמפּט יעדע נייגיריקייט. איר האָט אויך געזאָגט: „איך האָב עפּעס בעסערס..."

קעניג האָט אַ דריק געטון דאָס גלעקל.

— אפשר וועל איך קומען צו אייך היינט ביינאַכט זיך פרעגן, וואָס אייער מיינונג איז וועגן מענטשלעכער ווירדע.

„אין זאַל אַריין, צו דער סעריע A", האָט ער אַ זאָג געטון צו די אַריינגעקומענע וועכטערס.

פיר אַ זייגער.

קלאַפּיק האָט זיך אויסגעמישט אין געזעמל ביי דער דראָט־פאַרצוימונג אין דער זייט פון דער קאָנצעסיע: דורך דער גאַס צוויי רעפּובליקן איז דורכגעפאָרן בראש פון זיין עסקאָרטע, באַוואָפנטע מיט מאַוזערן, דער תּלין, מיט אַ קרומער שווערד ביי דער זייט. קלאַפּיק האָט זיך שנעל אַריינגעדרייט אין דער קאָנצעסיע. קיאָ איז אין תּפיסה, די באַוואָפנטע כּוחות פון די קאָמוניסטן זענען פאַרניכטעט, אַ מאַסע סימפּאַטיקער אפילו אין אייראָפּעיִשן קוואַרטאַל — אומגעבערענגט... קעניג האָט אים געגעבן צייט ביז אָוונט: זיי וועלן אים לענגער נישט שוינען. זעלטן, אָבער פון אַלע זייטן האָבן אָפּגעקלונגען שאָסן. צונויפגעטראָגענע דורכן ווינט, האָבן די אָפּקלאַנגען זיך דערנענטערט צו אים, אַזוי על־כּל־פּנים האָט זיך קלאַפּיקן געדאַכט, און צוזאַמען מיט זיי אויך דער טויט. „איך וויל נישט שטאַרבן, האָט ער געברומט דורך די צונויפגעדריקטע ציין, איך וויל נישט שטאַרבן"... ער האָט דערפילט, אַז ער לויפט. ער האָט דערגרייכט דעם ברעג.

ער האָט נישט געהאַט נישט קיין פּאַס, נישט קיין געלט אויף אַ בילעט.

דריי דאַמפּערס, צווישן זיי איינער אַ פראַנצויזישער. קלאַפּיק האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכער. באַהאַלטן זיך עפּעס אין אַ רעטונגס־שיפל, וואָס איז צוגעדעקט מיט אַן אויסגעשפּרייטער לייוונט? ער האָט געמוזט אַרויפגיין אויף דער דעק און דער קאָנטראָלער וועט אים נישט דורכלאָזן דורכן לייטערל. איבעריקנס, דאָס איז געווען אַן אידיאָטישער איינפאַל. שפּרינגען? אַן אידיאָטישער,

אידיאָטישער, אידיאָטישער. אַ רעד־טון מיטן קאַפּיטאַן, דרייסט? ער האָט זיך שוין נישט איינמאָל אויף אַזאַ אופן אַרויסגעקריגן פון אַ שווערע לאַגע, אָבער דאָסמאָל וועט דער קאַפּיטאַן אים האַלטן פאַר אַ קאָמוניסט און נישט מסכים זיין אים אויפצונעמען. דער דאַמפער האָט געדאַרפט אָפּגיין אין צוויי שעה אַרום. נישט קיין גינסטיקע מינוט פאַר אָנוואַרפן זיך דעם קאַפּיטאַן. ווען מען וואָלט אים אַנטדעקט אויף דער שיף נאָכן אָפּגיין, אויפן ים, וואָלט ער זיך זיכער אַרויסגעדרייט, אָבער קודם־כל האָט מען געמוזט דאָרט אַרויפגיין.

ער האָט זיך שוין געזען אין דער פאַנטאַזיע, ווי ער זיצט ערגעץ אַראָפּגעזעצט אין אַ ווינקעלע, ווי ער פאַקט זיך אַריין אין אַ פעסל, אָבער דאָסמאָל וועט אים די פאַנטאַזיע נישט מציל זיין, ווען ער זאָל אפילו זיך איבערגעבן די פאַרטרעטער פון אומ־באַקאַנטן גאָט, די ריזיקע דאַמפערס, אָנגעכמורעטע, געלאָדנטע מיט געפעק, אַזוי גלייכגילטיקע צו זיינע זיפצן, אַז זיי האָבן אַזש אויסגעזען פיינטלעך. ער איז שטיין געבליבן פאַרן פראַנצויזישן דאַמפער. ער האָט גאָרנישט געטראַכט, בלויז געקוקט, פאַרכישופט פון לייטערל, איבער וועלכן ס'זענען אַרויפגעגאַנגען און אַראָפּ־געגאַנגען מענטשן, (ווייל קיינער האָט זיך נישט געקימערט וועגן אים, נישט פאַראינטערעסירט מיט זיין שרעק, וואָלט ער גערן אַלע אויסגעשאָסן ביז איינעם), זיי האָבן געוויזן דעם בילעט, פאַרשוואונדן ביים אַריינגאַנג. נאָכמאַכן אַ בילעט? דאָס איז אַן אַבסורד.

אַ מאָסקיט האָט אים אַ ביס געטון. ער האָט אים פאַרטריבן זיך צורירנדיק צו דער באַק: זי איז געווען באַוואַקסן. ער האָט באַשלאָסן אַריינצוגיין צו אַ פריזירער, ווי דאָס ראַזיר־מעסער וואָלט בכוח געווען גינסטיק צו ווירקן אויף זיין גורל; אָפּגאָלן זיך, נישט פאַרלירנדיק פונדעסטוועגן דעם דאַמפער פון אויג. הינטער די שאָפעס, צווישן די קאַפּעען און דעטאַל־קראָמען, האָט ער געפונען אַ כינעזישע ראַזורע. דער פריזירער איז איינצייטיק געווען דער באַלעבאָס פון אַ קליין אָרים טיי־הויז; אַ לייכט

שטרויען ווענטל האָט אָפּגעטיילט די צוויי אַנטשטאַלטן. וואַרטנדיק אויף זיין רייע, האָט קלאַפּיק זיך אַוועקגעזעצט ביים סאַמע ווענטל און נישט אַראָפּגעלאָזט דאָס אויג פון לייטערל פון דאַמפער. אין טיי-הויז האָט מען געשמועסט.

— דאָס איז שוין דער דריטער — האָט געזאָגט אַ מעניש קול.

— מיט קיין קינד וועט מען אונז אין ערגעץ נישט אַריינלאָזן. לאָמיר פרוון גיין אין אַן עלעגאַנטן האָטעל אַריין, אפשר דאָך?

דאָס האָט געענטפערט אַ פרויען-קול.

— אין אַזאַ הילוך? דער שווייצער וועט אונז אַרויסוואַרפן, איידער מיר וועלן זיך אומקוקן.

— דאָרט האָבן קינדער אַ רעכט צו שרייען... לאָמיר וואו ס׳איז ווייטער פרוון.

— מ׳וועט דערזען אַ קינד, וועט מען גלייך אָפּזאָגן. מיר קענען זיך אַריינקריגן נאָר אין אַ כינעזישן האָטעל, אָבער דאָס קינד וועט קראַנק ווערן פון דעם שלעכטן עסן.

— אפשר אין עפּעס אַן אָרימערן איירָאָפּעישן האָטעל, ווען ס׳וואָלט נאָר געלונגען דורכצושמוגלען דאָס קינד, וועלן זיי דערנאָך נישט וואַגן צו ווייזן אונז די טיר. אַלנפאַלס, וועלן מיר געווינען איין נאַכט. מע דאַרף אַרומוויקלען דאָס קינד, מען זאָל מיינען, אַז דאָס איז וועש.

— וועש שרייט נישט.

— מיט אַ סמאָטשעק אין מיילעכל וועט עס אויך נישט שרייען...

— אפשר, ווער ווייסט. כ׳וועל אַ שמועס-טון מיטן באַלעבאָס, דו וועסט קומען נאָך מיר. ס׳וועט גענוג זיין, אַ ווײַלע שפּעטער.

אַ שווייגן. קלאַפּיק האָט געקוקט אויפן לייטערל. אַ שאָרכען פון פּאַפּיר.

— דו קאָנסט דיר נישט פאָרשטעלן, ווי דערווידער מיר איז אַזוי אים צו טראָגן... מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז פאַר אים אַ

שלעכטער סימן אויפן גאַנצן לעבן... און איך האָב מורא, ס׳זאָל אים נישט שאַטן...

ווידער אַ שווייגן. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען? דער גאַסט איז אויפגעשטאַנען פון פאָטעל. דער פריזירער האָט אַ וואונק געטון צו קלאַפּיקן; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, נאָך אַלץ נישט אַראָפּ־עמענדיק דעם בליק פון דאַמפער. דאָס לייטערל איז געווען ליידיק, אָבער איידער קלאַפּיקס פנים איז נאָך באַדעקט געוואָרן מיט זייף, האָט אויפן לייטערל זיך באַוויזן אַ מאַטראָס מיט צוויי נייענקע (ערשט געקויפטע?) עמערס אין די הענט, און אַ בעזעם אונטערן אָרעם. קלאַפּיק האָט אים נאָכגעקוקט פונווייטנס טריט־ביי־טריט: ער וואָלט גערן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ הונט, אַבי דער הונט זאָל זיך דערהייבן איבערן לייטערל און אַרויפגיין אויף דער דעק. דער מאַטראָס איז אַרויפגעגאַנגען, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו אויפן קאָנטראָלער.

קלאַפּיק האָט אַ וואָרף געטון דאָס געלט אויפן וואַש־טיש, אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס ליילעך און אַרויסגעגאַנגען מיט אַן איינגעזייפט פנים. ער האָט געוואוסט וואו עס געפינען זיך די טאַנדייטקראָמען. די דורכגייער האָבן אים נאָכגעקוקט; נאָך צען טריט האָט ער זיך אומגעקערט, אָפּגעוואַשן דאָס פנים אין דער ראַזורע, זיך אַוועקגעלאָזט זוכן.

ער האָט לייכט זיך איינגעשאַפט מאַטראָסן־מלבושים. זיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין, כדי זיך איבערצוטון. „מען דאַרף אויך נעמען אַ בעזעם, אָדער עפּעס ענלעכס. אָפּקויפן ביי די באָיס אַן אַלטן בעזעם? אומזיסט: צוואָס וואָלט אַ מאַטראָס זיך געהאַט אַרומצודרייען אויפן ברעג מיט זיין אָפּגענוצטן בעזעם? כדי אויסצוזען שענער? אמתער אידיאָטיזם. ער איז אַרויפגעגאַנגען איבערן לייטערל מיטן בעזעם, ווייל ער האָט אים געקויפט אויפן ברעג. דאַרף ער דעריבער זיין אַ נייער... אַזעלכן וועלן מיר טאַקע קויפן...“

ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קראָם מיט זיין געוויינטלעכער קלאַפּיק־מינע. אויסגערופן אונטערן ווידערווילקן בליק פון

ענגלענדער, דעם פאַרקויפער: „קומט אין מיינע אָרעמס!", אַ כאַפּ געטאָן צוויי בעזעמס אונטערן אָרעם, מיט איינעם פון זיי צופעליק איבערגעקערט דעם קופערנעם לאָמפּ און אַרויסגעגאַנגען.

נישט געקוקט אויף דעם בכיוונדיקן איבערכאַפּן די מאָס, האָט דער „קום אין מיינע אָרעמס" דייטלעך אויסגעדריקט, וואָס ער האָט געפילט: ער האָט ביז דעם מאָמענט געשפילט די נישט־זיכערע קאָמעדיע אויס נויטווענדיקייט און שרעק, מאַסקירט פאַר זיך אַליין די מורא פאַר אַ דורכפאַל; ערשט אַצינד האָט דער ווידערווילן, מיט וועלכן דער פאַרקויפער האָט זיך צו אים באַצויגן — כאָטש קלאַפּיק האָט זיך נישט געהאַלטן ווי קיין מאַטראָס — אים צוגעגעבן מוט. ער איז מיט די בעזעמס אונטערן אָרעם געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דאַמפער, איבערן וועג אַריינגעקוקט יעדן דורכגייער אין די אויגן, זוכנדיק אין זיי אויפהייטערונג פאַר זיך; ווי פריער, ווען ער איז שטיין געבליבן פאַרן לייטערל, אַזוי האָט ער אויך אַצינד, צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג, זיך איבערצייגט, אַז זיין גורל גייט קיינעם נישט אָן: פריער זענען רייזנדע אַרויפגעגאַנגען איבערן לייטערל, נישט אומקוקנדיק זיך אויף דעם מענטש, וואָס האָט געמוזט בלייבן אויפן ברעג און אפשר אָפּוואַרטן דעם טויט; אַצינד האָבן די דורכגייער גלייכגילטיק געקוקט אויפן מאַטראָס; קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, קיינער פון המון האָט זיך נישט דערמאַנט אָן אים; כאָטש איין פנים, איין נייגיריק פנים... ער האָט נישט אָנגענומען קיין פרעמד געשטאַלט כדי עמעצן צו פאַרוואונדערן; דאָס איצטיקע מאָל האָט ער אָפּגענאַרט אויס נויטווענדיקייט, און פון דעם אָפּנאַרן איז אָפּהענגיק געווען זיין גורל. ס'איז אים טרוקן געוואָרן אין האַלז. ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ כינעזישן באַר, אַוועקגעשטעלט די בעזעמס. ער האָט זיך אָנגעטרונקען און פאַרשטאַנען, אַז ער איז געווען נישט דורשטיק, אַז ער האָט בלויז געוואָלט אויספּרוּוון נאָך איין קאָנטראָל־מיטל. די באַוועגונג, מיט וועלכער דער באַלעבאָס האָט אים אַ רעשט געגעבן האָט אים באַרויִקט. זינט ער האָט זיך איבערגעטון, האָט די וועלט

אַרום אים אָנגענומען אַן אַנדער פּנים. ער האָט תּופס געווען די ענדערונג: מען האָט געקוקט אויף אים אַנדערש. אַצינד איז זיין צוהערער, דער עדות פון זיין מיטאָמאַניע, געווען דער המון.

איינצייטיק האָט די אַלגעמיינע הסכּמה אויף זיין נייעם סאָציאַלן שטאַנד באַרויקט זיין אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג, צוגעשמייכלט זיין אַמביציע. ער האָט אומגעריכט, צופעליק דערגרייכט די העכסטע ריינקייט אין זיין לעבן. ניין, דער מענטש איז בלויז אַ פאָרשטעלונג, אויב ס'איז גענוג זיך איבערצוטון כּדי צו אַנטלויפן פון זיך, כּדי אָנצונעמען אַ ניי לעבן אין די אויגן פון די אייגענע. דאָס איז אייגנטלעך געווען פונקט אַזאַ פריידיק אָפּרייסן זיך פון באָדן, פונקט אַזאַ גליק, ווי ער האָט איבערגעלעבט דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם המון כינעזער. טראָגנדיק די בעזעמס ווי ביקסן, האָט ער זיך דערהויבן איבערן לייטערל, געמיטן דעם קאָנטראָלער. (די קניען האָבן זיך געבויגן אונטער אים), אַרויפגעגאַנגען אויף דער דעק. ער האָט זיך דורכגעקריגן דורך די פּאַסאַזשירן אויף דער פעדערשטער פּלאַטפאָרמע, אַוועקגעלייגט די בעזעמס אויף אַ קלומפּן שטריק. עס האָט אים גאָרנישט געדראָט ביזן ערשטן פּאָרט, אין וועלכן דער דאַמפער וועט פאַראַנקערן. אָבער ער איז נאָך ווייט געווען פון גלייכגעוויכט. עס איז צוגעקומען צו אים עפּעס אַ פּאַסאַזשיר, אַ רוס. אַ דרייקאָפּ.

— איר האָט דינסט אויף דער דעק?

און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער:

— עס איז אַן אָנגענעם לעבן אויף דער דעק?

— ס'איז דען שווער דאָס צו פאַרשטיין, האַרצינקער? אַ פראַנצויז האָט ליב אַרומצורייזן, דאָס איז אַ פאַקט: קיין פּיפּס נישט. די אָפיצירן טוען אָן צרות, אָבער נישט מער ווי דער קאַפּיטאַן, און מען שלאָפט שלעכט (איך האָב נישט ליב קיין האַמאַקן: עס איז אַ געשמאַק-זאַך), אָבער מען גיט גוט צו עסן. און מען זעט פאַרשידענע מערקווירדיקייטן. ווען איך בין געווען אין צפון-אַמעריקע, האָבן די מיסיאָנערן טאָג און נאַכט אויסנווייניק געלערנט

די ווילדע, לאַטיינישע רעליגיעזע געזאַנגען. קומט צו פאָרן דער ביסקופּ, דער מיסיאָנער קלאַפּט אויס דעם טאַקט: ווי מען וואָלט געזייעט מאָן, אַזוי שטום געוואָרן זענען די ווילדע פון גרויס חשיבות. אָבער קיין פּיפּס נישט! דאָס רעליגיעזע געזאַנג קומט פון זיך אַליין. די פאַפוגייען אין וואַלד, וואָס האָבן קיינמאָל חוץ דעם גאָרנישט געהערט, זינגען טיף־גערירטע, אַזוי, אַזוי, מיין ליבער... און שטעל דיר פאָר, אַז איך האָב באַגעגנט אויף דער געאָגראַפישער ברייט פון צעלעבעס מיט צען יאָר צוריק פאַרבלאָנדזשעטע אַראַבישע זעגל־שיפן, געפורעמטע ווי קאָקאָס־ניס, פולע מיט פאַרדזשומעטע טויטע, די הענט אָט אַזוי אַריבערגעהאָנגענע איבער די ראַנדן אונטער אַ וואָלקן מעוועס. דאָס איז געווען הערליך...

— אַלץ איז אַ גליק־זאַך. איך פאָר שוין אַרום זיבן יאָר און האָב אַזאַ זאַך נישט געזען.

— מען דאַרף אַריינפירן אין לעבן אַרטיזם, מיין ליבער, נישט צוליב קונסט, אַ! — גאָט באַהיט! כדי צו באַרייכערן דאָס לעבן. קיין פּיפּס נישט!

ער האָט אים אַ קלאַפּ געטון איבערן בויך און לפנים זיך אַוועקגעדרייט. אַ באַקאַנטער אויטאָ האָט זיך פאַרהאַלטן פאַרן לייטערל. פּעראַל האָט זיך אומגעקערט קיין פראַנקרייך.

איבער דער פּלאַטפאָרמע פון דער ערשטער קלאַס איז אַרומגעלאָפן אַ יינגל, קלינגענדיק צום אָפּפאָרן. יעדער שלאָג פון גלעקל האָט אָפּגעקלונגען אין קלאַפּיקס האַרץ.

„איירָאָפּע, האָט ער אַ קלער געטון, דער באַל איז געענדיקט. און אַצינד איירָאָפּע”. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער אַלטער קאָנטינענט שווימט אים אַקעגן צוזאַמען מיטן זיך דערנענטערנדיקן אָפּקלאַנג פון גלעקל, וואָס האָט לגמרי נישט פאָרגעזאָגט קיין רעטונג, נאָר גיכער געקלונגען ווי דאָס גלעקל אין אַ תּפיסה. ווען נישט די דראָונג פון טויט, וואָלט ער זיכער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דעק.

— דער באַר פון דער דריטער קלאַס איז אָפן? — האָט ער געפרעגט דעם רוס.

— שוין פון אַ שעה צייט.

— אַלע קאָנען דאָרט אַריינגיין, כּל־זמן מיר וועלן נישט אַרויסשווימען אינמיטן ים אַריין.

קלאַפּיק האָט אים אַ נעם געטון אונטערן אָרעם.

— לאָמיר זיך גיין אָנשיכּורן.

\

זעקס אַ זייגער.

אין אַ גרויסן זאַל — דאָס איז אַמאָל געווען אַ פאַרווייל־ונגס־זאַל פון אַ שול — האָבן צווייהונדערט פאַרוואונדעטע קאָמוניסטן געוואַרט אויפן טויט. קאַטאָוו, אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די ניי־געבּרענגטע אַרעסטאַנטן. אַלע זענען געלעגן אויסגעצויגן אין זייער גאַנצער לענג אויפן דיל. טייל האָבן געקרעכצט מיט וואונדערבאַר־רעגולערע הפסקות; דאָ אין דאָרט האָט מען גערייכערט, ווי נישט לאַנג צוריק אויפן פּונקט, און בײַגעלעך רויך, האָבן זיך דערהויבן אַזש ביז אונטערן סופיט, וואָס איז שוין געווען אײַנגעהילט אין דער טונקלקייט פון אָוונט, אַזוי געדיכט דערפאַר, וואָס די גרויסע אייראָפּעיִשע פענסטער זענען פאַרשטעלט געווען פון נעפּל. דער סופיט האָט אויסגעזען אומגעווייינטלעך הויך איבער דער מחנה אַרעסטאַנטן, וואָס זענען געלעגן איינער לעבן אַנדערן. כאָטש דער טאָג איז נאָך נישט פאַרשוואונדן, איז שוין אַרייַנגעטרעטן די אַטמאָספער פון דער נאַכט. „צי איז דאָס צוליב די וואונדן, האָט זיך קאַטאָוו געפרעגט, צי דערפאַר, וואָס מיר ליגן אויף אַ וואָקזאַל. מיר וועלן פאָרן אין ערגעץ, און פטור...״

פיר כינעזישע וואַך־זעלנער האָבן זיך געדרייט הין און צוריק צווישן די פאַרוואונדעטע; די באַגנעטן, אויפגעפלאַנצטע

אויף די ביקסן, האָבן וואונדערלעך אָפּגעשפּיגלט דעם לעצטן גלאַנץ פון אויסגייענדיקן טאָג, גלייכע, שניידנדיקע אין די אויגן איבער דידאָזיקע צעוואָרפענע קערפּערס. אין דער ווייטנס, פאַרבאָרגן אין נעפּל, ווי זיי וואָלטן אויך געוואַכט איבער זיי — גערלע, מסתמא גאַז־לעמפּלעך; און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דערטראָגט זיך פון זיי (וואָרים אויך פון נעפּל אַרויס) דאָס מאָנאָטאָנע פייפן, וואָס שלינגט־איין דאָס שעפּטשען און קרעכצן: דאָס פייפן פון אַ לאָקאָמאָטיוו: נישט ווייט האָט זיך געפונען דער וואָקזאַל פון שאַפּעי. עס איז געוואַקסן אין דעם גרויסן זאַל אַ מין גרויזאַמע שפּאַנונג, וואָס איז נישט געווען קיין אָפּוואַרטונג פון טויט. קאַטאָוו האָט דאָס פאַרשטאַנען דורך זיין אייגענעם האַלז: ער איז געווען דורשטיק און הונגעריק. אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן דער וואַנט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט לינקס און רעכטס: אַ סך באַקאַנטע פּנימער, אַ היפּשע צאָל פאַרוואונדעטע קעמפער האָבן געהערט צו די ט ש אָ נ ס. אין איין זייט, לענגאויס דער שמעלערער וואַנט איז רעזערווירט געווען אַ ליידיק אָרט די ברייט פון דריי מעטער. „פאַרוואָס ליגן די פאַרוואונדעטע איינע אויף די אַנדערע — האָט ער הויך געפרעגט — אָנשטאָט אַריבערצוגיין צו דער וואַנט?" ער איז געברענגט געוואָרן מיטן לעצטן טראַנספּאָרט. אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, האָט ער זיך אויפגעהויבן און, הגם ער האָט געליטן פון די וואונדן, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער וועט באַווייזן זיך צו דערהאַלטן אויף די פיס; אָבער ער איז אינמיטן באַוועגן זיך, פאַרשטייפט געוואָרן: כאָטש ער האָט נישט דערהערט אַרום זיך קיין קלאַנג, האָט ער אָבער דערפילט אַ פאַרוואונדערונג, וואָס האָט אים אַזוי דורכגענומען, אַז זיינע גלידער זענען פאַרשטייפט געוואָרן. אין די בליקן? ער האָט קוים געקאָנט אונטערשיידן די אויגן. אין דער פּאָזיציע פון די קערפּערס? אַלע זענען דאָך געלעגן, ווי עס ליגן פאַרוואונדעטע, ליידנדיק איטלעכער אויף זיין שטייגער. אַזוי צי אַזוי, די פאַרוואונדערונג איז געווען — נישט קיין שרעק, נאָר גרויל, חיהשער גרויל פון מענטשן. קעגן אַן אוממענטשלעכער זאַך.

נישט אָפּטיילנדיק זיך פון דער וואַנט, האָט קאַטאָוו געמאַכט אַ טריט איבערן קערפּער פון זיין שכן.

— ביסט משוגע געוואָרן ? — האָט זיך אָנגערופן אַ קול פון דיל.

— פאַרוואָס ?

מיט דער פראַגע האָט ער זיך געווענדט צו אַלע. קיינער האָט נישט געענטפערט. און דער וואַך-זעלנער, וואָס איז געשטאַנען פינף מעטער ווייטער, אָנשטאָט אים צוריק אַ שליידער צו טון אויפן דיל, איז שטיין געבליבן אַ פאַרגאַפטער.

— פאַרוואָס ? — האָט ער געפרעגט נאָכאַמאָל, עקשנותדיקער.

— ער ווייסט נישט — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייט קול פון דיל, און איינצייטיק נאָך אַ צווייטער, אַ שטילערער : „ער וועט שוין געוואויר ווערן...”

דאָס צווייטע מאָל האָט ער געפרעגט אויפן הויכן קול. עס איז געווען אין דעם עקשנות פון די מענטשן עפּעס שרעקלעכס, סיי פון זיך אַליין, סיי צוליב דעם, וואָס כמעט די אַלע מענטשן האָבן אים געקענט ; די דראָונג מיט וועלכער ס׳האָבן געאָטעמט די ווענט, איז געהאָנגען אי איבער אים, אי איבער אַלע.

— לייג דיך צוריק — האָט געזאָגט עמעצער פון די פאַרוואונדעטע.

פאַרוואָס האָט קיינער פון זיי נישט אַרויסגערעדט זיין נאָמען ? און פאַרוואָס האָט דער וואַך-זעלנער זיך נישט אַריינגעמישט ? ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געזען, ווי ער האָט מיט דער קאָלבע אַ קלאַפּ געגעבן אַ פאַרוואונדעטן, וואָס האָט געוואָלט טוישן זיין אָרט... ער האָט זיך אַנידערגעלייגט און צוגעקראָכן צו דעם, וואָס האָט זיך אָנגערופן דער לעצטער.

— דאָרט לייגט מען די, וואָס גייען אויף טאָרטורן — האָט יענער שטיל געזאָגט.

קאַטאָוו האָט פאַרשטאַנען. אַלע האָבן געוואוסט, אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן, אפשר דערפאַר, וואָס זיי האָבן

מורא געהאַט פאַר די ווערטער, און אפשר דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואַגט אים דאָס צו זאָגן. בלויז דאָס איינע קול: „ער וועט שוין געוואויר ווערן”.

די טיר האָט זיך געעפנט. ס׳זענען אַרייגעקומען זעלנער מיט לעמפלעך, נאָך זיי האָבן שפיטאָל־וועכטער אַרייגעטראָגן פאַרוואונדעטע און, ווי פעקלעך, זיי אַוועקגעלייגט לעבן קאַטאָוון. ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, זי איז אויפגעשטיגן פון דיל, איבער וועלכן די קרעכצן האָבן זיך געקרייצט ווי מייז אין שרעקלעכן געשטאַנק: כמעט קיין איינער פון די מענטשן האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. די טיר איז פאַרמאַכט געוואָרן.

די צייט איז געגאַנגען. עס האָבן זיך געהערט בלויז די טריט פון די וואַך־זעלנער, דאָס זיפצן פון ווייטיק, און איבער דעם אַלעם האָבן די באַגנעטן געבלישטשעט מיט זייער לעצטן גלאַנץ. פלוצלינג האָט אויפסניי זיך דערהערט דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוו, אַ פאַרטעמפטס, ווי דער נעפל וואָלט געדיכטער געוואָרן אין דער פינסטערניש. איינער פון די פריש געברענגטע, וואָס איז געלעגן אויפן בויך, האָט פאַרדריקט די פויסטן איבער די אויערן און זיך צעוואָיעט. די אַנדערע האָבן נישט געשריגן, אָבער דער גרויל האָט ווידער געפלאַטערט דאָ איבערן דיל.

דער מענטש האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפ, זיך אַ צי געטון אויף די עלנבויגנס.

— אויסוואורפן, — האָט ער זיך צעשריגן — מערדער!

ס׳איז צוגעלאָפן אַ וואַך־זעלנער און מיט אַ שטויס פון פיס אונטער די ריפן אַרונטער אים איבערגעקערט אויף דער פלייצע. דער פאַרוואונדעטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער וואַך־זעלנער איז אַוועקגעגאַנגען. דער פאַרוואונדעטער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. קאַטאָוו האָט אים נישט געזען דייטלעך אין דער פינסטערניש, נאָר געהערט זיין קול, צערויסגעפילט, וואָס יענער וויל זאָגן. טאַקע אַזוי: „...זיי דערהרגענען נישט, פאַקן אַריין לעבעדיקערהייט אין אויוון פון אַ לאָקאָמאָטיוו. און דו הערסט, אַצינד פייפן

זיי..." דער וואַך־זעלנער האָט זיך אומגעקערט. אַ שווייגן, עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס קרעכצן פון ווייטיק.

די טיר האָט זיך ווידער געעפנט. און ווידער האָבן זיך דערזען באַגנעטן, דאָס מאָל באַלויכטענע אין זייער גאַנצער לענג ביזן שאַרפן שפּיץ דורך אַ גרויסער לאַמטער. קיין פאַרוואונדעטע זענען אַציגד נישט געווען. ס'איז בלויז אַריינגעקומען אַן אָפיציר פון קאָמינטאַנג. קאַטאָוו האָט בלויז געזען די מחנה קערפּערס, אָבער געפילט, אַז אַלע פאַרוואונדעטע זענען געשפּאַנט געוואָרן. דער אָפיצירביים ווענטל, אַן אומקערפּערלעכער, אַ נעפּלהאַפּטבאַלויכטענער דורך דער לאַמטער אין גרויען ליכט פון אויסגייענדיקן טאָג, האָט אַרויסגעגעבן באַפעלן דעם וואַך־זעלנער. דער וואַך־זעלנער האָט זיך דערנענטערט, אויפגעזוכט קאַטאָוון. נישט אָנרירנדיק אים, נישט זאָגנדיק קיין איין וואָרט, האָט ער אים געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אויפשטיין. קאַטאָוו איז מיט אָנשטרענגונג אויפגעשטאַנען, מיטן פּנים צו דער טיר, דאָרט וואו דער אָפיציר האָט נאָך אַלץ אַרויסגעגעבן באַפעלן. דער זעלנער מיט דער ביקס ביים פוס, מיט דער לאַמטער אין דער לינקער האַנט, האָט זיך געשטעלט אין דער לינקער זייט. אין דער רעכטער האָט זיך בלויז געפונען דאָס ליידיקע שטיקל דיל און די ווייסע וואַנט. דער זעלנער האָט אים אָנגעוויזן דאָס אָרט מיט דער ביקס. קאַטאָוו האָט ביטער, מיט שכאָלצער רעזיגנאַציע, אַ שמייכל געטון. אָבער קיינער האָט נישט געזען זיין פּנים; דער וואַך־זעלנער האָט בכיוון אַוועקגעדרייט די אויגן אין די פאַרוואונדעטע, וואָס זענען נישט געלעגן אין גסיסה, האָבן זיך אונטערגעהויבן אויף אַ קני, אויף אַן עלנבויגן, אָדער פאַררייסנדיק די קעפּ פון איבערן דיל, נאָכגעקוקט זיין שאָטן, וואָס איז געוואַקסן אויף דער טאָרטורן־מויער.

דער אָפיציר איז אַרויסגעגאַנגען. די טיר איז נישט צוגעמאַכט געוואָרן.

די וואַך־זעלנער האָבן פּרעזענטירט דאָס געווער: ס'איז אַריינגעקומען איינער אָנגעטון אין ציוויל. „סעקציע A", האָט

זיך אָנגערופֿן אַ קול הינטער דער טיר, נאָכדעם איז די טיר פֿאַרמאַכט געוואָרן. איינער פֿון די וואַך־זעלנער האָט, אונטערברומענדיק, צוגעפֿירט אַ געקומענעם צו דער וואַנט: קאַטאָוו האָט צו זיין דערשטוינונג דערקענט קיאַ. ווייל ער איז נישט געווע[illegible]וואונדעט, האָבן די וואַך־זעלנער, ווען ער איז אַריינגעקומען מיט צוויי אָפֿיצירן ביי די זייטן, אים אָנגענומען פֿאַר עפּעס אַן אויסלענדער — טשאַן־קיי־שעקס אַ ראַט־געבער: אַצינד אָבער, כּדי צו פֿאַרריכטן זייער טעות, האָבן זיי אים שטיל געזידלט. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין האַלב־טונקל לעבן קאַטאָוון.

— אפשר ווייסטו, וואָס אונז וואַרט? — האָט קאַטאָוו געפֿרעגט.

— זיי האָבן זיך באַמיט מיר דאָס פֿאָרויס קלאָר צו מאַכן, איך לאַך פֿון דעם: איך האָב מיין ציאַנעק. וווּ איז דיינער?

— איך האָב אים.

— ביסט פֿאַרוואונדעט?

— אין די פֿיס. אָבער איך גיי נאָך ווי ס׳איז.

— שוין לאַנג געפֿינסטו דיך דאָ?

— נישט לאַנג. ווען האָט מען דיך גענומען?

— נעכטן אינאָוונט. ס׳איז עפּעס דאָ אַ האָפֿענונג צו אַנטלויפֿן?

— עס וועט זיך גאָרנישט לאָזן מאַכן. כּמעט אַלע זענען שווער פֿאַרוואונדעט. אומעטום שטייען זעלנער. דו האָסט געזען די קוילנוואַרפֿערס פֿאַרן טויער?

— איך האָב געזען. וווּ האָט מען דיך גענומען?

ביידע האָבן גערעדט, גערעדט אָן איבערררייס, אַבי זיך אַרויסצורייסן פֿון דער וואַכזאַמקייט, פֿאַרן טויט. קאַטאָוו — וועגן דער פֿאַרטיידיקונג פֿון פּונקט, קיאַ — וועגן דער תּפֿיסה, וועגן שמועס מיט קעניגן, וועגן די ידיעות, וואָס ער האָט שפּעטער דערהאַלטן; און נאָך איידער מען האָט אים צוגעטיילט צו די קרימינעלע, איז ער געוואויר געוואָרן, אַז מאַי איז נישט אַרעסטירט. קאַטאָוו איז געלעגן אויף אַ זייט, לעבן אים, דערזווייטערט

דורך זײַן לײַדן : דאָס מויל צעעפנט, די ליפּן אונטער דער שטיפּערישער נאָז געפּלאַצט, די װײַס אַראָפּגעהאָנגען איבער די אויגן, אָבער פאַרבונדן מיט אים דורך דער אוממיטלבאַרער, אויף גאָרנישט זיך שטיצנדיקער טיפער פרײַנטשאַפט, װאָס װערט אַרויסגערופן נאָר דורכן טויט ; דאָס לעבן, פאַראורטײלט צום טויט, איז אַרײַנגעװאָרפן געװאָרן צוזאַמען מיט זײַן לעבן אין דער פינסטערניש, װאָס האָט געװימלט מיט גרויל און די װאונדן פון די חברים ; אַלע זענען פאַרבראָדערט געװען אין דעם פײַערלעכן טריב פון דער רעװאָלוציע : יעדערער פון זײ האָט פאַרביסן געקעמפט אויפן װעג צום זעלבן רום און גרויסקײט, װאָס ער װעט בכוח זײַן פאַר זיך צו דערװערבן.

די װאַך האָט אַרײַנגעפירט דרײַ כינעזער. זײ זענען נישט צוגעטײלט געװאָרן נישט צו דער מחנה פאַרװאונדעטע, נישט צו קאַטאָװן. אַרעסטירט פאַרן קאַמף, אַרײַנגעװאָרפן דאָ צוליב אַ נישט דײַטלעכן אורטײל, האָבן זײ זיך געריכט, אַז מען װעט זײ דערשיסן.

— קאַטאָװ ! — האָט אײנער אַ רוף געטון

דאָס איז געװען לו-יו-שוען, העמעלריכס שותּף.

— איך הער.

— דו װײסט נישט צי מען דערשיסט װײַט פון דאַנען, צי נאָענט ?

— איך װײס נישט. אַלנפאַלס הערט מען נישט.

ס׳האָט זיך אָנגערופן אַ קול פון דער נאָענט :

— מען זאָגט, אַז נאָך דער עקזעקוציע רײַסן זײ אַרויס די גאָלדענע צײן.

אַ צװײטער :

— נישט דערלעבן װעלן זײ דאָס... בײַ מיר אין מויל װעלן זײ קײן גאָלדענעם צאָן נישט געפינען.

די דרײַ כינעזער האָבן גערײכערט פּאַפּיראָסן, עקשנותדיק פאַרצויגן.

— איר האָט שװעבעלעך ?

— מיר האָבן עטלעכע שעכטלעך.

— גיט אַהער איינס.

לו האָט אַוועקגעגעבן זיין שעכטעלע.

— איך וואָלט געוואָלט, עס זאָל עמעצער קאָנען זאָגן מיין זון, אַז איך בין מוטיק געגאַנגען צום טויט — האָט ער מיט אַ האַלב קול געזאָגט. און צוגעגעבן כמעט שעפּטשענדיק. — ס'איז נישט לייכט צו שטאַרבן.

קאַטאָוו האָט מיט טויבער פרייד אַ טראַכט געטון: קיין ווייב, קיין קינד.

מען האָט געעפנט די טיר.

— נעם איינעם! — האָט דער וואַך-זעלנער אויסגערופן.

די דריי מענטשן האָבן מיט די עלנבויגנס זיך צוגעדריקט איינער צום אַנדערן.

— אַ סוף! דעצידירט אייך...

ער האָט נישט געוואַגט אויסצוקלייבן. מיטאַמאָל האָט איינער פון די כינעזער געמאַכט אַ טריט פאָרויס, אַוועקגעוואָרפן דעם קוים פאַררייכערטן פּאַפּיראָס, פאַררייכערט אַ צווייטן, צעבערעכנדיק דערביי צוויי שוועבעלעך, און מיט אַ שנעלן טריט צוגעגאַנגען צו דער טיר, פאַרקנעפּלענדיק אין וועג אַלע קנעפּלעך פון דער מאַרינאַרקע. די טיר נאָך אים איז פאַרמאַכט געוואָרן.

איינער אַ פאַרוואונדעטער האָט צונויפגעקליבן די שטיקלעך שוועבעלעך. די חברים אַרום אים האָבן צעבראָכן לו-יו-שוענס שוועבעלעך און זיך געשפּילט אין גראָד-און-אום. עס זענען נישט אַריבער קיין פינף מינוט ווי די טיר האָט זיך ווידער געעפנט:

— דער צווייטער!

לו און זיין חבר זענען איינצייטיק צוגעגאַנגען, זיך האַלטנדיק ביי די הענט. לו האָט מעכאַניש רעציטירט אויפן קול אַ פראַגמענט פון אַ באַרימט שטיק, וואָס באַזינגט דעם טויט פון אַ העלד; אָבער די אַלטע כינעזישע געמיינזאַמקייט איז שוין לאַנג אויסגעוועפּט געוואָרן: עס האָט אים נישט קיינער געהערט.

— וועלכער? — האָט דער זעלנער געפרעגט.

מען האָט נישט געענטפערט.

— דאָס וועט קלאָר ווערן, וואָס?

ער האָט זיי צעטיילט מיט דער קאָלבע; לו איז געשטאַנען נעבן טער; ער האָט אים אָנגענומען בײַם אָרעם.

לו האָט אַ ריס געטון דעם אָרעם, איז דורכגעגאַנגען דורך דער טיר. דער חבר האָט זיך אומגעקערט און זיך אַוועקגעלייגט אויפֿן פֿריערדיקן אָרט.

קיִאָ האָט דערפֿילט, אַז דעם וועט זײַן שווערער צו שטאַרבן, ווי די פֿריערדיקע: ער איז געבליבן אַליין. אויך אַזוי מוטיק, ווי לו, — ער איז דאָך געגאַנגען מיט אים צוזאַמען — איז ער אַצינד געלעגן אויפֿן דיל אַן איינגעקוליעטער, מיט פֿאַרפֿלאָכטענע הענט, ווי איינער, וואָס בעט רחמנות. און, ווירקלעך, ווען דער וועכטער האָט זיך צוגערירט צו זײַן קערפּער, האָט ער אינגאַנצן אויסגעשוידערט. צוויי זעלנער האָבן אים אַ כאַפּ געטון, איינער בײַ די פֿיס, דער צווייטער בײַם קאָפּ, און אַרויסגעטראָגן.

אויסגעצויגן אויפֿן רוקן, מיט די הענט אויף דער ברוסט, האָט קיִאָ פֿאַרמאַכט די אויגן: אין אַזאַ פּאָזיציע ליגן טויטע. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ער ליגט אַזוי אויסגעצויגן, אומבאַוועגלעך, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, מיט אַן אויסדרוק פֿון מילדקייט אויפֿן טויטן פּנים, וואָס איז צוגעטיילט אויף איין טאָג כּמעט אַלע טויטע, ווי עס וואָלט ענדלעך זיך געדאַרפֿט אַנטפּלעקן די ווירדע אַפֿילו פֿון די צומיינסט דערנידעריקסטע. ער האָט שוין געזען דעם טויט אַ סך מאָל און, שעפּנדיק אויפֿהייטערונג פֿון זײַן יאַפּאַנישער דערציִונג, איז ער שטענדיק געווען אין דער מיינונג, אַז ס'איז שיין צו שטאַרבן מיט אַן אייגענעם טויט, אַ טויט, וואָס זאָל ענלעך זײַן צום אייגענעם לעבן. שטאַרבן איז אַ פּאַסיוויטעט, בלויז זעלבסטמאָרד איז טאַט. ווי נאָר זיי וועלן אָנהייבן קומען נאָך די טעראָריסטן, וועט ער זיך נעמען דאָס לעבן מיטן פֿולן באַוואוסטזײַן, ער האָט זיך דערמאַנט אָן די גראַמאָפֿאָן־פּליטן און דאָס האַרץ איז אין אים פֿאַרשטאָרבן געוואָרן. די צײַטן, ווען דאָס האָפֿן האָט געהאַט אַ זין! ער וועט שוין ניט זען מאַי, און די איינציקע ווייטיק, וואָס ער האָט ניט געקאָנט באַהערשן, איז

געווען דאָס אָפּשפּיגלען זיך פון זיין ווייטיק אין איר, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק מיט זיין טויט. אַ געוויסן, „וואָס לאָזט נישט שטאַרבן" — האָט ער געטראַכט מיט טרויעריקער איראָניע. ער האָט נישט געפילט קיין שום ענלעכס אין דער באַציִונג צום פאָטער, וועלכער האָט תמיד געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק נישט פון שוואַכקייט, נאָר פאַרקערט, פון שטאַרקייט. ס'איז אַריבער מער ווי אַ יאָר, זינט מאַי האָט אים באַפרייט פון איינזאַמקייט, פון יעדער ביטערקייט. דער רייץ פון דער ערשטער קערפּערלעכער פאַראייניקונג, די האַרבע, שאַרפע פרייד פון דערדאָזיקער באַהעלטעניש האָט אויפגעפלאַמט אין זיין זכרון, אַצינד, ווען ער האָט געטראַכט וועגן איר, שוין אָפּגעריסן פון לעבן... „זי דאַרף פאַרגעסן אָן מיר..." ווען ער וואָלט איר דאָס געשריבן אין אַ בריוו, וואָלט ער זי בלויז דערשלאָגן און נאָך שטאַרקער צוגעבונדן צו זיך. „דאָס איז פונקט, ווי איך וואָלט איר געזאָגט, זי זאָל דאָרט ליב קריגן אַ צווייטן". אָ, תפיסה, די צייט האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, — ערגעץ אַנדערש לויפט זי אַלץ ווייטער... ניין! ווי עס זאָל נישט זיין דער גורל פון דער רעוואָלוציע, וואו עס זאָל נישט פאָרקומען איר ווידערגעבורט, — דאָ, אין דעם זאַל, אָפּגעצוימט פון דער וועלט דורך קוילנוואַרפער, האָט זי באַקומען איר לעצטן טויט-קלאַפּ; אומעטום, וואו נאָר מענטשן אַרבעטן אין פיין און דערנידערונג, וואו זיי אַרבעטן אין זינלאָזיקייט, האָט מען געטראַכט וועגן די פאַראורטיילטע, פונקט ווי עס טוען-תפילה גלויביקע מענטשן; און אין דער שעה פון טויט האָט די שטאָט זיי אָנגעהויבן ליב האָבן, ווי זיי וואָלטן שוין געהאַט געשטאָרבן... אויפן גאַנצן שטח ערד, וואָס איז אַצינד באַדעקט געווען מיט נאַכט, האָט דער געווימל פון קרעכצן געאָטעמט מיטן פולסטן אויסדרוק פון מענטלעכער ליבע. כאָרכלען צוזאַמען מיט דער גרופּע, אויסגעלייגטע איינער לעבן אַנדערן, זיך באַהעפטן אַזש ביז רחמנותדיקן געפליסטער מיט דעם קרבנווייליקן ליידן... און דאָס גערויש, נישט צוטריטלעך פאַר זייערע אויערן, האָט פיינלעך אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט: פונקט ווי העמעלריך, האָבן כמעט די אַלע מענטשן

געהאַט קינדער. צוזאַמען מיטן שטאַמלען פון די פאַרוואונדעטע האָט איבער זייערע קעפּ זיך אויפגעהויבן אַ גערנווילי̈ק אָנערקענטער פאַטאַליזם, איינגעהילט אין מאַיעסטעט פון דעם טרויער־ליד זייבע פאַרמאַכטע אויגן, זיינע געקרייצטע הענט איבערן אויסגעשטרעקטן קערפּער. ער האָט געקעמפט פאַר עמעצן, וואָס וועט נעמען אויף זיינע אַקסלען די גרעסטע משא פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און האָפענונג; ער איז געשטאָרבן צווישן מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט לעבן; געשטאָרבן ווי יעדער איינער פון די מענטשן, צונויפגעלייגטע אין זייער הילפלאָזיקייט, ווייל ער האָט צוגעגעבן אַ זין זיין לעבן. וואָס וואָלט ווערט געווען אַ לעבן, פאַר וועלכן ער וואָלט נישט גרייט געווען צו שטאַרבן? ס'איז לייכט צו שטאַרבן, ווען מען שטאַרבט נישט אַליין. אַ טויט, דורכגעדרונגען מיט ברידערלעכן פיבער, אַ געמיינזאַמער טויט פון באַזיגטע, אין וועלכע די מאַסן אָנערקענען זייערע קדושים, אַ בלוטנדיקע לעגענדע, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין גאָלדענע לעגענדעס! ווי אַזוי־זשע האָט ער געקאָנט, זיך שוין געפינענדיק אין שאָטן פון טויט, נישט הערן דעם געפליסטער, פון מענטשלעכער קרבנוויליקייט, דעם געפליסטער, וואָס האָט געשריגן, אַז דאָס מוטיקע מענטשלעכע האַרץ וועט אויף אייביק באַהאַלטן אין זיך דעם אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע, וואָס איז ווירדיקער פון די גייסטיקע פאַרשפּרעכונגען?

ער האָט געעפנט דעם שנאָל פון פאַסיק און געהאַלטן דעם ציאַנעק אין דער האַנט. ער פלעגט אָפט טראַכטן, צי ער וועט שטאַרבן מיט אַ לייכטן טויט. ער האָט געוואוסט, אַז וואָס ער וועט באַשטימען, דאָס וועט ער אויספירן; אָבער אויך געוואוסט, מיט וואָסער גיהנומדיקער גלייכגילטיקייט דאָס לעבן דעמאַסקירט זיך, און מיט געוויסער אומרו געטראַכט וועגן מאָמענט, ווען דער טויט וועט אויף אייביק אויספרעסן דעם מאַרך פון זיינע געדאַנקען.

ניין, דער אַקט פון טויט האָט זיך געקאָנט פאַרוואַנדלען אין דערהייבונג, אין העכסטן אויסדרוק פון דורכגעגאַנגענעם

לעבן, — טויט און לעבן פון זעלבן קוואַל; און דאָס האָט געהייסן אַנטרינען פון די זעלנער, וואָס האָבן זיך דערנענטערט. ער האָט צעקוועטשט דעם ציִאַנעק צווישן די ציין ווי אויף אַ באַפּעל, נאָך געהערט, ווי קאַטאָוו פרעגט אַן אויפגערעגטער וועגן עפּעס, דערפילט, ווי ער רירט אים אָן, און אין מאָמענט, ווען ער האָט — פאַרלירנדיק דעם אָטעם — אים געוואָלט אָננעמען ביים אָרעם, האָט ער דערפילט, אַז עס פאַרלאָזן אים אַלע כּוחות, אַז זיי ווערן פאַרכאַפּט פון אַלמעכטיקער קאָנוואולסיי

די זעלנער האָבן אויסגעקליבן פון דער גרופּע צוויי אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. אַפּנים די, וואָס האָבן געזאָלט פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט, זענען באַהאַנדלט געוואָרן מיט באַזונדערער, כאָטש נישט זייער גרויסער ערע: זיי זענען ביידע איבערגעטראָגן געוואָרן אויף איין טראַגע, איינער אויפן אַנדערן, און אַוועקגעוואָרפן געוואָרן ביי דער וואַנט לינקס פון קאַטאָוון; דער שוין טויטער קיִאָ איז געלעגן ביי זיין רעכטער האַנט. די זעלנער האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דער לאַמטער אויפן ליידיקן אָרט, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון די פאַראורטיילטע אויף אַ געוויינטלעכן טויט. די פנימער און בליקן זענען ביסלעכווייז פאַרשוואומען געוואָרן אין דער פינסטערניש, זעלטן בלויז אויפגעטויכט אין דעם ליכט, וואָס האָט אָפּגעגרענעצט אין דער טיף פון זאַל דאָס אָרט פון די פאַראורטיילטע.

נאָך קיִאָס טויט, וועלכער האָט נאָך געאָטעמט אפשר אַ מינוט, האָט קאַטאָוו זיך דערפילט איינזאַם, און דאָס האָט געווירקט אויף אים נאָך פיינלעכער און שמערצלעכער דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַרומגערינגלט פון די חברים. ס'איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן דער כינעזער, וואָס האָט זיך געטרייסלט אין נערוועזן אַטאַק, ווען מען האָט מים איט געוואַלט געשלעפּט צום טויט. און דאָך האָט ער אין דער פולשטענדיקער איינזאַמקייט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער רוט זיך אָפּ, ווי ער וואָלט געוואַרט

אויף דעם אַ סך יאָרן. ער האָט ערגעץ געלייענט: „כ'האָב נישט מקנא געווען די דערפינדער פאַר זייערע דערפינדונגען, נאָר פאַר זייערע ליידן, און בלויז דאָס איינע האָט מיך געלאָקט אין זיי...״ ווי אַלס ענטפער אויף זיין געדאַנק האָט אַ ווייטער פייף צום דריטן מאָל דערגרייכט אַזש ביזן זאַל אַריין.ביידע פאַרוואונדעטע, וואָס זענען געלעגן ביי זיין לינקער האַנט, האָבן אויפגעשוידערט; זייער יונג האָבן אויסגעזעען די כינעזער; אין איינעם האָט ער דערקענט סועגען, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין פאַרטיידיקן דעם פונקט; דעם צווייטן האָט ער נישט געקענט (דאָס איז נישט געווען פעי) פאַרוואָס זענען זיי נישט געלעגן מיט יענע?

— דאָס אָרגאַניזירן די שטורעם־אָפטיילונגען? — האָט ער געפרעגט.

— דער אַטענטאַט אויף טשאַן־קיי־שעקן.

— מיט טשענען?

— ניין. טשען האָט געוואָלט וואַרפן די באָמבע אַליין, אָן קיינעמס הילף. טשאַנג איז נישט געווען אין אויטאָ. איך האָב געוואַרט אויפן אויטאָ אַ סך ווייטער. איך בין גענומען געוואָרן מיט אַ באָמבע.

מען האָט אים געענטפערט מיט אַזאַ פאַרשטיקט קול, אַז קאַטאָוו האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די פנימער: די יונגע כינעזער האָבן געוויינט, נישט שלוכצנדיק. „קיין ווערטער ווען דאָ נישט העלפן״, האָט קאַטאָוו אַ קלער געטון. סוען האָט געוואָלט אַ ריר־טון מיטן אַרעם, דאָס פנים האָט זיך אים פאַרקרומט פון ווייטיק, — ער איז אויך פאַרוואונדעט געווען אין אַקסל.

— פאַרברענט ווערן — האָט ער געזאָגט, — פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט. אויך די אויגן, די אויגן, פאַרשטייסט...

אַצינד האָט דער חבר זיינער אָנגעהויבן שלוכצן.

— מען קאָן פאַרברענט ווערן אין אַן אומגליקלעכן צופאַל — האָט קאַטאָוו געזאָגט.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי רעדן נישט צווישן זיך, נאָר צו עפּעס אַ דריטער — אומגעזעענער פּערזאָן.

— דאָס איז נישט דאָס אייגענע.

— ניין: דאָס איז נישט אַזוי גוט.

— די אויגן אויך, — האָט שעפּטשענדיק געזאָגט דאָס יינגל — די אויגן אויך... יעדער פינגער באַזונדער, און דער בויך, דער בויך.

— שווייַג! — האָט דער צווייטער טויב זיך אָנגערופן.

ער האָט געוואָלט אַרויסשרייען, נאָר נישט געהאַט קיין כוח. ער האָט פאַרדריקט די האַנט אויף סוּענס אַקסל, לעבן זיינע וואונדן, אַזוי אַז זיינע מוסקולן האָבן זיך צונויפגעשרומפּן.

„די מענטשלעכע ווירדע", האָט קאַטאָוו אַ שעפּטשע־געטון, טראַכטנדיק וועגן קיִאָס שמועס מיט קעניגן. קיינער פון די פאַראורטיילטע האָט זיך שוין נישט אָנגערופן. נאָך דער לאַמטער, אין דער שוין נישט דורכדרינגלעכער פינסטערניש — דאָס כסדר־דיקע מירמלען פון די פאַרוואונדעטע... ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו סוּענען און זיין חבר. איין וועכטער האָט עפּעס דערציילט דעם צווייטן; די פאַרוואונדעטע האָט מען אָפּגעטיילט פון דער לאַמטער; די פאַרוואונדעטע האָבן נישט געזען זייערע פנימער. נישט געקוקט אויף דעם מירמלען, אַרומגערינגלט פון די מענטשן, וואָס האָבן געקעמפט פונקט ווי ער, איז קאַטאָוו דאָך געווען אַליין און איינזאַם צווישן קערפּער פון זיין געשטאָרבענעם פריינט און די צוויי איבערגעשראָקענע חברים, אַליין צווישן דער מויער און דעם פאַרלוירענעם פייפן אין דער נאַכט. אָבער דער מענטש קאָן אַנטוויקלען אין זיך אַ מאַכט, וואָס זאָל איבערשטייגן די איינזאַמקייט און אפילו דאָס בעסטיאַלישע פייפן. ענדלעך:

— פּססס... סוּען... לייג אַרויף די האַנט אויף מיין ברוסט, נעם זי צוריק נאָכדעם, ווי איך וועל זי באַרירן: איך וועל אייך געבן מיין ציִאַנעק. ס'וועט אַבסאָלוט קלעקן נאָר פאַר צוויי.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלץ, חוץ פון די עטלעכע ווערטער, אַז עס וועט קלעקן בלויז פאַר צוויי. אָנשפּאַרנדיק זי אויף אַ זייט, האָט ער איבערגעבראָכן דעם ציאַנעק. די וועכטער האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט מיט אַ בלייכן אָרעאָל; צי וועלן זיי זיך נישט אַ באַוועג-טון? ער וועט אַזוי אויך נישט זען; קאַטאָוו האָט געגעבן די מתנה, דער טייערער פון לעבן — אַפילו נישט די קערפּערס, אַפילו נישט די שטימען, נאָר דער וואַרימער האַנט, וואָס איז געלעגן אויף זיין ברוסט. די האַנט האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט ווי אַ חיה, שנעל זיך אָפּגעריסן פון דער ברוסט. ער האָט געוואַרט, געשפּאַנט ווי אַ בויגן, און פלוצלינג דערהערט:

אומזיסט. ס׳איז אַראָפּגעפאַלן.

דאָס קול האָט אַנגסטלעך אַ קלונג געטון, ווי אַזאַ ענדגילטיקע, אַזאַ טראַגישע קאַטאַסטראָפע וואָלט גאָרנישט מעגלעך געווען און אַלץ וועט ערשט אויפגעקלערט ווערן. קאַטאָוון איז דאָס אויך געווען אומפאַרשטענדלעך. אַן אומגעהעמטער צאָרן האָט אויפגעפלאַמט אין אים, אָבער דער צאָרן האָט גלייך זיך געלאָשן צוליב דער אומבאַגרייפלעכקייט פון דער זאַך. געבן, כדי דער שוטה זאָל פאַרלירן!

— וואו?

— דאָ, ביי מיין זייט. איך האָב נישט געקאָנט דערהאַלטן, ווען סוען האָט מיר דערלאַנגט: מיין האַנט איז אויך פאַרוואונדעט.

— ער האָט אַראָפּגעלאָזט ביידע — האָט סוען געזאָגט.

זיי האָבן מסתמא געזוכט אויפן דיל צווישן זיך, דערנאָך צווישן קאַטאָוון און סוענען; יענער האָט כמעט געמוזט ליגן אויף סוענען, וויל כאָטש קאַטאָוו האָט גאָרנישט געקאָנט זען, האָט ער געפילט לעבן זיך אַ מאַסע פון צוויי קערפּערס. ער אַליין האָט אויך געזוכט, באַמיענדיק זיך גובר צו זיין די דענערווירונג, באַוועגנדיק די אויסגעשפּרייטע האַנט צען צענטימעטער אַרויף, צען צענטימעטער אַראָפּ, אומעטום, וואו נאָר זי האָט געקאָנט גרייכן.

עס האָבן זי געגלעט די הענט פון די אַנדערע. און פלוצלינג האָט איינער פון זיי זי אָנגענומען, אַ דריק־געטון, נישט אַרויסגעלאָזט.

— אויב מיר וועלן אַפילו גאָרנישט געפינען...

קאַטאָוו האָט צוריק אַ דריק געטון די האַנט. ער איז געווען נאָענט פון טרערן, דורכגענומען פון דעם ברודערלעכן געפיל, וואָס איז אים אין די פינסטערניש געשענקט געוואָרן פאַר דער אין זיין לעבן גרעסטער און אַפנים בחינם אויסגעבערענגטער מתנה. סוען האָט נאָך אַלץ געזוכט, אָבער זייערע הענט האָבן זיך נישט אָפּגעריסן. פלוצלינג איז דאָס דריקן איבערגעגאַנגען אין אַ קראַמף.

— ס'איז דאָ.

אומקער צום לעבן !... און אפשר ?

— צי ביסטו זיכער, אַז דאָס זענען נישט קיין שטיינדלעך ? — האָט דער צווייטער געפרעגט.

— אַ סך שטיקלעך טינק זענען געלעגן אויפן דיל.

— ווייז ! — האָט קאַטאָוו געזאָגט.

ער האָט מיט די שפּיצן פינגער אויסגעפּרוווט זייער געשטאַלט.

ער האָט זיי אומגעקערט — אומגעקערט — נאָך שטאַרקער אַ דריק־געטון די האַנט, וואָס האָט געזוכט זיין האַנט, און געוואַרט, ציטערנדיק מיטן אָרעם, קלאַפּנדיק מיט די ציין. „דער ציאַנעק זאָל זיך נאָר נישט צעפאַלן". די האַנט, וועלכע ער האָט געהאַלטן, האָט אים פלוצלינג אַ דריי געטון זיין האַנט; און ווי ער וואָלט זיך פאַרשטענדיקט דורך איר מיט אַ פאַרלוירענעם קערפּער אין דער פינסטערניש, האָט ער דערפילט, אַז דער קערפּער האָט זיך אויסגעשטרעקט אין דער לענג. ער האָט מיט קנאה געהערט זיין כאָרכלען. כמעט אין זעלבן מאָמענט דער צווייטער : אַ פאַרשטיקט געשריי, אויף וועלכן קיינער האָט קיין אַכט נישט געלייגט. און דערנאָך אַ שטילקייט.

קאַטאָוו האָט זיך דערפילט פאַרלאָזט. ער האָט זיך איבער־

געדרייט אויפֿן בויך און געוואַרט. דאָס ציטערן פֿון די אָרעמס האָט נישט אויפֿגעהערט.

ביינאַכט איז צוריקגעקומען דער אָפֿיציר. קלינגענדיק מיטן געווער, זענען זעקס זעלנער צוגעגאַנגען צו די פּאַראָרטיילטע. אַלע אַרעסטאַנטן האָבן אויפֿגעוואַכט. די צווייטע לאַמטער האָט נישט שטאַרקער געמאַכט די באַלייכטונג; זי האָט פֿון דער פֿינסטערניש אַרויסגעפּאַנגען אומדייטלעכע לענגלעכדיקע געשטאַלטן — שוין מיט ערד פֿאַרשיטע קברים — און אַ פֿינקלען פֿון אויגן. קאַטאָוו איז געלונגען אויפֿצוהייבן זיך פֿון דיל. דער אונטער־אָפֿיציר, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיט דער עסקאָרטע, האָט אָנגענומען קיִאָ ביים אָרעם, דערפֿילט, אַז ער איז שטייף, שנעל אַ כאַפּ געטון סוענס אָרעם; דער אָרעם איז אויך שטייף געווען. אַ געמירמל איז אַדורך צווישן די אַרעסטאַנטן, פֿון די ערשטע ביז די לעצטע רייען. דער אונטער־אָפֿיציר האָט אונטערגעהויבן אַ פֿוס פֿון איין, כינעזער, דערנאָך פֿון אַ צווייטן: זיי זענען שטייף אַראָפּגעפֿאַלן. ער האָט צוגערופֿן דעם אָפֿיציר. דער אָפֿיציר האָט געזען דאָס אייגענע. דער געמירמל פֿון די אַרעסטאַנטן איז געוואַקסן. דער אָפֿיציר האָט אַ קוק געטון אויף קאַטאָוון:

— זיי זענען טויט?

צוואָס ענטפֿערן?

— איזאָלירן די נאָענטסטע זעקס אַרעסטאַנטן!

— דאָס איז איבעריק — האָט קאַטאָוו געענטפֿערט, — דאָס האָב איך זיי געגעבן ציאַנעק.

דער אָפֿיציר האָט זיך אַ קווענקל געטון:

— און איר?

— עס האָט געקלעקט בלויז פֿאַר צוויי — האָט ער מיט טיפֿער פֿריידיקייט געענטפֿערט.

„איך וועל קריגן מיט אַ קאָלבע איבערן קאָפּ“, איז אים דורכגעלאָפֿן אין רעיון.

דער געמירמל צווישן די אַרעסטאַנטן איז אַריבער כמעט אין אַ געוויש.

— נאָך מיר — האָט דער אָפיציר בלויז אַ זאָג געטון.

קאַטאָוו האָט געדענקט, אַז ער איז שוין אַמאָל פֿאַראורטיילט געווען צום טויט, אַז ער האָט שוין געזען אָנגעשטעלטע קוילנוואַרפֿערס קעגן זיך, אַז ער האָט געהערט שאָסן... „ווען מיר וועלן אַרויסקומען, וועל איך פּרוּוון דערשטיקן איינעם; כ׳וועל אַזוי לאַנג צונויפֿדריקן די הענט, ביז זיי וועלן גענייט זיין מיך צו דערהרגענען. זיי וועלן מיך פֿאַרברענען, אָבער נאָכן טויט". אין זעלבן מאָמענט האָט איינער פֿון די זעלנער אים אַרומגעכאַפּט אין גאַרטל, אַ צווייטער האָט אים אַרונטערגעדרייט די הענט און זיי אָנגעהויבן בינדן. „זיי האָבן אַ גליק, די ייִנגלעך — האָט ער אַ טראַכט געטון. — לאָמיר גיין! זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז איך קום אום אין אַ שׂרפֿה". ער האָט אָנגעהויבן זיך באַוועגן פֿאָרויס. נישט געקוקט אויפֿן קרעכצן פֿון די פֿאַרוואונדעטע, האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שטילקייט איז אַראָפּגעפֿאַלן ווי אַ דעק. די לאַמטער האָט געוואָרפֿן אויף די גרויסע נאַכטיקע פֿענסטער קאַטאָווס שאָטן, וואָס איז געווען שוואַרצער, ווי פֿריער אויף דער ווייסער וואַנט; ער איז געגאַנגען מיט אַ שווערן טריט, נאָכשלעפּנדיק די פֿיס, די צעווייטיקטע פֿון וואונדן; ווען ער האָט אַ וואַקלדיקער זיך ווידער דערנענטערט צו דער לאַמטער, האָט דער קאָנטור פֿון זיין קאָפּ זיך צעקרוימט איבערן געוועלב. אין דער טיפֿקייט פֿון זאַל האָט פֿולסירט דאָס לעבן, די בליקן האָבן אים באַגלייט טריט ביי־טריט. ס׳איז אַריינגעטרעטן אַזאַ טיפֿע שטילקייט, אַז דער דיל האָט זיך יעדעס מאָל אָנגערופֿן, ווען ער האָט אַ שטעל געטון איבער אים זיין שווערן טריט; די קעפּ האָבן זיך צוגעשאָקלט צום ריטם פֿון זיינע טריט, מיט ליבשאַפֿט, מיט שרעק, מיט רעזיגנאַציע, ווי נישט געקוקט אויף דער ענלעכקייט פֿון זייערע באַוועגונגען, וואָלט יעדער זיך אַנטפּלעקט אין טאַקט פֿון זיין גאַנג. זיי זענען פֿאַרשטיינערט געבליבן מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ: די טיר נאָך אים האָט זיך פֿאַרמאַכט.

אַ טיף אָטעמען פון צענדליקער ברוסטן, ווי דאָס אָטעמען אין שלאָף, האָט אָנגעהויבן אויפשטייגן פון דיל: אָטעמענדיק דורך דער נאָז, מיט צונויפגעוואַקסענע קין-באַקן פון שרעק, האָבן די אַלע, וואָס האָבן נאָך געלעבט, אַצינד אומבאַוועגלעך געוואַרט אויפן טייך.

צומאָרגנס,

שוין פינף מינוט האָט גיסאָרס געקוקט אויף זיין ליולקע. פאַר אים — דאָס אָנגעצונדענע לעמפל, אָפענע שעכטל אָפּיום, אָפּגערייניקטע נאָדלען. אין די פענסטער — די נאַכט; און צימער — דאָס ליכט פון קליינעם לעמפל און דער גרויסער, העלער פירעק ביי דער אָפענער טיר פון שכנותדיקן צימער, אין וועלכן ס׳איז אַוועקגעלייגט געוואָרן קיאָס טויטער קערפער. דעם אַמאָליקן פאַרוויילונגס-זאַל האָט מען אויסגעליידיקט פאַר נייע פאַראורטיילטע, קיינער איז נישט געווען קעגן צונעמען די טויטע, וואָס זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן הויף. קאַטאָווס קערפער האָט מען נישט געפונען. מאַי האָט איבערגעפירט קיאָס טויטן קערפער פאָרזיכטיק, ווי זי וואָלט געפירט דעם קערפער פון אַ שווער פאַרוואונדעטן. ער איז דאָרט געלעגן אויסגעצויגן, נישט ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן טויט — מיט אַ מילדן אויסדרוק אויפן פנים, נאָר אין קראַמף פון דערשטיקונג, שוין נישט ענלעך צו קיין מענטש. מאַי האָט צוגעגרייט דעם טויטן קערפער צו דער לוויה, איבערחזרנדיק אין געדאַנק פאַר דעם פנים, וואָס זי האָט אַצינד באַטראַכט צום לעצטן מאָל, די שרעקלעכע מוטערלעכע ווערטער, וועלכע זי האָט נישט געוואַגט אַרויסצוברענגען, ווייל ס׳איז איר אַליין שרעקלעך געווען זיי צו הערן. „געליבטער מיינער", האָט זי געשעפטשעט, אָבער דאָס האָט געקלונגען ווי „לייב מיינס", און זי האָט געוואוסט, אַז מען האָט איר נישט אויסגעריסן עפּעס

פרעמדס, נאָר אירס אַן אייגענע טייל: „לעבן מיינס...״ זי האָט זיך דערמאַנט, אַז זי רעדט צו אַ טויטן. אָבער זי איז שוין לאַנג ווייט געווען פון טרערן.

יעדע ווייטיק איז אַבסורדאַל, אויב זי העלפט נישט קיינעם, האָט גיסאָרס געטראַכט אונטערן היפּנאָז פון זיין לעמפּל, דעם פאַרבאָרגענעם דאָ, ווי אין אַ טעמפּל. „דאָ איז די טרייסט. די טרייסט״. אָבער ער האָט נישט געוואַגט אויסצושטרעקן די האַנט. ער האָט זיך נישט גערעכנט מיטן ערנסט פון קיין שום איבערלעבונגען, נישט געהאַט קיין רעספּעקט פאַר געשטאָרבענע, אָבער דאָך נישט געוואַגט אויסצושטרעקן די האַנט.

זי איז צוגעגאַנגען צו אים. די ליפּן, — שלאַבעריקע און געפּלאַצטע פון צער, דער בליק אַ פאַרנעפּלטער... זי האָט לייכט באַרירט מיט די פינגער זיין האַנט...

— גיי דאָרט אַריין — האָט זי געזאָגט אומרויִק, מיט אַ שטיל קול. — מיר דאַכט זיך, אַז ער איז אַ ביסל וואַרימער געוואָרן...

ער האָט זיך פאַרטיפט אין די אויגן פון דעם אַזוי מענטשלעכן, אַזוי צער־פולן, אָבער נישט פאַרווירטן פנים. זי האָט געקוקט אויף אים, און איר בליק האָט נישט אַ ציטער געטון, מיט אַ טונקעלער אָפּשיין פון האָפענונג, בעטנדיק. די ווירקונג פון סם איז קיינמאָל נישט קיין זיכערע; און זי איז דאָך געווען אַ דאָקטאָרין. ער איז אויפגעשטאַנען, איר נאָכגעגאַנגען, נישט צולאָזנדיק די האָפענונג, וואָס איז אַזוי עקשנותדיק צוגעשטאַנען, אַז ווען ער וואָלט זיך פאַרלאָזט אויף איר, וואָלט ער שפּעטער נישט איבערגעלעבט איר אַנטוישונג. ער האָט באַרירט דעם בלויִלעכן שטערן פון זיין זון, דעם שטערן, אויף וועלכן עס וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט באַווייזן קיין קנייטשן: ער איז געווען קאַלט, — עס האָט געיאָגט פון אים די קעלט פון טויט. ער האָט נישט געוואַגט אַוועקצונעמען די פינגער, אַ קוק טון מאַ! אין די

אויגן אַריין און געשטאַנען אַזוי, קוקנדיק אויף קיאָס אָפענער האַנט, וואָס אירע שטריכן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויפלייזן.

— ניין — האָט ער געזאָגט און ווידער אַריין אין דערשלאָגנ־קייט. ער האָט פאַרבראַכט אַזוי אַ גאַנצע שעה. ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט נישט געגלייבט, וואָס מאַי האָט געזאָגט.

— דאָס איז שלעכט... — האָט זי פשוט געענטפערט.

זי האָט אים נאָכגעקוקט, ווי ער האָט זיך אומגעקערט אין שכנותדיקן צימער אַריין. וועגן וואָס האָט ער געטראַכט? כּל־זמן קיאָ איז דאָ געלעגן, האָט איטלעכער געדאַנק געדאַרפט געהערן בלויז אים. דער טויט האָט געפאָדערט פון איר עפעס אַן ענטפער. זי האָט נישט געוואוסט וואָסערן, אָבער אַן ענטפער איז זיכער געווען. אָ, אַנדערע האָבן געהאַט אַ לייכטער מיטל, זיי האָבן גע־האַט תפילות, טרויער־בלומען! אַן ענטפער, אַ ווייטער פון דערדאָזיקער צער־פולער אימה, וואָס האָט אַרויסגערופן אין איר די מוטערלעכע צערטלעכקייט, פון וועלכער ס׳האָט נאָך קיין שום קינד נישט גענאָסן; אַ ווייטער פון דעם גרויליקן יאָמער, אין וועלכן מען דריקט זיך אויס צו געשטאָרבענע אין די רירנדסטע מאָמענטן פון לעבן. דאָס מויל, וואָס האָט נעכטן צו איר גע־זאָגט: „ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דו לעבסט נישט מער", וועט שוין קיינמאָל נישט רעדן; נישט מיטן שפּאָטישן רעשטל פון לעבן, נישט מיטן קערפּער, נאָר מיטן טויט איז אַצינד געבליבן זיך צו פאַרברידערן. זי איז געשטאַנען דאָ אומבאַוועגלעך, אַרויסרופנדיק אין זכּרון אַזוי פיל טויטן באַטראַכטע מיט רעזיגנאַציע, אַ פּאַסיוו־קאָנצענטרירטע איבער דער פּרוכטלאָזער דעראָבערונג, וועלכע זי האָט אַצינד אַ פאַרביטערטע איבערגעגעבן דער אייביקייט.

גיסאָרס האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער סאָפע. „און דערנאָך וועל איך מוזן אויפוואַכן..." ווי לאַנג נאָך וועט אים יעדער פרימאָרגן אויפסניי מיט דעם טויט באַגריסן? די ליולקע איז געלעגן גרייט: די טרייסט. ס׳איז גענוג אויסצושטרעקן די האַנט, נעמען אַ פּיל; עס וועט נישט אַריבער קיין פערטל שעה,

און ער וועט טראַכטן אַפילו וועגן טויט מיט אומגעהייערער לייטזעליקייט, ווי וועגן אַן אומבאַהאָלפענעם פּאַראַליטיקער, וואָס האָט זיך פאַרנומען אים שלעכטס צו טון; ער וועט נישט בכוח זיין אים צו דערגרייכן, פאַרלירן יעדע דראָונג, און ער וועט מילד זיך דורכגליטשן איבער דער גליקזעליקער אַלוועלט. די אויסלייזונג איז געווען נאָענט, האָט זיך געפינען לעבן אים. מען קאָן די טויטע גאָרנישט העלפן. צוואָס-זשע נאָך ליידן? צי קאָן מען מיט ווייטיק פאַרגיטיקן די ליבע?... ער האָט נאָך אַלץ נישט געוואַגט זיך צוצורירן צו דער טאַץ, דער אומרו האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַלז נאָך יעדן רעפלעקס און דערשטיקטן ספּאַזם. ער האָט גענומען די ערשטע בעסטע בראָשור, וואָס איז אים געקומען אונטער דער האַנט. (ער האָט קיינמאָל זיך נישט צוגערירט צום זונס ביכער, אָבער געוואוסט, אַז די בראָשור וועט קיאָ שוין נישט לייענען). דאָס איז געווען אַ נומער פון פּעקינער פּאָליטישן איבערזיכט; ער האָט זיך דאָ אַהער פאַרוואַלגערט בשעתן איבערטראָגן דעם טויטן קערפּער. ער האָט אַנטהאַלטן די רעדע, צוליב וועלכער גיסאָרס איז דערווייטערט געוואָרן פון דער קאַטעדרע. אויפן מאַרגינעס האָט קיאָ צוגעשריבן: „דאָס איז מיין פּאָטערס רעדע". ער האָט אים אפילו קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז ער איז מסכים מיט די ווערטער. גיסאָררס האָט מילד פאַרמאַכט די בראָשור און אַ קוק-געטון אויפן חורבן פון זיין האָפענונג.

ער האָט געעפנט די טיר, אַרויסגעוואָרפן דעם אָפּיום אין דער נאַכט אַריין און זיך אַוועקגעזעצט מיט אַראָפּגעלאָזטע אָרעמס, וואַרטנדיק אויפן פרימאָרגן, וואַרטנדיק, ביז זיין ווייטיק וועט פון זיך אַליין זיך איינשטילן... כאָטש זיינע ליפּן זענען פון צער שלאַבעריק געוואָרן און די שטריכן פון זיין שטרענג פנים זענען פאַר-

שטייפט געוואָרן אין פאַרגליווערונג, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך געהאַט די קאָנטראָל איבער זיך. די נאַכט האָט זיין לעבן זיך איבערגעבראָכן: נישט קיין גרויסע באַדייטונג האָט די מאַכט פון געדאַנק קעגן דער ענדערונג, צו וועלכער עס קאָן ברענגען אַ מענטש דאָס צונויפטרעפן זיך מיטן טויט. פון איצט אָן איז ער געבליבן בלויז מיט זיך אַליין. די וועלט האָט פאַרלוירן איר זין, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן: די אַנטגילטיקע פאַסיוויטעט, דאָ, ביי דער זייט פון קערפער, וואָס האָט אים ביז אַצינד פאַרבונדן מיט דער וועלט, איז געווען ווי דער זעלבסטמאָרד פון אַ גאָט. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז דער זון וועט זיגן, נישט דערוואַרט אפילו קיין גליק; אָבער אַז די וועלט זאָל זיין אָן קיאָ... „עס האָט מיך אַרויסגעשליידערט אויסער דער גרענעץ פון דער צייט"; ווער עס האָט אַ קינד, דער געהערט דער צייט, דער גייט מיטן לויף פון דער צייט; אוודאי האָט טיף, אויפן סאַמע גרונט, געטליעט אַ האָפענונג, אַזוי שטאַרק ווי דער אומרו, אַ האָפענונג אָן אַ זין, אַ דערוואַרטונג, און ס'איז נייטיק געווען, אַז דער אָביעקט פון זיין ליבע זאָל פאַרניכטעט ווערן, אַז ער זאָל דאָס אין זיך אַנטדעקן. און פונדעסטוועגן! ער האָט גערן אויפגענומען אַלץ, וואָס האָט געהאַט אין זיך דעם כוח פון פאַרניכטונג: „עס איז דאָ עפעס שיינס אין אַ געשטאָרבענעם מענטש", האָט ער אַ קלער געטון. ער האָט געפילט ווי עס ציטערט אין אים, אין זיינע טיפסטע טיפענישן, אַ קאַרדינאַל ליידן, נישט דאָס ליידן, וואָס עס פאַרשאַפן מענטשן און אומשטענדן, — נאָר אַן אַנדערס, וואָס זיצט טיף אין מענטש גופא, פון וועלכן דאָס לעבן באַמיט זיך אונז אָפצוררייסן; ער האָט געקאָנט אַנטלויפן פון פון דעם ליידן, אָבער בלויז דעמאָלט, ווען ער וואָלט אויפגעהערט דערפון צו טראַכטן; און ער האָט זיך אַלץ שטאַרקער

פאַרטיפט, ווי זיין פאָרשערישע פאַרוואונדערונג וואָלט גערעדט מיט דער איינציקער שטים, וואָס האָט געגרייכט איבער דער גרענעץ פון טויט, ווי דאָס ליידן, מיט וועלכן ער האָט אָנגעטרונקען זיין האַרץ אַזש ביז איבער די ברעגן — ליידנדיק, וואָס ער איז אַ מענטש, — וואָלט געווען די איינציקע תפילה, וואָס האָט געקאָנט דערגרייכן צום קערפּער פון זיין דערמאָרדעטן זון.

זיבעטע טייל

פאַריז, אין יולי.

פאָכענדיק זיך מיט דער צייטונג, וואָס אויף אירע שפּאַלטן איז דאָס קאָנסאָרציום געוואַלטיק אַטאַקירט געוואָרן, איז פּעראַל דער לעצטער אַריינגעגאַנגען אין וואַרט-צימער פון פינאַנס-מיניסטער; עס האָבן שוין געוואַרט, איינגעטיילט אין גרופּן: דער פאַרטרעטער פון דעם דעפּאַרטאַמענט-דירעקטאָר פון געלט-אומזאַץ, — פּעראַלס ברודער איז די פאַרגאַנגענע וואָך לפנים קראַנק געוואָרן, — ז׳ער פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער מלוכה-באַנק, די פאָרשטייער פון דער הויפּט-באַנק פאַר אינוועסטיץ און פון די קרעדיט-אינסטיטוציעס. פּעראַל האָט געקענט אַלע: ס׳איז געווען צווישן זיי איין זון, איין איידעם, די רעשט — אַמאָליקע באַאַמטע פון דער קאָנטראָל-קאַמער, אָדער פון דעפּאַרטאַמענט פון געלט-אומזאַץ; די פאַרבינדונגען צווישן דער מלוכה און די באַנק-הייזער זענען געווען צו נאָענטע, אַז די פינאַנסיסטן זאָלן אויסמיידן צוצוציִען די באַאַמטע, וואָס זייערע באַזוכן וועלן דורך די אַמאָליקע קאָלעגן תמיד גערן אויפגענומען ווערן. פּעראַל האָט באַמערקט די פאַרוואונדערונג פון די הערן: געוויינטלעך האָט ער געדאַרפט קומען פאַר זיי; נישט טרעפנדיק אים אין וואַרט-צימער, האָבן זיי געמיינט, אַז ער איז נישט איינגעלאַדן געוואָרן. אַצינד האָט זיי פאַרוואונדערט דאָס, וואָס ער האָט זיך דערלויבט צו קומען דער לעצטער. עס האָט זיי דערוויטערט פון אים אַלץ: סיי דאָס, וואָס ער

האָט געטראַכט וועגן זיי, סיי דאָס וואָס זיי האָבן געטראַכט וועגן אים, און אויך די פאַרשידענע קליידונג: כמעט אַלע זענען געווען אָנגעטון נאַכלעסיק, דורכשניטלעך, און פעראַל האָט געטראָגן אַ געשפּריצטן גאַרניטור און אַ גרוי זיידן העמד מיט אַ ווייכן קאָל־נער, וואָס האָט געשטאַמט פון שאַנכיי. צוויי ראַסן.

מען האָט זיי נישט געלאָזט וואַרטן און גלייך אַריינגעפירט.

דער מיניסטער האָט אויסגעזען צווישן זיי ווי אַ מענטש פון אַן אַנדערער עפּאָכע. אפשר האָבן גורם געווען צו דעם זיינע גרויע האָר, די געדיכטע, ווי אַ פּערוק פון דער רעגענץ־צייט. זיין סובטעל פּנים מיט די לויטערע אויגן, זיין לאָקנדיקער שמייכל — אַן אַלטער כיטרער פּאַרלאַמענטאַריער — האָט געשטימט מיט דער אַלגעמיינער מיינונג וועגן זיין העפלעכקייט, איינצייטיק מיט דער מיינונג וועגן זיין אַראָגאַנץ, אין וועלכער ער פלעגט צוליב קאַפּריז אַריינפאַלן. בשעת אַלע האָבן פאַרנומען זייערע ערטער, האָט פעראַל זיך דערמאַנט אָן אַ פּאָפּולערן אַנעקדאָט: דער מיניסטער, קלאָרער גערעדט: דער מיניסטער פאַר אויסערלעכע ענינים, שלעפט ביי דער פאָלע פון סורדוט דעם פראַנצויזישן קאָנסול אין מאַראָקאָ, און ווען די נאָנט פון סורדוט פּלאַצט אים אויפן רוקן, קלינגט ער: „אַריינברענגען פאַרן הער איינעם פון מיינע סור־דוטן!" ווי נאָר אָבער דער דינער פאַרשווינדט הינטער דער טיר, קלינגט ער ווידער: „דעם געמיינסטן! ער איז נישט ווערט קיין בעסערן!" ער וואָלט געהאַט זייער אַ סימפּאַטיש פּנים, ווען דער בליק וואָלט נישט אָפּגעווענדט דאָס, וואָס דאָס מויל האָט צוגע־זאָגט: צופעליק פאַרוואונדעט, האָט ער געהאַט איין אויג אַ גלע־זערנס.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט: דער פאָרשטייער פון דעפּאַרטאַ־מענט פאַר געלט־אומזאַץ אין דער רעכטער זייט פון מיניסטער, פעראַל — אין דער לינקער; די איבעריקע פאָרשטייער — אין דער טיף פון קאַבינעט אויף דער סאָפע.

· די הערן ווייסן — האָט דער מיניסטער געזאָגט — צוליב

וואָס איך האָב זיי דאָ אויסער איינגעלאָדן. מסתמא האָבן די הערן זיך באַקענט מיט דעם ענין. איך לאָז איבער פאַר דעם הער פעראַל די אָנשטרענגונג גרינטלעך צו רעזומירן און פאָרברענגען פאַר די הערן זיין מיינונג.

די פאַרזאַמלטע האָבן גערולדיק אָפּגעוואַרט דעם ספּעקטאַקל פון שקרים, וואָס וועט, ווי געוויינטלעך, זיך דאָ אָפּשפּילן.

— מיינע הערן — האָט פעראַל אָנגעהויבן, — אויף פאַרזאַמלונגען פון דעם מין, ווי די איצטיקע, איז געוואָרן אַ מנהג פאָרצושטעלן אָפּטימיסטישע בילאַנסן. די הערן האָבן פאַר זיך דעם באַריכט פון דער קאָנטראָל-קאַמער. נעמענדיק די זאַך פּראַקטיש, איז די סיטואַציע פון קאָנסאָרציום אַ סך אַן ערגערע, ווי מען וואָלט געקאָנט אַרויסדרינגען פון דעם באַריכט. איך ברענג נישט פאַר די הערן קיין אויפגעשרויפטע פּאָזיציעס, אויך נישט קיין אומזיכערע חובות. די הערן זענען אוודאי זייער גוט באַקאַנט מיטן פּאַסיוו פון קאָנסאָרציום; איך וואָלט געוואָלט ציִען די אויפמערקזאַמקייט אויף צוויי פּאָזיטיווע פונקטן, וואָס קאָנען נישט געברענגט ווערן צום אויסדרוק דורך קיין שום בילאַנס; צוליב דעם טאַקע וועגדן מיר זיך נאָך הילף צו די הערן.

„דער ערשטער פונקט — דאָס איז די געלעגנהייט, וואָס דאָס קאָנסאָרציום שטעלט מיט זיך פאָר דאָס איינציקע פון דעם מין פראַנצויזישע ווערק אויפן ווייטן מזרח. אַפילו אַ דעפיציט, אַפילו די דראָונג פון באַנקראָט, באַשווערט נישט די סטרוקטור פון דעמדאָזיקן ווערק. די נעץ פון געלט-אומזאַץ, מיט וועלכער דאָס קאָנסאָרציום איז אַרומגערינגלט, די קויף- און פאַרקויף-פונקטן אין צענטראַל-כינע, די איינגעשטעלטע פאַרבינדונג צווישן די כינעזישע אָפּנעמער און דער אינדאָ-כינעזישער פּראָדוקציע פון די געזעלשאַפטן, וואָס געהערן צום קאָנסאָרציום, — דאָס אַלץ עקזיסטירט און קאָן אויף ווייטער דערהאַלטן ווערן. עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז פאַר אַ העלפט פון סוחרטום אַרום דער טייך-אויסברייטערונג פון י אַ נ ג - ט ס ע איז

פראַנקרייך דאָס קאָנסאָרציום, ווי יאַפּאַן איז דער קאָנצערן פון מיטשובישי; די הערן ווייסן דאָך, אַז אין הינזיכט פון אויסשפרייטונג קאָן מען אונדזער אָרגאַניזאַציע פאַרגלייכן מיטן קאָנצערן פון סטאַנדאַרד-אויל. און די כינעזישע רעוואָלוציע וועט דאָך נישט אייביק געדויערן.

„דער צווייטער פונקט: אַ דאַנק די פאַרבינדונגען, וואָס פאַראייניקן דאָס קאָנסאָרציום מיט אַ גרויסן טייל פון כינעזישן האַנדל, האָב איך מיך שטאַרק צוגעטון, און מיט גרויס דערפאָלג, צום איבערנעמען די מאַכט דורך טשאַן-קיי-שעקן. עס איז אַצינד נישט קיין שום ספק, אַז די באַטייליקונג אין דער כינעזישער באַנבויאונג, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן פראַנקרייך אין טראַקטאַטן, וועט איבערגעגעבן ווערן אונזער קאָנסאָרציום. די הערן פאַרשטייען די וויכטיקייט פון דעמדאָזיקן פאַקטאָר. אויף דעם גרונט ווענד איך מיך צו די הערן וועגן הילף פאַרן קאָנסאָרציום; נעמענדיק אין אַכט דעם פאַקטאָר, דאַכט זיך מיר, אַז מיר זענען מחויב זיך צו ווינטשן אויפצוהאַלטן די איינציקע מעכטיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע רעפּרעזענטירט אונזער לאַנד אין אַזיע, אומאָפּהענגיק דערפון, צי דאָס קאָנסאָרציום וועט אויף ווייטער בלייבן אין די הענט פון זיינע גרינדער.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך פלייסיק אַריינגעלייענט אין בילאַנס, כאָטש זיי זענען שוין מיט אים באַקאַנט געווען פון ערגעץ אַנדערש, און דאָס פּאַפּיר האָט זיי קיין שום נייעס נישט געקאָנט אויפקלערן: איטלעכער האָט געוואַרט אויף די רייד פון מיניסטער.

— נישט בלויז דער מלוכה-אינטערעס — האָט דער מיניסטער געזאָגט, — נאָר אויך דער אינטערעס פון די באַנק-אינסטיטוציעס פאָדערט צו דערהאַלטן דעם קרעדיט. דאָס פאַלן פון אַזעלכע געהויבענע אָרגאַניזאַציעס, ווי די כינעזישע אינדוסטרי-באַנק, ווי דאָס קאָנסאָרציום, קאָן אונז פאַרשאַפן בלויז אומאָנגענעמלעכקייטן...

— איר וועט מיר דערלויבן, הער מיניסטער — האָט זיך

אָנגערופן דער פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער מלוכה-באַנק — פאָרצוברענגען אַ ביסל אַן אַנדערע מיינונג. איך בין דאָ דער איינציקער פאָרשטייער פון אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט נישט צו טאָן מיט קרעדיט, ממילא קאָן איך קוקן אויף דער זאַך אָביעקטיוו. אין משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים זענען די אַריינלייג-געלטער צוליב די קראַכן טאַקע קלענער געוואָרן, דאָס איז אמת, אָבער אין זעקס חדשים אַרום וועלן די אַרויסגעצויגענע קאַפּיטאַלן אויטאָמאַטיש זיך אומקערן, אומקערן קודם-כל אין די גרעסטע בענק אַריין, ווי אין די אינסטיטוציעס, וואָס גיבן די גרעסטע גאַראַנטיע. מעגלעך, אַז דאָס פאַלן פון קאָנסאָרציום וועט לגמרי נישט שאָדענען די אינסטיטוציעס, וואָס ווערן רעפּרעזענטירט דורך אייך, נאָר אדרבה, דאָס וועט זיי ברענגען נוצן...

— יאָ, אָבער דאָס שפּילן זיך מיט קרעדיט איז תמיד אַ לייכטזיניקע טאַקטיק: אויב פּוסטע פּראָווינציעלע בענק וועלן זיך איינברעכן, וועט דאָס נישט ברענגען קיין נוצן די הויפּט-אינסטיטוציעס, שוין נישט רעדנדיק וועגן די פאַראָרדענונגען פון דער רעגירונג, וואָס אַזאַ פאַקט וואָלט געמוזט אַרויסרופן.

פּוסטע מויל-מלאכה, האָט פערראַל אַ טראַכט געטון, די פראַנצויזישע מלוכה-באַנק האָט מורא זיך צו אַנגאַזשירן, זי זאָל נישט מוזן, אין פאַל פון עפּעס, צאָלן צוזאַמען מיט די בענק. אַ שווייגן. דער אָפּוואַרטנדיקער בליק פון מיניסטער האָט זיך צונויפגעטראָפן מיטן בליק פון עפּעס אַ פאָרשטייער: אַ פיזיאָנאָמיע פון אַ הוזאַרן-אָפיציר, דער בליק — עקשנותדיק, דאָס קול — שאַרף.

— להיפוך צו דעם, וואָס קומט געוויינטלעך פאָר אויף ענלעכע פאַרזאַמלונגען, מוז איך דערקלערן, אַז איך באַצי מיך צו דעם בילאַנס, וועלכער איז אונז פאָרגעלייגט געוואָרן, אַ סך אָפּטימיסטישער, ווי דער הער פערראַל. די לאַגע פון די בענק, וואָס זענען צונויפגרופּירט אין קאָנסאָרציום איז אַ פאַרצווייפלטע, דאָס איז אמת, אָבער אַ טייל געזעלשאַפטן קאָן מען דערהאַלטן אפילו אין דער ביז איצטיקער פאָרם.

— איך ווענד מיך צו די הערן וועגן שטיצן די גאַנצקייט פון דעם ווערק — האָט פעראַל געענטפערט. — אויב דאָס קאָנסאָרציום וועט צעפאַלן, וועלן די אינטערעסן פון דער צעקלאַפּטער גרופּע פאַרלירן יעדן ווערט פאַר פראַנקרייך.

— און מיין מיינונג איז, — האָט דערקלערט אַ פאָרשטייער מיט אַ קרענקלעך אײדל אויסזען — אַז דער הער פעראַל שאַצט צו אָפּטימיסטיש אָפּ די הויפּט-אַקטיוון פון קאָנסאָרציום. עס איז נאָך נישט אַרויסגעלאָזט געוואָרן קיין הלוואה.

ער האָט גערעדט, דעם בליק אָנגעשטעלט אויף דער לאַץ פון פעראַלס מאַרינאַרקע; פעראַל האָט, אַ פאַראינטריגירטער, נאָכגעפאָרשט דעם בליק און ענדלעך פאַרשטאַנען: בלויז ער אַליין האָט נישט געהאַט אין דער לאַץ קיין שום מעדאַל-אָפּצייכענונג. בכיוון. יענער איז געווען אַ קאָמאַנדאָר, האָט ער דעריבער פיינטלעך געקוקט אויף דעם פאַראַכטונגס-ווערטן לאַך-לעכל. פעראַל האָט בלויז געזאָרגט פאַר אָנערקענונג פון זיין מאַכט.

— דער הער ווייסט וואויל, אַז זי וועט אַרויסגעלאָזט ווערן — האָט ער געזאָגט, — אַרויסגעלאָזט ווערן און געדעקט ווערן. דאָס איז דער ענין פון די אַמעריקאַנער בענק, און נישט פון זייערע קליענטן; די קליענטן וועלן נעמען, וואָס עס וועט זיך לאָזן.

— זאָל זיין, אַז די הלוואה וועט געדעקט ווערן, אָבער ווער וועט אונז גאַראַנטירן, אַז דאָס בויען פון דער באַן וועט דערפירט ווערן ביז צום סוף?

— וואָס פאַר אַ פראַגע! — האָט פעראַל געזאָגט אַ ביסל פאַרוואונדערט (יענער האָט מסתמא זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט). — עס קאָן נישט זיין קיין רייד, אַז עפּעס אַן אָנזעעוודיקער קאַפּיטאַל זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דער כינעזישער רעגירונג. דאָס געלט וועט אַריבער אוממיטלבאַר פון די אַמעריקאַנישע בענק צו די אונטערנעמער, וואָס וועלן באַקומען די באַשטעלונג, דאָס איז זיכער. צי האַלט איר, אַז די אַמעריקאַ-

נער וואָלטן אין אַ צווייטן פֿאַל אַרויסגעלאָזט אַ הלוואה אויף זייער מאַרק?

—ווירקלעך. אָבער טשאַן־קיי־שעקן קאָן מען דערהרגענען, אָדער אַראָפּוואַרפֿן; אויב דער באָלשעוויזם וועט דאָרט אויפֿלעבן, וועלן די אַמעריקאַנער קיין הלוואה נישט אַרויסלאָזן. און איך גלייב נישט, אַז טשאַן־קיי־שעק זאָל זיך קאָנען דערהאַלטן ביי דער מאַכט. לויט אונזערע אינפֿאָרמאַציעס וועט ער אַ ליאַדע טאָג אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן.

— די קאָמוניסטן זענען אומעטום פֿאַרניכטעט — האָט פֿעראַל געענטפֿערט. — באָראָדין איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון האַן־קאָו און קערט זיך אום קיין מאָסקווע.

— די קאָמוניסטן יאָ, אָבער נישט דער קאָמוניזם. כינע וועט זיך שוין נישט אומקערן צו איר אַלטן שטאַנד, נאָך טשאַן־קיי־שעקס טריומפֿן קאָן מען זיך ריכטן אויף נייע קאָמוניסטישע אומרוען...

— איך בין פֿעסט איבערצייגט, אַז ער וועט זיך האַלטן ביי דער מאַכט לכל־הפּחות צען יאָר; איבעריקנס, ס׳איז נישטאָ קיין אונטערנעמונג אָן ריזיקע.

פֿאַרלאָזט אייך בלויז, האָט ער געטראַכט, אויף אייער אייגענער געוואַגטקייט, וועלכע גיט אייך קיינמאָל גאָרנישט. אויך טערקיי, וואָס האָט אייך נישט אַריינגעבראַנגט קיין איין גראָשן, האָט געקויפֿט בלויז פֿאַר אייער געלט האַרמאַטן אויף דער מלחמה. איר וועט אויף אייגענער האַנט נישט דורכפֿירן קיין איין גרויסן ענין. זאָל זיך נאָר פֿאַרענדיקן אייער שפּיל מיט דער רעגירונג, וועט איר באַלד אָננעמען אייער פּחדנות אַלס אויסדרוק פֿון קלוגשאַפֿט; עס דאַכט זיך אייך, אַז ס׳איז גענוג זיך אָפּצוהאַקן די הענט, כּדי זיך צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ מילאַנער ווענוס, אָבער דאָס איז אַ ביסל איבערגעכאַפּט...

— אויב טשאַן־קיי־שעק וועט בלייבן ביי דער מאַכט, —

האָט מיט אַ זיס קול געזאָגט אַ יונגער, קאַרבירטער פאָרשטייער — וועט כינע זיך דערשלאָגן צו אַ צאָל־אויטאָנאָמיע. ווען מיר זאָלן אפילו אָננעמען הער פעראַלס אַלע פאָרזעונגען, ווער וועט אונז פאַרזיכערן, אַז זיין ווערק אין כינע וועט נישט פאַרלירן יעדן ווערט אין יענעם טאָג, ווען די כינעזישע רעכט וועלן האָבן די מאַכט דאָס ווערק אונטערצוברענגען? איך ווייס, אַז מען קאָן פאַרשידן אויף דעם ענטפערן...

— פאַרשידן — האָט פעראַל באַשטעטיקט.

— עס האַנדלט זיך אין דעם — האָט דער פאָרשטייער מיט דער פיזיאָנאָמיע פון אַן אָפיציר געענטפערט — וואָס דאָס געשעפט איז נישט קיין זיכערס, און אויב מען זאָל אפילו אָננעמען, אַז עס איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום ריזיקע, פאָדערט עס פונדעסטוועגן אַ לאַנגטערמיניקן קרעדיט און, אויפריכטיק גערעדט, די פולשטענדיקע פאַראינטערעסירונג מיטן לויף פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע... מיר אַלע ווייסן, אַז הער זשערמען האָט שיער נישט דערפירט צו רואין דעם ליאָנער קרעדיט, ווייל ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די אַנילין־פאַרבן, וואָס זענען, אגב, איינס פון די בעסטע פראַנצויזישע געשעפטן. אונזער אויפגאַבע באַשטייט נישט אין באַטייליקן זיך אין די געשעפטן, נאָר אין באָרגן געלט מיט אַ גאַראַנטיע, אויף אַ קורצן טערמין. אויסער דעם געביט געהערט דאָס וואָרט נישט אונז, נאָר די אינדוסטריע־בענק.

ווידער אַ שווייגן. אַ לאַנג שווייגן.

פעראַל האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער מיניסטער אינטערווענירט נישט. אַלע, נישט אויסשליסנדיק אים אַליין, האָבן גערעדט מיט אַ קאָנווענציאָנעלער מליצהדיקער שפּראַך, ענלעך צום סטיל פון די אַזיאַטישע ריטואַלן: דאָס איז טאַקע געווען אַן עכט כינעזישער ענין. אַז די גאַראַנטיעס פון קאָנסאָרציום האָבן נישט געקאָנט זיין גענוגנד פאַר קיינעם, אין דעם איז נישט געווען קיין ספק: ווען עס וואָלט געווען אַנדערש, צוואָס־זשע וואָלטן

זיי זיך דאָ צונויפגעקומען? זינט דער מלחמה האָבן די היזקות
פון פראַנצויזישן קמצן, וועלכער האָט אויסגעקויפט די אַקציעס און
אָבליגאַציעס פון די האַנדלס־אונטערנעמונגען, וואָס זענען געשטיצט
געוואָרן דורך די גרויסע קרעדיט־אינסטיטוציעס און אינוועסטיציע־
בענק, אויסגעמאַכט ביי פערציק מיליאַרד — אומפאַרגלייכלעך מער,
ווי דער פראַנצויזישער טראַקטאַט. אַ שלעכט געשעפט האָט זיך
אונטערגעשיידט פון אַ גוטס מיט דעם, וואָס עס האָט זיך געפאָ־
דערט אַ גרעסערער לוין פאַר דער פאַרמיטלונג. פונדעסטוועגן
האָט מען דערביי פאַרלאַנגט, אַז דאָס שלעכטע געשעפט זאָל דער
באַנק פאָרגעלייגט ווערן דורך אַן א י י ג ע נ ע ם מ ע נ ט ש.
זיי וועלן נישט אויסלייגן קיין געלט, סיידן דער מיניסטער וועט
אָפיציעל אינטערווענירן, זיי וועלן נישט אויסלייגן, ווייל פעראַל
איז נישט זייערס קיין מענטש. ער איז אַן אומפאַרהייראַטער; זיי־
נע אַוואַנטורעס מיט פרויען זענען נישט קיין סוד פאַר קיינעם.
מען איז אים חושד, אַז ער רייכערט אָפיום. ער שעצט גרינג
דעם ערן־לעגיאָן. איז צו שטאָלץ פאַר אַ קאָנפאָרמיסט, אויך פאַר
אַ היפאָקריט. אַפנים, אַז שטאַרקע אינדיווידואַליטעט האָט זיך גע־
קאָנט אַנטוויקלען בלויז אויפן באָדן פון היפאָקריזיע. באָרדזשיאַ
איז נישט צופעליק געווען פויפסט... דאָס איז נישט פאָרגעקומען
אין סוף פון אַכצענטן יאָרהונדערט, ווען צווישן די צניעותדיק־
באַגייסטערטע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אַרומ־
געשפאַצירט גרויסע אינדיווידואַליסטן, נאָר אין דער רענעסאַנס־
עפּאָכע, אין דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, וואָס איז געווען
מער־ווייניק קריסטלעך.

— הער מיניסטער — האָט זיך אָנגערופן דער עלטסטער
קאָנסול, צעקייענדיק איינצייטיק די זילבן און וואָנסעלעך זיינע,
וואָס זענען געווען פונקט אַזוי גרוי ווי זיין געלאָקטע פריזור, — עס
איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר ווילן צוהעלפן דער
רעגירונג. וועגן דעם איז אַ שאָד אפילו אַ וואָרט צו פאַרלירן.
איר ווייסט דאָך.

ער האָט אַוועקגענומען דעם לאָרניאָן פון די אויגן און די

באַוועגונגען פון זיין האַנט מיט די צעשפּרייטע פינגער זענען ענלעך געוואָרן צו די באַוועגונגען פון אַ בלינדן.

— פונדעסטוועגן וואָלטן מיר געוואָלט וויסן, אין וואָסער מאָס אייגנטלעך! איך ווענד נישט אָפּ, אַז איטלעכער פון אונז וואָלט געקאָנט אויסלייגן צו פינף מיליאָן. מסכּים.

דער מיניסטער האָט אומבאַמערקט אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

— אָבער דאָס איז דאָך אַ טראָפּן אין ים, ווארים דאָס קאָנסאָרציום דאַרף דאָך אויסצאָלן לכל-הפּחות צוויי־הונדערט פופציק מיליאָן אַריינלייג־געלטער. אַלזאָ? אויב די רעגירונג האַלט, אַז אַזאַ גרויסער קראַך קאָן האָבן שלעכטע פאָלגן, דאַרף זי אַליין געפינען געהעריקע קוועלן; די פראַנצויזישע מלוכה-באַנק און די גענעראַל-רעגירונג פון אינדאָ-כינע וועלן זיין מער באַרופענע פאַקטאָרן צום ראַטעווען די פראַנצויזישע און אַנאַמישע געלט-אַריינלייגער, איידער מיר, ווייל מיר האָבן אונזערע אייגענע געלט-לאָקירער און אייגענע אַקציאָנערן. יעדער פון אונז טרעט דאָ אַרויס אין נאָמען פון זיין אינסטיטוציע...

(ס'איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, האָט פעראַל געטראַכט, ווען דער מיניסטער זאָל אָפן דערקלערן, אַז ער פאַרלאַנגט שטיצע פאַרן קאָנסאָרציום, וואָלטן פאַרשווינדן אי די געלט-לאָקירער, אי די אַקציאָנערן).

— ווער פון אונז קאָן פאַרזיכערן, אַז זיינע אַקציאָנערן וועלן אַפּראָבירן דעם קרעדיט, וואָס איז אויסשליסלעך באַשטימט אויף אונטערצוהאַלטן אַ וואַקלענדיקע אונטערנעמונג? וואָס עס זאָלן נישט זאָגן די אַקציאָנערן, הער מיניסטער, און נישט בלויז די אַקציאָנערן, — ווייסן מיר אויך זיכער, אַז מען מוז געזונט מאַכן דעם מאַרק, אַז די וואַקלהאַפטיקע אונטערנעמונגען דאַרפן אַרויסגעזעצט ווערן פון זאָטל, אַז ווער עס וועט זיי קינסטלעך אונטערהאַלטן, וועט טון אַ בערישע טובה סיי אַנדערע, סיי זיך. די קאָנקורענץ איז די נשמה פון פראַנצויזישן האַנדל; וואָסער נוצן

וועלן מיר פון איר האָבן, אויב מיר וועלן אויטאָמאַטיש אונטערהאַלטן די אונטערנעמונגען, וואָס זענען פאַרמשפּט אונטערצוגיין?

(ברידערל, האָט פערנאַל אַ טראַכט געטון, דאָס האָט דיין אינסטיטוציע דעם פאַרגאַנגענעם חודש געבעטן ביי דער רעגירונג צו העכערן דעם צאָל־טאַריף אויף *32* פּראָצענט; צוליב דער פאַרלייכטערונג, טאַקע, פון דער פרייער קאָנקורענץ).

— ...אַלזאָ? אונזער פאַך באַשטייט — אין לייען געלט מיט אַ גאַראַנטיע, ווי עס איז דאָ ריכטיק געזאָגט געוואָרן. וואָסער גאַראַנטיע עס פּראָפּאָנירט אונז דער הער פערנאַל... האָבן מיר געהערט פון זיין אייגן מויל. צי איז די רעגירונג מסכים צו ווערן דער פאַרטרעטער, צו געבן אונז די גאַראַנטיע, אויף וועלכער מיר וועלן צוטיילן דער אונטערנעמונג די קאַפּיטאַלן, וואָס זענען איר נייטיק? מיט איין וואָרט, צי אַפּעלירט די רעגירונג צו אונזער גוטווייליקייט אָדער פאָדערט זי — די רעגירינג, און נישט דער הער פערנאַל, — אַז מיר זאָלן פאַרלייכטערן דאָס פאַרפירן די קאַפּיטאַלן אויף אַ לענגערן צייט־אָפּשניט? אין ערשטן פאַל, זענען מיר, ווי תמיד, גרייט אויף קרבנווייליקייט, אָבער מיר מוזן זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון אונזערע אַקציאָנערן; אין צווייטן פאַל, וואָס־זשע פאַר אַ גאַראַנטיעס וועלן דאָס זיין?

הונדערטפאַך שיפּרירטע שפּראַך, האָט פערנאַל געטראַכט. ווען נישט דאָס, וואָס מיר שפּילן דאָ אַ קאָמעדיע, וואָלט דער מיניסטער געענטפערט: „דאָס וואָרט קרבנווייליקייט שמעקט מיט קאָמיזם. דעם מאַרך פון אייערע הכנסות ציט איר פון אייערע פאַרבינדונגען מיט דער מלוכה. איר לעבט פון פאַרמיטלונג, — אין דעם ליגט די דערהויבנקייט פון אייערע אינסטיטוציעס, — און נישט פון אַרבעט און נוצלעכקייט. די מלוכה האָט אייך דאָס יאָר געגעבן הונדערט מיליאָן; זי נעמט אייך צו צוואָנציק, לויבט־זשע דעם נאָמען פון דער מלוכה, און פּטור". אָבער עס דראָט אייך נישט קיין שום ענלעכס. — דער מיניסטער האָט אַרויסגענומען פון

ביוראָ־שיפלאָד אַ שעכטל פאַרשידן צוקערוואַרג און אַרומגעטיילט. איטלעכער האָט גענומען צו איין שטיק, בלויז פעראַל האָט זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט שוין געוואוסט, צוואָס די באַנק־דעלעגאַטן צילן: באַצאָלן, אויב ס'איז נישט מעגלעך אַרויסצוגיין פון דעם קאַבינעט, גאָרנישט צוזאָגנדיק דעם מיניסטער, אָבער באַצאָלן וואָס ווייניקער. וואָס שייך דעם מיניסטער... פעראַל האָט געוואַרט, איבערצייגט, אַז דער מיניסטער טראַכט אַצינד: „וואָס וואָלט געטון אויף מיין אָרט שואַסעל?״ וואָס וואָלט ער געטון: דער מיניסטער פלעגט זיך נעמען אַלס מוסטער די גרויסע מענער פון די קעניגלעכע צייטן נישט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער לערע פון ווילן, נאָר אין איינפּאַל, אָדער איראָניע.

— דער הער פאַרטרעטער פון דעפּאַרטאַמענט־דירעקטאָר פון געלט־אומזאַץ — האָט געזאָגט דער מיניסטער, פינטלענדיק איבערן טיש מיט זיין בלייפעדער — וועט אייך זאָגן דאָס זעלבע, וואָס איך, אַז איך קאָן אייך נישט געבן די גאַראַנטיעס אָן דער הסכמה פון פאַרלאַמענט. איך האָב אייך דאָ אַהער פאַרבעטן, ווייל דער ענין, וועלכן מיר באַטראַכטן, רירט אָן דעם פּרעסטיזש פון פראַנקרייך; צי האַלט איר, אַז איך וואָלט ריכטיק געהאַנדלט, ווען איך וואָלט אים אַרויסגעטראָגן אויף אַן עפנטלעכן פאָרום?

— אָן ספק, אָן ספק, אָבער איר וועט דערלויבן, הער מיניסטער.

אַ שווייגן; די פאָרשטייער, קייענדיק דאָס נאַשוואַרג, זענען פאַרזונקען אין טיפן נאָכטראַכטן; זיי האָבן נישט געוואַגט צו עפענען די מיילער. דער מיניסטער האָט דורכגעפירט זיין בליק אָן אַ שמייכל איבער אַלע קעפּ, נישט אויסמיידנדיק אויך פעראַלן, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיך זיין פּראָפיל מיטן גלעזערנעם אויג און אים באַטראַכט ווי אַ גרויסע ווייסע פּאַפּוגיי, אַן אומבאַוועגלעכע און אָנגעכמורעטע אינמיטן פון אַ פייגל־באַראַטונג.

— ווי איך זע אַלזאָ, מיינע הערן, — האָט דער מיניסטער

געזאָגט — הערשט אין דער הינזיכט אַן אַלגעמיינע הסכמה. ווי אַזוי מיר זאָלן נישט אַ קוק טון אויף דעם ענין, וועלן מיר קומען צום באַשלוס, אַז די לאָקירטע געלטער מוזן אויסגעצאָלט ווערן. די גענעראַל־רעגירונג פון אינדאָ־כינע וועט זיך באַטייליקן אין דער שטיצע פאַרן קאָנסאָרציום מיט איין פינפטל. וואָסער טייל קאָנען די הערן דעקן?

אַצינד האָט יעדער געזוכט באַשיצונג אין דעם נאַשוואַרג. „אַ קליינע צעשטרייאונג, האָט פעראַל אין געדאַנק זיך געזאָגט. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַ צעשטרייאונג; אָבער דער רעזולטאַט איז נישט אָפּהענגיק פון דעם נאַשוואַרג...” ער האָט געוואוסט די וויכטיקייט פון אַרגומענט, וועלכן דער מיניסטער האָט פאָרגע־ברענגט. דאָס האָט זיין ברודער געענטפערט די, וואָס האָבן זיך באַמיט וועגן פאַרלייכטערונגען אין זיין אָפּטיילונג, אָן אַ באַשלוס פון פאַרלאַמענט: „פאַרוואָס־זשע זאָל איך דערנאָך באַלד נישט געבן צוויי־הונדערט מיליאָן מיין פריינדין?”

אַ שווייגן. נאָך אַ לענגערס ווי פריער. די פאָרשטייער האָבן זיך געשושקעט.

— הער מיניסטער — האָט פעראַל געזאָגט, — אויב די ביז אַצינד געזוכטע אונטערנעמונגען פון קאָנסאָרציום וועלן, ווי ס'איז, איבערגענומען ווערן, אויב די לאָקירטע געלטער מוזן לכל־הדעות אויסגעצאָלט ווערן, צי איז נישט גלייכער זיך צו ווינטשן אַ שטאַר־קערע אָנשטרענגונג, כדי צו דערהאַלטן די גאַנצקייט פון קאָנ־סאָרציום? צי האָט די עקזיסטענץ פון אַזאַ ברייטער פראַנצויזישער אָרגאַניזאַציע נישט אַזאַ דערהויבן אָנזען אין די אויגן פון דער רעגירונג, ווי דער גורל פון עטלעכע הונדערט מיליאָן לאָקירטע באַנק־געלטער?

— פינף מיליאָן, מיינע הערן, שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין וויכטיקע סומע — האָט דער מיניסטער געזאָגט. — צי דאַרף איך נאָך אויף אַ קלאָרערן אופן אַפּעלירן צו דער איבערגעגעבנקייט, אין וועלכער די הערן האָבן מיך מיט אַזוי פיל פלייס פאַרזיכערט?

איך ווייס, ווי שטאַרק די באַנק-פּאַרוואַלטונגען זענען פאַראינטערעסירט אויסצומיידן די קאָנטראָל פו דער רעגירונג. צי זעען די הערן נישט פאָר, אַז נאָכן דורכפאַל פון אַזאַ אונטערנעמונג, ווי דאָס קאָנסאָרציום, וועט די עפנטלעכע מיינונג פאָדערן אַזאַ קאָנטראָל? און די פאָדערונג וועט זיין אַן עקשנותדיקע, שווער צום אָפּוואַרפן.

אַלץ מער כינעזישע הינטערוועגלעך, האָט פערנאַל געטראַכט. דאָס איז בלויז דער טייטש: „פּראָפּאָנירט מיר נישט די קאָמישע פינף מיליאָן". אַ קאָנטראָל איבער די בענק איז אַן אַבסורדאַלע דראָונג אין מויל פון אַ רעגירונגס-פאָרשטייער, וואָס פירט פּונקט אַ פאַרקערטע פּאָליטיק. און דער מיניסטער יאָגט זיך נישט שטאַרקער נאָך אַזעלכע צוגן, ווי אָט דער באַנק-פאָרשטייער מיטן טריומף פון דער האַוואַס-אַגענטור אין דער האַנט — צו אַ פּרעסע-קאַמפּאַניע קעגן מיניסטער. די רעגירונג קאָן נישט ערנסטער שאַטן די בענק, ווי די בענק — די רעגירונג. אַלץ איז ביי זיי בשותפותדיק: דאָס פּערסאָנאַל, דער אינטערעס, די פּסיכאָלאָגיע. דאָס איז אַ קאַמף צווישן די אָנפירער פון דער באַדינונג פון דער זעלבער אונטערנעמונג, אַ דאַנק וועלכן אייגנטלעך די אונטערנעמונג גייט. גייט שלעכט. ווי אַמאָל אין אַ ס ט אָ ר, האָט אים אויך אַצינד בלויז געראַטעוועט די נויטווענדיקייט צו מאַסקירן זיין שוואַכקייט און כעס. אָבער ער איז שוין געווען אַ געשלאָגענער: ער האָט געמוזט אָננעמען פאַרן ריכטיקסטן זיין הכנסה-וואַלאָר און קיין זאַך האָט אים נישט געקאָנט פאַרגיטיקן פאַר דעם פאַקט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אין אַן אומווירדיקער סיטואַציע קעגן די מענטשן, וואָס זיי גופא און זייערע מעטאָדן זענען אים דערווידער געווען. ער איז געווען שוואַכער פון זיי, דעריבער וועט אַלץ, וועגן וואָס ער וועט נישט טראַכטן, זיך אויסלאָזן מיט גאָרנישט.

— הער מיניסטער — האָט דער עלטסטער דעלעגאַט געזאָגט, — מיר גאַרן נאָכאַמאָל אויסצודריקן דער רעגירונג אונזער בעסטן ווילן, נאָר אויב מיר האָבן נישט קיין גאַראַנטיעס, קאָנען

מיר נישט צוליב אונזערע אַקציאָנערן פאַרזיכערן קיין בשותפות־דיקן קרעדיט העכער פון דער סומע, וואָס איז נייטיק אויסצוצאָלן די אַריינגעלייגטע געלטער פון קאָנסאָרציום און וואָס ווערט אונז גאַראַנטירט מיטן איבערנעמען דורך אונז די געזונטע אונטערנעמונגען פון דער גרופּע. גאָט איז אונזער עדות, אַז מיר יאָגן זיך לגמרי נישט נאָך דעם, אַז מיר טוען עס בלויז צוליבן העכסטן אינטערעס פון דער מלוכה...

אַ פּאַטענטירטער נודניק — האָט פּעראַל געטראַכט, — אַ בעלפער, וואָס האָט אין רו־צושטאַנד זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלינדן עדיפּ. און די אַלע צעהושטע קעלבער, און פראַנקרייך אַליין ווענדט זיך נאָך אַן עצה צו די אָנפירער פון אירע אַגענטורן, און די מלוכה האָט זיי געגעבן אויף פאַרפאַלן צו ווערן איר קאַפּיטאַל, ווען מען האָט געדאַרפט בויען סטראַטעגישע באַנען אין רוסלאַנד, אין פּוילן, אויפן צפון־פּאָל! זינט דער מלחמה האָט די בראָש פאַר ערן־בענדער, וואָס האָט אַצינד געלויכטן איבער דער סאָפע, געקאָסט דעם פראַנצויזישן אָפּשפּאָרער, רעכענענדיק בלויז, וואָס זי האָט גענומען פון די רעגירונגס־קוועלן, אַכצן מיליאַרד. ער האָט זיך דאָס אַליין פאַרדינט; ווי ער פלעגט זאָגן מיט צען יאָר צוריק: „ווער עס זוכט וואו צו לאָקירן זיין קאַפּיטאַל און ווענדט זיך נאָך אַן עצה צו אַזעלכן, וועלכן ער קען נישט גוט, מוז פולשטענדיק רויִנירט ווערן”. אַכצן מיליאַרד. נישט רעדנדיק שוין וועגן די פערציק מיליאַרד, וואָס זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין האַנדל. און וועגן מיר.

— דער הער דאַמיראַל? — האָט דער מיניסטער געפרעגט.

— איך קאָן בלויז מסכּים זיין, הער מיניסטער, מיט די ווערטער פון מיין פאָררעדנער. ווי דער הער מאָרעל, וואָלט איך אויך אָן דער געהעריקער גאַראַנטיע נישט געקאָנט אַנגאַזשירן די אינסטיטוציע, וועלכע איך רעפּרעזענטיר. איך וואָלט איגנאָרירט די פּרינציפּן און טראַדיציעס, אַ דאַנק וועלכע די אינסטיטוציע ווערט מיט רעכט געהאַלטן אַלס איינע פון די מעכטיקסטע

אין אייראָפּע. איך בין אָפּט אויסגעשטעלט אויף אָנפאַלן צוליב דידאָזיקע פּרינציפּן און טראַדיציעס, אָבער אין אמתן האָבן מיר בלויז זיי צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר קאָנען איילן מיט הילף פאַר דער רעגירונג, ווען זי רופט אונז נאָר, — ווי מיט פינף יאָר צוריק, ווי אַצינד, ווי זי וועט אונז מאָרגן רופן. צוליב דער אָפּטקייט פון דעמדאָזיקן רופן, הער מיניסטער, צוליב אונזער אומוואַקלהאַפטער גרייטקייט צו זיין געהאָרכזאַם, מוז איך פאַרלאַנגען גאַראַנטיעס, ווייל אונזערע פּרינציפּן און טראַדיציעס פאָדערן פון אונז זיי צו געבן אונזערע דעפּאָנענטן, און נאָר אַ דאַנק דידאָזיקע גאַראַנטיעס, — וועל איך מיר דערלויבן, הער מיניסטער, אייך דאָס צו זאָגן אָפן, — שטעלן מיר זיך צו אייער דיספּאָזיציע. מיר וועלן מסתמא קאָנען אויסלייגן צוואָנציק מיליאָן.

די פאָרשטייער האָבן מיט פאַרוואונדערונג זיך איבערגעקוקט: די לאָקירטע געלטער וועלן אויסגעצאָלט ווערן. אַצינד האָט פּעראַל שוין פאַרשטאַנען צוואָס דער מיניסטער האָט געצילט: ער האָט געוואָלט געבן זיין ברודער אַ פאַרגיטיקונג, נישט אַנגאַזשירנדיק זיך אַליין; דערפירן צום אויסצאָלן די פאַרפליכטונגען, דערפירן צו דעם, אַז די בענק זאָלן אויסלייגן, אָבער וואָס וויכּציקער; אַז ער זאָל קאָנען רעדאַגירן אַ געהעריקן קאָמוניקאַט. דאָס דינגעניש האָט זיך געצויגן ווייטער. דאָס קאָנסאָרציום וועט אויפגעלייזט ווערן; אָבער וואָס אַרט דאָס ווען, אויב די לאָקאַטעס וועלן אויסגעצאָלט ווערן. די בענק וועלן באַקומען די פאַרלאַנגטע גאַראַנטיע (זיי וועלן טאַקע היזק האָבן, אָבער נישט קיין סך). עס וועלן דערהאַלטן ווערן עטלעכע אונטערנעמונגען, ווי דאָס אייגנטום פון די בענק, און וואָס שייך דעם איבעריקן... אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן אין שאַנכיי, איז אַצינד זיך צעקראָכן אין נישטיקייט. ער וואָלט בעסער זיך געוואונטשן צו זען, ווי זיין ווערק לעבט אין פרעמדע הענט, צוגערויבט, אָדער צוגעגנבעט. אָבער דער מיניסטער איז פאַרבלענדט געווען פון שרעק פאַרן פאַרלאַמענט; ער וועט היינט אויף קיינעם קיין סורדוט נישט צערייסן. פּעראַל אויף זיין אָרט וואָלט אָנגעהויבן פון אַרויסזעצן

פעראַלן פון געזונט געמאַכטן קאָנסאָרציום, וואָס ער וואָלט דער־נאָך פאַר יעדן פּרייז באַקומען. וואָס שייך די בענק, האָט ער תמיד געהאַלטן, אַז זיי זענען אומהיילבאַר קמצניש. ער האָט מיט שטאָלץ זיך דערמאַנט די ווערטער, וואָס זענען אויף זיין אַדרעס געזאָגט געוואָרן דורך איינעם פון זיינע קעגנער: „ער וואָלט גע־וואָלט, אַז די באַנק זאָל כסדר זיין אַ שפּיל־הויז".

אין נאָענטער שכנות פון קאַבינעט האָט זיך צעקלונ־גען דער טעלעפאָן. ס'איז אַריינגעקומען דער סעקרעטאַר.

— ביטע, הער מיניסטער, דער הער פּרעמיער איז ביים פאַרטרויאונגס־טעלעפאָן.

— איר וועט זאָגן, אַז אַלץ אָרדנט זיך גוט איין... ניין, איך וועל אַליין צוגיין.

ער איז אַרויסגעגאַנגען, אין אַ ווײַלע אַרום זיך אומגע־קערט, אָפּוואַרטנדיק אַ קוק געטון אויפן פאָרשטייער פון דער הויפּט־באַנק פאַר אינוועסטיץ, דער איינציקער אין דעם כאַראַק־טער פון צווישן די אינסטיטוציעס, וואָס זענען דאָ רעפּרעזענטירט געוואָרן. שטעכעדיקע וואָנסעס, פּאַראַלעל צום בינאָקל, אַ שטיקל ליכטנדיקער פליך, אַן אויסדרוק פון מידקייט. ביז איצט האָט ער נישט אַרויסגעברענגט קיין וואָרט.

— דער ענין פון דערהאַלטן דאָס קאָנסאָרציום אינטערעסירט אונז לגמרי נישט — האָט ער פאַמעלעך געזאָגט. — דעם אָנטייל אין דער בויאונג פון דער באַן האָט פראַנקרייך זיך פאַרזיכערט דורך די טראַקטאַטן. אויב דאָס קאָנסאָרציום וועט צעפּירט ווערן, וועט אויפשטיין, אָדער זיך אַנטוויקלען אַן אַנדערע געזעלשאַפט און נעמען נאָך איר ירושה...

— די נייע געזעלשאַפט — האָט פעראַל געזאָגט — אָנשטאָט צו אינדוסטריאַליזירן אינדאָכינע, וועט טיילן דיווידענדע. און ווייל זי וועט מיט גאָרנישט האָבן געהאָלפן טשאַן־קיי־שעקן, וועט זי זיך געפינען אין אַזאַ לאַגע, ווי איר, מיינע הערן, וואָלט זיך דאָ געפינען, ווען איר וואָלט גאָרנישט געהאַט געטון פאַר דער מלוכה;

און די ערשטע בעסטע אַמעריקאַנישע, אָדער בריטישע געזעל־שאַפט וועט, אונטער אַ פראַנצויזישן פּאַראַוואַן, אויסמיידן די טראַקטאַטן; דאָס וועט זיכער אַזוי זיין. און איר וועט זיי באָרגן דאָס געלט, וואָס איר זאָגט מיר אָפּ. מיר האָבן געשאַפן דאָס קאָנ־סאָרציום, ווייל די פראַנצויזישע בענק האָבן אין אַזיע, אויפן גע־ביט פון גאַראַנטיע, געפירט אַזאַ פּאָליטיק, אַז זיי האָבן סוף־כל־געבאָרגט די אַנגלאָסאַסן, אַבי נישט צו באָרגן די כינעזער. מיר האָבן געפירט אַ ריזיקאַלע פּאָליטיק, דאָס איז, דאַכט זיך...

— איך האָב נישט געוואַגט דאָס צו זאָגן.

— ... קלאָר. פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן טראָגן די קאָנ־סעקווענצן. די אָפּשפּאָרונגען פון די רענטיערן וועלן אָפּגעהיטן ווערן (ער האָט אַ שמייכל געטון בלויז מיט איין ווינקל מויל) אַזש ביז אַכטאונפופציק מיליאַרד היזקות, נאָר נישט ביז אַכטאונפופציק מיליאַרד און עטלעכע הונדערט מיליאָן. באַטראַכט־זשע, מיינע הערן, אויב איר האָט חשק, אויף וואָסער אופן דאָס קאָנסאָרציום וועט פאַרשווינדן פון דער ערד־אויבערפלאַך.

קאַבע.

מאַי, צו אָרים צו נעמען אַ ריקשע*), איז אין אַ ליכטיקן פרילינגס־טאָג צופוס געגאַנגען אין דער ריכטונג פון קאַמאַס הויז. אויב גיסאָרס האָט אַ סך באַגאַזש, וועט מען מוזן באָרגן אַ ביסל געלט ביים אַלטן מאָלער, כדי אים איבערצופירן אויף דער שיף אַרויף. אַרויספאָרנדיק פון שאַנכיי, האָט איר גיסאָרס געזאָגט, אַז ער וועט זיך אָפּשטעלן בא קאַמאַ; נאָכן אָנקומען קיין קאָבע, האָט ער איר איבערגעשיקט זיין אַדרעס. און פון דעמאָלט אָן האָט ער געשוויגן. אפילו דעמאָלט, ווען זי האָט אים צו וויסן געטון, אַז ער איז

*) אַ האַנט־וועגעלע.

באַשטימט געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר אין מאָסקווע אין אינסטיטוט אויפן נאָמען פון סון־יאַט־סען. ער האָט מורא געהאַט פאַר דער יאַפּאַנער פּאָליציי?

זי האָט אויפן וועג געלייענט דעם בריוו, וואָס זי האָט פון מאָסקווע דערהאַלטן פון פּעי; מען האָט איר איבערגעגעבן דעם בריוו, ווען זי האָט נאָכן אָנקומען פון דער שיף קיין קאָבע, גענומען די פּאַס־וויזע.

„... און אַלע, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן פון שאַנכיי, וואַרטן אויף אייך. איך האָב דערהאַלטן די בראָשורן...”

ער האָט פאַרענטלעכט צוויי דערציילונגען וועגן טשענס טויט, איינע, וואָס האָט אילוסטרירט זיין געדאַנק: „דאָס דערמאָרדן אַ דיקטאַטאָר איז אַ פּועל־יוצא פון דעם פליכט־געפיל פון יחיד לגבי זיך אַליין, מען דאַרף דעריבער אָפּטיילן די טאַט פון דער פּאָליטישער אַקציע, וואָס ווערט דעטערמינירט דורך די קאָלעקטיווע כוחות”; די צווייטע פאַר די טראַדיציאָנאַליסטן: „די פליכט פון זון — אונזער חוב לגבי די אבות — באַוועגט אונז צו אַן איידעלער לעבן און פאָדערט אויך פון יעדן, צו דערהרגענען אַן אוזורפּאַטאָר”... די געהיימע דרוקערייען האָבן שוין אַרויסגעלאָזט איבערדרוקן פון דידאָזיקע בראָשורן.

„... איך האָב מיך נעכטן געזען מיט העמעלריכן; ער דערמאַנט אייך כסדר. ער איז אַ מאָנטער אין אַ פאַבריק פון עלעקטרישע מאָטאָרן. ער האָט מיר נעכטן געזאָגט: „אַמאָל האָב איך אָנגעהויבן צו לעבן, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער פאַבריק; אַצינד הייב איך אָן צו לעבן, ווען איך גיי אַהין אַריין. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַרבעט איך, וויסנדיק נאָך וואָס, און נישט וואַרטנדיק געדולדיק, ביז מיר וועט אויסקומען צו פּגרן...” זאָגט גיסאָרסן, אַז מיר וואַרטן אויף אים. זינט איך געפין מיך דאָ, טראַכט איך אַלץ וועגן פאָרטראַג, אין וועלכן ער האָט געזאָגט: „די ציוויליזאַציע נעמט אָן אַנדערע פאָרמען, ווען איר אָנגעווייטיקסטער עלעמענט — די דערנידערונג פאַרן שקלאַף, די אַרבעט

פֿאַרן מאָדערנעם אַרבעטער — פֿאַרוואַנדלט זיך פּלוצלינג אין וו ע ר ט, ווען עס גייט שוין נישט אין דעם, אַז מען זאָל פֿון דער דערנידערונג זיך אַרויסרייסן, נאָר — מען זאָל אין איר דערגרייכן דערלייזונג: נישט אין דעם, אַז מען זאָל זיך פֿון דער אַרבעט אָפּרייסן, נאָר — מען זאָל אין איר געפֿינען עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג. די פֿאַבריק איז אַצינד ווי אַ קלויסטערל אין די קאַטאַקאָמבן, און זי דאַרף ווערן דאָס, וואָס עס איז שפּעטער געווען די קאַטעדרע, און די מענטשן דאַרפֿן אין איר געפֿינען נישט קיין געטער, נאָר די מענטשלעכע קראַפֿט אין קאַמף מיט דער ערד...״

יאָ: אָן ספֿק האָט דעם איינציקן ווערט פֿון די מענטשן געשאַפֿן דאָס, וואָס זיי האָבן איבערגעענדערט. די רעוואָלוציע איז נאָר־וואָס דורכגעגאַנגען אַ שרעקלעכע קראַנקהייט, אָבער זי האָט געלעבט. דאָס האָט קיאָ מיט זיינע חברים, לעבעדיקע צי טויטע, באַזיגטע אָדער ווייטער קעמפֿנדיקע, דאָס האָבן זיי זי געבראַכט אויף דער וועלט.

„איך פֿאָר בקרוב אַרויס קיין כינע אַלס אַגיטאַטאָר: איך וועל קיינמאָל נישט זיין קיין ריינער קאָמוניסט. ס׳איז נאָך ווייט אין כינע צום סוף. אפֿשר וועלן מיר זיך ווידער טרעפֿן; איך האָב געהערט, אַז אייער בקשה איז אָנגענומען געוואָרן...״

פֿון צונויפֿגעלייגטן בריוו איז אַרויסגעפֿאַלן אַ שטיקל צייטונג; זי האָט עס אויפֿגעהויבן:

„די אַרבעט דאַרף ווערן דאָס הויפּט־געווער אין קלאַסן־קאַמף. די רעגירונג באַטראַכט אַצינד דעם גרעסטן אינדוסטריאַליזאַציע־פּלאַן אין דער געשיכטע: עס האַנדלט זיך אין איבערבויען אין משך פֿון פֿינף יאָר דעם גאַנצן פּ. ס. פּ. ר., אין איבערגעשטאַלטן אים אין דער גרעסטער מאַכט פֿון אייראָפּע, אין דעריאָגן און איבעריאָגן אַמעריקע. דער פּלאַן איז גיגאַנטיש פֿאַרמאָסטן...״

גיסאָרס האָט געוואַרט אויף איר אויף דער שוועל. אָנגעטון אין אַ קימאָנאָ. אין קאָרידאָר איז נישט געווען קיין באַגאַזש.

— האָסט דערהאַלטן מיינע בריוו? — האָט זי געפרעגט, אַריינגייענדיק אין פוסטן צימער: טעפּיכער און דיקטן; דער אַוועקגערוקטער פּאַראַוואַן האָט געעפנט אַן אויסבליק אויפן הויכלאַנד און וועג צום פּאָרט.

— יאָ, איך האָב דערהאַלטן.

— לאָמיר זיך צעשיידן: די שיף גייט אָפּ אין צוויי שעה אַרום.

— איך פאָר נישט אַוועק, מאַי.

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק. „מען דאַרף נישט פרעגן, האָט זי אַ טראַכט געטון, ער וועט אַליין אויפקלערן". דערווייל האָט ער געפרעגט:

— וואָס האָסטו בדעה דאָרט צו טון?

— כ'וויל פּרוּוון מיינע כּוחות אין דער סעקציע פאַר אַגיטאַציע. דאָס איז שוין, משמעות, דערליידיקט. איבערמאָרגן וועל איך זיין אין וולאַדיוואָסטאָק און גלייך פאָרן קיין מאָסקווע. אויב מען וועט מיך נישט אָננעמען אין דער סעקציע, וועל איך אַרבעטן ווי אַ דאָקטאָרין אין מאָסקווע גופא, אָדער אין סיביר. סיידן יענץ וועט זיך איינגעבן... איך בין שוין אַזוי פאַרמאַטערט פון דער פּראַקטיק... פאַרנעמען זיך כּסדר מיט קראַנקע, ווען דאָס האָט נישט קיין צוזאַמענהאַנג מיטן קאַמף... אַזאַ פּראַקטיק פאַרלאַנגט אַ מילדע געשטימטקייט, און איך פיל נישט אין מיר קיין שום מילדקייט. און קוקן, ווי מענטשן שטאַרבן... אַצינד איז דאָס געוואָרן פאַר מיר כּמעט נישט צום איבערטראָגן... איבעריקנס, אויב מען דאַרף אַזוי... דאָס איז אויך אַזאַ נוקם זיין זיך פאַר קיאָ.

— אין מיינע יאָרן זוכט מען שוין נישט קיין נקמה...

ווירקלעך, גיסאָרס האָט זיך געענדערט. ער איז געווען ווייט פון איר, סעפּאַרירט, ווי ער וואָלט פאַרבערענגט מיט איר בלויז מיט אַ טייל פון זיין וועזן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן דיל:

ס׳איז נישט געווען אויף וואָס צו זיצן. מאַי האָט אים נאָכגעטוּן, זיך אָוועקגעלייגט לעבן דער אָפּיום-טאַץ.

— און וואָס האָסטו בדעה צו טון? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט גלייכגילטיק אַ הייב געטון מיט די אַקסלען.

— אַ דאַנק קאַמאַ בין איך דאָ אויסערגעוויינטלעכער פּראָפעסאָר פון קונסט-געשיכטע אין מערב... ווי דו זעסט, פאַרנעם איך מיך ווידער מיט מיינע אַמאָליקע באַשעפטיקונגען...

י האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין, אַ פאַרוואונדערטע:

— אפילו אַצינד — האָט זי געזאָגט, — ווען מיר האָבן געליטן אַ פּאָליטישע מפּלה, ווען עס זענען פאַרמאַכט געוואָרן אפילו אונזערע שפּיטעלער, שאַפן זיך אויפסניי אין אַלע פּראָווינצן פאַרקאָנספּירירטע גרופּן. אונזערע וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז זיי ליידן פאַר דער זאַך פון די צוקונפטיקע מענטשן, און נישט פאַר די זינד פון די פאַרגאַנגענע דורות. דו האָסט געזאָגט: „זיי האָבן זיך שטורמיש אויפגעכאַפּט נאָכן שלאָף פון דרייסיק יאָרהונדערטער און זיי וועלן שוין צוריק נישט איינשלאָפן”. דו האָסט געזאָגט, אַז די, וואָס האָבן אויפגעוועקט צום בונט דרייהונדערט מיליאָן אָרימע, וועלן נישט דורכגיין ווי שאָטנס, ווי מענטשן פון דערוויילן, — אפילו געשלאָגענע, אפילו אומגעברענגטע, אפילו טויטע...

זי איז אויף אַ ווײַלע פאַרשוויגן געוואָרן:

— אַצינד זענען זיי טויט.

— איך טראַכט וועגן דעם כסדר, מאַי. דאָס איז עפּעס אַנדערש... קיאָס טויט, דאָס איז נישט בלויז ליידן, נישט בלויז ענדערונג... דאָס איז אַ מעטאַמאָרפאָזע. איך האָב מיך קיינמאָל נישט צו שטאַרק געריסן צו דער וועלט; דאָס האָט מיך קיאָ צונויפגעבונדן מיט די מענטשן, זיי האָבן עקזיסטירט פאַר מיר בלויז דורך אים... איך וואָלט נישט געוואָלט פאַרן קיין מאָסקווע. איך ווייס,

אַז איך וואָלט דאָרט שלעכט געלערנט. איך האָב פאַרלוירן דעם דופק פון מאַרקסיזם. פאַר קיאָ איז דאָס געווען שפּאַנונג פון ווילן, נישט אמת? פאַר מיר — פאַטאַליזם, און איך האָב מיך צוגעפּאַסט צו אים, ווייל מיין מורא פאַרן טויט האָט זיך צוגעפּאַסט צום פאַטאַליזם. עס איז שוין נישטאָ אין מיר כמעט קיין שום מורא, מאַי. זינט קיאָ איז געשטאָרבן, טראַכט איך גלייכגילטיק וועגן אייגענעם טויט. איך האָב מיך איינצייטיק באַפרייט (באַפרייט!...) פון טויט און פון לעבן. נאָך וואָס זאָל איך דאָרט אַהין פאָרן?

— אפשר כדי זיך אויפסניי צו ענדערן.

— איך האָב נישט קיין צווייטן זון צו פאַרלירן.

זי האָט זיך צוגערוקט צו אים, צוגעגרייט די ליולקע. זי האָט שווייגנדיק מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן נאָענטן הויכלאַנד: אַן ערך הונדערט קוליס, צוגעדריקט צו זיך מיט די אָרעמס, האָבן מיט פאַרצייטישע באַוועגונגען פון שקלאַפן געשלעפּט עפּעס אַן אומגעהייערע משא, — אַן אומגעזעענע.

— יאָ, יאָ — האָט ער געזאָגט, און נאָך אַ ווײַלע צוגעגעבן. — אָבער געדענק, אַז דידאָזיקע זייגען גרייט צו גיין אין פייער אַריין פאַר יאַפּאַן.

— ווי לאַנג נאָך?

— לענגער ווי איך וועל לעבן.

גיסאָרס האָט אויסגערייכערט די ליולקע מיט איין צי. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן.

— מען קאָן אַ לאַנגע צייט אָפּנאַרן דאָס לעבן, אָבער צום סוף ברענגט אונז דאָס לעבן צו דעם, אויף וואָס מיר זענען באַשטימט. די עלטער איז אַ ווידוי, נישט אַנדערש; און אויב מען זעט אַזוי פיל אומפרוכטבאַרע עלטערס, איז דאָס דערפאַר, וואָס אַזוי פיל מענטשן פאַרבאָרגן דאָס, וואָס זיי זענען מחויב צו אַנט-

פלעקן. אָבער אויך אפילו דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג. ס׳וואָלט גלייך געווען, אַלע מענטשן זאָלן קאָנען פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישט דאָ קיין רעאַליטעט, אַז רעאַליטעט געהערט צו די געביטן פון קאָנטעמפּלאַציע — מיט דער הילף פון אָפּיום, צי אָן דעם — אָדער אַלץ איז נישטיק.

— איבער וואָס די קאָנטעמפּלאַציע?

— אפשר בלויז איבער דער נישטיקייט... דאָס איז שוין אַ סך.

קיָאָ האָט אַמאָל געזאָגט צו מאַי: „דער אָפּיום האָט אַ גרויסע באַדייטונג אין לעבן פון מיין פאָטער, אָבער איך טראַכט נישט איין מאָל, צי דער אָפּיום באַצייכנט אים, צי ער באַרעכטיקט בלויז געוויסע פאַקטאָרן, וואָס באַאומרויִקן אים אַליין"...

— ווען טשען וואָלט געלעבט און געלעבט דערווייטערט פון דער רעוואָלוציע — האָט גיסאָרס געזאָגט, — וואָלט ער וואָרשיינלעך פאַרגעסן אין זיינע מאָרדן. ער וואָלט פאַרגעסן...

— אַנדערע האָבן נישט פאַרגעסן; זינט זיין טויט האָבן מיר געהאַט צוויי טעראָריסטיש אַטענטאַטן. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין פרויען, דערפאַר האָב איך אים ווייניק געקענט, אָבער איך בין איבערצייגט, אַז ער וואָלט נישט אויסגעהאַלטן אפילו קיין יאָר ווייט פון דער רעוואָלוציע. ס׳איז נישט פאַרהאַן אַזאַ ווירדע, וואָס זאָל זיך נישט שטיצן אויף ווייטיק.

ער האָט קוים געהערט.

— ער וואָלט פאַרגעסן... זינט קיָאָ לעבט נישט, האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין מוזיק. בלויז די מוזיק קען רעדן וועגן טויט. איך הער אַצינד, ווען קאַמאַ שפּילט. און פונדעסטוועגן (ער האָט מער גערעדט צו זיך ווי צו מאַי), וועגן וואָס נאָך געדענקען אָן בכּיוונדיקער אָנשטרענגונג? אַלע פאַרלאַנגען, אי די שרעק, אפילו די לאַסט פון גורל, אי דאָס לעבן, צי נישט אַזוי?...

(אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס דו באַפרייסט דיך פון דיין לעבן, האָט זי געטראַכט, ווערן צענדליקער אַנדערע קאַטאָוס לעבעדיקערהייט פאַרברענט אין די קעסלען, צענדליקער אַנדערע קיאָס...)

גיסאָרס בליק האָט זיך פאַרלוירן אין דער ווייטקייט. ערגעץ נאָכן וועג זענען טויזנטער גערוישן פין אַרבעטנדיקן פּאָרט ווי אָפּגעשוואומען מיט די כוואַליעס צום שטראַלנדיקן ים. זיי האָבן אַלס ענטפער אויפן בלענדנדיקן יאַפּאַנישן פרילינג געטראָגן מיט זיך די מענטשלעכע אָנשטרענגונג, שיפן, עלעוואַטאָרן, אויטאָס, אַרבעטנדיקן המון. מאַי האָט געטראַכט וועגן פּעיס בריוו: דאָס האָבן אין דער אַרבעט אויפן מיליטערישן שטייגער, אין דער פון די קייטן-באַפרייטער אַרבעט אויפן גאַנצן שטח פון ראַטן-פאַרבאַנד, אין דער אָנשטרענגונג און ווילן פון די מאַסן — אירע נאָענטע געפונען אַ מקלט נאָכן טויט. דער הימל האָט געפלאַקערט דורך די בלייזן פון די סאָסנעס ווי אַ זון; דער ווינט, וואָס האָט געבויגן די צווייגן, האָט זיך געגליטשט איבער זייערע קערפּערס, אויסגעשטרעקטע איבערן דיל. גיסאָרסן האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווינט פליסט איבער אים ווי אַ טייך, ווי די צייט, און צום ערשטן מאָל האָט דער געדאַנק, אַז די צייט רוקט זיך און דערנענטערט אים צום טויט, אים נישט אָפּגעגרענעצט פון דער וועלט, נאָר פאַרקערט, אים אין מילדער פרידלעכקייט מיט איר פאַראייניקט. ער האָט געקוקט אויף די באַוועגונגען פון די הייב-מאַשינען אין עק שטאָט, אויף די דאַמפּערס און זעגל-שיפן אויפן ים; אויף דער געדיכטער מענטשן-באַוועגונג. „אַלע ליידן; — האָט ער אַ קלער געטון, — און איטלעכער דערפאַר, וואָס ער טראַכט. טיף אין דער נשמה טראַכט דער מענטש וועגן זיך אויפן פאָן פון דער אייביקייט, באַ-

וואוסטזיניק לעבן קאָן אַרויסרופן בלויז אומרו: מען דאַרף נישט טראַכטן מיט דער נשמה, נאָר מיט דער הילף פון אָפּיום. ווען דער געדאַנק פאַרשווינדט, פאַרשווינדן אויך די ליידן, וואָס ווערן דורך אים אַרויסגערופן״... באַפרייט פון אַלץ, אפילו פון זיין מענטשלעכקייט, האָט ער מיט אָנערקענונג געגלעט דאָס קעפל פון דער ליולקע, נאָכפאָרשנדיק די באַוועגונגען פון די אַלע אומבאַקאַנטע ברואים, וואָס טראָגן זיך אַקעגן דעם טויט אין בלענדנדיקן גלאַנץ פון דער זון, בשעת איטלעכער פון זיי נערט אין געהיים פאַר זיך זיין טויט־פּאַראַזיט. „יעדער באַזונדער איז אַ משוגענער — האָט ער געטראַכט, — אָבער אין וואָס באַשטייט דער מענטשלעכער באַרוף, אויב נישט אין טאָג־טעגלעכער אָנשטרענגונג צו פאַראייניקן דאָסדאָזיקע משוגעת מיט דער אַלוועלט״... ער האָט ווידער דערזען פעראַלן אַ באַלויכטענעם מיטן לאָמפּ אויפן פּאָן פון דער נעפלדיקער נאַכט. „יעדער מענטש חלומט, אַז ער איז אַ גאָט״...

פּופּציק סירענעס האָבן מיטאַמאָל אויפגעטרייסלט די לופט: דער טאָג איז אויסגעפאַלן ערב אַ יאַפּאַנישן יום־טוב, די אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן. איידער ס׳האָט נאָך עפּעס זיך געענדערט אין פּאָרט, זענען קליינע מענטשן־פיגורן, ווי אויסשפּירער, אַרויסגעלאָפן אויפן וועג, וואָס האָט זיך גלייך אַריינגעשניטן אין שטאָט, און באַלד איז דער וועג פאַרפולט געוואָרן מיט אַ וויטן, שוואַרצן המון, וואָס האָט געווימלט אין שאַלנדיקן גערויש פון די אויטאָ־טרומייטלעך: די דירעקטאָרן און אַרבעטער האָבן איינצייטיק זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. דער המון האָט, ווי אין אָנגריף, זיך גערוקט פאָרויס מיט גרויסע אומרויִקע באַוועגונגען, וואָס זענען אייגנטימלעך אַלע מענטשן־מאַסן, וואָס ווערן באַטראַכט

פֿונדערווייטנס. גיסאָרס האָט אַמאָל געזען, ווי חיות זענען געלאָפֿן צום טרינקען מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט: איינע, עטלעכע, אַלע, געטריבענע צום וואַסער דורך דער קראַפֿט, וואָס איז זיי באַפֿאַלן צוזאַמען מיט דער פֿינסטערניש; אַצינד, אין געדעכעניש, האָט דער אָפּיום צוגעגעבן דעם קאָסמישן דראַנג אַ ווילדע בראשיתדיקע האַרמאָניע, און די מענטשן, פֿאַרלוירענע אין ווייטן גערויש פֿון זייערע הילצערנע טרעפּעס, האָבן אויסגעזען ווי משוגעים, אָפּגעריסענע פֿון דער וועלט, וועמענס האַרץ, שלאָגנדיק ערגעץ אין די הויכקייטן אין צעשימערטן גלאַנץ, האָט זיי פֿאַרכאַפּט און צוריקגעוואָרפֿן אין דער איינזאַמקייט, ווי קערנער פֿון אַן אומבאַקאַנטער פֿרוכט. ברייטע וואָלקנס, זיך טראָגנדיק אין די טיפֿע הויכן איבער די שוואַרצע סאָסנעס, זענען ביסלעכווייז איינגעגאַנגען אין הימל; און אים האָט זיך געדאַכט, אַז איין שיכט פֿון דידאָזיקע וואָלקנס שטעלט מיט זיך פֿאָר די מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט און ליב געהאַט, וועלכע לעבן שוין נישט. די מענטשהייט איז געווען צונויפֿגעקנוילט און באַשווערט, באַשווערט פֿון לייב, בלוט, ליידן, אייביק פֿאַרזונקען אין זיך, ווי אַלץ, וואָס איז שטערבלעך; אָבער אפֿילו דאָס בלוט, אפֿילו דאָס לייב, אפֿילו די ווייטיק איז אויך צעזייעט געוואָרן אין גלאַנץ פֿון די הייכן, ווי מוזיק אין נאַכטשטילקייט; ער האָט געטראַכט וועגן קאַמאַס מוזיק און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מענטשלעכע ווייטיק שטייגט און פֿאַלט, ווי די ערד וואָלט געזונגען; איבער דער באַפֿרייטקייט, דער אין אים ציטערנדיקער און פֿאַרבאָרגענער ווי דאָס האַרץ, האָט די באַזיגטע ווייטיק ווידער צונויפֿגעשלאָסן אירע אוממענטשלעכע אָרעמס.

— די רייכערט אַ סך? — האָט זי איבערגעחזרט.

זי האָט שוין איינמאָל געהאַט געפֿרעגט, נאָר ער האָט נישט דערהערט. זיין בליק האָט זיך אומגעקערט אין צימער אַריין:

— צי מיינסטו, אַז איך בין מיך נישט משער, וואָס דו

טראַכסט וועגן מיר, און אַז איך ווייס אַליין נישט בעסער פֿון דיר, וואָס צו טראַכטן? צי מיינסטו, אַז עס וואָלט מיר שווער געווען צו פֿרעגן, מיט וואָסער רעכט דו גיסט אַרויס אַזאַ אורטייל וועגן מיר?

ער האָט אין אַ ווײַלע אַרום געפֿרעגט:

— דו ווילסט גאָרנישט האָבן קיין קינד?

זי האָט נישט געענטפֿערט; אַצינד האָט דערדאָזיקער עקשנותדיקער, הייסער פֿאַרלאַנג איר אויסגעזען ווי פֿאַרראַט. זי האָט מיט פֿאַרוואונדערונג באַטראַכט זיין מילד-געוואָרן פּנים. צי האָט דאָס פּנים זיך נישט אומגעקערט פֿון טויטן-טאָל, אַ פֿרעמדס, ווי די טויטן-מאַסקע פֿון אַ בשותּפֿותדיק קבֿר? אין די רעפּרעסיעס, וואָס באַפֿאַלן דאָס אָפּגעשוואַכטע כינע, אין דער אויפֿרעגונג אָדער האָפֿענונג פֿון די מאַסן, וועט קיִאָס טעטיקייט מיט דויערהאַפֿטע זילבן אויסגעקריצט זיין, ווי די אויפֿשריפֿטן פֿון די ערשטע קייזערלעכע דינאַסטיעס אין די טייך-קאָריטעס. אָבער אַפֿילו דאָס אַלטע כינע, וואָס האָט מיטן ליאַרם פֿון צונויפֿגעשטויסענע גלעטשערס דידאָזיקע עטלעכע מענטשן אויף אייביק אָפּגעוואָרפֿן אין דער פֿינסטערניש, איז נישט געווען אַזוי פֿולשטענדיק אָפּגעווישט פֿון דער אויבערפֿלאַך פֿון דער ערד, ווי דער אינהאַלט פֿון קיִאָס לעבן פֿון זיין פֿאָטערס פּנים. ער האָט ווידער אָנגעהויבן:

— מען האָט ביי מיר אַרויסגעריסן דאָס איינציקע, וואָס איך האָב ליב געהאַט, און דו ווילסט, איך זאָל מיך גאָרנישט האָבן געביטן. צי מיינסטו, אַז מיין ליבע איז נישט אַזוי גרויס געווען ווי דיינע, די ליבע, וואָס האָט אַפֿילו נישט געענדערט דיין לעבן?

— אַזוי ענדערט זיך אויך נישט דער קערפּער פֿון אַ לעבעדיקן מענטש, ווען עס קומט דער טויט...

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט:

— דיר איז באַקאַנט דער זאַץ: „מען דאַרף האָבן ניין

חדשים, כדי צו באַשאַפן אַ מענטש, און ס'איז גענוג איין טאָג, כדי אים צו טייטן". מיר ווייסן דאָס ביידע, ווי נאָר איטלעכער פון אונז קאָן וויסן... הער, מאַי: ס'איז נישט גענוג קיין ניין חדשים, מען דאַרף האָבן פופציק יאָר פון קרבנווילי‏קער אַרבעט, אָנגעשטרענגטן ווילן און נאָך אַזוי פיל... אַזוי פיל אַנדערע זאַכן! און ווען דער מענטש ווערט שוין רייף, ווען עס בלייבט שוין נישט אין אים קיין שפור פון אַ קינד, אפילו פון יוגנטלעכקייט, ווען ער ווערט שוין אויף אַן אמת אַ מענטש, איז ער גילטיק בלויז פאַרן טויט.

זי האָט געקוקט אויף אים, אַ מרה-שחורהדיקע: ער האָט געקוקט אויף די וואָלקנס.

— איך האָב ליב געהאַט קיאָ, ווי ווייניק מענער האָבן ליב זייערע קינדער, ווייס דאָס...

ער האָט זי כסדר געהאַלטן ביי דער האַנט; די האַנט צוגעצויגן צו זיך, זי אַריינגענומען אין זיינע הענט:

— הער מיך אויס: מען דאַרף ליב האָבן די לעבעדיקע, און נישט די געשטאָרבענע.

— איך פאָר קיין מאָסקווע, נישט כדי ליב צו האָבן.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם הערלעכן, מיט זון-אָנגעטרונקענעם בילד הינטערן פענסטער. זי האָט צוריקגעצויגן די האַנט.

— אויפן וועג פון נקמה, מיין קליינע מאַי, באַגעגנט מען דאָס לעבן...

— אָבער דאָס קאָן נישט זיין קיין גרונט צו רופן דאָס לעבן.

זי איז אויפגעשטאַנען, אים אויסגעשטרעקט די האַנט צום געזעגענען. אָבער ער האָט אַריינגענומען צווישן די הענט אירע באַקן און אַ קוש געטון איר פנים. פונקט אַזוי האָט איר דעם לעצטן טאָג אַ קוש געטון קיאָ, טאַקע פונקט אַזוי,

און פון דעמאָלט אָן האָבן קיינעמס הענט נישט אַרומגענומען איר קאָפּ.

— איך וויין שוין אַצינד גאָרנישט — האָט זי מיט ביטערן שטאָלץ געזאָגט.

סוף.

עגאָן ערווין קיש

ר ע פּ אָ ר ט אַ ז ש ן

פון די ביכער:

„כינע אָן א מאַסקע"
„דאָס פּנים פון סאָוויעט-אַזיע"

יידיש: שלמה שיינבערג

יידישע אוניווערסאַל-ביבליאָטעק

וואַרשע 1935

עקזעקוציע

אָט איז איינער אומגעקומען דורך דער האַנט פון תּלין. דאָס בלוט האָט ברייט אַ שטראָם געטון פון זיין קאַרק. ס'איז אַוועק דאָס לעבן פון אַ מענטש, וועלכער האָט שוין פריער אויך אויסגעזען טויט.

זיין געל פּנים געשפּענסטיק־בלייך — איז ער אין פּרימאָרגן אַרויסגעשפּרונגען פון פּאָליצייאישן אויטאָ, די הענט געשמידט אין ניקלנע קייטלעך, דער אויסגעדאַרטער קערפּער — אין אַ גרוי כינעזיש מאַנטל. ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס, געוויגט ווי אַ שד אין בית־עולם־ווינט.

איך האָב מיר נישט געשאַפן קיין בילד פון זיין פּנים און פיגור, איידער איך האָב אים געזען; איך ווייס, אַז קעגן דער אַלגעמיינער מיינונג האָבן נישט תּמיד די מערדערס אַן אָקסן־קאַרק, אַן אַרויסגערוקטן אונטערשטן קין און נידעריקן שטערן. אָבער דער האָט שוין זיכער נישט אויסגעזען ווי קיין מערדער, ער האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ דערמאָרדעטער.

טסאַנג קיאַ־יינג האָט קוים געשלעפּט די פיס און מאַכטלאָז זענען אַראָפּגעהאָנגען זיינע געשמידטע הענט, ווען מען האָט אים געפירט אין דער תּפיסה פון גערי̇כט פאַר מינדערוועריקע פאַרברעכנס, צו די דרייסיק, פערציק מענטשן, וואָס האָבן היינט געדאַרפט געמשפּט ווערן און דאָ געוואַרט אויף זייער אורטייל אין נערוועזער אומזיכערקייט. ער וועט לכל־הדעות נישט דאַרפן וואַרטן אין אומזיכערקייט, ער איז טויט און וועט שוין דעם טויט נישט

אויסמיידן. ביידע וועכטערס זיינע זענען שטיין געבליבן פאר דער אייזערנער טיר, וואס איז שוין אזוי אויך גענוג באוואכט געוועזן. אצינד האט ער שוין געקאנט ווי א גלייכער צווישן גלייכע זיך איינקוליען צווישן די אים פרעמדע מענטשן. ס׳איז זיי נישט איינגעפאלן, אז איינער פון זיי איז שוין נישט מער ווי א שאטן.

פלוצלינג האט די אייזערנע טיר זיך ברייט אן עפן געטון, ס׳איז מיט א זיכערן טריט אריינגעקומען דאס לעבן: א פאליציאנט. צוקלינגענדיק מיט די שליסלען, האט ער זיך דערנענטערט צו טסאנג קיא-יינג. אצינד ערשט האבן די איבעריקע זיך דערוואוסט...

צי זענען די איירָאפעער נישט אין דער מיינונג, אז פאר א כינעזער האט דער טויט קיין באדייטונג נישט, אלנפאלס א קלענערע ווי פאר אונז? „די אויסוואורפן לאכן בשעת דער עקזעקוציע”, האט מיר אין ווארט-צימער געזאגט דער אינספעקטאר.

הם... טסאנג קיא-יינג, פון וועמענס טויטן קערפער ס׳האט זיך געדארפט דערווייטערן דאס לעבן, האט געהאט א האלבגעעפנט מויל, פארהויבענע ליפן-ווינקלען, און שטאמלענדיק כסדר און ציטערנדיק מיטן גאנצן קערפער, האט ער אויסגעזען, ווי ער וואלט געשטיפט. אבער צי האט טאקע טסאנג קיא-יינג געשטיפט? אדער דאס האט די שרעק אזוי באוועגט זיינע ליפן און געמאכט ציטערן זיין קערפער? — צוואס אבער דאס פרעגן, ווען מיר וועלן אין א ווײַלע ארום זיך איבערצייגן, צי וועט ער א פריידיקער אדער צעווייטיקטער דורכמאכן דעם וועג צווישן טויט און לעבן.

וואס דער טויט איז פאר זיינע חברים-ארעסטאנטן האבן מיר שוין געזען: זייערע אויגן, ווי די אויגן פון ביקסן-לופעס, זענען פון אלע זייטן אנגעשטעלט געווארן אויפן פאראורטיילטן, ווען דאס לעבן, פארקערפערט אין דער פערזאן פון פאליציאנט, האט זיך דערנענטערט צו אים, צוקלינגענדיק מיט די שליסלען. דער אינספעקטאר, א שאטלענדער, געפינט זיך שוין גענוג לאנג אין פאליצייאישער דינסט ביים געריכט, אז ער זאל קאנען אויף כינעזיש פרעגן אן ארעסטאנט, וואס ער ווינטשט זיך צו עסן פארן טויט. טסאנג

קיאַ־יִינג האָט זיך געוואונטשן וואַרימע פּאַשטעטן מיט געהאַקט פלייש, קאַלטע פיש, רייז און זופּ. און פּאַפּיראָסן.

אין זאַל קומט אַריין דאָס געריכט פאַר מינדערוועריקע פאַרברעכנס. אַ טויט־אורטייל איז טאַקע נישט קיין מינדערוועריקע זאַך, אָבער דאָס געריכט האָט אַזוי פיל געמיינזאַמס מיטן אורטייל, אויף וויפיל עס פרעגט בלויז דעם פאַראורטיילטן, צי ער וויל נאָך עפּעס דערקלערן, אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון געריכט עפּעס איבערגעבן זיינע קרובים און פריינט.

טסאַנג קיאַ־יִינג ווערט צוגעפירט צו דער וואַנט פון די באַשולדיקטע, ער איז פּריווילעגירט קעגן זיינע תּפיסה־חברים, ער איז נישט קיין באַשולדיקטער, ער איז מער ווי אַ באַשולדיקטער, מער ווי אַ פאַראורטיילטער, ער איז שוין ווי אַ טויטער. די אייבערשטע טייל פון זיין קערפּער ציטערט ווי אַ צאַנקענדיק פייערל איבער דער באַריערע. אויף דער באַנק פון די געהיים־אַגענטן באַמערקט טסאַנג קיאַ־יִינג אַ באַקאַנטן און ווענדט זיך מיט שטאַמלענדיקע ווערטער אַמאָל צו אים, אַמאָל צום ריכטער.

צי באַגריסט ער דעם באַקאַנטן? צי זידלט ער אים? צי איז ער זיך מודה? צי פאַרזיכערט ער וועגן זיין אומשולד? איך ווייס נישט. די פאַרהויבענע ליפּן־ווינקלען, דאָס ציטערן און טרייסלען זיך פון די אָרעמס זאָגט גאָרנישט, און דער אַסעסאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָלאָניע, וואָס נאָטירט געוויינטלעך מיט דער הילף פון אַן איבערזעצער יעדעס וואָרט פון באַשולדיקטן און פון עדות, פון דעם פּאָליציאַנט און געהיים־אַגענט, כּדי צוצולייגן דעם פּראָטאָקאָל צו די אַקטן פון דער קאָלאָניאַל־פּאָליציי, הייסט זיך דאָס מאָל גאָרנישט איבערזעצן. טסאַנג קיאַ־יִינג אינטערעסירט שוין נישט קיינעם. ער געהערט שוין נישט צו דער וועלט פון די לעבעדיקע.

טסאַנג קיאַ־יִינג האָט דעם געריכט גאָרנישט צו זאָגן און דעריבער קאָן ער שוין אַרויסגעפירט ווערן אויפן הויף, וואו עס וואַרט שוין אויף אים דער געגרייטער טיש. מען וואַרפט אים צו אַ פּעקל ביליקע פּאַפּיראָסן, ער רייסט אַראָפּ דעם באַנדעראָל,

איידער מען האָט אים נאָך אַראָפּגענומען די קייטן, און פֿאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס. זינט דעם אויסגעפּירטן מאָרד־אָנפֿאַל — דעם איינברוך און שטערבלעכן רעוואָלווער־שאָס צום וועכטער, וועלכער האָט אים געכאַפּט — האָט ער נאָך זיכער נישט גערייכערט.

און זיכער זיך נישט אָנגעגעסן צו דער זעט. ער הייבט שנעל אויף צום מויל די הילצערנע שטעקעלעך מיט די שטיקלעך פֿיש און פֿלייש, די רייז, וואָס ער האָט באַגאָסן מיט דער זופּ. לויטן כינעזישן אַבערגלויבן פֿאַרגרינגערן פֿאַשטעטן דעם וועג אויף יענער וועלט אַרויף. נאָך איין פּאַפּיראָס. דאָס שעכטל מיט דער רעשט דערלאַנגט ער דעם פּאָליציאַנט. ווילסט? ווילסט נישט? אַ הייב־טוענדיק מיט די אַקסלען, וואַרפֿט זיי טסאַנג קיאַ־יינג אויפֿן טיש, איין פּאַפּיראָס פֿאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. בשעת ער בייגט זיך אָן אים אויפֿצוהייבן, קומט אים אויפֿן רעיון: ס'האָט דאָך נישט קיין זין אַצינד אויפֿצוהייבן. ווי גיריק וואָלט ער מיט פֿינף מינוט צוריק אַ כאַפּ געטון — אַלץ ענדערט זיך שנעל, ווען עס קומט דער סוף...

מען דערלאַנגט אים אין אַ זעקעלע זיין פֿאַרמעגן, וואָס מען האָט אים צוגענומען ביים אַרעסט: פֿיר און פֿערציק קופּערנע מטבעות, אַ לאָמבאַרד־צעטל, אַ שליסל. טסאַנג קיאַ־יינג ציילט דאָס געלט, ווי עס טוען די כינעזער, איבערוואַרפֿנדיק צו פֿינף מטבעות פֿון איין האַנט אין דער צווייטער אַריין. קוקט זיך לאַנג איין מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן אין לאָמבאַרד־צעטל, דערנאָך צערייסט ער עס פּאַמעלעך און לייגט אַוועק דאָס געלט אויפֿן טיש.

מיר גייען! טסאַנג קיאַ־יינג שטייט שנעל אויף, פֿאַרשאַרצט די אַרבל און שטרעקט אויס די צונויפֿגעלייגטע הענט צום פּאָליציאַנט, ער זאָל אים ווידער אָנטון די קייטלעך. דער דאַרער, ווי אַ שטעקן דינער מאַנסביל זיצט אַריין אין גרויסן פּאָליציייִשן אויטאָ. אַ צווייטער אויטאָ פֿאָרט נאָך פֿון הינטן, לעבן פֿירער — אַ מאַשין־געווער.

— אַזוי איז דער פֿאָרשריפֿט, — דערקלערט מיר, אָנווייזנדיק אויפֿן מאַשין־געווער, דער סערזשאַנט, וואָס זיצט לעבן מיר

אין צווייטן אויטאָ, — אייגנטלעך האָט דאָס בלויז דעמאָלט אַ זין, ווען מיר פירן איבער פּאָליטישע.

— צי קומען אָפּט פאָר עקזעקוציעס איבער פּאָליטישע ?

— אָ, מיין גאָט, כּמעט יעדע וואָך ! אייגנטלעך בלויז איבער קאָמוניסטן. בקרוב וועט שוין אפשר קומען די ריי אויף איין אייראָפּעער, אויף דעם נאָולענס. איר האָט געהערט פון אים ?

— יאָ, איך האָב געהערט וועגן דעם נאָולענס. אין די אייראָפּעיִשע צייטונגען רופט מען אים אָן ראַג. ווען, רעכנט איר, וועט פאָרקומען די עקזעקוציע איבער אים ?

— דער טייוול ווייסט עס ! ער האָט שוין מיט אַ האַלב יאָר צוריק געדאַרפט דערליידיקט ווערן. אָבער ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און די צייטונגען האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ ליאַרעם, אַז די פאַרשאָלטענע געלע שלעפּן אַלץ אָפּ. אַצינד גרייטן זיי אפילו צו אַן עפנטלעכע געריכטס-פאַרהאַנדלונג.

דער סערזשאַנט גיסט מיט כּעס זיך דעם וויסקי אין האַלז אַריין. זיין כּעס איז פאַרשטענדלעך. דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליציי-קאָרפּוס אַרעסטירט און שיקט איבער די אַרעסטירטע צו די כינעזער, זיי זאָלן אַרויסגעבן אַ טויט-אורטייל. דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליציי-קאָרפּוס האַלט דערנאָך דעם צום טויט-פאַראורטיילטן אונטער דער וואַך און שיקט אים ענדלעך אויפסניי אַרויס צו די כינעזער, זיי זאָלן אויספירן דעם אורטייל. מיט וואָסער רעכט דערלויבן זיך די פאַרשאָלטענע געלע אָפּצושלעפּן דעם אורטייל, וואָס איז זיי איבערגעגעבן געוואָרן צום אויספירן !

אונזערע אויטאָס פאָרן דורך די פראַנצויזישע שטאָט לעבן פלאַץ, אויף וועלכן עס קומען פאָר די הינט-געיעגן, דורכן קאַנאַל סוטשאָו. זיי פאַרהאַלטן זיך פאַרן נייעם בנין, פאַר וועלכן עס שטייען, ווי פאַר יעדן מלוכה-בנין, צוויי שטיינערנע לייבן. דער סערזשאַנט גייט אַריין אין בנין נאָכן כינעזישן באַאַמטן, וועלכער דאַרף אָנפירן מיט דער עקזעקוציע. דאָס איז דאָך אַ „ריין-כינעזישע“ עקזעקוציע.

אַט פאָרט אַ געשטאָרבענער מענטש צום טויט, נאָר קיינער ווייסט דאָס נישט, נישט די ריקשע-קוליס, וואָס טרעטן אונז אָפּ דעם וועג, נישט די גאַסן-הענדלער, וואָס רופן אויס מיט אַ מאָנאָטאָן מעלאָדיש קול זייערע סחורות, נישט די אַרבעטער, וואָס טראָגן, קרעכצנדיק אָדער זינגענדיק, זייערע משאות אויף באַמבוס-שטעקנס, נישט די, וואָס זיצן טשיפּקע אין די גאָרקיכן, נישט די, וואָס גאָלן זיך די קעפּ ביים גאַסן-ראַזירער. דער מענטש אין אויטאָ, וואָס פאָרט פאַר אונז, קוקט זיך אַפילו נישט אַרום. אים, וועלכער פאָרט צום טויט, אינטערעסירט שוין גאָרנישט.

דער סערזשאַנט גיט ווידער אַ שלוק דעם וויסקי.

— צי געדויערט לאַנג אַזאַ עקזעקוציע? — פרעג איך.

— איר האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין עקזעקוציע? — רייסט ער אָפּ די פלאַכע פלאַש פון מויל, אַ פאַרוואונדערטער פון מיין פראַגע, ווייל ער האָט זיך שוין באַטייליקט אין הונדערטער עקזעקוציעס. — קיין איינע נאָך נישט?

— איך בין מודה: קיין איינע נאָך נישט.

— ניין, דאָס האָט געדויערט נישט לאַנג. ווען דער פאַראורטיילטער לאָזט זיך באַלד טויפן, גייט דאָס צו גיך, אָבער...

— וואָס רעדט איר? איך פאַרשטיי נישט... איר האָט געזאָגט „טויפן"?

— אוודאי. צו יעדער עקזעקוציע קומט אַ קאַטוילישער מיסיאָנער. טייל פאַראורטיילטע ווילן לכתחילה אַפילו נישט הערן וועגן באַקערונג, אָבער דער גלח טרעט נישט אָפּ, דעמאָלט ווערן זיי נערוועז און גיבן זיך אונטער. בלויז די פּאָליטישע האַלטן זיך פעסט. אַלע אַנדערע לאָזן זיך טויפן.

אוממעגלעך! און פאַרוואָס גראָד אַ קאַטוילישער גייסטלעכער? אין כינע קאָנקורירן פאַרביסן צווישן זיך אַלע רעליגיעס און סעקטעס. די אַדווענטיסטן און פאָרשער פון דער הייליקער שריפט, די „געזעלשאַפט פון פריינט" און United Free Church of Scotland די מעטאָדיסטן און די דערלייזונגס-אַרמיי קויפן אויף נשמות, באָדן און מיליטערישע סודות.

בויען קלויסטערס און בעגזין-סטאַציעס, זאָגן צו אייביקע דערלייזונג דעם, ווער עס לאָזט זיך דורך זיי טויפן, און אַ פּרעמיע דעם, ווער ס׳איז מסכּים זיך צו פאַרזיכערן ביי זיי פון אַן אומגליקסצופאַל, זיי רעפּרעזענטירן דאָס הימלישע קעניגרייך און דאָס קעניגרייך פון הייגריך פאָרד.

אַפילו בודיסטישע מיסיאָנערן קומען דאָ אַהער, — יאַפּאַנער; יאַפּאַן וויל, זיי זאָלן דאָ אָפּשפּילן די זעלבע ראָל, וואָס עס שפּילן די קריסטלעכע מיסיאָנערן אין די אייראָפּעיִש-אַמעריקאַנישע פּאָליטישע-און האַנדלס-אינטערעסן.

עס עקזיסטירן דאָך אַזוי פיל קלויסטערס און איטלעכער ווייזט אָן דעם איינציקן גאַראַנטירטן וועג אין גן-עדן אַריין, פאַרוואָס-זשע מוזן די צום טויט פאַראורטיילטע גראָד גיין מיטן קאַטוילישן וועג? זאָגט-זשע, הער סערזשאַנט, פאַרוואָס-זשע גראָד אַ קאַטוילישער מיסיאָנער?

— איך ווייס נישט.

אומזין, טראַכט איך מיר, פון סערזשאַנט רעדט אַרויס דער וויסקי. צי קאָן דער קלויסטער פאַראינטערעסירט זיין צו געווינען פאַר זיך אַ כינעזישן מערדער צוויי מינוט פאַרן טויט? אומזין.

מיר פאָרן ווייטער, פאַרביי די קרעמלעך פון הענדלער און באַלמעלאָכעס. אין אַ געוויסן מאָמענט קער איך מיך אָפּ רעכטס און פאַרשטעל מיר ווי נישט ווילנדיק דאָס פּנים מיט דער האַנט, איך וואָלט נישט געוואָלט, מען זאָל מיך דערקענען. לינקס געפינט זיך אַ געוועלב פון אַלטע ביכער. דער בוכהענדלער ווייסט נישט — און אפשר ווייסט ער יאָ? — וואָס פאַר אַ בראָשורן עס פאַרקויפן אים זיינע כינעזישע קליענטן. ענגלישע, דייטשישע, רוסישע. ער ווייסט אָבער, אַז ער וועט יעדע פון די בראָשורן נאָך דעם זעלבן טאָג פאַרקויפן אַ צווייטן כינעזישן קליענט, וועלכער וועט נאָכן איבערלייענען זי ווידער אויסבייטן אויף געלט אין זיין בוכהאַנדלונג. צוזאַמען מיט דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, האָט ער, ווי אַלע בוכהענדלער, אויפן לאַ-

גער כינעזיש־ענגלישע און כינעזיש־דייטשישע ווערטער־ביכער און גראַמאַטיקאַלישע האַנט־ביכער.

וואָס וואָלטן געזאָגט מיינע פריינט פון דער בוכהאַנדלונג, ווען זיי וואָלטן מיך באַמערקט לעבן אַ מונדירטן סערזשאַנט, וואָס פאָרט נאָך דעם תּפיסה־אויטאָ? און וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענצן וואָלט דאָס געקאָנט פאַר זיי האָבן, ווען דער מונדירטער סערזשאַנט, וואָס זיצט לעבן מיר, וואָלט באַמערקט, אַז די כינעזער, וואָס לייענען און קויפן ביכער, זענען באַפריינדעט מיט אַן אייראָפּעער? אינגיכן וואָלטן זיי אויך געפאָרן מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן דער תּפיסה־אויטאָ פאָרט פאַר אונז. דאָס איז אמת, דאָס לייענען ביכער פירט אויפן עשאַפאָט, אָבער דאָס נישט לייענען איז אויך נישט קיין רעטונג. דער טויטער מענטש, וועלכן מיר פירן מיט זיך, וועט נישט אומגעברענגט ווערן אַלט ביכער־לייענער.

מיר פאָרן מיט אַ געדרייטן וועג צווישן זומפּיקע רייז־פּעלדער, פאַרביי מצבות פון קאַלך־שטיינער. אויפן טייך וואַנגפּאָ בלאָזן זיך אין מאַי־ווינט די זעגל־שיפלעך. עס עפנט זיך דער ברייטער בויגן פון טויער. נישט צום ערשטן מאָל עפנט זיך דאָס טויער פאַר טויטע, עס פירט צו דער תּפיסה און צום עקזעקוציע־פּלאַץ. מיין חבר ווייזט מיר אָן אויף אַ גראָזיקן שטח: דאָ וועט עס פאָרקומען, דאָ וועט דער טויטער שטאַרבן.

דערווייל זיצט ער נאָך אין תּפיסה־אויטאָ. מען ברענגט אַ טיש. קינדער שפּילן זיך אין קאַסטנס זאַמד און קלעטערן זיך אויף די ביימער; ווען זיי האָבן באַמערקט דעם אויטאָ זיך דערנענטערן, האָבן זיי צונויפגערופן נאָך קינדער. חשיבותדיק שטעלט אָן דער אומגעשיקטער אַמטלעכער פאָטאָגראַף זיין סטאַטיוו. אַצינד מוז איטלעכער פאָטאָגראַפירט ווערן פאַרן טויט און נאָכן טויט, דערקלערט מען מיר, פריער האָבן די כינעזער פשוט געשיקט צום טויט אַ פאַרטרעטער, אַ ברודער, אַ זון, אָדער אפילו אַ קולי, וועלכן מען האָט באַצאָלט, ער זאָל זיך לאָזן אומברענגען.

דער כינעזישער באַאַמטער האָט פאַרנומען אַן אָרט ביים ריכטער־טיש, אַרום שטייען פּאָליציאַנטן, דער תּלין געפינט זיך

זיכער צווישן זיי. אויפן שטיין־געפּרעסטן וועג, צווישן די גרינע, שמעקעדיקע גראָז־פעלדער שטייט אַ פאַרמאַכטער פּאָליציי־אישער אויטאָ, און דער געשטאָרבענער מענטש אין אים וואַרט אויפן טויט. פאַרוואָס הייבט מען נאָך נישט אָן?

— דער מיסיאָנער איז נאָך נישטאָ.

דער סערזשאַנט, וואָס האָט היפּש אויסגעטרונקען, פאַרבינדט ווייטער דעם געשפּרעך מיט מיר; ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין כינעזישע עקזעקוציע, גיט ער מיר איבער, אַז דער מיסיאָנער וועט קומען.

און אָט פאַרפאָרט טאַקע דער מיסיאָנער אויף אַן אויטאָ. דער קירך־וועכטער עפנט פאַרן דיקן גלח דאָס טירל פון קליינעם אויטאָ, און אין זעלבן מאָמענט עפנט דער פּאָליציאַנט פאַרן טויטן מענטש, וואָס איז דאַר ווי אַ שטעקן, די טיר פון גרויסן תּפיסה־אויטאָ. אין זעלבן מאָמענט גייען אַרויס דער גלח און דער טויטער. כדי טסאַנג קיאַ־ייִנג זאָל זיך קאָנען פילן פריי, ווען ער וועט אָננעמען די טויפונג, נעמט מען אים אַראָפּ די קייטלעך.

דער גלח איז אַ כינעזער. ער רעדט כינעזיש, איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס געלונגט אים אַזוי שנעל אַרויסצוזאָגן פאַרן נעאָפיט די פּרינציפּן פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, אַזוי שנעל צו באַקערן אים פון בודיזם צו קריסטנטום. טסאַנג קאַי־ייִנג איז לכתּחילה פאַרוואונדערט, דערנאָך ווערט ער אומגעדולדיק, פאַלט אַריין אין כּעס, ווייל פון דעם גאָרנישט הערן. אָבער דער דיקער גלח ווערט נישט מיד, רעדט געדולדיק צום אויסגעדאַרטן פאַר־אורטיילטן, ביז יענער גיט אַ הייב מיט די אַקסלען, דערלויפט זיך אָנצוהענגען אַ מעדאַליאָן מיטן בילד פון גאָטס מוטער אויפן האַלז און לאָזט זיך טויפן. אַצינד איז ער מחויב זיך צו געזעגענען, אָבער ער טרייסלט מיטן קאָפּ, צייכנט דער גלח אָן אַ הייליקן קרייץ איבער אים. דערווייל האָט דער קירך־וועכטער שוין געעפנט די כּלי מיט די איילן, דער גלח נעמט אָן אַ טראָפּן, דער פאַראורטיילטער פאַרטיידיקט זיך ווידער ענערגיש, ער וויל נישט אָננעמען די לעצטע זאַלבונג. ער גיט זיך דאָך אונטער. ער קניט

געהאָרכזאַם און זאָגט פרום נאָך די ווערטער פון מיסיאָנערס תפילה. אַצינד דאַרף ער אויפשטיין. אָבער ער שטייט נישט אויף.

ער שטייט נישט אויף, קלאַפּט מיטן קאָפּ אָן דער ערד, ווי ער וואָלט זי געוואָלט צעקלאַפּן, און ברומט.

— ער שרייט, מען זאָל אים אויפהערן פייניקן, — קלערט מיר אויף דער סערזשאַנט, — ער שרייט: דערשיסט מיך שוין אַמאָל.

באַלד, באַלד, מיין זון, גורט דיך אָן מיט קריסטלעכער גע־דולדיקייט, אַלץ איז שוין צוגעגרייט.

זע, אָט דאָרט, אונטערן פרייען הימל, זיצט דער אָנפירער פון דער עקזעקוציע מיט זיינע באַאַמטע, זיי וואַרטן שוין.

דער פאָטאָגראַף וועט דיך, וואָס אַן אמת אומגעשיקט, פאָ־טאָגראַפירן, מען פירט דיך אויפן אָרט, וואו דאָס גראָז איז באַזונ־דערס געדיכט, די קינדער לויפן צו גאָר נאָענט, פיר־יעריקע, זעקס־יעריקע, זיי האָבן זיכער נישט איינמאָל שוין זיך צוגעקוקט צו אַן עקזעקוציע, פונדעסטוועגן איז דאָס דערשיסן פאַר זיי תמיד אינטערעסאַנט. מען הייסט דיך קניִען.

דער מענטש, וואָס שטייט לעבן דיר, שיסט דיר פון הינטן אין שאַרבן אַריין און שפרינגט אָפּ, עס זאָל אים נישט פאַרשפריצן דאָס בלוט, וואָס שטראָמט ברייט פון דיר עטלעכע רגעס, בשעת דו, טסאַנג קיאַ־ייִנג, ווי עס וואָלט אין דיר פלוצלינג אַריין לעבן, גיסט דיך צאַפּלענדיק אַ שטרעק אויס און פאַלסט, ווי דו וואָלסט מיט דיין אומאַרמונג געוואָלט דערשטיקן די ערד.

דו פאַרטיידיקסט דיך, ווען מען וויל דיך פון איר אָפּרייסן, איבערדרייען, דיר אונטערלייגן אַ שטיין אונטערן קאָפּ, כדי דיך צום לעצטן מאָל צו פאָטאָגראַפירן. די שרעקלעכע אויגן, דאָס לע־בעדיקע, פאַרבלוטיקטע פנים, עס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט לאָזן פאַרגעסן, שטעלסטו אונטער אונטערן אָביעקטיוו פון אַפּאַראַט.

אַזוי אַלזאָ זעט עס אויס. איך פאָר אַהיים לענגאויס דעם ברעג פון וואַנגפּאָ און דורכן קוואַרטאַל פון נאַנטאַאָ, איך מייד די שיפלעך מיט די אָנגעבלאָזענע זעגלען, די קלייִענטן פון דער רע־

וואָלוציאָנערער בוכהאַנדלונג, די הענדלער און באַלמעלאָכעס, קו־
ליס און בעטלער, — אַלע זעען זיי אויס ווי טויטע. אַזוי ווי עס
האָט אויסגעזען טסאַנג קיאַ־יינג, ווען ער איז נאָך געווען פּאַרגלי־
ווערט, ווען ער האָט זיך באַוועגט ווי אַ צאַנקענדיק פּייערל, ווען
ער האָט געגעסן זיין לעצט מאָלצייט, ווען ער האָט גערעדט פאַרן
געריכט און געקניט אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ, ווען ער האָט נאָכגע־
זאָגט די ווערטער פון דער קריסטלעכער תּפילה און געקריגן די
שטערבלעכע קויל אין קאָפּ אַריין.

אַצינד פאָרט ער אַ לעבעדיקער פאַר מיר, לויפט קעגנאי־
בער מיר, זיצט — דער איינציק־לעבעדיקער — אין עק גאַס, דאָס
בלוט שפּריצט פון אים הויך, זיין קערפּער שטרעקט זיך אויס, די
אויגן זענען ברייט געעפנט, דאָס פּנים איז פאַררייטלט.

די קינדער, וואָס אַרבעטן אין די וועבערייען

I.

— איינע וועט געגוג זיין, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

מיר האָבן געבעטן אַ דערלויבניש איבערצושרייבן פון דער קאַרטאָטעקע די געשיכטע פון עטלעכע קראַנקהייטן.

— פון עטלעכע? ס׳וועט געגוג זיין פון איינער. די פּאָרפאַלן זענען בכלל צו זיך ענלעך.

ער ווייזט אָן מיט דער האַנט אויף די בעטן אין זאַל פון דער שאַנכייער קליניק פאַר שווינדזוכט־קראַנקע. פון די קינדערי־שע נישט אַנטוויקלטע קערפּערס רייסט זיך אַ הוסטן.

— אַלע זענען פאַבריק־אַרבעטערינס, אַלע קלאָגן זיך אויפן זעלבן, ביי אַלע איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער זעלבער דיאַ־גנאָז. צוואָס־זשע טויגן אייך עטלעכע קראַנקהייטס־קאַרטן? איינע וועט פולשטענדיק געגוג זיין.

טאַקע אַזוי:

טסאַי־בי, אַ מיידל, אַכצן יאָר אַלט, שטאַמט פון דער פּראָווינץ טשעקיאַן, מיט זיבן יאָר צוריק געקומען מיט די עלטערן קיין שאַנכיי. אַרבעט פון עלף יאָר אָן אין די ווע־בערייען. די ערשטע מענסטרואַציע באַקומען מיט צען חדשים צוריק (אין עלטער פון זיבעצן יאָר), די צווייטע — דריי חדשים שפּעטער, ביים ערשטן און צווייטן מאָל — קליינע ביסלעך העל און שיטער בלוט. דערנאָך האָט די מענסטרו־

אַציע זיך שוין נישט איבערגעחזרט. אין פֿאַבריק אַרבעט די פּאַציענטין דרייצן שעה טעגלעך, איינמאָל ביינאַכט, איינמאָל בייטאָג. זי געניסט פֿון איין וואָך אורלויב, ווינטער־צייט. איר פֿאָטער איז געשטאָרבן מיט פֿינף יאָר צוריק אויף דיזענטעריע. די מוטער לעבט נאָך און איז ביז אַצינד געווען געזונט. לעצטנס קלאָגט זי זיך אפֿילו אויף אַ הוסט, נאָך וועלכן זי שפּייט מיט בלוט. די שוועסטער ליידט אויך אויף אַ הוסט. פֿונדעסטוועגן קאָן מען אויף זיכער נישט פֿעסטשטעלן קיין שווינדזוכט אין דער משפּחה.

די פּאַציענטין קלאָגט זיך אַצינד אויף אַ שטאַרקן הוסט מיט גרינעם לייכעץ, וואָס דויערט שוין אַזוי העכער אַ חודש. די קראַנקהייט האָט זיך אָנגעהויבן פֿון שוידערן, פֿיבער און קאָפּ־שווינדל. זי האָט שוין פֿריער לייכט געהוסט צוויי חדשים, די צאָל פֿון אויסגעטייטלטן לייכעץ פֿאַרגרעסערט זיך כּסדר, דערביי האָט לעצטנס דאָס לייכעץ אַן איבלדיקן ריח. די פּאַציענטין קלאָגט זיך אויך אויף אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג און שטאַרקן שוויצן ביינאַכט. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָט זי ביזן טאָג פֿון אָנקומען אין שפּיטאָל אַריין געאַרבעט, כאָטש דאָס הוסטן האָט זי שטאַרק געמאַטערט.

פֿריערדיקע קראַנקהייטן: אַן אַטאַק פֿון דיזענטעריע מיט דריי יאָר צוריק, דערנאָך, מיט אַ יאָר צוריק — געשווילעכץ פֿון די דריזן אין האַלז.

ד ע ר א י צ ט י ק ע ר צ ו ש ט אַ נ ד: נישט גענוגנדיקע דערנערונג, אַלגעמיינע שוואַכע אַנטוויקלונג. מאַנגל פֿון האָר־אָנוואוקס אין דער שויס און אונטער די אָרעמס. די ברוסטן זענען אַנטוויקלט ווי ביי אַ דרייצן־יעריק מיידעלע. די נעגל — ווי ביי אַ פּויקער. אַ לייכטע גרינקייט פֿון דער הויט אויפֿן פּנים און די קיילעכיקע קערפּער־טיילן.

ד ע ר ד י אַ ג נ אָ ז (אויפֿן גרונט פֿון די פֿיזיקאַלישע און רענטגענאָלאָגישע אונטערזוכונגען): שווינדזוכט פֿון דער

רעכטער לונג מיט אַ מיטלמעסיקער קאַווערנע אין איי־בערשטן פלאַט.

— צי קאָן מען איר העלפן ? — פרעגן מיר דעם דאָקטאָר.

— אין כינע ? ניין.

II.

די כינעזישע אינדוסטריע איז שוין אייגנטלעך אַרויסגע־וואַקסן פון די קינדער־שיכלעך, אָבער איר אַרבעטס־אַרמיי נאָך נישט. זי איז נישט אַרויסגעוואַקסן — אין פיזישער הינזיכט. אין פערציק פראָצענט באַשטייט זי פון קינדער, וועלכע, ווי מיר האָבן געזען פון דער קראַנקהייטס־קאַרטאָטעקע, גייען נישט אַרויס פון קינדער־עלטער אפילו דעמאָלט, ווען זיי זענען פאָרמעל פון אים שוין יאָ אַרויסגעטרעטן.

לאָמיר זיך דורכגיין איבער די זאַלן פון דער גרויסער שפינעריי. קליינע מיידעלעך זענען אייליק באַשעפטיקט ביי די שפין־מאַשינען, שפולער־רעדלעך, שפינדלעך. קיין איינס פון די קינדער זעט נישט אויס עלטער פון זעקס יאָר. אָבער מיר ווייסן שוין פון דער קליניק, אַז דאָס אויסערלעכע אויסזען נאַרט אָפּ. דאָרט האָבן די צוואָנציק־יעריקע אויסגעזען ווי דרייצן־יעריקע, מוזן די, וואָס זיצן דאָ ביי די מאַשינען און מאַכן דעם איינדרוק פון זעקס־יעריקע, שוין זיכער אַלט זיין צו עלף אָדער דרייצן יאָר.

מיט זייערע קליינע הענטעלעך באַווייזן זיי צו מאַני־פולירן יעדן פאָדעם, אַרויפצוזעצן ליידיקע שפינדלעך און אַראָפּנעמען פולע, נישט אונטערהייבנדיק זיך דערביי אויף די שפיץ־פינגער און נישט שטעלנדיק זיך אויף די פוסבענ־קלעך — די אַפּאַראַטור איז צוגעפּאַסט צו זייער וואוקס.

דאָס זענען מאַשינען פון ענגלאַנד. מיט דעם טריומף שטאָל־צירט די טעכניק לגמרי נישט, מיר האָבן נאָך גאָרנישט געלייענט וועגן קיין קינדערישע שפין־מאַשינען, אויף די קליינע מאַשינען געפינען זיך נישט קיין טאַבעלעס פון דער פירמע, וועלכע האָט

זיי פּראָדוצירט, בשעת אויף איטלעכער גרויסער מאַשין וואַרפט זיך עקשנותדיק אין די אויגן אַריין אַ טאַבעלע מיטן אויפשריפט "Asa Lees Oldham" אָדער מיטן נאָמען פון אַן אַנדערער ענגלישער פאַבריק.

— צי זענען די מיניאַטור־מאַשינען ספּעציעל דערפינדן געוואָרן פאַר כינע? — פרעגן מיר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט איינעם אַ פאָרשטייער פון די ענגלישע פאַבריקן.

דער ענגלענדער באַמיט זיך דאָס איילִיק אָפּצוליי‍קענען:

— גאָר פאַרקערט, די מאַשינען, צוגעפּאַסטע צום וואוקס פון אַ קינד, זענען אין משך פון צענדליקער יאָרן באַנוצט געוואָרן אין גאַנצן וועבער־קרייז פון לאַנקשיר. ווען די קינדער־אַרבעט אין גרויס־בריטאַניע איז פאַרווערט געוואָרן, האָט מען דידאָזיקע מאַשינען פּראָדוצירט פאַר אַמעריקע, פאַר ניי־ענגלאַנד און פאַר די נעגערישע דרום־שטאַטן. ערשט אַצינד ווערן זיי אַרויסגעפירט אין די קאָלאָניעס אַריין און קיין כינע.

עס איז אונז זייער אומאָנגענעם, וואָס מיר האָבן אומגעריכט חושד געווען ענגלאַנד, און מיר בעטן העפלעך אונז מוחל צו זיין.

III.

די זאַלן פון די שפּינערייען זענען לאַנג צו צוויי־הונדערט מעטער. אַ סך מאַשינען ווערן דער עיקר באַדינט דורך מיידלעך.

יינגלעך זענען דאָ באַשעפטיקט בלויז אַלס פאַרקערערס. דאָ טראָגן זיך כסדר אַרום שטיקלעך פאָדעם און אַ שטויב הענגט אין דער לופט, ווי אַ נעפּל, דאַרף מען אומאויפהערלעך קערן. יעדעס יִנגל קערט איינצייטיק מיט צוויי בעזעמס, שאַרנדיק מיט זיי צו זיך. דאָס אַזוי אַרום צונויפגעשאַרטע מיסט פּאַקט אַ צווייט יִנגל אַריין אין דער טאָרבע, וואָס איז אים אָנגעהאָנגען אויפן בויך, און טראָגט עס אַרויס.

דריי מאָל העכער פון יינגל, דעם פאַרקערער, איז דער

שטעקן פון בעזעם, וועלכן ער האַלט ווערטיקאַל; אין דער הייך, איבער דער נעץ פון טרייב־ראָד און די טראַנסמיסיע־פּאַסן זעצן זיך אָפּ שיכטן פון פעדעם־אָפּפאַל, וועלכע ווערן אַראָפּגעקערט, כּדי צו מאַכן אָרט פאַר נייע שיכטן.

די מענער אַרבעטן אין פּאַק־מאַגאַזין און אין דער עלעקטראָווניע, אויך אין די פאַבריק־ביוראָען זעט מען נישט קיין פרויען, אַפילו אין די ענגלישע פאַבריקן אין שאַנכיי; די קאָרעספּאָנדענץ מיטן היימלאַנד דערליידיקט די שטאָטישע ביוראָ, אין דער סיטי, ווייט פון די כינעזער.

צום מענער־פּערסאָנאַל געהערט די מונדירטע און ביז די ציין־באַוואָפנטע וואַך ביים פאַבריק־טויער; איר אַליאַרם־אינסטאַלאַציע און דיזשור־צימער געהערט מסתּמא צו דער מאָדערנסטער פאַבריק־אַפּאַראַטור.

דאָס פּערסאָנאַל פון די וועבערייען: פרויען. אַלטע, יונגע, מעוברתע. אמת, מען זעט אין די וועבערייען אויך קינדער, אָבער דידאָזיקע אַרבעטן נישט. וואָרים דאָס זענען נאָך גאָר פּיצעלעך, וואָס ליגן אין קוישן אונטער דער שער־מאַשין אָדער אונטער דער וועב־שטול; ווען מען דאַרף די קינדער זייגן, נעמען די מוטערס זיי אַרויס פון דאָרטן. דאָס געפינען זיך אין די פאַבריק־האַלעס איז פאַר די קינדער זיכער נישט איבעריק נוצלעך. דעריבער איז טאַקע פאַרבאָטן געוואָרן מיטצונעמען קינדער אין דער פאַבריק אַריין. מעגלעך, אַז די אמתע סיבה פון דעם פאַרבאָט איז געווען די השערה, אַז ערשטנס, אַרבעטן נישט די קינדער, און צווייטנס שטערן זיי די מוטערס אין דער אַרבעט.

די השערה נומער צוויי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט באַגרינדעט, די קינדער שטעלן מיט זיך נישט פאָר אין דער פאַבריק קיין שטערונג פאַר דער אַרבעט, די יונגע מאַמע באַדינט די וויקלערס און וועב־שיפלעך מיט טאָפּלטער אויפמערקזאַמקייט, ווייל אַ געלט־שטראָף, אָדער דערווייטערונג פון דער אַרבעט, וואָלט פאַראורטיילט נישט בלויז זי, נאָר אויך איר קינד, אויף אַ הונגער־טויט. דעריבער קוקן טאַקע די פאַבריקאַנטן דורך די פינ־

גער אויפן נישט אָפּהיטן דעם פאַרבאָט מיטצונעמען די קינדער אין פאַבריק אַריין. זיי האַלטן דידאַקטיקע האַנדלונג זייערע פאַר זייער הומאַניטאַר, פונקט ווי זיי פאַררעכענען זיך דאָס באַשעפטיקן די קינדער אַלס אַרבעטער פאַר וואוילטעטיקייט לגבי די פּראָלעטאַרישע משפחות, וואָס זייערע פאַרדינסטן וואָלטן אַנדערש נישט געקלעקט אויף צו קאָנען זיך אויסהאַלטן.

IV.

פערציק פּראָצענט פון די שאַנכייער און וואוהאַנער וועבער־אַרבעטער זענען קליינע מיידעלעך, פערציק פּראָצענט — פרויען און בלויז צוואָנציק פּראָצענט — מענער. די אויף ריווח־גיריקע אינדוסטריע האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצונוצן דעם רעליגיעזן אַבערגלויבן, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אין כינע. האָבן אַ זון — דאָס איז פאַר אַ כינעזער דער איינציקער זין פון לעבן און טויט, וואָרים וואָס פאַר אַ זין וואָלט געהאַט דער טויט, ווען ס׳וואָלט אויף דער ערד נישט געבליבן קיין מענלעכער נאָכפאָלגער, וואָס זאָל אַמאָל עפּעס מנדב זיין פאַרן גייסט פון די אבות ?

אַ טאָכטער אָבער איז גאָרנישט. אין די געגנטן, וואו עס האַלט אָן דער הונגער, ווערן די ניי־געבוירענע מיידעלעך געוואָרפן פאַר די הינט. אויב מען קאָן פאַרקויפן אַ מיידעלע אַלס שקלאַפין, האָט זי נאָך עפּעס אַ ווערט. דער שקלאַפן־האַנדל בליט. צומיינסט גייט ער אָן לעבהאַפט אין האָנגקאָנג, דער בריטישער מלוכה־קאָלאָניע, און וויפיל מאָל מען זאָל נישט אינטערפּעלירן דעם קאָלאָניאַל־מיניסטער אין דעם ענין, ענטפערט ער אַלץ אין פאַרלאַמענט, אַז די קליינע שקלאַפינס זענען אויסשליסלעך געקויפט געוואָרן אַלס דינסטן.

דער אָפענער האַנדל מיט קינדער פאַר די צילן פון פּראָסטיטוציע איז אויפן סדר־היום. אויף די זייטיקע גאַסן פון די גרויסע שטעט טויכן אויף אין אָוונט־ליכט אייגנאַרטיקע גרופּעס : אַ מאַטראָנע אין בלויע הויזן, און לעבן איר, אויסגעשטעלט לויט,

דער וואוקס, אירע שקלאַפינס, אין העל־בלויע אַטלעסענע קיטלען, גרויסע און קליינע. בשעת די פרוי פאַרטשעפּעט יעדן דורכגייער, לויבנדיק איר „סחורה", פאַרהאַלט זיך די „סחורה" פולשטענדיק גלייכגילטיק. אויפן לינקן פליגל שטייען קינדער; זיי פאַרהאַלטן זיך אויך אַפּאַטיש, ווען דער אַמאַטאָר אויף תענוג טאַקסירט זיי, און ווען איינס פון זיי ווערט אויסגעקליבן, שפּאַנט עס ערנסט פאָרויס דעם גאַסט דורך געסלעך און הייפלעך צום טעמפּל פון ליבע.

אַ געוויסע קאַטעגאָריע איינקויפער פון קינדער אַרבעט פאַר דער אינדוסטריע. זיי קויפן אַ פּאַרטיע קינדער, גיבן זיי נאַכט־לעגער און אַ שיסל רייז אויפן וועג אין דער פאַבריק אַריין. פאַרן אָנהייבן דעם אַרבעטס־טאָג פאַרפּאָרט פאַר דער שפּינערײַ יאַנגט־טסעפּאָ, אַ קולי. ער ברענגט מיט זיך אַ טוץ קינדער, צו זעקס אין ביידע זייטן פון זיין איין־רעדערדיק וועגעלע. די פאַרדינסטן פון די קינדער געהערן צו זייערע אייגנטימער.

אין די גרויסע שטעט פאַרקויפן די קוליס כמעט קיינמאָל נישט זייערע קליינע טעכטערלעך, ווייל אויך זיי מוזן פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן די פאַמיליע. ביי אַ פולער אַרבעטס־וואָך פאַר־דינט אַ קולי, וואָס איז באַשעפטיקט אין פאַבריק, אין פּאָרט, אָדער שלעפּט אַ ריקשע, פון צען ביז זעכצן זילבערנע דאָלאַרן חודשלעך, בשעת דער עקזיסטענץ־מינימום פון אַ קינדערלאָזן פאָר־פאָלק מאַכט אויס, לויט די פאָרשונגען פון סטאַטיסטישן אַמט, אַכצן זילבערנע דאָלאַרן, פון אַ פאַמיליע מיט דריי קינדער — 21.30. מוזן דעריבער נישט בלויז די פרוי, נאָר אויך די קינדער אַרבעטן, כדי צו דערגרייכן על־כל־פּנים דעם אָרימען לעבנס־ניוואָ.

דער נידעריקער לוין פון די דערוואַקסענע איז איינצייטיק די סיבה און דער פועל־יוצא פון דער קינדער־אַרבעט.

V.

אין יאָר 1919 האָבן די כינעזישע פאַבריקאַנטן געהאַט אין

כינע 889.000 און די יאַפּאַנער 333.000 שפּינדלעך, הײַנט דרייען זיך אין שאַנכײַ און וואוהאַן 2.499.000 כינעזישע, 1.821.000 יאַפּאַנישע און 178.000 ענגלישע שפּינדלעך.

דער אַנטי־יאַפּאַנישער באָיקאָט איז אָפּטמאָל גערירכטעט קעגן די סחורות, וואָס זענען פּראָדוצירט געוואָרן פון כינעזישן באַוול, אויף כינעזישער ערד, דורך כינעזישער אַרבעטס־קראַפט. בלויז די אַקציאָנערן זענען יאַפּאַנער, און צו זיי געהערן די דיווידענדן.

VI.

פיר און אַ האַלבער מיליאָן שפּינדלעך. די קינדער נעמען אַראָפּ, זעצן אַרויף די שפּינדלעך און גיבן אַכטונג, דער פאָדעם זאָל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אָדער גאָר איבעררייסן, אין דעם פאַל בינדן זיי אים צונויף מיט זייערע קליינע פינגערלעך. דאָס ענגלישע שפּין־רעדל פאַרלײַכטערט פאַר די קינדער די אַרבעט.

מיט שטאָלץ טראָגן טייל מיידעלעך די געלע באַנד, דעם צייכן פון די דיזשורנעס. די קינדער, וואָס פירן אויס די פונקציע פון אויפזיכטס־פּערסאָנאַל, זענען נישט ווייניקער שטרענג ווי די דערוואַקסענע אויפזעער, פרייען זיך מיט זייער מאַכט און גיבן איבער מיט דער שטרענגסטער ריקזיכטסלאָזיקייט וועגן די קלענסטע פאַרנאַכלעסיקונגען פון זייערע חברטעס, טיילווייז, כדי אונטערצושטרייכן די אייגענע העכערקייט, טיילווייז, כדי זיך נוקם צו זיין אָן אַ קליינער חברטע, וואָס האָט נעכטן אַלס דיזשורנע געמסרט אויף דער הײַנטיקער דיזשורנע.

די דערוואַקסענע ווייסן גוט ווי אַזוי אויסצונוצן דידאָזיקע קינדערישע אינטריגעס. נישט בלויז אין די פאַבריקן. פאַר די באַרן און מאַטראָסן־קנייפּעס אין שאַנכײַ שטייען גאַנצע נעכט כינעזישע יינגלעך אין קאָלירטע ליווריען. זייער אַמביציע ווערט נישט געשטילט דורך עפענען אַ טיר אָדער דורך דער ראָל פון אַ רעקלאַמע־פיגור, העלפן זיי צו די פּאָליציאַנטן פייניקן די ריקשע־קוליס. ווען אַ גאַסט גייט אַרויס פון אַ באַר וואַרפן זיך אויף אים מיט

זייערע וועגעלעך די פֿאַרזאַמלטע מענטשן־פֿערד, וואָס וואַרטן שוין לאַנג אויף דער מינוט, — זיי לאַדן־איין, זיי בעטן זיך, עס גייט דאָך אין אַרבעט, אין פֿאַרדינען צוואָנציק גראָשן. וואָסער באַדייטונג האָט פֿאַר אַן אָרימען קולי דער פֿאַרבאָט אַרויפֿצופֿאָרן אויפֿן טראָטואַר, וואָס אַרט אים, וואָס דער פּאָליציאַנט באַלייגט אים מיטן שטעקן? די קליינע באָיס נוצן מיט באַגייסטערונג אויס די מעגלעכקייט צוצוהעלפֿן די תּלינים. זיי לאַכן פֿריילעך און שלאָגן די קולים מיט שטעקנס איבערן קאָפּ, קאָפּען זיי אין בויך אַריין, קערן איבער די ריקשעס, רייסן אַראָפּ די רעדער, ביז — אַ סצענע פֿון דערנידערונג — אַ דערוואַקסענער כינעזער אין אַן אַרבעטסבלוזע קניט פֿאַר אַ כינעזיש קינד אין אַ פּאַפּוגיי־ליווריע און, אויסשטרעקנדיק די ציטערנדיקע הענט, בעט ער רחמנות.

אָבער מיר געפֿינען זיך דאָך אין אַ וועבעריי־פֿאַבריק, ביי לעבנסלענגלעכע פֿאַראורטיילטע. דער באַגריף פֿון לעבנסלענגלעכער תּפֿיסה איז דאָ בוכשטעבלעכער ווי אין די שטראָף־קאָדעקסן: דאָס ניי־געבוירענע קינד ליגט אונטערן וועבער־וואַרשטאַט, דאָס שוועסטערל שטייט ביים שפּינדל, די מוטער אַרבעט ביים וויקלער, די באָבע נייט צונויף די באַלן. דאָס איז דער וועג פֿון דיין לעבן, קינד, לויט די געזעצן, וואָס רעגירן מיט דיר.

דאָ וועלן דיינע באַקן פֿאַרוועלקן, די אויגן זיך אָננעמען מיט אומעט, די פֿיס אָפּגעשוואַכט ווערן, אין דעם זאַל, אין וועלכן עס רוישן די שפּינדלעך, קלאַפּן די וויקלערס, אין וועלכן די לופֿט איז אָנגעזאַפּט מיטן שטויב פֿון פֿלאַקס־אָפּפֿאַל. די באַוועגונג פֿון דער האַנט, וואָס מען וועט דיך אויסלערנען אין ערשטן טאָג, וועט זיין די באַוועגונג פֿון דיין לעצטן טאָג, חוץ דעם וועסטו דיך גאָרנישט אויסלערנען און גאָרנישט איבערלעבן.

שול און פֿאַרווײַלונג זענען נישט פֿאַר דיר, קינד, וואָס וועסט קיינמאָל קיין קינד נישט זיין, נישט פֿאַר דיינע קאָלעגן־שילער, וואָס וועלן קיינמאָל קיין שילער נישט זיין, נישט פֿאַר דיינע שפּיל־חברים, וואָס וועלן זיך קיינמאָל נישט שפּילן.

VII.

צוועלף ביז פערצן שעה טעגלעך אַרבעטן די קינדער, אָן מיטאָג-איבעררייס. אויף קיין רגע הערן נישט אויף זיך דרייען די שפּינדלעך, אפילו דעמאָלט, ווען די פּאַרטיע קינדער גייט צום קעסל נאָך די קיישעלעך רייז פאַר זיך און זייערע חברטעס. בשעת זיי עסן, רייסן זיי נישט אָפּ די אויגן פון די שפּין-רעדלעך, וואָס דרייען זיך, פון די רעמען, וואָס הייבן זיך אויף און פון די פּע-דעם, וואָס לויפן. שטיקלעך פּאָדעם און שטויב פאַלן אויף די שטעקעלעך צום עסן און זעצן זיך אָפּ צווישן די רייז-קערנער.

פאַר מיטאָג און מיטאָג-צייט האָבן נאָך די קינדער נישט אַזעלכע רעזיגנירטע מינעס, ווי די דערוואַקסענע. זיי מאַכן פריי-לעכע העוויות, און די אַרבעט איז פאַר זיי אַ פאַרווייַלונג. אָבער ס'איז גענוג אויף זיי אַ קוק צו טון אָוונט-צייט: די קרימלעכע אויגן לענען זיך צונויף, די פאַרמאַטערטע פיסלעך וויגן זיך. נישט נאָך פאַווייַלונג גאַרן די קינדער, נאָר נאָך אָפּרו און מנוחה. אָפּרו? די פאַבריק צאָלט נישט דערפאַר, אַז אַ גרויסער אָדער קליינער אַרבעטער זאָל זיך אָפּרוען בשעת דעם אַרבעטס-טאָג.

דער לוין פון די קינדער ביז פופצן יאָר מאַכט אויס אין די גרויסע שאַנכייער וועבערייען *45* (ווערטלעך: פינף און פערציק) גראָשן, אין די זייד-שפּינערייען *12* (ווערטלעך: צוועלף) גראָשן טעגלעך.

VIII.

אין די שאַנכייער זייד-שפּינערייען גייען די וועכטער אַרום מיט שטעקנס איבער דער האַלע, כּדי שטרענג צו באַשטראָפן יעדע פאַרנאַכלעסיקונג.

די קינדער ווייקן די קאָקאָנען אין די רעזערוואַרן קאָכע-דיק וואַסער; זייערע הענטלעך זענען אָפּגעבריט, וואָרים זיי האָבן נישט נישט קיין גומענע הענטשקעס, נישט קיין לעפל אַרויסצו-

נעמען די קאָקאָנען, אין הייסן דאַמף, וואָס זעצט זיי אין די אויגן אַריין און רייסט זיך אַריין אין די לונגען, זוכן זיי די עקן פעדעם און דערלאַנגען די קאָקאָנען די פרויען. די פרויען בינדן צונויף צו זעקס פעדעם און וויקלען זיי אויף אויף די וויקלערס, וואָס ווערן געטריבן אין באַוועגונג דורכן פיס. איין קינד באַדינט צוויי פרויען. איין פרוי וויקלט אָפּ דרייסיק קאָקאָנען מיט אַמאָל, אויף פינף וויקלערס צו זעקס פעדעם אויף איטלעכן.

דאַמף, היץ און שווייס-געשטאַנק. קיין ווענטילאַציע איז נישטאָ. אַ מאַן דרייט זיך אַרום מיט אַ שטעקן איבערן זאַל, אַכטונג געבנדיק, עס זאָל נישט פאָרקומען קיין קלענסטער איבעררייס אין דער אַרבעט.

XI.

אָן באַגרענעצונג און אָן באַלוינונג אַרבעטן די קינדער אין די היימישע וואַרשטאַטן פון זייערע עלטערן, פאַר דעם אָבער ווערט דער טעמפּאָ פון דער אַרבעט דאָ נישט רעגולירט דורך קיין מאַשין און אויך נישט דורך קיין פרעמדן מענטש מיט קיין שטעקן. פון די פּאַטריאַרכאַלע אַרבעטס-באַציִונגען האָט זיך אַנטוויקלט די קינדער-אַרבעט אין דער גרויס-אינדוסטריע. אַצינד, ווען דער פּעריאָד פון פרימיטיווער קאַפּיטאַל-אַקומולאַציע געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט, וואָלטן אירע מערדערישע מעטאָדן געקאָנט ליקווידירט ווערן, ווען — ווען נישט דאָס, וואָס נאָך סון-יאַט-סענס טויט זענען די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּעסיאָנעלע פאַריינען דורך דער תּלינישער שווערד און רעוואָלווער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קופּע טויטע.

די איניציאַטיוו פון דער הייך? לאָמיר הערן! די שאַנכייער קאָמיסיע פאַר קינדער-אַרבעט האָט אין איר באַריכט פון 9-טן יולי 1924 פאָרגעלייגט דעם שטאָטראַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָלאָניע צו פאַרווערן די פאַבריק-אַרבעט פון קינדער יינגער פון צען יאָר, צו באַגרענעצן די קינדער-אַרבעט יינגער פון פערצן

יאָר אויף צוועלף שעה אין מעת-לעת און אָנערקענען איין יום-
טוב-טאָג אויף יעדע צוויי וואָכן. זי האָט אויך אָנערקענט פאַר
אומגעוואוינטשן, אַז די קינדער זאָלן אַרבעטן אין באַדינגונגען, וואָס
זענען שעדלעך פאַרן געזונט און וואָס היטן נישט אין אַ גענוגנדי-
קער מאָס די זיכערקייט ביי דער אַרבעט.

גאָט איז אַן עדות, אַז די איניציאַטיוו איז אַ גאַנץ באַשיי-
דענע. אָבער אויך די איניציאַטיוו איז באַגראָבן געוואָרן דורך די
אויסלענדישע מאַכטהאָבער פון שאַנכיי. אויף דער אויסערגעוויינט-
כער פאַרזאַמלונג פון די קאָלאָניע-בירגער, וואָס האָט געדאַרפט
באַשטעטיקן דעם פּראָיעקט פון דערדאָזיקער רעפאָרם, האָבן צום
קוואָרום, וואָס איז נייטיק פאַר אַ רעכטלעכער אָפּשטימונג,
געפעלט צוויי און דרייסיק געמיינדע-מיטגלידער. די ענגלישע ציי-
טונגען האָבן צוזאָרגנס צו דער ידיעה וועגן דער נישט דורכגע-
פירטער פאַרזאַמלונג גאַנץ אָפן צוגעגעבן דעם קאָמענטאַר, אַז די
מערהייט צאָלער האַלטן זייער אָפּוועזנהייט אויף דער פאַרזאַמלונג
פאַרן פשוטסטן מיטל, וואָס מאַכט אוממעגלעך אָנצונעמען די באַ-
שלוסן אין ענין פון באַריכט פון דער קאָמיסיע פאַר קינדער-אַרבעט.

אַזוי פאַרענדיקט זיך דער באַריכט וועגן די סאָציאַלע באַ-
ציִונגען אין שאַנכיי.

„דאָס פּנים פֿון סאָוועט-אַזיע״

אַ קרייז אין פּאַמיר

אויפן שטח פון דער ראַטן־רעפּובליק טאַדזשיקיסטאַן איז נישט געווען קיין באַן, כּל־זמן ס'איז נישט געווען די ראַטן־רעפּובליק טאַדזשיקיסטאַן.

פון גאַרם, דעם ווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן און סטראַטעגיש־וויכטיקן קרייז אין די בערג, האָט מען געמוזט פאָרן רייטנדיק אַכט־צען טעג, כּדי צוצוקומען צו דער באַן־סטאַציע, און דערנאָך הייסן וואַרטן דעם חבר מיטן פערד, אַזש ביז דעם טאָג, ווען מען איז ווידער צוריקגעקומען קיין פערגאַן אָדער טערמעס. דער וועג קיין פערגאַן, דער רעזידענץ־שטאָט, האָט געדויערט אַ חודש צייט. דאָס אַלץ הייסט: מען איז לחלוטין נישט אַרויסגעפאָרן, מען איז געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט.

אַצינד פליט צוויי מאָל אין טאָג אַן אַעראָפּלאַן, 50 מינוט קיין סטאַלינאַבאַד, דער נייער רעזידענץ־שטאָט (אויסמיידנדיק די אויטאָבוסן־קאָמוניקאַציע), און פון דאָרט קאָן מען פאָרן וואוהין עס גלוסט זיך, אויב מען האָט נאָר געלט און אַ פּאַס. ליקווידאַציע פון די אייביקע מדבריותן אויף אייביקע צייטן.

מיר זענען אַרויסגעפלויגן פון סטאַלינאַבאַד ביים גאַרם, וואָס אַן אמת, נישט צוליב וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע אָדער סטראַטעגישע צילן פון דעם קרייז אין די בערג, נאָר ווייל די יולי־היץ פון די טאַדזשיקיסטאַנער טאָלן איז געוואָרן אַלץ מאַטערנדיקער, אַזוי ווייט, אַז זי האָט אין די נעכט זיך געוואָרפן צו אונז אין די בעטן אַריין, אַראָפּגעוואָרפן פון אונז די העמדער

און אונז אַרייַנגענומען אין אירע פלאַמענדיקע אָרעמס. אין די בערג, אין שאָטן פון פּאַמיר!

וועגן איבערפליען קאָן מען זאָגן דאָס, וואָס עס וואָלט געזאָגט מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל די פירשטין מאָנאַקאָ, פון הויז היינע פון האַמבורג (אַך, איר פעטער, היינריך, האָט שוין נישט דערלעבט איר חתונה): „מיין לאַנד איז קליין, אָבער דערפאַר איז עס הויך!" די פלי-ליניע סטאַלינאַבאַד-גאַרם איז טאַקע נישט מער ווי צוויי הונדערט מעטער לאַנג, אָבער הויך, דריי טויזנט מעטער הויך.

לכתחילה באַוועגט זיך דער אַעראָפּלאַן אין אַ נאָרמאַלער ספערע, איבערן טייך קאַפירניגאַן און דער אויטאָבוסן-ליניע, כסדר אין דער ריכטונג פון צפון-מזרח איבער דערפער און בערגלעך, אויף וועלכע עס פּאַשען זיך סטאַדעס — דאָס לאַנד פון באַנוול איז איינצייטיק אויך דאָס לאַנד פון שעפּסן-וואָל. וואו נאָר מיר זענען געזעסן, געלעגן, געגאַנגען אָדער געפאָרן, האָבן זיך דעריבער געפּאַשעט באַראַנעס און שעפּסן אָפט מיט שפּיציקע מאָרדעס, געדרייטע הערנער, טיילמאָל שוואַרצע, טיילמאָל געלע, מערסטנטייל שניי-ווייסע, שוואַרצע מיט ווייסע אויערן, אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט שפּיציקע בערדלעך ווי זייערע קירגיזער פּאַסטוכער, אַלע פאַרשידן צווישן זיך, נאָר אַלע, אַלע מיט וויגנדיקע, זיך טרייסלענדיקע הינטנס, וואָס זעען אויס נאָך מער גראָטעסק, ווען דער שעפּס איז געשוירן. מיר זענען אָפט געשלאָפן אויף שעפּסן-מיסט, אָפט פון קורצן שלאָף געוועקט געוואָרן דורך אַ בעטשען, אָבער מיר האָבן זיך אויך נוקם געווען: מיר האָבן אויפגעגעסן אַ סך פּילאַוו און אַ סך שאַשליק.

נאָך דער שטאָט אָביגאַרם, וואָס געפינט זיך פּונקט אין האַלבן וועג, באַווייזט זיך דער וואַכש, נישט ווי אַ טייך, נאָר ווי אַ שמאָל פּאַסיקל. דאָ דערנענטערן מיר זיך שוין זיכער צום סופּיט פון דער ערד, הייבן זיך אויף איבער די וואָלקנס, וואָרים אַנדערש, וואָלטן מיר זיך צונויפגעשטויסן מיט די בערג.

דאָס ווייזערל פון הויך-מעסטער באַוועגט זיך שנעלער פּאָ-

יוים ווי דאָס סעקונדע־ווייזערל פון זייגער. מיר פליִען איבער שיפּועים, כסדר פּאַראַלעל צו באַרגיקייט, כסדר קרום; אין דעם גרויען תהום אונטער אונז האָט קיינער נישט אַריינגעקוקט, כּל־זמן ס׳האָבן נישט אָנגעהויבן זייער וועג די אַעראָפּלאַנען: די פעלזן־שיכטן און פעלזן־אָדערן זענען דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן זען. אין די אָאַזן פון די פעלזן־מאַסן הענגען הייזעלעך, זיי זענען גע־בויט שוועבנדיק, איינס דערהאַלט די גלייכגעוויכט אויף די פלייצעס פון צווייטן, דאָס שמאָלע שטעגעלע פירט איבערן תהום; אין דער קווער פון אַעראָפּלאַן זעט דאָס אַלץ אויס נאָך וואונ־דערלעכער.

די אָרגיעס, צו וועלכע עס האָט אונז געגייט די הייך — דאָס אַרויסשפּרונגען — טרינקען — די קאָמפּרעסן אויפן קאָפּ — די שפּריצן — דאָס לייגן זיך — דאָס שוויצן — שוויצן, כסדרדיקע אויסטיילן פון שווייס — דאָס אַלץ האָבן מיר נאָך געפילט אין אונ־זערע גלידער, כאָטש מיר האָבן געזען שוין שניי, נאָענט פון אונז גלעטשערס, אַזוי הויך זענען מיר געווען.

אָבער מיר פליִען נישט צו זיי, מיר לאָזן זיך אַראָפּ אויפן פלי־פּלאַץ אין גאַרם. פּאַסאַזשירן וואַרטן שוין זיך אַריינצוזעצן און פליִען אַהין, פונוואַנען מיר זענען געקומען. ווי ערגעץ אַנדערש די אָמניבוסן ביי די וואָקזאַלן, אַזוי וואַרטן דאָ אויף די געקומע־נע — פערד. דער ברעג פון וואַכש איז אַ משופּעדיקער פעלז, דורכגעשניטן פון אַ גרענעצלאָזן שמאָלן וועג. פון רוקן פון אַ פערד זעט דער וואַכש נישט אויס ווי אַ שמאָל שטראָמיקל, נאָר ווי אַ צעבושעוועטע חיה, וואָס ברומט גיריק אויף איר רויב, אויף אונז. מיר זענען טאַקע הויך, אָבער דער פעלז איז שיף און דער וועג שמאָל, די זשוקעס זשומען אַרום די פערד, וואָס קאָפּען מיט די פיס און שפּרונגען אונטער. וואָס פאַר אַ זיכער לאָקאָמאָציע־מיטל עס איז פונדעסטוועגן דער אַעראָפּלאַן!

יאָ, דאָ איז גאַרם. דאָ איז קיל און שיין אין יולי, אויפן באַרג־רוקן פון פּאַמיר, אונטערן „דאַך פון דער וועלט“. מיר זוכן אויף די יונגע טאַדזשיקן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַקענט

אין סטאַלינאַבאַד און וועלכע האָבן אונז געראַטן צו אַנטלויפן צו זיי פאַר דער היץ. ערשט מיט צוויי שעה צוריק זענען מיר אַריינגעזעסן אין אַעראָפּלאַן און כמעט דערגרייכט די סטראַטאָספערע, דורכגעפאָרן אויף דעם שוועבנדיקן פערד, אַרומגערינגלט פון אַ וואָלקן אינזועקטן, לענגאויס אַ תהום מיט אַ שטראָמענדיקן טייך, און אַצינד פאַרשעלטן מיר די פּאָזיציע, אין וועלכער מיר מוזן, לויטן אָרטיקן מנהג, פאַר איינעם פון די הייזער אויפן מאַרק-פּלאַץ אין גאָרטן טרינקען טיי; פאַרבויגענע פיס זענען נישט קיין באַקוועמע פּאָזיציע פאַר אַ מענטש, וואָס זיין פּעטלייביקייט האָט נאָך, אַפילו אין די פאַרנע נעכט פון מיטל-אַזיע, נישט פאַרלוירן די נשמה.

„די אַלע נייע בנינים, חבר, וואָס דו זעסט דאָ, האָבן אויפגעבויט די סאָוויעטן. און דער סאָוויעטישער רעזשים הערשט דאָ ערשט צוויי יאָר“.

„צוויי יאָר? איך האָב געמיינט, אַז דער עמיר איז אַנטלאָפן מיט עלף יאָר צוריק — ווער-זשע האָט דאָ פריער רעגירט?“

„שטיי נישט, חבר, פּאַס דיך צו צום אָרטיקן מנהג. זעץ דיך לעבן אונז אויף דער ערד און הער אויס די געשיכטע פון איין קרייז אין פּאַמיר, איידער דו וועסט אים באַקוקן.

די ערשטע ראַטן זענען דאָ אויסגעקליבן געוואָרן אַ סך שפּעטער ווי ערגעץ אַנדערש און זיי האָבן אָנגעפירט מיט אַלע עניינים פון קרייז. ווער זענען פונדעסטוועגן געווען די אויסגעקליבענע און זייערע געהילפן? דאָס זענען געווען די אַמאָליקע באַאַמטע פון עמיר און פון צאַר — פון היינטיקן גאַרמער קרייז האָט די גרעסטע טייל געהערט צום עמיראַט און איז רעגירט געוואָרן דורך צוויי בעיען. זיי האָבן געוואוינט אין קאַראַי-טאַגאַן און אין דאַרוואַס. אַ טייל פון גאַרמער קרייז האָט געהערט צו רוסלאַנד, צום שטח פון פּאַמיר.

אַפילו שוין נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די אַמאָליקע פּאָטענטאַטן געהאַט גענוג איינפלוס, צו הייסן אויסקלויבן זיך אָדער זייערע פאַרטרויאונגס-מענטשן. זיי האָבן דערלויבט די גרויסע באַ-

זיצער צו באַלעבאַטעווען לויט אייגענעם איינזען, האָבן געמשפּט נישט לויט די סאָוויעטישע געזעצן, נאָר לויט שאַריאַט און אונטערגעדריקט דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי פריער.

אין פרילינג פון יאָר *1929* זענען דאָ אַהערגעקומען פון אַפגאַניסטאַן די באַשמאַקן אונטער דער אָנפירונג פון פוסאַיל מאַקסום. זיי האָבן באַזעצט אַלע דערפער פון קרייז. די קולאַקעס האָבן זיי אין אַלעם צוגעהאָלפן, ווייל די פאָרשריפטן וועגן קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס האָבן געזאָלט אַ סוף מאַכן צו זייער מאַכט, זענען שוין פאַרעפנטלעכט געווען. אויך די מוללאַס זענען געווען אויף דער זייט פון די רויבער.

די מיטעלע ערד־באַזיצער, קליינע ערד־באַזיצער און ערד־אַרבעטער האָבן נישט געקאָנט אויפשטיין קעגן די אוזורפּאַטאָרן, ווייל די „מאַכט" האָט זיך פאַרהאַלטן נייטראַל, און „די רויטע שטעקנס", די פויערישע פאַריינען פאַר דער באַשיצונג קעגן די באַשמאַקן, האָבן נאָך נישט עקזיסטירט. פאַרקערט, פוסאַיל מאַקסום האָט אָן שטערונגען דורכגעפירט אַ רעקרוטירונג און צענפאַך פאַרגרעסערט זיין באַנדע.

ערשט ווען ער האָט זיך געוואָלט אַ רוק טון אין דער ריכטונג פון צפון, איבער דער גרענעץ גאַרם קעגן פערגאַן, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף באַוואָפנטע קעגנער און זיין אַרמיי איז פאַרניכטעט געוואָרן. ער אַליין איז פריער אַנטלאָפן קיין כאַס־טאַו, דער געמיינדע, וואָס געפינט זיך אין די בערג; דאָרט איז ער רייך אויפגענומען געוואָרן און זיך פאַרהאַלטן עטלעכע טעג, און זיינע פאַרפאָלגער זענען דורך די בערג־לייט פאַרפירט געוואָרן אין אַ פאַלשער ריכטונג. צום סוף איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן קיין אַפגאַניסטאַן — איז אַצינד אַן אייגנטימער פון אַ קרעטשמע אין דער פאָרשטאָט פון קאַבול.

נאָכן אַוועקגיין פון די באַשמאַקן איז אין גאַרם איינגעפירט געוואָרן אָרדענונג, די אַלטע מאַכטהאָבער זענען אַראָפּגעזעצט געוואָרן, עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן אמתע ראַטן, ס'איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן די פאַרטיי אין דער יוגנט־פערבאַנד.

אין אָנהייב פון אַפּריל זענען אָנגעקומען אין אונזערע קאַנטן עטלעכע באַנדעס פון איבראַהים בעג. זייער הערשט איז געווען מוללאַ שעריף. זיי זענען געווען שטאַרקער פון פוסאַיל מאַקסומס באַנדעס און אַ סך בעסער באַוואָפנט, זיי האָבן אפילו געהאַט האַנט-גראַנאַטן. אַלס אָפּעראַציע-פונקט האָבן זיי זיך אויסגעקליבן כאַס-טאַו, וואָס זיי האָבן נאָך פון פוסאַיל-מאַקסומס צייטן געקענט אַלס פרייַנטלעך געשטימטע פאַר די באַשמאַקן. זיי האָבן אויפגעריסן די בריקן, כדי זיך צו באַוואָרענען פאַרן סאָוויעטישן קעגנער. אָבער די סיטואַציע האָט אין משך פון די צוויי יאָר זיך געענדערט. די פויערן האָבן זיך פאַרייניקט, זענען אַרויסגעטרעטן קעגן די באַנדעס און זיי אָפּגעשטויסן ביז נאָכן פיאַנדעש, וואו אַ העלפט באַשמאַקן זענען דערטרונקען געוואָרן, צווישן זיי פוסאַיל מאַקסומס ברודער, און וואָרשייַנלעך אויך זייער פירער מוללאַ שעריף.

די לעצטע באַנדע איז דאָ דורכגעגאַנגען מיט דריי וואָכן צוריק, שוין נאָכן אַרעסטירן איבראַהים בעגן, שוין נישט כדי צו רויבן, אונטערצוזינדן און חרוב מאַכן... נאָר אַנטלויפנדיק. אַכט טעג האָבן זיי זיך געוואַלגערט אין אונזער קרייז, קיינער האָט זיי נישט געשפייזט, קיינער האָט זיי נישט אָנגעטרונקען, זייערע פערד האָבן נישט געהאַט קיין פאַשע. זיי האָבן נישט געוואַגט אַרייַנצוקומען אין דאָרף, בלויז ווען זיי האָבן געטראָפן עפּעס אַ פויער, האָבן זיי זיך געהייסן ברענגען שפייז אין די בערג אַריין. נאָר אָנשטאָט שפייז זענען אָנגעקומען „די רויטע שטעקנס" און די באַנדיטן האָבן עוקר געווען. דאָס איז די געשיכטע פון גאַרם".

„צוליב וואָס האָט זיך אַזוי געענדערט די שטימונג פון דער באַפעלקערונג?"

„שטיי נישט, חבר, פּאַס דיך צו צום אָרטיקן מנהג, זעץ דיך לעבן אונז אויף דער ערד און הער אויס וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון איין קרייז אין פּאַמיר, איידער דו וועסט אים באַקוקן.

פאַר דער רעוואָלוציע האָט אַ פירט-חלק פון דער ערד זיך געפונען אין די הענט פון די גרויס-באַזיצער, כמעט 5.000

ווירטשאַפטן האָבן געהערט צו די מוללאַס און באַאַמטע. דער עמיר האָט זיי נישט געצאָלט קיין פּענסיע, פאַרקערט זיי האָבן אים געצאָלט שטייער. ס׳האָט עקזיסטירט אַ געוויסע פאָרם פון האַלב-אונטערטעניקייט: דער בעי אָדער מוללאַ האָט באַשטימט אַ געוויסע צאָל פּויערן, וואָס האָבן געמוזט באַאַרבעטן זיין פעלד, אָדער דינען אין זיין הויז.

אַצינד איז די ערד איינגעטיילט, באַאַרבעטע איז דאָ 107.000 העקטאַר אָנשטאָט די 40.000 פון פאַר דער רעוואָלוציע. אמת, עס זענען נאָך דאָ קולאַקעס, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט מער ווי צוויי מאָל אַזוי פיל ערד ווי אַ מיטעלער ערד-באַזיצער. דער שטאַנד פון די בהמות האָט זיך געהעכערט אויף 40-50 פּראָצענט און זיי געהערן צו די פּויערן, בשעת פריער האָט די גאַנצע סטאַדע געהערט צו די בעיען.

אין די צייטן פון עמיר זענען כמעט 15.000 מענטשן גע- נייט געווען יערלעך צו עמיגרירן פון קרייז, זיי זענען געפאָרן קיין פערגאַן, בוכאַרע אָדער טאַשקענט, וואו זיי האָבן געאַרבעט ביי די וועבערס אָדער אויף די באַנוול-פעלדער. אין עטלעכע יאָר אַרום זענען אַ סך פון זיי צוריקגעקומען, מיטברענגענדיק מיט זיך די רעוואָלוציאָנערע אידעען. נאַסראַטוללאַ מאַקסום, דער פאָר- זיצער פון צ י ק (דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק) שטאַמט אויך פון אונזער קרייז.

אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען איז דעמאָלט געווען ווייניק, כמעט נאָר דאָס, וואָס די צוריקגעקומענע האָבן געברענגט מיט זיך. אין פערגאַן האָט מען גענומען צאָל פון אַלע סחורות, וואָס גייען צו אונז אויף דרום. דידאָזיקע צאָל-ביכער געפונען זיך ביי אונז: מען קאָן פון זיי געוואויר ווערן, אַז דער יערלעכער אַריינ- פיר פון אינדוסטריע-אויסאַרבעטונגען האָט באַטראָפן פון איין רובל ביז אַ רובל מיט צען קאָפּיקעס אויף אַ קאָפּ. די אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען, וואָס זענען פאַרקויפט געוואָרן אין דער צייט פון סאָוויעטישן רעזשים אין די קאָאָפּעראַטיוון, אַנטשפּרעכן דעם ווערט פון 65 רובל אויף איין איינוואוינער. אין דעם יאָר דאַרף

געהעכערט ווערן דער קאָנטיגענט פון סחורות ביז *100* רובל אויף אַ קאָפּ — בלויז די טראַנספּאָרט־באַדינגונגען דערלויבן אונז נישט צו ברענגען אין לאַנד אַריין נאָך מער סחורות. אַמאָל זענען אין גאַנצן קרייז געווען צוויי באַזאַרן, וואו מען האָט געקאָנט קויפן, איינער אין קאַלאַי־כום, דער צווייטער דאָ, אין גאַרם. אַצינד האָבן מיר *70* געוועלבן, צו אַנדערהאַלבן אויף אַ דאָרף. דער אַלגעמיינער פּריוואַטער באַזיץ פון די פּויערן באַטרעפט היינט פינף מיליאָן רובל. פון זייף און נאַפט האָט מען פריער נישט געוואוסט, טיי האָבן געטרונקען בלויז דריי פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. די מוללאַס זענען אַרויסגעטרעטן קעגן באַנוצן צוקער, ווייל צו ראַפינירן אים ווערט באַנוצט מעל פון חזיר־ביינער.

באַנוועלנע סחורות זענען געווען אין פּאַמיר אַזאַ זעלטנהייט, ווי אין *16*־טן יאָרהונדערט אין אייראָפּע. אין קאַלאַי־כום האָט עקזיסטירט אַ היימישע וועבעריי. היינט איז זי שוין אונטערגעגאַנגען, זי האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון די וועבעריי־פאַבריקן.

אויב אַ פּויער האָט געמאַכט באַנוול, האָט ער דאָס געטון, כדי אָנצופילן זיינע קישנס, אונטערשלאָגן זיין כאַלאַט אָדער אויסבעטן זיינע קאָלדרעס.

דורכשניטלעך האָט אַצינד יעדער פּויער צוויי כאַלאַטן, זיין ווייב אויך, צוויי קאָלדרעס און פון *100* ביז *200* מעטער לייוונט, אַלזאָ אַ סך מער ווי ער קאָן פאַרנוצן, נאָר מענטשן האָבן ליב צו לאָקירן זייער געלט אין סחורה.

וואו עס האָט אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט געברענט אַ קינדל, ברענט אַצינד אַ נאַפט־לאָמפּ, שוין אין דער קורצער קעגנוואַרט, ווייל אין דער נאָענטער צוקונפט וועט שוין דאָ ברענען עלעקטריע.

מען האָט געטראָגן סאַנדאַלן אָדער געגאַנגען באָרוועס. צען טויזנט פּאָר קאַלאָשן און צען טויזנט פּאָר שטיוול זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דעם יאָר, אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייניק, צו ווייניק!

פֿאַר איין באַראַן האָט מען געקריגן 20 פֿונט טיי, פֿאַר אַ פּוד קאָרן — איין פֿונט טיי. בלויז רייכע לייט האָבן געהאַט פֿערד. דער הילצערנער אַקער איז געשלעפּט געוואָרן דורך אָקסן. אַצינד האָבן כמעט אַ העלפֿט פֿויערן פֿערד; ווען די גרענעץ איז געווען אָפֿן, האָט מען זיי געקויפֿט אין אַפֿגאַניסטאַן, צאָלנדיק פֿאַר זיי מיט מאַנופֿאַקטור.

בלויז 20 פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג צאָלן שטייער, די קליינע ערד־באַזיצער און ערד־אַרבעטער זענען פֿריי פֿון שטייער.

אין דער צייט פֿון עמיר האָבן אָן אויסנאַם אַלע אונטערטאַנען געצאָלט שטייער; דער שטייער האָט אָפֿט אויסגעמאַכט 35 פּראָצענט פֿון פֿאַרמעגן. אַ צענט־חלק פֿון גערעטעניש האָט געמוזט צוגעשטעלט ווערן אַלס „אושאַר", אַ פֿערציקסט־חלק פֿון די בהמות פֿון יעדן פֿויער איז געגאַנגען יעדעס יאָר אַלס „דאַקעט" צום עמיר, שעפּסן־קעז, האָלץ און מילך איז פֿאַרפּליכטנד געווען אָפּצוגעבן. די טאַדזשיקן, וואָס האָבן געאַרבעט אין פֿערגאַן, האָט מען ביים צוריקקומען צוגענומען אַ העלפֿט פֿון פֿאַרדינסט. אויף די בריקן האָט מען געמאַכט אַן אָפּצאָל פֿון די בהמות, די קאַנאַלן פֿון באַוואַסערונג זענען געווען אַ מיטל פֿון אויסנוץ, רויבעריי, כאַבאַר.

יעדער התונה־געהאַטער האָט געמוזט צאָלן אַ גאַנץ יאָר, יעדן דאָנערשטיק, איין טאַנגע, דאָס הייסט צוואָנציק קאָפּיקעס, אַלס „תענוגשטייער", ווייל אין דעם טאָג שלאָפֿט יעדער מוזולמענער מיט איינער פֿון זיינע ווייבער; אין אַפֿגאַניסטאַן צאָלט מען נאָך היינט אויך דעמדאָזיקן רעליגיעזן שטייער, וואָס הייסט „קורפּאַ דזשומבאַני".

מיר זענען אַ לאַנד, וואָס ווערט געשטיצט דורכן ראַטנפֿאַרבאַנד. בלויז 12 פּראָצענט פֿון אונזערע בודזשעט־הוצאות קאָנען מיר דעקן מיט אונזערע שטייערן, 88 פּראָצענט גיט די ראַטן־רעגירונג, כּדי צו שאַפֿן גלייכגעוויכט צווישן די פֿעלקער.

אין די צייטן פֿון עמיר האָבן געמוזט אויסוואַנדערן 15.000 מענער, ווייל זיי האָבן אין דער היים געהונגערט, היינט אָבער געלונגט קוים דורך גרויס אָנשטרענגונג און אַגיטאַציע צו ווערבירן זעקס טויזנט מענטשן צו דער אַרבעט אין די דרומדיקע באַנוול־

געגנטן. צו דער אַרבעט ביים בויען וועגן געפינען מיר בכלל נישט קיין אַרבעטער, פריער האָבן צו דער אַרבעט גענייט הונגער און אַרבעטסלאָזיקייט, היינט איז נישטאָ גאָרנישט, וואָס זאָל זיי צו דעם נייטן".

„צי קענען אַ סך מענטשן לייענען?"

„שטיי נישט, חבר, פּאַס דיך צו צום אָרטיקן מנהג, זעץ דיך אַוועק לעבן אונז אויף דער ערד און הער אויס וועגן קורטורעלן צושטאַנד פון איין קרייז אין פּאַמיר, איידער דו וועסט אים באַקוקן.

פינף פּראָצענט קינדער זענען געגאַנגען אין די קאָראַנישע שולן אַריין, פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז נישט געווען קיין איין מיידל. היינט געפינען זיך פון 5.800 קינדער אין שול־עלטער, אין 160 שולן 80 פּראָצענט יינגלעך; מיידלעך קוים 15 פּראָצענט. דער פּרינציפּ פון צוואַנג־שול איז אָנגענומען געוואָרן. פונדסטוועגן געפינען זיך אַ סך אָפּגעזונדערטע ווירטשאַפטן אין די בערג פון פּאַמיר; דאָרט און אפילו אין גרעסערע דערפער זענען דאָ עלטערן, וואָס זאָגן, אַז זיי וועלן בעסער זייער טעכטערל דערהרגענען, איידער זי שיקן אין שול אַריין. אין 70 שולן פאַר אַנאַלפאַבעטן לערנען מיר 35.000 מענער און 100 פרויען. די צאָל מעלדונגען איז אַ סך אַ העכערע, ווייל כמעט אַלע מיטגלידער פון די קאָלעקטיוון און פאַרבאַנדן ווילן זיך לערנען שרייבן און לייענען. נאָר מיר האָבן נישט קיין לאָקאַלן, קיין אויסגעשולטע לערער, קיין גענוגנדע קאָמוניקאַציע־מיטלען, איינצוּאָרדענען אין יעדן דאָרף אין די בערג אַ קורס פאַר אַנאַלפאַבעטן.

מיר האָבן איין קורס פאַר לערערס, מיט 105 צוהערער, איין פערט־חלק פון זיי זענען פרויען, איין שול פאַר סאָוויעטישע און פּאַרטיי־אַרבעטער, איין לאַנדווירטשאַפטלעכע שול פאַר די מיטגלידער פון די קאָלעקטיוון, איין קורס פאַר טראַקטאָר־שאָפערן און איין שול פאַר בוי־אַרבעטער.

די רעליגיעזע שולן זענען נישט פאַרווערט, ס'איז דאָ אויך דאָ אַ מוללאַ, גרייט אָנצונעמען שילער, נאָר קיינער קומט נישט. אַ סך מוללאַס האָבן ביי דער פאָלקס־ציילונג זיך פאַרשריבן אַלס אַנ־

אַלפֿאַבעטן, זיי קענען בלויז טייל קאַפּיטלעך פֿון קאָראַן אויסנוויניק, און האָבן לויט זיי געלערנט זייערע שילער „לייענען".

די ראָל פֿון מעטשעט האָט זיך געענדערט. אָנגעשפּאַרט אָן די הילצערנע סלופּעס פֿאַרן מעטשעט, זיצן זומער־צייט די אַלטע לייט אין אַ קופּקעלע און ס'איז זיכער, אַז זיי קריטיקירן נישט גערן די פּאָליטישע אַנטוויקלונג. ווינטער־צייט דינט בלויז איין צימער פֿון מעטשעט צום דאַווענען, דאָס צווייטע — אַלס לאָקאַל פֿאַר פֿאַרזאַמלונגען. דער לאָקאַל ווערט באַהייצט און טראָגט דעם נאָמען אָללאַ־או־כאַנאַ, דאָס הויז פֿון פֿייער. מען זיצט דאָרט אין רויך אונטערן פֿאַרקאָפּטשעטן באַלקן, מען לייענט צייטונגען, אַלע מאָל לייגט אַרויף אַן אַנדערער האָלץ אויפֿן פֿייער, די יונגע קאָמוניסטן קומען און דיסקוטירן דאָ מיט די אויסדערוויילטע פֿון איסלאַם, די קאָלווירטן האַלטן דאָרטן אָפּ זייערע פֿאַרזאַמלונגען, די דעפּוטאַציעס און אַגראָנאָמען, וואָס קומען פֿון שטאָט, שלאָפֿן דאָרט. די טייל פֿון מעטשעט איז אַלזאָ אַ קלוב, אַ קרעטשמע און טיי־הויז צוזאַמען.

דאָס אָרט צום דאַווענען איז געבליבן ווי ס'איז געווען. ניין, דאָך נישט אינגאַנצן. ווען די קולאַקעס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער קאָלעקטיוויזאַציע, האָבן די מיטגלידער פֿון קאָלווירט אַרויסגעשלעפּט זייערע קעגנער דעם תּפֿילה־טעפּיך פֿון פּריווילעגירטן אָרט אין דער תּפֿילה־נישע און אים אַוועקגעלייגט ביי דער הינטערשטער וואַנט, דאָרט וווּ עס האָבן ביז אַצינד געקניט בלויז די אָרימע. פֿאַר די פֿרומע עשירים איז דאָס געווען אַ שטאַרקערער קלאַפּ ווי דאָס צונעמען זיי די בירגער־רעכט, דאָס צעטיילן זייער ערד. ס'איז געקומען צו שטורמישע סצענעס. דער באַליידיקטער בעי האָט גערופֿן אַללאַ צו הילף און געבעטן וועגן נקמה, און ווייל ער איז נישט דערהערט געוואָרן, האָט ער שוין קיינמאָל נישט איבערגעטרעטן די שוועל פֿון מעטשעט און געוואָרן אַן אַטעיִסט.

אַ סך מעטשעטן זענען ליקווידירט געוואָרן, דער עיקר אין די דערפֿער, וווּ עס זענען שוין נישטאָ קיין איינצלנע ווירטשאַפֿטן און אַלע איינוואוינער זענען אָרגאַניזירט אין קאָלווירטן. אין „מיכראָב", דער הייליקער עפֿענונג אין דער הייליקער וואַנט, וואָס

איז געווענדט צו מעקאַ (אויף דרום־מערב), ווערט געהאַלטן דער בענזין, דער אייל צו די טראַקטאָרן, די שטריק, די מאַשינען־טיילן און סערפּן, און דאָרט, וואו ס׳זענען געלעגן די תּפילה־טעפּיכער, ליגט אַצינד דאָס קאָרן. אָללאַ־או־כאַנאַ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ביבליאָטעק און לענין־ווינקל.

הייב דיך אויף, חבר, און זע, וואָס ס׳איז אָפּגעטון געוואָרן אין אונזער קרייז פּאַמיר".

מיר באַזוכן די שטאָט גאַרם.

גוט. מיר וועלן באַקוקן דעם קרייז אין פּאַמיר. פון דעם צאַר פּיאָטרס בערג פּינקלט אַראָפּ דער שניי, דאָס שטראָמיקע פליסן פון וואַכש פרישט אויף די לופט. כדי צו זיין גענוי, וואָלט מען געמוזט זאָגן, אַז די לופט איז פרילינגדיק-וואַרים, אָבער וואָס הייסט דאָס „גענוי?" — אונז טרייסלט פון קעלט, ווייל מיר האָבן זיך שוין וואָכן-לאַנג צוגעגרייט צו אַ לופט פון *40* גראַד אין שאָטן.

צווישן די אייראָפּעיִשע בנינים פּוסטעוועז ליידיקע פּלעצער. אויפן מאַרק זענען פאַרזאַמלט מענטשן פאַרן ווייסן הייזל, דעם ראַדיאָ-בנין. דאָס צימער מיט די געעפנטע פענסטער איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַן אַרויסשיק-סטאַנציע. ווער עס האָט נישט אין זיין כאַטע קיין אויפנעם-אַפּאַראַט, קומט דאָ אַהער, און נישט בלויז ער הערט די ראַדיאָ-אוידיציעס, נאָר ער זעט זיי אויך. אַצינד צעשפּריצט אין עטער זיינע וויצן עפּעס אַ טאַדזשיקער פאָלקס-זינגער, און די צוהערער אינדרויסן רייסן אים איבער מיט זייערע געשרייען; נישט געקוקט דערויף, וואָס אינעווייניק הענגט אַ טאַבעלע מיט אַ לויכטנדיקן אויפשריפט „רויִק!", „ס'קומט פאָר אַן אוידיציע"!, וואָס קאָן דאָס אינטערעסירן די צוהערער און פאַרחידושטע צוקוקער, וואָס שטייען אינדרויסן?

דער יונגער טאַדזשיקער ראַדיאָ-לייטער, דערזעענדיק אונז, אייראָפּעיִשע וואַנדערער, האָט גאָרנישט געלייגט קיין אַכט אויפן פאָלקס-זינגער, וואָס האָט אַזוי דיסקרעט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן

זיין זינגען פאַרן מיקראָפאָן, און זייער שטאַרק און הויך אונז גענומען בעטן, מיר זאָלן האַלטן אַ ראַדיאָ-פאָרטראַג אויף דער טעמע „די קעגנוואַרט און צוקונפט פון אייראָפּע".

„ווען ?"

„שוין. קום אַהער. מאַכט אַן אָרט, חברים".

מיר זענען געווען פאַרוואונדערט. מיר זענען געוואוינט אין אַנדערע וועלט-טיילן אונזערע פאָרטראַגן, אפילו נישט קיין פּאָליטישע, מיט עטלעכע וואָכן פריער אָפּצוגעבן דער צענזור. און דאָ רעדן שוין, אָן צוגרייטונג ? מיר האָבן זיך אַרויסגעדרייט, אַז מיר זענען נאָך צו ווייניק באַקענט מיט טאַדזשיקיסטאַן. „דאָס שאַדט גאָרנישט", זאָגט דער ברוינער ראַדיאָ-לייטער, „דאָס שאַדט גאָרנישט. דו וועסט רעדן אויף רוסיש, און מיר וועלן עס איבערזעצן".

עס דערהערט זיך אַ פייף, וואָס באַדייט „רויִק אין דער אַרויסשיק-סטאַציע," „עס קומט פאָר אַן אוידיציע !", דער סיגנאַל וועט געהערט ווערן אין די כאַטעס פון די פּאַמירער בערג איבער די גרענעצן, אין די קאָשאַרן פון אינדישן גרענעץ-קאָרידאָר, אין די וואַך-פּאָסנס אין פּערסיע, כינע און אַפגאַניסטאַן, און דער חבר פּעדיאַ קומט שוין פון זיין היים, גרייט איבערצוזעצן.

„אַכטונג ! אַכטונג ! אַ גאַראַנטירט-אָריגינעלער אייראָפּעער רעדט אַצינד וועגן דער פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער לאַגע פון אייראָפּע און איר צוקונפטיקער געשטאַלטונג !"

צום גליק איז דאָס אַ טעמע, וואָס מען קאָן אין משך פון צוואָנציק מינוט גענוגנד אויסשעפּן, און בשעת אונזערע ווערטער ציטערן נאָך אין די אַנטענעס אויפן דאַך פון דער וועלט, ווען גאַנץ אַזיע כאַפּט אויף די איבערזעצונג פון אונזער פּרעלעקציע, זענען מיר שוין אַרויסגעגאַנגען פון ראַדיאָ-בנין און געפינען זיך ווידער אויפן וועג פון אונזער וואַנדערונג.

דאָס ערשטע, וואָס אונז וואַרפט זיך אין די אויגן, זענען די טונקעלע פּלאַסטערס אויף די ווענט פון די ליים-הייזלעך, צוגעקלעפּטע איינע לעבן די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע. צי דאַרף דאָס דינען פאַר די צילן פון אָרנאַמענטאַציע ? ערשט

אין ווייטערדיקן פאַרלויף פון אונזער שפּאַציר ווערן מיר געוואויר, אַז די טעטיקייט פון טייל פרויען באַשטייט אין דעם אינדוסטריע־פּראָצעס פון דידאָזיקע קיילעכדיקע פּלעצלעך. מיר דערקענען (מיט דער נאָז) דעם רוישטאָף און ווערן געוואויר, וואָסער ציל עס דינט דער פּאַרטיקער פּראָדוקט. פאַרן הויז ווערט געמישט שעפּסן־צואה מיט וואַסער און כּעטשקע און אויפן פּלאַץ קומט פאָר אַ פאַרווייַלונג „אין באַבקעס" פון דערדאָזיקער עקלהאַפּט־שטינקענדיקער מאַסע.

בײַ דער אַרבעט זענען די פרויען באַשיידן פאַרהאָנגען, ווײַל קיין שום פאַרליבטער מאַן וועט נישט מסכּים זײַן, אַז די בליקן פון פרעמדע מענער זאָלן פאַראומווירדיקן די בלום פון זײַן האַרעם, בשעת זי קנעט די פּלאַסטערס פון דער צואה.

אַזאַ פּלעצל ווערט צוגעקלעפּט צו דער וואַנט, עס זאָל זיך אויסטרוקענען און דינען אַלס הייץ־מאַטעריאַל אין ווינטער.

אָבער נישט אַלע פרויען אין גאַרם טראָגן וואָאַלן, מער ווי אַ דריטל האָבן זיי שוין אויסגעטון, נישט אַלע פרויען פאַרנעמען זיך בלויז מיט קלעפּן דעם „טאָפּאַק" פון דער פייכטער שעפּסן־צואה. מיר קוקן אַריין אין די פענסטער פון אַ גרויס הויז. עס קומט אַרויס אַ פרוי און פרעגט זיך, צי מיר זוכן עפּעס. „אָך, גאָרנישט, מיר גייען צופעליק דורך און וואָלטן געוואָלט זען, וואָסערע מאַשינען עס רוישן דאָרט אינעווייניק". „מיר זענען אַן אַרטעל פון נייטאָרינס (אַ פּראָדוציר־פאַרבאַנד). ביטע, קומט אַריין".

אַזוי אַרום זענען מיר אַרײַנגעפאַלן אין אַ קאָאָפּעראַטיוו פון וועש־נייטאָרינס. פערציק פרויען, אַלע אָן וואָאַלן, טייל זיצן אפילו אויף בענקעלעך בײַ די ניי־מאַשינען, אַנדערע נייען, זיצנדיק אויפן טעפּיך, די קינדער שפּילן זיך לעבן זיי, די האָר פון אַ קליין מיידעלע זענען פאַרפלאָכטן אין פופצן קליינע צעפּעלעך, וואָס פאַרענדיקן זיך מיט אַ נאָכהענגענדיק סטענגעלע.

מען גייט דאָ לייַלעכער, העמדער, ציכן, און אייַנצייַטיק ווערן דאָ געהאַלטן רעפּעראַטן, אין אָוונט קומען פאָר קורסן, דער עיקר פון לייענען, שרייבן און רעכענען.

„וואָס זאָגן אויף דעם אייערע מענער?"

„לכתחילה זענען זיי געווען קעגן דעם, אַז מיר זאָלן דאָ אַהערקומען, אַצינד זענען זיי שוין צופרידן, ווייל מיר פאַרדינען געלט. מיר האָבן זיך געקאָנט אין דער היים פאַרלייגן אַ ראַדיאָ און ברענען דעם אויוון מיט האָלץ, אַנשטאָט מיט טאָפּאַק, דאָס לעבן האָט זיך פאַרבעסערט אויך פאַר אונזערע מענער".

„וויפיל פאַרדינט איר?"

„די לייטערין באַקומט *285* רובל רעגולערע פענסיע, די מיטגלידער טיילן זיך איין מיטן איינקונפט, אַ נייטאָרין פאַרדינט *125* רובל, אַן אויספּאַרטיקערין — *100* רובל".

אויף די ווענט הענגען די פּאָרטרעטן פון ראָזאַ לוקסעמבורג, קרופּסקאַיאַ און קלאַראַ צעטקין. פון מענער, די פּאָרטרעטן פון טאַדזשיקער פּרעזידענט נאַסראַטול מאַקסום, לענין, סטאַלין.

„צי ווייסט איר, ווער ס'איז געווען לענין?"

„יאָ", זאָגט די געפרעגטע, אַ פרוי אין די פופציקער, „דאָס איז געווען אַ רוס, וואָס האָט אונז באַפרייט פון טשאַרטשאַף. זאָל זיין נאָמען זיין געלויבט".

אין ווינקל זידט אַ סאַמאָוואַר, מען טראָגט אַרום שעלעכלעך טיי. עטלעכע „דאָיראָ" (צימבל-פּייקעלעך) זענען אָנגעשפּאַרט אָן די הילצערנע סלופּעס. די לייטערין ווענדט זיך מיט אַ פראַגע צו די פרויען, צי זיי וואָלטן געוואָלט ווייזן פאַר די פרעמדע עפּעס אַ טאַנץ. טייל ציטערן אויף. טאַנצן פאַר אַ מאַנסביל, וועלכער איז נישט דער מאַן?

נאָר אָט האָט זיך שוין אַרויסגערוקט אַ קליינע, דאַרע אַל־טיטשקע און אָנגעהויבן טאַנצן, און אירע הענט הייבן אָן פלאַטערן, און אַ צימבל־פּייקעלע הייבט אָן ציטערן, און די אַלטע ווערט אַלץ יינגער און לעבעדיקער דורכן צואיילן אירע באַוועגונגען, גאָרנישט פאַרלירנדיק פון דעם, וואָס דער טאַנץ דאַרף אויסדריקן: באַשיידנקייט, רייץ, אָפּזאָג, אָפּגעבן זיך. די, וואָס פּויקן, חזרן איבער נישט איינמאָל מיט דער פאַרבויגענער האַנט דעם סטאַקאַ־טאָ אין דער פעל פון פּייקעלע, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט

גלעקעלעך, דעמאָלט הייבט די טענצערין אויף און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ; דאָס איז אַ מין נאָכמאַכען די באַוועגונגען פון אַ פויגל.

די אַלטע האָט נאָך נישט געענדיקט, און עס זענען שוין שוין אַרויסגעטרעטן יונגע, כדי טאַנצנדיק באַוואונדערט צו ווערן. די פּייקל־רינגען האָבן קלינגענדיק אַ ציטער געטון. די הענט, וואָס דער לאַנגער אַרבל פון דער בונטער זיידענער פאַראַנדזשע פאַרדעקט געווייינטלעך אַזוי, אַז מען זעט נישט אַרויס אַפילו די שפּיצן פון פינגער, אַנטבלויזן זיך ביז איבער די פויסטן. די טענצערינס שטעלן די פיס נאָענט איינעם פון צווייטן, טראָגנדיק זיך אין קאָקעטישן אויסמיידן דעם אימאַזשינירטן פּאַרטנער, זיך קיילעכיק וויגנדיק, קיין איינע אָבער קאָן אין איר גראַציע זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער אַלטער.

פון שכנות זענען געקומען פרויען, מיר זאָלן אויך זייער פאַרבאַנד באַערן מיט אונזער באַזוך. אַלזאָ באַערן מיר מיט אונזער באַזוך דעם אַרטעל פון די וועשינס.

„מיט אַ חודש צוריק איז דאָ אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון רויטגוואַרדייער, כדי צו באַזייטיקן די שאָדנס, וואָס זענען אָנגעמאַכט געוואָרן דורכן אָפּרייסן זיך פון ליים אין די בערג. מיר האָבן אָרגאַניזירט בריגאַדעס פון „שלאָגלעריננס", האָבן געוואַשן און געצירעוועט פאַר זיי אַכט טעג און נעכט זייערע העמדער, און ליילעכער. ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט נעמען ביי זיי קיין געלט פאַר דער אַרבעט, האָבן זיי אונז איבערגעלאָזט *600* רובל צו קויפן אַ וואַש־מאַשין אויף דאַמף".

מיר גייען ווייטער. אין אַמבולאַטאָריום פאַר פרויען אַמטירט אַ דיקע, רוסישע דאָקטאָרין און ווייזט אונז דאָס אָרדינאַציע־בוך: פון אַכצן ביז צוואָנציק צופאַלן טעגלעך, צומיינסט גינעקאָלאָגישע. יעדער וויזיט איז אונטערגעשריבן דורכן „אַב־קאָם", אָן באַשלוס פון דער קאָמיסיע פאַר אַבאָרטן, וואָס באַריקזיכטיקט סאָציאַלע און מעדיצינישע אויסנאַם־פאַלן, קאָן נישט דורכגעפירט ווערן קיין שום איבעררייס פון שוואַנגערשאַפט. לכתחילה איז געווען כמעט פערציק פּראָצענט אַבאָרטן, ווייל די מוטערס זענען געווען צו

יונג, אַצינד — שוין נישט מער ווי פינף פּראָצענט. עגזעמע קומט אָפּט פון מאַנגל אין היגיענע, אָבער די קולטור-אַרבעט פאַרקלענערט איר צאָל. הייל-מיטלען באַקומט מען בחינם אין אַפּטייק, מען דאַרף בלויז ווייזן די רעצעפּט.

„איך אָרדינירן יעדן טאָג“, זאָגט אַננאַ מיכאַילאָוונאַ אָרלאָוו. „לויטן געזעץ, האָב איך יעדן פינפטן טאָג פריי, ווייל אָבער די פּאַציענטינס קומען פון ווייט און באַזוכן מיך אין מיין וואוינונג, האָב איך פון דעם רעזיגנירט“.

„וועט איר זיכער זיין צופרידן, אַננאַ מיכאַילאָוונאַ, ווען איר וועט זיך פונדאַנען באַפרייען!“

„פאַר דער רעוואָלוציע בין איך געווען אַ געוויינטלעכע קראַנקן-שוועסטער אין מאַריסקי-שפּיטאָל אין מאָסקווע — איר קענט מסתמא דאָס הויז, אין וועלכן דאָסטאָיעווסקי איז געבוירן געוואָרן. נאָך דער רעוואָלוציע האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו שטודירן. איך האָב מיך אַזוי געפרייט מיט דעם גרויסן, גאָרנישט געחלומטן גליק, אַז איך האָב פון דאַנקבאַרקייט געוואָלט אַרבעטן אין דעם ווייטסטן ווינקל פון ראַטנפאַרבאַנד. אַזוי אַרום האָב איך מיך פאַרפליכטעט דאָ אַהערצוקומען אויף דריי יאָר“.

„אָבער די דריי יאָר, אַננאַ מיכאַילאָוונאַ, וועלן שנעל אַריבער“.

„זיי זענען שוין אַריבער. אָבער איר ווייסט, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין קרבן איז גאָר קיין קרבן נישט געווען, מיין אַרבעט ברענגט רעזולטאַטן, איך האָב מיר אַצינד געהייסן אַרויסשיקן מיינע מעדיצינישע ביכער פון מאָסקווע, פופצן פוד, און איך וועל שוין פונדאַנען נישט אַוועק“.

ווען מען פרעגט די אָרטיקע רוסן אויף וואָסער אופן זיי זענען אַהערגעקומען אין דעם ווינקל פון אַזיע, באַקומט מען זייער אָפט אַזאַ ענטפער: איך האָב מיך געמאָלדן דאָ אַהער, כדי אַ געוויסע צייט צו אַרבעטן פאַרן סאָציאַליזם אין פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון ראַטנפאַרבאַנד. נישט תמיד גלייבט מען אַזעלכע ענטפערס. עס האָט אויך געטראָפן, אַז נישט איינער, וואָס האָט זיך אוממעגלעך געמאַכט צו בלייבן אינדערהיים דורך שעדיקונג, אָדער אַ גרויסער

גוטבאַזיצער, בײַ וועלכן מען האָט צוגענומען דאָס אײגנטום, האָט אויסגעוואַנדערט קײן אַזיע (וואו עס האָט שוין מיט דרײַ יאָר צוריק פאַרפעלט אַרבעטס־כּוח), כּדי זיך צו קוואַליפיצירן אַלס אַרבעטער, ווערן אַ מיטגליד פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַרײַן, אָדער אפילו זיך שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע שטעלונג.

אַנדערע זענען דאָ אַהערגעקומען צוליב עפּעס טונקעלע צוועקן, דער עיקר דעמאָלט, ווען דער נעפּ איז געווען אין דער סטאַדיע פון פונאַנדערבליִען זײַנע מיסברויכן, זײ האָבן זיך באַמיט צו פירן קאָלאָניאַל־געשעפטן, האָבן געהאַנדלט מיט קאַראַקול, שעפּסן־וואָל, רײַז, האָבן זיך פאַרנומען מיט שמוגלערײַ און שפּיאָנאַזש.

צוזאַמען מיט די, וואָס זײער צײַט האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט, זענען אַ סך דאָ אַהערגעקומען, כּדי אויפן גרונט פון זײערע פּאָליטישע איבערצײַגונגען זיך צו פאַרנעמען מיט ווירטשאַפטלעכער אַרבעט, דער טיפּ פון נײַע מענטשן, וועלכע מען רופט „שלאָגלערס”.

כּמעט די אַלע מענטשן זענען אַהערגעקומען מיט דער דעה צו בלײַבן דאָ בלויז אַ קורצע צײַט און זענען כּמעט אַלע געבליבן אָדער צוריקגעפאָרן. די גרויזאַמע לאַנדשאַפטן פון מיטל־אַזיע בינדן צו דעם מענטש, ווי אַ מוטער צו קינדער.

די אַמאָליקע קראַנקן־שוועסטער און איצטיקע דאָקטאָרין, אַננאַ מיכאַיִלאָוונאַ אָרלאָוו, איז נישט קײן אויסנאַם, נאָר אַ טיפּ פון אַ באַגעגנטן סאָוויעטישן אַרבעטער אין צענטראַל־רוסלאַנד. איטלעכער פילט זיך דאָ ווי אַ מענטש, וואָס ברענגט מיט זיך קולטור, אויב נישט ווי אַ גרינדער פון שטעט. יעדער ווײַזט דיר, וואָס ער האָט באַשאַפן, דערצײלט דיר ווי איבערגעשראָקן ער איז געווען, ווען ער איז דאָ אַהערגעקומען, ווי גליקלעך ער איז, וואָס ער קאָן דאָ בלײַבן. זײ דערצײלן דיר זײער לעבן, אין וועלכן דאָס אַריבערפאָרן קײן טאַדזשיקיסטאַן שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן איבערבראָך.

אַנדערש איז, ווען מען רעדט מיט די אָרטיקע מענטשן. זײ

זענען געווען די עדות פֿון אַ פּראָצעס, וואָס האָט אין אַנדערע לענדער געדויערט טויזנט יאָר, און דאָ זיך אָפּגעשפּילט אין משך פֿון צען יאָר. זיי זענען אויסגעוואַקסן אין דער שווערסטער שקלאַפֿן־תּפֿיסה און אין דער חושכדיקסטער ביגאָטעריע, אַ סך פֿון זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט דער נייער צייט און איבערגעלעבט זייער דמשק, דאָך נישט אַלע אין איין צייט.

דאָ, אין גאַרם, דערציילט אונז כאַסיאַד מירקולאַן, אַ יונגע טאַדזשיקיסטאַנערין אין אייראָפּעיִשער קליידונג, די געשיכטע פֿון איר לעבן. פֿון צייט־צו־צייט קומט אַריין אין שטוב ראַפּי אַמאַן, איר יונגער, טונקל־הויטיקער מאַן, כּדי מיט אַ שמייכל צו פֿרעגן זיך, צי ס'איז אים נאָך אַלץ נישט דערלויבט צו בלייבן אין שטוב. אויך זי שמייכלט צו אים פֿריינטלעך: „ניין, איך האָב נאָך נישט געענדיקט". זי שעמט זיך דאָס אַלץ צו דערציילן אין זיין קעגנוואַרט.

אונז אָבער דערציילט כאַסיאַד מירקולאַן, ווי אַזוי זי איז פֿון אַ סחורה געוואָרן אַ פֿרוי, איינע פֿון די טויזנט און איינער, אמתע געשיכטעס פֿון דער ראַטן־רעפּובליק טאַדזשיקיסטאַן.

איך, כאַסיאַד מירקולאַן

בין געבוירן געוואָרן אין יאָר *1904* אין טשוסטפּאַפּ, אין פּערגאַנער טאָל. ווען איך בין אַלט געוואָרן אַכט יאָר, האָט מען מיר אָנגעטון דעם שלייער. מיין פאָטער איז געווען אַ וועבער, איך מיט דער מוטער האָבן געהאָפטן היטלען, מיין שוועסטערל האָט אונז צוגעהאָלפן אָנוויקלען די שפּולקעס, און דער ברודער האָט געאַרבעט ביי אַ בעקער. מיר זענען געווען זייער אָרים און דעריבער האָב איך נאָך נישט חתונה געהאַט.

ערשט ווען איך בין אַלט געוואָרן פערצן יאָר, האָט מען מיך חתונה געמאַכט.

ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען? נאַטירלעך, האָב איך נישט געקענט מיין צוקונפטיקן מאַן, אַפילו נישט פאָרגעפילט, אַז איך בין אַ כלה. ערשט דערנאָך בין איך געוואויר געוואָרן, אַז מיין חתנס פעטער (ער האָט שוין נישט געהאַט קיין פאָטער) איז געווען מיטן אימאַם (גייסטלעכן) ביי מיין פאָטער, כדי אים צו פרעגן, צי ער האָט מיך שוין עמעצן צוגעזאָגט, מיין פאָטער האָט געזאָגט, אַז נישט, און זיי זענען זיך אַוועקגעגאַנגען.

צומאָרגנס זענען זיי ווידער געקומען, די מאַמע האָט אָפּגעבאַקן אַ קוכן, אָפּגעקאָכט פלייש מיט רייז, פּילאַוו, און טיי און דערלאַנגט די געסט אַ היטל פאַרן חתן, געהאָפטן מיט זילבער. מיך האָט מען אַריינגעשיקט צו אַ שכנטע, וואו איך בין געבליבן פון אינדערפרי ביז זון־אונטערגאַנג. קיין שום מיידל טאָר נישט זיין אין הויז, כל־זמן עס געפינען זיך דאָרט די קרובים פון איר

צוקונפטיקן מאַן — דאָס איז אַ רעליגיעזע פאָרשריפט, פון וועלכער איך האָב נישט געוואוסט און נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט מיך אַרויסגעשיקט פון הויז. ווען די געסט זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט מען מיך צוריק אַריינגערופן, מיר האָבן אויפגעגעסן די רעשטלעך פּילאַוו, וואָס די געסט האָבן איבערגעלאָזט, און אָפּגעוואַשן די כּלים.

דער פּרייז פאַר מיר איז באַשטימט געוואָרן: צוויי קעמלען, פיר פוד ווייץ, צוויי יוקעס האָלץ, דריי פוד רייז און אַ קו, דריי דעקעס פון קעמל־האָר, אַ כאַלאַט און צוויי קליידער. די זאַכן האָבן מיר קיינמאָל נישט געקריגן, זיין פעטער האָט בלויז געבראַנגט די דעקעס און די קליידער. זיי זענען מיין מוטער נישט געפעלן געוואָרן. „פאַרשיוועט! אַפילו נישט קיין זיידענע”, האָט זי געזאָגט, און זיין פעטער האָט געענטפערט: „מיר זענען אָרימע מענטשן”.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געוואויר געוואָרן פון דער מאַמען, אַז איך וועל חתונה האָבן. איך האָב מיך געפילט זייער אומגליקלעך, וואָס איך מוז אַוועקגיין פון דער היים און וועל מיינע חברטעס נישט זען גאַנצע צוויי יאָר. וואָרים די ערשטע צוויי יאָר נאָך דער חתונה טאָר קיין פרוי קיינעם נישט אויפנעמען און קיינעם נישט באַזוכן. איך האָב אויך נישט געוואוסט, צי מיין חתן איז אַ יונגער, צי אַן אַלטער, און וויפיל ווייבער ער האָט שוין געהאַט. איך האָב מיך דאָס נישט געטאָרט פרעגן.

ווי אַזוי די חתונה איז פאָרגעקומען? דריי וואָכן נאָכן שדכענען האָבן מיר אָנגעגרייט אַ סך עסנוואַרג, ס'זענען געקומען די קרובים, דערנאָך דער מוללאַ מיטן חתן. די קינדער זענען אַריינגעלאָפן צו מיר אין דער „אישקאַראַ”, וואו איך בין געזעסן צוזאַמען מיט אונזער שכנטעס ביידע טעכטער.

— כאַסיאַד, מיר האָבן געזען דיין מאַן.

מיינע חברטעס האָבן געפרעגט (איך וואָלט נישט געוואַגט אויף עפּעס ענלעכס):

— ער איז אַן אַלטער?

— ניין, נישט קיין אַלטער און גייט אָנגעטון אַ זיידענעם כאַלאַט.

— ווי אַלט־זשע איז ער? — האָבן מיינע חברטעס געפרעגט. איך האָב מיך געפילט אַזוי, אַז כ׳וואָלט פאַר בושה אַריינגעשפּרונגען אין אַ ברונעם.

— ער איז אַזוי אַלט ווי כאַסיאַדס ברודער.

דער ענטפער האָט מיך דערפרייט, ווייל איך בין איבערצייגט געווען, אַז ווייל מיר זענען אַזוי אָרים, וועט מען מיך חתונה מאַכן מיט אַן אַלטן.

די מאַמע, וואָס איז ביז אַצינד געשטאַנען אויפן הויף ביים פייער, האָט מיך געהייסן אָפּפאַרבן די נעגל, באַשמירן די ברעמען מיט שמאַלץ און אָנטון דאָס יום־טובדיקע קלייד. אין אַ שעה צוויי אַרום איז מיטן הינטערשטן גאַנג געקומען צו אונז זיין פעטער און אויסגערופן:

— אַצינד!

כ׳האָב אָנגעטון דעם שלייער און צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואָס איז געווען פאַרמאַכט. אין דרויסן איז געשטאַנען דער מוללאַ, האָט תפילה געטון און דורך דער טיר מיך געפרעגט, צי איך באַשטיי חתונה צו האָבן. די מאַמע האָט מיר אַ וואונק געטון, איך זאָל שווייגן. דער מוללאַ האָט אַ דריי מאָל איבערגחזרט די פראַגע, ערשט ביים פירטן מאָל האָב איך געמעגט ענטפערן: „האַ" (יאָ).

עס האָבן זיך אַרויסגערוקט מיין מאַנס צוויי קרובים און ער האָט זיך געזעצט אויפן טעפּיך.

צום ערשטן מאָל האָבן פרעמדע מענער זיך געפינען אין צימער פאַר די פרויען; מיין מאַמע, מיינע חברטעס און איך זענען געשטאַנען מיט פאַרהאָנגענע פנימער אין ווינקל, אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און האָבן געוויינט.

דערנאָך האָבן אַלע פאַרלאָזט די שטוב און איך בין געבליבן אַליין מיט מיין מאַן. ער האָט אַ רוף געטון „כאַסיאַד" און איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, אויסגעדרייט, אַזוי אַז איך האָב אים נישט געקאָנט זען. ער האָט אָנגעגאָסן טיי און זי מיר דער-

לאַנגט. איך האָב אַ שאָקל־געטון מיטן קאָפּ, איך האָב נישט געקאָנט טרינקען, איך האָב געציטערט, ווי אַ סטרונע. דעמאָלט האָט ער אַליין אויסגעטרונקען די טיי און מיר דערלאַנגט געבעקטס, אָבער איך האָב אויך צום געבעקטס זיך נישט צוגערירט. מיר האָבן נישט אויסגערעדט צו זיך קיין וואָרט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַ פּאַטש־געטון מיט די הענט, עס איז אַרײַנגעקומען מײַן מאַמע, צוגענומען די קריג מיט די שאָלן און פאַרריגלט די טיר פון דרויסן.

ער האָט זיך דערנענטערט צו מיר און מיר אַראָפּגענומען דעם שלייער. מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ פּויק. איך האָב מיך געשעמט צו ווײַזן דאָס פּנים פאַר אַ פרעמדן מאַנסביל, איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל אים נישט געפעלן.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר זיך דאָס ערשטע מאָל געזען.

ער האָט פרײַנטלעך אַ קוק־געטון אויף מיר, אויסגעלייגט די קישנס צום שלאָף אויפן טעפּיך; מיר זענען געלעגן ביז אינדערפרי, ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. ער האָט מיר קיין איינמאָל נישט קיין קוש געטון.

דרײַ טעג האָט ער געוואוינט אין מײַנע עלטערנס הויז, ווי דער מנהג פאַרלאַנגט דאָס, און דערנאָך האָב איך מיך אַרײַנגעצויגן צו אים. דאָ ערשט בין איך געוואויר געוואָרן, אַז איך בין זײַן איינציק ווײַב, פרעגן אים וועגן דעם בין איך נישט דרייסט געווען.

מיר האָבן געלעבט אַנדערהאַלבן חדשים צוזאַמען און ער האָט זיך צו מיר נישט צוגערירט. דעמאָלט האָט מײַן שוועסטער אַמאָל אין אַ טאָג אַ זאָג געטון: „דו שעמסט דיך גאָרנישט? ביסט שוין אַלט אַכצן יאָר און פירסט דיך אויף ווי אַ „באַטשאַ" (אַ יינגל — אַ פּעדעראַסט). — איך האָב רחמנות אויף איר — האָט דער מאַן געענטפערט, — זי האָט אַזוי מורא פאַר דעם. — די שוועסטער האָט אָפּגעקאָכט אַ פּאַשטעט מיט פלייש און אים געגעבן „נאַשי", אַזעלכע קרייטעכצער, וואָס פאַרשיכורן. איך האָב דאָס געמוזט עסן און פאַרלירן דאָס באַוואוסטזיין. כ'האָב נישט געוואוסט,

וואָס עס טוט זיך מיט מיר. צומאָרגנס האָב איך געהאַט הויכע טעמפּעראַטור, איך בין פינף וואָכן געלעגן שווער קראַנק און גערעדט פון היץ. מיין מאַן איז געווען אַן אַרבעטער אויף די באַנוולפעלדער. נאָכדעם ווי ס'זענען אַריבער זעקס חדשים נאָך אונזער חתונה, איז ער אַוועקגעגאַנגען קיין טאַשקענט זוכן אַרבעט. דאָרט איז ער געשטאָרבן פון אַ לונגען-אָנצינדונג. און ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין ברודער, וואָס זאָל מיך ירשענען, בין איך ווידער אַהיימגעגאַנגען צו מיין טאַטן אין הויז אַריין, געזעסן מיט אים אַנדערהאַלבן יאָר און געהאָפטן היטלען.

אַ געוויסן אָוונט איז צו אונז געקומען מיין מוטערס ברודער, זייער אויפגערעגט; ער האָט געהערט, אַז אין שכנותדיקן דאָרף האָבן די באַשמאַקעס פאַרכאַפּט אַלע פרויען און מיידלעך, און היינט ווילן זיי באַפאַלן אונזער דאָרף. איך און מיינע צוויי קוזינקעס, אָבידאַבי און סאָבירא, האָבן זיך איבערגעטון פאַר אַלטע פרויען און מיר זענען, צוזאַמען מיט מיין פעטער אַנטלאָפן צופוס אין די בערג אַריין. אין צוויי טעג אַרום זענען מיר געווען אין קאָקאַנדע. דאָרט האָט אונז דער פעטער איבערגעגעבן דעם „אישאַן", דעם כוה-בעל-מופת, זאָגנדיק אים: „דאָס פלייש איז אייער, די ביינער זענען אונזערע". דאָס האָט באַטייט: טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט, ווען זיי וועלן שטאַרבן, וועלן מיר זיי באַגראָבן.

דער פעטער האָט זיך מיט אונז געזעגנט און מיר זענען געבליבן אין אישאַן ראַכמאַטולאַהאַס הויז אַלס דינסטן. ער האָט געהאַט פיר ווייבער און איין אַלטע דינסט, וואָס האָבן אונז אונטערגעטריבן. אַ גאַנצן טאָג זענען אין הויז געזעסן די מורידן, דעם פריסטערס געהילפן, אָדער ס'זענען געקומען צו ראַכמאַטולאַן געסט נאָך אַן עצה און אים געברענגט מתנות. מיר האָבן כסדר געמוזט שניידן ציבעלעס צום פּילאַוו, קאָכן טיי אָדער וואַשן די כלים. פינף חדשים זענען מיר געשלאָפן און האָבן געאַרבעט אין דעם אָנטועכץ פון אַלטע פרויען, אַזוי ווי מיר זענען געקומען, מיר האָבן נישט געקריגן קיין שום באַלוינונג, בלויז די רעשטלעך פון אָוונט-ברויט, אָפּטמאָל נאָר טיי מיט ברויט

יעדן טאָג איז געקומען דער מוריד האַקים סאַיִד, אַ לאָמער אַלטיטשקער, וועלכן מיר האָבן פיינט געהאַט. דעם שד האָט דער אישאַן אַוועקגעגעבן אָבידאַבי, די עלטערע פון מיינע צוויי קוזינקעס פאַר אַ ווייב, כאָטש האַקים סאַיִד האָט שוין געהאַט צוו ווייבער אין דער היים.

אויף דער חתונה איז געקומען מיין פעטער. ער האָט מיר געבּרענגט די ידיעה, אַז מיין טאַטע לעבט שוין נישט מער. די באַשמאַקן האָבן אים דערהרגעט, ווייל זיי זענען געווען אין דער מיינונג, אַז ער האָט מיך באַהאַלטן פאַר זיי. מען האָט אים אין מיין מאַמעס אויגן צעהאַקט דעם קאָפּ מיט שווערדן.

דער פעטער האָט מיר געזאָגט: „אויב ס׳וועט עמעצער קומען צו אונז, דיך נעמען פאַר אַ ווייב, וועלן מיר דיך צום צווייטן מאָל חתונה מאַכן, אויב ער וועט דיך קאָנען אויסקויפן פון הייליקן אישאַן. אין דער היים איז נישטאָ קיין איבעריק עסן". איך האָב אים דעמאָלט געבעטן, ער זאָל מיר כאָטש שיקן מיין קלייד, און ער האָט מיר צוגעזאָגט דאָס צו טון.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אָבידאַבּיס חתונה איז קראַנק געוואָרן דעם אישאַן ראַכמאַטולאַס ייִנגערע ווייב; זי האָט געשפּיגן מיט בלוט. מען האָט גערופן דעם זנאַכאָר, און ער האָט געהייסן די קראַנקע עסן אַ גאַנצע וואָך אַ זופּ פון זשאַבעס.

די אַלטע דינסט האָט גענומען אַ צווענגל מיט אַ זעקעלע און געגאַנגען מיט מיר צום זומפּ כאַפּן זשאַבעס.

זי האָט עטלעכע מאָל געפּרוווט אַריינפּאַקן אַ זשאַבע אין זעקעלע, נאָר די זשאַבע איז כסדר אַרויסגעשפּרונגען. ווען זי האָט מיר געגעבן דאָס צווענגל, איז אונז געלונגען צו כאַפּן צוויי זשאַבעס און אין זעקל זיי אַהיימצוברענגען.

צומאָרגנס האָט מען געשיקט מיך אַליין. איך האָב שוין געהאַט געכאַפּט איין זשאַבע, ווען איך האָב פּלוצלינג דערהערט מוזיק. איך בין אַ לויף געטון אויף דער הויפּט-גאַס און דערזען אַזוינס, וואָס איך האָב קיינמאָל אין לעבן נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך: אַ לאַנגער צוג פון פרויען, וואָס האָבן נאָכמאַרשירט אַן

אָרקעסטער און געזונגען. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט אָפּגעדעקטע פּנימער. אויף דער גאַס. צוויי פרויען האָבן געטראָגן שטעקנס, צווישן וועלכע ס'איז געהאָנגען אַ רויטע פלאַכטע מיט עפּעס אַן אויפשריפט. טייל האָבן עפּעס אויסגעשריגן, איך בין זיי נאָכגעגאַנגען, כדי צו הערן, וואָס זיי שרייען. ענדלעך האָב איך פאַרשטאַנען: יאַשאַסון כאָטונלאַר אָסאָדלערי — זאָל לעבן די באַפרייאונג פון דער פרוי!

איך בין זיי נאָכגעגאַנגען, מיט דער זשאַבע אין זעקל און צווענגל אין דער האַנט. מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ הויף, וואו ס'זענען געשטאַנען טישן מיט טיי, געבעקטס און עפּל. איך האָב נישט געוואַגט זיך אַוועקצוזעצן מיט זיי. עפּעס אַ פרוי — ווי איך בין שפּעטער געוואויר געוואָרן, האָט זי געהייסן איבראַהימאַ — איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע, געהאַלטן אַ רעדע, דערציילט וועגן אונזער לעבן און געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אומרעכט, וואָס די מענער מעגן שלאָגן די ווייבער, וואָס די פרויען טאָרן זיך נישט לערנען און מוזן דאָס גאַנצע לעבן גיין מיט פאַרהאָנגענע פּנימער. „היינט איז דער אַכטער מערץ, דער טאָג פון די פרויען. אין דעם טאָג דאַרף אַלע פרויען אויפמערקזאַם געמאַכט ווערן, אַז זיי זענען פונקט אַזעלכע מענטשן ווי די מענער”.

איך בין שטיין געבליבן אַ דערשטוינטע. עס וואָלט זייער שיין געווען, ווען די פרויען זאָלן זיין אַזוי פריי ווי די מענער, אָבער צי האָט דאָס אַללאַ נישט פאַרווערט? אַלץ, וואָס די פרויען האָבן גערעדט, איז געווען זינד. בלויז זינד! מען וועט זיכער פאַרשטיינען די פרוי, ווי נאָר זי וועט אויפהערן רעדן. אָבער אַלע האָבן בלויז געשריגן: „יאַשאַסון כאָטונלאַר אָסאָדלערי”, און טייל האָבן אַראָפּגעוואָרפן די שלייערן.

איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע. די איבראַהימאַ האָט מיך פאַרבעטן צו זעצן זיך. „איך האָב מורא — האָב איך געענטפערט — איך וואוין ביי אַ געוויסן אישאַן. ווען ער וועט געוואויר ווערן, וואָס איך האָב מיך דאָ צוגעהערט, וועט ער מיך דערהרגענען”.

— דער אישאַן איז דיין מאַן ?

— ניין, איך דין ביי אים.

די איבראַהימאַ האָט מיך געפרעגט צי איך האָב אַ מאַן און וואו מיין פאָטער איז, און איך האָב איר געענטפערט, אַז איך בין אַן אלמנה און מיין פאָטער לעבט שוין נישט.

— צי וואָלסטו דיך געוואָלט לערנען ?

— לערנען זיך? איך בין דאָך אַ פרוי!

דעמאָלט האָט זי מיר אויפגעקלערט, אַז דער עמיר הערשט שוין נישט, אַז קיין שום מענטש טאָר שוין נישט האָבן קיין מאַכט איבערן צווייטן, אַפילו אַ בעי, אַלע מענטשן דאַרפן זיך לערנען, אויך די פרויען.

אַזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהערט, און איך האָב איר געזאָגט:

— כ׳וואָלט מיך גערן געוואָלט עפּעס לערנען. נעמט מיך צו זיך, איך וועל שוין קיינמאָל נישט צוריקגיין צום אישאַן, אויב איר וועט מיך צונעמען.

— גוט. נאָר טרינק פריער אויס דיין טיי.

איך האָב אַראָפּגענומען דעם שלייער און אים אַוועקגעלייגט לינקס לעבן זיך, רעכטס — דאָס צווענגל מיטן זעקעלע, אין וועלכן די זשאַבע האָט זיך באַוועגט. איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט מיר צונעמען דעם שלייער אָדער די זשאַבע וועט אַרויס־שפּרינגען פון זעקעלע און אַלע וועלן מיך אויסלאַכן. איך האָב מיך שרעקלעך געשעמט צוליב דער זשאַבע.

נאָכן אויסטרינקען די טיי האָב איך ווידער אָנגעטון דעם שלייער, גענומען מיינע זאַכן און געגאַנגען מיט דער איבראַהימאַ; אויפן וועג האָב איך אַוועקגעוואָרפן דאָס צווענגל מיט דער זשאַבע.

מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ גרויס הויז. דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיוו הויז פאַר שילערינס. די איבראַהימאַ האָט מיך פאָר־געשטעלט פאַר עפּעס אַ פרוי און זיך געזעגנט מיט מיר. ענדלעך, ענדלעך האָב איך געקריגן אַ ניי קלייד און די פרוי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ באָד־צימער. איך האָב ביז דעמאָלט נאָך נישט

געהאַט געזען קיין וואַננע. לכתּחילה האָב איך מורא געהאַט אַריינ־צוגיין אין איר, שפּעטער אָבער וואָלט איך גערן געווען אין איר געבליבן. דערנאָך בין איך אַרונטערגעגאַנגען אונטערן שפּריצער.

אין שלאָפצימער האָבן געוואוינט עלף יונגע פרויען. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך מיך געלייגט אין אַ בעט אַריין, ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך בין אין ד י אַ מ אַ ט ב י ב י ש י — אין גן־עדן.

צומאָרגנס אינדערפרי בין איך אַריינגעגאַנגען אין שול־צי־מער, זיך אָנגעהויבן לערנען אַלף־בית. אַנדערע האָבן שוין גע־קענט אַ סך אותיות און ציפערן, איך האָב זיי שטאַרק באַוואונ־דערט, נאָר איך האָב מיך אויך גאַנץ שנעל אויסגעלערנט שרייבן, לייענען און רעכענען.

ווען איך פלעג אַרויסגיין, האָב איך געטראָגן דעם שלייער. מיינע חברטעס האָבן מיר געראַטן דעם טשאַרטשאַף איבערצולאָזן אין דער היים, נאָר איך האָב געענטפערט, אַז עס קאָן מיך נאָך עמעצער פון אישאַנס הויז דערקענען און מיך אָפּנעמען.

ווען איך בין שוין געווען אין שול ניין חדשים, האָט מיך דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטער געפרעגט, צי מיין מאַמע ווייסט, אַז איך געפין מיך דאָ. „איך מיין, אַז זי ווייסט״ — ווייל איך בין געווען איבערצייגט, אַז דער אישאַן האָט זיך אויפגעקלערט מיין אַנטלויפן דורך דער דעמאָנסטראַציע אין פרויען־טאָג. דער אישאַן ראַכמאַטולאַ האָט דאָך געשמט פאַרן קלוגסטן מענטש אין גאַנצן קרייז פון קאָקאַנדע.

— איך וועל שרייבן דיין מאַמען, אַז דו געפינסט דיך דאָ!

איך האָב מורא געהאַט, אַז מיין מאַמע וועט מיך ווידער אַוועקגעבן דעם אישאַן, דער פעטער האָט דאָך געזאָגט: „דאָס פלייש איז אייער, די ביינער אונזערע״. האָב איך געבעטן דעם פאַרוואַלטער, ער זאָל דער מאַמען נישט שרייבן. ער האָט בלויז געענטפערט: „איך וועל אָן אַ סיבה נישט שרייבן״.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען איך בין געווען דיזשורנע און

צוגערוימט דאָס שלאָפצימער, האָב איך געזען שטיין אין דער טיר און קוקן אויף מיר עפעס אַ פרוי מיט אַ פאַרהאָנגען פנים.

— האָב נישט קיין מורא, האָב נישט קיין מורא — האָב איך שמייכלענדיק אַ זאָג געטון, — מעגסט אַריינגיין, דאָ זענען נישטאָ קיין מענער.

די פרעמדע פרוי האָט זיך שטייף דערנענטערט צו מיר, אַזוי אַז איך האָב מיך איבערגעשראָקן. דער שוואַרצער שלייער האָט שוין באַרירט מיין פנים, ווען די פרוי האָט אויסגעשריגן:

— כאַסיאַד!

דאָס איז געווען מיין מאַמע. לכתחילה האָט זי גאָרנישט געקאָנט רעדן, זי האָט מיך בלויז אָנגערירט. דערנאָך האָט זי מיך צוגעצויגן צו זיך, געקושט און געוויינט, געוויינט. דאָ איז אויך אַריינגעקומען מיין פעטער און אויך אַ צעטומלטער געקוקט אויף מיר.

ביסלעכווייז בין איך געוואויר געוואָרן, פאַרוואָס זיי זענען געווען אַזוי גערירט; דער פעטער האָט באַלד נאָך זיין טאָכטערס חתונה זיך אומגעקערט קיין קאָקאַנדע, כדי מיר צו ברענגען דאָס קלייד, ווי ער האָט מיר צוגעזאָגט. אין אישאַנס הויז איז ער געוואויר געוואָרן, אַז מען האָט מיך דערהרגעט. ווען איך בין נישט צוריקגעקומען אַהיים פון דעם גייעג אויף די זשאַבעס, האָט דער אישאַן גערופן אַ טרעפערין, וועלכע האָט געזאָלט אויפקלערן, וואו איך געפין מיך. די אַלטע האָט אַריינגעוואָרפן אַ הויפן באַנוול אין קאָכעדיק וואַסער און אָנגעהויבן דערציילן, וואָס זי זעט: „אויפן ברעג פון עפעס אַ קאַנאַל פאַלט אויף מיר אָן אַ באַשמאַק — ער כאַפט מיך אַרויף אויפן פערד און אַנטלויפט מיט מיר. דערנאָך זעט זי ווי ער שלעפט מיך אין קוסטעס אַריין. פלוצלינג האָט די טרעפערין אויסגעשריגן: „אַצינד האָט איר ליכט זיך שוין פאַרלאָשן!" מיט דער ידיעה וועגן מיין טויט איז דער פעטער אַהיימגעקומען און די מאַמע האָט מיך לאַנג באַוויינט...

מיט דריי טעג צוריק איז אָנגעקומען פון דער שול די ידיעה, אַז איך געפין מיך דאָ און אַז די מאַמע קאָן קומען קיין קאָקאַנ־

דע. אין דער העכסטער שפּאַנונג האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט מיט איר ברודער אין וועג אַריין, כּדי געוואויר צו ווערן, וואָס די ידיעה האָט צו באַטייטן.

נישט געקוקט אויף דער גרויסער פרייד, וואָס זי האָט מיך געטראָפן אַ לעבעדיקע, האָט זי מיר דאָך געמאַכט פאָרוואורפן: — „פאַרוואָס טראָגסטו נישט דעם טשאַרטשאַף? ווער האָט דיך אָנגערעדט צו אַזאַ גרויסער זינד? שלעכטע מענטשן האָבן אַן איינפלוס אויף דיר”.

איך האָב געשוואוירן, אַז איך גיי אָן שלייער נאָר אין שטוב און אין שול, אַז איך בין נאָך קיינמאָל אָן שלייער נישט געווען אויף דער גאַס, אָבער אויך דאָס האָט די מאַמע געהאַלטן פאַר אַ זינד און אומפאַרשעמטקייט, ווייל ס׳האָט דאָך לייכט געקאָנט דורכגיין עפּעס אַ מאַנסביל און מיך דערזען!

אין אָוונט האָט אונז פאַרבעטן צו זיך דער פאַרוואַלטער, איך בין געווען אָנגעטון אין שלייער, כאָטש ער פלעגט מיך תּמיד זען אָן שלייער, און זיין ווייב און די שוועסטער זענען אויך געזעסן לעבן אונז מיט נישט פאַרהאָנגענע פּנימער. ער האָט שטיל גערעדט מיט מיין פעטער און מיט דער מוטער, דערנאָך האָבן זיי מיך אַריינגערופן און איך בין געוואויר געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט אַהיימגעשריבן. דער לערער האָט געוואָלט בעטן ביי דער מאַמען מיין האַנט. ניין — האָב איך געענטפערט, — איך וויל דאָ בלייבן און זיך ווייטער לערנען. — מען האָט געהייסן אַריינרופן דעם לערער; ער איז געקומען און מסכּים געווען, אַז איך וועל אויך אַלס זיין ווייב ווייטער גיין אין שול אַריין.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר חתונה געהאַט. דאָס איז געווען אַן אַנדערע חתונה ווי מיין ערשטע. מיר זענען פּשוט אַריינגעגאַנגען אין ס אַ ג, אין סאָוויעטישן ציוויל־אַמט, און געהייסן זיך פאַרשרייבן אַלס מאַן און ווייב. די באַאַמטין איז געווען נישט קיין אַנדערע ווי איבראַהימאַ. זי איז געווען גליקלעך, וואָס איך בין געבליבן אין שול, און נאָכמער ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך לערן מיך גערן.

ביז יאָר *1922* בין איך געבליבן אין שול, דערנאָך איז אונז דערלויבט געוואָרן מיר און מיין מאַן, אַריינצוטרעטן אין „ראַבפאַק" אין טאַשקענט (אַרבעטער־פאַקולטעט, וואָס גרייט צו צום אוניווערסיטעט).

אַלס סטודענטין און ווייב פון אַ יונגן קאָמוניסט, האָב איך נישט געקאָנט אַרויסגיין אין אַ שלייער. אַך, איך קאָן גאָרנישט אויסדריקן ווי אַזוי איך האָב מיך געפילט, ווען איך בין געגאַנגען אין די ערשטע טעג איבער דער גאַס אָן אַ שלייער. איך האָב מיך אָנגעהאַלטן אין מיין מאַן, אַזוי, אַז מיין פנים איז כמעט געווען צוגעדריקט צו זיין אַקסל, און געוואָרפן בליקן, צי די דורכגייער פאַרהאַלטן זיך נישט און לאַכן נישט.

איר מוזט געדענקען, אַז אַ פרוי האָט בלויז געמעגט אויפדעקן דאָס פנים און די הענט פאַר איר פאָטער און זון, דאָס פנים האָט מען אויך געמעגט ווייזן פאַר די אייגענע ברידער און דער מוטערס עלטערע ברידער. איך דערמאַן מיך, אַז אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר און מען האָט מיר נאָרוואָס אָנגעטון אַ שלייער, האָט די מאַמע געזאָגט צו מיר: „מיריסמאָן איז היינט פון דיר אָפּגעשניטן געוואָרן!" מיריסמאָן איז געווען אַ שכנס אַ יינגל, איך האָב אים געלערנט גיין, ווען איך אַליין בין אַלט געווען דריי אָדער פיר יאָר, כמעט פון געבוירן אָן האָב איך מיך געשפילט מיט אים. מיין מאַמעס אויפקלערונג האָט באַדייט, אַז פון דעם מאָמענט אָן טאָר ער נישט זען מיין פנים.

„עס איז אַ חרפה און אַ בושה פאַר דער גאַנצער משפחה, ווען אַ מאַנסביל הערט ווי אַ פרוי הוסט, אָדער אַ פרעמדער מאַנסביל זעט אַ פרויס אַ האַנט." אַזוי האָט אָפט געפרעדיקט דער פריסטער, איך ווייס דאָס, ווייל יעדעס מאָל נאָכן אומקערן זיך פון מעטשעט פלעגט דער טאַטע אַריינקומען צו אונז אין דער אישקאַראַ און איבערחזרן דעם זאַץ, וועלכן דער מוללאַ האָט געלייענט פון קטאַבו. אַ מיידל, וואָס האָט זיך אומגעקוקט אויף אַ מאַנסביל, איז געהאַלטן געוואָרן פאַר אַ שאַנד־פרוי.

איך האָב דאָס דערציילט בלויז, כּדי איר זאָלט פֿאַרשטיין, וואָס עס האָט באַדייט פֿאַר מיר צו גיין אין טאַשקענט אויף דער גאַס אָן אַ שלייער און אומקוקן זיך, צי עס מאַכט נישט קיינער חוזק פֿון מיר.

אין יאָר *1923* בין איך אַריינגעטרעטן אין יוגנט־פֿאַריין. נאָכן פֿאַרענדיקן דעם ראַבפֿאַק, בין איך אַריינגעטרעטן אין אוניווערסיטעט, שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, די געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציע און אַנדערע קרובהשע וויסנשאַפֿטן. די רוסישע שפּראַך האָב איך מיך אויסגעלערנט שוין אין אַרבעטער־פֿאַקולטעט.

פֿינף יאָר בין איך געווען אין טאַשקענט, געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי און פֿאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט־שטודיום. מיין מאַן האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אַ יאָר פֿאַר מיר און איז געווען טעטיק אין קאַגאַן אין בוכאַרע, וואוהין אויך איך בין געפֿאָרן. איך בין דאָרט געווען די פּאָליטישע לייטערין פֿון פֿרויען־פֿאַריין, וואָס זיינע מיטגלידער זענען געווען אַרבעטערינס, באַשעפֿטיקטע ביים קולטיווירן זייד־ווערים.

פֿון קאַגאַן בין איך אַריינגעטרעטן אין דער פֿרויען־סעקציע אין סטאַלינאַבאַד, וואָס האָט דעמאָלט נאָך געהייסן דיושאַמבע, באַלד דערנאָך בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס געהילף־פּאָרזיצערין פֿון שטאָטראַט. דאָס איז געווען די צייט פֿון בויען. עס זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן הונדערטער נייע הייזער, עס איז אויסגעבויט געוואָרן די ערשטע באַן, אַלץ האָט געמוזט אָרגאַניזירט ווערן. איך בין אָפֿט גאַנצע טעג נישט געווען אין דער היים.

מיט מיין מאַן האָט געאַרבעט אין זעלבן אַמט אַ געוויסע רוסין, און ביידע האָבן זיך פֿאַרליבט; פֿון איין דינסט־רייזע קיין טאַשקענט האָט ער מיר אָנגעשריבן, אַז ער איז דאָרט געווען אין סאַג און געמאָלדן, אַז ער צעשיידט זיך מיט מיר. ער האָט מיר געשריבן, אַז ער איז נישט דרייסט געווען מיר מודיע צו זיין וועגן זיין באַשלוס, געבעטן, איך זאָל אים מוחל זיין. די צעשיידונג איז פֿאַר מיר געווען אַ שווערער קלאַפּ, אָבער די אַרבעט האָט מיר

לגמרי נישט איבערגעלאָזט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט מיין ווייטיק.

אין יאָר *1929* בין איך געקומען קיין גאַרם, כדי צו אָרגאַניזירן דעם קרייז־טאָג פון די פרויען־דעלעגאַטן; די פרויען זענען דאָ געווען פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך זייער הינטערשטעליק. דאָס טריקענען דאָס קעמל־מיסט אויף הייץ־מאַטעריאַל איז געווען זייער איינציקע באַשעפטיקונג; עס זענען נאָך פאָרגעקומען פריצייטיקע חתונות, צווישן קינדער, ממילא אַ סך אַבאָרטן, דאָס חתונה האָבן עטלעכע מאָל — אַ רעגולערע זאַך, מאַנגל אין היגיענע, מאַנגל אין קולטור, כמעט הונדערטפּראָצענטיקער אַנאַלפאַבעטיזם. איך האָב פאַרגעלייגט דער פאַרטיי, מיך דאָ איבערצולאָזן ביז די לאַגע וועט זיך דאָ ענדערן, און אַזוי בין איך דאָ געבליבן.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב צו דערציילן וועגן מיין לעבן. אַהאַ, אמת, מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז אַהערגעשיקט געוואָרן קיין גאַרם ראַפי אַמאַן, אַלס סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט, דער יונגערמאַן, וואָס גייט דאָ ווידער אַריין זיך פרעגן, צי איך האָב שוין געענדיקט מיין געשיכטע. וועגן דיר האָב איך שיער פאַרגעסן! נו, און מיר האָבן חתונה געהאַט, און איך האָב אים זייער ליב, כאָטש ער איז דאָס נישט ווערט...

איר וואָלט נאָך געוואָלט וויסן, וואָס עס איז געוואָרן מיט די אַנדערע מענטשן, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט? אישאַן ראַכמאַטולאַ איז געבליבן אין קאָקאַנדע, זיינע צוויי ווייבער זענען געשטאָרבן, אָבער די, פאַר וועלכער איך האָב נישט געברענגט די זשאַבעס, לעבט נאָך. עס גייט אים שלעכט, עס קומען שוין נישט צו אים קיין מענטשן, ער זאָל זיי העלפן דורך מופתים. זיין מוריד, האַקים סאַיִד, דער קריפּלהאַפטער אַלטער, וועלכן מיר האָבן נישט געקאָנט ליידן און וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט מיין קוזינקע אָבידאַבי, איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, און אָבידאַבי האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. די צווייטע קוזינקע, סאָבירא, איז צוריקגעקומען קיין טשוסטפּאַפּ, זי איז אַ טראַקטאָר־שאָפערין, און איר מאַן — אויך אַ טראַקטאָר־שאָפער. מיין ברודער איז אַ רויטער

דירעקטאָר אין אַ ברויט־פאַבריק אין פערגאַן, מיין שוועסטער אַר־בעט אין אַ סאַמאַרקאַנדער שפּינעריי. מיין מאַמע איז פּאָרזיצערין פון אַ קאָלעקטיווער ווירטשאַפט פון גרינוואַרג, וואָס האָט 40 מיטגלידער. זי האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן און שרייבט צו מיר לאַנגע בריוו — אָבער ס'איז זיי נישט גרינג צו לייענען.

צי זי טראָגט נאָך דעם שלייער? שוין זעקס יאָר נישט.

סוף.

א מתנה פאַר אונזערע לייענער!

חשובע פריינט,

מיר עפענען אַ וועט־לויף פון אַבאָנענטן־זאַמלער פאַר ד „יידישער אוניווערסאַל־ביבליאָטעק״ מיט רייכע ביכער־פּרעמיע

יעדער לייענער, וואָס וועט זאַמלען פאַר אונז 20 אַ נענטן און איבערווייזן דעם סכום פון זייער באַטרעף אויף אונ קאָנטאָ, וועט גלייך באַקומען אַריינגעשיקט דאָס גרויסע ווי „קלים סאַמגין״, אַלע פיר בענדער, אינגאַנצן בחינם, צאָלנ בלויז פאַר פּאָרטאָ.

יעדער לייענער, וואָס וועט זאַמלען בלויז פינף אַבאָנע האָט דאָס רעכט אויף איין באַנד פון די אויסגערעכנטע ווע לויט אייגענעם אויסוואַל. נאָכן דערהאַלטן דעם איינגעצאָ סכום, וועט דאָס ווערק גלייך אַרויסגעשיקט ווערן אינגאַנצן בד ביים אָפּצאָל בלויז פאַר פּאָרטאָ.

יעדערע פינף אַבאָנענטן גיבן, אַלזאָ, דאָס רעכט אויף באַנד.

דערביי באַמערקן מיר, אַז יעדער פון די געזאַמלטע אַ נענטן באַקומט זיין באַרמאַלע פּרעמיע, וואָס באַשטייט פון איי פון די פאָלגנדע דריי ווערק: מ. גאָרקי — זכרונות; ל. פראַנ דער מענטש איז גוט; דיהאַמעל — דאָס לעבן פון מאַרטירער

די „יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק״ ווענדט זיך צו ז טויזנטער פריינט־לייענער מיט דעם וואַרימען אַפּעל, אַז אונטערנעמונג, וואָס ווערט דורכגעפירט נישט צוליב פּראָפיט, לטובת דער יידישער ליטעראַטור און יידישן לייענער, זאָל ז גענומען ווערן מיט דעם געהעריקן אינטערעס.

גלייך נאָכן אָפּשליסן די געזאַמלטע פופצנהונדערט אַבאָנענטן, וועלן מיר אונזער פאַרביליקונג דורכפירן.

„יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק״.

Free Public Library, Newark, N. J.